STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05891

DI YIDN FUN DI LEYMENE HEYZLEKH

Mosheh Efrati

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

משה אפרתי
(מ. סמבטיון)

די יידן פון די ליימענע הייזלעך

(שוכני בתי חומר)

צווייטע אויפלאַגע

נאָוועלן

DENVER PUBLIC LIBRARY
AUG 1972
CITY & COUNTY OF DENVER
NO LONGER PROPERTY OF DPL

פארלאג „מפרץ" * תל־אביב
תשכ"ה — 1965

אין דער ערשטער אויפלאַגע האָט דאָס דאָזיקע בוך געטראָגן דעם נאָמען „פּרצופים און עובדות״

הילע געצייכנט פון ש. בן־דור

©

נאָכדרוק אַפילו טיילווייז פאַרווערט

דפוס „אורלי״, רח׳ יסוד המעלה 27, טלפון 32062

אינהאלט:

פּאָליש־יידן:

מנצח געווען אַ דם־שונא 11

אַ יידישע נקמה 53

אַ מפונק 75

תבל ויושבי בה:

ס'איז גאָר נישטאָ „צו שפּעט" 97

די סטיכיע פון געזאַנג 147

זה לעומת זה:

אַ חסיד צו אַ חסיד איז נישט גלייך 169

אַ מענטש און אַ מענטש 217

אנשי־מידות:

אַן איבערקערעניש 233

לחם־משנה 259

אַ סנאָפּ פונקען:

די סימפאָניע פון חפזון 309

„דער רבי האָט געהייסן פריילעך זיין" . . 333

אשא עיני אל ההרים 347

אַ בליק אין אין־סוף 385

טיף איז די נשמה פון אַ יידיש קינד 399

פּאָליש-יידן

מנצח געווען א דם-שונא

וואָלאָדאַרקע איז טאַקע — ווי די לצני־הדור האָבן געזאָגט אויף דעם — געווען די גרייס ווי אַ גענעץ, אָבער נישט ווי אַ יידיש גענעצל, נאָר ווי אַ גענעץ פון אַ גרויסן גראָבן גוי, ווען ער פרעסט זיך אָן מיט קנישעס, זשליאָקעט זיך אָן מיט מעד און דער „פּוף" כאַפּט אים אָן פאַרן קאַרק. למען האמת מוז געזאָגט ווערן, אַז כאָטש דאָס דאָזיקע וואָלאָדאַרקע האָט מער נישט פאַרמאָגט פון אַ פּאָר הונדערט יידישע משפחות, פון דעסט וועגן האָט זיך עס מיט גאָרנישט נישט געהאַט צו שעמען קעגן אַזוינע גרויסע כרכים, ווי שוואַרץ־טומאה, טאַלנע, אומאַן און אפילו... און אפילו ווייסט איר קעגן וועמען? — קעגן בערדיטשעוו עיר־הקודש!

אַ מלך פון אַ גרויסער מדינה איז אַ גרויסער מלך; אַ מלך פון אַ קליינער מדינה איז אַ קליינער מלך; אָבער דער נאָמען, דער טיטול בלייבט פּאָר זיי ביידע גלייך איינער און דער זעלבער — מלך! וואָלאָדאַרקע מיט איר קהילה־קדושה איז געווען בחינת: מלך בכיפה. עס האָט דאָרט פון יידישקייט נישט געפעלט קיין האָר, פּונקט ווי אין די שענסטע שטעט פון דער מדינת רוסיא ופולין. ס'איז דאָרטן געווען אי אַ גרויסער בית־המדרש אפשר מיט הונדערט פלעצער חוץ ווייבערשע; אי אַ קאַלטע שול מיט אימה'דיקע ווענט, ווו מען האָט נישט אָנגעקלאַפּט קיין מזוזה, נישט געפּראַוועט קיין קידושים און בכלל געדאַוונט נאָר שבת אין דער פרי; אי אַ טאַלנער קלייזל, אי אַ סקווירער קלייזל און אַ חוץ אַ צו־להכעיס קלויז, — דאָס איז געווען אַ מין עיר מקלט פאַר אַלע ברוגז'ע און זיך־צע־פּאַטשטע. חוץ דעם איז געווען אַ באָד מיט עטלעכע מקוואות, אַן אַלטער בית־הקברות, אַ לעוואַדע אויף צו שניידן הושענות, אַ ווינטמיל אויף צו מאָלן די שמורה־מעל, אַ טייך אויף צו טובלען די כלים ערב־פּסח, אַ וואַלד אויף צו גיין ל"ג־בעומר שיסן פונעם פייל און בויגן, אַ פאַרוואָרלאָזטער סטעפּ הינטער דער שטאָט פון וואַנען צו רייסן „בודזיקעס" אויף צו וואַרפן תשעה־באב צו „איכה", אַ פאַרגרינטע אָזיערע פון וואַנען מען האָט געשניטן סכך צו דער סוכה און גרינס אויף שבועות, אָדער אויף אויסצושפּרייטן יום־כפור ביי נאַכט אין שול, אַז דער עולם זאָל נישט אַרומגיין מיט די שקאַרפּעטקעס אויפן פּאָל און זיך חס ושלום צוקילן און אַזוי יעדע מינדסטע זאַך, וואָס אַן עדה־קדושה דאַרף צו האָבן, האָט וואָלאָדאַרקע געהאַט.

בנוגע צו די משרתים-בקודש האָט אודאי און אודאי חלילה נישט אויסגעפעלט קיינער: פון אַ רב ביז אַ דיין, ביז אַ ראש-הקהל, ביז אַ פרנס, ביז צוויי שוחטים און צוויי קצבים און אַ סופר און אַ חברה-קדישה און אַ חברה-תהילים און אַ פּאָר עגונות און אפילו אַן אייגענער פרוש —

און אַ חוץ דעם אַלעמען איז וואָלאָדאַרקע נישט געווען עפּעס קיין פאַרוואָרפענער עק ערגעץ „הינטער די הרי חושך". וואָלאָדאַרקע — כאָטש זי איז געווען פונעם קאָפּ ביז די פיס איינגעטונקען אין וועלדער, פון דעסט וועגן איז זי געשטאַנען הארט ביים גרויסן טראַקט און האָט זיך געפונען בסך-הכל אַ קנאַפּע שעה פאַרעכטס פון אַ באַן-סטאַנציע און יידישע בעלי-עגלות פלעגן פאָרן צום „פייפער" אויף און אָפּ.

ס'איז געווען ענדע אב.

וואָלאָדאַרקע איז געשלאָפן מיט איר ביימאַגיקן, ליידיק-גייערישן שלאָף. די היץ האָט געטשמעליעט אין קאָפּ אַריין, ווי מיט אַן אַנגעגליטן אַראַפּניק. די עלנטע קליינטניקעס האָבן זיך באַהאַלטן פון דעם „הוציא חמה מנרתיקה" ווער אונטער דער „סטאַיקע", ווער סתם אין אַ ווינקל אויפן פּאָל און ווער מחילה אויף אַ טרעפּל פונעם קעלער מיט אַן איינגענעצטן האַנטעך אַרום שטערן.

אין בית-דין שטיבל איז געזעסן דער רב מיטן דיין. אויף זייערע לייבער זענען געהאַנגען די ברייטע ארבע-כנפות'ן דורכגעווייקטע פון שוויים. אויפן שמאָלן טישל, צווישן די צעעפנטע ספרים, איז געשטאַנען אַ האַלב פלעשל מיט יוירנדיקן עפּלקוואַס מיט צוויי פאַררויכערטע טעפּעלעך. די שמועסן צווישן זיי האָבן זיך אַלץ געקייטלט אַרום די קומענדיקע פאַרכטיקע טעג. הימים ממשמשים ובאים. אָט באַלד וועט מען שוין אָנהייבן בלאָזן שופר. היתקע שופר בעיר והעם לא יחרדו? און אַ בעל-שחרית אין בית-המדרש האָט מען שוין געדונגען און אַ בעל-מוסף האָט מען שוין אויך געדונגען. און מאחורי הפרגוד ווייסט מען שוין אפילו, ווער עס וועלן היי-יאָר זיין די „חתנים". נישט דער רב און נישט דער דיין זענען נישט פאַררעכנט צווישן די „חתנים". און וואָס איז דער הידוש? ביי אַזאַ רוצח אַ ראש-הקהל האָט דען געקענט זיין אַנדערש? און ווידער רעדט מען אין שטאָט, אַז נחמיה-בונם דער שוחט וועט היי-יאָר באַקומען אויף חנוכה דעם רעכטן „פך השמן" — אַ פלעשל שמן-זית פון ירושלים עיר-הקודש. אָבער אָט דער גראָבער נפש וועט דען עמעצן אָפּטרעטן אפילו איין פינגערהוט בוימל כאָטש אויף איין ליכטל? ווייס איך וואָס, געפּאַקט דאָס פּלאַץ. און אַ שטיקל אייז אום שבת וועט ער דיר יאָ געבן? און אַ

פלעדערוויש צו בדיקת־חמץ, כאַטש זיי וואַלגערן זיך ביי אים אויפן סמיטניק, וועט ער דיר יאָ געבן?

זייער שמועס איז איבערגעריסן געוואָרן פון אַ רעש גדול ונורא. דאָס גאַנצע הייזל האָט זיך אָנגעהויבן וויגן, ווי מען וואָלט אונטער דעם אונטער־געריקט רעסאָרן. אָבער דאָס איז חלילה נישט געווען קיין ערדציטערניש און דערפאַר זענען ביידע יידן געבליבן זיצן אויף זייערע ערטער, נישט מער זיי האָבן מתוך פזור־הדעת נאָכגעקוקט דעם בעל־עגלה, וואָס איז אָנגעקומען פונעם צוג. דער רב האָט אַ וואָרף געטון אין חלל אַריין פון דער בית־דין שטוב:

— דאָס האָט שוין געמוזט קומען דער געניידעם פונעם דבר־אחר... מען האָט אין דער פרי אין שול געשמועסט, אַז ער האָט געקלאַפּט אַ דעפּעש, אַז היינט פאַר נאַכט קומט ער אָן... אַ פיינער יונגערמאַן דאַכט זיך, אַ שטיקל בר־אורין אפילו און האָט זיך געלאָזט נעמען פון אַזאַ דבר־אחר —

— אַלץ הייסט אַ דבר־אחר... אַ דבר־אחר ביד חזקה, נישט קיין ראש־הקהל... אַ בזיון פאַר זיך און אַ חרפה פאַר לייטן וועמען מען האָט דאָ אַרויפגערוקט אויבנאָן.

אויף יענער זייט פענצטער האָט זיך באַוויזן דער פרוש און איז שטיין געבליבן. ער האָט אַ פנים געהאַט עפּעס צו פרעגן און האָט זיך געפּוילט אַריינצוגיין אינעווייניק. דער פרוש איז געווען אַ יונגערמאַן אין די פערציקער, די הלבשה קרועה־בלואה, דאָס פנים — אַ הימליש פנים מיט פאַרדביקה׳טע אויגן און אַ קול — וואָס ער האָט נישט געזאָגט, איז דאָס ביי אים אַרוים מיטן סקאַרבאָווע ניגון פון „ונתנה תוקף". דער רב האָט אַ ווונק געטון דעם דיין און יענער האָט געעפנט דאָס פענצטער:

— וואָס וועט איר עפּעס זאָגן, ר׳ פּיצי־גרשון?

— איך האָב אַ האַרבע קשיה —

— פאַרניצט זי געזונט —

— און איך וויל אויף איר אַ תירוץ... אָבער אַ תירוץ מספיק —

— קען מען דאָך דאַכט זיך אַריינגיין אינעווייניק, נישט שיסן דורכן פענצטער.

— עס טרעפט אַזוי אויך... כיצד? העני עומד בחוץ ובעל־הבית בפנים —

— וואָס זענט איר פאַר אַ עני און וואָס בין איך פאַר אַ בעל־הבית אַ נגיד?

— אודאי זענט איר בעלי־בתים נגידים קיין עין־הרע —
— מיט וואָס זשע, כדומה למשל?
— אַט שטייט ביי אייך אויפן טיש משקה און איר טרינקט נישט —
— איר ווילט אַ גלעזל זויערע קוואַסיצי? קומט אַריין און זייט זיך מכבד.

— ניין, אַריינגיין בין איך נישט קיין בעלן. איך האָב אַ האַרבע קשיא און זייער אַ קלוגע און עס שטייט בפירוש: חכמות בחוץ תרונה, ברחובות תתן קולה —

דער רב האָט זיך אויפגעהויבן פון זיין אַנלען־שטולעכל, ער האָט אָנגעגאָסן אין אַ טעפּעלע אַ ביסל בורטשענדיקן קוואַס און האָט דערלאַנגט דעם פּרוש. יענער האָט גיריק אויסגעזויגן די וואַרעמע פּליסיקייט ביזן דנאָ און האָט מיט כוונה געמאַכט אַ ברכה־אחרונה. דאַן האָט דער רב אים מיט אַ באַדויערנדיקער מינע געפרעגט:

— און איצט זאָגט, וואָס קוועטשט אייך דאָרט פאַר אַ קשיא?

דער פרוש האָט אַזש פאַרגלאַנצט מיט די אויגן:

— ס'איז זיכער אַ טיפע קשיא. ממש — עמוקה מני ים! אָבער הערט זיך איין מיט קאָפּ: אין איין אָרט זאָגן די תנאים: חיבה יתירה נודעת לו לאדם שנברא בצלם — איר הערט? חיבה יתירה! — און אין אַ צווייטן אָרט זאָגן די תנאים: טוב לו לאדם שלא נברא משנברא, — איר הערט ווערטער? איז דאָך די קשיא: ממה נפשך —

דער רב האָט אַ מידער געקוקט פאַרביי דער אויסגעדבּרטער פיגור פונעם סתם־מקשה. זיין גאָרנישט־זאָגנדיקער און גאָרנישט־מיינענדיקער בליק האָט שלאַבעריק זיך געגליטשט פון איין חפץ אויפן אַנדערן, וואָס די אויסגעשטאַרבענע שטאָט האָט געהאַט אַרויסצושטעלן „נאַ פאַקאַז". דערזעענדיק אין אַ זייטיק געסל שמולצי דעם שמאַטניק'ס צעפאָרן וועגעלע האָט ער זיך פּלוצלינג אין עפּעס דערמאָנט און האָט אַ פרעג געטון דעם פּרוש שלא מן הענין:

— ערשט נישט לאַנג איז דאָ דורכגעפאָרן אַ בעל־עגלה מיט אַזאַ האַרמידער, מיט אַזאַ נגידישער חוצפּה, אַז פון דער בית־דין שטוב איז שיער נישט פאַרבליבן בלויז אַ צורת־הפתח און פון אונדז ביידע דאָ איז שיער נישט געוואָרן קיין גל של עצמות. זאָגט מיר, דאָס איז צופעליק נישט געקומען אונזער קיעווער חתן הגביר?

— יאָ, ער איז געקומען. כ'האָב אים געזען קאָמאַנדעווען מיט גימפּל דעם בעל־עגלה: טראָג דאָס אַראָפּ, טראָג יענץ אַראָפּ און אַליין האָט ער

אויך געשלעפּט פון דער בויד פּעק מיט קלימקעס און האָט געטאַסקעט און געטאַסקעט ווי אַ רוח אַ מלמד —

— אַזוי פיל געפּעק האָט ער מיט זיך געבראַכט?

— ער האָט, ער האָט. אַזוי פיל בוטלען קוואַס אויף מיר געזאָגט געוואָרן, כאָטש ער איז ביי אייך אַזוי ביטער, אַז ער איז דאַכט זיך נישט ראוי לברכה... יאָ, וואָס זשע בלייבט מיט מיין אייזערנער קשיא?

— לאָזט מיך געמאַך, כ׳בעט אייך, מיט אייערע פריקרע קלאָץ־קשיות... איז זאָגט איר, אַז ער האָט געבראַכט מיט זיך פון קיעוו גאַנץ ביזת־מצרים, דעם נגיד׳ס תכשיט, האַ?

דעם פרוש׳ס אויגן האָבן געפינקלט מיט גרימצאָרן, פאַר וואָס מען באַציט זיך צו זיין „פּלפּול״ מתוך קלות־ראש. ער האָט אַ זעץ געטון מיט דער דלאָניע אין דער אָנגעגליטער ראַם פונעם פענצטער:

— ניין, רבי, אַזוי גייט עס נישט. אויב איר ענטפערט מיר נישט אויף מיין ווידעראַנאַנד, וועל איך שבת אויסרופן פון דער בימה, אַז דער מרא דאתרא אונדזערער, איז אפילו אַ גאַנץ גרויסער למדן, כבודו במקומו מונח, אָבער צו ענטפערן אויף מיינער אַ קשיא האָט ביי אים נישט געקלעקט קיין חריפות —

דער רב האָט זיך אַ מידער אָנגעשפּאַרט מיט ביידע הענט אויף דעם ביים פענצטער שטייענדיקן סטענדער און האָט מיט איינגעהאַלטענער צערייצטקייט געפרעגט דעם האַלב־משוגענעם בעל־דבר:

— און וואָס גייט עס אייך אַזוי אין לעבן צו וויסן דעם תירוץ דווקא איצט, גלייך אויפן אָרט?

דער פאַרמח׳טער בליק פונעם פרוש איז נאָך טיפער אַוועק אין די עולמות און פון דאָרטן האָט ער מיט אַ שטימע פון אַ טמיר ונעלם אַראָפּ־געפליסטערט:

— אַז איר זאָלט פרעגן אַזאַ זאַך, איז מיר אַ חידוש גדול ונורא! פאַרשטייט איר מיך רבי, דאָס איז אַ גרויסע נפקא־מינה להלכה...

דער קראַנקער בעל־מח האָט זיך אויף עטלעכע רגעים טיף־טיף פאַר־טיפט אין רעיונות, דאַן האָט ער אַ געשריי געטון מיט אַ שאגת־ארי:

— יאָ!! יאָ!! און נאָך אַ מאָל יאָ!!! לדינא איז דאָס אַ גרויסע, גרויסע נפקא־מינה און דעריבער מוז איך האָבן דעם תירוץ על אתר! ווי שטייט דאָרטן ביי חוני־המעגל: לא זז משם, עד... עד...

ער האָט אַריינגעשאַרט דעם שפּיץ פון דער באָרד צווישן די צעפּוילטע

צײנער זײנע און האָט אָנגעהויבן צו דרעליעווען מיטן פינגער אין דער לופטן:

— דער ווידעראַנאַנד איז דאָך אַ שטאַרקער ווידעראַנאַנד! וואָרעם ס'איז דאָך ממה נפשך: אויב דער מאַן דאמר, וואָס זאָגט „טוב לו שלא נברא" איז גערעכט, דאַן האָב איך גוט געטון, וואָס איך האָב ביי ציימנס איינגעצוימט מיין כח המוליד... צו וואָס אויפשטעלן אַ דור, ווי באַלד, אַז „טוב לו שלא נברא משנברא"? פאַרקערט, דאַן קומט מיר נאָך אַ יישר-כח, פאַר וואָס איך בין אַ מרבה טוב בעולם! אויב אָבער עס בלייבט, חס ושלום, אַז „חביב אדם", האָב איך דאָך פוגם געווען אין דער כוונה-עליונה און עס העגנט אויף מיר דער חטא פון מונע זיין זיך פון „קיום המין", דאַן איז דאָך ביטער, וואָס ביטערער קען גאָר נישט זיין —

דער רב, מיט אומגעדולד און מיט שפּאָט:

— נעמט זיך נישט צום האַרצן. עס הענגט אויף אייך נישט קיין שום חטא. אויף אַזעלכע תכשיטים ווי איר זענט, שטייט זיכער: טוב להם שלא נבראו —

און ער האָט האַסטיק צוגעמאַכט דאָס פענצטער פון דער בית-דין שטוב ביים פרוש אונטער דער נאָז. דער פרוש האָט זיך געלאָזט אַוועקגיין מיט אַ טיפן פאַראיבל:

— ...יאָ, אויב מען וועט מיך נאָר אַרויפלאָזן אויף דער בימה, דאַרף מען טאַקע שבת בלי-נדר מודיע זיין דעם עולם, אַז זיי זאָלן זיך ביי ציימנס צוזוכן אַ נייעם רב... אַז זייער רב קען אפילו אויף קיין פשוטער קשיא נישט ענטפערן... און בכלל — וואָס פאַר אַ רב איז דאָס? סוף אב איז היינו הך, וואָס אָנהייב אלול דאַרף אַ ייד וויינען און קלאָגן אויף זיינע עוונות און רעדן מיט אַ מענטשן מתוך שברון-לב און נאָר מכח תורה ומצוות און עבודת ד' און ער — וואָס? זיך אפשר צען מאָל צעפרעגט: וויפל קלימקעס און קאָרזינעס דעם ראש-הקהל'ס איידעם האָט געבראַכט מיט זיך... טאַקע אַזוי וועל איך זיי זאָגן, טאַקע כהאי לישנא:

— וואָס האָט אַ מרא-דאתרא זיך נאָכצופרעגן אויף יענעמס עסקים? פאַר וואָס ליגט ער נישט ערגעץ בפישוט ידים ורגלים און וויינט נישט בכל יום פעמים אויף חורבן ירושלים, אַז מען זאָל הערן זיין געיאָמער ביז קיין מצרים?

ביז דער עולם וועט זיך אָנהייבן קלייבן צו מנחה איז נאָך דאָ צייט און צייט און ער וועט נאָך אַליין באַווייזן אָפּצוזוכן אַ תירוץ אויף זיין האַרבער קשיא מכח דעם כח-המוליד און קיום-המין.

דער פרוש איז אַריינגעגאַנגען אין פינצטערן פּאָליש און האָט זיך אַ צעטראָגענער פון זיין סכסוך מיטן רב אָנגעהויבן אויפצוהייבן אויף די טרעפּ, וואָס פירן אין בית־המדרש אַריין. מיט אַ מאָל איז ער שטיין געבליבן אין דער פינצטער מיט אַן אָפן מויל און מיט פון דערשרעק ציטערנדיקע קניעס. צו זיינע אויערן האָט זיך דערטראָגן אַ פאַרשטיקט כליפּען. דאָס געוויין האָט זיך אים אַ טראָג־געטון אַקעגן אַזוי אומגעריכט, אַז ער איז שיער דערויף נישט אַרויפגעטראָטן; לכתחילה איז אים דורכגעפלויגן אַ חשד: אפשר אַ שד? אפשר אַ גלגול? אפשר האָט זיך אַראָפּגעכאַפּט אַ נפטר פונעם בית־עולם און ער וויינט עס אַזוי? ביי די מתים איז דאָך אויך ערב יום־הדין ככתוב, ווי אין פסוק שטייט —

נאָר גלייך האָט ער דערזען, אַז זיין סברא איז דאָס מאָל נישט קיין סברא. ווי נאָר דאָס אויג זיינס האָט זיך צוגעוווינט צו דער געדיכטער טונקלקייט, האָט ער גלייך דערזען ירוחם־שמערל דעם שמש זיצן אויף דער אייבערשטער טרעפּ און וויינען. אָבער אַזוי וויינען, אַז דאָס האַרץ קען צעגאַנגען ווערן ווי וואַקס. פּיצי־גרשון האָט זיך פאַרטייעט און האָט זיך באַמיט נישט צו אָטעמען. אין זיין ליידיקן מח האָבן זיך צעיאָגט ווינטעלעך אין אַלע זייטן:

— איך וועל זיי בפירוש זאָגן — אויב מען וועט מיך נאָר אַרויפלאָזן אויף דער בימה, — מען דאַרף דעם רב מעביר זיין און אויף דעם כסא־הרבנות אַוועקזעצן ירוחם־שמערל דעם שמש. אָט דאָס איז אַ מורה־הוראה! אָט דאָס איז איינער פון די פאַרכטיקע ל״ו נסתרים, זיצט זיך אין דער פינצטער און וויינט זיך אויף חורבן ירושלים, צי אויף די עוונות ופשעים... און אפשר גאָר האָט ער דאָ ערשט געהאַט גלוי־אליהו, אָדער עלית־נשמה? עפּעס אַ ווערטעלע אַ ייד, וואָס זיצט אין אַ בייטאָגיקער שעה איינער אַליין אויף אַן אייבערשטער טרעפּ פון אַ בית־המדרש און פאַרגיסט טרערן...

מיט אַ הייליקן ציטער, ווי עס פּאַסט צו האָבן פאַר אַ „נסתר", האָט דער פרוש הינטערוויילעכטס זיך אַרויסגעשלייכט פונעם טונקעלן פּאָליש, ווו מען פראוועט גאָר עלית־נשמה, ער האָט זיך מיט קעצישע טריט אַרויפגעכאַפּט אין דער ווייבערשער שול און פון דאָרט, פאַרפלעכטנדיק די סקעלעטישע הענט אַרום אַ זייל, האָט ער זיך אַראָפּגעלאָזט אין שול אַריין. אין שול, ווידער טאַקע כדי נישט מבלבל צו זיין דעם „באַהאַלטענעם לאַמעד־וואָווניק", איז ער אויף די שפּיץ־פינגער אַריינגעלאָפן אין חברה־

תהילים-חדרל און האָט זיך פון דאָרטן איינגעהערט אין דעם הייליקן געוויין פון דעם עלטסטן יידן פון דער שטאָט —

דער שמש האָט נאָך לאַנג און ביטער געוויינט, ווי עס פּאַסט פאַר אַ יידן, וואָס האָט גלוי-אליהו און עלית-נשמה און אַלע אַנדערע בחינות און מדרגות און ביים עולם גייט ער אָן פאַר אַ פּראָסטן חי וקים, ווי שמערעק-שמש. ווען שמערעק האָט שוין מער קיין כח נישט געהאַט צו וויינען, איז ער אַריינגעגאַנגען אין בית-המדרש אַריין, איז צוגעגאַנגען צום האַנטפּאַס און האָט זיך אויסגעוואַשן די פאַרוויינטע אויגן. זיך גוט אָרומ־געווישט דאָס פנים מיטן פאַרשמאַלצעוועטן האַנטעך, איז ער אַרויפ־געגאַנגען צום עמוד, האָט אַרויפגעלייגט די האַנט אויפן גרויסן עמוד־סידור, וואָס אַז מען עפנט אים אויף פאַרנעמט ער די גאַנצע ברייט און די גאַנצע לענג פונעם ברעטל, און האָט אים פּאַטערלעך און צערטלעך אַ גלעט געטון פון אויבן אַראָפּ און פון הינטן אַרויף. אַזוי גיט מען אַ גלעט אַ חולה-מסוכן פון וועלכן אַלע אַרומיקע האָבן זיך שוין מייאש געווען יאוש-גמור און נאָר איין גאָט אין הימל ברחמיו העצומים קען זיך נאָך מרחם זיין. נאָכן גלעטן האָט ער נאָך אַרויסגעלאָזט אַ טיפן, טיפן קרעכץ, ממש אַן אנחה המשברת חצי גופו של אדם און האָט מיט שלאַבעריקע טריט, — ווי עס טוען אַלע נסתרים מאז ומעולם — זיך אַרויסגעשלייכט פונעם בית-המדרש.

דער צום איבעריקן צעמישטער פרוש האָט פון זיין באַהעלטעניש נאָכגעשפּירט יעדע תנועה פונעם כלומרשטן שמש, ער האָט געזען זיין גלעטן דעם סידור; זיין אויער האָט פאַרנומען דעם שווערן קרעכץ פון די טיפענישן פון זיין נשמה און זיינע טויטע ליפּן האָבן געשעפּטשעט:

— רזין דרזין... אשרי עין ראתה כל אלה...

*

ר' ירוחם-שמערל דער שמש, אָדער ווי די גאַנצע שטאָט, אפילו די „נאַקעטע פּופּקעס" רופן אים — שמערעק, איז אליבא דכולא עלמא אַ טיפער זקן. מכח זיין זיקנה איז מען אין שטאָט אַ ביסל מחולק. טייל ווילן האָבן, אַז אָט דאָס הויקערדיקע יידעלע האָט שוין די מאה אין טאַש, נאָר אַזוי ווי דער שטייגער איז ביי מענטשן: אַז מען באַקומט די מאות, באַקומט מען די דעות, מאַכט ער מיט אַ שווייג, גלייך ווי נישט אים מיינט מען. אַנדערע ווידער האָבן געדרונגען, אַז מער פון תשעים קען ער נישט האָבן

און האָבן דאָס דערוויזן באותות ובמופתים מיט ראיות פונעם פנקס און פון אַלטע מצבות און דער עיקר — פון „איש מפי איש". און גאָר גרויסע אפיקורסים האָבן געזאָגט, אַז אָט די אַלע „געבעכטסן", וואָס דער עולם גיט אים, שמערעקן, הונדערט און נײַנציק איז שוא ושקר! דער שמש איז אַ בן שמונים שנה אַזוי ווי אַנדערע יידן אין שטאָט, אָדער אפשר, אפשר אַ קאַפּעטשקעלע עלטער, אָבער נישט מיט אַזעלכע משוגענע גוזמאות: הונדערט, זיבעצן הונדערט, זיבן און זיבעציק הונדערט —

קיצור הדבר: צי די זענען געווען גערעכט, צי יענע, — קיינער איז אויף זיין קריאת־שמע־לייענען נישט געווען און קיינער קען נישט גיין שווערן אויף זײַנע יאָרן: כך וכך און נישט כך וכך — אָבער על כל פנים איז לית מאן דפליג, אַז דער שמש איז אַ זקן מופלג און ס'איז נישט קיין מעשים בכל יום, אַז אַזאַ ייד זאָל זיך פלוצלינג פון דער העלער הויט זיך אַוועקזעצן וויינען. קוים אַזאַ ייד זעצט זיך אַוועק וויינען, מוז עפּעס זיין דברים בגו און כך הוא —

דער אַלטער ירוחם־שמערל האָט דאָס מאָל געהאַט די אמתע סיבה צו וויינען. זיין געוויין איז נישט געווען אומזיסט און וואָס ס'איז ערגער פון אַלץ, — פון זיין ביטער וויינען איז אים אפילו אויף אַ האָר נישט גרינגער געוואָרן אויפן האַרצן —

צוריק מיט מער ווי אַ שאָק יאָרן, ווען שמערעק איז קוים אַרויס־געקראָכן פון דער זיך צוגעגעסענער באַהעלפעריי און האָט חתונה געהאַט פאַר דער אַלטער שמש'טעס אייניקל און פונקט צום יאָר האָט אים זיין חלק־שני באַגליקט מיט אַ פּאָרל מיידעלעך, האָט דער עולם אָנגעהויבן צושטיין צו אים, אַז ער זאָל אין גרויסן בית־המדרש איבערנעמען דאָס שמשות. אַזוי ווי דער אַלטער שמש איז ערשט נישט לאַנג אַוועק אין זיין אייביקן וועג. נעמען אויף זיין פּלאַץ אַן אַלטן יידן — און אַזעלכע בעלנים זענען דווקא דאָ לרוב — ווידער אַ יידן וואָס שמעקט שוין מיט המצא־מנוחה, מיט קברות־בלעטער און מיט מעבר־יבוק גלוסט זיך עפּעס נישט. אַ נייע עובדא, טאָמער ווייסטו וואָס, אַלע מאַנטיק און דאָנערשטיק זוכן אַ נייעם שמש. קיין אַנדערע דאגות זענען שוין נישטאָ אויפן קאָפּ. על־כן, אַזוי ווי ער, שמערעק, איז שוין כמעט אַ מטופל מיט קינדער, — מיעוט רבים שניים — און ווידער, נאָך אַזאַ גוטן פּעטשאַטאָק קען מען זיך שוין אויף זיין פלונית פאַרלאָזן, אַז זי וועט שוין קינדלען און קינדלען און קינדלען, — בת תחילה סימן יפה לבנים — ווער שמועסט — צוויי מאָל בת בבת־אחת... און אַזוי ווי קיין פרנסה לעת־עתה האָט ער

נישט אפילו אַ לעק און דערצו איז דאָך זיין אשה דער שמש'טעם אַן איניקל, הייסט עס גאָר עפּעס אַ מין שטיקל ירושה־זאַך, אַ מין חזקה, איז איין מאָל איבער אַלע מאָל זאָל ער אָננעמען דאָס שמשות און זיך מיט דעם עלטערן אין עושר און אין כבוד. אמת, עס רעדט זיך נאָר אַזוי, על פי מליצה: אין עושר און אין כבוד. אדרבה, זאָל עמעצער זאָגן: וועלכער שמש האָט זיך שוין ערגעץ אַרויפגעאַרבעט אויף עשרות און וועלכער שמש קען זיך באַרימען, אַז מען האָט זיך צו אים באַצויגן מיט גרויס כבוד? וויים איך, שטותים! קיין עשרות איז אים קיינער נישט מבטיח; קיין פּיתום ורעמסס וועט ער זיך פון אָט דעם שמשות נישט אויסבויען — אין דעם קען מען אים שוין גראָד ערוב זיין; אין קיין קאַרעטעס מיט פיר פערד נאַשפּיץ וועט ער מיט גאָטס הילף נישט פאָרן און מיט קיין איין פערדל אויך נישט! דערויף האָט אים דער רבונו־של־עולם געגעבן פיס, אַז ער זאָל גיין מיט זיי. איז די אַלע אויסגערעכנטע תענוגי עולם־הזה טאָקע נישט, אָבער לחם לאכול, שייך צו זאָגן, ווי געשיקט זיך? „ולא ראיתי צדיק נעזב וזרעו מבקש לחם”. אָט ווי אַלע יידן אין שטעטל —

קיצור הדבר, שמערעק האָט בשעה טובה ומוצלחת געמוזט ווערן אַ משמש בקודש, פון וואָס — ווי מען האָט אים מבטיח געווען — ער וועט שוין קיין נגיד אייביק נישט ווערן. ער האָט בפירוש געטענה'ט צו דער „זוגתי תחיה” און צו די שכנים, אַז בעסער וועט ער גיין אויפן דאָרף קלייבן שמאַטעס, איידער צו ווערן אין אַזאַ יונגן עלטער אַ שמשל, וואָס איז אין תוך גענומען כמעט איינס און דאָס זעלבע וואָס אַ פּושט־יד... איז אָבער די מעשה, וואָס קיין שמאַטע־קלייבערס האָבן ברוך־השם אין שטעטל נישט אויסגעפעלט, עס זענען נישט צו פאַרזינדיקן געווען שמאַטע־קלייבערס די והותר אויך אָן אים און אַ שמש האָט גראָד יאָ אויסגעפעלט און דערצו האָט דיר דאָס שמשות אַ ווילדע מעלה: — ער האָט שוין אויף צו מאָרגנס אַ מזומנעם גילדן און אַזאַ מעלה קען מען נישט אַוועקמאַכן מיט דער האַנט. מיט איין וואָרט: ער האָט געמוזט נאָכגעבן זיין זייער שטאַרק תכלית־פאַרזאָרגנדיקער פלונית און ווערן שמש אין גרויסן בית־המדרש.

כמעט דער גאַנצער עולם האָט געדאַוונט פון צעפּיצלטע סידורימלעך, ממש פון „שמה'ס”! איז מילא, וואָס יענער זאָגט יאָ, אָדער דערזאָגט נישט אונטער זיין טלית דאָרטן איז קיינעם נישט אָנגעגאַנגען, ווען ערנסט גערעדט — איז אַזאַ גרויסע דאגה, ווי אַזוי דער אָדער יענער רעגולירט זיינע חשבונות בין אדם למקום? דאָס גייט באמת קיינעם נישט

אָן, אַבי ער איז אַ פיינער מענטש בין אדם לחבירו, אַבי ער איז נישט קאַרג אויפן גראָשן, אַבי ער גייט נישט אַרום אָנגעדרודלט ווי אַ בייזע שוויגער — איז ער אַ חבר טוב און אַ שכן טוב.

גאַנץ אַנדערש איז אָבער דער צוגאַנג צו דעם, וואָס שטעלט זיך צו צום עמוד! מיט דעם עובר לפני התיבה איז דער עולם מדקדק כחוט־השערה. אפילו קיין אתא קלילא טאָר ער נישט דורכלאָזן, ווען חלילה יאָ, איז דאָס — זאָגט דער שולחן־ערוך — אַ „סימן־רע לשולחיו" און יידן האָבן פיינט אַ סימן־רע, יידן האָבן בעסער ליב אַ סימן טוב ומזל טוב, אַ יום־טוב און אַ בשורה־טובה און בכלל — כל טוב סלה!

— ווי זשע נעמט מען טאַקע אַזאַ סידורל, אַז דער בעל־תפילה זאָל אין דעם פאַרן גלייך, ווי להבדיל באלף הבדלות דער בעל־עגלה אויפן טראַקט? בלייבט אַ קשיא!

ויהי היום איז דער שטאָט־נגיד אַוועקגעפאָרן עפּעס גאַר־גאַר למרחקים מכח אַ געהויבענעם שידוך פאַר זיין בן־יחיד. מילא פונעם שידוך גופא האָט זיך דאָס מאָל דווקא אויסגעלאָזט אַ בוידעם, אָן אויסגעבלאָזן איי, — נישט דאָס האָט מען דאָרט געמיינט. נישט אַזאַ שטיק מחותן און נישט אַזאַ חתנדל. ווי זאָגט דאָס שפּריכוואָרט: געפאָרן מיטן דייטשל און געקומען אַהיים מיטן בייטשל. אָבער דער נגיד האָט שוין אַזאַ מזל, אַז ווי די זאַך זאָל זיך נישט אויסלאָזן, איז ער ווייט פון היזק. און דאָס מאָל איז אויך אַזוי געווען. ער האָט דאָרט אגב אורחא געמאַכט אַ פעט געשעפטל, אַריינגעלייגט אין טייסטער אַריין יענע אפּותיקו און פון גרויס דאַנק־באַרקייט צו זיין ליבן נאָמען, פאַר וואָס ער האָט אים גאַנץ על פי מקרה אַזוי באַגליקט, האָט ער צוגענומען די האַנט פונעם הארצן, ווי זאָגט מען עס: נישט געפרעגט אויף קיין פּרייז, באַצאָלט אַזוי פיל, וויפל דער מוכר־ספרים האָט נאָר געהאַט גאָט אין הארצן צו פאַרלאַנגען און האָט געקויפט אַ מתנה אין בית־המדרש אַריין אַ ספּעציעלן עמוד־סידור!

און ס'איז באמת געווען וואָס אָנצוקוקן. אַזאַ יופי פון אַ סידור און אַזאַ באַקוועמלעכקייט איז נאָך נישט געהערט געוואָרן ביי יידן פון זינט די וועלט שטייט. דאָס איז געווען אַ ווילנער סידור, — נדפס בווילנע, רחוב דאָרט און דאָרט — וואָס האָט געהאַט אפשר אָן אַרשין די לענג און אודאי מער ווי אַ האַלבן אַרשין די ברייט. דאָס פּאַפּיר — פּאַרמעט! די אותיות — לאַמטערנס! אפילו די קליינע אותיות, ווי למשל: „רבונו של עולם כמו שכבש" אָדער „אביי הוא מסדר" האָבן אויך געשיינט און געבלישטשעט אַזוי ווי ליכטלעך אויף די שמחת־תורהדיקע פאָנען. איינ־

געבונדן — עלעהיי אַ ווילנער ש״ס-גמרא! דער שער-בלאַט — אַן אמת׳ער „מזרח״! מישן אַהער, מישן אַהין, אָפּזוכן, אויסזוכן — דאָס איז אין גאַנצן אָפּגעפאַלן. אַלץ איז דאָרטן געווען צו דער האַנט, ווי להבדיל די כלי-מכשירים ביי אַ זייגערמאַכער: נאָך יעדער תפילה באַזונדער — עלינו; און אַזוי אין יעדער תפילה באַזונדער — שמונה-עשרה; און טאָמער דאַרף מען זאָגן קדיש, דאַרפסטו אין ערגעץ נישט זוכן, נאָר פאַר דיינע אויגן שטייט שוין קדיש. נאָך יעדן שטיקל פון סליחות — „אל מלך״; און אין יעדן „יום״ פון סליחות — באַזונדער „לך ד׳ הצדקה״ און „שמע קולנו״ און אַלצדינג! און אַזוי די יוצרות און אַזוי די קריאה פון אינדערוואָכן און אַזוי תהילים און מעמדות! מיט איין וואָרט, וואָס איז דאָ פאַראַן לאַנג צו ברייען? דאָס איז געווען אַ מאַמע, אַן אייגענע מאַמע, נישט קיין סידור!

די גאַנצע שטאָט איז געלאָפן אָנקוקן דעם בית-המדרש-סידור, פונקט אַזוי גוט, ווי יידן לויפן ערב-סוכות כאַפּן אַ קוק אויף אַ קאָרפירער אתרוגל.

נשים-צדקניות פלעגן זיך פעדערן אין בית-המדרש אַריין איידער די מאַנסבלין קומען אָן, זיי פלעגן אַריינגיין אין דעם מענערשן בית-המדרש, צוגיין צום עמוד, מיט יראת-הכבוד אָנקוקן דעם דאָזיקן לויתן פון די סידורים פון וועלכן עס דאַוונט זיך מסתם אַליין, אים לייכט אַ גלעט טון און אַ קוש טון און אַוועקגיין מיט אַ קרעכצעלע, דעם פירוש פון וועלכן זיי האָבן מן הסתם אַליין אויך נישט געוווּסט...

יידן פון די אַרומיקע שטעטלעך, ווען עס פלעגט זיי אויסקומען צו זיין אין וואָלאָדאַרקע, פלעגן זיי זיך בגוואַלד אויסרייסן פון זייערע עסקים כאָטש אויף עטלעכע מינוט, אַריינלויפן אין בית-המדרש אַריין, אַ בלעטער טון דעם סידור אַרויף און אַראָפּ, — אָט ווי ביי ווייסע-חברה׳ניקעס איז אַ קרן אַן איבעריק מאָל אַ טרעסל צו טון מיטן הושענא-רבה׳דיק צע-גאַרטלטן לולב — און טאַקע אָפּזאָגן אין אָט דעם „לויתן״ כאָטש איין קאַפּיטל תהילים. וועט איר דאָך פרעגן: כל זה למה? איז דער תירוץ, כדי קומענדיק צוריק צו זיך אין שטעטל אַריין, זאָל מען קענען דערציילן דעם דאָרטיקן עולם ניסים ונפלאות:

— איך האָב אַליין געדאַוונט אין דעם דאָזיקן וווּנדערלעכן סידור. אַך, יידן, איז דאָס אַ סידור, זאָג איך אייך —

יאָרן לויפן, יאָרן פליען, און אַלץ אויף דער וועלט מוז זיי נאָכלויפן און נאָכפליען. קיין זאַך קען נישט בלייבן שטיין אויף איין אָרט —

ירוחם-שמערל דער שמש האָט זיך שטאַרק געעלטערט און דער עמוד-סידור האָט זיך אויך שטאַרק געעלטערט. דער שמש האָט שוין אַ

גרויע באָרד, וועלכע איז צוגעברוינט פון פאָרנט נאָר פון דעם טאַבאַק, וואָס בעת מען טראָגט אים צו דער נאָז, שיט ער זיך אָפּ אויף דער באָרד, און דער גאַנצער קאָפּ איז שוין ביי אים גרוי און די פלייצע העכער פון די אַקסלען און אָן אַ שטעקן אין דער האַנט קען ער קיין טראָט נישט מאַכן און די ציין קייען שוין נישט און די אויגן זיינע טויגן שוין אויך אויף סים טיסיאַטשי כפרות און בכלל די זיקנה, די זיקנה...

דער אַמאָל אַזוי באַרימט־געוואָרענער עמוד־סידור זעט שוין היינט אויך אוים נישט פיל שענער פונעם אַלטן שמש. אמת, ער האָט נישט קיין ציין און נישט קיין אויגן און נישט קיין קרומע פלייצעס, אָבער אויך אָן דעם זעט ער אוים שטאַרק, שטאַרק לא עליכם׳דיק. קודם איז ער צוגענאָגלט צום עמוד, ווי להבדיל אַ קאַטאָרזשניק צו זיין קאַרצער־וואַנט דאָרטן. דאָס האָט מען אים געטון דערפאַר, ווייל די וויסע־חברה׳ניקעס פלעגן אים אַרומשלעפּן איבער די סטענדערס און איבער די בענק און אים אפילו אַרויסטראָגן פון דעם בית־המדרש, פונקט ווי דאָס זאָל זיין עפּעס זייערער אַ חפץ. און וויפל מאָל מען האָט זיי נישט געדראָט, אָט די בוסורמאַנעס, אָט די היצליעס, נישט געדאַכט זאָלן זיי ווערן, אַז מען וועט זיי איבערהאַקן רוקן און לענד אויב זיי וועלן זיך אפילו נאָר צורירן צום סידור, האָט דאָס געהאָט פונקט אַזאַ ממש, ווי דער פאַראַיאָריקער שנײ. איז קהל געפאַלן אויף אַ גלייכן געדאַנק און מען האָט אין די ממש בלעכענע טאָוולען אַריינגעהאַקט אפשר צו צען טשוועקעס אין יעדן. דאַן איז ערשט געוואָרן אוים אַרומשלעפּעניש. אָבער דאָס איז גאָרנישט. „וואָס אונטערן קלייד — זאָגט די וועלט — איז באַהאַלטענע לייד”. דאָס גאַנצע אויסזען זיינס איז שוין געווען זייער נעבעכדיק, זייער, זייער מעורר־רחמים׳דיק. אַזש העט־העט ביז פּרקי־אבות איז כמעט יעדעס בלאַט באַזונדער געווען באַדעקט מיט לאַטקעלעך און מיט פּלאַסטערס, ווי דאָס פּנים ביי אַ גרויסן שלעגער. אַלע טאָג נאָכן דאַווענען, ווען שמערעק פלעגט בלייבן אַליין אויפצוראַמען דעם בית־המדרש, פלעגט ער צוגיין צום עמוד־סידור, ווי מען גייט צו צו אַ חולה־מסוכן: אים איבערקלאַפּן דאָס קישן אָדער אים איינגעבן די מיקסטורע, אַזוי פלעגט ער מיט לייכטע באַוועגונגען, אַז דעם קראַנקן סידור זאָל חלילה נישט וויי טון, אויסגלייכן די פאַרבייגענע עקן; אונטערקלעפּן מיט ניכטערן שפּייעכטס די אָפּגעקלעפּטע פּלאַסטערלעך; אויסווישן מיט אַ שמאַטקעלע אַלע ערטער, וווּ עס איז געפאַלן אַ שטויבעלע, אַ פעדעמל שפּינוועבס, אָדער — גאָט באַהיט — וווּ עס האָט זיך באַוויזן דער „מויל”...

אַ פּאָר מאָל פאַר אָט די אַלע צענדליקער יאָרן האָט שמערעק אַרויס־געשלעפּט די טשוועקעס פון די טאָוולען און צוגענומען דעם „לויתן" צו זיך אַהיים אויף „פּאַטשינקע". דאַן האָבן די חזנים אַ וואָך אָדער צוויי ווידער געמוזט דאַווענען פון „שמות", דערפאַר אָבער איז דאָס סידור דערנאָך געווען ממש ניי, נישט מער, וואָס אויף די בלעטער זענען צו־געקומען אָן אַ שיעור פרישע וואַלקנדלעך און כמאַרעלעך און אין אייניקע גאָר שטאַרק אויסגעדאַוונטע פלעצער — גאַנצע פּאַרטעכער, וואָס האָבן מיט זייער פאַרטאַטשישן העסלעכן אויסזען דעם בעל־מלכה אַליין געשטאָכן ביז אין דער זיבעטער ריפּ און ממש אויסגעבראָטן די אויגן...

שמערעק דעם שמש'ס יאָרן זענען געווען צונויפגעקניפּט און צונויפ־געפלאָכטן מיט די יאָרן פון דעם דאָזיקן עמוד־סידור —

...זלאַטקען, געדענקט ער גוט, האָט ער אויסגעגעבן צום ערשטן מאָל, אין דער זעלבער וואָך, וואָס דער פרעמדער ייד, דער בעל־יאָרצייט, האָט אין סידור אומגערן אויסגעריסן דעם בלאַט פון „ברכי נפשי" —

...טייבלען עליה־השלום האָט ער געבראַכט צו קבורה דאָס יאָר, ווען אַ שבת־ליכט איז אומגעפאַלן אויפן סידור און האָט אָפּגעברענט די אייבערשטע ברעגן ביז טיף־טיף אין כתב אַריין —

...דאָס עלטסטע אייניקל זיינס, יעקב־משה'לע, איז בר־מצוה געוואָרן אַקוראַט די זעלבע וואָך, ווען דעם נגידס מיידעלע — אויף קיין גוט אָרט זאָל זי נישט שטיין און אפילו איר טאַטינקע אויך, פּאַטער האַרציקער! — האָט גייענדיק אין אַ געוועט מיט איר עלטער ברודערל, ווער עס וועט מיט די פינגער גיכער אויסמעסטן דעם סידור, אַרויסגעפליקט פון דער סאַמע מיט — פון דער יום־כיפורדיקער שמונה־עשרה — אַ גאַנצן זשמוט מיט בלעטער. ביי אים, ביי שמערעקן, איז אין יענעם טאָג געווען ממש תשעה־באב —

ירוחם־שמערל האָט זיך געעלטערט און דער סידור האָט זיך גע־עלטערט, יעדער פון זיין אייגענער פלאָג און פון זיינע אייגענע אָנ־שיקענישן. צייטנווייז האָט זיך שמערעקן געדאַכט, אַז נישט טריינע־ביילע איז זיין אמת'ער זיווג, נאָר דער גרויסער ווילנער סידור. מיט אים, מיט דעם דאָזיקן סידור, איז גאָר פאַרבונדן זיין גורל: שמערעקס פּנים איז צעאַקערט פון קנייטשן און פאַלדן, — דער סידור אויך אַזוי: פאַר־טאַבעקט, פאַרקאַפּעט פון וואַקסענע און חלב'נע ליכט; ביי אים, ביי שמערעקן, האַקן זיך אָפּט מאָל אונטער די פיס, איין מאָל: ניין! זיי ווילן שוין מער אויף זיך נישט טראָגן זיין הרובן קערפּער. יוצא — שרייען

זיי, וויפל איז דער שיעור? — און דעסט גלייכן דער סידור: די אייבערשטע ווינקלען זענען פאַרברענט, פאַרקוילט; די אונטערשטע ווינקלען — צעפליקט, צעפיצלט אויף שטיק־שטיקלעך; די אותיות — האַלב צע־שמאָלצן פון ימים־נוראים׳דיקע טרערן, פון טויזנטער פאַרשוויציקטע הענט און דער עיקר — פון יאָרן...

דעם גרעסטן חורבן, סיי אין דעם שמש, סיי אין דעם סידור, מאַכן אָן די יאָרן —

אַלע פרייטיק נאָך מיטאָג, ווען ירוחם־שמערל בלייבט איבער אַליין אין שול „אַריינפירן שבת", גייט ער צו צום סידור כמו ווי ער זאָל וועלן דעם סידור אונטערטראָגן דעם ערשטן גוט־שבת. קודם־כל גיט ער אַ קוש דעם הייליקן שער־בלאַט, אויף וועלכן מען קען נאָך קוים־קוים צונויפשטעלן אות צו אות והמותר מוז מען זיך שוין אָנשטויסן, אַז דאָס האָט אַ מאָל געמאַכט „האלמנה והאחים ראָם". שמערעק פּרוווט נאָך ווי ווייט עס לאָזט זיך אויסגלייכן, אויסגלעטן די קליינע שופרות און „באַראַשקעס", וואָס קרייזלען זיך אויף די אָרומגעצופּטע ברעגן פון די בלעטער, ער פּרוווט מיט די נעגל אָראָפּקראַצן די חלב און וואַקס־טראָפּנס, ביז ער דערזעט באַשיינפּערלעך, אַז דאָס איז שוין אוממעגלעך, דאַן מאַכט ער צו דעם סידור און גיט אַ זאָג מיט אַ קרעכץ:

— זיי מיר מוחל, הייליקער סידור, טאָמער האָב איך דיר שלא בכיוון מיט עפּעס פּוגע בכבוד געווען. מיין גאַנץ קראַצעניש און רייבעניש איז נאָר פון דיין כבוד וועגן און פון דיין שיינעם פּנים וועגן, אָבער איך זע, — און אפילו אַ בלינדער קען עס זען, — אַז ס׳איז אַרויסגעוואָרפן די טרחה. וואָס אַלט איז נישט יונג. מיר׳ן שוין אַ פּניםביידע לאַנג נישט אָנהאַלטן. דו וועסט גיין באַגלייך מיט אַנדערע „שמות" אין דעם הייליקן אונטערן בעלעמער און איך — צום שרעקלעכן מלאך־דומה אויפן פאַרהער. אָבער איין זאַך קען איך דיר צוזאָגן אויף פעסט: כל זמן איך לעב און שטיי נאָך אויף מיינע פיס, וועלן יידן פאַר דיר שטיין באימה ופחד, ממש ווי פאַר דעם גראַדאָנאַטשאַלניק! און אַזוי שחרית וערבית, אין דער וואָכן און שבת, מיום כפורים זה עד יום כפורים הבא עלינו לטובה! אמת, ביי דער זייט וועט טאַקע ליגן אַ קליין סידורל, וווּ מען וועט אַכטונג געבן, צי מען פאַרפעלט נישט עפּעס אַ וואָרט, דאָרט ווו ביי דיר שטייט אויסגעריסן, אָבער דו וועסט פאָרט פאַרבלייבן דער הויפּט־מחותן אויף דער חתונה! דו און רק דו!

*

ויהי היום, — מה שאירע ליעקב אירע ליוסף — איז דאָס אור־איניקל פון יענעם גביר עליו השלום, וועלכער האָט צוריק מיט אַ שאָק יאָרן געשענקט אין בית־המדרש אַריין דעם גרויסן סידור, און דעם ראש־הקהל׳ס איידעם, אַ יונגערמאַנטשיקל ערשט נאָך דער חתונה, אַוועק־געפאָרן אַזש קיין קיעוו עיר־הבירה אויף קאָנטראַקטן. אַלע מתפללים פונעם בית־המדרש האָבן אים דעם לעצטן שבת פאַרן אַוועקפאָרן זייער וואַרעם געזעגנט, אים אָנגעוווּנטשן הצלחה און אַל דאָס גוטס, אָבער צום סוף האָבן זיי אים געפרעגט:

— זאָג נאָר, פלאָקנשיסער דו, וואָס פאַר אַ מתנה וועסטו אונדז ברענגען פון דער גרויסער שטאָט? אַז מען פאָרט אין אַזאַ גרויסער שטאָט מוז מען עפּעס ברענגען פאַר קהל, עפּעס אַ געשאַנק מזמרת הארץ — עס גיבט גאָר נישט אַנדערש, דאָס איז שוין ביי דער וועלט אַ חוק ולא יעבור! אלא נישט, — וואָס זשע פאַר אַ „יאַ טיעביע דאָם” ביסטו ביי אונדז?

האָט דאָס יונגערמאַנטשיקל צוגעזאָגט צו ברענגען אַ נייעם גרויסן סידור אין בית־המדרש אַריין.

— שאל זקניך ויאמרו לך — האָט ער נאָך צוגעפּראַוועט צום שמועס אַ מליצה׳לע — מיין זיידע האָט אייך אַ מאָל געבראַכט אַן עמוד־סידור, וועל איך אייך אויך ברענגען דאָס זעלבע.

האָט דער עולם „פּאָדטאַקעוועט”:

— געדעכט, אַזוי דאַרף ער טאַקע טון. מעשה אבות, סימן לבנים —

מען האָט אים נאָך אַ מאָל און ווידער אַ מאָל אָנגעווינטשעוועט, אַז ער זאָל דאָרט אין איין „שמע ישראל” ווערן אַ ראָטשילד און וואָס גיכער קומען אַהיים מיט דער צוגעזאָגטער מתנה —

און ער איז אַוועקגעפאָרן לחיים ולשלום.

ירוחם־שמערל, צוהערנדיק וועגן וואָס עס רעדט זיך דאָ, איז ער אַזש דערציטערט געוואָרן. ער האָט בשעת־מעשה געהאַט דאָס געפיל, ווי עמעצער וואָלט זיך שוין, על אתר, געשטעלט גראָבן אַ קרקע פאַר זיינעט וועגן. זיין טריינע־ביילע, אַ גוטע בעטערין זאָל זי דאָרטן זיין, האָט זיך שוין פון לאַנג־לאַנג אַריבערגעפעקלט אויפן בית־עולם צווישן די נשים צדקניות. זיינע קינדער און קינדס־קינדער קוקן אויף אים, ווי אויף אַן איבעריקן חפץ אין שטוב, וואָס פלאָנטערט זיך נאָר פאַר די פיס און קיין נוצן האָט מען נישט פון אים. פונקט ווי ער וואָלט אַרומגעגאַנגען אויף זייער וועלט און מאריך־ימים געווען אויפן חשבון פון זייערע יאָרן. יעדער

„גוט־שבת, זיידע", וואָס זיי טראָגן אים אונטער בקול רם, קלינגט אים אָפּ אין האַרצן מיט גאָר אַנדערע ווערטער:

— זע נאָר, דו ביסט נאָך אַלץ דאָ? וואָס זשע, דו גיבסט גאָר נישט קיין קלער, טאָמער איז דער באַבעשי'ן דאָרטן אומעטיק אָן דיר?

איין און איינציקע זאַך האַלט נאָך שמערעקן צוגעקנעפּלט צום לעבן — דער גרויסער סידור. כל זמן יידן דאַווענען נאָך אין זיין באַפּלאַסטערטן סידור, וועט ער נאָך לעבן; קענען זיי אפילו רעדן צעזעצטערהייט, האָט צו אים דער מלאך־המות קיין שליטה נישט —

און דאָ פּלוצלינג אַזאַ בראָך — מען גייט ברענגען אַ נייעם סידור! אַזאַ סמאַרקאַטש! אַזאַ שייגאַץ!! אַזאַ פּידסווינניק!!! וואָס אַרט אים אַ שטייגער, טאָמער וועט ער הרגענען אַן אַלטן יידן? ער מאַכט זיך טאַקע אַ גרויסן צימעס פון שמערעק דעם שמש! אַ דאגה איז אים, טאָמער וועט ער מיט זיין מתנה־יפה מקצר ימים זיין אַ יידן, וואָס זיין גאַנצער אַנהאַלט אין לעבן איז בלויז אָט דער אַלטער סידור... אָט דאָס רעשטל שברעשטל פון יענע גוטע יאָרן, ווען שמערעק איז נאָך געווען שמערעק, נישט קיין חרס־הנשבר ווי איצטערט־אָ...

די קאָנטראַקטן דאָרטן ערגעץ האָבן געדאַרפט זיך פאַרציען דריי אָדער פיר חדשים. די גאַנצע וועלט האָט שוין גאָר אפשר פאַרגעסן דעם גבירישן אייניקל'ס הבטחות, אָבער דער אומגליקלעכער שמש האָט דאָס נישט געקענט פאַרגעסן, פּונקט ווי אַ חולה־מסוכן, וואָס ליגט שוין לאַנג אין שפּיטאָל, פאַרגעסט נישט אפילו אויף קיין איין רגע, אַז פון אָט דער קרעטשמע, וווּ ער געפינט זיך איצט, פאָרט גאַנץ אָפט אַ ספּעציעלער וואָגן אויפן גוטן אָרט אַרויף...

על משכבו בלילות, ווען דאָס חשכות שטעכט די אויגן ווי מיט אַנ־געגליטע נאָדלען און די שטילקייט שטעכט די אויערן ווי מיט אַ חרב־פּיפיות, דאַן פלעגט דער עלנטער אַלטיטשקער ליגן מיט אויף קאַטאָוועס צוגעמאַכטע אויגן און מיט וואַכנדיקע אויערן און עס פלעגט זיך אים דאַכטן, אַז ער הערט, ווי דער מלאך־המות, דער שטן־המקטרג שטעלט זיך אַוועק פאַר דעם בית־דין־של־מעלה און ער טענה'ט דאָרט מיט זיין שאַרף צינגעלע:

— איך מאָן דין, נישט קיין רחמים! שיין וועלן זיי דאָרטן אויסזען, אונטן, ווען מען וועט זיך אָנהייבן באַציען צו זיי בלויז מיט דער מידת־הרחמים... איך פרעג נאָר איין זאַך: וויפל איז דער שיעור, אַז ירוחם־שמערל דער שמש זאָל זיך דאָרט אַרומדרייען פּוסט און פּאַס? אפשר וואָלט

שוין אַ מאָל צייט געווען, אַז ער זאָל געבראַכט ווערן אָט דאָ פאַר אונדז און ער זאָל ענדלעך אָפּגעבן אַ חשבון על כל המעשים? אָט איז שוין זיין געקלעפּטער סידור אויך דאָ! מילא פריער איז געווען אַ תירוץ, אַז ער וועט נישט אַכטונג געבן וועלן די ווייסע-חברה׳ניקעס דעם גרויסן סידור צום איבעריקן צוקאָנטשען... צי ס׳איז אַ תירוץ מספּיק, צי ניין — אָן אויסרעד איז דאָס! אָבער איצט, — בטל דבר, בטלה אהבה! קוים האָט מען געקריגן אַ נייעם סידור, וועט מען שוין מסתם ערגעץ קריגן אַ נייעם שמש אויך און — גענוג מיט שמערעק-שמש! אַהערצו ברענגט אים! ער האָט שוין זיין הפּטורה אָפּגעזונגען!

און דער „אדון כל הנשמות" ענטפערט אים געלאַסן:

— וואַרט, כאַפּ נישט די פיש פאַר דער נעץ. דער נייער סידור איז נאָך לעת-עתה אונטערוועגנס. די חז"ל האָבן געזאָגט: אין אדם מקנה דבר שלא בא לעולם און לא כל שכן — צונעמען ביי אַ מענטשן די נשמה איבער עמעצנס אַ פאַרעוועט צוזאָג... מען וועט שוין זען, ווי אַזוי די זאַך וועט אויספאַלן... די מעשה מיט אָט דעם סידור איז דיני-נפשות און אין דנין דיני-נפשות בלילה —

שמערעק פלעגט מיט אַנגסטן זיך אויפכאַפּן פונעם שלאָף און ס׳האָט נאָך געמעגט זיין כ׳ווייס ווי פרי, פלעגט שוין קיין שלאָף מער נישט קומען אויף זיינע אויגן. און נישט נאָר דורך די נעכט — די דאָזיקע קאָשמאַרן פלעגן אים באַגלייטן אויך אַ גאַנצן טאָג, ער האָט זיך פון זיי גאָר נישט געקענט באַפרייען.

חדשים האָבן זיך געיאָגט איינער נאָכן אַנדערן, כנהוג מימות עולם, ולא זכר שר-המשקים את יוסף — קיינער אין בית-המדרש האָט אפילו נישט דערמאָנט דעם ראש-הקהל׳ס איידעם — וועמען ליגט ער אין קאָפּ מיט זיינע קאָנטראַקטן, צי מיט זיינע צוזאָגעכטסן דאָרטן? — אָבער שמערעק האָט אים נישט געקענט פאַרגעסן... שמערעק האָט גאַנץ גוט געוווסט, אַז קאָנטראַקטן, פונקט ווי יעדע זאַך אויף דער וועלט, מוזן זיך אַ מאָל ענדיקן און די דאָזיקע לייט — די גבירישע אייניקלעך און ראש-הקהלישע איידעמ׳ס — ביי אַזאַ זאַך, ווו עס שמעקט מיט כבוד און מיט גאוות און מיט קענען זיך באַרימען און פאַרזייסן דעם קאָפּ ביז צו די וואָלקנס, דאָרט וועלן זיי דיר קיין מאָל גאָר נישט פאַרגעסן.

און דער אָרעמער שמש פלעגט בדמעות-שליש תפילה טון:

— רבונו-של-עולם, האַר פון אַלע וועלטן און וועלטעלעך, נעם אים דאָרט אַראָפּ דעם קאָפּ, דעם זכרון, מיין איך... זאָל אים דאָרט אַזוינס

פאַרגיין, אַז ער זאָל אָנהייבן צו טון האָבן מיט זיין אייגן העמד, נישט מיט עמוד־סידורים... פּאַטער אין הימל, דערבאַרעם זיך אויף מיר...

דערנאָך איז אין שטאָט אַרוים אַ קלאַנג — ער קומט!

דער קיעווער גאַסט קומט שוין ברוך־השם צו פאָרן.

פונעם סידור האָט קיינער נישט דערמאָנט לא דיבור ולא חצי דיבור, — זיכער האָט דער עולם שוין פאַרגעסן די גאַנצע מעשה מיטן צוזאָג, אָבער שמערעק האָט דאָס נישט פאַרגעסן און האָט זיך גוט־גוט צוגעהערט צו יעדן וואָרט מכח דעם קומענדיקן אורח —

אין יענעם פרימאָרגן, נאָכן דאַווענען, האָט שמערעק מן הצד געכאַפּט אַ צונג — היינט דערוואַרט דער ראש־הקהל זיין איידעם פון דער לאַנגער נסיעה.

דער דערשלאָגענער שמש האָט אויף דער גרויסער גאַס זיך אויס־געזוכט אַ געהיים ערטעלע און האָט זיך דאָרט פאַרטייעט. דער טאָג איז געווען זייער אַ הייסער, אַרום און אַרום האָט מען נישט געזען אפילו קיין משוגענעם הונט, אָבער דער פאַרצווייפלטער שמש האָט זיך אָנגענומען מיט געניטער סבלנות און איז נישט אָפּגעטראָטן פון זיין באַהעלטעניש. וויפל מאָל די בעלי־עגלות האָבן זיך מיטן קנאַק און מיטן טראַסק באַוויזן אין שטאָט, פלעגן זיך ביי אים די אין אַ געניגנדיקער מאָס אויסגענוצטע אויגן אָנצינדן מיט שלעכטס־פאָרפילנדיקע פלעמלעך.

ענדלעך, פאַר נאַכט צו, איז ער טאַקע געקומען, דער אורח.

מיט אַן איינגעפאַלן האַרץ האָט זיך ירוחם־שמערל פון זיין באַהעל־טעניש צוגעקוקט ווי מען טראָגט אַראָפּ פונעם פאַעטאָן איין טשעמאָדאַן נאָכן צווייטן, איין פעקל נאָך דעם צווייטן, און דערנאָך אַ קאָלדרע מיט קישנס איינגעשנורעוועט מיט אַזעלכע ווייסע גאַרטלען און דערנאָך נאָך אַ סאַקוואָיאַזש און נאָך אַ היפּשן געפלאָכטענעם קויש און קליינע קוישעלעך און נאָך זאַכן מיט זאַכעלעך און ערשט צום סאַמע סוף —

און שמערעקן איז פינצטער געוואָרן פאַר די אויגן און ס'האָט זיך אים עפּעס אָפּגעריסן אינעווייניק. ער האָט מיט זיין גאַנצן מהות דערפילט, אַז יענער־אַ גרויסער טאַוול, ווי אַ בעקן פון מאַן־בייגעלעך, וואָס איז פיל מאָל איבערגעבונדן מיט אַ קאָלירט שטריקל, דאָס איז זיין מלאך־המות, דער נייער סידור! הייסט עס, אַ סוף צו אַלץ. אין חכמה ואין עצה ואין גבורה — מען דאַרף זיך גרייטן אין וויטן וועג אַריין... זיין אַ גאַסט ביי טריינע־ביילען...

יאָ, אַזוי איז דאָס, כאָטש שריי חי וקים, עס העלפט נישט — אוים סידור, אוים ירוחם-שמערל!

ער איז אַוועק אין בית-המדרש אַריין זיך געזעגענען מיט זיין לעבנס-באַגלייטער, מיטן סידור, אָבער אויף די טרעפּ האָבן אים די פיס אָפּ-געזאָגט און ער איז דאָרט לאַנג אַוועקגעזעסן — עלעהיי „שבעה" נאָך זיך אַליין און נאָכן סידור — און האָט געיאָמערט און געוויינט...

צו מנחה איז דער אורח אין בית-המדרש אַריין נישט געקומען און צוליב אים — דאָס זיסע שווערעלע זיינס אויך נישט. אַ ווערטעלע אוים-צורעדן: אַ מענטש קומט צו פאָרן פון אַזאַ וויטן וועג נאָך אַזאַ לאַנגן זמן —

אין בית-המדרש האָט מען נישט דערמאָנט נישט דעם גאַסט, נישט זיין מתנה. דער עולם איז געווען אַזוי פּריטשמעליעט פון דעם ביטערן מצב און פון דער משוגענער היץ, אַז מען איז גערן געווען צו דערהערן דעם: „עלינו לשבח" און מאַכן ויברח, זיך אַ ביסל אויסגלייכן די צעפּאַרעטע ביינער. אויף צו מאָרגנס, דאָנערשטיק איז דאָס געווען, אַ יום-הקריאה, איז שוין אין בית-המדרש אַריין געקומען צום דאַווענען אי דער ראש-הקהל, אי דער איידעם זיינער, דער גאַסט. און נאָך איידער מען האָט געלייגט טלית און תפילין האָט שוין דער גאַנצער בית-המדרש, מן הקצה אל הקצה, געקלונגען מיט דעם נייעס:

— געהערט? ער האָט דאָך טאַקע געבראַכט אַ נייעם עמוד-סידור!

— באמת? אר-וואַ, טאַקע אַ וואָרטסמאַן. שניידט זיך אַליין אויך אויף אַ ראש-הקהל...

— ווי דען? שלח לחמך... ער וועט עס אונדז אַ מאָל אַריינלייגן אין נדן אַריין, האָב קיין מורא נישט —

— ס'קאַצל קומט! באַלד עפּעס איז ער דיר גלייך דאָ מיט זיינע פילאָזאָפיעס. ווער הייסט דיר טראַכטן: מה לפנים? מה לאחור? אָבער דערווייל נייטיקט מען זיך אין דעם סידור, צי ניין? פונעם אַלטן סידור פאַלן דאָך שוין שטיקער... ער איז שוין באַלד אין גאַנצן ענלעך אויף אונדזער שמערקן... זיי מעגן שוין באַלד ביידע גיין אויף אָפּרו...

— און איר זאָלט אויף אַ ציקאַוועסט הערן, וואָס פאַר אַ מין סידור דער נייער איז... עפּעס גאָר אַזוינס ווי אַזעלכעס... צוויי מאָל אַזוי די גרעב ווי אונדזערער, מיט זוהר און מיט משניות...

דער אורח האָט גלייך נאָך דעם דאַווענען געוואָלט שיקן עמעצן

ברענגען אין בית־המדרש אריין די מתנה, האָט אים דער שווער אָפּ־געהאַלטן:

— שוטהלע, וואָס פאַר אַ פּנים האָט עס אין מיטן דאַנערשטיק אין דער פרי? ווער איז דאָ איצט פאַראַן און פאַר וועמען וועסטו זיך דאָ אויספּיינען? אם ירצה השם מאָרגן פאַר נאַכט וועסטו צוקומען אַהער מיטן סידור פאַר ליכטבענטשן, וועסט אָפּקנעפּלען דעם אַלטן און צושלאָגן צום ברעטל דעם נייעם, וועט דער שבתדיקער עולם כאָטש זען, וואָס עס הייסט אַן אָפּענע האַנט —

דער דיין האָט אויך אונטערגעהאַלטן דעם ראש־הקהל:

— אודאי אַזוי! אין מלכות נוגעת בחברתה... דעם נייעם סידור איז ערשט באַשערט, אַז יידן זאָלן אין אים אָנהייבן צו דאַווענען פון שבת אָן און דעם אַלטן סידור איז אָנגעצייכנט, אַז ער האָט נאָך צו לעבן צוויי טעג, איידער ער גייט אַוועק אויף אייביק אין די „שמות״ אריין... מילא ביי מענטשן קען מען דאָס נישט אַזוי שטאַרק באַוואָרענען, אָבער על כל פּנים ביי סידורים דאַרף נישט זיין קיין השגת־גבול... אָט דאָס, מיין איך, האָט דאָך אונדז געוואָלט זאָגן דער ראש־הקהל, האָ?

דער ראש־הקהל, אַ געשמייכלטער פון דעם דיינס חניפהלע:

— אָט־אָט־אָ... אָט דאָס טאַקע האָב איך געמיינט... איר האָט ביי מיר ממש אויסגעכאַפּט די ווערטער פונעם מויל —

ירוחם־שמערל האָט זיך צו אַלץ צוגעקוקט און צו אַלץ צוגעהערט און... און — ווי זאָגט די וועלט — ווען אַ הונט וואָלט דאַמאָלסט אַ לעק געטון זיין האַרץ, וואָלט ער זיכער משוגע געוואָרן...

אַ שטיק צייט פאַר ליכטבענטשן, — שמערעק האָט שוין געוואַרט אויף אים, ווי מען וואַרט אויפן מלאך־המות — איז געקומען דער קיעווער אורח מיט אַ צווענגל און מיט אַ העמערל, דער משרת האָט אים נאָכ־געטראָגן דעם שוין צעפּאַקטן סידור, — פאַר וואָס זאָל די גאַס טאַקע נישט זען, וואָס לייטן פאַרגינען זיך צו שענקען אין שול אַריין? אדרבה! זאָלן שונאים צעפּיקעט ווערן קוקנדיק און גוטע פריינד זאָלן טאַקע וויסן דרך־ארץ האָבן! ווי דען אַנדערש? נאָך דאָס אויך נישט? — און ער האָט זיך בכבודו ובעצמו גענומען צו דער עבודת־הקודש פון „אָפּקנעפּלען״ דעם אַלטן אָפּגענוצטן סידור און צוקנעפּלען דעם נייעם שיינענדיקן סידור.

ביי יעדן טשוואָק, וואָס דאָס צווענגל האָט אַרויסגעריסן פון די טאָוולען פונעם אַלטן סידור, האָט זיך פון ירוחם־שמערלס טיפסטע טיפעניש אַרויס־געריסן אַ קרעכץ, ווי מען וואָלט אים אַרויסגעריסן אַ געזונטן באַקצאָן...

ביי יעדן זעץ מיטן העמערל אויפן טשוואָק, וואָס ווערט אַריינגעקלאַפּט אין די נייע טאָוולען, האָט דער שמש געפּילט אַזאַ אומדערטרעגלעכן ווייטיק, גלייך ווי מען וואָלט אָט די טשוועקעס געקלאַפּט נישט אין הילצערנעם ברעטל, נאָר אים אין קאָפּ אַריין. אָבער העלפן האָט ער נישט געקענט מיט גאָרנישט —

— אַ גזר מן השמים האָט זיך אויסגעגאָסן אויף זיין קאָפּ און גיי טו עפּעס —

צו קבלת-שבת האָט זיך דער עולם אָנגעהויבן קלייבן פאַר פרי, טאַקע לכבוד דעם חנוכת-הסידור. יעדער איינער פון די מתפללים האָט געהאַלטן פאַר זיין חוב צוצוגיין, אַ בלעטער טון דעם סידור, אַ התפעלות'דיקן סמאָצקע טון מיט די ליפּן: „ס'אַראַ פּאַפּיר! ס'אַראַ אותיות! ס'אַראַ גרעב, ממש טאַקע: מלא וגדוש!" און אומבאַדינגט צוגעבן דערביי, אַז דער אַלטער סידור — אפילו ווען ער איז נאָך געווען גאַנץ — האָט אַזאַ ווערט קעגן אָט דעם נייעם, ווי דריי מאָל גאָרנישט, טאַקע ממש כקליפּת-השום...

אין דעם בלייכן שמש איז דאָס האַרץ פאַרלאָפן מיט בלוט: פּונקט אַזוי וועט מען רעדן וועגן אים, ווען ער וועט אויסציען די פיס... מענטשן זענען דיר חיות, אָן אַ טראָפּן רחמנות...

און עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז יעדער מתפלל און אפילו די לאָמפּן, — בפירוש זיינע לאָמפּן — און אפילו די ווענט, — דווקא זיינע ווענט — אַלע, אַלע אָן אויסנאָם זאָגן צו אים מיט אַ חוזק-שמייכעלע:

— נו, וואָס זיצסטו נאָך דאָ? אַז דיין סידור ליגט שוין אין ארון פון די „שמות", דאַרפסטו דו שוין אויך גיין אין ארון אַריין... וואָס מאַכסטו זיך געפּגרט, שמערעק, גלייך ווי נישט דיך מיינט מען, האַ? דו פאַרשטייסט דען נישט אויפן ווונק? מען דאַרף דיר אַריינלייגן אַ פינגער אין מויל אַריין? ביסט גאָר דאַכט זיך נישט אַזאַ פרידורקאַוואַטע, ווי דו מאַכסט דעם אָנשטעל —

פון דעסט וועגן האָט דער אַלטער שמש אויף זיך מקבל געווען באהבה אַלע יסורי-גיהנום, וואָס ער איז אויסגעשטאַנען פון אָט דעם אכזריותדיקן חילוף און ס'איז אים אפילו נישט איינגעפאַלן קיין רעיון פון בועט זיין ביסורים, פון זיך אַקעגנשטעלן, פון מרידה. דאָס איז ביי אים ערשט נולד געוואָרן אין דער פרי, צו אויסנעמענס —

ומעשה שהיה, כך היה:

בלילה ההוא, אין יענער ביטערער שעה, ערב-שבת פאַר נאַכט, ווען דעם ראש-הקהל'ס איידעם האָט אַראָפּגענומען דעם אַלטן עמוד-סידור און

אים אַ שטעק־אָפּ געטון אויף אַ באַנק ככלי אין חפץ בו, ווי אַן אָפּגעשלאָגענע הושענא, האָט ירוחם־שמערל — נאָך דעם ווי ער האָט פריער געמוזט צוהעלפן אַרויפצוזעצן דעם נייעם סידור אויף זיין כסא מלכותו — אַוועק־געטראָגן דעם בכבודיקן „יורד" און האָט אים באַהאַלטן אין דער אַלטער ספרים־שראַנק, אָבער גוט־גוט באַהאַלטן. ער האָט אים אָנגעשפּאַרט אין דער פּלייצע פון דער שאַפע און פאַרשטעלט מיט „אויסגעלערנטע" גמרות, עיין־יעקב׳ס, משניותן און סתם ספרים, וואָס האָבן שוין פון לאַנגע יאָרן פאַרלוירן זייער מעטריקע. דער אומגליקלעכער שמש האָט באותו מעמד אויסגעזעען, ווי איינער וואָס ס׳איז ביי אים אויף דער שיף געשטאָרבן זייער אַ נאָענטער נפש און ער באַמיט זיך צו פאַרמאַסקירן דעם בר־מינן, אַז די קאָמאַנדע זאָל אים נישט אַריינוואַרפן אין שטורמישן ים אַריין. ער האָט גוט געקענט די קליינע באַנדיטן — די דרדקי־יינגלעך און אפילו די חומש־יינגלעך — און האָט געוווּסט, אַז וויפל מען זאָל פון זיי עפּעס נישט אויס־באַהאַלטן, איז מען נאָך נישט זיכער, אַז אָט די מיאוסע שטשורעס וועלן עס נישט דערשנאַפּן און וועלן זיך צו אָט דעם „עפּעס" נישט דערקבר׳ן. וכך הוא —

נאָך הוצאת־הספר, ווען דער עולם צעלאָזט זיך איבערן בית־המדרש אויף יאַגד: טאָמער פאַקט מען ערגעץ אַ חומשל אויף צוצוהערן די קריאה און אפשר טאַקע כאַפּן דעם בעל־קורא ביי אַ גרייז — פאַר וואָס נישט? וואָס האָט נאָך מער דעם טעם פון גן־עדן, ווי אַז מען קען אָנהייבן פּאַטשן מיט דער דלאָניע אין סטענדער אַריין:

— דורכגעלאָזט אַ וואָרט! דורכגעלאָזט אַ וואָרט! ווידער איבערזאָגן דעם גאַנצן פסוק!

און אַלע מתפללים — פון דעם ווייבערשן עולם איז דאָך שוין אָפּגע־רעדט — קוקן אויף דיר מיט גרוים דרך־ארץ, וואָס דו האָסט אַזאַ שאַרפן חוש־השמיעה און לאָזסט נישט דורך אפילו קיין „קוצו של יוד" און קיין „פיר און זעכציקסטל" פון קיין מירכא־טיפחא"...

און אַזוי ווי יידישע קינדערלעך זענען פון דער נאַטור טייערע, איבער־געגעבענע קינדערלעך, וועלן זיי דאָך נישט בלייבן „קוקן ווי פייגעלעך פליען" בעת זייערע טאַטעס יאָגן זיך אַרום איבער דעם בית־המדרש ווי די פאַרסמטע מייז אין זוכענישן נאָך אַ חומש — חס וחלילה! אדרבה, זיי האָבן דאָך יונגע פיסעלעך, לויפן זיי נאָך פאַר די טאַטעס, אַזוי ווי להבדיל באַלף הבדלות די לאַשעקלעך פאַר די פערד און זיי קערן איבער אַלע

שאַפּעס און אַלע קאַסטנס מיט די פּיס אַרויף, אַבי געפינען אַ חומש פאַר דעם טאַטינקע.

און דאָ האָבן ווייסע־חברה דערטאַפּט דעם סידור הגדול הגבור והנורא, וואָס ביז איצט איז ער געווען פאַר זיי נישט צוטריטלעך פּונקט ווי דער „לחם־הפנים״ פאַר אַ פּראָסטן בשר ודם. אַזוי ווי יונגע וועלפּעלעך באַפאַלן די שווער־לייביקע וועלפּעכע, ווען עס קומט די צייט, וואָס זיי דאַרפן זיך אָנזויגן, אַזוי האָט די באָסע־קאָמאַנדע באַפאַלן די נעכטיקע פעסטונג, וואָס אין בן־לילה געוואָרן אויס פעסטונג און מען קען שוין אַהין אַריינקומען ווער עס וויל נאָר און ווען מען וויל נאָר... הותרה הרצועה — טו וואָס דו ווילסט!

אפשר דריי מנינים קליינע רוצחים האָבן זיך אָנגעוואָלגערט אויף דער כשר׳ער מציאה און האָבן זי אָנגעהויבן שלעפּן „צו זיך אַ ביסל״, „נעענטער אַ ביסל צו זיך״. אַלע אָנפאַלערס האָבן אַריינגעטייטלט מיט זייערע זולל וסובא׳דיקע פינגערלעך און האָבן אַריינגערוקט זייערע פאַרשיווע פּוק־סישע נעזעלעך און געמאַכט קולות עד לב השמים.

ירוחם־שמערל האָט מיט אַ פאַרשטאַרבן האַרץ צוגעקוקט, ווי די „שועלים קטנים מחבלים כרמים״ מאַכן חרוב דעם אַלטן בית־המקדש און ער איז געווען קאַפּאַבל כאַפּן די אייזערנע קאַטשערע, וואָס שטייט אין ווינקל לעבן דער הרובע און זיי אַלע צעשפּאַלטן די קעפּ, אָבער אַן אינערלעך קול האָט אים אַריינגעפּליסטערט אין די אויערן אַריין:

— זיץ און מיש זיך נישט און קוק נאָר צו מיט וואָס דאָס וועט זיך ענדיקן —

שמערעק האָט זיך ממש איינגעקלאַמערט אין דער באַנק, אַזוי האָט עס אים געטראָגן אין דער לופטן, אָבער ער האָט זיך דאָס מאָל גובר געווען. ער האָט געפילט, אַז עפּעס אַ נייעס, אַ שרעקלעכע נייס גייט אויף אין אים און כדי, אַז אָט די נייעס — כאָטש ער האָט נאָך אַליין נישט געוווסט: מה טיבו של עובר זה? — זאָל טאַקע קענען אויפגיין מיט מזל און ברענגען פירות מוז ער, שמערעק, זיך אַליין בינדן די הענט אַרונטער און זיצן סטאַטעטשנע, גלייך ווי ער איז בלינד און שטום און אָן אַ טראָפּן שכל.

שמערעק זעט, ווי איינער פון די בעלי־בתים האָט זיך דערנעענטערט צו דעם „בינשטאָק״, וואָס האָט זיך געשאַפן אַרום דעם אַלטן סידור, ער האָט האַסטיק אַראָפּגעכאַפּט פון זיך דעם גאַרטל און האָט אָנגעהויבן צו פּאַכען מיט אים איבער די קעפּלעך פון דעם קליינוואַרג:

— אַוועקט פונעם סידור, קליינע ווערעם! אַוועקט, וואָרעם אַט צעפּאַסעווע איך אייך די הינטנס —

איז אָבער גלייך אונטערגעקומען אַ צווייטער בעל־הבית און האָט אָפּגעוועגדעט דעם ערשטן:

— כּאַסקל, ביסט משוגע צי מטורף? וואָס האָסטו צו דעם קליינוואַרג? און אַז מען וועט אים אָפּפירן אויפן בית־עולם און דאָרט באַגראָבן צוזאַמען מיט אַנדערע „שמות״ וועט דיר שוין זיין ניחא'ר? בעסער זאָלן אים אַט די ווערעם צעפרעסן, איידער יענע דאָרטן, מיט די רויטע פּיסקעלעך —

דעם סידור'ם באַשיצער מיטן גאַרטל אין געפלי, אויסהערנדיק דעם מאָדנעם סניגור אויף דער חברה'ס רציחה, האָט ער אַ מאַך געטון מיט דער האַנט און איז צוריקגעגאַנגען אויף זיין פּלאַץ. אין דער זעלבער רגע האָט ירוחם־שמערל דערפילט, אַז אַזוי וועט עס נישט בלייבן! ער וועט זיך — אויב עס וועט נייטיק זיין — אפילו מוסר־נפש זיין פאַר דעם אַלטן סידור און וואָס נאָך? ער וועט נישט וואַרטן אפילו קיין איין טאָג! מצווה הבאה לידך — געדענקט ער נאָך אַזוי ווי דורכן חלום — אל תחמיצנה...

אין בית־המדרש איז אין יענעם שבת געווען רוישיק. עס האָט געשוועבט אין דער לופטן דער „וגילו ברעדה״. פון איין זייט: שבת מברכין; פון דער צווייטער זייט — אלול! היתקע שופר בעיר, והעם לא יחרדו? דער חזן האָט זייער שיין אויסגעציקלט מיט זיין פּנימה'דיק פאַלצעטל:

— ראש־חודש אלול, יהיה ביום השבת־קודש ולמחרתו ביום הראשון —

דער שוחט, וועלכן מען האָט צוגעשטעלט צום עמוד, האָט געמאַכט אַ קנייטש אינעם מוסף, ווייל דער ראש־הקהל האָט גערופן דעם גאַנצן עולם צו זיך אַהיים אויף קידוש לכבוד דעם אַנגעלייגטן גאַסט און טאַקע באַגיסן דעם סידור! עפּעס גאָר אַ קלייניקייט אַזאַ מתנה, וואָס באַטרעפט אַ היטל מיט געלט. ווען דער איידעם זאָל געווען וועלן פאַר דעם זעלבן סכום ברענגען ליכט אין בית־המדרש אַריין, וואָלט דאַכט זיך געווען געקלעקט עד ביאת־המשיח —

שבת נאָכן עסן איז ירוחם־שמערל געלעגן אויף זיין צעפּאָרן בעטל מיט אָפענע אויגן. קיין שלאָף האָט אים נישט גענומען און ער האָט נישט געבענקט נאָך אים אויך. עת לחשות ועת לדבר, — זאָגט שלמה המלך — ס'איז דאָך אָבער שבת אויף דער וועלט! ממצוא חפצך ומדבר דבר... איז

אויך דאָ אַן עצה: דיבור אסור, הרהור מותר! אויף יעדער זאַך קען מען געפינען אַן עצה. ער וועט טראַכטן אין זיך...

און ער איז לאַנג געלעגן און האָט לאַנג געטראַכט —

...דאָס האָט ער נאָך ביים דאַווענען פעסט באַשלאָסן: עס מעג זיך אפילו איבערקערן די גאַנצע וועלט, מוז ער צוריק אַרויפברענגען דעם אַלטן סידור אויפן עמוד! קוים שטאַרבט דער סידור, איז ממילא אויך אוים שמערעק! און ער האַלט, אַז ס'איז נאָך צו פרי, אַז עס זאָל שוין ווערן אוים שמערעק. און דערצו איז דאָ נאָר איין עצה — ער מוז אומברענגען זיין מלאך-המות, איידער דער מלאך-המות ברענגט אים אום. „הקם להורגך — האָט דער רב ערשט נישט לאַנג געלערנט אין „שיעור" — השכם להרגו". און אָפּטאָן די זאַך מוז ער וואָס שנעלער, איידער מען זאָגט אים אָפּ פון שמשות, ווייל אַצינד, אַז זיין בן-גיל איז געפאַלן, קען מען אַ ליאַדע טאָג זיך דערמאָנען אין אים... אַז ער איז שוין אויך עומד לקבורה... אודאי איז אים זייער נישט צום האַרצן, וואָס צו אים האָט זיך דער מלאך-המות באַוויזן אין דעם געשטאַלט פון אַ הייליקן סידור, אָבער דאָס איז דאָך נישט זיין שולד. ובכן? זאָל דער אַלטער סידור אָפּגעפירט ווערן אויפן בית-עולם, און ער אַליין, שמערעק, אויך אַהין, אַבי נישט אָנרירן דעם נגידישן איידעמ'ס מתנה? אָבער גאָר לא מיט אַן אַלף! כל זמן שהנשמה בקרבי — דאַרף מען זיך ראַנגלען מיטן מלאך-המות, מעג דאָס זיין אַ מלאך, צי אַ סידור, צי כ'ווייס וואָס נאָך אַזוינס...

און אין שמערעקס געדאַנקען שוועבן דורך פאַרשידענע אופנים, ווי אַזוי אומצוברענגען דעם נייעם סידור: נעמען אים און פשוט פאַרברענען? — ווי אַזוי פאַרברענט מען עס אַ סידור מיט יידישע אותיות און מיט שמות-הקדושים? דאָס איז דאָך אַ חילול-השם! פון באַהאַלטן אים ביי זיך אין דער היים איז נישטאָ וואָס צו רעדן — מען וועט קומען זוכן! אָ-אָ! נאָך ווי אַזוי וועט מען זוכן און טרעסלען און גראָבן און איבערקערן די גאַנצע וועלט...

שמערעק פילט אַ גרויסע הנאה אין זיינע אַלטע ביינער, וואָס ער, אַזאַ שלאַבעריקער זקן ווי ער איז, קען נאָך אָפּטון אַזאַ זאַך, אַז מען זאָל איבער איר מוזן איבערקערן די גאַנצע וועלט... אָבער ווי אַזוי זאָל ער עס מאַכן? אַז באַהאַלטן נישט און פאַרברענען אודאי און אודאי נישט — ווי אַזוי זשע דען? אודאי וואָלט געווען די בעסטע זאַך אים אַריבערפעקלען אויפן בית-הקברות און אים דאָרט ברענגען צו קבורה! דאָס וואָלט געווען: אי כשר, אי ישר, אי „וואָס די ערד דעקט צו — פאַרגעסט מען", אָבער

דער דאָזיקער פּלאַן טויג אויף כפּרות! שאַפן קען ער זיך ביי אַזאַ שטיקל אַרבעט מיט קיינעם נישט, — ער טאָר זיך קיינעם נישט פאַרגלייבן! און ווי באַלד אַזוי, ווער האָט בכח צו פאַרטראָגן אַזאַ משא אַזש אויפן בית־הקברות? אפילו אויפהייבן אים דאָ אין דאָ אין בית־המדרש איז אויך נישט פאַר זיינע שוואַכע כוחות, נישט נאָר אים טראָגן אַזוינע לאַנגע וויאָרסטן... און דערצו טאָר דער סידור נישט אַרויסגעטראָגן ווערן פונעם בית־המדרש, ווייל ס׳איז לא ימלט, אַז עמעצער זאָל אים באַמערקן און דאַן איז ער איינגעשטעלט מיטן לעבן, נישט נאָר מיטן שמשות...

וואָס זשע טראַכט מען פאָרט צו אַזעלכעס?

און דאָ ערשט איז אים איינגעפאַלן דער ריכטיקער פּלאַן. דער זקן האָט געמאַכט אַ פיינלעכע מינע אַ טראַכט טוענדיק, ווי שווער עס וועט אים אָנקומען דורכצופירן זיין נייעם פּלאַן, ער האָט אָבער גוט פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז דער איין און איינציקער גליכער גערדאַנק אויף וועלכן ער מוז זיך אָפּשטעלן —

דאַן האָט ער פון דאָס ניי פאַרקנייטשט זיין טיף־דורכגעאַקערטן שטערן:

— אַ זמן! ווען מאַכט מען דאָס? פון דורכפירן דאָס דאָזיקע שטיקל אַרבעט ביי טאָג איז דאָך אַ געלעכטער צו טראַכטן. קודם איז דער משוגענער פרוש פול אומעטום, ער קריכט כמעט נישט אַרויס פונעם בית־המדרש. ביי נאַכט ווידער, איז אויך נישט איבעריק זיכער. ערשטנס זענען דאָ אַזעלכע גרויסע מתמידים, יונגעלייט אויף קעסט, וואָס פאַרזיצן זיך אין בית־המדרש עד עלות השחר; והשנית: טאָר ער קיין ליכט נישט אָנצינדן, כדי נישט אַרויסרופן קיין חשד ביי די שכנים און דאָ איז שוין ווייט נאָך האַלב חודש, די לבנה קומט ערשט אַרויס נאָך האַלבער נאַכט און ער וויל נישט אַריינלאָזן די זאַך אין דער לאַנגער באַנק אריין... יעדער טאָג וואָס גייט אַוועק און דער אַלטער סידור וואַלגערט זיך צווישן די „שמות״ אין דער ספרים־שראַנק, ווערט ער אַלץ מער „אוים מענטש״... ביידע ווערן זיי „אוים מענטש״: אי ער אַליין, שמערעק, אי דער סידור. ער האָט געטראַכט און געטראַכט און זיך דערטראַכט דערצו, אַז די בעסטע צייט אויף אָפּצואַרבעטן דאָס דאָזיקע שטיקל אַרבעט איז טאַקע היינט ביי נאַכט! אויף דער פולער וואָך. און מכמה טעמים: ערשטנס זענען שבת־צו־נאַכטס די מתמידים צו ביסלעך מיד פונעם טשאָלנט און פונעם קוגל, איז אָדער זיי קומען אין גאַנצן נישט אין בית־המדרש אַריין, אָדער זיי קומען אויף אַ שעה, צוויי און אַז עס פאַלט אויף זיי אָן דער שלאָף צעקריכן

זיי זיך איבער די היימען. דאָס איז איין מאָל אַוועק! והשנית: ווי באַלד, אַז אָנצינדן קיין ליכט טאָר מען נישט, דאַרף מען אויסנוצן דאָס ביסל ליכט, וואָס די לבנה קען געבן און די לבנה ביי עטלעכע און צוואַנציק טאָג אין חודש גייט שוין אויף אַזוי אויך גענוג שפּעט... הלואי פאַרטיק ווערן איידער דער עולם הייבט זיך אויף פון די געלעגערס...

דאַן האָט ער נאָך אַ ביסל מהרהר געווען שוין גאָר-גאָר וועגן אַ וואָכעדיקן ענין: אַזוי ווי ער האָט נישט קיין צוועגגל אַזוי ווי יענער פריץ דאָרטן, און אַנטלייען ביי עמעצן אין אַזאַ שעת-חירום איז פאַר אים אַ סכנה, וועט ער מוזן מיטנעמען מיט זיך דעם האַקמעסער. כאָטש ער איז שוין היפּשלעך פאַרזשאַווערט, אָבער ער גייט דאָך נישט מיט אים איינ-האַקן קיין פיש, — צו דער מלאכה טויג ער נאָך... און אַזוי ווי ער האָט נישט קיין העמערל אַזוי ווי יענער נגידישער מחבל, וועט ער מוזן מיט-שלעפּן מיט זיך די האַק. כאָטש די „טאָפּאָרישטשע" פאַלט אַרוים פון דער האַק, אָבער דאָרט ווי עס גייט אין פקוח-נפש, וועט ער זיך שוין אַן עצה געבן —

— — — — — — — — — — — — — — — — —

די מוצאי-שבתדיקע נאַכט איז געווען פול מיט שיריים פון דעם הייליקן שבת. כאָטש ס'איז שוין געווען אַ פּאָר שעה נאָך האַלבער נאַכט, האָט אַ „גוטער אויער" נאָך געקענט אויפכאַפּן פונעם חלל-העולם: פאַר-בענקטע שטיקלעך ניגון פון ערב-שבתדיקן שיר-השירים; טרעלן פונעם לעבעדיקן „לכה-דודי"; אַ פּאָר דריידלעך פונעם „צור משלו" און דאַן אַ בינטל קרעכצן און זיפצן פונעם שבת-אינדערפריענדיקן תהילים; און אַ ציקלען זיך פון אַ מעביר-סדרה און פון דעם הפטורה-זאָגער און אַ שטיל געוויין פון „בני-היכלא'דיקן" כלות-הנפש און ועל כולם — דער נאָך נישט פאַרגאַנגענער צער פון דעם בין-המצרים און די זיך-אָנרוקנדיקע אימה פון די קומענדיקע ימים-הנוראים...

יאָ, אַן אויזן-קשבת האָט דאָס אַלץ געקענט אויפכאַפּן און אַרויסהערן פון דעם אָנגעלאָדענעם אויר-העולם, אָבער אַלע יידן זענען געשלאָפן מיט אַ מידן שלאָף און האָבן געלאָזט פאַרלוירן גיין אָט די אוצרות מיט פאַר-שידענע קולות ושברי-קולות. אפילו ירוחם-שמערל דער שמש, וואָס איז גראָד יאָ וואַך געווען, האָט אויך נישט אין זינען געהאַט אויפצוקלייבן אָט די אוצרות פון נגינה און פון דבקות און פון כלות-הנפש. ער האָט זיך מיט קעצישע טריט געגנבעט אין די שאָטנדיקע הינטער-ווענט און הינטער-

פלויטן און איז געווען מלא־טענות און מלא־תרעומות אויף דער מלכות׳־דיק־שיינעדיקער לבנה פֿאַר איר צו העלער שיין:

— טייערע לבנה, זאָלסט מיר לעבן און געזונד זיין! אין בית־המדרש דאַרף איך דיך האָבן נייטיק ווי אין לעבן, אָבער איצט — פֿאַרקוק זיך אויף אַ ווײַלע! וואָס שפּירסטו מיר נאָך, ווי איך וואָלט געווען אַ גנבֿ?

אין פּאָליש איז געווען דושנע און פֿינצטער, אָן אויג זיך אַרויסצונעמען. דער אַלטער מיט זיינע שווערע תכסיסי־מלחמה האָט זיך רירעוודיק אַרויפֿגעקאַראַבקעוועט אויף די טרעפּ און האָט זאָרגעוודיק פֿאַרשלאָסן הינטער זיך די טיר אויף ביידע פֿרענטעס. אויף אַ ווײַלע האָט ער זיך פֿאַרטראַכט: עפּעס קען ער זיך נישט דערמאָנען, ווען ער האָט שוין פֿאַר זיין גאַנץ לאַנג שמשות פֿאַרשלאָסן אַ מאָל די טיר פֿונעם בית־המדרש...

אין בית־המדרש גופֿא איז געהאַנגען אַ צעדריבלטע חשכות. און צעדריבלט איז זי געווען פֿון איין זייט פֿון דעם דינעם, פֿאַרנעפּלטן אָפּשיין פֿונעם נר־תמיד און פֿון דער צווייטער זייט — פֿון די העלע גרין־בלאָלעכע פּאַסמעס לבנה־שטראַלן. אַ ווײַלע איז דער שמש געשטאַנען ביי דער שוועל אַ פֿאַרשטאַרטער, ווי ער וואָלט זיך צוגעהערט צו דעם, וואָס קומט פֿאָר אינעווייניק אין אים. ער האָט אפֿילו פֿאַרגעסן, אַז ער האַלט זיך נאָך אַלץ מיט דער שווערער האַק און מיטן האַקמעסער, וועלכע „רייסן אים ממש אָפּ די קישקעס אין בויך". „ויקרבו ימי ישראל למות", — מאַכט דער אור־החיים הקדוש: אַלע זיינע טעג און יאָרן, וואָס יעקבֿ האָט אָפּגעלעבט, זענען זיך צונויפֿגעקומען צו זיין פּטירה. דעסט גלייכן איז באותה רגע געווען ביי ירוחם־שמערלען. די גאַנצע זיקנה זיינע האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אין זיינע פּיס און האָט זיך אויפֿגעהאַנגען אויף זיינע קניעס, ווי אומגעהייער־שווערע געוויכטן. גלייך אָבער איז דערגאַנגען צו זיין פֿאַרשטאַנד, אַז ער מאַכט דאָ צו לאַנגע שהיות און די נאַכט שטייט נישט. מיט דער רירעוודיקייט פֿון אַ יונג בחורל האָט ער זיך צוריק אויסגעדרייט צו דער טיר, ווידער אַ מאָל בודק געווען, צי זי איז גוט פֿאַרשלאָסן און האָט זיך האַסטיק דערנענטערט צום בעלעמער.

דער בעלעמער אין גרויסן בית־המדרש איז געווען עפּעס אַ מין בנין בפֿני עצמו, אַ בנין בתוך בנין. ער האָט פֿאַרנומען דעם שטח פֿון אַ סוכה אויף אַ דריי פֿיר מנינים יידן און האָט געהאַט אויך אויף זיך אַ געשניצט דעכל, וואָס האָט זיך געהאַלטן אויף פֿיר עמודים, עפּעס כמו ווי אַ מין חופּת־כּבוד... פֿון אַלע פֿיר זייטן איז דער בעלעמער געווען אַרומגעבויעט מיט „שטעט", — שווערע, מאַסיווע בענק און סטענדערס. פֿון ביידע זייטן,

פון דרום-זייט און פון צפון-זייט האָבן צום בעלעמער געפירט צוויי אַרויפ־גענג, צו דריי טרעפּלעך אין יעדן. דאָס פּאָלעכל, אויף וועלכן ס'איז געשטאַנען דער שולחן איז געווען מער ווי אַן אַרשין די הייך פונעם גרויסן פּאָל. אין אָט דעם גרויסן הילצערנעם בויך זענען געלעגן זעק מיט „שמות" און מיט אָפּגענוצטע תשמישי-דקדושה. לכתחילה פלעגן זיך אָט די חפצים קלייבן אין שאַפעס, אין פּאָליש אונטער די בענק און אפילו אין דער ווייבערשער שול, פּשוט אין אַ ווינקל איינגעדעקט מיט אַ רעדנעלע. אויפן בוידעם האָלטן אַזעלכע זאַכן האָט מען מורא געהאַט פאַר אַ שׂרפה אין די גרויסע היצן. ווען אָט די אַלע ערטער און ערטעלעך זענען שוין געווען איבערפולט, האָט מען דאָס אַלץ אָנגעשטופּט אין זעק און — אונטער דעם בעלעמער! דאָרט האָט זיך דאָס אַלץ געקליבן און געקליבן צענדליקער יאָרן, און ווען ס'איז שוין אויך דאָרט אוממעגלעך געוואָרן עפּעס אַריינצושטופּן, האָט מען אויפן בית-עולם אויסגעגראָבן אַ „קרקע" און מען האָט געדונגען מיכל דעם שטריקלדרייערס פערד און וועגעלע און די גאַנצע שטאָט איז נאָכגעגאַנגען צו דער לוויה, ווייל ווער האָט עס נישט קיין חלק אין דעם דאָזיקן „בר-מינן"? אָבער אַזאַ מין לוויה האָט געקענט טרעפן נישט אָפטער, ווי איין מאָל אין דרייסיק—פערציק יאָר. שמערעק, למשל, געדענקט גאַנצע צוויי לוויות אַזעלכע, אי דאָס איז ער צו דער ערשטער פון אָט די צוויי נאָך אפילו קיין זיידע נישט געווען —

דער אַלטער ירוחם-שמערל האָט זיך שוין ביסלעכווייז צוגעוווינט צו דער טונקלקייט און די שיין פון דער לבנה איז אים גאַנץ גענוג געווען. ער האָט פון זיך אַראָפּגעוואָרפן דאָס רעקל און דעם טלית-קטן און אפילו די שיך — אַז זיי זאָלן נישט קלאַפּן. מאַלע וואָס עס קען זיך פּאַסירן! דאַן האָט ער אַרויסגעוויקלט די האַק פון דער האַלטער ציך, אין וועלכער ער האָט זי געטראָגן איינגעוויקלט, כדי זי זאָל נישט „שיסן" קעגן דער לבנה און נאָך דעם ווי ער האָט נאָך פאַרקאַטשעט די אַרבל פון דער העמד, האָט ער זיך ערנסט גענומען פאַר דער אַרבעט —

קודם האָט ער מיט דער שאַרף פון דער האַק ביסלעכווייז אָפּגעטוליעט אַ ברעטל פון איין טרעפּל און דאַן — אָפּגיסנדיק זיך מיטן זיבעטן שוויים — האָט ער אָפּגעריסן נאָך איינס און נאָך איינס. דער אונטערן-בעלעמער איז שוין געשטאַנען מיט אַ צעעפנטן מויל, ווי דער שאול-תחתית. די פון די איבערשטע און זייטיקע ברעטער אַרויסשטאַרטשנדיקע טשוועקעס האָבן זיך באַגעגנט מיט די גרינבלעכע שטראַלן פון דער לבנה און האָבן אויס־געזען ווי לעבעדיקע ציין פון אַ פאַרמבולדיקער חיה. אַ רגע כמימרא איז

שמערעק שטיין געבליבן אַ דערשראָקענער פאַר דעם גוואַלדיקן חורבן, וואָס ער האָט דאָ אָנגעמאַכט, אין די אויערן האָט זיך ביי אים צעקלונגען: „בום־בום", „בום־בום", ווי בשעת מען רופט די שטאָט אויף אַ שרפה. און טאָמער איז אים דאָס נאָך ווייניק, האָט אים גראָד איצט געגעבן אַ זעץ אין קאָפּ אַריין אַ שפּליטער פון אַ פּסוק פון די חדר־יאָרן: „אם במחתרת ימצא הגנב"... „אם זרחה השמש עליו"... „אם המצא תמצא בידו הגנבה"... די אַלע פריקרע ווערטער: „מחתרת", „גנבה", האָבן אים געשטאָכן אין קאָפּ ווי אָנגעגליטע שפּיזלעך, ווי טראָפּנס ברענענדיקער טריוואַקס, ער האָט מיט אַ מאָל פאַרלוירן דעם „פאָדעם" פון זיין גאַנצער מלאכת־מחשבת און ער איז געבליבן שטיין אָפּהענטיק און פאַרלוירן, נאָר באַלד האָט ער זיך דערמאָנט אין דער סצענע ביים „אויסנעמענס" און ער האָט זיך, — אַ באַרוועסער מיט אַרויפגעקאַטשעטע פלידערן, — כדי זיי זאָלן זיך נישט פּלאָנטערן פאַר די פיס און האַמעווען די אַרבעט, — נאָך מיט מער פליים און מיט מער ברען אַריינגעוואָרפן אין דער אַרבעט.

ווען די בייזע ציינער פון דער אונטערנבעלעמערדיקער חיה זענען איינ־ציקווייז געוואָרן אַרויסגעצויגן, האָט שמערעק אָנגעהויבן אַרויסצוטאַסקען די פאַרלעגערטע זעק מיט די קאַליע־געוואָרענע תשמישי־קדושה. ווען די פעדערשטע עטלעכע זעק זענען שוין געווען אויף דער זייט, האָט ער, — קרעכצנדיק דערביי און אויקענדיק — זיך אַליין אַריינגעקוועטשט אין דער לאָך און פון דאָרטן געשלעפּט די איבעריקע, די ווייטע. אַזוי האָט ער געאַרבעט אַ היפּשן שטיק צייט, איידער ער האָט דערלעבט צו זען פאַר זיך דעם לעצטן זאַק, דעם סאַמע ווינקלדיקסטן. דערזען, אַז אונטערן בעלעמער איז שוין ליידיק, איז ער ממש אומגעפאַלן אויף איינעם פון די בייכיקע זעק און האָט געסאַפּעט, ווי אַ בלאָזזאַק. דאַן איז ער צוגעגאַנגען צום האַנטפאַס און האָט מיטן איינגענעצטן עק פונעם האַנטעך זיך באַנעצט די שלייפן. דאָס האָט אים אַ ביסל דערפרישט און ער האָט זיך דערפילט בכח מסיים צו זיין דאָס פאַרטראַכטע שטיקל אַרבעט.

ווען ער האָט זיך אומגעדרייט פונעם האַנטפאַס איז ער אויף אַ ווײַלע שטיין געבליבן אַ דערציטערטער פון דעם בילד, וואָס האָט זיך פאַר־געשטעלט פאַר זיינע אויגן: די הינטערשטע העלפט פונעם גרויסן בית־המדרש איז געווען געדיכט פאַרזייט מיט טונקעלע בערגלעך, וואָס האָבן אויסגעזען ווי אַלטע, האַלב־צעשווענקטע קברים און צווישן זיי — דער פינצטערער אָפענער פּיסק פונעם אונטערן־בעלעמער. די לבנה האָט שוין

אויסגעזען פאַרשלאָפן, פאַרחלומט, נאָר פונעם שלאָף האָט זי פון דעסט וועגן געמוסרט דעם אַלטן וויסן־חברה׳ניק:

— נו, איך פרעג דיך אַליין, שמערעק, טוט מען יאָ אַזאַ זאַך? און נאָך ווו? אין אַ מקום־קדוש! און נאָך ווען? שבת שמברכין אלול! ווו האָסטו אַזוינס געזען און ווו האָסטו אַזוינס געהערט?

אָבער דער אַלטער בונטאַר האָט נישט פאַרגעסן אפילו אויף קיין איין רגע, אַז ער האַלט נאָך פאַר אַלעמען און אַז די נאַכט שטייט נישט. ער האָט פון די אַרויסגעטאַסקעטע זעק אָנגעהויבן אַרויסצושלעפּן אַלע צערי־סענע טליתים, אַ באַרג מיט טליתים. דאַן האָט ער אויסגעזוכט דעם גרעסטן, גאַנצסטן זאַק און האָט אים אויסגעליידיקט ביז דער לעצטער „שמה״. אָפּגעטון אָט דאָס אַלץ האָט ער גענומען דעם האַקמעסער און האָט זיך דערנעענטערט צום עמוד. נאָר דאָ האָט אים דער מוט אין גאַנצן פאַרלאָזט. ער האָט זיך אַליין געזען ווי אַ פעלד־גזלן, וואָס דערנעענטערט זיך צו זיין קרבן מיט אַ מעסער אין די הענט. אונטערן שיטערן אָפּשיין פונעם נר־תמיד האָט דער נייער סידור געפינקלט מיט אַלע חנ׳ען אין דער וועלט. עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז דער נייער סידור שרייט צו אים אויף קולי־קולות:

— אַלטער גזלן, וואָס האָב איך דיר געטון, וואָס דו ביסט געקומען מיך קוילען? איז דאָס דען מיין שולד, וואָס דו ביסט שוין אַלט און חרוב? פאַר וואָס ווילסטו מיך באַגראָבן לעבעדיקערהייט, האַ? גאָטס אויג זעט אַלץ, האָב מורא פאַר גאָט, רוצח דו! דאָס וועט דיר נישט געשענקט ווערן, געדענק!

אַ קאַלטער שווייס איז אַרויסגעטראָטן אויפן שמש׳ס גאַנצן קערפּער. ער איז קוים איינגעשטאַנען אויף די פיס און איז בשעת־מעשה כלל נישט געווען ענלעך אויף קיין הורג־נפשות. ער האָט דערפילט, אַז ס׳איז שלעכט מיט אים. אָט אַזוי שטייענדיק קען ער פאַלן חלשות און פון זיין גאַנצן פּלאַן וועט זיך אויסלאָזן אַ טייך. ווי אַ טרינקענדיקער כאַפּט זיך אָן אין אַ שטרויעלע, אַזוי איז שמערעק צוגעלאָפן צום אַלטן ספרים־שראַנק און האָט אַרויסגעכאַפּט דעם אַלטן, פאַרשעמטן סידור. די עצה איז געווען אַ גוטע עצה. כהרף עין האָט זיך צו אים אומגעקערט זיין גאַנצער מוט און זיין גאַנצע אַנטשלאָסנקייט. פאַר זיינע אויגן איז דורכגעשוווּמען דאָס בילד בשעת דעם „אויסנעמענס״ און ער האָט אַזש אָנגעהויבן צו קריצן מיט זיינע אויסגעקרומטע, פאַרזשאַווערטע ציין:

— ווי די מיאוסע פליגן באַפאַלן דעם קערפּער פון אַ טויטן לייב,

אַזוי זענען זיי אים באַפאַלן, די קינדער... און די באַטקעס זייערע זענען אויך נישט בעסער פון זיי... אַזוי וואָלטן זיי געטון מיט מיר אויך, ווען איך לאָז זיך נאַר... טאָ וואָרט זשע אוים ביי מיר, איר!

ער האָט דערפילט ווי פרישע בלוטן, בלוטן פון נקמה צעריזלען זיך אין זיינע אברים. מיט דער אומברחמנותדיקייט פון אַ תליון איז ער צוגע־גאַנגען צום נייעם סידור און האָט מיטן האַקמעסער אָנגעהויבן אַרוים־שלעפן פון זיינע טאָוולען איין טשוואָק נאָכן אַנדערן, איין טשוואָק נאָכן אַנדערן. ווען דער סידור איז שוין לחלוטין געווען „אָפּגעקנעפּלט״, האָט ער אים גוט־גוט אַרומגעוויקלט מיט די טליתים, וואָס ער האָט אַרוים־געפּליקט פון די זעק, דאַן האָט ער דעם פּאַפּירענעם בר־מינן אַריינגעשטופּט אין אויסגעליידיקטן זאַק אַריין און האָט אים אַרומגעלייגט מיט די אוים־געשאָטענע „שמות״, אַלטע רצועות און אַלטע מענטעלעך. ווען דער זאַק איז שוין געווען „אין ניינטן חודש״, האָט ער אים מיט אַ שטריקל איבער־געבונדן „דאָס מויל״, האָט אים אַרונטערגעקייקלט אונטערן בעלעמער און איז אַליין אויך אַרונטערגעקראָכן אַהינצו: דאָרט האָט ער אים מיט די לעצטע כוחות צוגעשטופּט אין סאַמע וויטסטן ווינקל פונעם ריזיקן אונטערן־בעלעמער־מויל, טיף־טיף אונטער פּתחיה־וואָלף דעם קצב׳ס „שטאָט״.

דער שמש האָט איצט געאַרבעט מיט דער געשווינדקייט פון אַ קונצנמאַכער. איין זאַק נאָכן צווייטן זענען צוריק אַריינגעשאַרט געוואָרן אין זייער ערב־קבר׳דיקן קבר, דערנאָך איז ווי ווייט מעגלעך שטילער און פאַרזיכטיקער צוגענאָגלט געוואָרן איין ברעטל נאָכן צווייטן ביז די טרעפּלעך האָבן אָנגענומען זייער שטענדיקע צורה. ווען דאָס אַלץ איז געווען אָפּגעטון האָט דער שמש זאָרגעוודיק אַרומגעווישט דעם עמוד מיט די שרייענדיקע טשוועקעס־לעכער, אַז עס זאָל נישט בלייבן קיין מינדסטער שפּור: מיט וואָס פאַר אַ כלים מען האָט דאָ געאַרבעט. דאַן האָט ער נאָך געכאַפּט אַ קוק, צי ער האָט אָוועקגעלייגט דעם אַלטן סידור אַזוי ווי ער איז פריער געלעגן, — מכות וועלן זיי ביי אים ווייסן, אַז די „פּטירה״ פונעם נייעם סידור האָט עפּעס אַ סמיכת־הפּרשה מיטן תחית־המתים פונעם אַלטן סידור! דאַן האָט ער גענומען זיין האַק מיטן האַקמעסער און האָט זיי מיט דער קאָטשערע אַרויפגערוקט אין הרובע אַריין, אַרויף, אַרויף, „צום סאַמע שלונג״. און דאַן ערשט האָט ער גוט־גוט איינגעפּעצט די אַלטע ציך, אין וועלכער ער האָט געבראַכט אַהער זיינע כלי־זיין, און האָט זיך

צעלייגט איבערן פּאַל אָפּצוואַשן אויף גינגאָלד אַלע סימנים פון דעם שטיקל אַרבעט, וואָס דאָ איז היינטיקע נאַכט אָפּגעטון געוואָרן —

אויף די שפּיץ פינגער האָט זיך שמערעק דערנעענטערט צו דער פאַרשלאָסענער טיר און האָט זיך לאַנג איינגעהערט. עס האָט אויסגעזען, ווי ער וואָלט געהאַט אַ שטיקל חשד: טאָמער שטייט דאָרטן עמעצער און הערט זיך אונטער. אָבער הערנדיק, אַז ס'איז נישטאָ וואָס צו הערן, האָט ער זי אויפגעשלאָסן און האָט זיך אַרומגעקוקט: אויף די טרעפּ און אין פּאָליש איז געווען פינצטער פּונקט ווי בשעת ער איז געקומען אַהערצו. ער האָט אָפּגעאָטעמט מיט דער פולער ברוסט און האָט אַ פאַראַכטנדיקן שמייכל געטון צו זיך אַליין:

— ווער אונטערקוקן? ווער אונטערהערן? מען פּאָפט אַלע ווי די איוואָנעס —

און ער איז אַוועק צום טייך זיך אַרומוואַשן פון דעם גאַנצן שמוץ, וואָס ער האָט היינטיקע נאַכט אויף זיך אַרויפגעשלעפּט...

און טאָמער דערזעט אים אפילו ווער, וועט יענער ביי זיך אויס־טייטשן: געגאַנגען זיך טובל זיין. אַן עלטערער ייד וויל פאַרגלעטן די אָפּגעטונענע עוולות און טאַקע ערב ראש־חודש אלול... אַ פיש אין וואַסער ציטערט, זאָל אַזאַ באַ־בימים נישט ציטערן? ווען דען, אויב נישט אין אַזאַ עלטער, האָט מען שוין יאָ אַ הרהור־תשובה? אם לא עכשיו — אימתי?

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

גראָד אין יענעם פרימאָרגן האָט זיך ירוחם־שמערל נישט איבעריקס געאיילט אין בית־המדרש אַריין. וואָס האָט ער קיין צייט נישט? זאָל דאָרט איבערקאָכן דאָס הייסע בלוט אָן אים.

ווען ער האָט זיך ענדלעך געלאָזט גיין דאַווענען האָט מען שוין, אויף זיין חשבון, געמוזט האַלטן נאָך „ברכו”. צום סוף — ווער? וואָס? קיינער האָט נאָך אפילו נישט געקלערט צו זאָגן „ברכות”. די גאַנצע שטאָט האָט שוין געוווּסט פון דער שרעקלעכער גנבה און אין בית־המדרש האָט געקאָכט ווי אין אַ קיטעל־הויז. ווי מען האָט נאָר דערזען אויף דער שוועל שמערעק דעם שמש, אַזוי האָבן זיך אַלע מתפּללים צעלאָזט לויפן צו אים, גרייט אים דורס צו זיין —

— ווהין איז אַהינגעקומען דער סידור פונעם עמוד? דער נייער סידור?

ר' ירוחם־שמערל האָט געהאַט „נישט קיין ריינע הענט”, האָט ער זיך קודם געוואַשן מיט דער קאָרט דריי מאָל אויף יעדער האַנט כדת וכדין

און געזאָגט „אשר יצר” אויפֿן קול. ווען ער האָט אויסגעלאָזט: „הרופא כל בשר ומפליא לעשות” און דער גאַנצער עולם האָט געענטפֿערט „אמן”, האָט ער אויף זיי אָנגעשטעלט זיינע קאַליע־ווערנדיקע פֿאַרחידושטע אויגן:

— וועלכער סידור?

אין שטאָט האָט געקאָכט ווי אין אַ קעסל. ווער דאַווענען? וואָס דאַווענען? וועמען ליגט איצט אין קאָפּ זיך גאָר שטעלן דאַווענען? יעדער פֿאַר זיך האָט ווי עס איז אָפּגעכאַפּט די תפילה און מען איז אַרויס אין גאַס אַריין. און אין גאַס איז שוין דווקא געווען וואָס צו זען און וואָס צו הערן. אַלע יידן פֿון דער שטאָט, פֿון גרויס ביז קליין, האָבן זיך געבראָכן די מוחות אויף׳ן אָט דער אויסטערלישער געשעעניש. טויזנטער המצאות האָבן זיך געמישט מיט טויזנטער קלוגע סברות.

מכל פנות העם האָט מען געטענה׳ט מיט די הענט און מיט די עלנבויגנס און מיט שוים אויף די ליפּן:

— אָבער וועמען קען נוצן אַזאַ סידור? פֿאַר אַ יחיד טויג ער דען?

— שאַ, חכם פֿון דער מה־נשתנה! מער איז דיר גאָרנישט קשה? הלמאי בערעלע דעם שוחטס האָט נעכטן ביי נאַכט אין בית־המדרש געגרייט אַ לייענען אפֿשר ביז איינס אַ זייגער און נפתלי דער צעלניקער מיט אברהמל דעם מוכר־תבואה׳ניק דערציילן, אַז זייגער פֿינף פֿאַר טאָג זענען זיי שוין געווען אין בית־המדרש — ווען זשע האָט שוין געקענט פֿאַרקומען די גנבה?

— און זיי האָבן נישט געזען, צי דער סידור איז נאָך געווען אויף זיין פּלאַץ, צי ניין שוין?

— ס׳איז זיי גאָרנישט איינגעפֿאַלן צו קוקן, איז זיי נישט...

— זאָגט נאָר, און אפֿשר איז דאָס אַ שטיקל אַרבעט פֿון „יענער חברה”? די גמרא איז דאָך פֿול און פֿול מיט מעשׂות פֿון שדין רוחין ולילין, האַ? אפֿשר האָט שולט געווען אַן עין־הרע און... כ׳וויים?

— רבותי, און אפֿשר דאַרף מען גאָר לערנען פּשוט׳ן פּשט: אפֿשר האָט אונדזער ראש־הקהל חרטה געקריגן אויף זיין איידעמס מתנה — מן הסתם אים וויניק כבוד אָפּגעגעבן פֿאַר איר — און ער אַליין האָט דעם סידור צוריק אויסגעליגן אויף אַ שטיקל צייט?

— און איך זאָג אייך, אַז די גאַנצע מעשׂה מיט אָט דער אויסטער־לישער גנבה איז עפּעס אַ לא־דבר! אַ פֿאַרבלענדזעניש אָדער אַ פֿאַרפּי־רעניש אָדער כ׳וויים וואָס אַזעלכעס? אַן אחיזת־עינים רחמנא ליצלן,

האָקום-פּאָקום! וואָרעם נעמט אַ חשבון: וועמען קען נוצן אַט דער סידור? קיין גוי וועט אים דאָך נישט גיין גנבענען — זיי דאַוונען דאָך אַלע פון אויסנווייניק! אלא וואָס דען וועט איר זאָגן — אַ ייד? איינער מאחינו בני-ישראל? עפּעס אַ מין עכן בן כרמי?

— גיי, פּרא-אדם וואָס דו ביסט! וועלכער ייד וועט עס גיין גנבענען אַזאַ סידור? קודם איז דאָס דאָך הקדש! והשנית, צו וואָס נוצט ער אים? אַ יחיד קען דען דאַווענען פון אַזאַ אומגעלומפּערטן לויתן? ווו וועט ער אים גאָר צעלייגן, ווו?

— איר הערט רבותים, דיינים, מומחים, איך שווער אייך ביי מיין באָרד און פּאות, אַז די גאַנצע טראַגעדיע מיט דער גנבה פונעם סידור גייט מיך אָן ווי דער פּאַראַיאָריקער שניי... ווייסט איר גאָר וואָס איך וועל אייך זאָגן? איבערגעקערט דעם שמוים! בדיעבד טוט מיר גאָר די גאַנצע מעשה ווילד הנאה. דערוויל טאַראַראַמט זיך אין שטעטל. קען מען כאָטש אַ מאָל אין אַ יובל אַ לאַך טון. איי, דער שאָדן? קלאַפּן זיי זיך קאָפּ אין דער וואַנט די נגידים צוזאַמען מיט זייערע מתנות! איך קען באַשטייען, אַז יעדער בעל-תפילה, וואָס שטעלט זיך צו צום ברעטל, זאָל זיך דאַווענען פון זיין אייגן סידורל...

— אויך מיר אַ דאגה! אַזעלכע צרות, ברודערקע, קען איך טראָגן באַרג-אַרויף אויף איין אַקסל און נישט מיד ווערן —

— ווייסט איר וואָס איך וועל אייך זאָגן, רבותי? כאָטש אונדזער ראש-הקהל זאָל לאַנג ליגן אויף איין זייט איז דאָך זיכער אַ שיינער ייד און כאָטש זיין געניידעמל זאָל מאריך ימים ונשים זיין איז דאָך אודאי און אודאי אַ צאַצקע אַ יונגערמאַן — אגב, איך האָב זיי ביידע טיף-טייער אין דער ערד, — און כאָטש זיי ביידע זענען מורא'נדיקע נדבנים, והראיה — אַט שענקען זיי דאָך גוואַלדאָוונע סידורים אין בית-המדרש אַריין! און כאָטש —

און דאָ איז אַוועק אַ צעטל פון כמה וכמה „כאָטשן" —

— ...פון דעסט וועגן מעגן זיי אונז ביידע האָבן צו אַכציק שוואַרצע יאָר אויף אַ חלק און זייערע ווייבעריעס — די זעלבע פּאַרציע, נאָר אויף באַזונדערע טעלערלעך. אַט די פּעטע חזירים, וואָס קיין אָרעמאַן קיין לעפל קרופּניק וועט מען נישט געבן, ווייל דאָס מוז געטון ווערן בשתיקה, אָן אַ קעסלפּויק און אָן שופר-בלאָזן! און סידורים אין בית-המדרש אַריין, אַז עס זאָל קלינגען די גאַנצע שטאָט און די גאַנצע סביבה מיט זיי און מיט זייער אָפּענער האַנט — דאָס דווקא יאָ! און מיר פּערד, לאַשעקעס אַזעלכע,

דאַרפֿן נאָך זיין זייערע טרומייטערס און זייערע קלעזמער... האַ, נישט דערלעבן זאָלן זיי עס! אפשר בין איך נישט גערעכט, האַ?

מער ווי אומעטום האָט זיך געקאַכט ביים ראש־הקהל אין שטוב און מער ווי אַלע יידן, האָט זיך געקאַכט דער ראש־הקהל אַליין.

— ...ווען מען ווייזט אים דעם גנב — האָט ער געגוואַלדעוועט אויף דער גאַנצער גאַס — וואָלט ער אַליין מיט די אייגענע הענט אים אַרויסגעריסן דעם גאָרגל —

און דער גאַנצער עולם, פאַר וועלכן ער האָט געהאַלטן אָט די דרשה, קוקנדיק אויף זיינע מיט בלוט־אָנגעגאָסענע אויגן, האָט אים באמת געגלייבט, אַז ער איז פעאיק דאָס צו טון.

— יידן! — האָט ער ווייטער געדונערט פונעם בויך אַרוים — יידן! איך שווער אייך ביי מיין באָרד און פאות — בלוט וועט זיך גיסן אין אַלע גאַסן, אויב דער סידור וועט זיך נישט אָפּזוכן... געדענקט, איך בין נישט ערוב פאַר זיך —

און דער עולם האָט אים געגלייבט, אַז ער איז נישט ערוב פאַר זיך.

אויפֿן באַפֿעל פונעם צעפלאַמטן ראש־הקהל זענען אוועק אפשר צען פאַרלעך איבער דער שטאָט און האָבן איבערגעטרעסלט כמעט אַלע יידישע הייזער צוזאַמען מיט די בוידעמס, מיט די קעלערס, מיט די האַנטקעמער־לעך, מיט די שטאַלן און — רעד צום לאָמפּ! והילד איננו!

אויפֿן באַפֿעל פונעם ראש־הקהל האָט מען צעשיקט רייטערס אין אַלע אַרומיקע שטעטלעך מיט בריוו: טאָמער קומט עמעצער פאַרקויפֿן אַזאַ און אַזאַ סידור, למען השם מען זאָל אים שוין פֿון דאָרט לעבעדיק נישט אַרויסלאָזן! מען זאָל אים לאָזן קאָוועז אין קייטן און צושטעלן מיטן עטאַפּ קיין וואָלאָדאַרקע.

און ירוחם־שמערל איז באַגלייך מיט אַלע בעלי־בתים געווען אין גאַס, אַריינגעשטעקט די נאָז אין אַלע רעדלעך, ווו צוויי איז ער געווען אַ דריטער און אומעטום האָט ער געוואָלט וויסן דאָס רעכטע־געדעכטע:

— נו, וואָס קינדערלעך? מען הערט נישט גאָרנישט קיין נייעס? האַ? קיינער האָט נישט געזען, קיינער האָט נישט געהערט?

די באַלעבאַטים האָבן זיך פון אים אָפּגעשאָקלט, ווי פון אַן איינגע־געסענער פליג:

— טשעפּעט זיך אָפּ פון אונדזער נשמה, שמערעק! זייט זיכער, אַז מ'וועט נאָר זיין עפּעס נייעס, וועט מען אייך מסתם קומען מודיע זיין — אויף צו מאָרגנס, אַז פון אַלע חקירות ודרישות איז מען נישט געוווי־

געוואָרן קיין איין ניי וואָרט, האָט דער ראש־הקהל געפאָדערט פונעם רב, אַז יענער זאָל פון דער בימה אויסרופן אַ חרם אויפן גנב, באַם ער קערט נישט אום די גנבה ביז דריי טעג! און דאָס אַריינוואָרפן אין חרם זאָל זיין מיט אַלע פּישטשעווקעס: מיט שוואַרצע ליכט, אָנגעטון אין טלית און אין קיטל, מיט שופר־בלאָזן און מיט אַלע אַנדערע זיבן זאַכן. האָט אים דער רב דערויף געענטפערט, אַז ער האָט נישט געפונען אַזאַ דין אין ערגעץ. סיידן ער, דער ראש־הקהל, וועט אים ברענגען אַזאַ באַפעל פונעם „וועד ארבע ארצות", אָדער פונעם בית־דין פון ירושלים, וועט ער דאַמאָלסט האָבן אַ ישוב־הדעת —

עס זענען פאַריבער עטלעכע טעג.

די צערייצטע געמיטער זענען געוואָרן צוגעלאָשן. ווידער איז דער אַלטער עמוד־סידור געווען צוגענאָגלט אויף זיין אַלטן פּלאַץ. מען האָט אים מיט גרויס פאַראַד אַרויסגענומען פון זיין געפענגעניש, — פון דער אַלטער שאַפע דאָרטן, — טאַקע בפועל ממש ווי ביי יוסף־הצדיק שטייט געשריבן: „ויריצוהו מן הבור, ויגלח ויחלף שמלותיו"... מען האָט זיך פאַר אים ווידער געבויגן אין דרייען, ווי בימי שפוט השופטים, פאַר יפתח'ן, וועלכן מען האָט אויך פריער בבושת־פנים פאַרטריבן פונעם „ברעטל"... ווידער איז דער חברה קליינוואַרג אָנגעזאָגט געוואָרן מיטן הארבן וואָרט, אַז מען וועט זיי צעברעכן רוקן און לענד אויב זיי וועלן וואַגן זיך בלויז צורירן צום סידור. דער גאַנצער ענין: אַלטער סידור, נייער סידור האָט שוין אָנגעהויבן פאַרגעסן צו ווערן, — סוף כל סוף קיין גרעסערע דאגות האָט מען שוין נישט? — נישט פאַרגעסן אין אָט דער מעשה האָט נאָר ר' ירוחם־שמערל דער שמש. אין די פאַרטאָגן ווען קיינער איז נאָך נישטאָ אין בית־המדרש, אָדער אין די בייטאָגן, ווען צו מנחה איז נאָך קיינער נישטאָ, פלעגט ער אָפט צוגייען צום בעלעמער, אָנקלאַפּן אין די קרשים, לעבן וועלכע ס'איז געלעגן באַהאַלטן דער „לעבעדיקער מת" און הכנעה'דיק אַרויסשעפּטשען:

— נשמה טהורה, הייליקער סידור, איך בעט דיך מחילה פאַר דעם, וואָס איך האָב דיך לעבעדיקערהייט באַגראָבן. איך שווער דיר אָבער: ווי דאָ איז אַ מקום־קדוש פון גאָט, אַז איך וועל אין מיין צוואה אָנגעבן דאָס אָרט, וווּ איך האָב דיך באַהאַלטן. הלואי וואָלט איך אַזוי געווען זיכער, אַז איך וועל אויפשטיין תחיית־המתים, ווי דו וועסט ביי מיר אויפשטיין תחיית־המתים! און אַנדערש באַטרעטן קעגן דיר האָב איך נישט געטאָרט און נישט געקענט! דו וועסט דאָך אויך אַ מאָל אַלט ווערן, וועסטו ערשט דאַמאָלסט דערפילן מיין הארץ... רו זיך דאָרטן אוים די ביינער און

זיי אויף מיר נישט מקטרג פאַרן בית־דין־של־מעלה, ווייל ווען דו ביסט אויף מיין פּלאַץ, וואָלסטו אויך בעסער נישט געווען. אדם קרוב אצל עצמו. זיי געזונט. מיר ביידע וועלן זיך שוין קיין מאָל נישט זען. אַזוי לאַנג, ווי איך וועל דאָ נאָך זיין, וועסט דו נישט זיין און אַז דו וועסט זיך דאָ צוריק באַווייזן, וועל איך שוין דאַמאָלסט נישט זיין. האָב זשע אויף מיר נישט קיין פאַרדראָס, איך בין נישט מער, ווי אַ מענטש און כאָטש כ׳בין שוין געגנוג אַלט, פון דעסט וועגן וויל איך נאָך לעבן —

די יידישע נקמה

אַבי די וועלט רעדט זיך איין, אַז יידן האָבן נישט קיין חוש פאַר נקמה; אַז יידן זענען אַ פאָלק פון „לא תקום ולא תטור", — ווייס איך וואָס, עס הייבט זיך אפילו נישט אָן! אַ ייד, פונקט אַזוי גוט ווי יעדער מענטש, אַז ער פילט זיך פון עמעצן געטראָפן, קאָכט עס אין אים און עס זידט אין אים דער כעס און דער גרימצאָרן און ער „קילט זיך נישט דאָס האַרץ" ביז ער זעט נישט אינעם שונא קיין נקמה און ביז ער „טריט אים נישט מיט די פיס", אַז דער רוח נעמט אים אַזש אַוועק.

בלייבט נאָר איבער אָפּצומעסטן, צי יידן טוען אָט די „עבודה" טאַקע אויף דעם זעלבן שטייגער ווי די בני אומות-העולם, צי אפשר אַ קאַפּעטש-קעלע אַנדערשער ווי זיי —

*

בערל דער שניידער — דער בעסטער שניידער אין שטאָט — איז אין אמת גערעדט נישט געווען קיין כולו שניידער, מכף רגל ועד ראש, נאָר מחצה על מחצה. ער איז געווען חצי שניידער, חצי „זיידענער יונגער-מאַן". ווען ער איז צוריק מיט פיל צענדליקער יאָרן אַריינגעטראָטן אין ישיבה, האָבן אַלע מבינים אויף „שאַרפע קעפּלעך" אויף אים נביאות געזאָגט, אַז דאָס וואַקסט אַן „אייזערנער קאָפּ", אַן אַנטיקל, „איינס צווישן טויזנט". אָבער ווי ס'טרעפט כמעט שטענדיק מיט די יידישע „אייזערנע קעפּ", האָט זיך פון אָט די אַלע גוטע נביאות-זאָגעכטסן „אויסגעלאָזט אַ טייך". זיין פאָטער, נפתלי דער שניטקרעמער, פאַרנדיק איין מאָל פון אַ יאַריד אין אַ שלאַקסרעגן האָט ער זיך שטאַרק פאַרקילט און איז נעבעך אַוועקגעפאַלן מיט אַ לונגען-אָנצינדונג פון ביידע זייטן. די מוטער, אַ יידענע אַ חולנית, האָט אַרויסגערופן דעם עלטערן זון, איר בערעלען, פון דער ישיבה פון מרחקים, און זי האָט בפירוש זייער גלייך געטון, וואָס זי האָט אים אַראָפּגעבראַכט, ווייל דער פאָטער זיינער, כל ימיו אַן ערנסטער ייד ביז גאָר, האָט אויך דאָס מאָל מיט זיינע בני-בית נישט געמאַכט קיין שפּאָס, ער האָט נישט געמאַכט קיין לאַנגע שהיות און — הלך לעולמו. בערל איז דאָמאָלסט אַלט געווען גאַנצע זעכצן יאָר און האָט מיט אַ מאָל דערפילט אויף זיינע שוואַכע פּלייצעס אַ משא פון אַכט פּאַרשוין: אַ בלינד-לעכע, אַ קרענקלעכע מוטער מיט זיבן פּיצלעך קינדער. לכתחילה, אַז

עס זענען פאַריבער „שלושים", האָט בערל געפּלאָנעוועט ממשיך צו זיין דעם פאָטערס מסחר: האַנדלען מיט שניטקראָם, אויך פאָרן אויף יאַרידים, אָבער ווי ער האָט זיך צוגעריכט צום פאָטערס חשבונות איז אים געוואָרן פינצטער פאַר די אויגן, דאָ האָט ער ערשט אַנטפּלעקט דעם „לאַך", וועלכן זיין פאָטער האָט זיך אַלע זיינע יאָרן באַמיט צו פאַרדעקן פון מענטשנס אויגן מיט דער פאָלע פון זיין צעריסענעם סורדוט: נישט נאָר דאָס ביסל סחורה — אפילו דאָס העמד אויפן לייב איז אויך נישט געווען קיין אייגנס... און דאָ: קיין עין־הרע אַזאַ כאַליאַסטרע מיט קליינע קינדער. מען מוז זיי פאַרשטופן די מיילער; מען מוז פאַר זיי צאָלן שכר־למוד; מען מוז פאַרריכטן דעם דאַך איבערן קאָפּ און נאַקעט קען מען אויך קיין קינד נישט לאָזן גיין — איז וואָס זשע טוט מען טאָקע?

ס'איז אויף אים ממש געפאַלן די גאַנצע וועלט — מאין יבא עזרי?

און דאָ האָט זיך די נפתליכע דערמאָנט, אַז אין דער „אויעזדנע שטאָט" האָט זי גאָר אַ וויטן קרוב, אַ שני בשלישי, אַ שניידער איז ער דאָרטן און ער שאַרט דאָרט זאָגט מען גאָלד מיט די לאָפּאַטעס, האָט זי גענומען איר „גדול־הבית" אומשטיינס געזאָגט, וואָס דאַרף איצט ווערן דער גאַנצער פרנסה־געבער און האָט אים אָפּגעפירט צו איר אויעזדנע „גאָלדשפּינער".

גאַנצע דריטהאַלבן יאָר האָט בערל, דער נישט־פאַרענדיקטער עלוי, זיך געלערנט ביי דעם גרויסשטאָטישן שניידער די מלאכה פון שניידעריי און האָט זיך אומגעקערט צו זיך אין שטאָט אַריין אַ פאַרטיקער בעל־מלאכה, אפילו מיט אַן אייגענער זינגער־מאַשין...

זינט דאַמאָלסט איז שוין פיל וואַסער אָפּגעלאָפן. די נפתליכע איז שוין לאַנג אַוועק צו איר נפתלין, די זיבן יתומים האָבן שוין אַלע קינדער צו לייטן און בערל איז שוין כל ימיו פאַרבליבן אַ שניידער און אַזוי עד היום הזה. אַ בעל־מלאכה איז ער געווען — איין מומחה! פונקט אַזוי ווי ער האָט אַ מאָל געהאַט אַ גוט קעפּל צו גמרא מיט תוספות, אַזוי איז ער אין זיין פאַך אויך געווען אַ זעלטענער קינסטלער. פון דער גאַנצער געגנט פלעגט מען קומען נייען חתונה־קליידער ביי בערל דעם שניטקרעמערס.

בערל איז געווען אַ שניידער, אָבער נישט קיין „שניידערוק". ער פלעגט קיין מאָל נישט אַריינשמעקן אין שענקל אַריין ווי אַנדערע שער און אייזן־יונגעלייט; ער האָט מקדמת דנא געהאַט זיין „שטאָט" אין גרויסן בית־המדרש, וווּ דער רב האָט געדאַוונט און בכלל די שענסטע באַלעבאַטים פון דער שטאָט. ער האָט געקענט זייער שיין לייענען אין דער תורה און ווען עס פלעגט קומען שבת — האָבן זיינע זמירות פאַרקלונגען די גאַנצע

גאַס, זיינעם אַ „מנוחה ושמחה" אָדער אַ „יום זה מכובד" האָט מען נאָכ־געזונגען אין די שענסטע הייזער פון דער שטאָט און אפילו ביי ר' חיים־הערש דעמבעגנער אין שטוב און די זין און איידעמס זיינע האָבן זיך כלל נישט געשעמט אויסצוזאָגן דעם שטאָט־נגיד, ר' חיים־הערשן:

— דאָס איז בערל שניידערס אַ זמרל, ממש — אגיל ואשמח, האָ? אָדער ווי ער אַליין זאָגט כסדר: הפלא ולעפעלע...

ר' חיים־הערש דעמבעגנער האָט ערשט צוריק מיט אַ פּאָר צענדליק יאָר געהייסן: הערשל קיזיאַק. דאָס איז געווען אַ דאָרפס־ייד, אַ גראָבע זאַך, מיט אַ מגושמדיק פנים מיט אַ פּאָר מגושמדיקע ידים ווי אָקסענע פיס, מיט איין וואָרט — אַן אמת'ער מוזשיק. די הערשלקע מיט די בנות האָט געהאַלטן די קרעטשמע מיט דער שענק, וועלכע איז גראָד געשטאַנען אויף אַ רווישיקן פרשת־דרכים און זיי האָבן פון איר געהאַט „אי ברויט, אי קוילעטש און ס'איז נאָך געבליבן אויף קנות־סעודה אויך" און הערשל מצדו האָט געשמאַק אונטערגעהאַנדלט מיט פעל און דער עיקר — מיט „שטשיטינע", חזיר־האָר. גאָר אין די יונגע יאָרן, באַלד נאָך דער חתונה, איז ער שונאי־ציון אויסגעריסן געוואָרן ווי אַ משוגענער הונט, ממש געאַקערט מיט דער נאָז די ערד ביז ער האָט געקענט אָנהאָדעווען אַ שטוב מיט קינדער. מענטשן האָבן אפילו געשווירן מיט כל השבועות שבעולם, אַז „הערשעניו" דאַרף האָבן שמירה־מעולה, ווי להבדיל אַ חתן אָדער אַ קימפּעטאָרין. מען דאַרף אים נעבעך „קוקן אויף די פינגער", ווייל ער איז זייער נזהר נישט צו גיין חלילה קיין ד' אמות אָן „נטילת־ידים"... אָבער מאַלע וואָס מענטשן רעדן אַלץ... אין יאָרן אַרום, ווען ער האָט שוין געהאַט מיידן צו לייטן, איז אים דער מסחר מיט די חזיר־האָר אַוועק מיט דער האַנט און ער'איז בין לילה געוואָרן אַ ייד, אַן עושר. די וועלט זאָגט, אַז געלט גייט צו געלט און אַזוי איז טאַקע ביי אים געווען. ער האָט זיך אַ נעם געטון איינצוקויפן אייער פאַר אויסלאַנד; דאַן האָט ער זיך אונטער־גענומען צוצושטעלן אָקסן פאַרן חייל, מיט איין וואָרט — זיין עשרות איז געוואַקסן און געוואַקסן ווי אויף הייוון.

באַלד ווי נאָר זיינע מסחרים האָבן אָנגעהויבן צו גיין באַרג־אַרויף, האָט ער זיך אַריבערגעצויגן פונעם דאָרף אין שטאָט אַריין, ער האָט זיך באַזעצט אויף דער הויפּט־גאַס; ער האָט אַריינגענומען אַ יידן אין שטוב אַריין, וואָס פלעגט מיט אים אין די אָוונטן לערנען די פרשה פון דער וואָך; ער האָט פון צייט צו צייט אָנגעהויבן מיט היימישע חסידים זיך אַראָפּ־צוכאַפּן „אין הויף אַריין", מיט איין וואָרט — דער מענטש האָט זיך

אַנגעהויבן צו איידלען, נישט געקאַרגט זיך אויף קיין רובל צדקה, אויף נעמען אַן אורח אויף גאַנץ שבת, קורץ גערעדט, — ער איז אין איין „שמע ישראל” געוואָרן דער שענסטער בעל-הבית אין שטאָט: מיט אַ שטאָט אין מזרח, ביי דער רעכטער האַנט פונעם רב; מיט אַן עטרה אויף צען פינגער די ברייט; אַ זיידענע זשיפּיצע מיט אַ שטריימל; די גרעסטע לומדים און די שענסטע מיוחסים פאַר מחותנים; די דורכפאַרנדיקע „גוטע יידן” אויף אכסניא; און אַזוי דעם שענסטן אתרוג אין שול און די ערשטע מצה-שמורה נאָר פון ערב-פּסח נאָך חצות — קיין אַנדער מין מצה קען זיין מאָגן נישט פאַרטראָגן, — און נאָך און נאָך און נאָך און... אַלצדינגן! אויף דער וועלט איז אַנגעפאַלן אַ פאַרגעסעניש, עס האָט שוין באמת קיינער נישט געדענקט, ווער עס איז אַזוינס געווען הערשל קיזיאַק, וועלכער האָט זיין גאַנץ עשרות צונויפגעקלאַפּט פון דעם מקח וממכר מיט חזיר-האָר און מיט נאָך אַזעלכע פיינע מינים סחורה, וואָס זענען גאָר על פּי דין אסור בהנאה, מען האָט שוין נאָר געוווּסט צו גרויסן און צו לויבן זיין נאָמען: ר׳ חיים-הערש דעמבענער, דער פּרנס פון דער קהילה-קדושה און דער גבאי-ראשון אין גרויסן בית-המדרש.

אויף שבת-נחמו איז געווען אָפּגעשטעלט די חתונה פון דעם שטאָט-נגידם מיזינקעלע. לכבוד אָט דער געשעעניש האָט זיך דער שטאָט-עושר צעגאַרטלט גאָר אויף אַן אַנדער מין אופן. געלט איז געווען בלאָטע, בטול ומבוטל כעפרא דארעא. וואָס פאַר אַ ווערט האָט געלט, ווען מען דער-גרייכט מיט אַ קינד צום הר-סיני כביכול. דעמבענער האָט זיך דאָס מאָל משדך געווען מיטן מנהל פון דער באַרימטער ישיבה. דער מנהל אַליין, כשהוא לעצמו אויך אַ שטיק גאון, איז נאָך פון פריער געווען אַ מחותן מיט „אים”, זאָל לאַנג לעבן. מיט דעם דאָזיקן שידוך, קומט אויס, האָט ר׳ חיים-הערש זיך איינגעקויפט אין סאַמע אויבנאָן, איינגעטונקען אין יידנס מכף רגל ועד ראש. דאָ ווערט ער שוין למזל „געקניפּט און געבונדן” מיט אַלע „שרפי-קודש” פון דער גאַנצער מדינה און אפילו פון חוץ-לארץ! מי ידמה לו ומי ישוה לו?

די הכנות צו דער דאָזיקער גליל-חתונה האָבן פאַרכאַפּט און פאַר-שלונגען די גאַנצע שטאָט: אַלע נייטאָרינס האָבן גענייט בלויז פאַר די רייכע מחותנת׳טעס; אַלע שוסטערס האָבן געשוסטרעוועט נאָר בלויז פאַר די הויפּט-מחותנים; אַלע בעקערס האָבן געבאַקן, אַלע לעקעך-בעקערינס זענען געווען פאַרוואַלגערט מיט באַשטעלונגען מבאַשטעלונגען שונים ומשונים; אַלע סאַרווערס און סאַרווערינס האָבן געמאַכט הכנות צו אָט

דער חתונה פון חתונה-לאַנד; די גאַנצע שטאָט איז ממש „געגאַנגען אויף רעדער", עס האָט זיך מיט דער חתונה געטון אויף טישן און אויף בענק. דער„סלוך" וועגן איר האָט זיך פאַרשפּרייט למרחקים.

ווען בערל שניידער האָט דעם נגיד געבראַכט צו טראָגן די נייע מלבושים צו דער געהויבענער חתונה און האָט זיי אים געהאַלטן אין אָנמעסטן, כדי זיך נאָך אַ מאָל און ווידער אַ מאָל צו איבערצייגן, אַז זיי ליגן אויף אים גוט, אַז עס וועט אים חלילה נישט „פלאַמען דאָס פּנים פאַר בושה" זיך אין זיי צו באַווייזן פאַר לייטן, האָט ער אים בשעת-מעשה אָט אַזוי, כלאחר-יד, אַ זאָג געטון:

— ר' חיים-הערש, הערט זיך איין, איך האָב צו אייך אַ שטיקל בקשה —

— דהיינו, לאָמיר הערן —

— איך וויל אייך בעטן, אַז איר זאָלט מיך איינלאַדן אויף דער חתונה...

— נישט מער, נישט ווייניקער?

— פאַר וואָס נישט?

— איך ווייס — פאַר וואָס?

— וואָס זשע, איר האָט מורא —

— איך האָב פאַר גאָרנישט קיין מורא, מורא גאָר האָב איך אים —

— אַז מורא נישט, טאָ וואָס זשע דען? איר מיינט, אַז איך וועל אייך אָפּנוצן אַ שפּיץ-בענקל, וועל איך?

— דו וועסט מיר נישט אָפּנוצן, וועסטו מיר נישט. אָפּנוצן גאָר וועט ער... רעדט משוגענע רייד —

— וואָס זשע דען האַלט אייך אָפּ? אפשר טראַכט איר איבער, אַז איך וועל אייך אָפּעסן דעם קאָפּ? אויב עס גייט אייך נאָר אין דעם, קען איך מיט זיך מיטברענגען פון דער היים אייגענעם צידה-לדרך —

— נאַר איינער! ווער רעדט פון עסן? פון עסן רעדט ער גאָר, דער משוגענער. דו ווילסט עסן, קען איך דיר געבן אפילו שוין! זיין עסן, מיינט ער, זעט זיך דאַן שטאַרק אָן... מען האָט ברוך-השם צוגעגרייט אַ חופּה-וועטשערע טאַקע כיד המלך, פון הערן און זען און געדענקען, פון פויגל-מילך! און עס קען קלעקן מינדערסטנס פאַר אַ פאָלק סאָלדאַטן, זאָגט ער גאָר —

— אין וואָס זשע דען איז די מניעה?

— מניעה, שמעניע... נו-נו... איך האָב געהערט. אויב עס וועט מיר

נאָר פאַסטן דיך צו רופן — פאַר וואָס נישט? דו פאַרשטייסט דאָך גאַנץ גוט, אַז איך וועל נישט גיין זיך אַליין שטעלן אין דער בלאָטע צוליב דיר... איך בין דאָך דערוויַיל נישט קיין חסר-דעה, בין איך נישט —

— אַ חסר-דעה דאַרף מען דערויף זיין? וואָס מיינט איר בין איך דאָ אַזוי שטאַרק אויסן מיט מיין איינבעטן זיך פאַר אַ מחותן? איר זאָלט מיך נאָר נישט חושד זיין אין קיין שום פניות. איך בין אייך מוחל במחילה גמורה די קאַרפּן אייערע מיט די קאַטשקעס מיט דעם יין-המשומר, וואָס איר האָט מסתם פאַרגרייט אין די קעלערס. איך בין נישט להוט נאָך דער אכילה... פּשוט די וועלט רעדט, אַז עס וועלן זיין אויף אייער שמחה גדולי-התורה, ווילט זיך מיר אויך זיין... צולייגן אַן אויער... כאַפּן אַ וואָרט...

— דו רעדסט שטותים, בערעלע... שטותים נוראים... די מאַמע דיינע האָט דיר דעם שכל פאַרנייט...

בערל, אַ בלייך-געוואָרענער:

— פאַר וואָס זענען דאָס שטותים?

— פאַר וואָס? אַזוי! ווייל ס'איז גראָם-שטראָם!

— פאַר וואָס איז דאָס גראָם-שטראָם?

— פאַר וואָס, פאַר וואָס, פאַר וואָס, — פאַר שבת! פאַר ליכט-בענטשן! פאַר וואָס, פרעגט ער —

— יאָ, „פאַר וואָס" פרעג איך טאַקע... איך בין חלילה נישט קיין יידיש קינד, בין איך נישט?

— אודאי ביסטו אַ יידיש-קינד! וואָס דען ביסטו, אַ גויאיש קינד? פאַרשטייסטו מיך, כאָטש דו ביסט נעבעך אַ יידיש קינד, אָבער אַלץ איינס אויף דער חתונה קען איך דיך נישט פאַרבעטן... עס וועט דאָרטן זיין די גאַנצע סמעטענע... בלויז פּלוסטער מיט שפּיצברוסט... וועל איך דאָ פּלוצלינג אַריינקריכן מיט... מיט... כ'בעט איבער דיין כבוד — מיט דער שניט-קרעמערינס בערעלע...

און אַז בערל שווייגט אַ דערוואָרגענער פון בושה און פון צאָרן, רעדט דערוויַיל דער גביר ווייטער מיט אַ געלאַסן קול:

— און דו אַליין דאַרפסט עס גאָר אויך נישט וועלן... צווישן אַזאַ אָפּגעקליבענעם עולם, צווישן סאַמע זעמלמעל, וועסטו זיצן ווי אויף הייסע קוילן... וועסט זיך קיין אָרט נישט געפינען...

— פאַרזאָרגט מיך נישט צופיל, ר' חיים-הערש... איר שיקט נאָר צו דעם שמש מיך פאַרבעטן, איך וועל שוין זיצן! איך וועל זיך שוין, זייט זיכער, געפינען אַן אָרט! פאַרגעסט נישט, אַז איך בין אייך נישט קיין

באַדיונג און נישט קיין קטלא-קניא,* אין תורה קען איך נאָך פאַרשטעקן אונטער דער לאַץ אַלע אייערע שיינע יידן מיט די מזרח-באַלעבאַטים...

— גיי, שוטה דו, דאָס האָט גאָרנישט צו זאָגן... ווער קוקט היינט אויף אַזוינע זאַכן? אַט ווען מיר באַלד אָנפאָרן צו די סדרות פון די „אבות". דו געדענקסט ביי יצחק-אבינו? אויף וואָס האָט ער זיך אָפּגע-שטעלט? יעקב האָט געהאַט אַ שיין קולכל און עשו האָט געהאַט אַ פּאָר געזונטע ידים, נו זאָג אַליין: וואָס האָט ביי אים אָריבערגעוויגן און וועמען האָט ער מער מקרב געווען: דעם בעל-הגערגעלע, צי דעם בעל-ההענטעלע? דו שווייגסט, האָ? אַז מען האָט נישט וואָס צו ענטפערן — שווייגט מען שטיל? היינט זאָלסטו וויסן זיין איז אַזאַ וועלט, פּונקט ווי אין די צייטן פון די „אבות-הקדושים", דהיינו? — מען קוקט אויף די פינגער... וואָס טוט דער מענטש? מיט וואָס עוסקט ער זיך? ווי שטייט דאָרט ביי אייך אין די קליינע אותיות: במאי עסקי רבנן — דו פאַרשטייסט? און דו —

— לויט אייערע רייד, הייסט עס, קומט אויס, אַז ס'איז שענער צו זיין אַ בעל-עיסקא ווי צו זיין אַ בעל-מלאכה?

— איך ווייס נישט און וויל נישט וויסן, צי שענער, צי מיאוסער, איך ווייס אָבער איין זאַך, אַז ס'איז פאָרט אַ מלאכה נקיה וקלה —

בערל, ציטערנדיק פאַר כעס:

— און דוד המלך, וואָס? דאַלאַי? עפּעס האָט ער דאָך פאָרט געזאָגט: „יגיע כפיך כי תאכל"?

— גיי שוין, גיי, נאַריש קינד דו... שוטה'ניו, דאָס האָט ער געזאָגט שוין אויף די עלטערע יאָרן... אין די לעצטע שבלעצטע קאַפּיטלען... און אויף דער עלטער, ווייסטו דאָך, רעדט מען אַ מאָל אַזוינע זאַכן, אַז עס קלעפּט זיך נישט אַ וואָרט צו אַ וואָרט —

בערל, אַן אויפגערעגטער ביז גאָר, אָבער מיט אַ זיסער מינע און מיט אַ סאַרקאַסטיש שמייכעלע:

— איר רעדט שוין, ר' חיים הערש, על ד' ועל משיחו, האָ?

— אַז עס געפעלן דיר נישט מיינע רייד, ווערסטו אַ ברירה האָבן זיך מיט מיר נישט משדך צו זיין —

— פון דעסט וועגן, באַטראַכט זיך נאָך אַ מאָל, ר' חיים הערש... איך וועל אייך גאָרנישט קאַליע מאַכן. איך האָב נאָך פון מיין חתונה אַ ליוסט-

---

* קיין אַבי ווער, קיין ביליק מענטשל.

רינגעע קאַפּאָטע, אַ שטיקל שטריימל... אויף מיין פּנים איז דאָך גאָרנישט אָנגעשריבן...

— ס׳איז אָנגעשריבן, ס׳איז אָנגעשריבן! ניין! ניין!! ניין!!! ס׳איז אַרויסגעוואָרפן די רייד! ווען דו זאָלסט מיך אפילו אָפּגילדן, ווען דו זאָלסט מיר אפילו אָנשיטן אָט די שטוב פול מיט גאָלדענע רענדלעך, וועל איך דיך נישט פאַרבעטן! קוים אַז דו קענסט אין גוטן מוט אַרויסברענגען פון דיין מויל אַזעלכע לעקישעוואַטע דיבורים ווי: „יגיע כפּיך״, „פּראַצענטניק״, בין איך שוין מיט דיר נישט זיכער, אַז דו וועסט מיר דאָרט נישט פאַר־שוואַרצן דאָס פּנים...

און אַריינקומענדיק אין קוראַזש פון זיינע אייגענע רייד:

— ווייס איך וואָס, רעד אפילו נישט דערפון! יעדעס וואָרט איז אַרויסגעוואָרפן אויפן ווינט! נישט נאָר פאַר די פּרעמדע מחותנים וועט עס זיין אַ פּאַטש אין פּנים, נאָר אפילו פאַר די היגע באַלעבאַטים! אונדזערע היימישע יידן, ווען זיי וועלן דערזען מיט וועמען איך האָב זיי צונויפ־געפּאָרט, מיט וועמען איך האָב זיי באַזעצט ביי איין טיש, וועלן זיי זיך צעלויפן ווי די מייז און מיר צולאָזן די שמחה... ווייס איך וואָס, דאָס וועט זיין אַ חוכא ומלולא און מער גאָרנישט. דאָס וואָלט געהייסן: חוזק געמאַכט פון זיך אליין...

ווען בערל האָט זיך אומגעקערט אַהיים פונעם נגיד, האָט אים זיין חנה־רבקה באַגעגנט אויף דער שוועל:

— מאַמע מיינע! וואָס האָט ביי דיר דאָרט געדויערט אַזוי לאַנג? איך האָב שוין גאָר נישט געוווּסט וואָס איבערצוטראַכטן. נו, וואָס הערט זיך? אָפּגעגעבן? ברוך־השם אַלץ ווי עס דאַרף צו זיין? צופרידנשטעלן אָט די... אָט די... אויפגעקומענע... דאַרף מען דאָך זיך גוט־גוט אונטערגאָרטלען, וואָס שווייגסטו, האַ?

בערל האָט שווייגנדיק צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ אויף „יאָ״. אָפּגעגעבן.

— און חיים־הערש האָט דיך גאָרנישט פאַרבעטן אויף דער חתונה? מען זאָגט דאָך, אַז ער רופט די גאַנצע שטאָט?

בערל האָט הייזעריקלעך אַ ברום געטון:

— מען זאָגט... ליידיקגייערס מיט לאַנגע צונגען האָבן נישט עפּעס אַנדערש וואָס צו טון, קלאַפּט מען מיט זיי... זאָגט מען וואָס ס׳איז יאָ און וואָס ס׳איז נישט...

— נו שאַ בערל, שאַ! וואָרטשע נישט ווי אַ בער! מ׳וועט דיך רופן, מ׳וועט דיך רופן... אַ שכן וועט ער נישט רופן? און דערצו ביסטו דאָך

עפּעס אַליין אויך נישט אַבי־ווער... זיי זיכער, דער שמש וועט דיך קומען רופן —

בערל, מיט אַ ביטער שמייכעלע:

— יאָ, יאָ, מען קען מיך שוין רופן... איך זאָל שוין אַזוי האָבן דיך פאַר אַ שטוב־נאַר און חיים־הערשן פאַר אַ קיזיאַק!

— דרך־ארץ, בערל! אַזוי צו רעדן פּאַסט פאַר אַ פאַלגע און איך האָב דיך נישט גענומען פאַר קיין פאַלגע. האָט צעעפנט אַ פּיסקאַטש אויף מיר... צעלאָז נישט דיין פּיסק, וואָרעם מען קען אים דיר פאַרשטופּן מיט דער קומען־שמאַטע, דו הערסט, צי ניין, מחוצף איינער?

אין האַרצן האָט בערל אַליין אויך געגלייבט, אַז נאָך אין דער לעצטער מינוט קען דער שמש אים קומען רופן אויף דער חתונה. בחדרי־חדרים, ווען די בני־בית זענען שוין לאַנג געשלאָפן, האָט ער אויסגערייניקט און אויסגעפּרעסט זיינע מלבושי־כבוד — ווי אַ זאַך מאַכט זיך, זאָל קודם אין דעם נישט זיין קיין מניעה...

אָבער ער האָט זיך ביטער אָפּגענאַרט, בערל. קיינער האָט אים נישט גערופן —

די חתונה איז געווען זייער אַ רוישיקע, אַלע שבעת־ימי־המשתה האָט מען ביים נגיד געזונגען און געטאַנצט, אַז די גאַנצע שטאָט האָט זיך אַזש געוויגט, געהוידעט אויף די פּיס. און עס זענען זיך צונויפגעפאָרן מחותנים מארבע פנות־העולם און ווי די „הינטערשטע גאַס" האָט זיך אויסגעדריקט: „הינט האָבן געטראָגן גאַנצע קעפּ"...

...ולא זכר שר המשקים את יוסף וישכחהו, — בערל דעם שניידער האָט מען אפילו פון יוצא וועגן קיין איין מאָל נישט אַריינגערופן צו שבע־ברכות פאַר אַ „פּנים חדשות"...

די שמחה ביים נגיד האָט זיך סוף־כל־סוף געענדיקט, די געהויבענע מחותנים זענען זיך צעפאָרן, עס איז אָנגעקומען אלול אויף דער יידישער גאַס, די תקיעות האָבן אויפגערודערט יידישע הערצער, אָבער בערל האָט געהאַט אין זינען נאָר איין און איינציקע זאַך: ער מוז זיך נוקם זיין אין אָט דעם פאַרשיווע קיזיאַק! ער מוז אים מבייש זיין ברבים! וויים איך, וואָס זאָגט ער: מבייש זיין? אַזאַ באַשעפעניש נעמט זיך דען צום האַרצן בלויז פון בזיונות? ניין, דאָס מוז אַזאַ מין סאָרט: „לעשות נקמה בגוים", אַז די וועלט זאָל דערמיט קלינגען, אַז זיין בלוט זאָל זיך גיסן אין אַלע גאַסן, ווי דאָס בלוט פון אַ חזיר, אָבער — ווי אַזוי מאַכט מען דאָס? ער, בערל, איז אַ ייד אַ בעל־מלאכה, וואָס פאַרדינט קוים אויף דער הוצאה

מיט זיין בלוטיקן שוויים און חיים-הערש דעמבענער איז אַ ייד אַ תקיף, דער גרעסטער עושר אויף דער גאַנצער געגנט. הײנט ווי אַזוי זשע קען ער, בערל, דערלעבן אַ נקמה אין אַט דעם באַרג פֿון גראַניט, וואָס מען רופֿט אים: ר׳ חיים-הערש דעמבענער?

און דאָך האָט ער אין אים נקמה גענומען! און נישט סתם עפּעס אַ שטיל נקמה׳לע, נאָר אַ גרויסע, בלוטיקע נקמה, דאָס הייסט אַ נקמה, וואָס האָט זיך פֿאַרענדיקט מיט פֿיל יידיש בלוט...

ומעשה שהיה, כך היה:

*

די שטאָט האָט פֿאַרמאָגט עטלעכע צענדליק בתי-תפילה: די קאַלטע שול; די אַלטע קלויז; די חסידישע קלויז; די נייע קלויז; דער מתנגדישער מנין; און נאָך פֿאַרשידענע קלייזלעך און שטיבלעך און „מנינים" און ועל כולם — דער גרויסער בית-המדרש! דער „גרויסער בית-המדרש" פֿון יענער קהילה-קדושה איז געשטאַנען אין האַרץ פֿון דער שטאָט און מהאי טעמא איז ער טאַקע שטענדיק געווען איבערפֿולט מיט מתפּללים, ממש — „אויף קעפּ"! און לא כל שכן — שמחת-תורה אין דער פֿרי, ווען יעדער ייד איז מחויב עולה לתורה זיין. שמחת-תורה איז געגליכן צום יום-הדין. ביים יום-הדין שטייט „ומלאכים יחפזון" און שמחת-תורה׳דיקע קריאה ווערט אויך געמאַכט בחפזון. אלא ווען מען טוט אַנדערש, וואָלט מען דאָך נישט פֿאַרטיק געוואָרן מיט אַזאַ עולם קיין-עין-הרע אפילו אויף שבת פּרשת-נח. אַלע אויפגערופֿענע באַלעבאַטים פּטר׳ט מען אָפּ אויף שנעל: „מי שברך — ונאמר אמן", ווייל די פּני-העיר, די גבירים אדירים, וועלכע האָבן כנהוג באַקומען די „פֿעטע עליות", די „חתנים": חתן-תורה, חתן-בראשית, זיי געבן שוין אַ קידושא-רבא פֿאַר דעם גאַנצן עולם. דעסט גלייכן ברענגען מיט זיך גרויסע קידושים די גבאים און די דאַזיקע וואָס ווילן שבת-בראשית, ביי די „וויבערעס", ירשענען זייערע בענקלעך און נאָך זייערע אַלע קידושים דאַרף מען ערשט גיין אויף די פֿאַרשידענע „חברה-קידושים", באַלעבאַטישע-קידושים, משפּחה-קידושים, שכנישע-קידושים און סתם-קידושים! ס׳איז דאָך עפּעס נישט קיין אַוועלכעס ס׳איז פֿאַרעווע יומא דפגרא׳לע — ס׳איז דאָך עפּעס שמחת-תורה אויף דער וועלט?

גלייך ווי מען האָט פֿאַרענדיקט די הקפות און מען איז „געגאַנגען מיט אויסנעמענס" האָט מען די ספרי-תורות נישט אַריינגעשטעלט צוריק

אין ארון-קודש אַריין, נאָר מען האָט זיי כמעט אַלע „צענעמען" אויף די טישן, ווו מען לייענט באַזונדער. דעם גאַנצן עולם קען מען דאָך נישט אויפרופן אויף דער בימה, דאָס וואָלט דאָך געדויערט „זיבן טעג מיט זיבן נעכט", וואָס דען — לייענט מען אומעטום ווו מען גיט אַ וואָרף מיט אַן אויג: אויף די טישן, ווו מען לערנט דעם „שיעור"; אויפן שלש-סעודות טיש; אויפן יונגעלייטישן טיש; אויפן יושבים-טישל; הינטער דער הרובע אויפן „עשרה-בטלנים-טישל"; בחורימלעך פון די עלטערע כיתות שטעלן זיך צונויף אַ „שולחן" פון סטענדערס, גלייכן אויס די פאַר-שידענע דעכלעך מיט אַלטע טליתים, פון אויבן שפּרייט מען אויס אַן אָפּגענוצטן פּרוכת און זיי נעמען פאַר זיך אַליין אַ ספר-תורה. אַלץ בעסער איידער שטייען און אַרויסקוקן ביז די גבאים וועלן זיך אין דיר דערמאָנען און דיר אַריינשטעקן עפּעס אַן אָפּשניצל, אַ מין שטיקל עליה'לע, כביכול. צווישן דעם האַנטפאַס און דער טיר פונעם פּאָליש, העט-העט הינטערן אויוון, שטייט אַ חרובער קאַסטן פול מיט „שמות" — אויך אויף אים לייענט מען! פון יאָר צו יאָר איז דאָרט די אויטאָנאָמיע פון בעלי-מלאכה'לעך, בעלי-עגלות, אָדער סתם עניים ואביונים; אַלץ אַזעלכע, וואָס האָבן גרויסע שאַנסן פאַרגעסן צו ווערן מיט אַן „עליה", וואָרעם: ווער קוקט זיך עס אום אויף אָט דעם „שנויץ מיט ברויט"? וועמען גייט עס ווי אין לעבן צו טראָגן זיי אויפן קאָפּ, צי זיי האָבן יאָ עולה געווען, צי נישט עולה געווען? און אַז נישט, וועמען טוט וויי דער קאָפּ? ביי אַזאַ עדה יידן קיין עין-הרע קען מען טאַקע אין זינען האָבן דעם גאַנצן „שראַג-מערראַג" דאָרטן? פלעגן זיי זיך טאַקע אַליין אין זינען האָבן אָט די אַלע קאַנדידאַטן אויף פאַרגעסן צו ווערן. זיי „פּאַקן" שוין אַ חדר-יינגל, וועלכן עס גייט אויס דאָס חיות צו „לייענען", זיי שטעלן אים אַרום מיט אַ טעמפּן יראת-הכבוד און ער „לייענט" זיי „כמעט אַזוי גוט ווי אויף דער בימה דאָרטן, ביי די גרויסע קאָרפּן"...

און אַזוי פון יאָר צו יאָר און אַזוי שטענדיק און אייביק...

אין יענעם יאָר, ווען ר' חיים-הערש דעמבענער האָט זיך משדך געווען מיטן גאון דעם מנהל פון דער באַרימטער ישיבה, האָט געקלונגען די שטאָט מיט דעם נייעס: „געהערט? אויף די צווייטע טעג סוכות קומען צום גביר צו פאָרן זיינע נייע מחותנים מיט אַלע קינדער און אויך די מחותנים פון די מחותנים". וכך הוא — זיי זענען טאַקע אָנגעפאָרן מיט די גרויסע בוידן און האָבן ממש איינגענומען די שטאָט, ווי אַ גרוים חייל, ווי אַ גיים, רחמנא ליצלן. די אָנגעפאָרענע געסט האָבן זיך „צעזעצט" איבערן גאַנצן

מזרח און איבערן גאַנצן „שפיגל" און דער גאַנצער בית־המדרש איז געווען פול נאָר מיט זיי.

שמחת־תורה אין דער פרי, ווי נאָר דער עולם האָט צענומען די „ספרים" און אַרומגעשטעלט די טישלעך, האָבן דעם מנהלם זין און איידעמס, — יונגעלייטלעך: שמן זית זך, — זיך געשטעלט „אַרבעטן" פאַר בעל־קורא׳ס. פאַר וואָס נישט? אַז מען קען דעם מחותן ר׳ חיים־הערש אָנטון כבוד — פאַר וואָס זאָל מען דאָס נישט טון? ס׳איז דאָך אַן אמתער „זה נהנה וזה לא חסר"...

בערל דער שניידער, וועלכער האָט פון יאָר צו יאָר געהאַט די חזקה אויף שמחת־תורה׳דיקער קריאה ביים טיש ווו מען לערנט דעם שיעור, איז דאָס יאָר, איבער די פריקרע־זיסע מחותנימלעך געבליבן זיצן אָן אַ שטאָך אַרבעט. ער האָט אָבער לאַנג נישט געקלערט: ער האָט איינס און צוויי משלח געווען דעם „בחוריעץ", וואָס האָט געלייענט אויפן קאַסטן מיט די שמה׳ס, דאָרט ביים האַנטפאַס, און האָט זיך אַליין געשטעלט לייענען.

דער עולם איז געהאַנגען איבער די טישלעך, ווי להבדיל צו „תשליך" איבער די ברעגעס פונעם טייכל. די וואָס האָבן שוין עולה געווען, האָט די חברה־קדישא שוין געגעבן קידוש צו מאַכן, — דער גאַנצער עכוב און די גאַנצע מניעה, וואָס מען קען שמחת־תורה נישט קידוש מאַכן גלייך בעלות, ווען שטערן לעשן זיך און הענער קרייען נאָך פונעם פולן האַלדז, איז דאָך בלויז דאָס, וואָס צום ספר־תורה טאָר מען מען נישט צוגיין נאָך דעם ווי מען האָט שוין געמאַכט אַ כוסה, — כדכתיב: עד מתי תשתכרין? — אָבער ווי באַלד דו ביסט שוין אין אַ גוטער שעה און אין אַ מזלדיקער דורכגעגאַנ־גען דעם „פריזיווו" טאָרסטו שוין קיין איין רגע נישט אַרומגיין ניכטער! אין **דעם** זינען איז שמחת־תורה נאָך צען מאָל שטרענגער און האַרבער ווי פורים! נאָר די פני־העיר אין מזרח און די געהויבענע געסט זענען רואיק געזעסן אויף זייערע פלעצער. זיי האָבן גוט געוווסט, אַז מען וועט זיי חלילה נישט פאַרטיילן, אויף זיי וואַרטן די „חתנים" און די „מפטיר׳ס" אויף די פאַרשידענע מקומות, ווו מען לייענט דאָ אין דער תורה.

יעקל דער שטריקלדרייער, וועלכער איז געשטאַנען האַרט לעבן דעם שמחת־תורה׳דיקן בעל־קורא, לעבן בערל דעם שניידער, האָט זיך בין גברא לגברא געווענדעט צו בערלען:

— בערעלע, דו וואָלסט זיך, כ׳לעבן, געדאַרפט גיין אַ ביסל צולייגן, איך קען דיך אָפפירן אַהיים. ווען דו גיסט אַ קוק אויף זיך אין שפיגל —

אַ שענערן פון דיר טראָגט מען אָפּ אויפן גוטן אָרט. הער זיך איין, טו ווי איך זאָג דיר. דו האָסט נישט קיין טיפּת-דם אין פּנים און די אויגן ברענען ביי דיר, ווי ביי אַ חולה מיט פערציק גראַד היץ —

בערל האָט זיך אָפּגעשאָקלט פון יענעמס געטריישאַפט און האָט ווייטער געטאָן זיין אַרבעט נאָך מיט מער ברען און מיט מער פלאַם. פון מינוט צו מינוט איז ער אָבער געוואָרן אַלץ בלאַסער און בלאַסער, ממש ער האָט נישט געטראָפן מיט אַ צאָן אויף אַ צאָן. אַלע רגע האָט ער מיט אַ פאַרשטאַרבן האַרץ געכאַפּט אַ קוק צו דער בימה און צוגעלייגט אַן אויער: ווו האַלט מען דאָרט? מען גייט דאָרט נאָך נישט זאָגן דעם „ברשות"?

ווען אַרום דער בימה איז שוין געווען גאָר-גאָר שיטער און מען האָט זיך שוין געקליבן צום „ברשות" מיטן ניגון פון „אקדמות", האָט איבערן גאַנצן בית-המדרש אַ קלונג געטון בערל דעם שניידערס ביי-קולכל:

— י—ע—מ—ו—ד, ר' חיים-הערש בר' אריה-זאב הלוי!

אין בית-המדרש איז מיט אַ מאָל געוואָרן שווידערלעך-שטיל, ווי נאָך אַן אויפריים פון אַ סנאַריאַד. דער גאַנצער עולם האָט אויפגעשטעלט מויל און אויערן — וואָס וועט דאָ פאָרקומען? אַלע זענען עפּעס געשטאַנען ווי אין אַ הינערפלעט, אין חלל פונעם בית-המדרש האָבן זיך נאָך אַרומגע-טראָגן טרעלן פון בערעלעם פאַרשייטן, שלעכטס-אָנזאָגנדיקן „יעמוד". דאָס פּיפּיקע חדר-ייִנגעלע, וואָס האָט די גאַנצע צייט צוגערופן די בעלי-בתים, וועלכע האָבן איבער דעם רעש נישט איינגעהערט, אַז מען האָט זיי אויפ-גערופן צו דער תורה, איז אַרויפגעגאַנגען אין מזרח און האָט מיט זיין זיס קינדערש קולכל זיך אָנגערופן צום נגיד:

— ר' חיים-הערש, גייט, מען האָט אייך אויפגערופן!

דער גביר האָט גאָר בשעת-מעשה פאַרגעסן, אַז ער רעדט דאָ מיט אַ חומש-פּעמפּיק, מיט אַ שנעקל, און ער האָט זיך צו אים ערנסט אָנגערופן:

— מיך האָט מען אויפגערופן? מען האָט געהאַט אין זיך די העזה?

און כאַפּנדיק זיך מיט וועמען ער רעדט דאָ, האָט ער זיך אַ בלאַס-געוואָרענער געווענדעט צו זיינע מזרח-שכנים:

— מיך? מיך — הינטערן אַיוון?

צווישן ברייטן עולם האָט זיך דורכגעטראָגן אַ פאַראיבל-געמורמל:

— ...אָבער מען האָט דאָך שוין אויפגערופן... וואָס איז? ס'איז דאָרטן נישט די זעלבע תורה וואָס אויפן בעלעמער? וואָס איז דאָ דער אומגליק אַזוי גרויס? אַז מען האָט אויפגערופן מוז מען גיין!

און דער עולם דאַרטן צווישן דעם האַנטפּאַס און דעם פּאָליש שטייט לעבן אָפענעם ספר־תורה און וואַרט און וואַרט... און די אַטמאָספער אין בית־המדרש ווערט שטיקנדיקער און שטיקנדיקער. דער גביר וואַרפט אַ בלאַנדזנדיקן בליק אויפן גאַנצן מזרח, — ער איז פאַרצווייפלט, ער קען זיך גאָר על אתר קיין עצה נישט געבן וואָס מען טוט דאָ — און זייגע אומגליקלעכע אויגן שטעלן זיך אָפּ אויפן רב׳ס פנים —

און דער רב זאָגט:

— ס׳איז דאָך שוין אַ פאַרפאַלענע זאַך, ר׳ חיים־הערש... מען טאָר נישט מבייש זיין קיין ספר־תורה... ס׳איז אַ גרויסער בזיון פאַרן ספר, אָט דאָס לאָזן עם וואַרטן אויף זיך —

אונטער הונדערטער שאַדנפרייידיקע בליקן איז דעמבענער מיט אונ־טערגעהאַקטע פּיס דורכגעגאַנגען די גאַנצע לענג פונעם בית־המדרש, ער האָט אַ קוש געטון אין ספר דאָרט, ווו בערל האָט אים אָנגעוויזן, ער האָט שעפּטשענדיק געמאַכט די ברכה מיטן וואָכעדיקן ניגון און איז שטיין געבליבן פראָווצעם, ווי אַ סטאַטיק.

בערל, ווי דאָ וואָלט גאָרנישט געשען, האָט נאָך לענגער ווי שטענדיק אויסגעצויגן דעם: „אַ—מ—ן” און האָט אָן אויפגערוימטער אָנגעהויבן:

— ...וללוי אמר...

אין בית־המדרש האָט געקאָכט און געזאָטן ווי אין אַ קעסל. אייניקע האָבן געזאָגט, אַז עס איז פון בערלס זייט אַ חוצפה פון אַ שניידעריונג אַזאַ שטיקל אַרבעט אַרויסצוּוואַרפן און אַנדערע ווידער האָבן געזאָגט, אַז ס׳איז גאַנץ גלייך אַזוי! מילא עסן, עסן זיי באַזונדער, די גבירים, מעגן זיי כאָטש עולה־תורה זיין צוזאַמען מיט „כל ישראל”...

און בערל דאָרט קלאַפּט מיט זיין גלעקלדיק צינגעלע:

— ...האומר לאביו ולאמו לא ראיתיו ואת אחיו לא הכיר ואת בניו לא ידע...

אַז חיים־הערש האָט זיך ענדלעך אומגעקערט צוריק אויף זיין פּלאַץ, האָט ער אויסגעזען „יבש” ווי אַ מת נאָך דער „טהרה”; פאַרחושכט און קויטיק, ווי אַ פּגר אומגעוואַשן. די אַלע מתפּללים פאַרביי וועלכע ס׳איז אים נאָר וואָס אויסגעקומען נאָענט דורכצוגיין, האָבן זיך באַמיט ווי ווייט מעגלעך נישט צו קוקן אין זיין זייט אַריין ווי ער וואָלט געווען אין „חרם”, און וואָס איז דאָ דער חידוש? ס׳איז דאָך אַ בפירוש׳ע משנה אין „אבות”: „...ואל תשתדל לראותו בשעת קלקלתו”... אַרום אים האָט געקאָכט און

געזשומעט ווי אין אַ בינשטאָק, אָבער ער אַליין איז נעבעך געשטאַנען טויב און שטום ווי אַ געליימטער.

אַז מען האָט אויף דער בימה פאַרענדיקט מיט חתן־תורה, האָט זיך אָנגעהויבן אַ שקלא וטריא מכח דעם גביר׳ס חתן־בראשית. דער רב האָט געזאָגט, אַז צוויי מאָל נאָך אַנאַנד מאַכן אַ ברכה אויף דער תורה איז עפּעס נישט כדאי, אפילו אום שמחת־תורה... אַנדערע ווידער האָבן אָפּגע־זוכט אַ שטיקל צד־להיתר, ווייל די „חתנים" זענען מער אַן ענין פון כבוד, ווי פון עולה־תורה זיין... איז דער רב אַוועק צו דער ספרים־שראַנק און האָט אַרויסגעכאַפּט איין ספר; איז דער דיין אַוועק צו דער ספרים־שראַנק און האָט אַרויסגעכאַפּט אַ צווייטן ספר; האָט זיך דאָ אויף איין מינוטקעלע פאַרקאָכט יענע קאַשע, עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ שפּאַרעניש און אַ ספרים־מישעניש מיט נצחון־סברות מיט לומדות־אַרויסווייזעניש, מיט אַן אַרויסברייען פון אַ רמז דרמיזא און פון אַ „גלייכן קוק" אויף אַ „נכתב בצדו׳לע" און אָט דער גאַנצער פּלפּול איז אָנגעגאַנגען בקולות וברקים ולהבות אש, מיט געשרייען און מיט גוואַלדן עד לב השמים, ביז גאָט האָט געהאָלפן, עס האָט זיך אין מחלוקת אַריינגעמישט דעם גבירס מחותן, דער גאון, דער מנהל פון דער באַרימטער ישיבה. און ער האָט מיט זיין הורמנא פון אַ פּוסק־אחרון געזאָגט אַזוי צו זאָגן:

— רבותי, דער ענין פון מאַכן אַ ברכה איין מאָל און גלייך נאָך דעם אַ צווייטן מאָל איז כלל נישט פון די לייכטע ענינים. ס׳איז דערביי דאָ אַ צד להיתר — שמחת־תורה! און אַ צד לאיסור איז אודאי און אודאי דאָ — כיון שהגיד שוב אינו חוזר ומגיד! וואָס איז דאָס עפּעס? חברותא כלפי שמיא? על כן איז די עצה מיינע אַזאַ, אַז מען זאָל צום מחותן מיינעם מצרף זיין נאָך אַ יידן, וועלכער האָט נאָך היינט נישט עולה־לתורה געווען. איז דעם „ברשות" מיט דעם „עמוד, עמוד, עמוד" וועט מען זאָגן אויף זיי ביידע, — עלעהיי צוויי יידן האָבן געמאַכט יד אחת און האָבן זיך איינגעהאַנדלט אַ פעטע עליה בשותפות — און די ברכה אויפן ספר, וועט טאַקע מאַכן נאָר יענער, וואָס האָט נאָך נישט עולה לתורה געווען —

די רייד פונעם מנהל האָבן געקלונגען ווי אַ פּסק־גמור און ס׳האָט זיך אָנגעהויבן אַ זוכעניש אויף אַ יידן, וואָס האָט נאָך נישט עולה געווען. לאָזט זיך אויס, אַז מען האָט זיך שפּעט דערמאָנט. מען זאָל אפילו געבן אַ רענדל פאַר אַזאַ יידן איז ער נישט בנמצא — יעדער ייד האָט שוין היינט געהאַט אַן עליה. וואָס דען צוויי יידן זענען נאָך געבליבן, וואָס האָבן נאָך היינט נישט געמאַכט קיין ברכה אויפן ספר: דער יונגערמאַן,

וואָס דאַרף נאָכן חתן-בראשית זיין „מפטיר" און דער שמש, וועמען מען האָט בשעת-חדוה פשוט פאַרגעסן צו געבן אַן עליה. דעם גבירס מקורבים האָבן זיך אַ וואָרף געטון צו דעם בעל-מפטיר, אַז ער זאָל מסכים זיין צו זיין חתן-בראשית צוזאַמען מיטן גביר און דעם שמש וועט מען אויפרופן מפטיר, ווייל מען קען דאָך נישט צונויפשפּאַנען אַזאַ איש נכבד ווי ר' חיים-הערש איז מיטן עובר-בטלדיקן שמש; יענער, — דער נגיד, הייסט עס — שטייט אַזוי אויך אוים געברענטע לײדן; זאָל ער אַ קוק טון, — דער בעל מפטיר — ווי דער גביר שטייט נעבעך ווי אַ פאַרמשפּטער, ווי אַ נידון-למיתה, רחמנא ליצלן...

דער בעל-מפטיר האָט אָבער פון דעם בײט אפילו הערן נישט געוואָלט: ער האָט היינט, ממש בו ביום, יאָרצייט נאָך זיין פאָטער, עליו השלום, און אַ בעל-יאָרצייט, זאָגט דער שולחן-ערוך, איז מחויב עולה צו זיין מפטיר, וועט ער פאַר כל הון דעלמא נישט אָפּטרעטן זיין מפטיר...

עס האָבן נישט געהאָלפן קיין רייד, קיין אַריינלייגן זיך, קיין פּשטלעך און קיין דריידלעך — דער בעל-מפטיר איז געשטאַנען אויף זיינעם שטאָל און אייזן: זיין פאָטער איז ביי אים בילעכער פון ר' חיים-הערשן. אויב דער תיקון פון זיין פאָטערס נשמה פאָדערט: מפטיר — מעג דער גביר זיך שטעלן מיט איין פוס אויפן דאַך און מיט דעם צווייטן טיף אין קעלער — וועט ער עולה זיין נאָר מפטיר!

ס'איז קיין אַנדער ברירה נישט געבליבן און חתן-בראשית האָבן עולה געווען: דער נגיד מיטן שמש.

אין דעם שיינעם „ברשות" מיטן „עמוד, עמוד, עמוד" — וואָס האָט שוין דווקא דאָס מאָל געקלונגען גיכער ווי „איכה" איידער ווי „אקדמות" — האָט מען אָנגערופן זייערע ביידנס נעמען ביינאַנד; די ברכה — צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן אויף אַזאַ פעטער עליה — האָט געמאַכט דער שמש אַליין און דער נגיד, וועלכער איז אין געהאַקטע ווונדן געשטאַנען הינטער אים ווי אַ באַהעלפערל, האָט נעבעך גלייך מיטן גאַנצן עולם געמוזט ענטפערן „אמן".

קיין בייזע צונגען פעלן אין ערגעץ נישט און עמעצער האָט שוין צעפּויקט אין שטאָט וועגן דעם בייזוואונדער, וואָס שפּילט זיך איצט אָפּ אין גרויסן בית-המדרש. דער פועל-יוצא פון אָט דעם קול-קורא איז געווען, אַז יידן האָבן איבערגעלאָזט די פעטע קידושים, ווייבער האָבן „געלאָזט שטיין" די אויוונס און קינד און קייט האָבן זיך געלאָזט לויפן אין גרויסן בית-המדרש אַריין, ווי אויף אַ בייזוואונדער...

בעת ר׳ חיים-הערש פון איין זייט און דער שמש פון דער צווייטער האָבן זיך נאָכן „ברשות" אויפגעהויבן אויף דער בימה ווי בשותפות'ע חתנים צו „חתן-בראשית", איז אין בית-המדרש געוואָרן אַזאַ געדראַנג — נישט אויסצוהאַלטן! די פענצטער פון דער ווייבערשער שול זענען געווען אַזוי געדיכט באַלעגערט, אַז ס'איז ממש געווען אַ סכנה, אַז די וואַנט זאָל זיך חלילה נישט איינברעכן אונטער דער גוואַלדיקער משא פון אַזאַ ווייבער-מחנה.

אַז ס'איז שנים כתיקונם, ווייסט מען גוט, אַז שמחת-תורה צעלויפט זיך דער עולם קידוש-מאַכן באַלד נאָך קדושת „כתר" און צו די לעצטע צוויי קדישים איז קוים מיט צרות דאָ אַ מנין, איצט אָבער האָט דער עולם עפּעס גאָר ווי פאַרגעסן, אַז ס'איז שמחת-תורה אויף דער וועלט און, אַז דער טאָג שטייט נישט — מען איז געשטאַנען ווי די אַנגעדונגענע, די מענער פון אונטן, די ווייבער פון אויבן; מען איז געשטאַנען און מען האָט געוואַרט אויף עפּעס; מען האָט זיך נישט גערירט פון די ערטער, ווי זיי וואָלטן געוווסט אויף זיכער, אַז מען וועט זיי דאָ נאָך באַדאַרפן.

נאָכן דאַווענען איז דער שמש צוגעגאַנגען צום גביר און אויפן אויער, מעשה גוטער-ברודער — פאַרט צוזאַמען עולה-לתורה געווען! — אים אַ פרעג געטון:

— ר׳ חיים-הערש, דעם קידוש אייערן זאָל איך שוין דערלאַנגען צום טיש, צי איך זאָל נאָך צוװאַרטן אַ ביסל, ביז דער עולם וועט זיך צעגיין ווי זאַלץ אין וואַסער?

דער נגיד, שוואַרץ ווי די ערד, האָט שטיל געענטפערט:

— מען דאַרף נישט, זייט זיך נישט מטריח, מיר'ן שוין אין דער היים מאַכן קידוש. מחותנים, קומט, מיר'ן גיין —

אויפן גרויסן פלאַץ אַרום בית-המדרש האָט זיך גערעדלט. קיינער איז חלילה נישט אַוועקגעגאַנגען אַהיים. עפּעס האָט זיך געפילט אין דער לופט, אַז דאָס לעצטע וואָרט פון היינטיקער „קאָמעדיע" איז נאָך נישט געזאָגט געוואָרן; עפּעס וואָס מוז נאָך פאָרקומען. ר׳ חיים-הערש, פילנדיק אויף זיך הונדערטער פאָר אויגן מיט עפּעס אַ מין תביעה, האָט פשוט נישט געקענט בלייבן קיין בעל-חוב צו אַזאַ המון קיין עין-הרע, ער האָט זיך דורכגעשטופּט צו בערעלע דעם שניידער און האָט אים בנשימה-אחת אָפּגעשטעקט צוויי פלאַמפּייערדיקע פּעטש:

— נאַ, בערעלע, דאָס האָסטו דיר מיין משלוח-מנות און מיין דרשה-געשאַנק!

ער האָט זיך שוין געהאַט אויסגעדרייט אַוועקצוגיין, אָבער דער שניידער האָט פלינק אַרומגעוויקלט דעם גבירם באָרד אַרום זיין פינגער, — ווי ער וויקלט כסדר אַרום דעם פאָדעם, איידער ער טוט אים אַ לעק און אַ סילע אַריין דורך דעם נאָדל-לאָך — ער האָט מיטן גאַנצן כח צוגעצויגן דעם שונא׳ם פנים צו זיך און האָט אַהין אַ זאַפטיקן כראַקע געטון:

— נאַ, קיזיאַק איינער, דאָס האָסטו דיר מיין משלוח-מנות און מיין דרשה-געשאַנק צו דיין פאַרשיווע מיזינקעלעם חתונה׳קע —

ס׳איז געווען ווי אַ האָר פון דער מילך, אַז דער גאַנצער מזרח און דער „חדר-שלישי״ זאָלן זיך אַריינקריכן איינער דעם צווייטן אין די בערד און פיאות און מיט די נעגל זיך חלילה אויסדראַפּן די אויגן ווי די קעץ, נאָר דער רב און דער מנהל און די צוויי דיינים האָבן זיך מיט גרוים מסירת-נפש אַריינגעוואָרפן סאַמע אין „קאַלכאַויוון״, אַזוי צו זאָגן: „בין החיים ובין המתים — נאָר עס זאָל זיין — ותעצר המגפה!״ צו קיין מאַסן-געשלעג אום יום-טוב איז ברוך-השם נישט געקומען. די צעטיילטע צוויי מחנות, — אויפן שטייגער פון: „ולא קרב זה אל זה״, — האָבן נאָר דראַ-ענדיק אַריבערגעשריגן איינע צו דער אַנדערער.

דער „מזרח״, די „שיינע יידן״:

— שייגאַצעס! האַלאַדראַנצעס! הולטייעס! מיר׳ן אייך ערשט ווייזן, וואָס עס הייסט אויפרופן צום שניידערשן שולחן אַ בכבודיקן יידן, אַ פרנס-הצבור...

דער „חדר שלישי״, דער „הינטער דער הרובע״:

— שונאי-ישראל, וואָס איר זענט, פעטע פופקעס! די תורה פונעם שניידערשן שולחן איז נישט די זעלבע תורה, וואָס אייערע? דער וואָס רעדט אויף דער תורה וועט נישט מוציא שנתו זיין! דער וועט הייבטיקס יאָר אַריינפאַלן צו דער „חברה״ אין די הענט אַריין...

מען האָט געשריגן, מען האָט געפילדערט, אָבער מיט אָט די קעגנ-זייטיקע געשרייען וואָלט מען שוין מסתם ווי עס איז געווען אָפּגעקומען דאָס בייזע בלוט און די היפש-צערייצטע געמיטער, ווען זשע איז דאָס געערדט געוואָרן? — ווען דאָס גרויסע אומגליק ברעכט נישט אויס הינטנאַרומער: די ווייבער, וואָס זענען די גאַנצע צייט געשטאַנען איינע קעגן די אַנדערע ווי די האָנען אָדער ווי די צאַפּעס, האָבן שוין מער נישט געקענט „אויסהאַלטן קיין יידישקייט״ און די חיים-הערשעכע איז מיט אַלע צען פינגער אַריין דער בערעלעכע אין פנים אַריין און דאָ האָט זיך

ערשט פאַרקאָכט די רעכטע קאַשע: די קוויטשן און די יללות זענען געגאַנגען עד לב השמים; פון אַלע זייטן זענען געפלויגן טשיפּיקעס און זיידענע טיכלען און פּאַסמעס האָר און בלוט! ממש צאַפּלדיק בלוט! דער רב מיט די דיינים זענען אַרומגעלאָפן, געפּאָכעט מיט די הענט, געשריגן: „גוואַלד", אָבער העלפן האָבן זיי גאָרנישט נישט געקענט, זיי ווען דאָך נישט אַריינקריכן אין סאַמע רעכטן-געדעכטן צווישן די ווייבער... די מענער האָבן אויך לאַנג נישט געקענט שטיין מן הצד און צוקוקן, ווי די ווייבער קוילען זיך און מען האָט במחילה פאַרקאַטשעט די אַרבל און מען האָט בחפזון גדול פאַרשטעקט די פּאָלעס פון די קאַפּאָטעס אין די גאַרטלען און —

און פרעגט נישט! ס'איז געווען אַ פאַרשטערטער שמחת-תורה!

*

די אונטערשטע שורה: בלוט אַהער, בלוט אַהין — אָבער די נקמה איז גענומען געוואָרן!

נקמה, זאָגט די וועלט, איז אַ זיסער ביסן און ווער, זאָגט מיר, איז אַזאַ שוטה זיך אָפּצוזאָגן פון אַ זיסן ביסן?

א מפונק

מה גדולים דברי חכמים!

אַז די גמרא זאָגט: איסטניס — חייו אינם חיים, ווייסט זי שוין דווקא וואָס זי זאָגט.

די חז"ל האָבן קיין מאָל קיין טעות נישט, נישקשה, מען קען זיך אויף זיי פאַרלאָזן —

— —

נפתלי-עוזר דער אייעריקער איז איינער פון די גרעסטע גבירים אין שטאָט און גאָר גרויסע היצקעפּ ווילן איינרעדן דעם עולם, אַז ער איז טאַקע דער סאַמע גרעסטער עושר, דער „לויתן" פון זייער שטאָט. נפתלי-עוזר ווייסט בפירוש פון אָט דעם וויסטן רעדעניש וואָס די נישט-פאַרגינערס רעדן אַלץ אויס אויף אים און אויף זיין געביין, נישקשה, עס זוכן זיך שוין אָפּ אַזעלכע גוטע ברידערלעך, וואָס טראָגן אים צו פון יעדן פּיצעלע: פון דעם וואָס מען האָט גערעדט וועגן אים, וועגן דעם וואָס מען רעדט איצט און אפילו וועגן דעם, וואָס מען וועט רעדן וועגן אים מאָרגן, אָבער ער גיט זיך נישט די מי צו דערוויזן דער וועלט, אַז ס'איז נישט אַזוי די מעשה, ווי מען זאָגט. אָבער טאַקע כלל נישט! און ער איז בפירוש גערעכט. וואָרעם וואָס אַרט עס אים, אַז מען רעדט? זאָלן זיינע שונאים רעדן אפילו צעזעצטערהייט, אפילו פון היץ, אפילו פון קדחת, וואָס גייט עס אים אָן? זייערע רעדעכטסן קאָסטן אים אפילו איין קאָפּיקע? בכלל, פון אייביק און שטענדיק האָט ער נישט ליב צו רעדן קיין סך און דערצו נאָך מיט פרעמדן עולם און דערצו נאָך מיט יידן-באַרעדערס — גאָט באַוואָר! משוגע איז ער, צי מטורף?

דער „אייעריקער" רופט מען אים דערפאַר, ווייל ער און זיינע עלטערן און אור-עלטערן, די גאַנצע משפחה זייערע, בכל מקומות מושבותיהם, האַנדלען מיט אייער. מען האַנדלט גרויס, אין די ווייטע מדינות אַריין, אָבער אַלץ מיט אייער.

זיי האַלטן-אַ פּנים גאָר שטאַרק פונעם באַוווסטן מאמר חז"ל:

כל שכביצה — ביצה טובה הימנה!

אַזוי, אַז מען גיט אַ קוק אויף אים, איז ער' נפתלי-עוזר אַ מענטש גלייך מיט אַלע מענטשן, אָבער [illegible] קענען אים [illegible] נאָענט און ווייסן פון זיין שוואַכקייט, ווייסן אַז ער איז נישט אין גאַנצן גלייך מיט אַלע מענטשן.

DENVER PUBLIC LIBRARY
AUG 1972
CITY & COUNTY OF DENVER

און מיינט איר: מיט וואָס איז ער עס אַזוי נישט גלייך? ער איז אַ זולל וסובא? חס וחלילה! אדרבה, דער ביטערער טראָפּן קומט אפילו נישט אין זיין מויל אַריין! צי אפשר מיינט איר, אַז ער איז אַ קאָרטנשפּילער? האָט איר ווידער אַ גראָבן טעות! — ווער? וואָס? ער ווייסט אפילו נישט דעם חילוק פון אַ טויז ביז אַ וואַלעט. קיצור הדבר: זיין חולשה איז כלל נישט פון דעם מין. זיין שוואַכקייט באַשטייט אין דעם, וואָס ער האָט מורא פאַרן טויט... וועט איר דאָך אויסגלאָצן אַ פּאָר אויגן:

— און וועלכער ייד האָט עס נישט מורא פאַרן טויט? איז אָבער אייער קשיא נישט קיין קלוגע קשיא. מען פאַרשטייט די מעשה, אַז כל ישראל האָט מורא פאַרן טויט, אָבער מורא צו מורא איז נישט גלייך — נפתלי־עוזר'ס מורא איז געווען אַ מורא פון מורא־לאַנד —

טאָמער האָט זיך אין שטאָט געמאַכט אַ לוויה, נישט פאַר קיין שום יידן געדאַכט, איז ווייניק צו זאָגן, אַז ר' נפתלי־עוזר איז נישט נאָכגע־גאַנגען דער לוויה אפילו קיין ד' אמות — ווייס איך, ווער וואָלט זיך דערפון געמאַכט אַ צימעס? אויך מיר אַ מסחר! נישט געגאַנגען, איז נישט געגאַנגען. מסתמא איז דאָרט געווען אַ מנין אויך אָן אים... אָבער דאָ פלעגט פּאַסירן גאָר, גאָר עפּעס אַנדערש. ער פלעגט זיך פאַרשפּאַרן אין שטוב אויף אַלע ריגלען, הייסן דעם ווייב פאַרהענגען מיט גראָבע שאַלן אַלע פענצטער, אפילו די טאָפּלטע קיכפענצטער און אַליין פלעגט ער אַריינקריכן אין בעט אַריין, זיך איבערדעקן איבערן קאָפּ מיט דער פּערינע, — „מאַמע, באַהאַלט מיך!" און ערשט אונטער דער פּערינע פלעגט ביי אים קלאַפּן אַ צאָן אין אַ צאָן:

— אוי וויי, אַ לוויה אין שטאָט... מלאך־המות בא לעיר...

און אַזוי ווי ער איז שוין במילא געלעגן אין די טיפע קישנס און איז געווען איינגעדעקט מיט די פּודיקע פּערענעס, האָט ער שוין געהאַלטן פאַר זיכערער טאַקע דאָרט צו פאַרבלייבן ביז אויף צו מאָרגנס אין דער פרי —

— ...ווי אַ זאַך מאַכט זיך, טאָמער האָט ער זיך גראָד פאַרהאַלטן אין שטאָט, דער מחבל, און גיט זיך אַ גיי־דורך איבער די הייזער אָנצור־קוקן דאָס הדר זיינס, אַ טאַפּ טון דעם עולם ביים דופק, — אַזוי ווי די באַלעבאָסטע טאַפּט איבער די גענדזלעך להבדיל אין „יענער מעשה", צי מען קען זיי שוין אָפּשיקן צום שוחט — איז צו וואָס דאַרף מען זיך אים וואַרפן אין אויגן? אַז מען איז אים שוין דאָ צו די הענט, קען ער זיך אַ מאָל מיישב זיין, אַז ער קען זיך איינברענגען אָן איבעריקן גאַנג און מאַכן

„כיק געגדזועלע", אָבער אַז מען איז נישטאָ, איז מען נישטאָ און — רעד צום לאָמפּ!

פלעגט ער נאָך אַ לוויה זיך נישט ווייזן אויף דער גאַס אַ מאָל איין טאָג און אַ מאָל צוויי און אַ מאָל גאַנצע דריי! דאָס איז געווען געווענדט אין דעם, ווי אַזוי ער האָט זיך דאָס מאָל געפילט. און אפילו, אַז ער איז שוין יאָ אַרויסגעגאַנגען אין גאַס אַריין, און איז שוין יאָ געגאַנגען אין בית-המדרש אַריין, נו ובכן, וועט ער שטיין נאָענט לעבן פרישן קדיש-זאָגער? דווקא „לא" מיט אַן אלף! פון אים שמעקט נאָך מיט קרקע, מיט סתימת-הגולל, מיט מעבר-יבוק און מיט „קריעה" און פון אַזעלכע זאַכן האָט ער זיך ליב צו האַלטן וואָס ווייטער, וואָס ווייטער... וואָס ווייטער פונעם מלאך-המות — האַלט ער — איז אַלץ געזונטער...

צו די ערשטע הקפות — איז שוין ביי דער וועלט אַ מנהג מקדמונים — באַגנבעט מען אַלע רייכע באַלעבאָסטעס פון דער שטאָט —

פון זינט יידן זענען יידן און שמחת-תורה איז שמחת-תורה, ווייסט די גאַנצע וועלט, אַז שמיני-עצרת אויף דער נאַכט, ווי נאָר די חברה-קדישא-לייט גייען זיך דורך מיט זייער באַזונדערער עוזר-דלים-הקפה און האַקן אַריין — אין בית-המדרש טאַקע! — די ערשטע „גאַלקע", אַזוי צעלאָזן זיי זיך איבער דער שטאָט אַרויסצושלעפּן ביי די רייכע באַלע-באָסטעס די קראָפּן פונעם אויוון און די האַלאַבציעס פון אונטער דער איבערבעט און בכלל אַלע מעדני-מלכים, וואָס זי האָט צוגעגרייט אויף יום-טוב.

דאָס ווערטל צווישן די געקרענקטע באַלעבאָסטעס פון אָט דעם „שטילן גראַביאַזש" איז געווען:

— טאָמער איז אונדז חלילה באַשערט געווען, אַז אָט די מלאכי-חבלה זאָלן הייגטיקס יאָר אַריבערטרעטן אונדזער שוועל מיט אַ שלעכ-טער כוונה, זאָלן מיר שוין האָבן אָפּגעקומען מיט אָט די עטלעכע קראָפּן און מיט די האַלאַבציעס... זאָל דאָס זיין אַ שיינע, אַ ריינע כפרה פאַר מיר, פאַר מיין מאַן און קינדערלעך און פאַר כל ישראל — אמן, טאַטע זיסער —

רופט זיך אָן אַ שכנטע פאַרצאָרנט:

— פאַר וואָס גאָר — עטלעכע? הלמאי זאָל איך זאָגן, ביי מיר האָבן זיי אָפּגערייניקט די שטוב, ווי דער היישעריק פון מצרים. זיי האָבן פאַר-נומען אַלץ פונעם קרעדענץ און פון די פאַלומיסקעס —

— וואָס קאָכסטו זיך אַזוי, וואָס? זאָל זיין אַ שיינע ריינע כפרה! מיר האָבן דען אַ ברירה נישט צו געבן? ס'איז דאָך שוין אַזאַ מנהג —

אָנפירן ביי זיי אין שטאָט מיט דער דאָזיקער „אַבלאַווע" פלעגט טאָדרעס דער בעדער, דער עלטסטער „חברה-מאַן" אין שטאָט. ער פלעגט גיין פאָרויס און די חברה נושאי-המטה מיט עטלעכע געפלאָכטענע ווינגלעך, ווי נאָך מצות, נאָך אים און אַלע יונגעלעך און מיידעלעך פון דער שטאָט נאָך זיי, — אָנקוקן ווי עס גייט צו.

און ס'איז בפירוש געווען וואָס אָנצוקוקן —

די שיירא פלעגט זיך אָפּשטעלן פאַר דער אָנגעמערקטער שטוב, אַלע פלעגן בלייבן שטיין אויף דער גאַס, אינעווייניק זענען אַריינגעגאַנגען נאָר: טאָדרעס דער בעדער, — דער ראש-המדברים — פּייסי-נחמיה דער שוסטער און יונה-גאָדל דער קברות-ייד. טאָדרעס דער שיינער בעל-לשון און דער אַלטער בעל-מנגן פלעגט נאָכן ברייטן „גוט יום-טוב" גלייך שטעלן די פראַגע אויף דער „שאַרף פון אַ שווערד":

— אַזוי ווי ס'איז שמחת-תורה אויף דער וועלט, נעמט די חברה-קדישא צונויף „קידושים" ביי אַלע פאַרמעגלעכע יידן, וואָס מען האָט זיך מיט זיי היינטיקס יאָר ברוך-השם נישט מטפל געווען. וויל איך, אַז איר זאָלט מיר ענטפערן „איינס און צוויי": איר גיט אונדז אָפּ מיט גוטן אונדזער רח"ש, צי מיר וועלן מיט אייך דאַרפן מלחמה האַלטן?

און דאָ זענען שוין געווען פאַרשידענע הייזער: ווו מען האָט זיי געגעבן בכבוד, וואָס זיי האָבן נאָר געפאָדערט; ווו מען האָט זיך מיט זיי אויסגעדונגען: חצי שלי וחצי שלך און ווו ס'איז זיי אויסגעקומען צו נעמען זייער „זאַקרויב" בחרבם ובקשתם —

צוגעקומען צו די „אייעריקע" טרעפט מען טיר און טויער פאַרשלאָסן, ווי בשעת אַ פּאָגראָם, די פענצטער זענען פאַרהאַקט און געדיכט פאַר-האַנגען, פונקט ווי אין דרויסן זאָל איצט דונערן און בליצן, נאָר די נפתלי-עוזר'קע, אָדער ווי מען רופט זי אין שטאָט, — די אייעריקע יידענע — שטייט אין אָפענעם פענצטער — אַנדערש וועלן דאָך די רוצחים חרוב מאַכן די גאַנצע שטוב, ווי חורבן בית-המקדש — דאָס ציטעריקע מאַנדעלע שטייט הינטער איר אוןביידע צוזאַמען שיטן זיי אויף דער חבריא „שוועבל און פעך":

— גייט, גייט ווייטער שיכור'ע גויים, מען האָט דאָ פון אייערט וועגן גאָר נישט אָנגעגרייט! פאַרנעמט זיך פון דאַנען זולל וסובא'ניקעס! טריפה'נע פּיסקעס! הולטייעס! האַלאַדראַנצעס! בלוטזויגערס!

טאָדרעס מיט זיינע געהילפן פלעגן אָבער נישט נתפעל ווערן פון זייערע „יעלות". מען האָט זיי שוין געקענט נישט פון נעכטן און נישט

פון אייערנעכטן. די דאָזיקע חברה־לייט האָבן שוין גוט געוווּסט מיט וועלכע קאַנאָנען מען דאַרף שטורעמען די „אייעריקע" פעסטונג. טאָדרעס מיט זיין באַרימטן „האַלדז" איז אַרויפגעשטעלט געוואָרן אויף אַן איבער־געקערט פעסל, וואָס חברה האָט טאָקע צוליב דעם צוגעקאָטשעט פון אונטער דער רינווע, ער האָט געוואָרפן אַ קוק אויף קליין און גרויס, אַז מען זאָל אים האַלטן אַ טאָן ווו מען וועט דאַרפן, דאַן האָט ער בריה'ש אַריינגעוואָרפן דעם „אגודל" אין האַלדז אַריין און האָט אָנגעהויבן אויף אַ הויכן פאַלצעט:

— אל מלא רחמים, שוכן במרום—מ—מ—מ—מים —

קינד און קייט האָט אונטערגעכאַפּט מיט אַ וועלפּישן געברום:

— במרום—מ—מ—ים...

און טאָדרעס, שוין גאָר אויף אַ געהויבענעם סאָפּראַנאָ:

— ...המצא מנוחה נכונה על כנפי השכי—י—י—ינה —

גרויס און קליין — אַן אמת'ער „קול המון" — האָבן ווידער אונטער־געכאַפּט דעם „מלא" מאַכער מיט אַ שרעקלעכן טעמבר:

— השכי—י—י—ינה —

פון דער גאַנצער גאַס מיט הייזער, ווו יידן האָבן איצט געפּראַוועט די סעודת יום־טוב, האָבן זיך ווי דורך אַ שפּרונג אַוועקגערוקט די פאָר־הענגלעך פון די פענצטער. יעדער איינער האָט געוואָלט זען:

— וועמען ברענגט מען עס דאָ צו קבורה אום יום־טוב?

פון אַלע גאַסן איז געוואָרן אַן אָנגעלויף. דאָס געלעכטער פונעם גאַנצן עולם איז געגאַנגען עד לב־השמים. טאָדרעס מיט זיין לייבנשטימע האָט געשפּאַלטן הימלען. קיינער פונעם גרויסן עולם אַרום דעם איבערגעקערטן פעסל האָט לעת־עתה נישט געוווּסט וועמען מען גייט דאָ מאַכן די „מלא": אים, צי איר, צי דעם נעכטיקן טאָג, אָבער אונטערגעהאַלטן דעם חזן האָט מען ווי די בעסטע משוררים —

און טאָדרעס אויף זיין „בעלעמער" האָט זיך שוין אַרויפגעדראַפּעט אויף די גאָר־גאָר הויכע טענער:

— במעלות קדושים וטהורים כזוהר הרקיע מאירים ומזהי־י־ר־י־ם —

ביזן „את נשמת" איז די שפּיל קיין מאָל נישט דערגאַנגען. נפתלי־עוזר, ווייס ווי אַן אמתער מת, פלעגט אַרויסלויפן פון דער שטוב און צעפּעפענען „נאַסטיאַזש" טיר און טויער:

— גייט, רוצחים! גייט נעמט וואָס אייער האַרץ גלוסט... גייט, גייט! רויבט, הרגעט, קוקט נישט אויף גאָרנישט — אַלץ איז איצט אייערס!

די „אייעריקע יידענע”, די ארורה, האָט איר דרשה געהאַלטן דורכן פענצטער:

— רבונו־של־עולם, די קלעפּיקע פינגער זאָלן אייך נאָר אָפּטריקענען נעמענדיק מיין האָרעוואַניע, מיין בלוטיקן שוויים... יעדער קראָפּ, פּאָטער זיסער, זאָל זיך זיי שטעלן אין האַלדז ווי אַ דישעל אין דער ברייט — נישט אַהער און נישט אַהין —

און אויף דער חברה־קדישא האָט מען זיך שוין גראָד געקענט פאַר־לאָזן, זיי האָבן שוין אויסגעטרעסלט די שטוב, אַז מען האָט זיך דאָרט גלייך געמעגט זעצן פּראַווען דעם „סדר” —

נאָך אָט דעם קאָנצערט אויפן איבערגעקערטן פעסל פלעגט נפתלי־עוזר לאַנגע וואָכן אַרומגיין אַ דערשלאָגענער, אַן אויסגעלאָשענער, טאָקע ווי אַן אמתער „גאַסט פון יענער וועלט”.

נאָר מילא די גזילה פון די שמחת־תורהדיקע קראָפּן און פּראַקעס און האָלאָבציעס, דאָס איז נאָך געווען צו דערליידן. אַן עגמת־נפש, וואָס טרעפט זיך איין מאָל אין יאָר — מנע! וואָס זאָל מען טאָן? עס זענען אָבער געווען אויך אָפּטערע און שטאַרקערע גרימענישן. למשל: עס זענען געווען אַזעלכע „סדרות”, וואָס ר' נפתלי־עוזר איז אין יענע שבתים נישט געגאַנגען צום דאַווענען. דער בית־המדרש געפינט זיך אַ קאַצנשפּרונג פון זיין שטוב און ער זיצט אין דער היים, ווי דער פעלדשער ימח־שמו און גייט אפילו נישט צו הערן קיין קדושה וברכו. און מיינט איר פאַר וואָס? — איבער דער צו געפּעפּערטער סדרה! גייען צום דאַווענען און אַהיים־גיין פאַר אויסנעמענס איז אים עפּעס פריקרע, גייט ער שוין בעסער אין גאַנצן נישט און דאַוונט אַליין אין שטוב, ווי אַ חתן ביום חופתו.

און געפּעפּערטע סדרות איז דאָ גענוג —

נעמט למשל „תזריע מצורע”. מה־דאָך אַז ער קען נישט פאַרטראָגן דעם ריח פון קאַרבאָלקע אָדער פון ריצינאייל, ווילט איר, אַז ער זאָל אויסזיצן ביי אָט די צוויי סדרות און בלייבן אַ לעבעדיקער? ווי מען הייבט נאָר אָן צו לייענען פון די קרעץ מיט די געשווירן מיט די איבעריקע שלעק, פעלט אים אַ מינוט צו חלשות —

אָדער נעמט למשל די סדרה „שמיני”. די דאָזיקע סדרה האָט ער נישט געקענט סובל זיין איבער די עופות־טמאים, וואָס פאַרעפּוש'ן דעם גאַנצן בית־המדרש מיט זייערע ריחות־רעים; וואָס פילן אָן דאָס מקום־קדוש מיט זייער אומהיימלעכן פּישטשעריי און ניאַווקעריי, אַז עס פאַרלייגט אַזש די אויערן...

ווער שמועסט שוין „נישט פאַר קיין שום יידן געדאַכט" אין די גרויזאַמע סדרות: „בחקותי" אָדער „כי תבא" מיט זייערע שוידערלעכע תוכחות — פון זיי איז דאָך שוין אָפּגערעדט! בלויז פון מעביר זיין איינע פון די דאָזיקע סדרות פלעגט ער זיין חרוב און קראַנק און צעבראָכן אַ גאַנצע וואָך, זאָל ער נאָך אפשר גיין אין בית-המדרש אַריין און אויסהערן בקול-רם אָט די גרוילנדיקע קללות וחרמות און טאַקע קראַפּירן אויפן אָרט? ניין-ניין! וואָס—וואָס, אָבער דאָס וועט איר שוין דווקא ביי אים בשום אופן נישט פועלן —

און דעם אמת גערעדט, טאָר מען גאָר פון אים אַזאַ זאַך נישט פאָדערן אויך. מה-דאָך, אַז אפילו אין די סדרות, ווו עס ווערט בלויז בדרך-אגב דערמאָנט וועגן: הריגות, מגפות, באַגראָבן ווערן, פאַרשטיינט ווערן איז ער אוים מענטש... אָט נעמט למשל, ווען עס פלעגט אים אויסקומען צו הערן אָט די שיינע ערטעלעך:

...הרגו איש את אחיו...

...ויגוף ד' את העם...

...ויהיו המתים במגפה...

...ותפתח הארץ את פיה ותבלע אותם...

...ויך ד' בעם מכה רבה מאד...

...וירגמו אותו העם באבנים וימות...

אויסהערנדיק אָט די בשורות-טובות פלעגט ער אַ גאַנצן טאָג אַרומ-גיין מיט אַ בויכשניידעניש, ווי ער זאָל זיך געווען אָנשטאָפּן דעם מאָגן מיט גלאָז אָדער מיט טשוועקעס און אַז נישט איז ער שוין געלעגן אין בעט אַן „אָפּגעקאָכטער" און זיין קיילע-צירל פלעגט שוין פון אים נישט אָפּטרעטן מיטן טעצעלע „מאַלינעס-איינגעמאַכטס", — מען זאָל עס בעסער נישט דאַרפן! איז אייך נאָך קאַרג? וואָלט איר נאָך אַ בעלן געווען, אַז ער זאָל גיין ברצונו הטוב און אויסהערן די תוכחות? אַזאַ השגה גאָר! נ-נ-יין! ערב אַזאַ „געפעפערטן" שבת הייסט ער דעם ווייב מאַכן נאָך אַ פּעטערן קוגל און נאָך אַ ווייניקערע פּעטשאַ און טרעט נישט אַרויס פון דער שטוב דעם גאַנצן טאָג, פונקט ווי אויף יענער זייט שוועל וואָלט געבושעוועט און „געקאָסעט" אויף רעכטס און אויף לינקס: די „טשומאַ", אָדער די „כאָליערע"...

אַזוי איז דאָס: ער איז פון דער טבע אַ גלאַט-כשר מענטשל און קען נישט פאַרטראָגן קיין האַרבע ווערטער... דאָס שאַדט אים צום געזונט —

*

ויהי היום, האַט די השגחה אַזוי געפירט, אַז זיין קיילע־צירלס אַ גליד־גליד געשוועסטערקינד, אַ שלישי שבשלישי, וויגדער־אַנשיל דער „בלייענער פויגל" — ווי מען האַט אים אין שטאָט גערופן — פשוט אַן אָנשיקעניש פון זיין ליבן נאָמען, עפּעס אַ מין חצי בעל־הבית, חצי יורד, האַט געמאַכט אַ ברית. און ווען מאַכט ער אים? — מעשה שטן! פונקט דעם שבת וואָס נאָך פסח, פרשת „שמיני". שבת חול־המועד האַט אים זיין חלק־שני באַגליקט מיט אַ בן־זכר און שבת מברכין אייר, פונקט פרשת „שמיני" איז דער ברית. אַ „בזמנו"־ברית! נו, מילא קען מען דאָך קיין חזיר נישט זיין און מען מוז דאָס מאָל גיין דאַווענען. קאַפּריזן אַהער, קאַפּריזן אַהין — עס העלפט נישט, מען מוז גיין.

צום דאַווענען איז ער דאָס מאָל געגאַנגען משונה־פרי, כדי ער זאָל נאָך באַווייזן צו באַוואָרענען דאָס, וואָס ער האָט צו באַוואָרענען. און כך הוא —

אַריינקומענדיק אין בית־המדרש אַריין האָט ר' נפתלי־עוזר, נאָך איידער ער האָט זיך געוואַשן די הענט פונעם האַנטפאַס, פאַרנומען אויף אַ זייט דעם גבאי, און אים געוואָרנט מיטן האַרבן וואָרט:

— ר' פיצי־רפאל, זהיר וזהיר, איר זאָלט זיך נישט דערוועגן מיך היינט אויפצורופן, געהערט?

דער גבאי פיצי־רפאל האָט אַ קוועטש געטון מיט די אַקסלען:

— נו־נו, געהערט. נישט דערוועגן, איז נישט דערוועגן. עס וועט אם ירצה השם נישט זיין קיין מאַנגל אין קיין בעלנים עולה־תורה צו זיין —

אַ באַרואיקטער איז ר' נפתלי־עוזר צוגעגאַנגען צום האַנטפאַס, האָט געוואַשן די הענט, זיי אָפּגעווישט און איז אַוועקגעגאַנגען אויף זיין פּלאַץ אין מזרח. עס זענען אָבער נישט פאַריבער קיין געציילטע צוויי מינוט האָט עס אים ווידער אַ טראָג געטון פונעם אָרט:

— נפתלי־עוזר, וואָס זיצסטו עפּעס מיט צונויפגעלייגטע הענט, ווי שבת נאָכן קוגל? האָסט דאָך אין דער היים געהאַט בדעה נאָך עמעצן צו זאָגן —

ער האָט צוגערופן אַ יינגעלע און אים געשיקט זאָגן דעם שמש, אַז ער זאָל תיכף ומיד צוקומען צו אים. און אַז דער אַלטער שמש האָט אים שוין אונטערגעשטעלט זיין הערנדיקן אויער, האָט ער אין דעם פאַר־

וואָקסענעם לאָך אַריין איבערגעחזרט כמעט די זעלבע ווערטער, וואָס ער האָט פריער אַ ביסל גענזאָגט דעם גבאי:

— ר׳ ירוחם-פייוויש, איר זענט דאָך אַ ייד מיט אַ זכרון, געדענקט-זשע וואָס איך זאָג אייך אָן: איך וויל היינט נישט עולה-זיין! געהערט?

האָט זיך נאָך ירוחם-פייוויש געבייזערט פאַר דעם איבערפרעגן:

— געהערט, געהערט, — וואָס דען נישט געהערט? אַז איר ווילט נישט, דאַרף מען נישט! וועט אייך קיינער נישט צווינגען! געהערט פרעגט ער...

ערשט דאַמאָלסט, אַז ר׳ נפתלי-עוזר האָט געפילט, אַז ער האָט זיך שוין באַוואָרנט פון אַלע זייטן, האָט ער זיך הרחבה׳דיק אַוועקגעזעצט אויף זיין פּלאַץ און האָט אָנגעהויבן צו זאָגן „פתח אליהו״.

און דער עולם האָט געהאַלטן אין איין צוקומען און צוקומען און צוקומען. דער בית-המדרש איז שוין געווען געפּאַקט, ממש — כמים לים מכסים. מען האָט שוין דווקא צעעפנט אַלע פענצטער און דאָך איז געווען היים, ווי להבדיל אין אַ באָד. און וואָס איז דאָ דער חידוש? ס׳איז עפּעס מעשים בכל יום: אַ שבתדיקער ברית? אַ ווערטעלע אויסצורעדן: האָבן אליהו-הנביא אין שטאָט פאַר אַ גאַסט אויף שבת?

אַז דער בעל-קורא האָט נאָר אָנגעהויבן די ערשטע פּאָר ווערטער: „ויהי ביום השמיני״, האָט נפתלי-עוזר גלייך דערפילט אַ קאַפּשווינדל, ווי נאָך אַ שטאַרקן טשאַד, אָדער ווען מען קוקט אַראָפּ אין אַ טיפן אָפּגרונט. ער האָט בפירוש געפּרווט אַריבערוואַרפן דעם טלית איבערן קאָפּ און דאַרט, אונטערן טלית, ווו קיינער זעט שוין נישט, זיך פאַרשטעקן די אויערן מיט די פינגער, ס׳האָט אָבער גאָרנישט נישט געהאָלפן. אליקום-פישל דער בעל-קורא האָט היינט ממש „אויסגעגעבן די מיזינקע״. גראָד היינט האָט זיך אָט דעם משומד פאַרגלוסט צו ווייזן וואָס ער קען און זיין קול האָט דאַכט זיך געקענט דורכבויערן ששת-ימי-בראשיתדיקע פעלזן, נישט נאָר טליתים. און דאָ ווי אויף צעפּיקעניש האָט זיך פאַרזאַמלט אַזאַ גרויסער עולם און מען שלעפּט זיך להבדיל ווי מיט אָקסן, אויף טריט און שריט מאַכט מען הוספות. מען טיילט צו דריי פסוקים „נאַ בראַטאַ״ און עם פאַלן בפירוש גרויסע נדרים. פראַווען האָט געפּראַוועט פיצי-רפאל, דער גבאי-ראשון צוזאַמען מיט וויגדער-אַנשלען, מיט דעם פאַרפלאַמטן בעל-בריתניק. „שישי״, ווי געוויינלעך, האָט מען אויפגערופן דעם רב דמתא, ווער שמועסט נאָך — ער איז דאָך גאָר מחויב עולה לתורה זיין, ווייל ער איז מכובד מיט סנדקאות. נאָך „שישי״, איז נאָך געבליבן פּלאַץ אויף צו

מאַכן אַ הוספה, איינס פאַר אחרון, הייסט עס. האָט ווינגדער-אַנשל זיך אַ כאַפּ געטון ווי אַן אָפּגעבריטער:

— אוי־וואַ! ס'איז מיר גאָר אַרויס פונעם קאָפּ. מען דאַרף אויפרופן ר' נפתלי־עוזר'ן. ער איז דאָך עפּעס פאָרט אַ שטיקל קרוב —

רופט זיך אָן ר' פּיצי־רפאל דער גבאי:

— נפתלי־עוזר האָט אָנגעזאָגט, אַז מען זאָל אים היינט נישט אויפרופן, האַרב אָנגעזאָגט —

ווינגדער-אַנשל מאַכט זיך נישט פון זיין אָנזאָגן „קיין גרויסן מענטליק”:

— וויים איך, נאָט אייך אַ גראַשן... ער האָט געפונען אַ צייט ווען צו פּראַווען עניוות —

ירוחם-פייוויש דער שמש האָט זיך ערשט איצט געכאַפּט וועגן וואָס דער בעל־בריתניק שפּאַרט זיך מיטן גבאי, רופט ער זיך אויך אָן:

— נישט נאָר פּיצי־רפאלן האָט ער איינגערוימט דעם דאָזיקן וויכטיקן סוד. ווי נאָר ער איז אַריינגעקומען, נפתלי־עוזר, האָט ער געשיקט מיך רופן און אָנגעזאָגט מיטן האַרבן וואָרט, זהיר וזהיר —

ווינגדער-אַנשל איז אָנגעפאַלן אויפן שמש טאָקע ווי אַן עכטער בעל־ברית'ניק:

— ווער פרעגט ביי אייך, וואָס ער האָט אָנגעזאָגט און וואָס ער האָט נישט אָנגעזאָגט? עמעצער פרעגט דאָס ביי אייך, עמעצער? ער וועט זיין אַן עניו אויף אַן אַנדער פּלאַץ, וועט ער זיין, נישט גראָד דאָ, אויף מיין שמחה!

און אויסדרייענדיק זיך צום גבאי:

— וואָס הערן מיר אים, וואָס ער זאָגט אָן? ער ווייסט זיך זיינס און איך וויים זיך מיינס. דערווייל איז ער דער איינציקער קרוב מיינער אין שטאָט, אין עוד מלבדו. הייסט דעם שמש אויפרופן, ר' פּיצי־רפאל! הייסט אים אויפרופן, איך נעם אויף זיך דאָס אחריות —

און צום שמש שוין, קוקנדיק בשעת־מעשה אויפן גבאי:

— רופט אויף, ר' ירוחם-פייוויש, רופט אויף, ר' פּיצי־רפאל הייסט אויפרופן!

האָט דער גבאי ביי זיך אַ טראַכט געטון:

— מיין דאגה, ער זאָגט יאָ, זאָל זיין יאָ. שלאָגן זיי זיך ביידע קאָפּ אין דער וואַנט —

האָט דער גבאי געזאָגט דעם שמש און דער שמש האָט אויפגערופן:

— יעמוֹ—ו—ו—וד ר' נפתלי־עוזר בר' אפרים-לייזער —

נפתלי־עוזר, דערהערט זיין נאָמען פון דער בימה, „מפורש יוצא מפי כהן־גדול", איז ער געבליבן זיצן אויף זיין פּלאַץ, ווי דער שלאַק וואָלט אים געטראָפן. אין אַ רגע אַרום האָבן זיינע אויגן אַ בלאַנדזע געטון איבערן אָפענעם חומש און ער האָט אַ ציטער געטון מיט אַלע אברים:

— ווי אויף צו להכעים — נאָך פונקט צו די עופות־טמאים —

אַ קעלט איז אים אַריבער איבערן לייב און ער האָט אין האַרצן מתפלל געווען:

— רבונו־של־עולם, זכרני נא וחזקני נא אך הפעם הזה —

מיט אונטערגעהאַקטע פיס פאַר שרעק האָט ער זיך געלאָזט גיין פון זיין מזרח־שטאָט צום בעלעמער. ער האָט זיך אפילו קיין איין מאָל נישט אומגעקוקט לצדדין, אָבער ער איז געווען זיכער, אַז אַלע קוקן איצט אויף אים, ווי אויף אַ פאַרפאַלענעם מענטשן, ווי אויף אַ נידון למיתה. מאַכנדיק די ברכה אויפן ספר, האָט ער געהאַט דאָס געפיל, אַז דאָ זאָגט ער נישט די ווערטער פון דער ברכה: „אשר בחר בנו מכל העמים", נאָר דאָס זאָגט ער ווידוי פאַר דער פטירה:

...אשמתי... בגדתי... גזלתי... דברתי דופי...

און אליקום־פישל גראַגערט שוין אויף זיין גלעקלדיק ביי־קולכל:

...ואת השפן... ואת הארנבת... ואת החזיר...

נפתלי־עוזר איז אַזוי משונה־בלאַס, אַז „אַ שענערן לייגט מען אַריין אין דער ערד אַריין". ער פילט, אַז ער האָט שוין אַ פולן גאָרגל מיט חזיר־גריוון, מיט קראָליק־פלייש און מיט האָזן־געדערים און יענער מנוול מאַכט זיך אין גאַנצן כלא ידע באַראַבאַניעט און קרייעט ווי אַ הייזעריקער דאַרפישער תרנגול און קלאַפּט מיט די קאָפּיטעס, ווי אַ פּאָטשטאָווע פערד:

...שקץ הם לכם... ושקץ יהיו לכם... ואת העזניה ואת הדאה ואת האיה... ואת התחמס ואת השחף ואת הנץ ואת הכוס...

...ואת השלך ואת הינשוף...

און נפתלי־עוזר שטייט אין געהאַקטע ווונדן צווישן ירוחם־פייוויש דעם שמש און אליקום־פישל דעם בעל־קורא און ער זעט אוים ווי אַ פאַרמשפּטער צום טויט, וואָס שטייט צווישן די זשאַנדאַרמען און ער פילט ווי יעדער אַנגערופענער שרץ, יעדע פּויזנדיקע באַשעפעניש, יעדע אומריינקייט פליט פונעם ספר גלייך אין אים אַריין, אין זיינע אינגעווייד. ער האָט שוין דאַכט זיך אַ פולן בויך מיט אָט די עזניות און מיט אָט די ינשופים... ער פילט, ווי זיי שפּאַצירן אַרום ביי אים אין בויך, ווי די מזרח־בעלי־בתים אין בית־המדרש — אַהין און צוריק, אַהין און צוריק און אליקום־פישל, אָט

דער המן-הרשע, — אויף קיין גוט אָרט זאָל ער נישט שטיין! — פאַר־לייגט ממש די אויערן מיט זיין קרייען און עס שיט זיך פון זיין מויל שוועבל און פעך:

...את הארבה ואת הסלעם ואת החרגול ואת החגב... וכל שרץ העוף אשר לו ארבע רגלים...

דער אומגליקלעכער נפתלי-עוזר ציטערט שוין מיט אַלע אברים, ווי אַ חולה-נופל איידער ער באַקומט דאָס פאַלעניש און יענער שיסט נאָך אַלץ מיט סכנות-נפשות:

...וכל הולך על כפיו בכל החיה ההולכת על ארבע... החולד והעכבר והצב... הלטאה והחומט והתנשמת... כל הנוגע בנבלתם... והנושא את נבלתם... והאוכל מנבלתה... וכל אשר יפול מנבלתם...

נפתלי-עוזר'ן דאַכט זיך, אַז אין בית-המדרש שטייט אַ געדיכטער ריח פון בלוט און פון אייטער, ווי אין אַ שעכטהויז, ווי אין אַ שפּיטאָל פאַר פאַרשיידענע געשווירן און מכות-טריות. ער פילט, אַז עס פעלט אים אַ מינוט צום חלש'ן און יענער גאַלאַגאַנסקע האָן צעלאָזט זיך ערשט אין גאַלאָפּ, ווי אַ פערדל וואָס שלאָפט אויפן האָבער, ווען מען לאָזט אים נאָך דאָס ציימל באַרג-אַראָפּ:

...ואת הקאת ואת הרחם... ואת הדיכופת ואת העטלף —

און פלוצלינג איז אין בית-המדרש געוואָרן שטיל-שטיל, אומהיימלעך־שטיל, ווי ביי אַן אבל אין שטוב, באַלד נאָכן דאַווענען. צום אַלעם ערשטנס איז אַנטשוויגן געוואָרן אליקום-פישל דער בעל-קורא, דערנאָך דער „מזרח", דער „שפּיגל" און דאַן צו ביסלעך אויך דער איבעריקער עולם. אַלע האָבן „אָנגענומען וואָסער אין מויל אַריין", כאָטש קיינער האָט נאָך רעכט נישט געוווּסט, וואָס דאָ איז געשען.

לב יודע מרת נפשו, — נפתלי-עוזר האָט שוין גוט געפילט, אַז ער האָט זיך דאָ שלעכט אַריינגעפּאַקט. ער האָט שוין גוט פאַרשטאַנען, אַז עפּעס איז דאָ געשען אַ גרויסער אומגליק. און דעם אמת גערעדט, האָט דאָס אים שוין אפילו נישט געוווּנדערט אויך — ביי אַזאַ צערטלעך סדרה'לע קען זיך עפּעס ענדיקן גוט? דאָס האַרץ האָט אים אָבער גלייך פון אָנהייב געזאָגט, אַז דאָ וועט שוין גלאַטיק נישט אָפּגיין און זיין האַרץ, בכלל האָט אַ טבע צו שווייגן, אָבער אַז עס זאָגט שוין אַ מאָל עפּעס —

די קניעס האָבן ביי אים געציטערט ווי גוט-פאַרקילטע פּישיויך; אין מויל האָט ביי אים געקלאַפּט אַ צאָן אין אַ צאָן; אין האַלדז איז אים געוואָרן טרוקן, ווי מען וואָלט דאָרט אויסגעשאָטן געלע זאַמד; אין די אויערן האָט

אים געזשומעט, ווי אַלע שקצים ורמשים וואָס מען האָט אים היינט געלייענט, וואָלטן דאָרט אָפּגעגעבן אַ וויסטן קאָנצערט. דאָס פּנים זיינס איז געווען געל, ווי אַ פּאַראַיאָריקער אתרוג, קיין טיפּה דם נישט, ער האָט זיך מיטביידע הענט צוגעהאַלטן ביים „שולחן" אַזוי ווי עוג מלך הבשן האָט זיך אַ מאָל אונטערן מבול צוגעהאַלטן אין נח'ס תיבה און ער האָט נאָר געטראַכט:

— רבונו-דעלמא-כולה, וואָס האָט דאָרט אויף זיין שלימזל געקענט טרעפן? ער האָט דווקא געזען, וואָס פּאַר אַ קאָכעניש דאָ טוט זיך, אָבער זיין אויסגעמוטשעטער מח האָט גאָרנישט באַנומען. ער האָט גוט געזען, ווי דער בעל-קורא האָט אַ פּילדייטיקן ווונק געטון דעם רב, יענער איז צוגעלאָפן מיט דריבנע טריטעלעך און האָט זיין אָנגעזאָטלטע נאָז אריינ-געשטעקט אין ספר אַריין. דער גבאי איז אויך געקראָכן מיט זיין מבינות, עס זאָל הייסן, אַז ער האָט אויך „אַריינגעשטעקט אַ פּיסל אין טשאָלנט אַריין". און נאָך יונגעלייט אין די צענדליקער האָבן געשטופּט זייערע נעזער אין ספר אַריין און דערנאָך זיך מתוכח געווען בקול רם. און דערנאָך האָט מען אַרויפגעטאַסקעט אויף דער בימה אַ קליין יינגעלע, אַ מלופּם-קינד, מען האָט עס קודם גוט אָפּגעמאָסטן און אָפּגעשאַצט, ווי להבדיל צום פּריזיוו, און ערשט נאָך אָט די אַלע שקלא וטריא'ס האָט מען גענומען און מען האָט עס אונטערגעהויבן צום ספר —

אין אים, אין נפתלי-עוזר'ן, האָט מען גאָר אין גאַנצן פאַרגעסן. סטייטש, ער איז דאָך דער אויפגערופענער, משמעות, אַז ער איז גאָר דער גאַנצער שולדיקער אין דער אָנגעאַרבעטער חתונה, צום סוף האָט מען זיך גאָר פון אים אין גאַנצן מסיח-דעת געווען. מען האָט אים כלאחר-יד אָפּגעשטופּט אין אַ זייט, ווי עפּעס אַ נאָכווייעניש און אַליין פאַרקעט מען זיך ביים ספר און מען ווישט מיט די טליתים און מען אייקעט און מען שמוצערט מיט די ליפּן און מען דערשטיקט שטילערהייט אַ קרעכצעלע —

נפתלי-עוזר שטייט שוין קוים איין אויף די פיס פון היינטיקע איבערלע-בעכטסן, אָבער ער שטייט! ער שטייט פּראָווצעם, שונאי-ציון, אָבער ער ווייסט, אַז ער טאָר בשום אופן נישט אַוועקגיין. קוים האָט ער געקענט אָנאַרבעטן אַזאַ חתונה, מעג ער כאָטש שטיין אין געהאַקטע וווּנדן...

און יענע היהלעך, וואָס האָבן זיך פאַרקליבן צו אים אין בויך אַריין, אַרבעטן דערווייל מעשים, ער פילט, אַז ממש די אויגן זעצן אים פונעם קאָפּ און דאָרט, ביים ריינקייט, איז דער זעלבער שידער-געלויף וואָס

פריער און מען האַלט, זעט ער, אין איין שטופּן די נעזער און אין איין הקרענען זיך. דער בעל־קורא האָט זיך געהאַלטן אינעם „פסול" שטאָל און אייזן און האָט בשום אופן נישט געוואָלט מותר זיין אויף זיין מציאה. מאידך גיסא, האָט דער מרא־דאתרא געהאַלטן דעם בעל־קורא'ס עקשנות מיט זיין אויספירן זיינס כמו ווי פאַר אַ פערזענלעכער באַליידיקונג און האָט אויך נישט געוואָלט נאָכגעבן דעם צד שכנגד. און דער אומגליקלעכער נפתלי־עוזר מוז נעבעך שטיין און צוקוקן ווי אָט דער שור־הבר פאַרמעסט זיך מיט אָט דעם לויתן און עס פליען אין אַלע זייטן שאַרפע, שפּיציקע רייד, ווי שטיקלעך גלאָז, ווי נייע טשוועקעס, ווי פייער־צונגען פון אַ ביינאַכטיקער שרפה און אַלץ איבער אים, איבער נפתלי־עוזר'ן, אַלץ איבער זיין שלימזל, איבער זיין וויסטן פינצטערן גורל און אַ מצוה אויף אים! וואָרעם ער האָט זיך בשום אופן נישט געטאָרט לאָזן איבעררעדן און גיין צום דאַווענען אין אַזאַ שבת, וואָס מען לייענט „שמיני"... נישט נאָר ווייל ווייגדער־אַנשלם יאַכנע האָט אָפּגעוואָרפן אַ זכרל, נאָר אפילו ווען זיין אייגענע קיילע־צירל באַגליקט אים אויף דער עלטער מיט אַ טוץ זכרימלעך מיט איין קלאַפּ, טאָר ער אויך אין אַזאַ שלים־שלים־מזל'דיקן שבת נישט גיין דאַווענען און נישט אויפגערופן ווערן צו די עופות־טמאים... יאָ־יאָ, ווי אַזוי מען בעט זיך אוים, אַזוי שלאָפט מען! ער, נפתלי־עוזר, האָט כשר פאַרדינט דעם פסק —

און פלוצלינג ווערט ער פאַרשטיינערט. דער בעל־קורא אַליין, זעט ער, הייבט אויף דאָס ספר; קיינער פון די מתפללים שרייט נישט „וזאת התורה", ווי זיי וואָלטן זיך צונויפגערעדט; דער שמש אַליין טוט אָן דאָס מענטעלע און פון אויבן גאָר — די מפה. אין מקום־קדוש הערשט אַ טרויעריקע שטילקייט, ווי דער גאַנצער עולם כאיש אחד וואָלט האָבן גע־כאַפּט אַ שטאַרקן פּליאַסק. אליקום־פישל אַליין טראָגט אָפּ דאָס פאַרבאַנדאַ־זשירטע ספר אין ארון אַריין און נעמט פון דאָרט אַרויס אַן אַנדערס. נפתלי־עוזר שטייט אַ פריטשמעליעטער און אַ נידערגעשלאָגענער. די ליפּן זיינע זענען בלאָ ווי מילץ און ווי צונויפגעקלעפּט מיט גומי, אָבער פון דעסט וועגן טוט ער זיך אָן אַ כח און פרעגט שטילערהייט דעם גבאי, ר' פיצי־רפאלן:

— וואָס איז? וואָס האָט דאָ געטראָפן, וואָס מען האָט געמוזט גיין נאָך אַן אַנדער ספר?

דער גבאי, אַזוי אויך אַ צערודערטער, האָט אויף אים אויסגעטאַ־ראַשטשעט אַ פּאָר גזלנישע אויגן:

— וואָס פרעגט איר פּאָר אַ שטותים? און אַליין האָט איר נישט געזען? דער „עטלף" איז דאָך חסר —

נפתלי־עוזר איז געשטאַנען קעגן אים, ווי אין „סטאָלבניאַק", ער האָט אויסגעזען ווי אַן עגיפּטישע מומיע, אָדער ווי אַ ספינקס. פּיצי־רפאל האָט זיך שוין אַ ביסל וויכער אָנגערופן:

— וואָס קוקט איר מיך אָן ווי אַ נעכטיקער? איר האָט דאָך גוט געזען, אַז די פלעדערמויז איז אָן אַ קעפּעלע, טפו אויף מיינע שונאים'ס קעפּ! וואָס רעד איך? כ'מיין דאָס וואָרט „עטלף", ווו מען האָט אייך אויסגעלאָזט, איז געווען חסר. סאַמע ביים גערגעלע, דאָרטן ווו אויף לינקס שטעקט אַרויס דאָס אויערל, אָט דאָס פּיצעניונקעלע פּיפּקעלע, סאַמע דאָרט איז די פלעדערמויז — כ'וויל זאָגן: די פּ' פונעם עטלף — געווען אָן אַ קעפּעלע . כמעט אין גאַנצן אָפּגעריסן —

ביי נפתלי־עוזר'ן זענען די אויגן פלוצלינג אַרויסגעקראָכן אויפן שטערן. ער האָט זיך אַ וואַקל געטון אויף די פיס און ווען דער גבאי האָט אים אונטערגעכאַפּט, האָט אים נפתלי־עוזר מיט קאָנוולסיוו־צונויפגעדרייטע פינגער אָנגעכאַפּט בייביידע לאַצן און האָט אַרויסגעלאָזט אַ געשריי און אַ געיאָמער נישט מיט קיין מענטשלעך קול:

— אָן אַ וואָס, זאָגט איר, איז זי געווען, די מויז, די פלעדער... פלעדער... פלעדערמויז?

און פלוצלינג האָט ער אַ פּראַל געטון אויף דער בימה, אַזוי ווי אַ שנייַמענטש פון אַן ערב־פּסחדיקער זון.

פון דער ווייבערשער שול האָבן זיך דערטראָגן קוויטשן און גוואַלדן:

— מיין מאַן! מיין טאַ—טע!

אין בית־המדרש האָט זיך אויפגעהויבן אַ מוראדיקער טומל:

— ער חלשט!

— ער איז פאַרביי!

— ער האָט נישט קיין דופק!

— און אַלץ איבער אַ קוצו של יוד?

— גיי פרעג אים!

און אַזוי ווי ביים „גלאַוונע מחותן" האָט מען נישט געקענט פרעגן, ווייל ער איז געלעגן אין אַ קאַליוזשע וואַסער, וואָס מען האָט אויף אים אויסגעגאָסן און ער איז נאָך אַלץ צו זיך נישט געקומען, האָט מען זיך געפרעגט איינס דאָס אַנדערע —

...אלו לאלו שואלים:

— וואָס האָט דאָרט געפעלט?

— זי איז ביים שפּיץ געווען אַ ביסל אָפּגעריבן.

— נו, איז כולא האי? געשיקט זיך?

— אַ מאָדנער ייד אויף מיין וואָרט! אַז מען זאָגט אים גוט: „בעיני ראיתי”, פרעגט ער ערשט: „געשיקט זיך”?

פרעגט שוין אַ צווייטער:

— נו, האָט ער זיך דערפון אַזוי שטאַרק גענומען צום האַרצן? קיין גרעסערע זאָרג האָט ער שוין נישט?

— אָט דאָס פרעג איך דאָך אויך. אדרבה, זיי דו אַ חכם און פאַר־ענטפער אָט דעם ווידעראַנאַנד?

פרעגט שוין אַ דריטער, אַן ערשט אָנגעקומענער פון אַן אַנדער מקום־קדוש:

— וואָס האָט איר געפעלט, דער פ׳?

— ...אַן אַ קעפל —

— ווער איז אָן אַ קעפל?

— איר! איר אַליין זענט אָן אַ קעפל!

די גאַנצע שטאָט האָט זיך געוויגט מיט דער מעשה־נורא: אַ ייד איז דיר אַ בעלן אַוועקצופאַלן, שונאי־ציון, אויף טויט, — וואָס איז? עס האָט אים אָנגעכאַפּט ביים האַרצן, וואָס מען האָט געפונען אַ „פסול” אינעם ספר —

— — — — — — — — — — — — — — — — —

העכער אַ יאָר צייט איז נפתלי־עוזר דער אייעריקער אָפּגעלעגן אין בעט. וואָס ס׳האָבן אָפּגעקאָסט דאָקטוירים — אַ פאַרמעגן! דערנאָך האָבן אים די קינדער אָפּגעפירט אין די בעדער. דאָרט האָט ער אויך פאַרבראַכט אַ קיילעכדיק יאָר און ס׳האָט ווידער אָפּגעקאָסט אַ פאַרמעגן און ערשט דערנאָך, אַז ער איז שוין גאָר געקומען אַהיים. כלומרשט אַן אויסגעהיילטער, איז דאָס שוין געווען כלל נישט דער זעלבער נפתלי־עוזר, וואָס אַ מאָל. ער האָט פאַרלוירן דעם פּרצוף פון אַ מענטשן און האָט באַקומען, אַלס אָנדענק פון יענער מעשה, קינדערשע איינרעדענישן —

עס פלעגט טרעפן: די קינדער זענען געקומען צו גאַסט, אַנדערע קרובים. מען זיצט און מען פאַרברענגט און ער, נפתלי־עוזר, אויך בתוכם. אין גאַנצן מעשה־מענטש. און מיט אַ מאָל צעוויינט ער זיך:

— קיילע־צירעלע, איאַ אַ פלעדערמויז קען נישט זיין אָן קיין קעפל?

פלעגט זי שוין צולויפן, און ווי אַ מאַמע שטילט איין איר קינד, וואָס

האָט זיך פּלוצלינג אויפגעכאַפּט פונעם שלאָף מיט אַ געוויין, אים איינ־שטילן:

— ניין־ניין, נפתלי־עוזרל מיינס, באַרואיק זיך. אַ פלעדערמויז איז אַ באַשעפעניש גלייך מיט אַלע באַשעפענישן און איז באַשאַפן געוואָרן מיט אַ קעפּל —

— און פּיצי־רפאל איז אַ ליגנער?

— אַ שקרן, אַ כזבן! און אַלע זענען זיי ליגנערס! אַז וואָס זיי לאָזן אַרוים פונעם מויל איז שוא ושקר! אויף קיין גוט אָרט זאָלן זיי נישט שטיין, אָט די בלוטזויגערס —

תבל ויושבי בה

ס׳איז גאר נישטא „צו שפעט״

דאָס שוואַרצחנעוודיקע בחורל מאָטל און די ביז גאָר שיינע בתולה מרת פייגל, וואָס איז נאָך בסך-הכל אַ קליין מיידעלע, אָדער ווי מען רופט זי אין גאַס: „די קליינע ציגיינערין מיט די שרפענדיקע אויגאַנעס״, זענען שכנים און דווקא גאָר-גאָר נאָענטע שכנים, — אַ וואַנט איבער אַ וואַנט, נישט מער וואָס מאָטל'ס הייפל גייט אַרויס אין אַ ליקל פון דער שול-גאַס און פייגלס — אויפן מאַרקפלאַץ, פונקט אַקעגן דעם טראַקט, וואָס פירט צום קאַסטיאַל. די דאָזיקע צוויי הייזער זענען מבטן ומלידה אַריינגעוואַקסן איינס אינעם אַנדערן און זייערע עלטערן האָבן דאָ זייערע ירושה-נחלות פון דורי-דורות.

אַ בשותפותדיק הויז, קינדער אין איין עלטער — ווו האָט איר נאָך אַ בעסערן שדכן? האָבן טאַקע די קינדערלעך געוואַקסן צוזאַמען, שטענדיק און אייביק צוזאַמען און האָבן זיך צעבליט ווי צוויי דופטיקע בלומען, וועלכע וואַקסן אויף באַזונדערע ריטלעך, וואָס שפּראָצן אָבער פון איין און דעם זעלבן צווייגל.

נאָך זייענדיק קינדערלעך מיט נאַקעטע פּופּקעס האָבן זיי זיך צוזאַמען געשפּילט אין זאַמד: זי האָט געקנעטן די ציגעלעך צום בנין און ער האָט געמייסטערוועט די הייזלעך פון דער נייער שטאָט, וואָס זיי האָבן געוואָלט אויפשטעלן אין איינעם פון די הייפלעך. דערנאָך — ווען זיי זענען אַ ביסל אונטערגעוואַקסן — האָבן זיי געשפּילט אין פערדלעך. זיי פלעגן אַליין זיך אַריינלייגן די ציימלעך אין מויל אַריין און לויפן משוגענערוויז איבער זיין גאַס, איבער איר גאַס און אַ מאָל — אַזש ביזן וואַלד, וועלכער ציט זיך שוין ביז צו די הרי-חושך. דערנאָך האָט די גאַס מיט קינדער געשפּילט אין טאַטע-מאַמע. און זיי אויך בתוכם. די שפּיל אין טאַטע-מאַמע איז דאַן געווען אין דער מאָדע און עס האָבן אין איר געשפּילט קינד און קייט. קיין שום קינדער אין שטעטל האָבן נישט געשפּילט טאַטע-מאַמע מיט אַזוי פיל האַרץ און מיט אַזוי פיל ערנסטקייט און זיסקייט ווי מאָטעלע און פייגעלע און טאַקע דערפאַר אַ פּנים האָט דאָס קליינוואַרג און אויף זיי קוקנדיק אויך די דערוואַקסענע זיי אַנדערש נישט גערופן, ווי חתן-כלה. לכתחילה האָבן זיי נישט געוווּסט ווו זיך צו באַהאַלטן פאַר בושה: פייגל אַ כלה! מאָטל אַ חתן! זיי האָבן נישט געוואָלט ליידן אָט דעם נייעם צונאָמען און האָבן געקעמפט קעגן דעם מיט אַלע קינדערשע דרכים: זיי

פלעגן זיך ווארפן שלאָגן די דאָזיקע קינדער, וואָס האָבן זיי געדייצט מיט חתן־כלה, זיי נאָכגעוואָרפן שטיינדלעך, פאַרטריקנטע בלאָטע און ווען זיי פלעגן שוין מיד ווערן — זיך צעוויינען אויפן קול און אַנטלויפן צו דער מאַמען.

אָבער מיט דער צייט איז ביי זיי דער דאָזיקער צונאָמען געוואָרן א וואָכעדיקער גאַנג. דער פאַרדראָס איז ביי זיי שוין לאַנג אָפּגעגאַנגען, אדרבה — עס פלעגט זיי גאָר וווּנדערן און שיער נישט פאַרדריסן, ווען זייערע חברים און חברטעס האָבן זיך געמאַכט פאַרגעסן, אַז מאָטל און פייגל האָבן אַ „צונאָמען". די קינדער האָבן זיך ביידע שטאַרק ליב געהאַט און האָבן זיך ערנסט — נישט קוקנדיק אויף זייער יונגן עלטער, כמעט נאָך פיצלעך קינדער — גענומען באַטראַכטן פאַר אמתע חתן־כלה — יאָרן זענען געלאָפן —

קליינע קינדער, זאָגט די וועלט אַ ווערטל, וואַקסן ווי אויף הייוון, איבער נאַכט גייען זיי דיר אויף... דאָס קליינוואַרג פון די שכנישע הייפלעך האָט זיך אומבאַמערקט אַרויפגעכאַפּט אויף די פיס. פון פייגלס קליינע צע־פּעלעך מיט רויטע סטענגעלעך זענען אויסגעוואַקסן צוויי גראָבע, שוואַרצע, שיינע צעפּ. דאָס פנימל אירס האָט זיך אויסגעלייטערט ווי בורשטין, די בעקעלעך — ראָזע פּערעשקעס, די אויגן — שוואַרץ ווי די נאַכט און טיף ווי דער אוקינוס. די ברעמען — אי שאַרף, אי צאַרט; אי מלא־כשוף, אי מלא־טעם. זי האָט שוין מער נישט דערלויבט, אַז יעדער איינער זאָל זי כאַפּן אויף די הענט און זאָל זיך שפּיגלען אין אירע אומצאָליקע חן־גריי־בעלעך, זי איז שוין נישט געווען מער קיין קינד. זי איז געוואָרן שטאַלטנע און בויגעוודיק און מלא־חן. מענטשן האָבן איר נאָכגעקוקט און געזאָגט איינער צום צווייטן מיט אַ חשבון־הנפשדיק קרעכצעלע:

— אַך, ווי דאָס לעבן לויפט... געזען פייגעלען? ערשט נעכטן דאַכט זיך איז זי אַרומגעלאָפן אַ באָרוועסע אין די קאַליוזשעס און האָט נאָר געוואָלט זיך אַרויפקלייבן אויף דעם באַד־גוי׳ס קעלבל, געדענקסט נאָך? און איצט... ווען האָט זי זיך דאָס אויסגעצויגן אין דער לענג? ס׳אַראַ שיין מיידל זי איז געוואָרן, האַ? וואָס פאַר אַ רייצנדיק שמייכעלע, וואָס פאַר אַ גענגעלע — אַ הירשין! אַ פּרינצעסין!

מאָטל איז אויך נישט געשטאַנען אויף איין אָרט. ער איז איצט געווען אַ הויכער בחור, אַ ביסל צו בלייכלעך פאַר זיינע קינדערשע יאָרן, — און וואָס איז דער חידוש? ס׳איז אַ באַוווּסטע זאַך: התורה מתשת כוחו של

אדם! — אָבער צו וואָס דאַרף אַ בחורל פּאַרב אין די באַקן? וואָס איז ער, אַן אשה? מאָטל איז געוועזן אַזוי באַחנט און אַזוי באַטעמט, אַז עלטערן האָבן זיך געשטראַכט אין אים און מעוברת'ע ווייבער האָבן זיך פּאַרקוקט אויף אים. זיינע שטענדיק-פאַרחלומטע אויגן האָבן מיט זייער איבער-מענטשלעכער קראַפט ממש „אָפּגעשטעלט מענטשן אין גאַס". וועגן זיין התמדה האָט מען אומעטום גערעדט אין שטעטל: סיי זיצנדיק אויף די קלייט-גאַנקעס און אַרויסקוקנדיק אויף אַ קונה, סיי אין בית-המדרש, סיי להבדיל אין שוויצבאָד צווישן „געבן אַ פּלייצע" און „נעמען אַ פּלייצע". דאָס שטעטל האָט ממש נישט אַרויסגעלאָזט פונעם מויל דאָס געבענטשטע קינד און גאַנץ אָפט דערמאָנט דערביי די מוטער זיינע — אשרי יולדתו!

ביי טאָג האָט זיך מאָטל שטענדיק געפונען אין דער ממלכה פון די ש"ס-גענעראַלן: אביי ורבא, רב ושמואל, רב אמי ורב אסי און האָט פּשוט נישט געהאַט דעם קאָפּ אַ קלער צו טון: מתי יעשה לביתו? וואָס דען — ביי נאַכט, אויפן געלעגער, דאַמאָלסט איז מסתם: רעיוניה על משכביה סליקו. איז אָבער די מעשה, וואָס ער פלעגט שטענדיק זיין אַזוי מיד און דערשעפּט, אַז ער פלעגט צופאַלן צום מאַגערן געלעגער, אַזוי ווי אַ סנאָפּ, ווי אַ הרוג. וואָס דען איין זמן האָט ער געהאַט אויף אַזעלכע מינים נאָכטראַכטענישן, — די נעכט פון דאַנערשטיק קעגן פרייטיק. אין די דאָזיקע נעכט גייט נישט אַ לייטישער ישיבה-בחור אַהיים שלאָפן, נאָר ער איז אויף די גאַנצע נאַכט און לערנט עפּעס: זיין שיעור גמרא, אַ ביסעלע פּוסקים, אפילו אַ טראָפּעלע קבלה און, אַז נישט איז פּשוט „אור החיים" אויף דער פּרשת-השבוע.

אין יענע נעכט פלעגט מאָטל אַריינגראָבן דעם קאָפּ אין די דלאָניעס און טראַכטן און טראַכטן און טראַכטן —

— און פון וואָס האָט ער געהאַט אַזוי שווער און אַזוי טיף צו טראַכטן, מאָטל? — עס פאַרשטייט זיך, אַז פון פייגלען!

...פייגעלע איז שוין אַ מיידל צו לייטן... שדים נכונו ושערך צמח ואת ערום ועריה... ביי אירע עלטערן אין שטוב פייפט דער דלות נישט ערגער ווי ביי זיי אַליין אין שטוב... און וואָס קען ער איר פאַרלייגן בעסערס, אַז ער איז גאָרנישט און קען גאָרנישט און האָט גאָרנישט... מילא, זי, פייגל, אַרבעט כאָטש בשתיקה ביי אַ נייטאָרין — זיי, אירע עלטערן, רעדן זיך איין, אַז ס'איז „בשתיקה", אַז קיינער ווייסט דערפון נישט. עס האָט ביי אים אַזאַ פּנים, ווי יענער בטלן, וואָס מאַכט אַליין צו די אויגן און לערנט דעם פּשט, אַז מסתם האָט קיינער נישט געזען — איז מילא יאָ בזיון, צי נישט בזיון, אָבער זי איז כאָטש עוסק אין עפּעס, אָבער ער, מאָטל, קען

דאָך גאָר גאָרנישט... ער קען דאָך קיין צעבראָכענעם גראָשן נישט פאַר־דינען! גוואַלד געשריגן — מה יהיה בסופו און מה יהיה בסופה? קען ער דען פועלן ביי זיך, מעג ער דען דערלאָזן דערצו, אַז פון זיין שיינער פייגל זאָל ווערן אַ מין „צירל די מאָדיסטקע" מיט די „אויסגעאַרבעטע" אויגן און מיט די דרייגאָרנדיקע פּלייצעס? וואָס זשע זאָל ער טון? וואָס זשע זאָל ער טון?

און יאָרן לויפן דערווייל, יאָרן פליען... דערויף האָט זיי גאָט באַשאַפן, אַז זיי זאָלן פליען, ווי די פּאַטשטאָווע פערד באַרג־אַראָפּ —

די „קינדער", מאָטל און פייגל, זענען שוין גאָרנישט אַזוי שטאַרק קיין קינדער... טאָמער נעמט זיך מאָטל אַ מאָל אָן מיט מוט און שטעלט זיך אָפּ אין גאַס רעדן אַ פּאָר ווערטער מיט פייגלען — און זיך דורכ־וואַרפן מיט איר מיט אַ וואָרט־צוויי מוז ער נאָר אין אַ רשות־הרבים, אַזוי צו זאָגן — לעיני כל ישראל, אַנדערש וועט מען זיי נאָך חושד זיין מי יודע אין וואָס... קיין בייזע צונגען פעלן נישט ברוך־השם — טייטלט מען אויף זיי מיט די פינגער פון אַלע ווינקעלעך: מען שפּילט אַ ליובקע —

און וועגן וואָס צו רעדן האָבן זיי גראָד ביידע זייער אַ סך. ער גיסט פאַר איר אויס זיין ביטער האַרץ. ער וויינט פאַר איר ווי פאַר אַן אייגענער שוועסטער. ער לייגט פאַר איר אַרויס אַלע זיינע ספקות און חששות... ער זעט באַשיינפּערלעך, אַז ביז ער וועט נאָך קענען פאַרדינען אויף חיונה קען נאָך דויערן זייער און זייער לאַנג, ווער ווייסט ווי לאַנג...

— איז וואָס זשע זאָל ער טון, אַז די גאַנצע זאַך זאָל מיט אַ מאָל אַנדערש ווערן? וואָס עצה'ט זי אים צו טון? זי איז דאָך עפּעס אַ קלוגע —

זי פון איר זייט גיסט אויך אויס איר ביטער האַרץ פאַר אים —

דאָס עניות ביי זיי אין שטוב איז אין לשער, ממש — נישט איבער־צוגעבן מיט קיין ווערטער... כמעט, אַז דאָס גאַנצע געזינדל זייערס קיין עין־הרע זיצט אין שטוב און קוקט נאָר אַרויס אויף די באַשפּיגענע עטלעכע גראָשנס, וואָס זי, פייגל, ברענגט צו טראָגן אַהיים פאַר איר אַרבעט, — פאַרשטייט ער שוין אַליין, אויף וויפל דאָס קען קלעקן און וואָס פאַר אַ טעם דאָס קען שוין האָבן... און מחילה די אַרבעט אַליין, גאָט זאָל נאָר נישט שטראָפן פאַר די רייד — נמאס ווי דער טויט... קודם דאָס זיצן ביז האַלבער נאַכט ביי אַ לאָמפּאַדקע און אַרומוואַרפן פּעטליעס. ממש — מען נעמט זיך אַרויס די אויגן. נאָר דאָס איז נאָך גאָלד... פאַראַן ביי גאָט נאָך עפּעס ערגערס. דאָס אָפּטראָגן „פאַרטיקע אַרבעט" אַהיים צו די

באַשטעלערינס, איז אַ קאַפּעטשקעלע ערגער פון טויזנט יאָר שלייפן פּעטליעס. אָט די דאָזיקע אויפגעקומענע באַלעבאָסטעס מיט זייערע געשליפענע צונגלעך וועלן זי מן הסתם יונגערהייט פאַרטרייבן אין קבר אַריין. אַלע ווערן זיי דיר גלייך געטריי און איבערגעגעבן און מלא-זאָרג פאַר דיין „תכלית". זיי הייבן דיך אָן אויספרעגן פון „אונטערן לעפעלע" און אַריינקריכן מיט זייערע שאַרפע נעגעלעך גלייך צו דיר אין דער נשמה אַריין און דערנאָך געבן זיך אַ שאָט עצות טובות, — גלייך ווי אַליין ווייסט מען דאָס נישט — אַז ס'איז נישט קיין פּלאַן פאַר איר ביי די יאָרן ערשט צו ווערן אַ פּאָמעניצעס-טרעגערין און אַ שיק-מיידל ביי אַ מאָדיסטקע... מיידלעך אין אירע יאָרן דאַרפן שוין אַליין האָבן אַן איינקומעניש און מעגן שוין אַליין זיך באַשטעלן אַ גאַרדעראָב ביי אַ מאָדיסטקע... אָבער די דאָזיקע ביטערע רייד פון די איינגעגעסענע ווייבעלעך איז נאָך אויך נישט דאָס ערגסטע. דאָס איז נאָך בלאָטע קעגן דעם צושטיין פון די נאַכאַלנע שניידער-יונגען, וואָס קומען אַ מאָל אַריין צו דער מאָדיסטקע מיט אַ שליחות פון זייערע באַלעבאָטים. זיי, די פּאַלגעס, די אויסגעלאַסענע יונגען האַלטן זי פאַר זייערס גלייכן און טשעפּען זיך צו איר און קנייפּן זיך און ווילן זי נאַר פאַרשלעפּן אין הינטערהייזל און לאָזן זי נישט לעבן אויף דער וועלט...

— איז וואָס זשע זאָל זי טון, אַז די גאַנצע זאַך זאָל מיט אַ מאָל אַנדערש ווערן? וואָס עצה'ט ער איר צו טון? ער איז דאָך עפּעס אַ קלוגער — און דערווייל — נישט קוקנדיק אויף זייער פינצטערער מערכה — זענען די „קינדער" געוואָרן אַלץ רייפער און שענער פון טאָג צו טאָג. פייגל איז געוואָרן אַזאַ זעלטענע יפת-תואר, וואָס „ווען מען זאָל אפילו אויספאָרן אַ האַלבע אימפעריע", וועט מען אַזאַ בת-מלכה נישט געפינען. מאָטל איז געוואָרן נאָך שעמעוודיקער און נאָך שלאַנקער און נאָך באַטעמטער ווי ער איז געווען. ער איז שוין מער נישט געווען קיין קליין „מאָטעלע", נאָר אַ יונגערמאַנטשיק מיט טונקל-בלאָנדע קישעלעך אויף די באַקן און מיט אַ היפּשן קנאָפּער אונטער דער גאָמבע. מיט זיין בקיאות און חריפות האָט שוין „געקלונגען די וועלט".

וואָס עלטער זיי זענען געוואָרן, אַלץ זעלטענער און זעלטענער האָט אָט דאָס יונגע און זיך ליבנדיקע פּאָרפאָלק געקענט האָבן די געלעגנהייט זיך צו טרעפן און כאָטש אַ בליק טון איינער אויפן אַנדערן. דאָס האָט זיך זיי איינגעגעבן אָממיינסטנס, ווען עמעצער פון זייערע הויזגעזינדן פלעגט זיך עפּעס דערפילן „נישט מיט אַלעמען", דאַמאָלסט האָבן זיי געהאַט דעם בעסטן אויסרעד:

— אַ קוק טון, וואָס דער חולה מאַכט —

און ס'איז געווען: אין פוצה פה ומצפצף — בקור-חולים!

...אָדער אין אַ געגוג שפּעטער שעה אין אַ לבנה-נאַכט, שטייענדיק ביים גאַניק כלומרשט על רגל אחת, ער מיט אַ גמרא אונטערן אָרעם, — פּאָר אָן עדות — און זי מיט איר מאָדיסטקע-פּעקעלע. דאָס אַלץ משום מראית-עין, עס זאָל האָבן אַ פּנים, אַז זיי האָבן זיך ריין-צופעליק געטראָפן ביי דער שטוב... און אַז נישט איז אין דער זעלבער שפּעטער שעה ביים ברונעם, גייענדיק אָנגעמען אַן עמער וואַסער אויף נעגלוואַסער... אָבער — העיני האנשים תנקר? לייטן האָבן אויגן און האָבן אויערן און האָבן ברייטע מיילער און דער עיקר האָט מען אין זינען גוט-גוט אַכטונג צו געבן אויף **יענעמס** עוונות חטאים ופשעים...

מהאי טעמא זענען זייערע „צופעליקע" טרעפעניש און קעגנזייטיקע האַרץ-אויסגיסעניש געוואָרן אַלץ זעלטענער און זעלטענער. ער אויף דער בית-המדרש-באַנק ביי דער גמרא האָט נישט אויפגעהערט צו טראַכטן פון איר; זי ביי דער מאַשין, אָדער ביי די נמאס ומאוסדיקע פּעטליעס דאָרטן האָט נישט אויפגעהערט צו טראַכטן פון אים, אָבער זיך באַגעגענענדיק אין גאַס האָבן זייביידע געציטערט אימת-מות אויסצורעדן אַ וואָרט צווישן זיך, איבער אַ שלעכט אויג און בייזע צונגען. ביי אַזאַ פלוצלעכער באַגעגעניש פלעגט יעדער פון זיי מיטנעמען אין זכרון דאָס בילד פונעם צווייטן און מיט אַט **דעם** חיות און מיט **דעם** פאַרגעניגן ציען דאָס טרויעריקע און כמעט אויסזיכטלאָזע לעבן ביז אַ צווייטער צופעליקער באַגעגעניש —

דערוויל איז אין שטאָט „געפאַלן אַ באָמבע": וועלוול דער טוקערינס קומט צו פאָרן אויף קבר-אבות —

בלויז אַלטע-לייט, אי דאָס — נישט אַלע, האָבן געדענקט וועלוול חמור-אייזל, אָדער וועלוול דער טוקערינס. אָבער געוווסט האָט די גאַנצע שטאָט, איש מפי איש, אַז צוריק מיט פיל צענדליקער יאָרן האָט דאָ געלעבט אַ ביילע-ריסל די טוקערין. די דאָזיקע טוקערין איז גאָר כל ימיה געווען אַ „בעזדיטנעטשקע" און דערפאַר טאַקע אַ פּנים האָט זי דער מאַן אָפּגע'גט. איז זי אַ צענדליק יאָרן אָפּגעזעסן אַ גרושה, דערנאָך האָט זי חתונה געהאַט צום צווייטן מאָל און דאָ האָט זי דער גאַנצער וועלט אַרויסגעשטעלט אַ פייג! זי האָט אים פון דער העלער הויט געשענקט אַ בן-זקונים... דער מאַן אירער, — אַ קרענקלעכער ייד, אַ יאַדישלעווע, — האָט אַ מאָל אין שוויצבאָד, אויף דער אייבערשטער באַנק, פון צו פיל היץ באַקומען דעם

שלאַק און מען האָט אים שוין פון דאָרט אַראָפּגעטראָגן אַ פּאַרטיקן. דאָס איז געווען קוים אַ יאָר נאָך זייער חתונה. האָט זי מער נישט געירשנט פון אים, ווי דאָס חרובע כאַטקעלע וואָס איז געשטאַנען אויף הינערשע פּיסלעך און אַפילו אַ רוח-מצויה האָט עס געקענט פּאַרוואָרפן אויף די פּלייצעס און עס מיטנעמען מיט זיך אַרויף צו די וואָלקנס און איר וועלוועלע חמור-אייזל, וואָס איבער זיינע מעשים-טובים האָט מען אים נישט אַריינ־געלאָזט אין קיין יידישער שטוב. פון חתונה האָבן אַ צווייט מאָל מיט אַזאַ פּאַסקודנעם נדן, ווי אָט דאָס אויסגעלאַסענע וועלוועלע, האָט זי אַפילו נישט געקענט קלערן, איז זי שוין אַזוי געבליבן אַן אלמנה עד יום מותה. און דאָס דאָזיקע וועלוועלע האָט אין חדר נישט געוואָלט גיין און דער מוטער נישט געוואָלט מיט קיין זאַך באַהילפיק זיין און ביי קיין שום בעל-מלאכה האָט ער נישט געוואָלט זיין קיין לערנייִנגל. מיט איין וואָרט — קיין שום זאַך אין דער וועלט, וואָס מענטשן האַלטן פאַר גלייך און וואָס פירט צו אַ תכלית האָט דער טוקערינס תכשיטל נישט געוואָלט טון, ער האָט נאָר געוווסט עטלעכע מאָל אין טאָג אַריינפאַלן צו זיין מוטער אין שטוב אַריין, אויפפרעסן און אויסזויפן אַלץ, וואָס ער האָט נאָר געקענט דערטאַפּן אין זיינע מגושמדיקע לאַפּעס און המותר האָט ער געוווסט נאָר איין אַרבעט — זיין חמור-אייזלשע אַרבעט, פון וועלכער ס'האָבן זיך ביי ליטישע ווייבער געשטעלט די האָר קאַפּויער און מען האָט באַהאַלטן פאַר אים די טעכטער און להבדיל די דינסטמיידלעך, ווי מען פאַרשליסט די הינער-שטאַל, ווען אין די קאַנטן האָט זיך פאַרנאַדעט אַ טכויר. וועלוועלע האָט זיך פון אָט די ווייבערשע אָפּשפּאַרענישן נישט איבעריקס גענומען צום האַרצן. דאָס דאָרף איז גענוג גרויס און חוץ דעם היימישן דאָרף זענען פאַראַן נאָך גענוג און גענוג דערפער. זיין ביסל „חיונה" וועט ער שטענדיק געפינען. איי, די פויערים ברעכן אים אַ מאָל אָן די ביינער — איז אויך די אייגענע מעשה. אויב מורא האָבן פאַר אַ וואָלף, דאַרף מען אין וואַלד אַריין נישט גיין, און ער קען נישט, נישט גיין אין וואַלד אַריין —

ויהי היום האָט וועלוועלע אָפּגעטון עפּעס גאָר, גאָר אַ מיאוס שטיקל אַרבעט. די גאַנצע שטאָט האָט זיך געוויגט מיט זיין הפקרותדיקן קונץ. אין שול, אין גאַס, — אומעטום האָט געזאָטן און געקאָכט ווי אין אַ קעסל. דער רב האָט גוזר געווען, אַז מען זאָל אים פּאַקן און „עוקר מן השורש זיין". אַזוי ווי אָבער ס'איז גאָר נישט אַזוי לייכט געווען צו פּאַקן אין די הענט אַריין דאָס שרעקלעכע וועלפעלע און איבערגעבן אים

אין גויאישע הענט האָבן זיך יידן פאַרט נישט געקענט באַשליסן, — פאַרט רחמנים בני רחמנים! איז די שטרענגע גזירה פונעם רב דמתא געבליבן הענגען אין דער לופטן, ווי בלויז אַ גוטער ווונטש. די מוטער האָט מען אָפּגעזאָגט פון איר עבודת-הקודש אַלס „טוקערין". וועלוול האָט זיך ערגעץ אויסגעבאַהאַלטן אויפן דאָרף. ווען ער פלעגט זיך שפּעט ביי נאַכט אַראָפּכאַפּן אין שטאָט אַריין, האָבן יידן געציטערט אימת-מות זיך דערנעענטערן צו אים. מען איז כמעט געווען זיכער, אַז ער האָט אין קעשענע אַ שטיין, אָדער אַ מעסער, אָדער אפשר גאָר אַ פּיסטויל —

ביילע-ריסל האָט זיך דאָס מאָל שטאַרק גענומען צום האַרצן פון איר „קדיש" און פונעם „אָפּזאָג" און זי איז אַוועקגעפאַלן ווי אַ סנאָפּ. אַ קנאַפּן חודש האָט זי געקרענקט. לכתחילה האָבן שכנטעס געוויינט איר שוועל, ווי מען וויינט אַ בית-הצניעות. איי, די אַלטע נעבעך? ווייס איך, מאַלע וואָס אַ נאַרישע יידענע פּיעשטשעט זיך! שפּעטער, אַז מען האָט זיך געכאַפּט דערויף, אַז מען זעט טאַקע נישט ביילע-ריסלען אויף דער ליכטיקער שיין, האָט מען צו ביסלעך אָנגעהויבן אַריינשמעקן צו איר: ווער מיט אַ טעפּעלע יויך; ווער מיט אַ גלעזל מילך; ווער מיט אַ לעק איינגעמאַכטס אויף צו דערכאַפּן די נשמה און ווער מיט אַ ריפּטעלע לימענע אויף צו דערפילן דאָס האַרץ. טאָמער פלעגט זיך אויף דער שוועל פלוצלינג באַווייזן דאָס זיסע זונדעלע, אַזוי פלעגט אין שטוב קיין לעבע-דיקער נפש נישט פאַרבלייבן. מען האָט זיך געהיט פון דורכגיין נאָענט לעבן אים, ווי לעבן אַ קרעציקן און ער פלעגט שטיין-בלייבן ביי דער טיר מיט אַ מוטנעם בליק און מיט אַ גרויזאַם פאַרביסן שווייגן ווי אַן אָנגע-לאָדענער קאַנאָן און דאַרט, ביי דער שוועל, פלעגט ער שטיין אַזוי לאַנג, ביז ס'איז נאָך געווען אין שטוב כאָטש איין פרעמדער מענטש.

אַן אָנגעבלאָזענער, אַ צערייצטער, להשמיד ולהרוג אויף דער גאַנצער וועלט, פלעגט ער אַ בורטשע טון צו דער מוטער:

— נו, וואָס מאַכסטו עפּעס?

— זעסט דען נישט?

— וואָס זשע זע איך? איך זע גאָרנישט —

— אפילו אַ בלינדער קען דאַכט זיך זען, אַז דאָ ליגט שוין אַ בר-מינן, נישט קיין מענטש. נאָך אַ טאָג, נאָך אַ טאָג...

און אַז וועלוול איז געשטאַנען אַ שווייגנדיקער, אַ פאַרשלאָסענער אין זיך, ווי דעם פּריץ'ם הויף אויף ביי נאַכט, האָט דער חולה צו אים ווייטער גערעדט:

— ווערלווערע... קינד מיינס... וואָס דו האָסט מיר אָפּגעטון זינט דו לעבסט אויף דער וועלט זאָל דיר נאָר נישט גערעכנט ווערן... אַ צווייטן אויף דיין אָרט, זיי זיכער, וואָלט איך נישט מוחל געווען אייביק, נאָר דו ביסט דאָך מיין קינד, מיין איין און איינציק קינד אויף דער וועלט, בין איך דיר יאָ מוחל... איך בין דיר מוחל און וויל דיר אָנזאָגן עטלעכע ווערטער, ווייל ווער ווייסט, צי דו וועסט מיך שוין דאָ טרעפן, ווען דו וועסט אַהער קומען דאָס צווייטע מאָל... ס'איז ביי מיר בלתי־ספק, אַז ניין... הער אויס, מיין קינד, איך וועל שוין לאַנג נישט אָנהאַלטן, איך צאַנק ווי אַ ליכט און וויפל צאַנקט עס אַ ליכט? ס'איז געציילטע טעג און געציילטע שעה'ן... הער זיך גוט צו צו דעם, וואָס איך זאָג דיר אָן: איצט גיי דיר צוריק אויפן דאָרף צו דיינע... צו דיינע... ווייל אַזוי לאַנג, ווי דו געפינסט זיך דאָ אין שטוב, וועט קיינע פון די גוטהאַרציקע ווייבער אפילו נישט אַריבערטרעטן די שוועל. דו זעסט דאָך, ווי אַזוי מען היט זיך צו שטיין אין דיינע ד' אמות, ווי דו וואָלסט חלילה געווען אין חרם... און איך מוז איצט האָבן עמעצן פון די ווייבער לעבן זיך... נישט קיין מאַנצבילשע זאַכן... אָבער פאַרשפּיל זיך דאַרט נישט אין דאָרף, ווי דיין שטייגער איז. האַלט די אויערן ברייט צעעפנט. אַ ליאַדע מינוט קענסטו דערהערן פון דער שטאָט, אַז דיין מאַמע ליגט שוין אויף שטרוי מיט ליכט צו קאָפּנס. דאַן זאָלסטו זיך אומקערן אין שטאָט אַריין פראַנק און פריי, זאָלסט גאָר קיין מורא נישט האָבן פאַר קיינעם, קיינער וועט דיך מיט קיין פינגער נישט אָנרירן, איך וועל אָנבעטן די ווייבער אין די לעצטע מינוטן... קומענדיק אין שטאָט אַריין זאָלסטו בעטן ביי מענטשן, אפילו פאַלן זיי צו די פיס, נאָר זען, אַז עס זאָל זיין אַ מנין צו דער לויה, כדי זאָלסט קענען זאָגן קדיש און דערנאָך, מיין קינד, מיין עלנט קינד, גיי דיר וווהין די אויגן וועלן דיך טראָגן. אין די מקומות האָסטו שוין גאָרנישט וואָס צו טון. דו האָסט שוין דאָ דיינס אָפּגעטון. אין די געגנטן, וועסטו שוין קיין מאָל קיין לייט נישט ווערן, ווייל מענטשן וועלן דיך טרייבן פון זיך ווי אַ הונט. איין מענטש, טרעפט זיך, האָט אַ מאָל אַ שוואַכן זכרון, אָבער גאַנץ קהל פאַרגעסט קיין מאָל נישט... מען וועט דיר אייביק נישט מוחל זיין דיין לעצט שטיקל אַרבעט, אַ בראָך איז צו מיר... און נאָך אַ מאָל חזר איך דיר איבער, איינציקער קדיש מיינער, פאַרקאַרב זיך דאָס אויפן שטערן אויף אייביקע יאָרן: וויפל בזיונות פאַר לייטן, — אַזוי פיל מאָל פאַרשוואַרצן דאָס פּנים און באַוואַרפן מיט בלאָטע... וויפל האַרצווייטיק און בזיונות און לונגפּוילעניש און גרימעניש אין די

געדערים דו האָסט מיר פאַרשאַפט פאַר דיין בידנע ביסל יאָרן, פון זינט איך האָב געהאַט דעם אומגליק דיך צו ברענגען אויף דער וועלט, זאָל דיר נאָר גאָט נישט רעכענען, אלא נישט וועסטו האָבן, זון מיינער, צו אַ גרויסע רעכענונג... איך שווער דיר ביי מיין טויטן בעט, אַז איך בין דיר אַלץ מוחל, נאָר דו, אומגליקלעך קינד מיינס, מוזסט אויף ווייטער זיך נעמען אין די הענט אַריין... זיך אַרומוואַלגערן צווישן ערלים איז עפּעס אַ תכלית פאַר דיר? און מורא האָבן פאַר דער ליכטיקער שיין זיך צו באַווייזן אויף דער גאַס? און אפילו נישט קענען זיין ביי דער אייגענער מוטערס יציאת־נשמה... אוי, רבונו־של־עולם, פאַר וואָס האָסטו מיך אַזוי געשטראָפט פריער מיטן מאַן און דערנאָך מיטן זון? מיט וואָס האָב איך זיך אַזוי פאַרזינדיקט קעגן דיר? מיט וואָס? גוואַלד געשריגן — מיט וואָס?

עטלעכע וואָכן האָט זיך ביילע־ריסל געקאָרטשעט פון גרויסע ווייטיקן אויפן גסיסה־בעטל ביז זי האָט ענדלעך צוגעמאַכט די אויגן אויף שטענדיק. דער לוויה זענען דווקא נאָכגעגאַנגען היפּשע, היפּשע עטלעכע מנינים יידן, — וואָס האָט די מוטער נעבעך געזינדיקט, אויב איר זון איז אַ בן סורר ומורה? און אַז ביי אברהם־אבינו איז אויסגעוואַקסן אַ פּרא־אדם, איז אברהם מיט עפּעס שולדיק געווען? דער קברות־ייד האָט געזאָגט מיט וועלוועלען קדיש און גלייך פונעם בית־עולם איז דער „בן" ערגעץ נעלם געוואָרן. ווער „שבעה"? וואָס קדיש? נישטאָ און שוין! והילד איננו!

צום יאָר האָט קהל געלאָזט צענעמען דער טוקערינס הייזל אויף הייצונג און פאַר דעם ביסל געלט האָט מען געשטעלט ביילע־ריסלען אַ מצבה. די עטלעכע שמאַטעס, וואָס מען האָט געפונען אין שטוב, האָט מען אָפּגעגעבן אין דער גרויסער שטאָט אַריין, אין מושב־זקנים און פון וועלוועלען האָט מען נישט געזען און נישט געהערט, ווי אין וואַסער אַריין.

עס זענען פאַריבער צען און צוואַנציק און דרייסיק און פערציק יאָר. וימת כל הדור ההוא. קיין דאגות ביי יידן האָבן ברוך־השם נישט אויס־געפעלט. עס האָט שוין גאָר כמעט קיינער נישט געדענקט, אַז ס'איז אַ מאָל געווען אַ טוקערין, וועלכע האָט געהייסן ביילע־ריסל און אַז זי האָט ערגעץ איבערגעלאָזט זיך וואַלגערן אַ זונדל מיטן נאָמען וועלוול. מיט אַ מאָל איז אויפן נאָמען פונעם „ראַבין" אָנגעקומען אַ בריוו פון אַמעריקע און דער בריוו איז געווען פון וואָלף קאָסאָי — מען האָט זיך גענוג לאַנג געבראָכן דעם קאָפּ, — צי דער רב אַליין, צי די שבעה־טובי־

העיר — ביז מען איז גאָר געפאַלן אויפן שכל, אַז וואָלף מיינט: וועלוועלע און אַז קאָסאָי איז געווען דער פאַמיליע-נאָמען פונעם חמור-אייזל, — און געשריבן האָט ער, אַז ער איז שוין פון זייער לאַנג אין אַמעריקע און אַז ער האָט זייער גרויסע ביזנעס און אַז ער איז בכלל זייער „אָלרייט". ביים רב בעט ער, אַז ער זאָל אים מודיע זיין, צי מען ווייסט, ווו עס געפינט זיך דאָס פּלאַץ, ווו זיין מוטער איז נקבר געוואָרן, ווייל ער וויל איר שטעלן אַ גרויסאַרטיקע מצבה ווי זי האָט ביי אים פאַרדינט און ער וויל שענקען אויף דער שטאָט אַ גרויסאַרטיקע נדבה און ער וויל אויף זיין מאַמעס נאָמען אויפשטעלן אין איר שטעטל אַ גרויסאַרטיק מקום-קדוש און ער וויל און ער וויל און ער וויל —

און פון דאַמאָלסט אָן איז אַוועק אַ גאַנג: ר' וואָלף! דער גרויסער נדבן, ר' וואָלף קאָסאָי! אַז קהל האָט אים אָנגעשריבן, אַז מען דאַרף אויף אַ תלמוד-תורה הונדערט דאָלאַר, האָט ער זיי געשיקט דריי הונדערט; האָט מען אים „געשטעלט" מעות-חיטין כך וכך, האָט ער צוגעשיקט פינף מאָל אַזוי פיל און האָט נאָך חוזק געמאַכט פון זייערע קליינ-שטעטלדיקע השגות. האָט מען זיך שוין אונטערגעגאַרטלט און מען האָט אים אויף די „נשרפים" געשטעלט „אַ היטל מיט געלט", איז ער זיך מיישב און שיקט צו פּונקט צען מאָל אַזוי פיל, וויפל מען האָט אים געשטעלט און האָט געהייסן דעם רעשט פאַרנוצן אויף הכנסת-כלה, אָדער אויף ביקור-חולים, אָדער סתם אויף מתן-בסתר. מיט איין וואָרט: אין דער פּערזאָן פון ר' וואָלף קאָסאָי האָט זיך פאַר דער שטאָט געעפנט אַ ברונעם, אַ ברונעם פון דאָלאַרן אָן אַ דנאָ.

און אַזוי יאָר נאָך יאָר, פיל, פיל יאָרן.

קיינער האָט שוין במילא נישט געדענקט די מעשים אשר לא יעשו, וואָס אָט דאָס וועלוועלע האָט צוריק מיט אַ האַלבער מאה יאָרן דאָ איבערגעאַרבעט, און ווען עמעצער דערמאָנט זיך אפילו יאָ איז — הס מלהזכיר! ס'איז דען דער זעלבער וועלוועלע, וואָס דאַמאָלסט? מה-דאָך, אַז די בריאה ביים איר אויסזען, — המחדש בכל יום תמיד מעשה בראשית! — לא כל שכן אַ מענטש! דער היינטיקער נדיב און לייטישער מענטש און ברייטהאַרציקער לאַנדסמאַן, ר' וואָלף זאָל לעבן, האָט נישט קיין שום געמיינזאַמס מיט יענעם אַמאָליקן אויסוואָרף —

און איצט קומט ער צו פאָרן —

און ער איז טאַקע געקומען!

דער גאַנצער מזרח פון דער שטאָט איז אַרויסגעגאַנגען מחוץ לעיר

מקבל-פנים זיין דעם באַליבטן אַמעריקאַנער גביר און נדבן. אַז זיין פּאַטעטאָן מיט די פיר ברענענדיקע סוסים נאַ-שפּיץ איז אַריינגעפאָרן אין שטאָט אַריין איז מען געקראָכן אויף די קעפּ אַ בליק צו טאָן אויפן לעגענדאַרן בן-עיר. אַז ער איז געגאַנגען באַזוכן זיין מוטערס קבר איז אים נאָכגעגאַנגען אַ האַלבע שטאָט. מען האָט אין יענעם טאָג אַריינ־געזעצט „אל-מלא-רחמים'ס" אין דער ביילע-ריסל נעבעך מער ווי פאַר אַלע יאָרן זינט זי האָט איבערגעלאָזט איר „בונאַק" אויף גאָטס באַראָט. דער־נאָך האָט זיך געוויגט די שטאָט מיט זיינע בעבור שנדר'ס, ווען מען האָט אים אויפגערופן „שישי". און דערנאָך, נאָך אַלע היום'ס, האָט ער זיך ערשט באַזעצט אין שטעטל, ווי זאָגט מען עס: „מיטביידע פּיס אויף דער ערד". און פּשוט: נאָך אַזוי פיל יאָרן אַמעריקע, האָט זיך אים פּראָסט פאַרגלוסט צו פאַרברענגען עטלעכע וואָכן אין זיין אַלטער היים, ווו מען האָט אים אַ מאָל אַזוי נישט גערן געהאַט. און דאָ, אַרומדרייענדיק זיך אַזוי גאַנצע טעג איבער דער שטאָט, פאַרלייגט די הענט אַרונטער און וואַרפנדיק מיט די אויגן אויף אַלע זייטן, האָבן זיינע פאַרשייטע, חמור־אייזל'שע קוקערס פיל מאָל זיך פאַרטשעפּעט אין דעם צויבערנדיקן פנימל פון פייגלען, מאָטלס באַשערטע.

קומענדיק איין מאָל אַהיים פון זיין לאַנגן שפּאַציר, האָט ער זיך ביי זיינע בעלי-אכסניא צעפרעגט: ווער איז יענץ מיידל, וואָס בלענדט אים ממש די אויגן ווען ער דערזעעט זי נאָר? האָבן זיי אים געזאָגט ווער זי איז און האָבן אים בשעת-מעשה אפילו דערציילט, אַז יענער יונגער־מאַנטשיק מיט דעם בלאָנדן בערדעלע און מיט די שיינע טרויעריקע אויגן, — וועלכן ער האָט בלתי ספק אויך באַמערקט, — כאָטש אָנגע־הערן, געהערט ער איר נאָך דערווייל גאָרנישט אָן, אָבער ס'איז אַ סוד פאַר גאַנץ בראָד. די גאַנצע וועלט ווייסט, אַז ס'איז אַ פּאַרטיקער שידוך. האָט וועלוועלע חמור-אייזל מיט זיין גאַנצן אַמאָליקן שייגעצעוואָטע ברען געגעבן אַ זעץ אין טיש, אַז דער דעמבענער טיש איז שיער נישט צע־שפּרונגען געוואָרן אויף שפּענדלעך:

— נאָר נישט ביי וואָלאָדקען! די גאַנצע וועלט מעג זיך וויסן אירס, אָבער ער, וואָלף קאַסאַי, וויל דערפון נישט וויסן און ער האַלט, אַז זיין יונגער באַי, דער מיזיניק, האָט מער רעכט אויף אָט דעם „קאָנפעקטל" פון אָט דעם „אויסגעסמאָקעטן פערטל עוף", וואָס גייט אַרום איבערן שטעטל ווי אַ שאָטן און האַלט זיך אויף הינערשע פיסלעך —

און אָט דאָס וועלוועלע האָט זיך אַריינגעוואָרפן אין דעם דאָזיקן

שטיקל אַרבעט, ווי אַן אמתער וואָלף, נישט ווי קיין ייד וואָס איז שוין אַריבער די שישים. ער האָט תיכּף ומיד געשיקט רופן צו זיך פייגלס עלטערן און האָט זיי אַן הקדמות און אַן שדכנים דערציילט דעם גאַנצן ענין:

— אַזוי ווי ער האָט אין גאָלדענעם לאַנד נישט קיין איין געשעפט און נישט קיין דריי געשעפטן און נישט קיין צען, האָט ער דעם יונגסטן זון זיינעם, הערריען, דערוויל נישט געלאָזט חתונה האָבן אַזוי ווי זיינע ברידער און שוועסטער האָבן געטון. ער האָט דאָך געמוזט זיך איבערלאָזן כאָטש איין געטרייע פּאָר אויגן, וואָס זאָלן אַכטונג געבן אויף זיינע אומצאָליקע אוצרות. אָט דאָס איז די סיבה, וואָס זיין הערריע — שוין פון לאַנג אַ בחור כהלכה — האָט נאָך נישט קיין אייגענע פאַמיליע.

און בשעת־מעשה האָט ער זיי געטיטשעט אין די אויגן אַ „פּיקטשור" פון אַ מאַט־קאָלירטן יאַנקי אין די פּערציקער מיט פּאַרמעטענע באַקן און אויגן פון אַ ווילדן —

— ...און איצט איז אים זייער טעכטערל שטאַרק געפעלן געוואָרן און ער קען זי גלייך מיט זיך נעמען קיין אַמעריקע און זי וועט שוין דער־נאָך אַרויסנעמען איר גאַנצע משפּחה. און זיין הערריי איז נישט סתם אַ באָי, נאָר אַ באָי פון באָיען־לאַנד, אַ יונג אַ כוואַט, נאָר מער פון אים, פון וועלוועלען, הייסט עס, און דאָס וואָס אים, וועלוועלען, איז געפעלן, וועט אים, הערריען, אויך מוזן געפעלן, און כאָטש ער איז שוין דאָרט אַ גאַנצער „יאַ טיעביע דאַם", נאָר אַז דער פאָטער וועט אים זאָגן: אָט דאָס נעם! וועט ער נעמען און דאָס וועט זיין אַ פּאָרעלע פון גאָט, גאַנץ אַמעריקע וועט אים מקנא זיין אויף דעם אַנטיקעלע, וואָס ער האָט מיט זיך געבראַכט פון יוראָפּ —

און ר' וואָלף קאָסאָי האָט רחבותדיק צעעפנט זיין פול און פול אָנגע־פּאַקטן טייסטער און האָט אים אונטערגעטראָגן פייגלס עלטערן „אונטער דער נאָז":

— נעמט געלט וויפל איר ווילט אַליין... נעמט, שעמט זיך נישט! עס זעט זיך ביי מיר אָן, ווי אַ זייפנבלאָז, קיי און שפּיי —

און ס'האָט זיך פאַרקאָכט אַ קאַשע —

עס זענען געלאָפן „פּאַטשטן" פון וועלוועלען צו פייגלס עלטערן און אויף צוריק. די בעלי־אכסניא זיינע האָט ער אַ פּנים צוגעזאָגט אַ מנה־יפה, אויב זיי וועלן אים דורכזעצן אָט דאָס געשעפטל און זיי האָבן שוין אָנגע־גורט זייערע לענדן, גענומען אין די הענט אַריין אַלע תכסיסי־מלחמה, וואָס

זיי האָבן נאָר פאַרמאָגט אין זייער קליינשטעטלדיקן אַרסענאַל און האָבן געזעצט און געזעצט —

דאָס גאַנצע שטעטל האָט זיך אָנגעוואַלגערט אויף דעם אָרעמען הייזל פון פייגלס עלטערן. די איינוווינער האָבן זיך, ווי געוויינלעך אין קליינע שטעטלעך אין אַזאַ פאַל, איינגעטיילט אין צוויי מחנות און יעדע מחנה באַזונדער איז גרייט געווען דורס צו זיין און קורע כדג זיין די קעגנערישע מחנה. איין חלק שטאָט האָט געטענהט:

— היתכן? הישמע? נעמען אַ מיידל, וואָס האָט זיך דאָ איר באַשערטן, אַ בחורל וואָס איז אויסגעוואַקסן צוזאַמען מיט איר כל ימיו, אַ בחורל וואָס שמ'ט אין די מרחקים מיט זיין לומדות און מיט זיינע מידות טובות, זאָל מען אַזאַ אבן-טוב אַוועקוואַרפן און פאַרקויפן דאָס קינד אין דער פרעמדער וועלט אַריין אַזוי ווי ביי יוסף-הצדיק: — ויעברו אנשים מדינים סוחרים... און נאָך צו וועמען? צו אָט דעם חמור-אייזל בן חמור-אייזל! צי איז דען דער גאַנצער זין פון דעם גאַנצן לעבן טאַקע נישט מער ווי געלט? און ווער ווייסט נאָך, אויף וואָס פאַר אַן אופן אָט דער אַלטער בעל-עבירה'ניק האָט דאָרטן צונויפגעקלאַפּט און אָנגעזאַמלט זיינע טריפה'נע דאָלאַרן מיט וועלכע ער וואַרפט זיך אַזוי לייכט און וויל פאַר זיי אָפּקויפן אי די וועלט אי יענע וועלט? ווער ווייסט ווער עס גיין שווערן, אַז אָט דאָס פּיפּיקע פאַרשווינדל האָט דאָרט, אין ר' קאָלאַמבוסעס מדינה, נישט אונטערגעהאַנדלט מיט קיין „לעבעדיקער סחורה" און אַז אָט דאָס צאַרטע פייגעלע וועט ביי אים דאָרט אויך נישט אַוועקגיין „אויף שמעלץ"? מען קען דען פון אָט דעם נפש דערוואַרטן כאָטש איין וואָר וואָרט? פון ווען אָן? אויף וואָס קוקנדיק? ווייל ער שיט מיט געלט? טאַקע דאָס אַליין איז דער בעסטער סימן, וואָס פאַר אַ „תכשיט" דאָס איז! „מען זעט פון דער תשובה, — זאָגט די וועלט — וואָס פאַר אַ פעטע עבירה דאָ איז אָפּגעטון געוואָרן"... סופו מוכיח על תחילתו... און ווידער, עס קען זייער געמאָלט זיין, אַז אין איין אָוונט, אין אַ קאַפע-שאַנטאַן דאָרטן, לאָזט ער איבער צען מאָל מער, ווי דאָס שטעטל קאָסט אים אָפּ פון זינט זיין טריפה'נער נאָמען האָט זיך דאָ פון דאָס ניי באַוויזן... נעמען אַזאַ בריליאַנטן קינד, אַזאַ בליענדיקע רויז, אַזאַ כשר'ע נשמה און זי איבערגעבן אין אַזעלכע פאַסקודנע הענט, ווי אָט דער טוקע-רינס איבערבלייבעכטס, ווי אָט דער נבזה'דיקער שיקסע-בחור, הייסט דאָך טאַקע ממש: „כופתה לפני הארי"...

און אַזוי ווייטער און ווייטער, אַלץ דברים היוצאים מן הלב, דברים של טעם...

דער צד שכנגד האָט אָבער אויך געאַרבעט אויף אַלע כלים. מען איז איבערגעלעגן ביי פּייגלס פּאַרטשאַדעטע און פּריטשמעליעטע עלטערן יומם ולילה און מען האָט בפועל ממש איינגעלייגט וועלטן:

— סטייטש, סטייטש, ווו איז דאָס געהערט געוואָרן, אַז מענטשן זאָלן זיין אַזוי משוגע און אַזוי מטורף און אַרויסלאָזן פון די הענט אַזאַ גאָלדענעם שידוך, אַזאַ שמאַלצגרוב, אַזאַ מלכות'דיקן פּאַרשלאַג... יענער פרעגט דען אפילו: וואָס פאַרמאָגט די כלה? יענער בעט זיך נאָר רחמים: נעמט ביי מיר וואָס מער! רייסט, פּליקט שטיקער, איך פאַרמאַך די אויגן אויף אַלץ, אַבי גיט מיר דאָס מיידל פאַר מיין זון! טאַקע אַזוי ווי אין הייליקן חומש שטייט געשריבן: „הרבו עלי מאד מוהר ומתן ואתנה"... וואָס פאַר אַ ווילסטער חלום איז מיט אָט דעם מאָטלען, וואָס זעט אויס ווי אַ גרוגרת דר' צדוק? ווי קענען עס צוויי מתים זיך נעמען פאַר די הענט און גייען טאַנצן? ער איז אָרעם ווי דער טויט און זי איז נאַקעט און בלאַקעט אַזוי ווי די מאַמע אירע האָט זי געבראַכט אויף דער וועלט — אַבי פאַרשלייערט, הייסט עס! און דאָ ווערט זי פון דער ערשטער מינוט אָן אַ באַלעבאָסטינקע פאַר זיך מיט אַ דירה, אַ מלוכה, און טאַקע מיט פאַבריקן אייגענע און זאַוואָדן פאַרשידענע, מיט אייגענע אויטאָמאָבילן מיט... מיט... און מיט וואָס נישט? און ער לאָזט איבער די היגע מחותנים יענע אַפּותיקי! ס'איז גאָר אַ פחד צו האַלטן אַזאַ אוצר אין שטוב, כאָטש גיי און באַשטעל אין שטאָט אַ פייערקאַסע... און ר' וואָלף אַליין בלייבט געקניפּט און געבונדן מיטן שטעטל און דאָן איז שוין דאָס שטעטל אויס־געזאָרגט אי מיט מעות־חיטין, אי מיט אַ בית־הקברות אַ נייעם, אַז מען זאָל נישט מוזן טרעטן אויף די מתים, ווען מען קומט אויפן בית־החיים אום חודש אלול, אָדער תשעה־באב. קיצור הדבר — פּייגעלעס הסכמה איז פאַר איר אַליין אַ גליק און פאַרן גאַנצן שטעטל אַ ישועה, איז פרעגט זיך נישט מער: ווי אַזוי זאָגט זיך עס אָפּ אַ יידיש־קינד פון ברענגען אויף אַזאַ עדה־קדושה אַ ישועה־כללית?

דער ענין: יאָ דער שידוך מיט וואָלף קאַסאַי, צי נישט דער שידוך, איז געוואָרן אויס פריוואַטער ענין. דאָס איז געוואָרן עפּעס אַ מין „עגלה־ערופה־ענין", וועלכער איז נוגע יעדן באַזונדער; פאַר וועלכן דאָס גאַנצע שטעטל איז מחויב צו זאָגן: ידינו לא שפכו את הדם הזה... אין אַלע קהלישע ערטער: אויפן גראָז הינטערן בית־המדרש, אין קהילה־שטיבל, ביי די יאַטקעס און גאַנץ באַזונדערס אויפן מאַרק ביי די קלייטן, — אומעטום האָט געפלאַקערט דאָס מחלוקת אש־להבה און בינו לבינה זענען געפלויגן

פעטש ווי האַלץ. קצבישע ידים האָבן זיך צעלאָזט איבער אויסגעווייקטע בעקעלעך פון שיינע יידן און זייערע אמן־זאָגערס...

פייגל האָט אויפגעהערט גיין צו דער מאָדיסטקע, — מען האָט אויף איר געטייטלט מיט די פינגער:

— אָט גייט די אַמעריקאַנער מיליאָנערשע —

— די כלה פונעם אַלטן חמור־אייזלם אויסשקראַבעכטס —

— מאַטלס געוועזענע —

— מאַדאַם קאַסאַי פון אַמעריטשקע גנב —

אין שטוב זיין איז אויך געווען אומדערטרעגלעך. אַ גאַנצן טאָג האָבן זיך דאָרט די מיילער נישט צוגעמאַכט. מען האָט מער גאָרנישט געקענט הערן, נאָר: פייגל — הערדי, הערדי — פייגל און נאָך אַ מאָל: וואָלף און אוצרות און נייער בית־עולם און אייגענע אויטאָמאָבילן און דער „לאַנגער קאַבצעדראַליע" און „זיך אַרויסרייסן פון אָט דעם עיפוש אין דער גרויסער וועלט אַריין" און נאָך אַ מאָל דאָס אייגענע און ווידער אַ מאָל דאָס זעלבע... װעלװעלע האָט זיך שוין אויפגעהערט צו פאַרלאָזן אויף די שדכנים און צורעדערס, ער האָט זיך שוין אַליין דורכגעשלאָגן אַ וועג צו זיי אין שטוב אַריין, געוואָרן דאָרט אַ גאַנצער בן־בית, און צוזאַמען מיט אים האָט זיך אין שטוב אַריין אַריינגעצויגן אַ שטיקנדיקער טשאַד פון דאָלאַרן, פון קאָפּ־שווינדלערישע ביזנעס, פון אייגענע קאַר'ס, פון משונה־מאָדנע פעקטשערי'ס און שאָפּס און סטאָר'ס און קאַנטרי־הייזער און קאַמפּעין־נחלות און נאָך שלעק מיט פורעניות מיט צרות־צרורות...

פון אָט דעם געדיכטן און פאַרפּלאָנטערטן קנויל מיט פרעמדע און פיינטלעכע ווערטער איז געשטאַנען אין שטוב אַ געשטאַנק, ווי פון אַ געעפּנט עוף, וואָס דער בויך איז ביי דעם פול מיט פאַרבאַקענע אייער; ווי פון אַ פּאָר דריייאָריקן טשעכאָן, וואָס אוירט אַזוי אויך איבער דער גאַנצער שטוב אויף דערשטיקט צו ווערן, און דאָ האָט מען אים ערשט געשטעלט קאָכן מיט מייערן און מיט ציבעלעס און מיט אַנדערע שמעקנדיקע קריי־טעכצער; עס האָט נישט געהאָלפן קיין פאַרשפּאַרן זיך און קיין פאַרשטעקן זיך די אויערן, פלעגט זי, פייגל, מיט די הינטער־געסלעך אַוועקלויפן אין וואַלד אַריין און דאָרט — אַזוי ווי אַ מאָל יפתחס טאָכטער — זיך באַ־וויינען אויף אירע יאָרן און טעג...

אויך מאַטל האָט אויפגעהערט צו גיין אין בית־המדרש אַריין — מען האָט אויף אים אויך געטייטלט מיט די פינגער:

— אָט גייט ער נעבעך, דער שטרויענער אלמן, ס'איז אַ רחמנות אויף אים אַ קוק צו טון —

— אַז ער זעט אַליין אויס ווי אַ פויגל, צו וואָס זשע דאַרף ער נאָך אַ פייגעלע? זאָל זיך הערריי־חמור־אייזל אויך דערקוויקן —

— קוק אים אָן, דעם לאַנגן דראָנג! אַבי מען זאָגט: תורה איז די בעסטע סחורה. אָבער וואָס זעען מיר? דער בן־תורה קען בלויז קרעכצן און דעם ערגסטן הונט קומט אָן דער בעסטער ביסן, ווייל ער האָט די קלינגערס, די דאָלאַרטשיקעס מיט די פּאָלירטשיקעס מיט די קניידלעך! איי, די קניידלעך, איי די קניידלעך... די מיידעלעך מיט די שיינע קליי־דעלעך לויפן בעסער צו די פעטע קניידעלעך איידער צו די דלפנישע בני־תורה —

מאָטל האָט נישט געקענט פאַרטראָגן די חרפות מיט די בזיונות, וואָס האָבן אים באַגלייט אויפן וועג אין שול אַריין און אין שול גופא, ער האָט מיט זיך מיטגענומען אַהיים אַ גמרא און איז נישט אַרויס־געטראָטן פון זיין חדרל אויף קיין שפּאַן, סיידן ווען דער קאָפּ האָט אים שוין אומדערטרעגלעך אָנגעהויבן צו שמערצן, דאַן פלעגט ער בגנבה זיך דורכגנבענען דורך די דרימלענדיקע געסעלעך און מאַכן די פּליטה אין נאָענטן וועלדל אַריין און דאָרט אין פייכטן גראָז אַריין אַריינוויינען, אַריינ־וויינען —

און איין מאָל, אין אַ דושנעם בייטאָג, ווען אַלץ אין שטעטל שמאַכט און ווערט שיער נישט דערשטיקט אָן אַ טראָפּן לופט, האָט זיך מאָטל פּלוצלינג באַגעגנט פּנים אל פּנים מיט זיין יוגנט־חברטע, אָן וועלכער דאָס לעבן איז ביי אים קיין לעבן נישט.

זי איז שטיין געבליבן אַ פאַרשטיינערטע:

— ווי קומט ער אַהער? שוין זשע האָט ער זי אויסגעשפּירט? איז דאָס פּאַסיק פאַר אַ חסידישן יונגנמאַן זיך צו יאָגן נאָך אַ מיידל איבער פעלדער און איבער וועלדער?

ווי זי האָט אָבער נאָר אַ קוק געטון אויף זיין בלאַס אָפּגעצערטע געזיכט, ווי זי האָט זיך נאָר באַגעגנט מיט זיינע טיף־אומגליקלעכע אויגן, האָט זי אפילו פאַרגעסן זיך אַרומצוקוקן, צי קיינער זעט זיי נישט און זי איז אים געפאַלן אויפן האַלדז מיט אַ געוויין —

די איינציקע זאַך, וואָס זיי האָבן געקענט טון איז געווען — צוזאַמען וויינען אויף זייער פינצטערן און ביטערן גורל; אויף דעם גזר, וואָס האָט זיך אויסגעגאָסן אויף זייערע קעפּ... וואָס נאָך האָבן זיי געקענט טון? וויפל זיי האָבן דאַן נישט געפּרוווט צוטראַכטן עפּעס אַן עצה, ווי אַזוי זי זאָל זיך קעגנשטעלן דעם רצון פון אירע עלטערן אויב זיי וועלן חלילה

באשליסן: אמעריקע! — האבן זיי גארנישט נישט געקענט צוטראכטן. אנט־לויפן פון דער היים וווהין די אויגן וועלן טראגן? האבן זיי נישט מיט וואס . און ווי אזוי נעמט עס א בחור א בן־תורה און אנטלויפט עס מיט א בתולה? ס׳איז עפעס לית דין ולית דיין? און וווהין לויפט מען? ווער וועט זיי אפילו לאזן אויף זיין שוועל? און דא — וואלט נאך מאטל געהאט עפעס אן אומנות אין די הענט, וואלט זי געפאלן די עלטערן צו די פיס און וואלט געבעטן און געוויינט און געחלשט פאר זיי, אז ס׳איז איר ליבער מיט מאטלען דעם זיבעטן טאג א טרוקן שטיקל ברויט, איידער טיילן מיט יענעם אלטן בחור זיינע אוצרות דארטן, אבער דא גיי רעד, גיי רעד —

זיי האבן פון דאס ניי געוויינט און זיך געהאלדזט און געקושט און ווידער א מאל דאס זעלבע און צו קיין שום עצה זיך פארט נישט געקענט דערטראכטן. פון דעסט וועגן, איידער זיי זענען זיך צעגאנגען, האט פייגל, זיך באוואשנדיק מיט בלוטיקע טרערן צוגעזאגט מאטלען, אז זי וועט נאך אנווענדן אלע כוחות אויף אפצושרייען די גזירה־רעה פון איר קאפ. זי וועט וויינען פאר די עלטערן, זי וועט גיין בעטן ביי אים אליין, ביי דעם אמעריקאנער אויסוואורף און אויב עס וועט איר גארנישט העלפן און מען וועט זי מיט גוואלד ארויפזעצן אויף דער פור, וועט זי אין מיטן וועג אנטלויפן! זי וועט דעם גאנצן וועג אויף צוריקוועגס גיין צו פוס און זאל זיין וואס עס וויל זיך, — אומבאדינגט זיך אומקערן צו אים, איר ליבן, איר באשערטן —

גאנצע פינף וואכן האט ביי פייגלס עלטערן געדויערט דער געראנגל צווישן דעם קינדס קאפריז און דעם אומגעווייניעכן שמאלצגרוב און מנצח געווען האט פארט דאס עשרות. דער פיפיקער ביזנעסמאן וועל־וועלע־חמור־אייזל האט מיט זיינע טריפה׳נע אויגאנעס גוט געזען מיט וואס דער ישוב־הדעת ביי די קליינשטעטלדיקע יידן וועט זיך ענדיקן און האט שוין אפילו געהאט צוגעגרייט אלע נייטיקע פאפירן פאר דער כלה און אלץ איז געווען פארטיק צו דער נסיעה.

פייגל האט ביי זיך אין צימער געוויינט און געקלאגט, מאטל האט אין זיין חדרל דארטן געוויינט און געקלאגט און וועלוועלע האט טריאומ־פירט. ער האט זיך הנאה׳דיק געגלעט דאס בייכל און צו זיך אליין אריינ־געשמייכלט אין די וואנסעלעך. צו אט דעם גאנצן געיאמער, וואס האט אים באגלייט אין אט דעם וויסטן שטעטל, האט ער געהאט איין און איינ־ציקע סגולה: ער האט געשיט מיט דאלארן. אויף יעדער קרומער מינע, אויף יעדער נייער מניעה און ספק־מניעה׳לע האט ער געוואסט נאר פון איין שפרוך:

— איז נאָך צען דאָלאַר! איז נאָך פופציק דאָלאַר!

און די דאָזיקע זאַלב האָט געניצט צו אַלע מכות און געשווירן און —

און וועלוול איז אַוועקגעפאָרן מיטנעמענדיק מיט זיך פייגלען —

דער סוף איז געווען ווי דאָס רוב מאָל אין אַזעלכע פאַלן: מאָטל האָט זיך אַזוי לאַנג „גענומען דאָס לעבן" ביז ער האָט — מיט אַן אויסגעברענטער לאָך אין האַרצן — אָנגעהויבן לאָזן זיך רעדן אַנדערע שידוכים; פייגל איז נישט אַנטלאָפן אין מיטן וועג, זי איז בשלום אָנגעקומען אין גאָלדענעם לאַנד, מיט אַן אַנטפאַלן האַרץ האָט זי געזען, וואָס פאַר אַן „אויסגעטוישטשעטער יאַט" איר באַשערטער איז, ס'איז שוין אָבער געווען צו שפּעט חרטה צו קריגן. זי איז דאָרט געווען איין מענטש, עלנט און פרעמד, אָן אַ שפּראַך און אָן איין סענט אין טאַש און זי האָט — מיט אַן אויסגעברענטער לאָך אין האַרצן — אויסגעשטרעקט דעם האַלדז אונטערן חלף און איז געוואָרן: מאַדאַם קאַסאַי —

און די יאָרן האָבן זיך צעלאָזט לויפן —

— —

עס זענען פאַריבער צען יאָר און צוואַנציק און דרייסיק און פערציק און פופציק —

*

די גאַנצע וועלט האָט פאַר דער האַלבער מאה יאָרן געביטן איר פּנים. גאָר נישט די זעלבע לענדער, גאָר נישט די זעלבע מענטשן. און דערצו נאָך איז שוין צום צווייטן מאָל אונטערגעקומען דער דייטשער תליון און האָט גאָר איבערגעקערט די וועלט מיטן קאָפּ אַראָפּ און מיט די פיס אַרויף...

ווען די רוסישע טאַנקען האָבן זיך צעגרילצט אויף דעם פּוילישן וואַלד־שליאַך און דער עכאָ האָט גענומען צעטראָגן איבער אַלע נאָרעס און באַהעלטענישן דעם רויטאַרמייאישן מעכטיקן „הוראַ", איז שוין דער אַלטער ר' מרדכי געווען מיט אַלע זיינע חושים אין דער בעסערער וועלט. דער איינציקער פונק לעבן, וואָס האָט זיך נאָך בנס פאַרהאַלטן אין אָט דער חורבה, וועלכע האָט אַ מאָל געטראָגן דעם נאָמען מענטש, האָט זיך שוין נישט איבערגענומען פון קיינע גערוישן און פון קיינע געשרייען. ער האָט גוט געוווסט, אַז גערויש טראָגט מיט זיך טויט און געשריי טראָגט אין זיך טויט און אפילו אָן שום גערויש און אָן דעם מינדסטן געשריי געהער ער שוין אויך צום אַלמעכטיקן טויט, וועלכן ער האָט אַזוי

אָפּט געדופן צו זיך, גערופן, גערופן און זיך נישט געקענט דעררופן. וואָלט דאָך אַט־דאָס אַלץ געווען גוט און פיין און גלאַטיק, ווען נישט כאַסקל, דער שכן זיינער אין דער בערנלאָך. יענער האָט נאָך געהאַט אַ שטיקל יצר־הרע צום לעבן און דערהערנדיק דעם הילכנדיקן „הו־ר־ראַ" האָט ער זיך ווי אַ שלאַנג, ווי אַ יאַשטשערקע, אויף אַלע פיר אַרויסגעקראַבקעוועט פון זיין נאָרע און האָט זיך געלאָזט קריכן צום שליאַך, פון וואַנען עס האָט זיך גלייכצייטיק דערטראָגן אי דאָס סאַפּען פון אַ מאָטאָר, אי אַן אומגעווויינלעכער מישמאַש פון מענטשישע קולות. צוריק צו זייער באַהעלטעניש האָט זיך מרדכי'ס שכן אומגעקערט אין דער באַגלייטונג פון צוויי פאַרברווינטע זעלנער מיט סטענען און מיט רויטע שטערנדלעך אויף די היטלען. כאַסקלען האָבן די זעלנער פאָרזיכטיק געטראָגן אויף די הענט, ווי מען טראָגט אַ פאַרצעלייענע כלי, זי זאָל זיך חלילה נישט צעברעכן. נישט ווייט פון זייער „דירה", האָט ער אַ ווונק געטון צו די זעלנער, אַז זיי זאָלן אים אַראָפּלאָזן אויף דער ערד. אַריינקריכנדיק צוריק צו זיך „אַהיים", האָט ער אָנגעהויבן צו טרייסלען דעם אַלטן מרדכי פאַר די אַקסלען:

— מרדכי, שטייט אויף! מרדכי, שטייט אויף! משיח איז געקומען! קוקט זיך אום, אַט שטייט ער משיח! קוקט זיך אום, כאַפּט זיך אויף, מיר האָבן דאָך דערויף אַרויסגעקוקט...

אָבער דער אַלטער מרדכי ווייסט, אַז דאָ איז ערגעץ געשען אַ טעות. ער איז דאָך שוין אויפן עולם־האמת צוזאַמען מיט זיין ווייב און קינדער, וואָס מען האָט אָפּגעפירט קיין טרעבלינקע און ער געפינט זיך דאָך מיט זיי צוזאַמען אין גן־עדן, במקום שהצדיקים יושבים ועטרותיהם בראשיהם ונהנים מזיו השכינה... ווי זשע קומט משיח אין גן־עדן אַריין? וואָס האָט ער שוין אין גן־עדן אויפצוטאָן? ער דאַרף גיין אַראָפּ־אַראָפּ, צו די יושבי חושך וצלמות, אין די וואַלד־גריבער, אין די בונקערס, אין די געטאָס, אין די קאַצעטן, דאָרט קוקט מען נאָך אַרויס אויף אים און מען זינגט מיטן לעצטן זילב אויף די טויטע ליפּן: „אני מאמין בביאת המשיח", אָבער ער, מאָטל, איז שוין פון „יענער זייט", ער קוקט שוין נישט אַרויס אויף משיח'ן —

האָט אָבער כאַסקל נישט אויפגעהערט אים אַריינצושרייען גלייך אין די אויערן, ממש אַז מען האָט געקענט טויב ווערן:

— מרדכי־לעבן, וואָס דרעכעט איר? שטייט אויף, דער דייטש איז קאַפּוט! מיר זענען באַפרייט. דער גאַנצער וואַלד איז שוין אַרויס אונטערן

פרייען הימל. עפּענט אויף די אויגן, איר וועט נאָך אפשר דערלעבן זיך זען מיט אייערע אַמעריקאַנער זין, מיט יאַנקלען און מיט בערלען און מיט נח'ן —

דערהערט, אַז עמעצער דערמאָנט דאָ זיינע אַמעריקאַנער זין און דער עיקר — די אויסטערלישע בשורה, אַז דער דייטש האָט שוין איינגענומען אַ מיתה-משונה, האָט זיך דער אַלטער גוסס באַמיט צו צערייסן די זיך־צונויפגעקלעפּטע אויגנלעפּלעך. די רויטאַרמייער האָבן אים פּאַרזיכטיק אויפגעהויבן פון זיין פייכטן ווינקל, ער האָט ענדלעך דורכגעריסן צוויי שפּעלטעלעך אין די איינגעפאַלענע גריבלעך, ווו עס האָבן אַ מאָל געוווינט זיינע אויגן, ער האָט דערזען די האַרציקע פּנימער פון די רוסישע זעלנער און האָט צו זיי עפּעס כמו ווי אַ שמייכל געטון —

מער האָט ער נישט געדענקט גאָר—נישט, כאָטש נעם אים אַראָפּ דעם קאָפּ —

דערנאָך געדענקט ער ווי אין חלום: אַ שפּיטאָל און נאָך איין שפּיטאָל און דערנאָך — אַ דאָרפישע דאַטשע — צוזאַמען מיט נאָך אַ סך וואַלד־יידן און בונקער-יידן און קאַצעט-יידן, וואָס מען האָט זיי אויך אין דער לעצטער מינוט געשטערט זיך צו פּאַראייניקן מיט די צדיקים שיושבים ועטרותיהם בראשיהם ונהנים מזיו השכינה...

פון דעסט וועגן געדענקט ר' מרדכי זייער שוואַך אַט די אַלע גלגולים און מסעות, ער געדענקט כמעט נישט מיט וועמען ער האָט זיך דאָרט באַגעגנט און וועגן וואָס מען האָט דאָרט גערעדט. זיין זכרון האָט זיך ערשט בשלמות אויפגעכאַפּט און זיך אַרויסגעריסן פון אונטער דעם בלייע־נעם פּרעס, ווּעלכער האָט געדריקט אויף אים פון דער ערשטער מינוט אָן, וואָס מען האָט אים אַרויסגעשלעפּט פון דער איינגעזעסענער וואַלד-נאָרע, ווען עמעצער האָט בדרך אגב דערציילט, אַז אַ גרויסע גרופּע פון אַמערי־קאַנער יידן איז געקומען קיין פּוילן און פּאָרט אַרום איבער די פּליטים־לאַגערן, שטעט און דערפער און זוכט און נישטערט אין אַלע ווינקעלעך: טאָמער וועט מען כאָטש עמעצן געפינען פון זייערע גרויסע משפּחות.

ביי דעם אַלטן אין האַרצן האָט זיך עפּעס אַ וואָרף געטון:

— בערעלע! זיין טייער בערעלע איז דאָך שוין אַזוי פיל יאָרן אין דעם ווייטן אַמעריקע. אפשר וועט אים אויך אַ צי טון דאָס האַרץ אַ זוך צו טון אין דעם ווייטן פּוילן זיין טאַטע-מאַמע, זיינע יינגערע שוועסטער און ברידער... און ווו איז יאַנקעלע? נח'ל? ווו זענען דען נאָך דאָ אַזוינע איבערגעבעבענע קינדער אויף דער וועלט? פאַרשטייט זיך, אַז צוליב אים

אליין איז שוין כמעט נישט כדאי — וואָס איז ער שוין און ווען איז ער שוין און וויפל וועט ער שוין דערציען? ס'איז אַזוי אויך מיט ניסים, אַז ער איז געבליבן לעבן. ס'איז בלויז כדאי, וואָס ער האָט נאָך מיט זיינע אייגענע אויגן געזען די מפלה פון היטלערן ימח שמו, אָבער אַזוי — וואָס? ווער? ווען? ס'איז נישט געלעבט, נאָר נאָכגעקרימט זיך, ווי זאָגט דאָרטן רש"י אויף „ויאכלו": נראו כמו שאכלו... אָבער די קינדער דאָרטן ווייסן דאָך נישט, אַז פון דער גאַנצער פאַמיליע איז מער נישט געבליבן, ווי אָט דער אַלטער נשרף, איז אפשר וועט זיך פאַרט עמעצער פון זיי אויס-רייסן און קומען אַהער זוכן די ביינער פון טאַטע-מאַמע?

דער אַלטער מרדכי איז געוואָרן נערוועז. ס'איז ערגעץ פאַרשווונדן געוואָרן זיין גלייכגילטיקייט צו אַלץ. טאָמער האָט ער דערזען צוויי מענטשן שושקען זיך, אַזוי האָט ער גלייך צוגעלייגט אַן אויער:

— וואָס איז נייעס? די אַמעריקאַנער יידן קומען נישט אַהער?

ווען מען האָט דעם גאַנצן עולם „אָפּגעשוואַכטע" איבערגעפירט אין אַן אָפּרו-הויז קיין באַדרייכנהאַל, הינטער מינכן און ס'איז אַהין געקומען אַ מיידל פון דעם צענטראַל-קאָמיטעט פון דער „שארית-הפליטה" צונויפ-צושטעלן אַ ליסטע, האָט זיך דער אַלטער מרדכי געשטופּט צו זיין פון די ערשטע זיך צו פאַרשרייבן און האָט מיט זיקנה'שער קפידה אַכטונג געגעבן, צי זי שטעלט ריכטיק אויס די אותיות. דערנאָך איז די גרופּע אַמעריקאַנער זוכערס געקומען אין זייער אָפּרו-הויז. דאָס זענען געווען גאַנץ פרעמדע יידן, אפילו נישט פון זיין, דעם אַלטן מרדכי'ס, געגנט. זיי האָבן אָבער געזאָגט, אַז ווען זיי זענען אַוועקגעפאָרן, האָט זיך געגרייט נאָך אַ שיירא אָפּצופאָרן קיין פוילן און נאָך דער צווייטער שיירא — נאָך אַ שיירא —

אליין אַ ידיעה געבן צו זיינע קינדער, אַז ער לעבט און ווו ער געפינט זיך, האָט ער נישט געקענט איבער צוויי טעמים, קודם: קיין אַדרעסן האָט ער נישט געהאַט און דער זכרון האָט היפּשלעך אונטערגעפאַלשעוועט. נישט נאָר וואָס די נומערן פון זייערע הייזער און די גאַסן זייערע האָט ער נישט געדענקט, — דעם אמת גערעדט, האָט ער דאָס בעל-פּה קיין מאָל נישט געדענקט, — נאָר אפילו אין די נעמען פון די שטעט איז ער אויך נישט געווען זיכער: אָט דאַכט זיך אים, אַז ניו-יאָרק און אָט דאַכט זיך אים, אַז פילאַדעלפיע, אָדער גאָר באָסטאָן... דאָס איז איין מאָל אַוועק, והשנית: איז אים אַ ווייטיק מיט אַ בזיון זיך ווייזן פאַר די קינדער איינער אליין, אָן דער מאַמען און אָן די קינדער... ווער שמועסט נאָך — אליין זיי

דאָס מבשר זיין... די וויסטע גדולה זיינע... ווען זיי זאָלן נאָך געוויר ווערן וועגן אים מן הצד, נישט דורך אים אַליין, מהיכי־תיתי! איבעריקנס האָט דאָס מיידל, וועלכע האָט צונויפגעשטעלט די ליסטע און אין וועלכער מרדכי, איז כמעט דער ערשטער, פאַרזיכערט, אַז די דאָזיקע ליסטעס וועלן זיך גלייך אָנהייבן צו דרוקן אין די יידישע אַמעריקאַנער ציימונגען, מען דאַרף נאָר האָבן געדולד און וואַרטן —

האָט ער זיך אָנגענומען מיט געדולד און האָט געוואַרט —

און אויף אַ לעבעדיקן — זאָגט די וועלט — דערוואַרט מען זיך —

דאָס איז געווען אין אַ נאָכמיטאָגדיקער שעה. די היץ איז געווען גרויס, שלאָפן האָט ער נישט געקענט, האָט ער זיך פאַרקליבן אין אַ זייטיקן הויף־ווינקל, דאָרט האָט ער פשוט אויסגעשפּרייט די „קאָץ" אויפן צוגעטשמעליעטן גראָז און האָט זיך אַ ביסל צוגעשפּאַרט. זעט ער ווי אין הויף פאַרט אַריין אַ פאַרזאָנען־אויטאָ. — אויך אַ נאָווינע! עס טוט שוין ווי דער קאָפּ פון דעם שטענדיקן הו־האַ, דער אַריין, דער אַרויס, ממש דער טויער מאַכט זיך נישט צו, ווי דאָ וואָלט געווען אַ וואָקזאַל, צי להבדיל אַ פּאָליש בשעת דער קריאה... פון דעם אויטאָ, זעט ער, גייען אַרויס צוויי אויסגעפּוצטע פּראַנטן: איינער אָנגעטון ציוויל, דער צווייטער אין אַ מיליטערישן אוניפאָרם און ביידע לאָזן זיי זיך גיין אין ביוראָ אַריין. ווידער זיין דאגה, מן הסתם אַ ניי מיטל געבראַכט פאַר די וואַנצן, וואָס דערגיין דאָ ממש די יאָרן, אַזוי ווי די פּוילישע פאַרטיזאַנער.

און ער האָט אַזוי אויף קאַטאָוועס צוגעמאַכט די אויגן און אויס־געצויגן די פיס, אָבער נישט חלילה מיט דער כוונה איינצושלאָפן, — הס ושלום! נאָר סתם אַזוי כאַפּן אַ דזשים כשינת הסוס, נים ולא נים, עלעהיי שבת נאָכן קוגל און פאַר דעם תהילים.

וויפל ער איז אַזוי אָפּגעשלאָפן ווייסט ער נישט עד היום, אפשר אַ שעה און אפשר אַ מינוט — אויפן זייגער האָט ער נישט געקוקט, נאָר אויפגעכאַפּט האָט ער זיך פון אַ מוראדיק געשריי און געשריגן איז דאָ געוואָרן — דאָס געדענקט ער אויף זיכער — איין און איינציק וואָרט, אָבער עפּעס אַ מאָדנע וואָרט, אַ פון לאַנג פאַרגעסנס —

טאַ—טע!

ער האָט אויפגעעפנט די אויגן און האָט זיך גלייך אויפגעזעצט, ווי הינטערן חוט־השדרה וואָלט ביי אים פּלוצלינג אויסגעוואַקסן אַ פּרוזשינע. לכתחילה האָט ער גאָרנישט נישט געקענט זען פאַר זיך און נישט ווייל ביי אַ יידן אין די זיבעציקער איז די ראיה שוין קאַליע — דאָס איז אַ חוץ

אַ מעשׂה! נאָר פּשוט ווייל די זון האָט אים אַ שמיץ געטון מיט אַ פּאַסמע שטראַלן גלייך אין די אויגן אַריין. דערנאָך, אַז ער האָט זיך שוין פאַרשטעלט די אויגן מיט די דלאָניעס, האָט ער דערזען פאַר זיך גאַנץ קעקעלע קהל: דעם פּאַרוואַלטער פונעם אָפּרו-הויז און דעם דירעקטאָר פון דער אונרא-אָפּטיילונג און דעם פאָרזיצער פונעם קאָמיטעט און יענעם מיליטערמאַן — אַ פּנים אַן אונרא-אָפיציער — און יענעם ציווילן, וואָס איז ערשט נישט לאַנג געקומען צו פאָרן מיטן אויטאָ און ער האָט אַ חשד, ר׳ מרדכי, אַז דאָס האָט ער טאַקע, דער ציווילער, אַזאַ האַרצרייסנדיקן געשריי געטון און אַ סימן האָט ער, אָט גיט ער ווידער אַ געשריי —

— טאַ—טע—ניו מיי—נער —

און בערעלע הענגט שוין ביי אים אויפן האַלדז און ריטשעט אויף אַ קול און אַלע דערביי-שטייענדיקע וויינען אויך און ער, מרדכי, ווייסט אַליין אויך נישט, צי ער וויינט אויך, צי ניין. און ער זעט מן הצד, אַז דאָס גאַנצע אָפּרו-הויז שטייט דאָ אַרום זיי און אַלע ווישן זיך די אויגן און אייניקע וויינען אויף אַ קול —

— זעט איר, אַז מען לעבט, דערלעבט מען —

און פּלוצלינג לאָזט בערעלע אַרויס אַ נייעם געשריי:

— טאַטע, ווו איז די מאַמע? ווו זענען די קינדער? ווו זענען אַלע? וואָס שוויגסטו, וואָס?

— —

די גאַנצע פּראָצעדור מיט דעם פּאַפּירן-מאַכעניש האָט בסך-הכל צוגענומען עטלעכע טעג. אַלץ איז געטון געוואָרן „פּאָ טעלעגראַפו" און צו די צוויי וואָכן איז שוין דער אַלטער מרדכי געווען אין ניו-יאָרק.

די ערשטע צייט האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער איז דאָ אַריינגעפאַלן אין אַ מין סאָרט כּף-הקלע, אין עפּעס אַזאַ מילדן כּף-הקלע. די „בנים", ווי ער האָט זיי גערופן מיט ליבשאַפט, האָבן אים אַרומגעטאַסקעט אין די סוסיידעס און אין די אוניאָנס און נאָך אויף פאַרשידענע אסיפות און אומעטום האָט מען אויף אים געטייטלט מיט די פינגער:

— איר זעט? אָט דאָס איז ער, דער העלדישער פּאַרטיזאַן פון די פּוילישע וועלדער, — שוין אַ העלד אויך געוואָרן אויף דער עלטער! — און אומעטום האָט מען גערעדט און געדרשנט און געפּאַכעט מיט די הענט און געשפּרונגען אויף די טישן אַזוי ווי די צעמישטע און אַזוי אַ נאַכט איבער אַ נאַכט און אַז נישט, איז עטלעכע נעכט נאָך אַנאַנד, ביז דער אַלטער האָט זיך אָנגערופן צו זיינע בנים:

— הערט אויס, קינדער! עד כאן אומרים בשבת-הגדול! איר זאָלט מיך אפילו אָפּגילטן, גיי איך מער נישט אויף אייערע המן-קלאַפּעניש. גענוג, יוצא, כ׳בין שוין נישט קיין יינגעלע, און כ׳בין שוין מיד.

דאַן האָט ער געמוזט אַ שטיקל צייט אָפּווינען ביי דעם זון אין קליוולאַנד און דערנאָך אַ שטיקל צייט ביי דעם זון אין פילאַדעלפיע און דערנאָך ביים יונגסטן פון די לעבן-געבליבענע, ביי נח׳ן אין ניו-יאָרק און דווקא דאָ איז אים געפעלן געוואָרן אַממיינסטן. קיין קליינע קינדער האָט שוין נח נישט געהאַט, אַלץ אויסגעוואַקסענע און דערוואַקסענע. די דירה איז געווען אַ ליכטיקע, אַ גרוימע מיט גרויסע פענצטער אויף דער גאַס. ווידער האָט זיך די דירה געפונען אויפן ניינטן שטאָק, האָט עס ר׳ מרדכי געפונען פאַר אַ גרויסער מעלה — הערט מען כמעט נישט דעם רעש פון דער ברייטער גאַס, וואָס קאָכט אונטן ביי טאָג און ביי נאַכט. האָט זיך דער אַלטער אומגעקוקט על ימין ועל שמאל: וירא מנוחה כי טוב ואת הארץ כי נעמה, האָט ער זיך אָנגערופן צו זיין יינגערן זון:

— שמעני, בני, הער זיך צו מיין ליבער זון, ביי דיר געפעלט מיר אָנצושפּאָרן מיין אַלטן קאָפּ ביז ווי לאַנג ס׳איז מיר נאָך באַשערט צו האַלטן אָפן די אויגן —

האָט אים יענער געענטפערט מיט געציילטע עטלעכע ווערטער:

— דו זאָג נאָר, וועלכער צימער עס געפעלט דיר בעסער —

איז ער סטאַביל געבליבן וווינען ביי נח׳ן.

די ערשטע צייט האָט ער געפּרוווט שחרית וערבית זיך שלעפּן אין שול אַריין, דערנאָך האָט ער איינגעזען, אַז: ניין! ס׳איז נישט פאַר זיינע כוחות. אמת, די שול איז נישט זייער שטאַרק ווייט, אָבער פאַר זיינע כוחות און פאַר זיינע פיס איז דאָס גאַנץ גענוג ווייט. און איין מאָל, ווען ער האָט זיך אומגעקערט אַ ביסעלע שפּעטער, האָט ער געהאַט גאָר אַ שיין שטיקל אַרבעט: ניין אַ זייגער, אַבי די מערהייט איינוווינער איז זיך צעגאַנגען אויף דער אַרבעט, האָט מען צענומען דעם „עלעווייטאָר", מען האָט אים געדאַרפט פאַרריכטן. נו-נו, האָט ער עס געהאַט אַן אויפהייבן זיך אויפן ניינטן שטאָק... אפילו אַז ער וועט שוין ליגן מיט די פיס צו דער טיר, וועט ער נאָך אויך געדענקען יענעם משוגענעם „פּאַדיאָם" און בכלל... ס׳איז נישט די זעלבע שול וואָס ביי זיך אין דער היים און נישט דער זעלבער עולם וואָס ביי זיך אין דער היים, האָט ער באַשלאָסן — אַז מען קען נישט אַריבער, מוז מען אַרונטער! נאָר ראש-חודש וועט ער גיין אין שול אַריין און אַ גאַנצע וואָך — ווער שמועסט אין די שבתים,

ווען מען קען זיך נישט נוצן מיטן „עלעווייטאָר״ — וועט ער דאַווענען ביחידות אין שטוב. האָט אים נח׳ל איינגעקויפט אַ פול שאַפּקעלע מיט פאַרשידענע ספרים, וואָס ער, מרדכי, האָט אים אָנגעצייכנט און ער איז געוואָרן אַ יושב-אוהל. כמעט גאַנצע טעג פלעגט ער זיין אַליין אין שטוב. די שנור איז געווען מיטן מאַן אין געשעפט, די נישט-אויסגעגעבענע קינדער זענען אָדער געווען אין סקול, אָדער אויף די דזשאָב׳ס און ר׳ מרדכי׳ן האָט קיינער נישט געשטערט צו זיין פראַווען יחידות און צו זיין חשבון-הנפש —

און אַ חשבון האָט ער געהאַט פון וואָס צו מאַכן —

...זיין אייגענעם חשבון, דעם חשבון פון די אומגעקומענע ווייב און קינדער, פון אַלע זיינע בני-עיר און בכלל פון אַלע יידן, מיט וועלכע ער איז צוזאַמען געווען אין איין געטאָ און דערנאָך אין דער צווייטער, ביז אים מיט נאָך עטלעכע מוצלחים איז געלונגען צו „שטעלן פיס״ און יענע דאָרט, וועלכע מען האָט געכאַפּט, האָט מען מסתם אויפגעהאַנגען... ער טראַכט וועגן זיינע אַמעריקאַנער זין, וועלכע שפּרייטן צו זיינע פיס זייער גאַנץ האָב און גוטס כאָטש פון ווען געדענקען זיי אים אַזוי שטאַרק? אַז בסך-הכל זענען זיי אַוועק פון דער היים נאָך בחורווייז און מער האָט מען זיך שוין נישט געזען קיין מאָל —

און ער שעפּטשעט פאַר זיך אַליין די ווערטער פון יעקב-אבינו:

...ראה פניך לא פללתי והנה הראה אותי אלקים גם את זרעך...

וואָכן זענען געלאָפן, חדשים האָבן זיך געפּעלט, ר׳ מרדכי האָט גאַנצע טעג נאָר געדאַווענט און געלערנט און געלויבט השם-יתברך, וואָס ער האָט זיך אין אים דערמאָנט סאַמע אין דער לעצטער מינוט, ווען ער איז שוין כמעט געווען אַ „קדוש״. שעה׳ן-לאַנג פלעגט ער טראַכטן: אַ שטייגער וואָס וואָלט דעם באַשעפער געווען געאַרט, ווען זיין פאַמיליע זאָל זיך אויך געווען האַלטן לעבן אים אין וואַלד און זאָל אויך געווען געהאָלפן ווערן אַזוי ווי ער? וואָלט דען אין אָט דעם גרויסן אַמעריקע פאַר זיי קיין פּלאַץ נישט געקלעקט?

האָט ער אָבער דערפילט, אַז מהרהר זיין אחרי מדותיו יתברך פירט נישט צו קיין גוטס און וואָס געבן זיי, אָט די נאָכטראַכטענישן? דאַן לייגט ער אַוועק די פּאַטשיילע אויפן אָפענעם ספר און גייט צו צום אָפענעם פענצטער אַ ביסל אַ קוק טון אויף גאָטס וועלטל.

און גראָד איז אין דעם משוגענעם ניו-יאָרק פאַראַן איבער גענוג אויף וואָס צו קוקן. ער רוקט צו אַ בענקל האַרט צום פענצטער און קוקט אַרויס.

די גאַס ליגט ערגעץ אין תהום. אַ ווערטעלע אויסצורעדן — ניין שמאָק! דאָס איז דאָך כמעט ווי פונעם הימל ביז צו דער ערד. די אומ־ענדלעכע שערענגעס מיט לאַסט־אויטאָס, וואָס קוועטשן זיך דאָרט אונטן איינס דאָס אַנדערע און רייבן זיך אָפּ די זייטן, פאַרפּלייצן די ברייטע גאַס אייביק און שטענדיק. ער האָט דעם איינדרוק, אַז זיי רירן זיך גאָר קיינס נישט פונעם אָרט. די שאָפערן זענען אַ פּנים ערגעץ אַוועקגעגאַנגען און האָבן איבערגעלאָזט אָט די טויטע גאַס מיט אָנגעלאָדענע אויטאָס אויף גאָטס באַראָט. הינטער זייער הויז, וויניקער פון פופציק מעטער ווייט, שלעפּט זיך דער מוטנער טייך הודסאָן, וועלכער איז אייביק אָפּגעשאָטן ווי מיט מאָן מיט גרעסערע און קלענערע לאַסט־שיפן, וועלכע רייסן זיך אויף די העלדזער משוגענערוויז און קומט די נאַכט לאָזן זיי נישט צו טון מיט קיין אויג. ער קוקט זיך אום אויף די אַרומיקע הייזער: אויך אַזוינע ריזיקע מויערן, ווי זייער מויער. אַקוראַט אַקעגן זייער מויער שטייט אויך אַזאַ „דרייצענער" הייזל ווי זייערס און ענלעך איז עס אויף זייערס — ווי צוויי טראָפּן וואַסער! אַ פּנים אַז איין פאַדריאַדטשיק האָט זיי ביידע געבויט. די מויערן שטייען איינער קעגן צווייטן, ווי די האָנטן, גרייט אַרויסצושפּרינגען איינער אויפן צווייטן. אָדער — באַרעכן נאָר: פאַר וואָס עפּעס, ווי די האָנטן? פאַר וואָס נישט, ווי יידן צו קידוש־לבנה, וואָס אָט־אָט וועלן זיי זיך זאָגן איינער דעם צווייטן „שלום־עליכם, עליכם־שלום"?

און אַזוי ווי זיך צוריק נעמען צום ספר גלוסט זיך נאָך נישט, הייבט ער זיך אויף, ר' מרדכי, גיט אַ גלעט דאָס ספר, ווי ער וואָלט עס מפייס געווען פאַר אַזאַ לאַנגער הפסקה און זעצט זיך צוריק אַוועק ביים פענצטער. און אַזוי ווי פון קוקן אַראָפּ הייבט אָן צו שווינדלען פאַר די אויגן, קוקט ער שוין איצט גלייך אַקעגן, אויף די פענצטער פונעם קעגנאיבערדיקן הויז. נו־נו, אַ הויז מיט פענצטער — מאַמע מיינע, כמלאך־המות המלא עינים! און יעדעס פענצטער — אויב ס'איז נאָר נישט פאַרהאַקט און פאַרקלאַפּט — האָט עס דיר אַן אַנדער אויסזען.

...דאָרט האָט מען אַרויסגעהאַנגען דאָס בעטגעוואַנט צום לופטערן, הענגט עס אַזוי פון קאַיאָר אָן און קיינער דערמאָנט זיך נישט עס אַריינצונעמען. אַ פּנים נישטאָ קיינער אין שטוב.

...ביי אַ צווייט פענצטער זיצט אַ יונג מיידל איינגעבויגן אין דרייען און נייט אויף אַ מאַשין. אויך אַ זיסע אַרבעט. ער דערמאָנט זיך אין דער אַמאָליקער פייגל, ווי זי האָט עס געאַרבעט „פאַנשטשינע" ביי איר מאַדיסטקע דאָרטן און עס גיט אים נאָך עד היום אַ ריץ ביי דער נשמה.

...דאָרטן, זעט ער, ווי עמעצער לופטערט זיינע שופלאָדן און זיינע וואַליזעס אַקעגן פענצטער, אַז עס זעצט אַזש אַ שטויב פון דאָרטן. אָך, וועט טוט עס אַזאַ אַרבעט אין אַ צימער? ער איז קליין אַראָפּצוטראָגן זיין ביסל כלאַם אין הויף אַריין, נישט אַז עס זאָל פאַררויכערט ווערן דאָס גאַנצע צימער?

...אַ ביסל אַלכסונדיק, אודאי אויפן עלפּטן אָדער אויפן צוועלפטן שטאָק זיצט ביים פענצטער אַ גרייז-גרויע פרוי און לייענט אַ ביכל. איר קאָפּ האָר — ווי אַ בוקעט פון זייפבלאָזן! זינט ער לעבט האָט ער נאָך נישט געזען אַזאַ משונה גרויקייט און אַזאַ גרויסאַרטיקע זילבערנע עטרה אויפן קאָפּ. וואָס דאָס אַמעריקע פאַרמאָגט דיר אַלץ!

...און דאָרט לינקס אין אַ פענצטער, זעט ער, ווי טיף אין צימער, ביי אַ געגרייטן טיש, זיצט אַ פּאָרפּאָלק און ס'איז קענטיק, אַז זיי קריגן זיך שטאַרק. פון וואָס איז אַזוי קענטיק? אָ! ער, מרדכי, קען זיך שוין אויס אויף אַט די זאַכן, ער האָט שוין סימנים-מובהקים דערצו. אָט למשל: זי האָט דערלאַנגט עסן צום טיש און ער האָט גלייך אָפּגערוקט דעם טעלער פון זיך, אפילו נישט צוגערירט זיך מיטן לעפל. נו, וועט דען אַזוי טון אַ מאַן, וואָס דעם ווייבס טרחה איז ביי אים חשוב? צי למשל, אָט זעט ער ווי דער מאַן האָט אַ הייב געטון אַ טעלער פונעם טיש און האַלט אים אַזוי, שיף און שאַרף און אָנגעשפּיצט ווי אַ פייל. יאָ, הלואי ער זאָל אַ טעות האָבן, ביי דעם דאָזיקן פּאָרפּאָלק איז עפּעס נישט גלאַטיק. עפּעס צו לאַנג האַלט ער דעם טעלער אין דער לופטן... קיין פנימער קען ער פון דאַנען נישט זען, אָבער ער פילט אַזש אַהערצו, אַז יענע ציטערט דאָרט אין גאַנצן, ווי אַ בלאַט בעת אַ שטורעמווינט. ער קען דאַכט זיך שווערן בנקיטת-חפץ, אַז —

שאַ! אָט פליט שוין אַלץ פונעם טיש דאָלאָי! אוים! איצט דאַרף מען שוין נישט קיין סימנים — די באַמבע האָט שוין געפּלאַצט! איז ער שוין יאָ אַ מבין אויף אַ טשאַד, צי ניין אפשר?

דער אַלטער מרדכי דערפילט זיך מיד און צעבראָכן פון דער ערשט-געזעענער סצענע און ער וויל שוין גיין זיך אַ ביסל צושפּאַרן, אָבער זיין אויג פאַרטשעפּעט זיך ווידער אין דעם איינגעבויגענעם מיידלשן רוקן ביי דער ניי-מאַשין. ער דערפילט ווידער דעם באַקאַנטן שטאָך, וואָס מען רופט אים „פייגל". אַ מאָדנע שטעכעניש איז דאָס. ס'איז אי ווייטיקלעך, אי אָנגענעם, עפּעס איז דאָס כמו ווי איינער צעווייינט זיך ווען ער האָט יאָר-צייט נאָך זיין אַלטער מוטער צום דרייסיקסטן מאָל:

— מאַמע, מאַמע, אויף וועמען האָסטו מיך איבערגעלאָזט?

אָפּגעלאָזט די נייטאָרין, שטעלט זיך זיין בליק ווידער אָפּ אויף דער „זילבערנער עטרה". דאָס הייסט נישט גרוי, נאָר ווייס ווי שניי, ווי זעמל־מעל, ווי מילך, אָדער טאָקע ווי זילבער, גענוי ווי זילבער! זי לייענט איצט נישט די זקנה. דאָס ביכל ליגט אַן אָפּנס אויף דער פענצטער־ברעט און לעבן איר שטייען צוויי מיידעלעך, איינע אַ ביסל גרעסער און די צווייטע אַ ביסל קלענער און מען טענה'ט עפּעס. זיך געקומען, הייסט עס, האַלטן אַ לאָדעניש פאַר דער באָבען. ער זעט, ווי זי גיט זיי עפּעס צו פאַרשטיין, דאַן גיט זי זיי אַ קוש אין די בעקעלעך און הייבט זיך אויף. דאָס קליינוואַרג, אַ פּנים צופרידענע פון דער באָבעס פסק־דין, זענען גלייך אויסגערונען געוואָרן און די אַלטע האָט זיך עטוואָס אַרויסגעהאַנגען פונעם פענצטער און האָט זיך אַרומגעקוקט אויף אַלע זייטן. און אָט האָט זי אפילו אַ קוק געטון אויף אים. האָבן זיי אַ טיילעכל פון אַ רגע זיך געקוקט גלייך אין די אויגן, דערנאָך האָט זי געקוקט אויף דער וואַנט און אויף די איבעריקע אַקעגנאיבערדיקע פענצטער און דערנאָך האָט זי פון אַ זייטיק קעשענקעלע אַרויסגענומען אַ קעמעלע, אויך אַזאַ זילבערנס ווי אירע האָר, און האָט זיך גענומען איבערקעמען די האָר, אַרויסקוקנדיק בשעת־מעשה אויף דער גאַס און אויפן גערדיכט געפלעקטן און באַשפּרינקלטן הודסאָן־טייך, וועלכן מען האָט פון איר פענצטער יאָ געקענט זען.

דער אַלטער מרדכי איז געלעגן אויף זיין בעט מיט אָפענע אויגן. ער האָט מיט אַלע חושים זיך איינגעהערט אין דער טויטער שטילקייט, וואָס האָט געהערשט אין דער וווינונג; ער האָט ווייטיקלעך־פּילבאַר אויפגע־כאַפּט דעם אומקלאָרן טומל פון די אויטאָס דאָרטן אונטן אין גאָס און דעם געפלעכט פון די סירענעס און באַסאָווע הודעניש, וועלכע האָבן זיך כמעט יעדע רגע דערטראָגן פונעם אומרואיקן טייך. אויך זיין האַרץ האָט אומרואיק זיך געוואָרפן אין אים. ער האָט געזוכט אַן ענטפער אויף דער דאָזיקער רעטעניש און האָט בשום אופן נישט געקענט געפינען. זאָל דאָס זיין פון דער סצענע ביי יענעם פאַרפאַלק מיט די „פליענדיקע טעלער"? ווייס איך וואָס, אַ דאגה אים: צי זיי קושן זיך, צי זיי בייסן זיך. שלאָגן זיי זיך קאָפּ אין דער וואַנט, וואָס גייט עס אים אָן? וואָס דען זאָל דאָס זיין — די נייטאָרין? וואָס זשע איז דאָ פאַראַן אַזוינס? און אַזוי הייסט עס, ווייסט ער נישט, אַז עס זענען דאָ נייטאָרינס אויף דער וועלט און אַלע זיצן זיי איינגעבויגן אין דרייען, אַז זיי ברעכן זיך שיער נישט איבער די רוקנס? וואָס איז דאָ דער חידוש און וואָס האָט עס צו אויפשטורעמען זיין

אזוי אויך ביטער געמיט? וואָס דען, די אַלטע מיט די אייניקלעך? וואָס אַלטע? ווער אייניקלעך? וואָס געהערן זיי אים אָן? וואָס איז אים די נפקא-מינה, צי אירע האָר זענען ווי זילבער, צי ווי גאָלד, צי ווי גראָז? פאַר וואָס ליגט ער איצט ווי אַ נבלה און גייט נישט לערנען זיין שיעור-קבוע?

פאַר נאַכט, ווען אַלע אַרום טיש האָבן זיך אויסגעזעצט צום סאַפּער האָט אים נח געזאָגט:

— טאַטע, דו ביסט עפּעס היינט בלייכער ווי אַלע מאָל. דו פילסט זיך חלילה עפּעס נישט מיט אַלעמען? מיר מעגסטו דאָך אויסזאָגן —

מרדכי האָט אַ קוועטש געטון מיט די אַקסלען:

— וואָס פיל איך זיך? גאָרנישט פיל איך זיך נישט. עס פעלט מיר עפּעס ביי דיר? סיידן קדחת —

— אָבער שווער, — האָט זיך שוין דאָס מאָל אָנגערופן די שנור — איר זענט באמת בלאַס, ווי פון אַ טשאַד, אָדער פון אַ דערשרעק. איך האַלט, אַזביידע זאַכן האָבן מיט אייך נישט געקענט טרעפן. אפשר באמת טוט אייך עפּעס וויי, טאַ זאָגט, שעמט זיך נישט, נאָאַ איז דאָך גערעכט, — ווער איז אייך נאָך נעענטער פון אונדז?

דער אַלטער מרדכי, — כאָטש ער האָט גוט געפילט, אַז די קינדער זיינע האָבן זייערע חששות נישט אויסגעזויגן פונעם פינגער — האָט זיך שוין רעכט געבייזערט אויף זיי:

— וואָס האָט איר זיך אָנגעזעצט אויף מיר מיט אייער וויי-שמיי? וואָס טוט מיר וויי? מיינע עטלעכע און זיבעציק יאָר טוען מיר וויי! מיינע פאַרברענטע ווייב און קינדער טוען מיר וויי, מער קיין זאַך נישט —

אָבער שלאָפן האָט ער אויך נישט געקענט —

דער איינגעגעסענער טייך הינטער דער שטוב האָט גערעוועט און געזיפצט, ווי אַ סטאַדע פאַרוווּנדעטע חיות; ער האָט געפּליעסקעט און געכליופּעט און געפּאַטשט אין די גראַניטענע ווענט מיט אַזאַ בלעכענעם געבריאַזג, אַז מען האָט געקענט דערהערן אין צווייטן עק וועלט אַריין. און אָט דער גאַנצער האַרמידער איז געהאַנגען איבער מרדכי'ס בעט, ווי אַ פאַרכמאַרעטער הימל, וואָס האַלט אין איין דונערן און אין איין בליצן.

אין דער פרי, קאַיאָר, ווען דער אַלטער מרדכי האָט זיך אויפגעהויבן פונעם געלעגער, איז ער געווען דורכגעווייקט פון שוויים; ער איז פון די ביינאַכטיקע קאָשמאַרן געווען אויף דורך און דורך פּיטש-נאַס, ווי ער וואָלט נאָר וואָס אַרויס פון דער מקוה.

אַליין נישט וויסנדיק, צו וואָס ער טוט דאָס, האָט ער זאָגנדיק מודה־אני געכאַפּט אַ קוק אין זיין פענצטער, צי דער „זילבערנער קאָפּ" איז שוין דאָ אין איר פענצטער. דאָס פענצטער אירס איז אָבער געווען פאַרמאַכט און פאַרהאַנגען, ווי פיל אַנדערע פענצטער אין דעם זעלבן הויז און אין אַנדערע הייזער אין אַזאַ משונה־פריער שעה. אַן אַנטוישטער און אַ פאַר־שעמטער פאַר זיך אַליין האָט ער זיך בשתיקה אָפּגערוקט פונעם פענצטער, ווי איינער, וואָס מאַכט די פליטה פון אַן אָרט, וווּ ער האָט ערשט אָפּגעטון אַ גרויסן, גרויסן שטות.

אַליין נישט וויסנדיק, אַז ער טוט עס, האָט ער אַלע פערטל שעה בודק געווען דאָס פענצטער:

— נישטאָ נאָך? נאָך נישטאָ? ווי לאַנג שלאָפט מען עס?

זייגער צען האָט ער זי ענדלעך געפּאַקט! און ס'איז מיט ניסים, וואָס ער האָט זי גאָר באַמערקט. זי איז דאָס מאָל נישט געזעסן ביי דעם פענצטער, ווו מרדכי האָט זי געהאַלטן אין איין אַרומזוכן, נאָר ווייטער מיט דריי פענצטער, אויף אַ קליין באַלקאָנטשיקל און האָט עפּעס געשיילט, אָדער געקליבן אין אַ טעפּל אַריין. איצט האָט ער זי שוין געזען אין איר גאַנצער לענג, נישט נאָר איר זילבערנעם קאָפּ האָר. זיין אומרו־איקייט איז געוואַקסן פון רגע צו רגע. יעדע תנועה אירע, יעדער בויג, וואָס זי האָט זיך געגעבן, יעדער נויג, וואָס זי האָט זיך געטון, האָט אים דערמאָנט אין עמעצן פון דער אַמאָליקער וועלט; אין יענער וועלט, וואָס האָט עקזיסטירט צוריק מיט פיל פיל גלגולים. זי, זעט ער, האָט מפסיק געווען איר אַרבעט, — זיך אודאי איינגעמידט — און קוקט זיך אַרום. אָט קוקט זי גלייך אויף אים, עין בעין, אָבער גלייך בלאָנדזשעט איר בליק ווייטער, אויפן גאַנצן אַרום...

מרדכי שטייט אין רבינו־תמ'ס תפילין און וויסט אַליין נישט, אויף וואָס פאַר אַ וועלט ער געפינט זיך. אמת, ער קען נישט שווערן, אָבער ער פילט, אַז ס'איז „זי", זיין ערשטע „זי".

— סטייטש, — פרעגט ער זיך אַליין, — ווי קומט זי אַהער? צווישן אַזוי פיל צענדליקער מיליאָנען מענטשן איז גראַד דאָרף פייגל ווינען קעגן דיר, אַ טיר קעגן אַ טיר, אַ פענצטער קעגן אַ פענצטער? ווי נעמט עס אַ ייד, אַ בר־דעת און גלייבט אין אַזאַ כישוף, אין אַזעלכע מעשה־ניסים?

— און פאַר וואָס, זאָג מיר, קען דאָס עפּעס נישט זיין? — ענטפערט ער זיך אַליין — זי איז דאָך דאַמאָלסט פאַרשלעפּט געוואָרן קיין ניו־יאָרק און ער אַליין איז דאָך איצט אויך אין ניו־יאָרק — נישט אין קליוולאַנד, נישט אין פילאַדעלפיע, נאָר אין ניו־יאָרק! אין ניו־יאָרק!! אין איר שטאָט!!!

ער כאַפּט ווידער אַ קוק אויף איר באַלקאָנטשיקל, — זי זיצט זיך ביי איר אַרבעט, גלייך ווי נישט זי מיינט מען. פונעם לעצטן קוק ווערט ער גאָר אויסער זיך: ס'איז זי! איצט מעג ער שוין דאַכט זיך שווערן, אַז ס'איז זי, פייגל! ער דערפילט, אַז עס ציטערן ביי אים הענט און פיס, אָבער איצט קען עס שוין אַזוי נישט בלייבן! ער מוז די זאַך אַרויספירן „אויפן ריינעם וואַסער"!

מיט נישט־זעענדיקע אויגן האָט ער צונויפגעלייגט דעם טלית און תפילין און האָט אָנגעהויבן זוכן איבער די שופלאָדן עפּעס אַ חפץ אַזאַ, וואָס ער האָט איצט געדאַרפט האָבן נייטיק ווי אין לעבן.

לאַנג, זייער לאַנג, ווי אויף צו להכעיס — האָט ער דאָס מאָל געזוכט דעם דאָזיקן האַלב־מיליטערישן חפץ. די קינדער האָבן אים דווקא ערשט נישט לאַנג געהאַלטן. ווען זיי זענען דאָס לעצטע מאָל געקומען פונעם טעאַטער, האָט ער אַליין געזען, ווי זיי האָבן אים אַריינגעלייגט ערגעץ אין אַ שופלאָד און פונקט ווען מען דאַרף אים — איז אַזוי ווי ער וואָלט איינ־געזונקען געוואָרן אין דער ערד אַריין! כאַטש צעריים זיך —

ווען דער אַלטער מרדכי איז ווי אַ יונג בחורל צוגעלאָפן צום אָפענעם פענצטער מיטן בינאָקל אין די הענט איז יענץ גאַניקל שוין געווען פוסט און ליידיק: נישט דער זילבערנער קאָפּ, נישט דאָס טעפּל אירס און אפילו נישט דאָס בענקל, — קיין סימן נישט פון גאָרנישט.

ס'איז שוין לאַנג צייט געווען איבערצובייסן. דאָס האַרץ האָט אים שוין רעכט אונטערגעקלעמט, אָבער ער וועט שוין דאָס מאָל נישט זיין אַזאַ שוטה און איבערלאָזן זיין פּאָזיציע. אָ, ניין! אָט דאָ וועט ער זיצן, ביז ער וועט זי נעמען אויף דער „מושקע" און: אָדער — אָדער...

ווי אַ בין וואָלט זיך ביי איר געשטעלט אויף דער נאָז, אַזוי האָט פלוצלינג פייגל דערפילט, אַז עמעצער קוקט פון ערגעץ אויף איר. זי האָט צוגעמאַכט דאָס ביכל און האָט אויפמערקזאַם זיך גענומען אַרומקוקן אויף אַלע זייטן. זי האָט שוין דאַכט זיך איבערגעטאַפּט יעדעס פנים, וואָס מען זעט נאָר אַרויס פון איר פענצטער־קוואַדראַט און זי קען נישט פאַרשטיין פון וואַנען מען קוקט אויף איר, אָבער אַז מען קוקט פון ערגעץ — דאָס איז ביי איר קיין ספק נישט געווען! ווען נישט — פאַר וואָס דען פלאַמט ביי איר דאָס גאַנצע פנים, ווי זי וואָלט איצט געשיבט מצות?

ערשט ווען זי האָט נאָך אַ מאָל און נאָך אַ מאָל בודק געווען דעם גאַנצן חלל אַרום איר פענצטער, ווו זי איז געזעסן און האָט געלייענט,

האָט זיך איר געגומען דאַכטן, אַז פון יענעם פענצטער, ווו נעכטן איז געשטאַנען אַ ייד מיט אַ באָרד, קוקן אויף איר אַ פּאָר קליינע אייגעלעך, וואָס קענען נישט זיין עפּעס אַנדערש, נאָר פענצטערלעך פון אַ בינאָקל. זי האָט נאָך נישט באַוויזן צו באַפעסטיקן זיך אין איר חשד, ווי די „אייגע־לעך" זענען אַוועקגענומען געוואָרן און פון הינטער זיי האָט זיך ווידער באַוויזן דאָס בלאַסע פּנים פונעם זיידן מיט דער באָרד. אויף אַ רגע האָט זי זיך פאַרלוירן: וואָס האָט עמעצער צו קוקן אויף איר דורך בינאָקלען גאָר? מיט איין רגע שפּעטער האָט אָבער גובר געווען די נייגעריקייט:

— ווער קען דאָס זיין אַזעלכער וואָס ער קוקט אויף איר אַזוי עקשנותדיק און וואָס אַזעלכעס זעט ער אויף איר?

און זי איז אַוועק איבער די צימערן אויפזוכן זייער אייגן בינאָקל, אויב דאָס קליינוואַרג האָט אים נאָר נישט מיטגענומען מיט זיך אויפן מעטש, אָדער אין מואווי —

און דאָ האָט די ברייטע רוישיקע גאַס פּשוט נישט געהאַט דעם זכות צו באַמערקן ממש ביי זיך אונטער דער נאָז אַ זעלטענע סצענע: אויף צוויי באַלקאָנען, איינער קעגנאיבער דעם צווייטן, זענען געשטאַנען צוויי אַלטע לייט, ביידע זענען זיי געווען באַוואָפנט מיט וויט־זעענדיקע בינאָקלען, ווי די פעלדמאַרשאַלן און איינער נאָכן צווייטן האָבן זיי זיך פון דער ווייטנס געגנוי באַטראַכט. האָט ער געהאַלטן דאָס „קוקערל" ביי די אויגן, איז זי געשטאַנען און האָט געוואַרט, האָט ער נאָר באַוויזן צוצונעמען דעם שוואַרצן פלעק פון זיינע אויגן, אַזוי האָט זי אים שוין „געהאַט אויף דער מושקע".

אָט דער שטומער דועל האָט זיך געענדיקט דערמיט, וואָס פייגל האָט באַשלאָסן, אַז דער אַלטער, פון נישט האָבן וואָס צו טון, באַלעוועט ער זיך פּשוט. עס פאַרשטייט זיך, אַז זי וואָלט געקענט וועגן אָט דעם וויסטן קוקעניש אָנקלינגען אויף דער פּאָליציי, נאָר צו וואָס טויג איר צו פאַר־קאָכן אַ קאַשע? ווער ווייסט, מיט וועמען זי הייבט דאָ אָן אַ געשעפט? אפשר איז דאָס אַ געוועזענער קאַטאָרזשניק, וואָס קען דערנאָך אָפּצאָלן אַ קינד אירן מיט אַ מעסער אין רוקן, אַמער וועט זי אַ פּאָר טעג אויסמיידן דאָס פענצטער מיטן באַלקאָן, וועט ער זיך במילא אָפּטשעפּען פון איר נשמה. און מרדכי — דער אַמאָליקער מאָטל — האָט אַוועקגעלייגט דאָס בינאָקל אין שופלאָד מיט דער זיכערקייט, אַז ער מאַכט נישט קיין טעות — ס'איז זי, פייגל! אמת, ס'איז זי כמעט אוממעגלעך צו דערקענען, ס'איז גאָרנישט דער זעלבער מענטש, אָבער ער האָט זי יאָ דערקענט, נאָך

איידער ער האָט אפילו געוווסט: ווּעמען ער דערקענט עס דאָ. ווי אַזוי שטייט דאָרט ביי חנניה, מישאל ועזריה: „חרדה גדולה נפלה עליהם", פרעגן די חז"ל: ווי באַלד זיי האָבן גאָרנישט געזען, היינט פאַר וואָס האָבן זיי זיך געהאַט צו שרעקן? איז דער תירוץ: „איהי לא חזי, אבל מזלייהו חזי"... דעסט גלייכן ביי אים: זיין חלק אלה ממעל האָט זי דערקענט! צופיל איז זי אים געווען איינגעבאַקן אין הארצן, אַז ער זאָל זי נישט דער־קענען. און אפילו אין צען טויזנט יאָר אַרום וואָלט ער זי נאָך אויך דערקענט, איבעריקנס — מאָרגן וועט ער זי טשאַטעווען פון הינטער אַ לאָדן, דאַן וועט ער זי קענען זען אומגעשטערט און ענדגילטיק פעסטשטעלן, צי ער לעבט אין טעות, צי ד' אנה לידו —

אָבער נישט מאָרגן און נישט אויפן צווייטן מאָרגן און אויך נישט אויפן דריטן האָט זיך דער „זילבערנער קאָפּ" נישט באַוויזן. מרדכי איז געווען אוים מענטש. ער האָט שוין אפילו נישט געקלערט נאָכצופאָרשן מיטן בינאָקל צי זי איז טאַקע זי, אַלע זיינע רמ"ח אברים האָבן שוין געשריגן אין אים מיט קולי־קולות:

— ס'איז זי! ס'איז זי! ס'איז פייגל, דיין פייגל! אָבער ווו איז זי? וווהין האָט זי זיך אַהינגעטון? וואָס איז מיט איר געשען?

דער אַלטער האָט זיך שטאַרק אַראָפּגערוקט פונעם פּנים. ער האָט נישט געגעסן, נישט געטרונקען. ער איז אויך כמעט נישט געשלאָפן. פון באַגינען ביז אין דער זינקענדיקער נאַכט איז ער נישט אָפּגעטראָטן פונעם פענצטער, אָבער — אומזיסט, דאָס געגאַרטע געשטאַלט האָט זיך שוין מער קיין איין מאָל נישט באַוויזן. די צוויי מיידעלעך דווקא יאָ און בפירוש עטלעכע מאָל אין טאָג: אַ מאָל ביים פענצטער און אַ מאָל אויפן באַלקאָן, אָבער יענע נישט! איין מאָל ניין! מרדכי האָט מיט פיבערדיקע אויגן דורכן בינאָקל שטודירט די קינדערס פּנימלעך, געוואָלט אַראָפּלייענען פון זייערע צורה'לעך, צי ס'איז ביי זיי אין שטוב חלילה נישט געשען קיין אומגליק, צי מיט זייער באָבען האָט עפּעס נישט פּאַסירט קיין שלעכטס, אָבער פון זייערע קינדערשע פיזיאָגנאָמיעס איז ער נישט קלוגער געוואָרן אפילו אויף קיין איין גראַם. — וואָס דען, ער האָט עס דען פריער נישט געוווסט? אויף זייערע נאַרישע „טשאַלנטברעטלעך" וועסטו אַ מאָל עפּעס איבער־לייענען? ווּיים איך וואָס, קינדער בלייבן קינדער!

נישט אָנפרעגנדיק זיך ביים פאָטער האָט נח אַרויסגערופן אַ דאָקטער. דער דאָקטער, אויך אַ ייד, האָט מרדכי'ן — נישט קוקנדיק אויף זיינע ענערגישע פּראָטעסטן — באַטראַכט און אונטערזוכט פון קאָפּ ביז פיס און האָט צענומען די הענט:

— איך געפין נישט גאָרנישט אַזעלכעס... בלויז גייסטיקע מידקייט, נערוועזיטעט... ער דאַרף וואָס ווייניקער טראַכטן! וואָס ווייניקער ווערן ווייסן!

און האָט אפילו צוגעגעבן מיט אַ שמייכל, אַ קלאַפּ טוענדיק דערביי דעם חולה אין פּלייצע:

— ...ווי אַזוי שטייט דאָרט ביי אונדז אין די ספרים? יוסיף דעת, יוסיף מכאוב! ווילט איר נישט האָבן קיין ווייטיקן, — שטויסט אָפּ די געדאַנקען וועגן דער פאַרגאַנגענהייט און פאַרשטעקט אייך די אויערן מיט וואַטע, אויף נישט צו הערן וואָס עס טוט זיך היינט, דאַן וועט איר זיין אָפּגעהיט פון ווייטיקן —

און אָנטוענדיק דעם מאַנטל אין קאָרידאָר, צו נח'ן מיט זיין פרוי, וועלכע האָבן אים אַרויסבאַגלייט און געוואָלט ביי אים געוווּיר ווערן דאָס רעכטע-געדעכטע:

— וואָס ווילט איר, מיינע ליבע? אַ מענטש איבער די זיבעציק, וואָלט איר געוואָלט זאָל זיך אפשר גיין באָקסן? ווער שמועסט נאָך, אַז דאָס איז אַ מענטש, וואָס האָט אויף זיינע קראַנקעביינער איבערגעטראָגן אַלע יסורי-גיהינום פון היטלערס גרויסאַרטיקן רעפּערטואַר...

און דווקא ווייל דער דאָקטער האָט מרדכי'ן גערעטן נישט צו טראַכטן און נישט צו ווערן ווייסן: מה לפנים, מה לאחור, האָט ער, דער חולה אַליין, באַשלאָסן פאַר יעדן פּרייז געוווּיר צו ווערן, צי איז ער פּשוט פאַרפירט געוואָרן פון אַ דמיון, צי ער איז אויף אַ ריכטיקן שפּור.

ביז נאָך מיטאָג איז ער נישט אָפּגעטראָטן פונעם פענצטער — אין קול ואין עונה! ווי עס וואָלט גאָר קיין מאָל קיין „זילבערנער קאָפּ" אויף דער וועלט נישט געווען. שפּעט נאָך מיטאָג איז געקומען די פרוי, וואָס רוימט אויף אין שטוב. דאָס איז געווען אַן אַלטע שווייצאַרישע פרוי, וואָס האָט געהאָרעוועט מיטן זיבעטן שווייס אויף צו מפרנס זיין איר בלינדן מאַן. מרדכי'ן איז זייער לייכט געווען זיך מיט איר צו פאַרשטענדיקן — זי האָט גערעדט דייטש. האָט ער זי צוגערופן און האָט צו איר אַזוי געזאָגט:

— דו זעסט אָט די פינף דאָלאַר? וועלן זיי באַלד זיין דיינע, אויב דו גיסט מיר דיין ערנוואָרט, אַז אַלץ וואָס איך גיי דיר פאַרטרויען וועט בלייבן ביי דיר אין האַרצן ווי אין אַ קבר! אפילו מיין אייגענער זון טאָר אויך נישט געוווּיר ווערן וועגן דעם, אָבער גאָר—ניקס!

האָט זי אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ:

— איינפאַרשטאַנדן, מיין הער, עס וועט בלייבן אין געהיים —

און זי האָט מיט פיבערנדיקע פינגער באַהאַלטן דעם פינף־דאָלאַר־שטיק.

דאַן האָט ער זי צוגעפירט צום אָפענעם פענצטער און האָט איר אָנגעוויזן אויפן קעגנאיבערדיקן הויז:

— דו זעסט יענץ הויז? דו זעסט יענץ גאַניקל?

און אַז ער האָט זיך איבערצייגט, אַז זי ווייסט שוין אויף וועלכן באַלקאָן ער ווייזט איר אָן, האָט ער איר באַפוילן:

— העלף מיר איבערציילן: אויף וועלכן שטאָק געפינט זיך עס —

האָבן זיי ביידע געציילט אפשר זיבן מאָל, און ס'האָט ביי זיי געשטימט דער חשבון — עלפטער שטאָק!

— און איצט — האָט מרדכי וויטער קאָמאַנדעוועט — גיי צו אין יענעם הויז און ווער געוויר — אָבער גענוי און דייטלעך! — ווער וווינט אויפן עלפטן שטאָק. אויב עס וווינען דאָרטן עטלעכע שכנים — איז אַלעמענס פאַמיליע־נעמען! פאַרשטאַנען? נעם מיט אַ פעדער מיט פאַפיר, דאָ האָסטו עס! קענסט גיין —

אין איר קורצן צעטעלע, וואָס זי האָט מיט זיך מיטגעבראַכט פון איר שליחות, איז געשטאַנען: דריי פאַמיליעס באַוווינען דעם עלפטן שטאָק: נאָרטאָן, סמיט און קאָסאָי...

ביי דעם דאָזיקן דריטן נאָמען איז דער אַלטער מרדכי לכתחילה געוואָרן אַזוי רויט, אַזוי אָנגעצונדן־רויט, ווי מען וואָלט אים דאָ געפּאַקט ביי דער האַנט מיט אַ גנבה. גלייך אָבער, טאַקע ממש כהרף עין, איז ער געוואָרן אַזוי טויט־בלאַס, אַז די אַלטע, איבערגעגעבענע לואיזאַ האָט זיך אַ וואָרף געטון צום שפּייז־אַלמער, אויפגעזוכט אַ פלאַש עסיק און האָט אינטענסיוו זיך גענומען אים אויסרייבן מיט עסיק די שלייפן, די הענט און דעם דורך איר טאַקע אַנטבלויזטן ברוסטקאַסטן. ווען ער איז ענדלעך געקומען צו זיך און די שוואַכע פאַרב פון אַ שפּעטן בין־השמשות האָט ווידער אָנגעהויבן צו שפּילן אויף זיינע איינגעפאַלענע באַקן, האָט די דינסט אים שטאַמלענדיק געפרעגט:

— מיט וואָס קען איך נאָך נוצלעך זיין דעם הער מאַרקוס?

דער אָפּגעמינטערטער האָט שוואַך אַרויסגעמורמלט:

— מיט גאַר—ניקס, לואיז. פאַרלויפיק ברויך איך נישט זאָגאַר קיין מינדסטע זאַך. ביסט פריי.

די דינסט האָט זיך לאַנג געפּאָרקעט אין די צימערן און דער אַלטער איז אַן אויסגעשעפּטער געלעגן אויף זיין בעט אויסגעצויגן ווי אַ בר־מינן און מיט אַ פּנים פון אַ בר־מינן און נאָר זיינע שלאַבעריקע נאָזלעפלעך האָבן זיך קוים־קוים באַוועגט. דאָס איז טאַקע געווען דער איינציקער סימן, אַז אין אָט דער חרובער געביידע טליעט נאָך אַ לעבן. ווען לואיזאַ איז פאַרטיק געוואָרן מיט איר שטוב־אַרבעט, האָט זי זיך אויף די שפּיץ פינגער דערנענטערט צום אומבאַוועגלעכן אַלטיטשקן און האָט זייער שטיל, — כדי אים נישט אויפצוועקן, אויב ער איז אַנטדרימלט געוואָרן — געפרעגט:

— מער קיין באַפעלן וועלן הויטע נישט זיין, מיין הער?

מרדכי האָט מיט אויסגעשטרעקטע צוויי פינגער זי אָפּגעשטעלט:

— וואַרט!

און אַליין איז ער געבליבן ליגן אין דער פריערדיקער פאַרגליווערטער פּאָזע. משמעות, — האָט לואיזאַ פאַרשטאַנען — אַז דער מיסטער מאַרקוס מוז נאָך איצט דערטראַכטן עפּעס אַ גרויסן רעיון. אין אמת אָבער איז ביים אַלטן אין מח געווען פּוסט און ליידיק און אומהיימלעך־שטיל, ווי אין אַן עלנטן טויבנשלאַק, וואָס די פייגל־משפּחה האָט אים פאַרלאָזט אויף אייביק. עס האָט לאַנג געדויערט ביז ער האָט אין זיין שווערער פאַר־געסעניש זיך דאָך דערמאָנט, אַז לעבן אים שטייט אַ לעבעדיקער מענטש און וואַרט אויף זיין באַפעל. ער האָט אויפגעעפנט די אויגן און האָט אַ היפשע ווײַלע׳שטאַר געקוקט אויף דער דינסט, ענדלעך האָט ער מיט אַ פרעמד קול אַרויסגעכריפּעט:

— האַ —

און דאַ ערשט האָט ער זיך באַמיט זיך צו דערמאָנען, אויף וואָס האָט ער זי געדאַרפט. ענדלעך האָט ער איר פאַרט געזאָגט:

— זיי אַזוי פיל גוט לואיזאַ, גיי זיך דורך צוריק אין יענעם הויז און ווער געוויר ביים פאָרטער, פון ווען ביז ווען איז דער אַלטער הער קאַסאַי פאַרנומען ביי די ביזנעס און די גרויע פרוי קאַסאַי איז אַליין אין שטוב... גיי און טאָמער מאַכט זיך אַזוי, אַז זיך אומקערנדיק טרעפסטו שוין אין שטוב עמעצן פון די קינדער, אפילו פון דעם קליינוואַרג, זאָלסטו זיך היטן מיט אַ וואָרט! קיין איין פּיפּס נישט! קענסט גיין — דער ענטפער וואָס זי האָט געבראַכט איז געווען:

— ס׳איז דאָרט נישטאָ קיין אַלטער הער קאַסאַי. די אַלטע מיסיס קאַסאַי לעבט ביי איר זון. האָט דער הער נאָך עטוואָס צו באַפעלן?

די אַלע ידיעות פון דעם לעצטן טאָג האָבן זיך אַנגעוואַלגערט אויף דעם קראַנקן אַלטיטשקן אומברחמנותדיק. מיט איין מאָל איז דאָס פּאָר אים געווען אַ ביסל צו פיל. ער האָט געמאַכט איבער זיך אַ גרויסע אָנשטרענגונג אויף צו ענטפערן דער דינסט:

— ניין לואיז, אויף היינט וועט שוין קיינע פּאַראַדעגונג נישט זיין. קענסט גיין —

אָבער ווען זי האָט אין קאָרידאָר שוין געהאַלטן די קליאַמקע פון דער טיר, האָט ער פון דאָס ניי אָנגעקלונגען נאָך איר:

— לואיז, מאָרגן אין דער פרי, ווען אַלע צעגיין זיך פון דער שטוב — דו ווייסט דאָך מסתם ווען אַלע גיין אַוועק? — קום ווידער צו גיין... דו וועסט באַקומען פאַר דער טרחה פרישע פינף דאָלאַר —

אין מרדכי'ס צעטעלע, וועלכעס ער האָט אויף צו מאָרגנס שוין געהאַט צוגעגרייט צו לואיזאַס קומען און וועלכעס זי האָט געדאַרפט אָפּגעבן מיד ליד דער אַלטער פרוי קאָסאָי, איז געשטאַנען בזה הלשון:

„פייגל!

איך, מאָטל, ווין דאָ אין דעם גרויסן הויז, וואָס שטייט קעגנאיבער אייערן. איך בעט דיך מיר באַשטימען אַ פּלאַץ און אַ צייט ווען איך וואָלט דיך געקענט זען פנים אל פנים און זיך מיט דיר דורכרעדן אונטער פיר אויגן —

מאָטל"

לואיזאַ איז געקומען מיט אַן ענטפער, אַז די מיסיס קאָסאָי האָט איר געהייסן קומען נאָך ענטפער ערשט שפּעט נאָך מיטאָג.

ווי אַ צוגעשמידטער איז דער אַלטער מרדכי יענעם טאָג געזעסן ביים פענצטער און האָט נישט אַראָפּגענומען די אויגן פון דער פרוי, וואָס איז געזעסן אויף איר באַלקאָנטשיק פון דעם קעגנאיבערדיקן הויז. אויך פייגל, מיט אַ פנים וואָס איז געווען כמעט אַזוי ווייס און דורכזיכטיק, ווי די האָר אירע, איז געזעסן אויף איר שטענדיקן פּלאַץ, — דאָס מאָל דווקא אָן אַ קיכטעפּל און אָן אַ ביכל — און האָט אויך נישט אַראָפּגענומען די אויגן פון דעם יידן אין דער קאַפּאָטע, וועלכער איז געזעסן דאָרט אַקעגן און האָט אויך אומאויפהערלעך געקוקט אויף איר. ביידע האָבן זיי שוין איצט נישט באַנוצט קיין בינאָקלען — ווען דער נעפּל צעגייט, הייבט מען אָן צו דערקענען זאַכן אויך אָן אַ בינאָקל —

אונטן אין גאַס האָט זיך ווי שטענדיק געררוישט און געטומלט. די

הונדערטער פּערזאָנען-אויטאָס און לאַסט-אויטאָס האָבן זיך געקייטלט און געפּלאָנטערט און, עס האָט זיך געקענט דאַכטן, אַז זיי זענען אַרויפגעקראָכן איינע אויף דער אַנדערער, אַזוי ווי די נאַרישע קעלבער, אַז מען צעעפנט פאַר זיי די טיר פון דער שטאַל; די הונדערטער שכנים אין די פענצטער פון ביידע ריזיקע מויערן האָבן זיך מעטאָדיש פאַרנומען מיט זייער טאָג-טעג־לעכער עבודה; דער איינגעגעסענער הודסאָן-טייך אויף יענער זייט פון דער גאַס, האָט ווי אַלע מאָל געווירבלט מיט גרעסערע שיפן און מיט קלענערע שיפן, וועלכע האָבן בקולי-קולות געהאַלטן אין איין שרייען לארבע פנות העולם, אַז: „זיי גייען, זיי זענען שוין דאָ". אָבער אויבן אויף די שטאָקן: מרדכי ביי זיין פענצטער און פייגל אויף איר באַלקאָן האָבן איצט גאָרנישט נישט געזען און גאָרנישט נישט געהערט. זיי האָבן דורכדרינגענדיק געקוקט איינער אויפן צווייטן און דאָס איבעריקע — זיך אַליין אין די נשמות אַריין...

דאָס איז געווען אַ קוקעניש, וואָס האָט געהאַט די לענג פון פיינלעך־צעצויגענע פופציק יאָר —

אין דעם ענטפער פון דער מימים קאַסאַי, וועלכן זי האָט צוגעשיקט מיט לואיזאַן זענען בסך-הכל געווען צוויי מאָגערע שורה'לעך:

„מאָטל!

קום צו גיין אין דעם און דעם גאָרטן אויף דער און דער אַלייע אין דער און דער צייט. דאָרט וועל איך וואַרטן אויף דיר.

פייגל"

— —

עס איז פאַריבער אַ חודש צייט —

טאָג-טעגלעך צו דער באַשטימטער שעה פלעגט מאָטל אַרויסגיין פון זיין פּאַראַדנע און פייגל פון אירער און זיי פלעגן ביידע אַוועקשפּאַצירן אין „זייער" גאָרטן אַריין, דאָרט פלעגן זיי פאַרגייען אין „זייער" אַלייע און זיך אַוועקזעצן אויף „זייער" באַנק. זעלטן ווען ביי אַ יונג פּאָרפאָלק געפינען זיך אַזוי פיל רייד, ווי ביי אָט דעם אַלטן אכזריותדיק-צעריסענעם פּאָרפאָלק. אייגנטלעך האָט כמעט נאָר מאָטל געהאַט וואָס צו רעדן און וואָס צו דערציילן. פייגל קאַסאַי, פון אירע פופציק יאָר לעבן, האָט — לויט ווי זי האָט פיל מאָל פאַרזיכערט איר יוגנט-פריינד — נישט געהאַט: נישט וואָס צו רעדן און נישט וואָס צו דערציילן. אַלץ וואָס זי האָט געהאַט איבערצוגעבן איר יוגנט-פריינד און בכלל — דאָס וואָס לאָזט זיך נאָר

איבערגעבן מיט ווערטער, האָט זי דאָס געטון גלייך אין ערשטן טאָג פון זייער באַגעגעניש —

און געזאָגט האָט זי אים אין יענעם טאָג אָט וואָס:

— וואָס זאָל איך דיר דערציילן פון זיך, מאַטל? גלייב מיר, אַז ס'איז באמת גאָר נישטאָ וואָס צו דערציילן. אָבער טאַקע גאָר גאָרנישט, ערנ־וואָרט. קיין סדר אין די געשעענישן זאָלסטו ביי מיר נישט זוכן, ביי מיר איז נישט געווען קיין סדר. אַלץ איז געטון געוואָרן אין אַ מישמאַש, ווי אין אַ לאַנגן־לאַנגן, פיינלעכן קאָשמאַר. דעריבער זאָלסטו זיך נישט וווּנ־דערן, וואָס איך וועל דיר אפשר דערציילן דאָס שפּעטערדיקע פאַרן פריער־דיקן און דאָס פריערדיקע נאָכן שפּעטערדיקן. אַזוי באַקומט זיך עס, ווען מען לעבט אָפּ אַזאַ זיס לעבן ווי איך, מיין פריינד, האָב דאָ אָפּגעלעבט. פון וואָס זשע זאָל איך פאָרט אָנהייבן? דער שווער לשלום, וועלוול קאָסאָי, עס זאָל אים דאָרט נאָר נישט גערעכנט ווערן, האָט מיך דאַמאָלסט געפירט מיט זיך, ווי מען פירט אַ געבונדענעם שעפּס אין שעכטהויז אַריין. סיי מיינע דאָקומענטן, סיי דאָס געלט, וואָס ער האָט מיר פריער לפנים געגעבן אין די הענט אַריין, אַלץ האָט ער געהאַלטן ביי זיך אין בוזעמטאַש. און דאָס האָט ער געטון, ווייל ער האָט שוין דאַן דערשמעקט מיט זיין הינטיש נעזל, אַז ווען איך האָב די דאָקומענטן מיט די פּאָר גראָשן ביי זיך אין די הענט, גיב איך אַ שפּיי אויף אים צוזאַמען מיט זיינע גליקן און מאַך „השיבנו נאַזאַד". דעריבער האָט ער מיך ביי ציימנס באַנעמען און האָט מיך געפירט אויפן שטריקל, ווי מען פירט אַ קעלבל אויף דער טאַרהאָוויצע. ער האָט מיך געבראַכט אין אָט דעם הויז, וואָס דו זעסט אַצינד און איך האָב זיך גלייך דערפילט, ווי אין אַ טורמע. זיין זונדעלע אהרון — אָדער הערריי, ווי מען האָט אים דאָ גערופן, איז נאָך געווען מער אויסוואָרף פון זיין פאָטער. דאָס וואָס זיין פאָטער פלעגט אַ מאָל טון באַהאַלטענערהייט, פלעגט ער, דער בונאַק, טון אומפאַרשעמט און אומ־באַהאַלטן. דאָס דאַזיקע שיינע פירעכטס, די שיינע פאַוואַדקעס זיינע האָבן אפילו נישט אויפגעהערט, ווען איך, זיין געזעצלעך ווייב, בין אָנגעקומען צו זיי אין הויז אַריין... וואָס זאָל איך דיר דערציילן האַרצפריינד מיינער, וואָס איך האָב דאַן, באַלד נאָך דער חתונה, געהאַט אויסצושטיין פון אָט דעם אַלטן שאַלטעק? דאָס לאָזט זיך נישט איבערגעבן מיט קיין ווערטער. דאָס איז געווען אַזאַ מיאוסע בריאה, מיינע רייד זאָלן אים נישט זיין צו שווער... כאָטש צוריקגערעדט — פאַר וואָס עפּעס זאָלן זיי אים נישט זיין צו שווער? דאָרט איז דאָך עפּעס דער עולם־האמת! וו דען שוין זאָל

מען זוכן גערעכטיקייט, אויב נישט דאָרטן? אודאי אַזוי! זאָל אים דאָרט נישט געשענקט ווערן מיין בלוטצאַפּעניש און מיין גרימעניש! איך געדענק נאָך פון דער היים אַט דאָס וואָרט: „מצוה לפרסם את החנפים" און ער איז דאָך טאַקע געווען פון די אמתדיקע חנפים, פון די הונדערט־פּראָצענ־טיקע! אָ, איז ער געווען אַ חונף! ווי דאָס האָט דיר געקענט אונטער־פאַלן מיט רייד, מיט חניפה'לעך, אפילו זיך לייגן אונטער די פיס, אַבי דו זאָלסט אַרויפטרעטן אויף אים... ווי ער פלעגט עס די ערשטע צייט נאָך דער חתונה צושטיין צו מיר!

— צוליב וואָס דען — האָט ער געטענה'ט, דער אַלטער שאַלטעק, מיט שוים אויף די ליפּן און מיט זנות אין די פאַרשייטע אויגן פון אַט דעם זקן מנאף, — צוליב וואָס דען האָב איך זיך געדאַרפט שלעפּן מיט דיר אַזש פון אויסרייסעניש? צוליב וואָס דען האָב איך געדאַרפט שיטן מיט געלט אויף יענע אַלע פּוסטע נאַרישקייטן, אויב נישט, אַז איך אַליין זאָל אויך האָבן אויף דער עלטער ביי וואָס זיך צו דערוואַרעמען די הענט? ווען נישט דאָס, האָב איך דען נישט געקענט באַקומען די זעלבע מציאה און נאָך אַ שענערע אויך דאָ? און דערצו נאָך פאַר האַלב געלט?

— געהערט דיבורים, האָ? אַזאַ אויסוואָרף! אַזאַ נמאס'ער בעל־עבירה־ניק! ער פלעגט זיך אויף מיר וואַרפן ווי אַ וואָלקולאַק, ווי אַ וואַמפּיר, ער פלעגט אויף טריט און שריט צושטיין צו מיר ווי אַ פּיאַווקע צו דעם אָדער.

איין מאָל האָב איך זיך אָנגענומען מיט מוט און אים געזאָגט דעם פאַרשיוויעץ, דעם מנוול:

— ווי אַזוי איז אייך גאָר קיין חרפה נישט רעדן אַזעלכע רייד צו אַן אשת־איש? צום אייגענעם זונס פרוי? עס פעלן אייך אוים, באַרישניעס אין שטאָט? דאַכט זיך טויזנט פאַר איינער!

— ווייסטו, וואָס אַט דער אַלטער בעל־עבירה'ניק האָט מיר געענט־פערט? דו וועסט זיך דאָס גאָר נישט גלייבן, אויף מיין וואָרט! און דו מיינסט כאָטש, אַז ער האָט, ברענגענדיק פאַרן מויל אַזעלכע נידעריקע דיבורים, אפילו אַ פּינטל געטון מיטן אויג, צי כאָטש רויט געוואָרן? ווער? וואָס? יענץ האָט שוין לאַנג פאַרלוירן די בושה פאַר גאָט און פאַר לייט! אַז איך האָב אים דאָס אַ פרעג געטון, רופט ער זיך אָן:

— ביסט אַ נאַריש גענדזעלע, מיין שיין פייגעלע. פע, — זאָגט ער מיט זיין טריפה'נעם פּיסקאַטש — פע, איך האָב פיינט באַרישניעס, איך האָב פיינט אַט די קוני־לעמל'דיקע בתולות, וואָס מיינען, אַז מיט זייער נאַרישער צניעות שפּאַרן זיי אונטער די גאַנצע וועלט. דערפאַר אָבער האָב

איך שרעקלעך ליב מאַדאַמעלעך, אָדער ווי דו רופסט זיי אַן אויף דיין קליינשטעטלדיקער שפּראַך — אשת-איש'עלעך. אַ פאַרשטאַנדיק מיידעלע, איין טאָג נאָך דער חופּה, רעדן שוין אירע אייגעלעך גאָר אַנדערע דיבורים. אירע אייגעלעך זאָגן שוין דאַמאָלסט:

— איצט בין איך דיינע! איצט בין איך אַלעמענס! איצט קען איך שוין אויפנעמען אפילו די גאַנצע וועלט, ווייל איצט האָב איך שוין מער נישט וואָס צו היטן און וואָס צו פאַרלירן... אָט אַזוי, אַז אירע אייגעלעך רעדן, האָט זי פאַרדינט, אַז מען זאָל איר אויסקושן אַלע גלידער, אַלע אירע זיסע ביינדעלעך...

— וואָס זאָגסטו מאָטל, האַ? האָסטו שוין אַ מאָל יאָ געהערט אַזעלכע פרעכע רייד? און נאָך פון אַזאַ אַלטער סטערווע? ימח שמו וזכרו! טפו, שקץ תשקצנו... איין מאָל — איך בין שוין דאַמאָלסט געווען אויף דער צייט — ווען ס'איז מיר שוין שטאַרק דערגאַנגען צום האַרצן, האָב איך אים געוואָרנט, אַז איך וועל וועגן זיינע פּאַסטעמקעלעך און וועגן זיינע אומפאַרשעמטע פאַרשלאָגן דערציילן דעם זון זיינעם. ערשט דאַן האָט ער ענדלעך אויפגעהערט צוצושטיין צו מיר. פאַר זיין יונגסטן קדיש האָט ער געציטערט אימת-מות נישט ערגער פון מיר אַליין... מילא בקיצור, צו וואָס זיך גריבלען אין אַלטע וווּנדן? איצט איז דאָך שוין אַלץ איינס. איך האָב דאַמאָלסט יאָ געוואָלט, צי נישט געוואָלט, ס'האָט ביי מיר קיינער נישט געפרעגט מיין הסכמה און איך האָב געמוזט חתונה האָבן פאַר אָט דעם הערריי'ן, יאָ געוואָלט, צי נישט געוואָלט, — מן הסתם גיכער נישט ווילנ־דיק! — האָב איך אים געבוירן קינדער, דריי זין. בלויז יינגלעך געווען. קיין איין מיידעלע נישט. קיין איין טאָכטער נישט, פאַר וועמען איך וואָלט געוווען געקענט זיך אויסרעדן דאָס ביטערניש פונעם האַרצן. דאַמאָלסט, ווען איך בין שוין געוואָרן, אַזוי צו זאָגן: די אמת'ע עקרת-הבית, האָב איך שוין אפשר יאָ געהאַט די מעגלעכקייט צו טראַכטן פון אַנטלויפן פון מיין פינצטערן גיהנום, אָבער דו ווייסט נישט? מה אנו, מה חיינו... וואָס בין איך און ווער בין איך? איך בין נישט מער ווי אַ שוואַכע פרוי... אַ דער־הרגעטע, אַ באַשפּיגענע... אַ צעטראָטענע, אַ צעטאָפּטשעטע און אַן אַרויס־געוואָרפענע אויפן מיסט פאַר די כלבים... פון וואַנען האָט זיך צו מיר גענומען דער מוט און די דרייסטקייט אויף אַזאַ געוואַגטן שריט? ס'איז דאָך עפּעס נישט קיין אַנטלויפן פון איין שטוב אין דער צווייטער, נאָר איבער ימים און מדבריות און דערצו מיט קליינע קינדער אויף די הענט, —אַ רעשטל צו די צרות... און צו וועמען לויפן? דו ביסט שוין דאַן

אויך געווען נישט דיינער... ווייסט נישט, אויף אַריין — זאָגט די וועלט — איז די טיר ברייט און אויף אַרויס איז זי שמאָל... אַזוי איז דאָס אַלע מאָל... בקיצור, — איך בין געבליבן, איך בין אין ערגעץ נישט געלאָפן... אין די ראָמאַנען, ווייס איך, לויפט מען און מען שפּרינגט איבער דעכער, אָבער אין לעבן ווערט דאָס געמאַכט אַ ביסל פּאַמעלעכער... איך בין אין ערגעץ נישט געלאָפן און בין געבליבן זיצן אין שטייגל, ווי אַ קוואָטשקע טאָרטשעט לעבן אירע הינדעלעך... יעדע איינע אויף מיין אָרט וואָלט מסתמא געווען געטון דאָס זעלביקע, כ'ווייס? און אפשר וואָלט אַ צווייטע אויף מיין אָרט געווען אַנטשלאָסענער און געוואַגטער פון מיר? אַלנפאַלס, — איך האָב אַזוי געטון...

זי האָט מיט אירע נאָך אַלץ וווּנדערבאַר־שיינע הענט אַ פּאָר געטון איבערן פּנים, ווי זי וואָלט פון דאָרטן אַ וואָלקן אָפּגעווישט און זי האָט שטיל ממשיך געווען:

— בין איך, הייסט עס, געבליבן היטן מיינע צעפּליאָנקעלעך... און די זין זענען בפירוש געווען פיינע קינדער. נישט געראָטן אין זייער פאָטער. איצט האָב איך שוין נאָר איינעם פון זיי. אָט דער, וואָס איך וווין מיט אים צוזאַמען. דער עלטערער, זייער אַ געראָטענער און אַ געבילדעטער, האָט זיך אַריינגענומען אַ משוגעת אין קאָפּ אַריין — קאָמוניזם! ווען אין שפּאַניע האָט זיך אָנגעהויבן די קריג מיט גענעראַל פראַנקאָ, איז ער בסוד פאַר אונדז אַוועק קיין פּאַריז און פון דאָרט קיין שפּאַניע און דאָרט איז ער אומגעקומען. בסך־הכל צוויי בריוו געהאַט פון אים: איינעם פון פּאַריז און איינעם פון באַרסעלאָנאַ און דערנאָך שוין אַן אָפיציעל בריוועלע פון זייער שטאַב, אַז ער איז אומגעקומען ווי אַ העלד פאַר דעם וויל פון דער גאַנצער מענטשהייט. דעם אמת גערעדט, — זייער אַ קנאַפּע טרייסט פאַר אַ מאַמען. דער יינגערער, — דער מיטלסטער, הייסט עס — איז שוין דווקא נישט געווען אַזאַ היצקאָפּ. ער איז אויך געווען אַ געלערנטער, אַ גאַנצער אָראַטאָר, אָבער פון דער נאַטור — אַ רואיקער, אַ סאָלידער און אַ סטאַטעטשנער. ער האָט שוין אפילו געהאַט אַ כלה, זייער אַ טייער קינד, און די חתונה האָט געדאַרפט זיין גאָר אין גיכן, אָבער בינו לבינה האָט מען אים אָפּגעשיקט קיין יוראָפּ צו קעמפן קעגן היטלערן און פינף טעג איידער ס'איז געוואָרן שלום אויף דער וועלט איז ער אין בערלין געהרגעט געוואָרן... ווידער האָב איך אָנשטאָט אַ לעבעדיקן זון באַקומען אַ בריוו מיט זיבעצן שטעמפּלען: „העלדיש אומגעקומען"... די כלה זיינע האָט זיך ממש דערהרגעט. זי קוקנדיק אויף מיר, איך קוקנדיק אויף איר, אָבער

אַ מענטש איז שטאַרקער פון אייזן. אויך דאָס איז פאַריבער. איצט האָט זי שוין חתונה געהאַט — אויף וואָס וועט זי וואַרטן? אויף תחיית-המתים? איך אַליין האָב איר גערעדט דעם שידוך. — איז מיר געבליבן דער יינגסטער זון, דער, ביי וועלכן איך לעב. אַ פיינער יונגערמאַן און זי איז אויך נישט קיין וורעדנע. אירע זיידע-באָבע זענען געווען ערגעץ פון אונדזערע מקומות. זיי האָבן צוויי מיידעלעך, האָסט דאָך זיי, זאָגסטו, געזען אויפן גאַניק, איז דאָס איז דאָס! מער האָב איך נישט, ווי אָט די פיר נפשות, זיי זאָלן מיר לעבן און געזונט זיין. וווינען, וווינען מיר אפילו באַזונדער, מיין אייגענע דירה — דריי צימערן מיט אַ קיך — געפינט זיך אין דעם זעלבן הויז אויפן צווייטן שטאָק. אָבער אַ גאַנצן טאָג געפין איך זיך ביי די קינדערלעך, — וואָס וועל איך טון אַליין אין שטוב? מען קען דאָך משוגע ווערן. מיין מאַן איז שוין גאַנץ לאַנג דערשטאָכן געוואָרן, טאַקע דאָ אין ניו-יאָרק, ווי אַ חזיר... אַ פּאָרטאָריקאַנער האָט אים אַריינ-געזעצט אַ קינזשאַל גלייך אין האַרצן אַריין... אין אַ קאָפּע ערגעץ... איבער אַ טענצערין, אָדער אַ זינגערין... איך בין אפילו צו דער לוויה נישט געגאַנגען... דער אַלטער אויסוואָרף האָט נאָך דאַמאָלסט אויך געלעבט... אַזוי, אַזוי, מאַטעלע... אָפּגעפּאַסקודעט אַ וועלט און עס הייסט כלומרשט: אָפּגעלעבט... איצט ווייסטו שוין אַלץ גלייך ווי איך אַליין... אין אָט דעם הויז, וואָס דו זעסט דורך דיין פענצטער, האָב איך אָפּגעלעבט דאָס גאַנצע לעבן מיינס, אין ערגעץ נישט אַרויסגעפאָרן, אין ערגעץ נישט אַרויסגע-גאַנגען... די גוטע בשורות מיינע האָט מען מיר געבראַכט צו טראָגן אין שטוב אַריין —

סיי נח מיט זיין פרוי, סיי דער יונגער קאָסאָי מיט זיין פרוי האָבן שוין געוווסט, ווו און ווי אַזוי די אַלטע לייט זייערע פאַרברענגען זייערע פרייע שעה'ן. מרדכי האָט דערציילט זיינע קינדער, אַז ער האָט זיך דאָ על-פי צופאַל באַגעגנט מיט אַ שכנטע פון דער היים און דעסט גלייכן האָט פייגל דערציילט אירע קינדער. פונקט ווי פייגל, אַזוי האָט בשעתו אויך מאָטל חתונה געהאַט אין דער פרעמד אַריין און דעריבער האָבן זיינע קינדער קיין מאָל פון קיינעם נישט געהערט דעם נאָמען פייגל, פונקט ווי פייגלס קינדער האָבן קיין מאָל פון קיינעם נישט געהערט דעם נאָמען מאָטל.

— פשוט לאַנדסלייט און שוין —

און די פשוטע לאַנדסלייט האָבן גאַנצע טעג פאַרבראַכט אויג אויף אויג און האָבן זיך גאַרנישט געקענט אָנרעדן צו דער זעט.

איין מאָל, מנחה-צייט, ווען דאָס אַלט-יונגע פּאָרפּאָלק האָט זיך אומ־געקערט פון זייער שטענדיקן שפּאַציר, האָט זיי אין מיטן וועג פאַרכאַפּט אַ שלאַקסרעגן און זיי האָבן קוים באַוויזן זיך צו דערקלייבן ביז דעם הויז, וווּ ס'האָבן געוווינט די קאַסאַי'ס. זיך רויטלענדיק, ווי אַ יונג מיידעלע, האָט פייגל נישט דרייסט אַרויסגעשטאַמלט:

— נו, אַז דו ביסט שוין דאָ, קום שוין אַריין צו מיר אין שטוב אַריין. וואָס וועלן מיר דאָ שטייען אין וועסטיביול, ווי צופעליקע דורכגייער?

זיצנדיק אין פייגלס דירה ביי דער שיינענדיקער גלאָז טיי, וואָס זי האָט געמאַכט אויף איין פוס, האָט מרדכי בכובד-ראש באַטראַכט די באַקוועמע צימערלעך און דעם חותם פון פאַרוויסטקייט, וואָס הויערט דאָ אין יעדן ווינקעלע, דאַן האָט ער איבערגעפירט זיין טיפן בליק אויף פייגלס געזיכט, וואָס נישט קוקנדיק אויף דער עלטער, האָט עס געשיינט מיט אינערלעכער ליכטיקייט און איידלקייט, און ער האָט זיך אָנגערופן מיט אַ פאַרדומפּענער שטימע:

— ווייסטו גאָר, וואָס איך וועל דיר זאָגן?

פייגל, וועלכע האָט בשעת-מעשה עפּעס געזוכט אין איינעם פון די שופלאָדן, איז פון אַ שווערן פאַרגעפיל שטיין געבליבן, ווי אַ פאַרגליווערטע:

— וואָס אַזוינס וועסטו מיר זאָגן?

מרדכי, נישט קוקנדיק אויף איר, האָט גערעדט נאָך מער פאַרדומפּן און עפּעס ווי צו זיך אַליין:

— איך האָב שוין אין דעם געקלערט און געקלערט און כ'זע נישט, פאַר וואָס דאָס זאָל נישט זיין אַזוי... יאָ, איך זע פשוט נישט מיט וואָס דאָס זאָל זיין נישט קיין גלייכע זאַך —

פייגל איז געשטאַנען אַ טויט-בלאַסע. זי האָט קוים אַרויסגעשטאַמלט:

— פון וואָס רעדסטו עס, מאָטל?

— אַז דו פאַרשטייסט נישט על־פּי רמז, וועל איך דיר זאָגן על פּי פשט... פאַר וואָס אייגנטלעך זאָלן מיר איצט נישט חתונה האָבן? אמת, דער תנא זאָגט: „הלומד זקן למה הוא דומה? לדיו כתובה על ניר מחוק". יעדער איינער פאַרשטייט די זאַך, אַז ס'האָט שוין נישט דעם זעלבן חן, וואָס אין די יונגע יאָרן, אָבער פון דעסט וועגן זענען מיר דאָך נאָך איצט אויך לעבעדיקע מענטשן מיט אייגענע נשמות? פאַר וואָס זאָלן מיר זיך וואַלגערן ביי די קינדער, ווען מיר קענען נאָך זיין בעלי-בתים פאַר זיך אַליין?

פייגל איז געווען אַזוי משונה-בלייך, אַז מאָטל האָט זיך אַ דערשראָ־

קענער אַזש אויפגעהויבן פון זיין שטול. דערזעענדיק, אַז ער וויל זיך דערנעענטערן צו איר, האָט זי אויסגעשטרעקט די הענט פאַר זיך, ווי זיך צו באַשיצן פון אַן אָנפאַלער:

— וואָס רעדסטו, מאָטל? ביסט משוגע, צי מטורף? אין אַזאַ טיפער עלטער, ווי מיר ביידע זענען, הייבט מען ערשט אָן צו ווערן בעלי־בתים פאַר זיך אַליין?

— גיי, ביסט אַ נאַרישע יידענע! טיפע עלטער... זיבעציק יאָר הייסט ביי דיר: טיפע עלטער? איך ווייס נישט ווי אַזוי דו, אָבער איך, פון זינט איך האָב זיך מיט דיר ווידער באַגעגנט, פיל איך זיך ווידער יונג און קרעפטיק און פול מיט לעבן, טאַקע ממש ווי אין פסוק שטייט: תתחדש כנשר נעוריכי... און ווידער, שטיא וואָס דו ביסט, די חז״ל לערנען אונדז: „יש קונה עולמו בשעה אחת". נישט אין צען יאָר, נישט אין פופציק און נישט אין הונדערט יאָר אפילו, נאָר אין איין און איינציקער שעה קען זיך אַ מענטש קונה עולמו זיין. און קיינער גיט נישט אָן קיין דאַטום: ווען אָט די גליקלעכע שעה קען גיכער קומען, אין די יונגע יאָרן, צי אין די עלטערע יאָרן... וואָס שטעכסטו מיר די אויגן מיט די זיבעציק יאָר? אפשר וועט ביי אונדז מקוים ווערן: מצהרים יקום חלד —

פייגל, מיט אַ פאַרדעכטיקער פאַרב אין פנים:

— ביסט משוגע געוואָרן? זיבעציק יאָר הייסט ערשט ביי דיר — צהרים?

— און אויב ביי דיר, שונא־ישראל'טע דו, הייסט ביי זיבעציק נישט צהרים, איז דאָ אַן אַנדער פסוק: לעת ערב יהיה אור... נאַרעלע דו, דאַרפן מיר זיין ביי אונדזערע קינדער און זיי זאָלן צו אונדז פילן בלויז רחמנות נעבעך, אַז מיר קענען זיין ביי זיך און זיי זאָלן נאָך מוזן דרך־ארץ האָבן אויך... מיין נח'ל איז איין גאָלדן קינד, פון דער היים אָן אַזוי, אָבער פון דעסט וועגן, אַז ער וועט ווים, אַז דער טאַטע איז נישט קיין שמאַטע און נישט קיין קעסטקינד, נאָר אַ פאָלנע בעל־הבית ביי זיך, אַ בריה בפני עצמה, — און אַ בריה בפני עצמה, בלייבט די הלכה, פייגעלע־שמייגעלע, איז אפילו באלף לא בטל! — דאַן וועט ער, גלייב מיר, זיין נאָך מער גאָלדן קינד... זיי נישט איינגעשפּאַרט... אין אונדזער עלטער איז דאָך יעדער טאָג אַ שאָד... אמת, צי ניין? און עפּעס זענען מיר דאָך געקניפּט און געבונדן נאָך פון אַמאָל... פון די ארבעים יום קודם יצירה —

נשים דעתן קלה — זי האָט זיך געלאָזט איבעררעדן...

מרדכי האָט וועגן זיין באַשלוס געמאָלדן זיין זון; פייגל האָט וועגן

איר באַשלוס געמאָלדן איר זון אוןביידע, — ווי ס'איז ביי זיי געווען אָפּגעשמועסט, — האָבן וועגן זייער החלטה מודיע געווען די קינדער מיט אַזאַ טאָן, אַז יענע זאָלן גלייך דערפילן, אַז פאַרקערטע רייד, „איפכא מסתברא'ס", זענען דאָ אַרויסגעוואָרפן — גזירה היא מלפני!

קיינער פון זייערע קינדער האָט אפילו נישט געוווסט, ווו זיי האָבן ערגעץ געשטעלט אַ חופה. זיי זענען אַוועקגעפאָרן אין די בראָנקס, אָדער קיין ברוקלין און צוריק זענען זיי שוין געפאָרן אַלס מאַן און ווייב.

אין סאָבוויי, פאָרנדיק אַהיים פונעם רבס שטוב, ווו זיי האָבן גענומען חופה וקידושין, האָט מרדכי גענומען זיין אַלט-ניי-באַשערטע אונטערן אָרעם און האָט זי צערטלעך געפרעגט:

— פייגעלע, דו פילסט נישט, אַז דו זאָלסט זיין גליקלעך פון דיין שריט?

פייגל, זיך רויטלענדיק, ווי עס פּאַסט פאַר אַ כלה, ערשט פון אונטער דער חופה:

— טאַמער ווייסטו, וואָס די גדולה איז אויף אים? וואָס דער טאַטע האָט די מאַמע גענומען?!

מרדכי, גראַד מיט אַ טרויעריק קול:

— ווער נאָך ווי דו ביסט מחויב צו וויסן, אַז ס'איז שוין דווקא יאָ אַ גדולה, אַז גאָט העלפט און דער באַשערטער טאַטע נעמט די באַשערטע מאַמע... וואָס קומט אַרויס, וואָס שפּילנדיק זיך קינדווייז זענען מיר שטענדיק געווען טאַטע-מאַמע, ווי באַלד, אַז צום רעכטן פּיק, — לעת מצוא — זו אשה, — האָט אונדז ביידע גענומען דער רוח אויף די אַקסלען און פאַרטאַסקעט ערגעץ הינטער די הרי-חושך...

דערויף האָט אים פייגל שוין גאָר נישט געהאַט וואָס צו ענטפערן.

גלייך פון דער חופה זענען חתן-כלה פאַרפאָרן צו זיך אַהיים — אין פייגלס גרומער און באַקוועמער דירה און נאָך דעם זעלבן טאָג, — ווי עס שטייט דאָרט ביי די יידן, ווען זיי זענען צום ערשטן מאָל אַריינגעקומען קיין ארץ-ישראל און דער „מן" האָט אויפגעהערט: „ויאכלו מעבור הארץ", — האָט דאָס פאָרפאָלק געגעסן מיטאָג אויף זייער אייגענעם טיש, פון פייגלס אייגענע מעדני-מלכים —

...און פרייטיק צו נאַכטס, ווען מרדכי האָט זיך אומגעקערט פון דער שול — ווי באַלד מען וווינט שוין נאָר אויפן צווייטן שטאָק נישט אויפן ניינטן, קען מען דאָך שוין אָפטער קומען צווישן יידן — און האָט געטראָפן די שיינע שבתדיקע לייכטער אין מיטן טיש, די הויכע שבת-קוילעטשן

אונטערן שימערירנדיקן טישטעכל און דעם שפּילעוודיקן ווײַן אַנגעגאָסן אין כוס און דאָס היימישע כאַלאַטל מיט די היימישע שטעקשיך אויפֿן דערבײַיאיקן בענקל, אַז ס'זאָל אים זײַן „צו דער האַנט" און פֿייגלען אַליין האָט ער דערזען און נישט געגלייבט זײַנע אויגן — די אַמאָליקע פֿייגל! אויסגעפּוצט אין עסיק און אין האָניק און פֿאַררויטלט און דער שמייכל און דער זיסער „גוט-שבת", וואָס זי האָט אים אַנטקעגנגעטראָגן אויף דער שוועל אַרויף, — איז ער שטיין געבליבן מיט פֿאַרמאַכטע אויגן און האָט זיך דערמאָנט אינעם וואַלד, ווען כאַסקל, זײַן נאָרע-שכן, האָט אים געמינטערט:

— שטיי אויף, משיח איז געקומען!

אויף מרדכי'ס אָפּגעצערטע באַקן האָט זיך אַראָפּגעקויקלט אַ שווערע טרער:

— טאַקע אמת, ער איז טאַקע געקומען, אָבער נאָר צו די לעבעדיקע... אַז מען לעבט דערלעבט מען, אָבער די אומגעקומענע... מתים בל יחיו, רפאים בל יקומו...

מרדכי דערמאָנט זיך, אַז „שבת הוא מלזעוק" און עצבות — איז אפילו אין דער וואָכן אויך מעשה-שטן, האָט ער זיך מיט אַ שמייכל דערנענטערט צו זײַן באַשערטער, ער האָט זי גענומען פֿאַר אַ האַנט און טיף אַרײַנקוקנדיק איר אין די אויגן האָט ער זי געפֿרעגט:

— פֿייגל, זאָג דעם אמת, דו האָסט מיך דען היינט ווייניקער ליב ווי דאַמאָלסט אין וואַלד — געדענקסט? — ווען דו האָסט געוויינט אויף מײַן האַלדז און גאָר נישט געקענט אויפֿהערן?

פֿייגל האָט אַן אומגליקלעכן שמייכל געטון:

— נאַריש קינד וואָס דו ביסט, מאָטעלע... וואָס קומט אַרויס דערפֿון: מער ליב, צי ווייניקער ליב, אַז דאָס גאַנצע לעבן אונדזערס איז שוין במילא פֿאַרבײַגעפֿלויגן; אַז ס'איז שוין פֿון דאַמאָלסט אַן אַזוי פֿיל וואַסער אָפּגעלאָפֿן —

„מאָטעלע" האָט זי אָנגענומען אויך פֿאַר דער צווייטער האַנט און האָט מיט יונגן ברען אַרויסגעשעפּטשעט:

— שווײַג שטיל, נאַריש פֿייגעלע. מיר האָבן דאָך ערשט היינט פֿאַר נאַכט געזאָגט אין „שיר השירים":

— ...מים רבים לֹא יוכלו לכבות את האהבה...

די סטיכיע פון געזאנג

אַז דאָס פראַנצויזישע פאָלק קען מען כאַראַקטעריזירן מיט אָט די דריי ווערטער: „זינגענדיק און טאַנצנדיק", אָדער — ווי שלום-עליכם וואָלט עס מסתם פאָרמולירט: „אָרעם און פריילעך" — אין דעם האָב איך געהאַט גענוג געלעגנהייטן זיך צו איבערצייגן אין משך פון די קאָרגע צען יאָר, וואָס איך האָב געוווינט אין פּאַריז. נאָך מער, אויף צו וויסן אָט דעם אַלעמען גוט-באַוווּסטן כּלל, איז איבערהויפּט נישט נייטיק צו וווינען אין פראַנקרייך. דאָס ווייסן אויך מענטשן, וועלכע האָבן קיין מאָל נישט באַטרעטן דעם פראַנצויזישן באָדן; דאָס ווייסט אַ קינד אין וויג; וועגן דעם ווייסט די גאַנצע וועלט! און פון דעסט וועגן, ווען איך בין ביי געווען אָט די משונהדיקע סצענע, וועגן וועלכער איך גיי אייך דאָ איצט דערציילן, האָב איך געהאַט דאָס געפיל, אַז איך זע פאַר זיך דעם זעניט, דעם אַזוי גערופענעם „הר-ההר" פון זייער דאַזיקער אייגנשאַפט. און נאָך עד-היום, ווען איך פאַרמאַך די אויגן און טראָג זיך אַריבער אין יענעם פּאַסמורנע פרימאָרגן אויף דעם קליינעם פּאַריזער געסל, כאַפּט מיך אָן עפּעס ענלעכס אויף דבקות, אָדער התלהבות, אָדער... גלייבט מיר, איך ווייס אַליין אויך נישט מיט וואָס פאַר אַ נאָמען עס אָנצורופן. באמת לאמתו: די דאָזיקע דערשיינונג האָט נישט קיין נאָמען און שוין!

מיט איין וואָרט — מעשה שהיה, כך היה:

דאָס איז געווען אין אַ זונטיקדיקן פרימאָרגן. ס'איז געשטאַנען אַ קאַלטער און נאַסער יאַנואַר. ס'האָט געציבערט און געגאָסן אַ גאַנצע נאַכט און אפילו ווען איבער די דעכער האָבן זיך שוין אַנטפּלעקט די צעפּליקטע שטיקער גרויקייט, וואָס מענטשן ביי לית-ברירה האָבן אַ טבע זיי אָנצורופן „טאָג" — איז ער נאָר עטוואָס שוואַכער געוואָרן, אָבער לחלוטין האָט ער נישט אויפגעהערט צו גיסן. די אָפּגעצוואָגענע טראָטואַרן, דער ברוק, די לאָדנס פון משופּע-צונויפגעשטעלטע לאַסטלעך, די אַראָפּגעלאָזטע שטאָרן — אַלץ וואָס וואַרפט זיך אין די אויגן, ווען די גאַס איז ליידיק פון מענטשן, האָט אין אָנבליק פון אָט דער פאַרוויינטער: ספק חשכה, ספק אינה חשכה אויסגעזען אַזוי נעבעכדיק און אַזוי אומגליקלעך, אַז דעם זעלטענעם דורכגייער, וואָס האָט זיך יאָ באַוויזן אויף די לחלוטין-אויסגעשטאָרבענע גאַסן, האָט זיך גלייך פאַרוואָלט צוריק באַגראָבן דעם קאָפּ אין קישן און איבערשלאָפן, איבערשלאָפן אָט דעם ליים-קאָלירטן פאַר-

האנג, וואָס וואַגט זיך אָנצורופן מיט אַזאַ פּיל־צוזאָגנדיקן נאָמען ווי „טאָג״ און דערצו נאָך: אַ זונטיקדיקער טאָג —

אפילו אין שענערע טעג איז זונטיק פאַר מיטאָג שיטער אויף די פּאַריזער גאַסן, ווער שמועסט אין אַזאַ „פּאַגאַדקעלע״ —

אויב פּלאַץ דע לאַ רעפּובליק רעכנט זיך „דאָס האַרץ פון פּאַריז״, איז בעלוויל דער „אונטערן האַרצן״. דער דאָזיקער ראַיאָן געפינט זיך בסך הכל אין צען מינוט גאַנג פון „רעפּובליק״, אָבער ער איז מיט אַלע זיינע רמ״ח אברים פיל אַנדערשער פון זיין באַרימטן שכן. אויב דער פּלאַץ „רעפּובליק״ פאַרנעמט דאָס אויג מיט די שיינע מאַגאַזינען, מיט די לוקסוס־אַרטיקע קאַפעען, האָטעלן, סינעמאַס און טעאַטערס, איז די „קאַרטיע״ בעלוויל אָנגעפּיקעוועט מיט פאַבריקן און זאַוואָדן, מיט פאַרשידענע אינדוסטריעלע צעכן און ווערקשטאַטן. און אויך די איינוווינער פון אַט דעם רחבותדיק־צעוואָרפענעם בעלוויל זענען אין זייער גרויסן רוב אַרבע־טער, וואָס האָרעווען נעבעך די גאַנצע וואָך שווער און ביטער אויף צו פאַרדינען זייער חיונה פאַר זיך און פאַר דער פאַמיליע און דעריבער, קוים קומט שוין אַ מאָל דער אויסגעבענקטער זונטיק, שמעקט מען נישט אַרויס אויף דער גאַס העט־העט ביז נאָך מיטאָג, ווען מען פאַרנעמט שוין מיט זיך דאָס גאַנצע געזינדל און מען גייט אַראָפּ אין קאַפע אַריין זיך ווייזן פאַר לייטן.

...איז טאַקע דאָרט אין אַזאַ פאַרוויינטן זונטיקדיקן פרימאָרגן, ווי דאָ אין אונדזער פאַל, נישט צו געפינען קיין מענטשן אויף דער גאַס, אפילו אויף אַ רפואה.

איין געסל האָט אָבער אין דעם זינען מיט זיך פאָרגעשטעלט אַן אויסנאַם. און נישט אַזוי דאָס גאַנצע געסל, ווי איין און איינציק מויערל אויף דעם דאָזיקן געסל. אין דער דאָזיקער „כאַטקע״ האָט געררוישט ווי אויף אַ וואָקזאַל; ווי אין אַ דאָרף־שענקל. די טיר האָט זיך דאָרט נישט צוגעמאַכט, מענטשן זענען דאָרט געגאַנגען אויף און אָפּ, אַריין און אַרויס. געווען איז דאָס אַ שיין־געפאַרבט איינשטאָקיק מויערל און העט־העט אונטער דער „סטריכע״ איז געהאַנגען אַ לאַנגע גלעזערנע שילד: „לע בען״ — אַ באָד, הייסט עס.

און די באָד אויף אָט דעם קליינעם געסעלע ביסאָן, וואָס געפינט זיך צווישן די אומצאָליקע פאַלדן פון בעלווילער גיגאַנטישע אַרבעל, איז חלילה נישט געווען קיין לוקסוסדיקע באָד, ווי פאַר אַזאַ שטעטל ווי פּאַריז קען אָנשטיין — בפירוש נישט! דאָס איז כמעט אַ היימיש מרחץ, — עס פעלן

גאַר די הילצערנע שעפעלעך מיט די איבערגעטריקנטע בעזעמלעך — וווהין עס קומט דער אַרבעטער-עלעמענט נאָך אַ שווערער וואָך אַראָפּ-צושווענקען פון זיך דעם צוגעטריקנטן שווייס, דעם שמוץ, דעם ברוד, וואָס האָט זיך איינגעגעסן אין זיין קערפּער פאַר די 50 — 60 אַרבעטס-שעה׳ן, וואָס טיילן אָפּ איין זונטיק פונעם צווייטן. דאָרט האָט מען אויך געקענט טרעפן די ווייבעלעך, וואָס טאַרטשען אָפּ פון באַגינען ביז לאָמפּן-צינדן אין פאַבריק ביים ווערקשטאַט, אין מאַגאַזין ביי דער וואָג, אָדער אין רעס-טאָראַן ביי דער קיך.

די דאָזיקע באָד — כאָטש אַן איין-שטאָקיקע און מיט איין און איינ-ציקן קאָרידאָר, אויף וועלכן עס האָבן זיך געפונען די „אמה על אמה׳דיקע" קאַבינעס מיט די דושן — פון דעסט וועגן איז זי געווען ביכולת דורכ-צולאָזן פאַר דעם זונטיקדיקן פרימאָרגן גאַר אַ היפּשן עולם. אויףביידע זייטן פון דעם געמיטלעך-באַלויכטענעם קאָרידאָר האָבן זיך געפונען העכער זעכציק קאַבינעס; יעדע קאַבינע האָט דורכגעלאָזט צוויי פּערזאָן אין אַ שעה; די באָד איז זונטיק אָפן פון זעקס אַ זייגער פאַר טאָג ביז צוויי אַ זייגער נאָך מיטאָג, היינט גיי באַרעכן... דאָ האָט איר אַ קימא-לן פון אַוועלכע טויזנט באַזוכערס! פאַר אַזאַ קליין און נישט-אַנזעעוודיק בעדעלע איז דאָס ממש אַ יאַר-יאַריד!

דאָס דאָזיקע בעדל אַרבעט נישט אַ קיילעכדיקע וואָך, — מען האָט אַ מאָל געפּרוווט, זעט מען נישט פאַר די אויגן קיין „משוגענעם הונט". וואָס דען, עפנט מען זי פרייטיק נאָך מיטאָג. דאַן גייען די פריצישע באַלע-באַסטעס, די „אָפּגעאַרבעטע" איינוווינער, ביי וועלכע דאָס גאַנצע לעבן איז שוין „כולו זונטיק" און פיל יידן, — די דאָזיקע פאַריזער געגנט, וואָס רופט זיך מיטן שם-הכולל: בעלוויל, איז אַן אַלט-איינגעזעסענע, פּעכט פאַרפונדעוועטע יידישע געגנט שוין פון כמה וכמה יאָרן — ביי וועמען ס׳איז פאַרבליבן אַ מנהג פון דער אַלטער היים, אַז אין באָד אַריין גייט מען נאָר פרייטיק, נישט אין קיין אַנדער טאָג. מעג דאָס זיין: וואַרשע אָדער לאָדזש, בערדיטשעוו אָדער ביאַלעסטאָק, כאַרקאָוו אָדער קישעניעוו, פּאַריז אָדער ליאָן, קומט פרייטיק פאַר נאַכט, גיט אים אַ קלונג אין די אויערן דער אַמאָליקער קול-קורא פונעם יידישן בעדער:

— יידן, אין באָד אַריין!

און ער הייבט זיך אויף און ער גייט אין באָד אַריין.

שבת איז שוין דאָ אַ גרעסערער עולם. דער פראַנצויז האָט אַ געוווינ-הייט שבת נאָך מיטאָג זיך פריי צו מאַכן פון דער „סלוזשבע" און כאָטש ער

האָט „טויזנט אַרבעט״ ביזן אַרויסבאַגלייטן די אַוועקגייענדיקע וואָך, פון דעסט וועגן געלינגט אים פון צייט צו צייט אָפּצושפּאָרן די עטלעכע מינוט, וואָס ער דאַרף אויף זיך אָפּצוואַשן און דערמיט געווינט ער די געשוואָלענע שעה, וואָס ער וואָלט זונטיק געדאַרפט אָפּוואַרטן אין דער ריי.

אַזוי, אַז פאַר שבתדיקן טאָג האָט זיך שוין צו ביסלעך געוויזן עולם, אָבער די ברענענדיקע „שניט-צייט״, ווי געזאָגט, איז געווען זונטיק און באַזונדערס אין די פרימאָרגנדיקע שעהן, ווייל יעדער איינער האָט געוואָלט ווי ווייט מעגלעך צו ראַטעווען די טייערע, טייערע זונטיקדיקע שעה'ן.

איך, כשאני לעצמי, פלעג שטענדיק גיין אין באָד נאָר פּריוואַט. ערשטנס דאַרף דאָך טאַקע אַ ייד גיין זיך אַרומוואַשן לכבוד שבת, נישט לכבוד אַן אַנדער טאָג, והשנית קען איך נישט קיין הנאה האָבן פון דער באָד, ווען יענער שטייט מיר הינטער דער טיר מיטן זייגער אין דער האַנט — ווי דער דאָקטער ווען ער מעסט דעם חולה דעם „טאַנסיאָן״, — אויף יידיש גערעדט: דעם בלוטדרוק — און וואַרט נאָר, אַז ער זאָל שוין מעגן אַ קלאַפּ טון:

— שנעל פאַרנעם זיך פון דאַנען, דאָ שטייט שוין אַ צווייטער אויף דיין אָרט מיט אָפּגעקנעפּלטע הויזן —

פע, אַזאַ באָדן זיך מאַכט נאָר נערוועז. איך קען באַשטיין גאַנצע צען מינוט זיך אויסטון און נאָך אַ ביסל לענגער — זיך אָנטון און זיך וואַשן — אויך מתוך הרחבת-הדעת: מיט הייסער וואַסער און מיט לעבלעכער און ווידער מיט הייסער און דערנאָך ערשט מיט קאַלטער און צום סיום — ווידער זיך אַ בערשטל-טון מיט לעבלעכער און אָט דער סדר איז אין אַ זונטיקדיקן טאָג **אויסגעשלאָסן**, דערפאַר אָבער פּריוואַטיק קען מען זיך פּליוס-קען אפילו אַ שעה און אפילו צוויי, קיינער גיט אויף דיר נישט אַכטונג, ווייל האַלב קאַבינעס שטייען ליידיק. דער גרויסער עולם אַרבעט איצט, ער האָרעוועט איצט און שמידט זיך אויס דעם זכות און די מעגלעכקייט צו קענען זיך אַ ביסל לאָזן ווילגיין, אַז ס'וועט קומען דער געגאַרטער זונטיק.

*

ויהי היום, מאַכט זיך אַ מאָל, אַז איך האָב ערב-שבת בשום אופן ואופן נישט געקענט אָפּשפּאָרן קיין ביסל צייט אויף זיך אַריינצוכאַפּן אין באָד אַריין און בין טאַקע פאַרבליבן דאָס מאָל אַ נישט-געבאָדענער. מוצאי-שבת האָב איך זיך מיישב געווען: אמת, זונטיק איז אין מרחץ „אויף קעפּ״ און דאָס גאַנצע מרחצ'ן זיך פּאַטערט מען דאָרט אָפּ על רגל אחת:

— דו האָסט שוין געמאַכט ז׳ טבילות? פאַר געזונט און פאַרגעס נישט צו קומען איבעראַכטאָג זונטיק נאָך אַ מאָל...

אָבער מענטשן גייען דאָך און ווי ס׳איז — מען בלייבט לעבן, גיי אויך, וואָס שטעלסטו דאָ איין?

און איך בין אַוועקגעגאַנגען נעמען אַ זונטיקדיקן דוש אין אַ פּראָנ־צויזיש אַרבעטער־בעדל.

און געווען איז דאָס אין יענעם אויבנדערמאָנטן רעגנדיקן פרימאָרגן מיט די ליימיקע שטיקער רעדנע אָנשטאָט אַ הימל מיט די פּליצנדיקע ריטשקעס אין מיטן גאַס, אַז עס גלוסט זיך נאָר צוריק אַרונטערקריכן אונטער דער קאָלדרע און... און אַזוי לאַנג שלאָפן ביז די זון וועט אויפגיין! ס׳איז דאָך אָבער נאַרעש, ביי מיר איז דאָך זונטיק נישט קיין יומא־דפגרא און אפילו נישט קיין יום־טוב־שני של גליות, נאָר אַ גאַנץ געוויינלעכער אַרבעטס־טאָג, דאַרף מען דאָך נישט פאַטערן קיין צייט אויף צו גיין אַהין און צוריק, האָב איך גייענדיק צום דאַוונען, מיטגענומען מיט זיך וועש און בין גלייך פונעם בית־המדרש אַוועקגעגאַנגען להבדיל אין באָד אַריין.

דער ברייטער בולוואַר דע בעלוויל און אַלע פּאַראַלעלע און אַרומיקע גאַסן האָבן זיך בשלמות געפונען אינעם רשות פונעם איינגעגאָסענעם רעגן, קיינעם איז אין אַזאַ פריער שעה נישט איינגעפאַלן אים משיג גבול צו זיין, נאָר אין דעם הינטער־געסעלע ביסאָן, — אין גאַנצן די גרייס ווי אַ געניץ — האָט דאָס לעבן פולסירט ווי געוויינלעך: מענער, פרויען, מיט אויפגעשטעלטע קעלנער, מיט פאַרוויקלטע קעפּ און אַלע מיט פּעקעלעך אונטער די אָרעמס זענען שמיידיק געלאָפן אונטערן גאָס־רעגן, ווער אין באָד אַריין און ווער שוין פון דער באָד.

אין דעם גרויסן וואַרטצימער, ווו עס געפינט זיך אויך די קאַסע, איז געווען אַזוי אָנגערויכערט, אַז מען האָט כמעט קיין פּנימער נישט אַרויס־געזען. דעם וואַרטנדיקן, ווי באַוווסט, זעט אויס אַ האַלבע שעה ווי דריי שעה. און אַז מען איז אומגעדולדיק, ווערט מען נערוועז און צו קאַפּריזע נערוון איז דאָ איין תרופה — פאַרשטופן דעם פּיסק מיט אַ ציגייער. רויכערט טאַקע דער עולם, אַזוי מענער, אַזוי פרויען. מען רויכערט איין פּאַפּיראָס נאָכן צווייטן און מען נעמט נישט אַראָפּ די אויגן פון דעם געקויפטן בילעט:

— ווען וועט מען שוין אַ מאָל אויסרופן מיין נומער? דאַכט זיך אַלע מינוט שרייען אוים די מיידלעך, וואָס ברענגען אין אָרדענונג די קאַבינע, אַן אַנדער נומער און צו מיינעם איז נאָך אַלץ ווייט —

דער לאַנגער קאָרידאָר מיט די אײנצלנע און טאָפּלטע קאַבינעס, װוּ מענטשן האָבן זיך געבריט און געקוויקט און געמאַכט משונהדיקע העוויות, פּונקט אַזוי גוט, װי אַ זויגלינג בשעת די מוטער לייגט עם אַריין אין אַ צו הייסער באָד, איז געווען העל־באַלויכטן מיט נעאָן־ליכטער אין אויסזען פון קליינע קאַטשלקעס, — אַ קאַטשלקע אויף אַ קאַבינע — אונטער װעלכע ס׳זענען געהאַנגען פּלאַטשיקע גלעזערנע קאָרעטעס, װאָס האָבן רע־גולירט דאָס ליכט און עס יושרדיק איינגעטיילט אויף יעדן װערשאָק פּרייען פּלאַץ. די מילכווייסע, ליכטיקע קאַטשלקעס מיט די „אונטערגעבונדענע באַקן” האָבן לחלוטין אויסגעריסן פונעם באַזוכערס זכרון, אַז אויף דער גאַס איז איצט טאָג, נישט נאַכט. די קוואַדראַטנע קאַבינעס זענען געווען אָן דעכלעך, אַזוי אַז די פּאַרע און די קולות האָבן אַרומגעשוועבט איבערן קאָרידאָר װי אַ װאָלקן און עס האָבן געקיצלט אין דער נאָז די ריחות פון גליצערין־זייף, פון צעפּאַרעטע לייבער, פון פאַרשידענערליי װײבערשער קאָסמעטיק און פון האָר־פּאָמאַדעס. אין פּאַרנעפּלטן חלל האָבן זיך אַרומגעטראָגן: שטיקלעך געזאַנג; אַ װוּיליונגעריש צופּייפן זיך; געוויין פון קינדער, װאָס די זייף־בלאָזן זענען זיי פּאַרגאַנגען אין די אויגן; אַ הויך דורכשמועסן זיך איבערן קאָפּ פון עטלעכע קאַבינעס פון שכנטעס, אָדער חברטעס, װעמענס נומערן מען האָט גלייכצייטיק אויסגערופן און על כולם — דער אומאויפהערלעכער געפּלייץ פון די צענדליקער שפּריצערס אין די קאַבינעס. דריי, פיר יונגע מיידלעך אין װייסע פּאַרטעכער מיט בעזעמער און העמערלעך אין די הענט, זענען װי פּרוזשינעס אַרומגע־שפּרונגען צווישן די קאַבינעס. קוים האָט זיך אַ קאַבינע באַפרייט, אַזוי איז איינע פון זיי פּאַרשוואונדן געוואָרן אין איר אויף אַ קליינער טייל פון אַ מינוט און גלייך האָט זיך פון דאָרט דערטראָגן איר קוויטשיק קול׳כל:

— דער און דער נומער, דער און דער נומער —

אין אַ װינקל פונעם קאָרידאָר איז געשטאַנען אַ מיניאַטורנע טישעלע, אויף װעלכן ס׳האָט זיך נישט געפונען קיין שום זאַך חוץ: אַ זייגער, אַ בויגן פּאַפּיר און אַ בלייפעדער. דאָס מיידל — אָן אַ װייסן פּאַרטעך — װאָס האָט באַדינט דאָס דאָזיקע טישעלע, האָט אפילו נישט געהאַט קיין בענקל און זי האָט עס נישט געדאַרפט אויך — זי האָט נישט געהאַט װען צו זיצן. אין אירע פונקציעס איז אַריינגעגאַנגען צו פירן דעם טאַבל, װען די און די קאַבינע איז פון דאָס ניי פאַרנומען געוואָרן; זאָגן דעם באַזוכער, אַז ער האָט נאָר 30 מינוט אין זיין רשות און װען די מינוט איז געקומען — זיך מטריח זיין צו דער קאַבינע און אָנקלאַפּן: איין מאָל און צוויי

מאָל און אפילו דריי מאָל, ביז זי האָט דעם פּוילאַק נישט אַרויסגעשלעפּט פון דאָרטן „פאַר די אויערן" —

די זיך אונטערזינגענדיקע האָבן ווייטער געזונגען; די זיך איבער־רופנדיקע האָבן ווייטער געשריגן אויף קולי־קולות; די קינדערשע קולות האָבן פאַרלייגט די אויערן; די צענדליקער שטראָמען האָבן געשטראָמט; די לאָמפּן האָבן געשוועבט אין דער פאַרע, ווי בלאַנדזנדיקע שטערן, ווי מעטעאָרן. די מיידלעך אין ווייסן האָבן געפּוצט די קאַכלדיקע קעסטלעך מיט די שטאַכעטלדיקע שטיי־ברעטלעך און די נומערן האָבן זיך גערוקט, גערוקט...

אויף דער גאַס, האָט מען געזען דורך די פענצטער פונעם וואַרט־צימער, צעלאָזט זיך ערשט דער רעגן גאָר אויף אַן אַנדער מין אופן. דער עולם איז אַלץ צוגעקומען. קיין פּלעצער אויף צו זיצן איז שוין נישט געווען, איז מען געשטאַנען, מען האָט געקוקט אויפן בייזן רעגן, וואָס האָט זיך אונטערגענומען קאַליע צו מאַכן דעם היינטיקן אָפּרו־טאָג און מען האָט זיך איינגעהערט אין דער קריכנדיקער נומעראַציע.

ענדלעך איז אונטערגעקומען מיין נומער און איך בין אַריינגעלאָזט געוואָרן אין דעם שטיינערנעם שטייגל מיטן לעכערדיקן רינוועלע און מיטן „בלאַנדזנדיקן שטערן".

אין די ערשטע פּאָר מינוט נאָכן אָפּלאָזן דעם שטראָם, בין איך געווען אין טראַנס פונעם „בריען זיך און קוויקן זיך" און האָב קיין מינדסטן אַכט נישט געלייגט אויף דעם, וואָס קומט פאָר אַרום מיר. שפּעטער, אַז דאָס לייב האָט זיך שוין צוגעוווינט צום הייסן רעגן און איך האָב שוין אַ קלער געטון, אַז מען דאַרף זיך נעמען צו דער זייף, ווייל דער זייגער דאָרטן אויף דעם פאַרשאָלטענעם טישעלע טיקעט צו ביסלעך און דאָס מיידל אין „ציווילן", וואָס איז ממונה אויף מיינע רגעים, וועט שוין באַלד אָנהייבן צו קלאַפּן אין דער טיר מיטן קעפּל פונעם בלייפעדער:

— שוין צייט, שוין צייט, רירעוודיקער מאַנסיע, עס וואַרטן נאָך מענטשן —

ערשט דאָ האָב איך תופס געווען, אַז עמעצער זינגט דאָ זייער שיין. די מעלאָדיע איז געווען פון אַן איטאַליענישן פילם, וואָס איז לעצטנס געוויזן געוואָרן כמעט אין אַלע פּאַריזער סינעמאַ'ס. דאָס דאָזיקע לידל האָבן איצט אין שטאָט געזונגען קינד און קייט, אָבער דאָ, פון אָט דער אייגנאַרטיקער בינע, האָט אָט די ווילד־פרייע ליד פון דער מעקסיקאַנער וואַלניצע געהאַט גאָר־גאָר אַן אַנדער טעם. אונטערן רויש פון אָט די קליינע

וואַסערפֿאַלן און אָפּטן געפּליעסק פֿון דלאָניעס איבער צעפּאַרעטע לייבער, האָט אָט די ליד און די ווערטער פֿון אָט דער ליד אַנטפּלעקט באַהאַלטענע כוחות און באַהאַלטענע כוונות און דער עיקר — דאָס זינגען! אפשר גאָר איז יענע סאָפּראַנאָ פֿון דער אָקעגנאיבערדיקער קאַבינע אַ באַרימטע אַרטיסטקע, אַן אַראָפּגעבלאָנדזשעטער שטערן אויף דעם פּאַרמאַטערטן בעלוויל? און אפשר איז דער טענאָר פֿון דער קאַבינע אויף רעכטס אויך אַן אָפּערע־סאָליסט? און יענער אַלט — ווער איז? און יענער באַריטאָן? אפשר באָדן זיך דאָ היינט לויטער אַרטיסטן, לויטער ווּנדערקינדער? דאָס זיסע געזאַנג האָט זיך מחיה׳דיק געגאָסן איבער די אָן־דעכלדיקע קאַבינעס און האָט אָנגעפּילט די הערצער מיט ווייטיקלעכער בענקעניש, מיט דער זיסקייט, וואָס בלייבט שטענדיק איבער אויפֿן דנאָ פֿונעם כוס פֿון צער...

לכתחילה איז דער „קאָרידאָר מיט די טירן" געווען איינגעטיילט אין צוויי לאַגערן: זינגערס און צוהערערס. אַזוי ווי אָבער דער מאָטיוו איז לעצטנס געווען זייער פּאָפּולער, מען האָט אים געזונגען אויף אַלע גאַסן און אויף אַלע בולוואַרן, זענען די צוהערערס ביסלעכווייז אויך אַריינגעצויגן געוואָרן אין כאָר און די זאַפּטיקע סימפֿאָניע האָט מיט זיך ממש אָנגעפּילט דאָס איינשטאָקיקע מויערל, ווי אַ לאָגל ווערט אָנגעפּילט מיט גוטן ווייַן. מן הצד האָט מען געקענט מיינען, אַז דאָס שפּילט מען ערגעץ אויף אַ פּיאַנינע ברענגענדיק אין באַוועגונג אַלע קלאַווישן. יעדע קאַבינע איז אַ קלאַוויש און זאָל דער קלאַוויש חלילה קאַליע ווערן, ווערט אַ פּגם אין דער גאַנצער סימפֿאָניע...

און פּלוצלינג האָט זיך, ווי אַ זעג אויפֿן קערפּער פֿון אַ בוים אין דער פּרימאָרגנדיקער שטילקייט פֿונעם וואַלד, אַריינגעריסן אין דער סימפֿאָניע אַ קלאַפּ אין איינער פֿון די טירן און אַ קול פֿון אַ שמייכלענדיק מיידל:

— מאָנסיע, איר האָט שוין אייערס אָפּגעזונגען —

פֿון דער קאַבינע, אַן איבערראַשטע שטימע:

— וואָס רעדסטו, מאַ שערי? עס קען נישט זיין —

— עס קען זיין, עס קען זיין, מאַכט עס אויף שנעל, וואָרעם אַנדערע ווילן אויך זינגען —

דאָס מיידל האָט זיך אומגעקערט צו איר אָן בענקל׳דיק טישל און ווידער האָט די מעכטיקע ליד אַ שווענק געטון דאָס צימער מיט אַ באַנייטער קראַפֿט, ווי דער שטראָם וואָלט נאָר וואָס אויפֿגעריסן די דאַמבע און זיך דורכגעלייגט אַ וועג מיט כח. באַלד אָבער האָט זיך דערהערט נאָך אַ שטאַרקערער קלאַפּ אין יענער זעלבער טיר און עס האָט זיך

ווידער דערהערט די מיידלשע שטימע. איצט האָט איר קול אָפּגעקלונגען צווישן די מיסטעריעזע טירן, ווי זי וואָלט געלאַכט מיט יאַשטשערקעס:

— נו, וואָס הערט זיך דאָרט ביי אייך? איר ווערט היינט פאַרטיק, צי ניין?

ווידער האָט אַ קליאַנטשנדיק קול געענטפערט פון דער קאַבינע:

— לעס מוא טראַנקיל, מאַ שערי; איך זאָג דיר, פאַראַל ד'האָנער, אַז דיין זייגער איילט זיך —

דאָס מאָל איז שוין דאָס מיידל הינטער דער טיר געווען בייז גאָר:

— מיין זייגער לאָזט צו רו און איר זאָלט די מינוט באַפרייען די קאַבינע, איר הערט? איר געפינט זיך שוין דאָרטן איבעריקע דריי מינוט —

און תוך כדי דיבור האָט דאָס קעפל פון איר בלייפעדער אָנגעקלאַפּט אין אַ שכנישער טיר:

— מאָנסיע, שוין צייט!

אין קאַבינע האָט מען מפסיק געווען דאָס זינגען און עמעצער האָט בייז געפרעגט:

— וואָס שטערט איר, מאַדעמואַזעל?

דאָס מיידל־האָט אַ פאַרלוירענע איבערגעפרעגט:

— וואָס הייסט, איך שטער? איך בעט אייך זיין אַזוי פיל גוט און באַפרייען אייער קאַבינע! אייערע דרייסיק מינוט זענען שוין איבערגעלאָפן.

— טאָ פאַרשרייב דאָרט אויף מיר נאָך אַ בילעט, וועסטו האָבן נאָך דרייסיק מינוט — פאַרשטאַנען? אַז איך וועל אַרויסגיין וועל איך באַצאָלן און אַצינד שטער נישט!

דאָס מיידל האָט אויפן בויגן פּאַפּיר געמאַכט עפּעס אַ צייכן און איז אַ דערשטוינטע אַוועקגעגאַנגען צו אַן אַנדער טיר. דאָס געזאַנג האָט זיך שוין אָבער אַזוי צעוואַקסן, אַז דער זיך־באָדנדיקער האָט גאָר פון אָנהייב נישט דערהערט איר קלאַפּ. ערשט ווען זי האָט אָנגעקלאַפּט מיטן קולאַק, האָט זיך יענער אָנגערופן:

— וואָס איז? מיך אויך?

— וואָס איז אייך? איר זענט אַ מיוחס ביי אונדז? דער זייגער וויזט —

— פאַרשרייב אויף מיר נאָך אַ בילעט און טשעפּע זיך אָפּ פון מיין לעבן —

— מאָנסיע, איר לאַכט נישט?

— וואַרט, אָט עפֿן איך דיר די טיר וועסטו אַליין זען: צי איך לאַך, צי נײן?

און אַלע זיך־באַדנדיקע, סײ די אָנטײלנעמערס אין געזאַנג, סײ די, וואָס האָבן בלויז צוגעהערט ווי יענע זינגען, האָט אַרומגעכאַפּט אַ משונה־ווילד עקשנות: נישט פֿאַרלאָזן די קאַבינעס און נישט איבעררײַסן אָט דעם נישט־געוויינלעכן קאָנצערט. אָט דעם אײַנפֿאַל, אַז פֿאַר אַזאַ דבר־שיבוש, ווי 75 פֿראַנק קען מען בלײַבן נאָך אויף אַ האַלבער שעה אין אָט דער זעלטענער סביבה און נהנה זײַן פֿון אָט דער זעלטענער נגינה, האָט ווי אַן עפּידעמיע אָנגעשטעקט אַלע באַזיצערס און באַזיצערינס פֿון די קאַבינעס. ווי דאָס „מיידל פֿונעם זייגער" האָט נאָר באַוויזן אַ קלאַפּ צו טון אין אַ טיר, האָט איר פֿון דער קאַבינע גלײַך אַ שפּאַר געטון אַן ענטפֿער:

— פֿאַרשרײַב אויף מיר נאָך אַ בילעט —

נאָך אַ קלאַפּ, ווידער:

— נאָך אַ בילעט, דו ווייסט נאָך נישט?

ווידער אַ קלאַפּ און ווידער דער זעלבער ענטפֿער. דער גאַנץ היפּשער בויגן איז פֿאַרזייט געוואָרן מיט אומגעוויינלעכע צייכנדלעך, וואָס אַלע האָבן זיי באַטײַט: „נאָך פֿאַר אַ בילעט", „נאָך פֿאַר אַ בילעט".

דער רעגן האָט אַלץ האַסטיקער געקלאַפּט אין גלעזערנעם דאַך; דאָס געזאַנג, וואָס איז איבער אָט דעם אומברחמנותדיקן טיר־קלאַפּעניש טיילווייז איבערגעריסן געוואָרן, האָט איצט פֿון דאָס נײַ אַ פֿלײַץ געטון נאָך מיט מער עקסטאַז און מיט מער שכרות. די נגינה איז געוואָרן אַלץ קרעפּטיקער און זיסער; דער מאָנאָטאָנער רויש פֿון די צענדליקער „וואַסערשירעמס" האָט זיך צונויפֿגעגאָסן מיט דער רירנדיקער מעלאָדיע און איז געוואָרן אַ נייטיקער טייל פֿון איר; די בלאַנקנדיק־ווײַסע נעאָן־ליכטער האָבן פֿון דער פֿאַרע אויסגעזען ווי אַרומגעלייגטע מיט דורכזיכטיקער וואַטע, אָדער ווי זונען, וואָס כאַפּן אַ קוק וואָס אונטן טוט זיך, אין אַ פֿאַרנעפּלטן טאָג; ועל כולם — דאָס פֿאַרשיכורנדיקע געזאַנג און די פֿאַרשלעפּערנדיקע סביבה האָט געמאַכט דעם מענטשן פֿאַרגעסן צו ליב וואָס ער איז אַהער געקומען און צו ליב וואָס ער מוז אַוועקגיין פֿון דאַנען —

אַז דאָס מיידל האָט אָנגעקלאַפּט אין מײַן טיר, איז דער משקל־ראשון געווען: אויך ענטפֿערן „פֿאַרשרײַב אויף מיר נאָך אַ בילעט" און זען מיט וואָס אָט דער מאָדנער קאָנצערט וועט זיך ענדיקן. גלײַך אָבער איז מיר

איינגעפאַלן אַ צווייטער רעיון: ניין, איצט, איז אויף יענער זייט מיר גיכער דאָ וואָס צו זען.

און איך האָב אויפן צווייטן קלאַפּ געענטפערט דעם מיידל:

— טוט סוויט, מאַדמואַזעל. דאָס הייסט: איין מינוטקעלע, איך גיי שוין.

אין וואַרטצימער האָט מען אויף מיר געקוקט, ווי אויף איינעם, וואָס איז אַראָפּגעפאַלן פון מאַרס. זיי האָבן שוין גאָר אַ פּנים נישט געגלייבט, אַז מען וועט נאָך אַ מאָל זוכה זיין צו זען אַרויסגיין פונעם קאָרידאָר אַ לעבעדיקן מענטשן. אין וואַרטצימער, אין אַ טיפן ווינקל, האָט געאַרבעט אַ קליינינקער בופעט, וועלכער איז געווען אָפן בלויז זונטיק, ווייל בלויז דאַן, ווען עס וואַרט אַן עולם קען מען האָפן עפּעס צו לייזן. איך האָב זיך געהייסן געבן אַ גלאָז ביר און אַזוי אַרום געהאַט די מעגלעכקייט צו אָבסערווירן, ווי אַזוי דאָס שפּיצל פון אונדזערע קאָנצערטמייסטערס האָט זיך אָפּגערופן אויפן פאַרזאַמלטן עולם. לאָזט זיך אויס, אַז איך בין אָנגעקומען „פּונקט צום פּיק". עס האָט געהאַלטן ביי אַן אמתן סקאַנדאַל. מילא די וואָס האָבן נאָך שטאַרק ליב נגינה, קען מען אויך נישט זאָגן, אַז זיי זענען געווען אַנטציקט פון דעם זיצן אין דעם אָנגערוויכערטן וואַרט־צימער און פאַטערן דעם אָפּרו־טאָג, אָבער זיי האָבן געליטן שווייַגנדיק. עס זענען אָבער געווען אַזעלכע, וואָס דער גאַנצער קאָנצערט איז זיי אָנגעגאַנגען ווי דער פאַראַיאָריקער שניי. דער פלאַמפייערדיקער בולמוס * פון נגינה איז זיי געווען ווילד־פרעמד און ס'האָט נאָך געהאַט אַ פאַרקערטע פּעולה — השר בשירים על לב רע... די דאָזיקע זענען צוגעשטאַנען צו דער קאַסירשע מיט אַ שאַרפן פּראָטעסט. באַזונדערס האָט זיך צווישן די פּראָטעסטירנדיקע אויסגעטיילט אַן עלטערער אַרבעטער, קענטיק — אַ קוימענקערער אָדער אַ קוילנטרעגער, וועמען דאָס בעדל האָט טאַקע אַ פּנים שטאַרק געפעלט צום „שלום־בית". ער האָט געטענה'ט צו דער קאַסירערין מיט אַ גרימצאָרן:

— וואָס זיצסטו ביי דער קאַסע ווי אַ קוקלע? דו זעסט וואָס פאַר אַן עולם עס וואַרט דאָ און קיינער גייט פון דאַרט נישט אַרויס, האַ?

די קאַסירשע, אונטערשפּאַרנדיק זיך דאָס ראָזע בעקל מיט אַ קולאַק:

— וואָס זשע זאָל איך זיי טון? זיך גיין שלאָגן מיט זיי? מיר איז אויך אָנגענעם צו הערן אַ שיין לידל —

---

* אַ שרעקלעכער חשק, אַ שטאַרקע אויסגעהונגערטקייט. ענלעך אויף: כלות־הנפש.

— אַזוי? זייער שיין! האָסטו, ווי באַלד אַזוי, געדאַרפט אַרויסהענגען אויף דער טיר אַ מודעה, אַז היינט איז די באַד אָפּגעדונגען געוואָרן אויף אַ קאָנצערט, וואָלטן מענטשן כאָטש געוווסט אויף וואָס זיי גייען —

דאָס מיידל, מיט אַ שעלמיש שמייכעלע:

— די זינגערס זענען געקומען אַהער אינקאָגניטאָ... זיי האָבן קיינעם נישט אויסגעזאָגט, אַז זיי גייען דאָ געבן אַ קאָנצערט —

— דו חכמעסט זיך, דאַכט זיך, קראַסאַוויצע?

— וואָס דען זאָל איך טון — וויינען?

— דו מוזסט זיי צווינגען, אַז זיי זאָלן באַפרייען די קאַבינעס און אַריינלאָזן די, וועלכע האָבן זיך נאָך נישט געוואַשן —

— אפשר קענט איר מיר זאָגן, ווי אַזוי איך קען זיי דערצו צווינגען?

— מען דאַרף זיי פון דאָרט אַרויסשלעפּן פאַר די פּופּקעס נאַקע־טערהייט —

דאָס יונגע מיידל, מיט אַ פאַרדריסלעכן שמייכל פאַר זיין צו לייכטן טאָן, וואָס ער באַנוצט אינעם שמועס מיט איר:

— דאָס קענען מיר נאָר טון אין צווייען, ווייל דאָרטן געפינען זיך פון ביידע מינים —

— און אַליין, הייסט עס, וועסטו זיך איבערשרעקן? קוק זי נאָר אָן, די הייליקע שוועסטער מאַרי, די מאַדאָנאַ פון „סענט־ביסאָן" —

אַלע פאַרזאַמלטע האָבן אַרויסגעפּלאַצט מיט אַ געלעכטער.

די קאַסירערין, אַ באַליידיקטע נישט אויף קאַטאָוועס, האָט אויפ־געהויבן דאָס טרויבל פונעם טעלעפאָן און געבעטן דעם באַלעבאָס פון דער באָד, וועלכער האָט געוווינט מיט דריי הייזער ווייטער, אַז ער זאָל תיכף ומיד אַריינקומען, אָבער טאַקע שוין! טאַקע די מינוט.

אַז דער באַלעבאָס — אַ פעט פראַנצויזל מיט שמייכלענדיקע אויגן און אומרואיקע פינגער — האָט זיך באַוויזן אויף דער שוועל, האָט אים די קאַסירשע באַגעגנט מיט אַ געוויין:

— איך האָב מיך ביי אייך פאַרדונגען אויף צו זיצן אין קאַסע און נעמען געלט, אָבער נישט אויף אויסצוהערן ניבול־פּה פון אַזעלכע אַלטע דראָנגעס —

דער אַלטער איז צוגעשפּרונגען צו איר:

— אָבער פון יונגע דראָנגעס ביסטו, הייסט עס, יאָ מרוצה אויס־צוהערן... ווי באַלד אַזוי, טאָ וואָס זשע שטייסטו דאָ? דאָרטן זינגען דאָך סאַמע יונגינקע האָנעכלעך —

דער באַלעבאָס האָט זיך געני דערפרעגט וועגן דעם גאַנצן אינצידענט און האָט זיך שטרענג געווענדעט צום פּאַרסאַזשעטן אַלטיטשקן:

— איר האָט נישט קיין שום רעכט צו סקאַנדאַליען און צו באַליידיקן מיינע מיידלעך. און יענע דאָרטן, וואָס זינגען, — און זינגען, אגב, זייער שיין — קוים צאָלן זיי פאַר זייער געפינען זיך אין די קאַבינעס, האָט קיינער קיין רעכט נישט זיי אַרויסצוװאַרפן, סיידן פאַלים —

— מוזט איר טאַקע אַרויסרופן פאַלים —

— פאַר וואָס עפּעס מוז איך דווקא אַרויסרופן פאַלים? מיר טוען זיי נישט קיין שום שאָדן! אויב איר זענט מיט עפּעס נישט צופרידן, גייט און רופט פאַלים —

דער אַלטער, מיט גאַל:

— און אויב זיי וועט איינפאַלן צו צאָלן אויך פאַר אַ דריטן בילעט?

— איז טאַקע נישט גוט.

— און אויב זיי וועט געפעלן צו זיצן דאָרט און זיך אונטערזינגען אַ גאַנצן טאָג?

— איז נאָך ערגער!

אויף יענער זייט פאַרווײנטע שויבן האָבן זיך אינעם גאַס־רעגן באַוויזן צוויי וועלאָסיפּעדיסטן אין שוואַרצע גומי־מאַנטלען. דאָס זענען געווען זשאַנדאַרמעריע־אינספּעקטאָרן, וואָס האַלטן אַן אויג אויף דער אָרדענונג אין שטאָט. דער אַלטער האָט זיך אַ וואָרף געטון צו דער טיר און האָט זיי אַ רוף געטון. די זשאַנדאַרמען האָבן מיט זייער מעטאָדישער געלאַסנקייט אַרויפגעפירט זייערע רעדלעך אויפן טראָטואַר און האָבן זיי אָנגעשפּאַרט אין דער וואַנט. פון דער שוועל — דערזעענדיק פאַר זיך אַזאַ אומגעווײנלעך גרויסן עולם — האָבן זיי גלייך אַ פרעג געטון:

— וואָס האָט דאָ געטראָפן? ווער איז דאָ דער באַלעבאָס?

דער בייזער אַלטיטשקער איז גלייך אַרוים מיט לשון:

— אַ חבריא װוּיליונגען האָבן באַזעצט אַלע קאַבינעס און ווילן נישט אַרוים פון דאָרטן... זיי איז דאָרט גאַנץ באַקוועם צו שטיין אונטערן דוש און זינגען און מיר מוזן דאָ טאָרטשען אין רויך און זיך צוהערן צו זייערע לידער —

דער זשאַנדאַרם האָט זיך אַ גלעט געטון די גאָמבע:

— יאָ, מען מוז מודה זיין, אַז זיי זינגען מיט געשמאַק און מיט געפיל, כאָטש זיי זענען וואַגאַבונדן —

— איך האָב נישט געזאָגט, אַז דאָס זענען וואַגאַבונדן! אפשר זענען

זיי אפילו יאָ וואַגאַבונדן, אָבער איך וועל נישט גיין זאָגן אַזאַ זאַך אויב איך בין נישט זיכער, אַז דאָס איז עקזאַקט אַזוי —

דער זשאַנדאַרם קוקט אויף אים און פאַרשטייט נישט:

— איר האָט דאָך אַליין ערשט געזאָגט: „אַ חבריא ווויליונגען" —

— מאָן שער, ווויליונגען הייסט נאָך נישט קיין וואַגאַבונדען! דאָס קענען זיין אויך פיינע מענטשן, נאָר איצט פירן זיי זיך אויף וווילד־יונגעריש —

דער צווייטער זשאַנדאַרם האָט דעם חבר זיינעם „איבערגענומען די הענט" און האָט זיך אָנגערופן צום קוילנטרעגער:

— מאָנסיע דע פּאַטראָן, עפּעס פלאָנטערט איר מיט דער צונג... אָט זאָגט איר, אַז זיי זענען יאָ און גלייך קומט ביי אייך אויס, אַז זיי זענען נישט —

— פּאַרדאָן מאָנסיע, איך פלאָנטער נישט מיט דער צונג און בין נישט דער פּאַטראָן —

— ביסט נישט דער פּאַטראָן? וואָס דען ביסטו דאָ?

— איך בין איינער פון די געליטענע פון דער קאַטאַסטראָפע —

— פון וועלכער קאַטאַסטראָפע?

— טאַקע פון דער דאָזיקער! וואָס די וואַגאַבונדן, טפו! איך מיין: די ווויליונגען האָבן אָקופּירט די גאַנצע זאָנע, טפו! איך מיין די גאַנצע באָד און לאָזן נישט צו, אַז נאָך עמעצער זאָל אַ ביסל זינגען, טפו! איך מיין זיך אָרומוואַשן —

דער פּאַטראָן פון דער באָד האָט מיט זיינע אומרואיקע פינגער אָוועקגעשאָרט דעם באַרעדעוודיקן אַלטיטשקן און האָט זיך געווענדעט צום זשאַנדאַרם:

— מאָנסיע, הערט מיך אויס, איך בין דאָ דער באַלעבאָס —

— וואָס זשע האָסטו געשוויגן ביז אַהער?

— ווי אַזוי האָב איך געקענט רעדן? דער אַלטער האָט דען געלאָזט קומען צום וואָרט?

דער זשאַנדאַרם האָט אַרויסגענומען פונעם בוזעמטאַש זיין נאָטיצביכל און האָט זיך אָנגערופן צום פּאַטראָן:

— דערציייל מיר אַלץ מיט אַ סדר פון סאַמע אָנהייב אָן: וויפל איז געווען דער זייגער, ווען ס'האָט זיך אַריינגעריסן די אָרגאַניזירטע חברה?

— ווער זאָגט עס, אַז זיי האָבן זיך אַריינגעריסן? מען האָט זיי אַריינגעלאָזט איינציקווייז —

— דאָס בייט נישט די לאַגע —

— ...און ווער האָט אייך געזאָגט, אַז דאָס איז אַן אָרגאַניזירטע חברה? גיכער פון אַלץ קענען זיי זיך אַפילו נישט איינער דעם צווייטן.

— וו־וו־וואָס? אין דער דאָזיקער ווערסיע וועט קיינער נישט גלייבן! אויב זיי קענען זיך נישט, היינט ווי אַזוי זשע האָבן זיי זיך געקענט צונויפ־רעדן, אַז זיי זאָלן זיך אַריינכאַפּן אין די קאַבינעס אָן בילעטן?

— וואָס מאַכט איר אויף זיי פּאַר אַ בלבולים? זיי האָבן אַלע ביז איינעם גענומען בילעטן —

— זיי האָבן יאָ גענומען בילעטן? מאָדנע! אין וואָס זשע דען באַשטייט זייער שטערן די אָרדענונג?

— זיי האָבן זיך פאַרהאַלטן אין זייערע קאַבינעס לענגער ווי דער טערמין איז... צוליב דעם כאָר... כדי עס זאָל זיך נישט צעפאַלן דער כאָר —

— צוליב דעם כאָר? אינטערעסאַנט... איז כדי זיי זאָלן אויך ווייטער קענען אָנטיילנעמען אין דעם כאָר, זענען זיי געבליבן אין זייערע קאַבינעס, כאָטש דער טערמין פון זייערע בילעטן איז שוין לאַנג אָפּגעלאָפן... אַ־האָ! איצט פאַרשטיי איך! איצט איז שוין אַלץ דייטלעך —

— גאָרנישט איז נישט דייטלעך! אַז דער טערמין פון זייערע בילעטן האָט זיך געענדיקט, האָבן זיי איינער נאָכן אַנדערן באַשטעלט פאַר זיך פרישע בילעטן —

די זשאַנדאַרמען האָבן זיך פאַרלוירענע איבערגעקוקט:

— האָבן זיי, הייסט עס, יאָ באַצאָלט פאַר דער איבעריקער צייט, וואָס זיי האָבן זיך גענוצט מיט די קאַבינעס?

— נו, זעלבסטפאַרשטענדלעך!

דער זשאַנדאַרם האָט אָפּגעווישט דעם שוויים פונעם שטערן:

— פו, אַ מאָדנע פּלאָנטער... איז אייגנטלעך — אויב זיי האָבן יאָ געצאָלט... פריער געצאָלט און שפּעטער ווידער געצאָלט — איז אין וואָס זשע קלאָגט איר זיי אָן?

— איך קלאָג זיי אָן?

— ווער דען? איך קלאָג זיין אָן?

— נישט איך און נישט איר! די גאַנצע סומאַטאָכע האָט אָנגעמאַכט אָט דער אַלטער... אַזוי ווי ער אַליין קען שוין מסתם נישט זינגען, נאָר כאָרכלען ווי אַ נישט־דערקוילעטע גאַנדז, דעריבער קען ער נישט פאַרליידן פאַר וואָס אַנדערע זינגען אַזוי שיין —

אַלע וואַרטנדיקע האָבן אַרויסגעפּלאַצט מיט אַ געלעכטער און די

זשאַנדאַרמען האָבן געוואָרפֿן וועלפֿישע בליקן אויף אַט דעם אַלטן פֿאַר־סאַזשעטן שטערער פֿון דער עפֿנטלעכער אָרדענונג.

דער גאַנצער עולם איז געווען אַזוי אַריינגעטון אין דעם דיאַלאָג צווישן דעם פּאַטראָן פֿון דער באָד מיטן זשאַנדאַרם, אַז קיינער פֿון זיי האָט זיך נישט געכאַפּט דערויף, אַז דאָס געזאַנג האָט שוין לאַנג אויפֿגעהערט און אין דעם אָקופּירטן קאָרידאָר הערשט אַן אידיאַלע שטילקייט. דאָס האָבן די מיידלעך אין די כאַלאַטן שטילערהייט איבערגעגעבן די משוררים אין די קאַבינעס, אַז אין צוזאַמענהאַנג מיט זייער פֿאַרהאַלטן לענגער די קאַבינעס, איז אַרויסגערופֿן געוואָרן פּאָליציי, וועלכע שטעלט איצט צונויף אַ פּראָטאָקאָל —

דערהערט דאָס וואָרט „פּאָליציי”, איז דער היכל־הנגינה גלייך פֿאַרשטומט געוואָרן און די „ווערעטן” האָבן זיך בחפזון גדול גענומען אָנטון.

ווען דער עולם האָט אויסגעשאָסן מיט אַ געלעכטער אויפֿן חשבון פֿונעם „אַלטן דראַנג”, האָבן זיך כמעט גלייכצייטיק אויפֿגעשלאָסן אַלע טירן פֿון די ״קאָנצערטנע קאַבינעס” און די אַרויסגעקומענע פֿון דאָרטן האָבן זיך אויסגעשטעלט צו דער קאַסע אין דער ריי צו באַצאָלן די „תוספת כתובה”, וואָס זיי האָבן זיך מתחייב געווען צו באַצאָלן. פֿון דעם הילכיקן געלעכטער, וואָס האָט זיך צעגעבן אין וואַרטצימער בשעת זייער אַריינקומען, האָבן זיי פֿאַרשטאַנען, אַז די זאַך מיט דער פּאָליציי איז נישט אַזוי ערנסט, ווי זיי האָבן זיך פֿאָרגעשטעלט. שטייענדיק אין דער ריי צו דער קאַסע האָבן די „משוררים” זיך נייגעריק איינגעקוקט איינער אין צווייטן און אומבאַקאַנטערהייט גנבה׳ש געשמייכלט איינער צום אַנדערן ווי די ווייסע־חברהניקעס, וואָס האָבן דעם שטעטל אָפּגעטון אַזאַ שפּיצל, וואָס מען וועט זיי האָבן לאַנג צו גערעדנקען.

די קאַסירשע, אַ צעפּאַטלטע און אַ פֿאַרפּלאָנטע האָט גענומען געלט און פֿאַר זייערע אויגן צעריסן די בילעטן. די באַדינערינס אויפֿן קאָרידאָר האָבן פֿאַרכלינענדיק זיך אויסגערופֿן אויפֿן קול די וויטערדיקע נומערן, איין נומער נאָכן אַנדערן, איין נומער נאָכן אַנדערן. אַ טונק־איין דאָס בעזעמל אין עמערל, אַ וויש, אַ שפּריץ און — אויסגערופֿן אַ נומער. די זשאַנדאַרמען זענען עפּעס געווען מטושטש. זיי האָבן זיך אויפֿגעזעצט אויף זייערע „רעדלעך” און נישט אויפֿגעהערט צו פֿרעגן איינער ביים צווייטן:

— וואָס אייגנטלעך האָבן זיי געוואָלט פֿון אונדז, אָט די ליידיקגייערס?

נישט ווייט פון מיר איז געשטאַנען דער בייזער קוילנטרעגער, וואָס איבער אים איז דאָ געווען די גאַנצע בהלה, און לעבן אים איז געשטאַנען זיינער אַ חבר אָדער אַ שכן — אויך אַן אַלטער און אויך אַ פּאַרסאַזשעטער. צעצאַלנדיק זיך פאַר דער גלאָז ביר, הער איך ווי דער אַלטער בונטאַר זאָגט צו זיין קאָלעגע:

— באַלד, באַלד וועלן שוין אונטערקומען אויך אונדזערע נומערן —

— יאָ, אַז מיר האָבן שוין געוואַרט אַזוי פיל, וועלן מיר שוין צוואַרטן נאָך אַ ביסל —

— אַזעלכע קאַנאַליעס! אָפּהאַלטן אַן איבעריקע שעה צייט —

— מאָל דיר, אַז נאָר אַ האַלבע שעה אַן איבעריקע. די ערשטע האַלבע שעה איז דאָך זיי געקומען, צי ניין?

דער בייזער קוילנטרעגער בייגט זיך אָן צו זיין חבר'ס אויער און שעפּטשעט אַריין שמייכלענדיק:

— און געזונגען האָבן זיי בפירוש פון אַלע אַנטיקן, מיינסט איך בין נישט קיין מבין?

— פאַר וואָס עפּעס זאָלסטו נישט זיין קיין מבין?

— ...און מיינסט, אַז איך בין געווען יונג, בין איך געווען לייטישער פון זיי? נאָך הונדערט מאָל מער וואַגאַבונד —

זה לעומת זה

א חסיד צו א חסיד איז נישט גלייך

פאַר דעם גרויסן חורבן, אַז ס'איז דערשינען אַ יידיש בוך, האָט דער לייענער עס געזוכט מיט ליכט און זיך נאָכגעפרעגט ביי דעם און ביי יענעם:

— אפשר ווייסט איר, איה מקום כבודו? ווו געפינט מען עס?

מיטן אומקום פון פוילישן און ליטווישן יידנטום האָט דער יידישער שרייבער פאַרלוירן זיין חדר. היינט ווען אַזאַ שרייבער גיט שוין אַרויס אַ ביכל איז קודם כל קומט עס אים אָן מיט גרינע ווערעם; די אויגן קריכן אים ממש אַרויס, ביז ער דערלעבט עס צו זען אויף דער ליכטיקער שיין. און ערשט דערנאָך מוז ער אַליין, מחילה בכבודו ובעצמו אַרומפאָרן איבער אַלע יידישע ישובים, זיך אַרומטראָגן מיטן פעקל ביכער איבער די הייזער און אָפשלאָגן ביי יידן די שוועלן:

— אפשר ווילט איר? אפשר דאַרפט איר? און אפשר וועט איר סתם רחמנות האָבן אויף אַ יידן אַ פאַקנטרעגער און אים לייכטער מאַכן דעם קלימעק זיינעם מיט אַ ביכל וואָג?

ס'איז אַן אַלטע מעשה: מי מחזיר אחר מי? בעל־האבידה מחזיר אחר אבידתו —

און אַז ער איז שוין מחזיר, — ממש מחזיר על הפתחים, — העלפט אים דען? געפינט ער דען צוריק די אַמאָליקע יידן און אַמאָליקע לייענערס? וויים איך וואָס — אַ חלום!

— חבל על דאבדין ולא משתכחין...

*

לייבל וויינשטאָק איז אַ שרייבער. במחילת כבודכם — אַ יידישער שרייבער —

אין דער היים ביי זיך דאָרטן, לפני הרעש, האָט ער געהאַט נישט איין אומנות! ער האָט געקענט פיל מלאכות און האָט אין קיין איינער פון זיי נישט געזען קיין איבעריקן נחת, אָבער ס'איז אים קיין מאָל נישט איינגעפאַלן, אַז אויך שרייבעריי געהערט צו די מתנות, מיט וועלכע דער הימל האָט אים באַשאָנקען. פון קינדווייז אָן האָט „די וועלט" גערעדט אויף אים, אַז ער האָט אַ געבענטשטע פען. מיט זיינס אַ צופעליק בריוועלע, וואָס לייבעלע האָט ערגעץ אָנגעוואָרפן שטייענדיק אויף איין פוס, שרייבנ־

דיק עס אויף דער קני, אָדער אויף דער וואַנט, אָדער ביי עמעצן אויף דער פּלייצע, האָט זיך די וועלט אַרומגעטראָגן ווי מיט אַן אבן־טוב, געטייטלט אויף דעם ווי אויף אַ מופת און לייטן האָבן בשום אופן נישט געוואָלט גלייבן, אַז אָט אַזאַ מעשה־רוקח האָט געקענט אָנשרייבן אַ חדר־יינגעלע.

אין גערויש פון די יאָרן איז דער רעש אַרום לייבעלעס „פּען־מטעמים" כמעט פאַרגעסן געוואָרן. וואָס עלטער דער מענטש ווערט, אַלץ קלענער ווערט די רבותא פון זיין יאָ קענען אָדער נישט קענען. נישט פאַרגעסן און זיך נישט מתיאש געווען פון אַ מאָל נאָך צו באַשאַפן „עפּעס אַזוינס", האָט זיך נאָר דער בעל דבר אַליין — לייבל וויינשטאָק. פון קליינוויז אויף האָט אים געפּיקט אין קאָפּ, אַז ער וואָלט געקענט אָנשרייבן אַ „זאַך", וואָס זאָל זיך קענען פאַרגלייכן מיט די גרויסע זאַכן שכבר יצאו להם מוניטין בעולם, וואָס די גאַנצע וועלט קלינגט מיט זיי. אָבער דאָס דחקות ביי די עלטערן אין שטוב און שפּעטער ביי זיך אַליין אין שטוב האָט אים געפּענטעט די הענט מיט די פיס און ער איז קיין מאָל נישט געקומען דערצו, אַז ער זאָל זיך קענען אַוועקזעצן און פּרוּוון זיינע כוחות אויפן שרייבערישן געביט.

דאָס לעבן איז דערווייל געגאַנגען. די צווייטע וועלט־מלחמה האָט די וויינשטאָקס אויסגעריסן פון זייערע היימען מיטן וואָרצל און האָט זיי אַזוי לאַנג אַרומגעוואָרפן און אַרומגעשליידערט מגוי אל גוי וממלכה אל עם אחר, ביז זיי זענען נאָך דער קריג מגולגל געוואָרן אין אַ די־פּי לאַגער, ווו זיי זענען געבליבן שטעקן גאַנצע דריי יאָר. און דאָרט האָט לייבל אויסגעפירט זיינס! ווי איינער רעדט — כאן מצא בעל־חוב לגבות את חובו! ער האָט אַ מאַך געטון מיט דער האַנט אויף אַלע הבלי עולם־הזה; ער האָט זיך אויף יאָרנלאַנג אָפּגעשפּאַרט פון דער גאַנצער וועלט און האָט אַרויפגעכאַפּט אויף פּאַפּיר דאָס, וואָס ס'האָט אים געשטיקט און געוואָרגן אַלע זיינע יאָרן. קומענדיק קיין פּאַריז מיט זיין „פּאַפּירענעם אוצר", האָט ער געגלייבט, אַז ווי נאָר ער וועט וועמען ס'איז מגלה זיין אַ טפח, אַ כי־הוא־זה פון זיין „אוצר בלום", וועט זיך אויפהייבן אַ רעש:

— שאו שערים ראשיכם והנשאו פתחי עולם —

אַזוי האָט לייבל געגלייבט, דער גליקלעך־מעוברת'ער לייבל. פּאַקטיש איז דאָס אָבער צוגעגאַנגען אַ ביסעלע אַנדערש... ער האָט געוויזן זיין ווערק צו די „בעלי־תריסין" און דעה־זאָגערס פון דער עיר ואם בישראל: פּאַריז, און געוויזן האָט ער בפירוש נישט נאָר קיין טפח און קיין שפּיץ־ברוסט, ווי ער האָט פריער ביי זיך אָפּגעמאַכט. ער האָט זיין ווערק

געגעבן צו לייענען נישט איינעם און נישט צוויי, נאָר אפשר אַ טוץ „גדולים" פון אַלע אינסטיטוציעס, וואָס זיי זענען ממונה לאותו דבר, אַכטונג צו געבן אויף דעם מצב פון קולטור און ליטעראַטור און אַלע אַנדערע „טורן", און וואָס דאַרפן זיין גרייט מיט אַלע אַקושערסקע מכשירים כביכול: טאָמער באַווייזט זיך ביי אַ יידישן שרייבער אַ רמז פון „ווייען", פון חבלי־לידה, מוזן זיי שטייען גרייט „אַפצונעמען דאָס קינד", דעם רך הנולד, און זיך מיט אים מטפל זיין ככתוב, ווי עס שטייט ביי זיי דאָרטן געשריבן אין אַלע פּראָגראַמען און טראַקטאַטן... און ס'איז בפירוש אַלעמען געפעלן געוואָרן און אַלע האָבן זיי אים פאַרויסגעזאָגט גרויס דערפאָלג און ווייטע באַרימטקייט און אפילו ביאַליק־פּרייז און גאָנקור־פּרייז און נאָבל־פּרייז, — מיט איין וואָרט: אויף קיין שבחים האָט מען זיך נישט געקאַרגט. ווען זשע איז דאָס אַלץ גערעדט געוואָרן? אויב ער קען זיינע ביכער אַרויסגעבן פון זיין אייגענעם טאַש! אָבער אויף צו געבן וועלכע עס איז ממשותדיקע הילף צום אַרויסגעבן דאָס בוך, — דערויף איז קיינער נישט געווען אין דער היים...

און חדשים זענען דערווייל געפלויגן פונעם קאַלענדאַר, ווי די שוואַרצע ראָבן פונעם קוימען. לייבלס פאַמיליע האָט געליטן הונגער און קעלט און לייבל איז אַלץ אַרומגעלאָפן איבער די צענדליקער אינסטיטוציעס, זיך מכניע געווען פאַר די איבערגעפרעסענע אבות־העיר, זיך געוואַלגערט הינטער די טירן פון די עם־האַרצישע כלומרשטדיקע עוסקים בצרכי־ציבור און — רעד צום לאָמפּ! די היינטיקע פּאַסקודנע וועלט — זאָגן זיי — האָט נישט פאַרדינט, אַז מען זאָל זי מכבד זיין מיט אַזאַ אויסערגעוויינלעך־געראָטן ווערק; זאָל ער, ווײנשטאָק, — עצה'ן זיי אים, די אבי־אבות פון די קהלישע פינאַנסן מיט די קופערנע שטערנס — זאָל ער שוין בעסער באַהאַלטן זיין מתנת־אלקים פאַר שפּעטערע דורות און ביז עפּעס וואָס זיך גיין לערנען פרעסן הויזן...

די פאַמיליע, גוטע שכנים, און סתם גוטע ברידער, — יידן בני־רחמנים, האָבן לייבלען אויך געעצה'ט אַפּלייגן זיין ליטעראַרישן חלום אויף בעסערע צייטן.

— דו זעסט דאָך גוט — האָבן זיי געטענה'ט — אַז דו קלאַפּסט מיט דיינע שוואַכע קולאַקעס אין אַן אייזערנער וואַנט. אַט די פאַריזער ביוראָקראַטן פעלן אוים יידישע ביכער? ווען דו זאָלסט זיי נאָך פאַרלייגן: אַ באַל לטובת קעבעבע, ווו מען קען מאַכן אַ קערטל און זיך אפילו דורכטענצלען אויב מען קען נאָר, — מנע! וואָלט מען נאָך מיט דיר

אפשר גערעדט, צי למשל אַ יידישע פּליטע, אָדער אַן אַפּערעטקע מיט אַזאַ ציקאַווע נאָמען, ווי: „האָצמאַך קריכט אויף דער לבנה“, אָדער: „דער קעניג פאַרוק רייטנדיק אויף אַ זשאַבע“, וואָלט עס זיי נאָך אפשר אַ נעם געטון, אָבער — ביכער-שמיכער, אויף וועלכע מען דאַרף טאַקע אויפשליסן דעם שופלאָד און ערשט דערנאָך זיי אָפּלאָזן מיטן וויכער? וואָרעם ווער לייענט היינט? און ווען מען ליגט דער קאָפּ דערביי, אַז ער זאָל זען, אַז עס זאָל ביי יידן זיין, וואָס צו לייענען? און סתם, זאָג מיר, צו וואָס זאָל ער אפילו איינטונקען אַ פינגער אין קאַלט וואַסער, אַז ער האָט אַזוי אויך אַ וואָרעם שטולעכל, אַ פעטן געהאַלט און דערצו נאָך אַ שם פון אַ לאַנגיאָריקן עסקן בצרכי צבור באמונה... צו וואָס, פרעגט זיך, זאָל ער זיך גיין הרגענען און קריגן מיט דער גאַנצער וועלט פאַר דיר? דו קענסט אַזוי אַ לעבן לאַנג זיך בוקן פאַר אָט די פראַנצימירישע אדונים מיט זייערע שרײַ-קאַלטע אונטערלעקערס און זיך נישט אַ ריר טון מיט דיין אונטערנעמונג אויף קיין איין ווערשאַק. פאָלג אונדז, גיב אַ כראַקע אויף דעם אַלעמען —

לייבל וויינשטאָק האָט אָבער נישט געהאַט קיין כח אַ כראַקע צו טון. וואָס מער ער האָט געליטן איבער זיין „איינרעדעניש“, אַלץ טיפער אין האַרצן און אין בלוט האָט זיך ביי אים באַזעצט דער געדאַנק, אַז ער מוז ברענגען זיין שאַפונג צו אַ גוטן תכלית! ער מוז, ווען ער זאָל אפילו וויסן, אַז דאָס וועט אים קאָסטן דאָס לעבן —

ער פלעגט קוקן אויף זיינע קונטרסים און וויינען מיט בלוטיקע טרערן, ווי מען וויינט צוקאָפּנס פון אַ חולה-מסוכן...

— הלך ילך ובכה נושא משך הזרע...

סוף כל סוף האָט אויך לייבל תופס געווען, אַז די „מאַרגנס“ מיט די „איבערמאָרגנס“ פון די „שבעה טובי העיר“ און פון די צענדליקער פרעזידענטן און גענעראַל-סעקרעטאַרן פון די געזעלשאַפטלעכע זומפן זענען פון דער לכתחילה נאָר באַשאַפן געוואָרן מיט דער פאַסקודנינקער כוונה:

— צו וואָס טויג מיר בלייבן אַ שלעכטער, ווען איך קען פאַר דעם זעלבן געלט בלייבן אַ גוטער?

ענדלעך האָט לייבל זיך אויסגעניכטערט פון די פאַרסמ'ענדיקע צוזאָגעכטסן און האָט אָנגעהויבן צו זוכן מער רעאַלע דרכים, ווי אַזוי צו ברענגען זיין ווערק אויף דער לעבעדיקער וועלט. דער אייגנטימער פון

דער דרוקעריי, צו וועלכער ער האָט זיך גאָר נישט לייכט דערפרעגט, האָט אים געמאָלדן טרוקן און געשעפטלעך:

— איך קען אייך אַרויסגעבן דאָס ווערק בתנאי, אויב איר וועט קודם אַריינטראָגן האַנט-געלט כך וכך און ווען די ביכער וועלן זיין פאַרטיק, וועט איר מיר דאַרפן אויסשטעלן וועקסלעך, אַז איר וועט מאָנאַטלעך אַריינטראָגן —

לייבל האָט געווײנט פאַר פרייד און האָט בשמחה ובששון נאָכגעגעשאָקלט מיטן קאָפּ אויף אַלץ, אויף אַלץ, אַבי דאָס בוך זאָל שוין אַ מאָל דערזען די ליכטיקע שיין —

נישט האָבנדיק קיין מזומנים אויף אָפּצוצאָלן דעם אַדערויף, האָט לייבל זיך אָנגעבאָרגט גמילות-חסדימלעך „ביי דער זון און ביי דער לבנה" והמותר האָט ער פאַר אַ משכון געבראַכט צו טאַסקען אין דרוקעריי אַריין אַלע זיינע מער ווייניקער ווערטבאַרע חפצים פון דער שטוב, אָנהייבנדיק פון דעם ווייבס פּוטערמאַנטל ביזן חנוכה-לעמפל און בשמים-ביקסל.

עס האָט גענומען אַ לאַנגע, לאַנגע זמן, אָבער ענדלעך איז וויינשטאָקס ווערק אַרויס פון דרוק אין עטלעכע כרכים.

בימי הדרוקן זיך איז לייבל געווען מער ווי זיכער און ער האָט זיך געגעבן די מי מיט זיין זיכערקייט אָנצושטעקן אויך דעם אַרומיקן גראָבקעפּיקן עולם, אַז דער גאַנצער טיראַזש ביכער וואָס ער דרוקט, וועט אים נישט קלעקן אויף „אָנצוהאָדעווען" בלויז פּאַריזער יידן אַליין. עפּעס אַ שפּאַס — פּאַריז?! אויב עס זאָל אפילו נאָר קויפן איין ייד פון הונדערט, — דאָס זאָגט ער שוין פאַר אַ גוזמא! — וועט אים אויך קיין ביכער נישט קלעקן. און פאַר די יידן פון דער פּראָנצויזישער פּראָווינץ וועט מען גלייך מוזן אָנהייבן דרוקן אַ צווייטע אויפלאַגע. און פאַר די יידן פון ענגלאַנד און בעלגיע און פון דער שווייץ און פון האָלאַנד — אַ חוץ אַן אויפלאַגע! און די יידן פון אַרגענטינע און פון בראַזיל האָבן קיין נשמות נישט? — מוז מען פאַר זיי אָפּבאַקן אַ באַזונדער אויפלאַגע! און וואָס האָבן נעבעך געזינדיקט די יידן פון ישראל?

— רבונו-של-עולם — פלעגט לייבל פאַר זיך אַליין אויסשרייען אין עקסטאַז — דאָס הייסט דאָך טאַקע באמת: והריקותי לכם ברכה עד בלי די, עד שיבלו שפתותיכם מלומר די! און צו וואָס דאַרף ער עס אַזוי פיל געלט? סתם אַבי האַלטן עס? וואָס וועט ער טאָן מיט דעם?

גאָט האָט געהאָלפן, — ווי דען? אַז מען לעבט, דערלעבט מען! — און מען האָט צו לייבל וויינשטאָק, אין זיין ענג און פינצטער דירה'לע

געבראַכט צו פירן דעם ערשטן טראַנספּאָרט ביכער — עטלעכע מאות עקזעמפּלאַרן. אַ שמחה, אַ גדולה! באַקאַנטע און פריינד האָבן אָפּגעגעבן אַ ברייטן מזל-טוב און האָבן דערביי צוגעווינטשן, ווי צו אַ חתונה:

— איר זאָלט דערלעבן פיל נחת פון זיי און זיך שנעל אָפּפּאַרטיקן מיט זיי, ווייל נישט דאָס איז סחורה וואָס ליגט, נאָר די וואָס לויפט און לאָזט זיך נישט איינהאַלטן —

האָט לייבל געדאַנקט פאַר די גוטע ווונטשן און בשעת-מעשה ביי זיך אין האַרצן חוזק געמאַכט פון זיי:

— נאַראָנים בלייבן נאַראָנים! מיט אַזעלכע ביכער האָט ער אַ דאגה פאַר קונים? אָט שוטים! פאַר וואָס ער האָט יאָ מרה-שחורה איז: אַז די שטאָט וועט פּלוצלינג געוויר ווערן, אַז דאָס לאַנג-דערוואַרטע ווערק איז שוין דאָ, זאָל חלילה נישט ווערן אַזאַ געדראַנג אויף זיין געסל און אַזאַ רייסעניש צווישן די קונים, אַז עס קען חלילה וחס קומען צו הריגות. אָט פאַר וואָס ער האָט מורא געהאַט! ער האָט נעבעך געציטערט אימת-מות, אַז עס זאָלן חלילה נישט זיין קיין מענטשלעכע קרבנות פון דער גרויסער שפע, וואָס דאַרף זיך אַראָפּלאָזן אויף אים אין צוזאַמענהאַנג מיטן רך הנולד.

און עס דערמאָנט זיך אים אַ מעשה-נורא פון „נביאים", ווו די ישועה האָט גלייכצייטיק געבראַכט אויך צו אַ מענטשלעכן קרבן —

...ויהי סאה-סולת בשקל וסאתים שעורים בשקל כדבר ד'; והמלך הפקיד את השליש אשר נשען על ידו על השער וירמסוהו העם בשער וימות...

צוריקגעשמועסט — טראַכט ער זיך אַליין — טרעפט מען אין דער תורה-הקדושה עפּעס אַנדערש אויך —

און עס דערמאָנט זיך אים אַ צוזאָג און אַ ברכה פון פרשת „עקב":

...לא תוכל כלותם מהר, פן תרבה עליך חית השדה...

עטלעכע בעלי-בתים פון דער שול, וואָס האָבן זייערע „שטעט" אויף דער זעלבער באַנק וואָס ער, האָבן אים פייערלעך געמאָלדן:

— פאַרלירט נישט דעם קוראַזש, פריינד ווײַנשטאָק! מיר וועלן ביי אייך נעמען אייער בוך!

האָט זיי לייבל אָפּגעמאָסטן מיט אַ וויסטן בליק פונעם קאָפּ ביז די פיס. ווען ער איז נישט אַזוי אויפגעלייגט פון זיין נצחון און וויל נישט זיך אַליין פאַרשטערן די שמחה און לא כל שכן די שמחה-כללית, וואָלט ער זיי שוין דווקא געוויזן אַ ביכער-נעמעניש, וואָלט זיי דאַכט זיך אַ נעם

געטון ביים בויך און ביי די קישקעס, נאָר ער וועט דאָך נישט זיין קיין מלבין פני חבירו ברבים, האָט ער זיי געענטפערט קאַלטבלוטיק און כמעט שטרענג:

— אַ דאַנק אייך פאַר אייער גוטן ווילן, אָבער איך קלער אפילו נישט צו פאַרלירן דעם קוראַזש און קיין מוכר־ספרים בין איך נישט! אויב איר ווילט קויפן מיינעם אַ גאַנג ספרים דאַרפט איר זיך מטריח זיין אויפן „פלעצל" צום מוכר־ספרים. איך וועל אים נישט משיג־גבול זיין!

די יידן האָבן באַליידיקטע געקוועטשט מיט די אַקסלען:

— מילא ניין, דאַרף מען נישט. מען קען לעבן בלייבן אַזוי אויך.

לייבל מיט זיין ווייב און קינדער האָבן אָפּגעטראָגן אַ מאה ביכער אין די יידישע ביכער־קליטן, וואָס געפינען זיך אין יידישן קוואַרטאַל אויפן „פלעצל" מיט אַזאַ שמחה, פונקט ווי דער יידישער פויער פלעגט בימי הבית ברענגען בכורים אין בית־המקדש אַריין. ער האָט זיי איבער־געלאָזט זיין אַדרעס און האָט זיי אָנגעזאָגט מיטן הארבן וואָרט, אַז באם עס וועט זיי אויספעלן סחורה זאָלן זיי אים אַ ידיעה געבן מיט אַ פנעאומאַטיק. אויף זיין חשבון!

אַ וואָך צייט איז ער געזעסן אין שטוב, ווי אויף הייסע קוילן — דאָס „פלעצל" שווייגט! נישט קיין פנעאומאַטיק, נישט אפילו קיין פּראָסטער בריוו — סאַבאַטאַזש! און לייזן פאַר די ביכער, ווייסט ער גוט, לייזט מען דאָך יאָ! דער שול־שכן פון דער רעכטער האַנט האָט אים דערציילט, אַז ער האַלט שוין אין בוך דאָ און דאָ און ס'איז צוקערזים, און דער שול־שכן פון דער לינקער האַנט האָט אים דערציילט, אַז ער האַלט שוין אין בוך דאָרט און דאָרט און ס'איז מלא־טעם, ממש — טועמיה חיים זכו, און ביכער האָט ער אין יעדן קלייטל איבערגעלאָזט בסך־הכל צו פופציק שטיק, היינט פרעגט זיך: פאַר וואָס זשע שווייגן זיי, די אַזעלכע און אַזעלכע?

פאַרנדיק אויפן „פלעצל" איז ער גרייט געוועזן די קאַלטבלוטיקע בוכ־הענדלערס קורע כדג זיין. ווי אַזוי האַלט מען עס ביי זיך פרעמד געלט און מען שלאָפט רואיק? און טאָמער, לא יעלה ולא יבא, האָט יענער נישט אויף דער הוצאה? און טאָמער לויפן ביי יענעם אונטער וועקסלעך צום באַצאָלן? מה נאמר ומה נדבר, — נישטאָ קיין יושר אויף דער וועלט און שוין!

לייבל איז נבהל ונשתומם געוואָרן, ווען ער האָט דערזען, אַז די פּעק מיט זיינע ביכער אַזוי ווי ער האָט זיי דאָרט אַנידערגעלייגט, אַזוי ליגן

זיי זיך אין ווינקל בשלמות. אין יעדן קלייטל באַזונדער האָט געפעלט צום סכום צו איין ביכל. טאַקע די איינציקע פאַר ביכלעך, וואָס זיינע שול־שכנים האָבן זיך איינגעהאַנדלט... און די איבעריקע ליגן זיך ווי די סמאַ־טיקעס און שוויגן שטיל...

דערפאַר אָבער, אין אַ שעה אַרום, אַוועקגייענדיק פון די געניטע בוכ־הענדלערס האָט שוין לייבל געגוי געוווסט די סיבה, פאַר וואָס זיינע ביכער ליגן אין אַ קרן־זווית כאבן שאין לו הופכין. אַ פאַרשעמטער און אַ דער־נידעריקטער איז לייבל געשטאַנען פאַר זיינע „שופטים" און האָט אַריינ־געכאַפּט אַ פאַרציע:

— אַז איר זענט אַ בטלן אַ ייִד, ווער זשע איז אייך שולדיק? אין היינטיקע צייטן, אַז מען האָט קיין שכל נישט, דאַרף מען קיין יאָרן אויך נישט האָבן! קודם כל מוזט איר דאָך פאַרשטיין דעם עצם פּראָבלעם, דעם אַזוי גערופענעם: עיקר־העיקרים, אַז וואָס? אַז אַ בוך ווערט היינט נישט געקויפט לשם לייענען, — וועלכער שוטה זעצט זיך עס היינט אַוועק לייענען ביכער? און נאָך אין עטלעכע כרכים? מעג דאָס בוך זיין אַ שעקספּיראָווסקע זאַך, אַ צווייטער „מלחמה און שלום", זענען היינט נישטאָ אַזעלכע משוגעים! די טעלעוויזיע האָט שוין לאַנג אָפּגעזאָגט אַ רבנן־קדיש נאָך אַלע מינים ביכער, אפילו די בעסטע און די קורצסטע. וואָס זשע דען? דאַרף מען דאָס בוך פאַרוואַנדלען אין אַן „אָקציע", אין אַן אָביעקט פון געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט, פון פאַרשפּרייטן „קולטור" —

— אויף אַלע שבעה ימ'ען?

— אייער באָבעס דאגה! זאָל אפילו זיין אויף אַלע שבעים ושבעה ימ'ען... און צוליב דעם האָט איר געמוזט פריער — אָדער אפשר קענט איר עס טון נאָך איצט אויך, עס קען זייער געמאָלט זיין, אַז איר האָט נאָך עד היום גאָרנישט אָנגעווווירן — אַריינטרעטן אין אַ פּאַרטיי... אין איינער פון די פּאַרטייען, וועלכע טרומייטערן אויף דער גאַנצער וועלט, אַז זיי פאַר־שפּרייטן קולטור אויף דער ייִדישער גאַס. זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז איך שיק אייך נישט צו די כלומר'שטע קאָמוניסטלעך. דאָס וואָלט דאָך טאַקע געווען: נזם זהב באַף חזיר... און זיי אַליין זוכן אויך נישט מיט קיין ליכט דייקא און דווקא אַ בעלזער חסיד... זיי זענען נישט שטאַרק מקפּיד, אויב דער, וואָס וויל אָנקומען אין זייער חברותא, איז אַ חסיד פון אַן אַנדער רבי'ן... אָבער נעמט למשל: די מפא"י. צי זיי מאַכן אין גאַנצן גוט, צי ניִשט אין גאַנצן, — אָבער זיי שטייען איצט ביים ברעטל, זיי פירן אָן מיט דער קאָמאַנדע און „האוחז ביד" איז פון קדמונים אָן אַ וואָגיקע

תפילה! צי נעמט למשל: די מזרחי. זיי זענען שוין דווקא נישט אַזעלכע קנאַקערס ווי די מפא"י, צי אפשר זענען זיי גאַרנישט קיין קנאַקערס, אָבער ווי די זאַך איז — קיין אייגענעם מענטשן וועט מען נישט לאָזן פאַלן. אַז זיי וועלן אַריינשיקן אַ בוך צו זייערן אַ פּאַרטיי-חבר, וועט מען פאַר אים באַצאָלן. צי יענער דאַרף דעם בוך אָנשטאָט אַ פיל צום שלאָף, צי ער דאַרף אים אויף כפרות, צי אפילו אויף כפרות אויך נישט, — אָבער ער וועט נישט מעיז-פנים זיין פאַר דער פּאַרטיי. דינא דמלכותא דינא! צי נעמט אפילו די רעוויזיאָניסטן. איך זאָג: „אפילו", יענע זאָגן דאָך גאָר אויף זיך: לי משפט הבכורה! בקיצור — וואָס זיי זענען, זענען זיי, אָבער אַ בוך פון זייערן אַ פּאַרטיי-חבר וועלן זיי פאַרצוקערן נאָך גיכער פון דער מזרחי און אפילו פון דער מפא"י אויך... דאָס, ברודער-לעבן, איז די איינציקע תרופה צו אַ יידיש בוך, אויב איר ווילט נישט, אַז די עכברים זאָלן ביי אייך היינטיקס יאָר האָבן אַ סעודה כסעודת שלמה בשעתו —

לייבל האָט זיך אָנגערופן מיט אַ טאָן פון עכטער אַנטשלאָסנקייט:

— זיי זאָלן מיר אפילו צוזאָגן הרים גבעות, וועל איך נישט גיין אין קיין שום פּאַרטיי! נישט אין אייער האוחז-ביד-פּאַרטיי, נישט אין דער גאַרנישט-קיין-קנאַקערס-פּאַרטיי און אפילו נישט אין דער בכורים-פּאַרטיי! איך האַלט, אַז דער ייד, וואָס גייט אין אַ פּאַרטיי — הוציא את עצמו מן הכלל! און איך וויל געהערן צום גאַנצן כלל ישראל, פּונקט ווי דער גאַנצער כלל ישראל געהערט צו מיר, האָט איר מיך פאַרשטאַנען, אדוני המוכר-ספרים?

— איך האָב פאַרשטאַנען, וואָס דען, איך האָב נישט פאַרשטאַנען? איך האָב פאַרשטאַנען, אַז איר זענט אַ בטלן הגדול, הגבור והנורא און איך בין אייך מבטיח, אַז איר וועט קיין מאָל נישט האָבן צו געבן דעם ווייב אייערן אין מאַרק אַריין —

— בייסט אייך אָפּ אַ האַלבע צונג!

— גם אתם! בקיצור, איך קען מיין קאָפּ אויף אייך נישט אַרויפזעצן. אויב איר זענט אַ יאָלד, איז אייער ווייבס גליק און ביי מיר, אַז אייער פעקל וועט אָפּליגן נאָך אַ וואָך אָדער צוויי און קיינער וועט זיך צו דעם נישט צורירן אַזוי ווי ביז אַהער, וועט איר עס מוזן במחילה נעמען אויף צוריק, ווייל קיין סקלאַד האָב איך נישט און אויב איך וועל זיין געצוווּנגען עס אַראָפּצושיקן אין קעלער אַריין, וועט איר שוין זען פון אייערע ביכער נאָר די אותיות-פורחות —

דער צווייטער מוכר-ספרים האָט צו לייבלען שוין גערעדט אַ ביסל מענטשלעכער:

— מילא, אַז צו קיין פּאַרטיי געהערט איר נישט און קיין שום אינסטיטוציע שטייט נישט הינטער אייערע פּלייצעס, טוט זשע כאָטש אַלץ, וואָס ס'איז אָפּהענגיק פון אייך. צעטראָגט אייערע ביכער יעדן שרייבער און ספק-שרייבער און ערב-שרייבער און מוצאי-שרייבער, מילא אַן עק! זאָל מען כאָטש רעדן פון אייך און שרייבן וועגן אייך און דער עיקר — זעט, אַז אין אַלע צייטונגען זאָלן טאָג-טעגלעך זיין גרויסע אַנאָנסן וועגן אייער בוך. דאָס טשמעליעט אַ ביסל אין קאָפּ אַריין, ווי אַן איינגעגעסענע פליג. און נאָך איין זאַך: זעט צו דרוקן אין די צייטונגען וואָס מער פראַגמענטן פון אייער ווערק, וואָס מער, וואָס מער איז אַלץ גלייכער, דאָס האָט דעם זעלבן כאַראַקטער, ווי צום ביישפּיל: אויסוואַרע-מונג-קאָמפּרעסן; צולייגן אַ גאַרטשיטשניק; אַ שטיקל קאַנדלצוקער אין מויל פאַר אַ סגולה צום הוסט. איך רעכן אייך אויס ספּעציעל אַזעלכע זאַכן, וואָס קוים דאַרף מען דאָס טון, איז וואָס מער מען טוט עס, איז אַלץ גלייכער... און צו דעם אַלעמען מוז מען נאָך האָבן אַ שטיקעלע מזל אויך, כאָטש אַ ברויזן, אַ שמעק אַ לעק — און ערשט אַז מען האָט אָט דאָס אַלץ צוזאַמען, קען מען ערשט האָפן צום אייביקן — אולי ירחם... אָבער קיין גרויסע זאַכן זאָלט איר אויף דעם אַלעמען נישט בויען —

ס'איז פאַריבער אַ גאַנצער חודש צייט —

לייבל איז מיט גאָטס הילף און אַ דאַנק די פּאַריזער קונים אויף אַ יידיש בוך געוואָרן אַ פּראַקטישער מענטש. ער איז שנעל געוואויר געוואָרן, אַז יעדעס איינציקע בוך, וואָס עס ווערט פאַרקויפט איז אַ נס מן השמים און אַ ראיה האָט ער — לאו בכל יומא איתרחיש ניסא! נישט אַלע טאָג ווערט פאַרקויפט אַ בוך! ער האָט פאַרבויגן זיין נאַריש גאות און האָט אָנגעהויבן בעטן ביי יעדן איינעם פון די היימישע מענטשן — עס פאַר-שטייט זיך, אַז פריער בלחש, אויפן אויער, און דערנאָך אַלץ העכער און העכער, פאַרקערט די חקירה! זאָל אַ צווייטער אויך דערהערן! — אפשר ווייסט ער פון אַ פּאָר פיינע מענטשן, וואָס מען קען צו זיי אַרויפגיין מיט אַ בוך —

די ידידים ורעים האָבן דערהערנדיק זיינע רייד געגאַפט און געשטוינט:

— איר וועט אַליין צו זיי אַרויפגיין מיטן בוך?

— אַן אַנדער ברירה האָב איך? אַז דער באַרג גייט נישט צו מוחמד'ן —

און ס'איז אַוועק אַ גאַנג —

די וועקסעלעך, וועלכע לייבל האָט אויסגעשטעלט דעם דרוקער מיט

אַזאַ משונה׳דיקער פרייד, ממש מיט: גילה, רינה, דיצה וחדוה, האָבן איצט געשטיקט און געוואָרגן און גענומען פאַרן גאָרגל און געטריבן מיט די ביכער אין די הייזער!

און דער שרייבער לייבל ווײַנשטאָק איז געוואָרן אַ טיפּישער מחזיר על הפּתחים. און ער האָט אין פיל הינזיכטן טאַקע דערמאָנט אין יענע שטענדיקע אָרעמעלייט, וואָס פלעגן אין די ערב־שבת׳ן זיך „אַרויסלאָזן" איבער דער שטאָט. דער חילוק צווישן יענע פון דאַמאָלסט און אים פון היינט איז געווען כמעט אַ נישט־אָנזעעוודיקער. יענע האָבן געטראָגן אין דער האַנט אַ לייוונטענע טאָרבע און ער — אַן אָפּגעריבענע, אַ לעדערנע; יענע האָבן געלייגט אין דער טאָרבע אַריין און ער — פון איר; יענע האָבן באַקומענדיק די פּאַדאַטשקע איבערגעלאָזט דעם בעל־הבית בלויז ברכות און ער האָט צו די גוטע ווונטשן נאָך צוגעגעבן אויך אַ ביכל, אָדער עטלעכע ביכלעך, אָפּהענגיק וואָס פאַר אַ נעמער יענער איז געווען...

אין זיינע ביטערע וואָגלעניש איבער דעם אומענדלעכן כרך פּאַריז, — אַ מאָל צוזאַמען מיט זיין פרוי, אַן אַנדער מאָל מיט אַ קינד — האָט ער זיך שוין לאַנג מיאש געווען פון צו טרעפן אַ קונה, וועלכער זאָל זען אין אים נישט קיין מקבל מיט אַ ביכל פאַר אַן אויסרעד, נאָר אַ שרייבער וועלכער האָט באַשאַפן אַ זאַך, וואָס קען דעם לייענער — אויב ער זאָל זיך נאָר וועלן נעמען דערצו — פאַרשאַפן פיל פרייד און פאַרגעניגן. ער איז נוטה געווען צו גלייבן, אַז בכלל עקזיסטירן שוין היינט נישט קיין לייענער ווי אַזעלכע. אַריינקומענדיק צו אַ בעל־אַדרעס, — לויט די רייד פון דעם אַדרעס־געבער — אַן אייזערנע וואַנט! — איז אויב יענער האָט נישט פאַרקלאַפּט די טיר אונטער דער נאָז, האָט ער געהאַט אַ גאַנצן אַרסענאַל מיט תירוצים אויף זיך אַרויסצודרייען פון צו קויפן אַ בוך:

— ליבער מענטש, איך שאַץ אָפּ זייער הויך אייער אַרבעט, אָבער אַז איך קום נישט דערצו! אויב איר קענט מיר צוגעבן צום בוך אַ ביסל צייט אויך — נעם איך אים ביי אייך. נעם איך ביי אייך אַלע מיט אַ מאָל —

— חבר שרייבער, איר ווילט מיר איינרעדן, אַז איך וועל לייענען אַ בוך? מה־דאָך, אַז איך לייען נישט קיין צייטונג —

— זאָגט מיר ביטע, איר באַרעכנט נאָר זיך! איר דאַרפט צעשטעקן די קראָם און מער גייט אייך גאָר נישט אָן. און ווו זאָל איך זיי לייגן, אייערע ביכער? אין דער ביבליאָטעק, פאַרשטייט איר דאָך אַליין, קען איך זיי נישט אַריינשטעלן. עס קומען אַריין צו מיר פאַרשידענע מענטשן...

זיי מוזן נישט געווויר ווערן, אַז דאָ איז נאָך יידיש אַ גאַנגבאַר אַרטיקל... פּרעגט זיך — ווו דען? סיידן וואָרט אונטער, איך האַלט ביי צונעמען נאָך אַ צימער, דאָרט וועל איך מסתם אַוועקשטעלן נאָך אַ שאַפע, אפשר דאַן —

— גוטער ברודער, איר רעדט מיך צו, אַז איך זאָל ביי אייך קויפן אַ בוך? — גוט, געפועלט! אָבער זאָגט מיר, און ווער וועט עס לייענען נאָך מיר? מיינע בנים קענען דאָך נישט קיין אלף-בית! אויב איר פועלט ביי מיין חברה, אַז זיי זאָלן זיך נעמען צום לערנען יידיש, נעם איך ביי אייך אַ בוך און אפשר אפילו אַלע ביידע דריי...

— ע, מעסיע שרייבער, אַ יידיש בוך, זע איך, קאָסט פיל טייערער פון אַ פראַנצויזיש בוך און דאָס געפעלט מיר שוין נישט! דאָ שמעקט שוין מיט שווינדל. פאַרלאָזט זיך אויף מיר, איך קען מיך גוט אויס אויף אָט די שמד-שטיק... וואָס זאָגט איר? אַז אַ יידיש בוך ווערט געדרוקט אין טויזנט עקזעמפּלאַרן בעת אַ פראַנצויזיש בוך ווערט געדרוקט אין צען טויזנט? וואָס גייט דאָס מיך אָן? זאָל איך צאָלן פאַר יענע יידן, וואָס ווילן לייענען נאָר דייטש אָדער פראַנצויזיש אָדער ענגליש? מיט וועלכע רעכט? אַזאַ קאָנטראַקט האָב איך געשלאָסן מיט זיי? גייט אייך געזונ-טערהייט און איר זאָלט נישט וואַגן צו קומען צו מיר פריער, ווי אַלע יידן פון דער גאַנצער וועלט וועלן צוריק אָנהייבן צו לייענען יידיש און אַ יידיש בוך וועט קאָסטן גלייך מיט אַ פראַנצויזישן, אָדער נאָך ביליקער —

— פעטער, וואָס שלעפּט איר זיך אַרום מיט אייער קרעמל ביכער, אַז ס'איז אַ גאָטס אַ רחמנות אויף אייך צו קוקן? פאָלגט מיך, שטעלט זיך ביי מיר פאַר אַ רעפּרעזענטאַנט, בין איך אייך מבטיח, אַז —

— ר' ייד, הייבט אייך אויף אייער פעקל און פאַרנעמט זיך פון דאַנען! דאָ לייענט מען נישט קיין ביכער און נאָך דערצו יידישע... אַז ווו ערגעץ אַן אָנשיקעניש טרעפט עס אַהערצו... האַללאָ, אַנטלויפט נישט! זאָגט מיר, ווער האָט אייך געשיקט צו מיר? זאָגט, זאָגט, האָט קיין מורא נישט, אייך קומט גאָרנישט דערפאַר, איר דאַרפט דאָך פאַרקויפן, אָבער יענעם שיקער מעגט איר דווקא נישט מקנא זיין... איך וועל אים, זייט זיכער, אַזוינס אַריינטיילן, אַז ער וועט שוין פאַרזאָגן אַ צענטן, אַז מען זאָל נישט שיקן צו יענעם קיין שלעפּערס —

און אפילו דער, וואָס האָט שוין יאָ גענומען אַ בוך האָט אינטים און פאַרטרויליך געזאָגט דעם שרייבער:

— איר חידושט זיך מן הסתם, וואָס איך גיי היינטיקע צייטן קויפן

א יידיש בוך... גלייבט מיר, ווען איר קומט צו מיר ארויף אָן גאַרנישט און שטרעקט אויס א האַנט, וואָלט איר אויך ליידיק נישט אַוועקגעגאַנגען... פון מיר גייט קיינער נישט אַרויס ליידיק —

און לייבל האָט אויסגעהערט אַט די אַלע מימרא׳ס און ער האָט געהאַט דאָס געפיל, אַז ער שוועבט אַרום אין עולם-התוהו... אַז דאָס איז אַ מין כף-הקלע, די שטאָקן זענען „מחילות” און דאָס משוגענע יאָגעניש איבער די שטאָקן, דאָס איז זיין גלגול-מחילות, וואָס ער האָט דורכצומאַכן לעבעדיקערהייט... ער האָט זיך אַרומגעשלעפּט אַ פּריטשמעליעטער מיט זיין קלימעק ביכער און האָט נאָר געטראַכט ביי זיך:

— רבונו דעלמא כולא! דו ווייסט דאָך יאָ דעם אמת: האָב איך דען דאָס ווערק מיינס געשריבן לשם פּרנסה? האָב איך זיך דען געריכט דערויף, אַז איך וועל מוזן — און דערצו נאָך נאָך אַזעלכע ביטערע חבלי-לידה — מיט דעם אַרומגיין אין די הייזער און ליידן חרפות און בזיונות? איך האָב דאָך געגלייבט מיט אַלע מיינע כוחות-האמונה, אַז איך ברענג אויף דער וועלט אַ נוצלעכע זאַך, אַן אומבאַדינגט-נייטיקע און צום סוף האַלטן דאָס גאָר מענטשן — דאָס רוב פון זיי! — פאַר אַ פאַרטל פון מיין זייט כדי אויסצונאַרן די פּאָר פראַנק און זיי נעמען זיך צום ביטעלע אויף צו באַצאָלן פאַר דעם בוך מיט אַזאַ זויערער מינע, גלייך ווי צו זיי וואָלט אַריינגעקומען עפּעס אַ ווּיסטער קאַליקע, אָדער סתם איינער פון יענער „חברה”, וואָס ס׳איז קראַנטער, אַז מען ווערט פון זיי פּטור וואָס שנעלער... און ווי באַלד אַזוי פרעגט זיך: צו וואָס האָט מיר געטויגט די גאַנצע אַרבעט? אַזוי צו זאָגן: למה ירדה שכינה מאיגרא רמא לבירא עמיקתא? אָדער ווי די באָבע רבקה וואָלט אין אַזאַ פאַל געזאָגט:

— אם כן למה זה אנכי?

*

גוטע-ברידער האָבן לייבלען געעצה׳ט אַ מאַך טון מיט דער האַנט אויף פאַריזער „מאַרק”, וואָס חוץ יגון ואנחה קען מען פון אים גאַרנישט נישט דערוואַרטן —

— וואָס האָסטו זיך אָנגעזעצט אויף פאַריזער יידן און מוטשעסט זיך און מוטשעסט זיי? זיי לייענען נישט קיין ביכער און אַרויסוואַרפן זייער געלט אָן אַ נוץ ווילן זיי אויך נישט... דו פאָר אַריין קיין אַנטווערפּן — דאָרט איז אַ פּלאַץ פאַר דיר! אַנטווערפּענער יידן חלשן נאָך אַ גוט יידיש בוך און, אַז זיי וועלן נאָר נעמען אויף דער צונג דיינס אַ קאַפּיטעלע,

וועלן זיי דיך אויפן קאָפּ אַרויפזעצן. דערצו איז דער יידישער עולם דאָרטן רייך — קורח׳ס אוצרות! אַ ליאַדע יידל, — האַנדלט עס דיר מיט בריליאַנטן! און זיי זענען נישט אַזוי פאַרהאָוועט און פאַרטאַראַמט ווי די פּאַריזער יידן. אַ פּאַריזער ייד, מעג ער זיין דער גרעסטער פאַבריקאַנט, איז ער פאַרקנעכטעט צום געשעפט פון אין דער פרי ביז אין דער זינקענ-דיקער נאַכט, דאַקעגן איז אַן אַנטווערפּענער ייד נישט משועבד צו קיינעם און צו גאָרנישט. צען אין דער פרי איז נאָך אין דער בערזע קיינער נישטאָ און דריי נאָך מיטאָג איז שוין אין דער בערזע קיינער נישטאָ. און אַז ער טוט שוין יאָ עפּעס, — וואָס טוט ער דען? שפּאַצירט אַרום אויף דער פּעליקאַן שטראַסע מיטן פּאַפּיראָסל אין מויל און גיט אַכטונג, צי די טראַמ-ווייען קורסירן רעגולער? אַזעלכע מענטשן קענען זיך דערלויבן צו קויפן און אַזעלכע מענטשן האָבן צייט צו לייענען —

האָט זיי לייבל געפּאַלגט און איז אַ באַוואָפנטער מיט אַ ליסטע אַדרעסן און מיט אַ היפּש פּעקל „שרעקלעכע" מכתבי-המלצה אַריינגעפאָרן קיין אַנטווערפּן —

אַנטווערפּן — אַ גרויסע שטאָט און אַ גרויסער יידישער ישוב —

דער סוף פון אָט דער טריאומפאַלער נסיעה איז געווען, אַז — סדנא דארעא חד הוא!

ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז נישט אַנטווערפּענער יידן זענען בעסער פון די פּאַריזער, נישט די פּאַריזער יידן זענען ערגער פון די אַנטווער-פּענער. אומעטום זענען דאָ מענטשן מכל המינים.

מה גדולים דברי חכמים: כשם שאין פניהם של בני-אדם דומין זה לזה, כך אין דעותיהם שוות —

און ס׳האָט זיך אַוועקגעקייטלט אַ לאַנגער חשבון פון טעג מיט וואָכן פון יאָגן זיך און פּלאָגן זיך על אדמת-נכר. דער פּאַקטישער אונטערשיד פאַר לייבלען צווישן דער עבודת-פרך אין פּאַריז און דער זעלבער עבודה אין גלות-אַנטווערפּן איז געווען, וואָס אין פּאַריז, נאָך אַ שווערן טאָג פון אַרומטראָגן זיך מיט אַ פּודיקער טעקע ביכער, איז ער כאָטש געקומען צו זיך אַהיים, אין שוים פון דער פאַמיליע, געהאַט אַ געקאָכטע וועטשערע, אַ היימיש געלעגער, דאַקעגן אין דער פרעמד איז געווען כולו גלות! נישט געגעסן ווי עס דאַרף צו זיין און נישט געשלאָפן ווי עס דאַרף צו זיין, נאָר ווי אַן אָנגעצויגענער מעכאַניזם זיך אַרומגעשלעפּט אין די פרעמדע, אימ-פּעטפּולע גאַסן מיט געבעט אין די אויגן און מיט תחנונים אויף דער צונג:

— יידן בני רחמנים, קויפט אייך אַ גוט בוך... אין באַנק, ווו איך בין

פאַרזעצט און פאַרמשכונט עד לפ"ק, ווייל מען בשום אופן די ביכער נישט אָננעמען פאַר קיין שוה-כסף — איין מאָל ניין! איז ביי לית ברירה געפאַלן דער גורל אויף אייך, אחינו בני-ישראל... איר האָט דאָך אויך עפּעס אַ מאָל געהאַט אַ שטיקל קרבת-משפחה מיט לשון-יידיש, צי איך בין זיך טועה? פאָלגט מיך, קויפט אַ בוך, כ'בין אייך ערוב, אַז איר וועט דערויף קיין חרטה נישט האָבן... צי איר וועט עס גלייך לייענען, צי איר וועט עס ערשט אַ מאָל לייענען, צי אפילו אַ מאָל אויך נישט, אָבער האָט עס כאָטש אין שטוב פאַר אַ זכר... זכר למקדש כהלל... זכר ליציאת-מצרים...

— — — — — — — — — — — — — — — — —

...קיץ וחורף אתה יצרתם...

דער אייבערשטער האָט באַשאַפן די וועלט מיט דעם תנאי, אַז זומער זאָל זיין זומער און ווינטער זאָל זיין ווינטער! מעשה-בראשית איז אייך נישט קיין חסידישע מלוה-מלכה!

ויהי כן!

און אַזוי ווי זומער, על פי דרך הטבע דאַרף צו רעגענען, האָט יענעם זומער גערעגנט יומם ולילה כמעט אָן אַן אויפהער —

אַ שפּעטע אָוונט-שעה. די שיינע און גרויסע אַנטווערפּענער גאַסן, וועלכע זענען ביי טאָג אַזוי רוישיק און פול מיט לעבן, זענען איצט געווען אין גאַנצן אויסגעליידיקט פון מענטשן. די גוט-גוט פונעם רעגן אויסגע-וואַשענע גאַסן-לאַמפּן האָבן מיט זייער העלער שיין נאָך בולטער געמאַכט דאָס פּוסטקייט פון דער גאַס, ווי איינער צעעפנט ברייט די דלאָניע און טיטשעט זי דעם צווייטן אין פּנים אַריין:

— נאַ, קוק, איך האָב דאָ גאָרנישט!

דער זיך שוין רעכט-צוגעגעסענער רעגן האָט געציבערט אָן אַן אויפ-הער. לייבל ווײַנשטאָק האָט געשפּאַנט אין די קאַליוזשעס מיט אַ פול-אָנגעשטאָפּטער טעקע ביכער. די אויטאָבוסן הערן דאָ אויף צו קורסירן אַרום אַכט אַ זייגער. ער ווייסט נישט, צי נאָר אין די פאָרשטעט צי אין אַלע ריכטונגען, אָבער אַזוי צי אַזוי, דאָס קען אים נישט אָפּהאַלטן, ער מוז גיין! ביי נאַכט איז זיין צייט. אין לך אדם שאין לו שעה — די נאַכטיקע שעה'ן זענען זיינע שעה'ן. אַ גאַנצן טאָג זענען די אַנטווערפּענער יידן פאַרבריליאַנטעוועט, מען קען זיי נישט פּאַקן אויף קיין איין מינוט, אַזוי ווי מען קען נישט כאַפּן דעם נעכטיקן טאָג, אָבער ביי נאַכט גייט ער אַרוים אויף יאַגד מיט פולע כלים און... און הצלחה איז ביי גאָט —

לייבל האָט געשטעלט ריזן-שפּאַן, אָבער די אָפטע קאַליוזשעס האָט

ער נישט אויסגעמיטן. דאָס וואָסער האָט ריטמיש געקוואַטשעט אין די זיך־צעפּאָרענע שיך און אים באַגלייט מיט אַ מאָנאָטאָנעם ניגון:

— שרייבער־שוטה, אָפּגעריסענער נאַר, וווהין טראָגט עס דיך אין אַזאַ אומקומעניש?

דער וועג איז געווען אַ גאַנץ ווייטער, — די שטאָט, כאָטש ס׳איז נישט פּאַריז, איז גענוג גרויס, — די טעקע איז געווען גענוג שווער. דערצו איז דער לעדער פון דער טעקע אָנגעשוואָלן געוואָרן פונעם רעגן. אָבער ער גייט! התקין עצמו לשלשה דברים: לדורון, לתפילה ולמלחמה! די אָפּטע רינוועס שמייסן אין פאַרפלאָמטן פּנים אַריין מיט געדיכטע וואָסער־בייטשן און די אייזקאַלטע וואָסער־בייטשן פּליאַסקען איבער די באַקן מיט אַזאַ בריעניש און מיט אַזאַ שטעכעניש, גלייך ווי דאָס וואָלטן געווען נייע ריטער, וועלכע מען האָט לאַנג געווייקט אין עסיק. לייבל גייט מיט אַן אָנטפּאַלן האַרץ אַ טאַפּ די טעקע — פּיטש־נאַס! עס גייט אים דורך אַ גרויל איבערן לייב: די ביכער זאָלן כאָטש נישט פאַרנעצט ווערן, נאָך דאָס פעלט אים אויס צום רעמל, טאָמער איז אים אָן דעם צו פיל גוט —

און מיט אַ מאָל נעמט זיך אים דאַכטן, אַז אין טעקע געפינען זיך נישט קיין ביכער, זיינע אייגענע אין אַ שלימזלדיקער שעה געבוירענע ביכער, נאָר לעבעדיקע נפשות׳לעך, עפּעס אַזאַ מין תינוקות של בית רבן, אָדער אַזעלכע מינים באַשעפענישן, זיי זענען שוין אויף דורך און דורך דורכ־געווייקט פונעם רעגן און טענה׳ן צו אים אויף אַ קול מיט תרעומות און מיט שפּאָט:

— וואָס שלעפּסטו זיך און אונדז אַרום אין אַזאַ גאַס־רעגן צו אַל די רוחות, קוני־לעמל וואָס דו ביסט? ווער פעלן היינטיקע צייטן ביכער און וועלכער משוגענער קוקט איצט אַרום אויף זיי? ווען דו וואָלסט נאָך געהאַנדלט מיט טריקאָ־אויסאַרבעטונגען, צי מיט שטאָפן; מיט שיפּאָן, צי מיט צודאַטן צו קאָנאַדיענס, וואָלסט דו מיט דיין אויסטויגן זיך צו מקח וממכר מסתם אויך געלעגן ניין איילן אין דער ערד, אָבער מענטשן וואָלטן כאָטש מסכים געווען דיך אַרויפצולאָזן אויף זייער שוועל און דיך אויסהערן, אָבער — ביכער? יידישע ביכער? ווו האָסטו גאָר היינט אַזאַ שוטה בן פּיקהאָלץ וועלכער זאָל גאָר איינוויליקן זיך אַרומשלעפּן איבער די הייזער מיט ביכער? ער קען דאָך שוין בעסער אַרומגיין איבער די הייזער אָן זיי, אָן אָט דעם נמאס׳ן קלימעק, וועט ער פיל בעסער מאַכן! וועט יענער צו וועלכן ער גייט אַריין גלייך פאַרשטיין, אַז ער איז אַ נצרך; וועט יענער — על פי רוב אַ פאַרנומענער מענטש — זיך איינשפּאָרן אַ טרחה

צו טאַפּן ביי אים און אויסצוטאַפּן ביז ער וועט ביים מחבר געוויר ווערן דאָס רעכטע־גערעכטע און ערשט דאַמאָלסט זיך באַשליסן צו קויפן אַ ביכל... מיר בעטן דיך, האָב רחמנות אויף אונדז און טראָג אונדז אַרונטער אונטער אַ דאַך. ס'איז דאָך אַ צער בעלי־חיים! געדענק, דו וועסט אויף אַזאַ רציחה קיין כפּרה נישט האָבן —

זיי רעדן און ער טוט זיך דערוויל זיינס — ער גייט!

ביידע גייען זיי: דער רעגן גייט זיך זיין וועג און ער, לייבל, גייט זיך זיין וועג. די שיך זענען אַזוי פול מיט וואַסער, אַז זיי גייען אַזש איבער; אַז די דערוואָרעמטע וואַסער בלעזלט אַזש אַרויס איבער די ברעגן פון די כאַליעוועס, ווי שוים אויף די ליפּן און אויפן רוקן און צווישן די דוכן פון אַן אָנגעמידט פערד. און נישט נאָר פון די כאַליעוועס, די צעפּאַרעטע קוואַ־סיצי האָט אַרויסגעשפּאַרט פון אַלע געפּלאַצטע נאָטן און פון אַלע שנירל־לעכלעך און דאָס האָט געמאַכט דעם איינדרוק, ווי ער וואָלט געטראָגן אויף די פיס נישט קיין שיך, נאָר צוויי איבערגעפּאַרענע קעץ, פון וועלכע עס קריכן אַרויס די געדערים. אָבער ער גייט! ער טיאָפּעט מיט די קוואַטשענדיקע שיך; ער קאַלויצעט די קאַליוזשעס ווי מיט צוויי אומגעלומפּערטע קאָכ־לעפל, אָבער ער שטעלט זיך נישט אָפּ אפילו אויף קיין איין רגע, — ער גייט! ווער הערט זיך איצט צו צו זיי, צו אָט די מיאוסע באַשעפענישן ביי אים אין טעקע דאָרט? ער גייט איצט אויף אַן אייזערנעם בריק! דער גוטער־ברודער וואָס האָט אים געשיקט צו דעם דאָזיקן מענטשן, — און ער איז נישט איינער געוועזן! אַ האַלבע שטאָט האָט אָנגעוויזן אויף אים!

— האָט אויף אים ממש אָפּגעזאָגט גאַנץ „הלל" —

— ...בערעלע שיינערמאַן איז דיר נישט קיין אדם מן השוק, ער איז אַן אמתער חובב־ספר...

— ...בערעלע שיינערמאַן האָט אַ וואַרעם האַרץ און אַן אָפענע האַנט... אָבער זהיר וזהיר זאָלסט צו אים נישט קומען פריער פון ניין — האַלב צען ביי נאַכט. ביז דאַמאָלסט איז ער טרוד מיט זיינע געשעפטן און געשעפטן האָט ער, ברודערקע, — אויף דיר געזאָגט געוואָרן כאָטש האַלב...

— ...שאַ! איך וועל דיר גאָר דערציילן אַ שענערס. איך האָב אַנומלטן געכאַפּט אַ צונג אין גאַס, אַז בערעלע שיינערמאַן האָט שוין גאָר ביי עמעצן געשמעקט און געלעקט פון דיינע ביכער און דער וואָס ער האָט שוין טועם געוועזן אַ „כזית" פון דיין ווערק, — און אויף דיין ווערק איז דאָך טאַקע באמת געזאָגט געוואָרן: טועמיה חיים זכו, — וועט שוין

נישט מעיז פנים זיין; פאַרט אים מהנה געווען, אים פאַרשאַפט פאַרגעניגן אויף פיל, פיל שעה'ן —

און לייבל, גייענדיק צו אַט דעם חובב־ספר, האָט טאַקע געגלייבט באמונה שלמה, אַז אַזעלכער וועט נישט אָפּזאָגן. אי פאַרמאָגן — פאַר־מאָגט ער, אי „געשמעקט און געלעקט" האָט ער שוין, כ'ווייס? מען דאַרף שטעלן אויף דער חזקה, אַז: „אין אדם מעיז פנים בפני בעל חובו"...

און ער איז געגאַנגען... און ער איז געקומען...

דאָס הויז, ווו ס'האָט געוווינט אָט דער „שמעקער און לעקער" בערעלע שיינערמאַן, האָט זיך געפונען ערגעץ „אין עק וועלט" אויף אַ גאַס, וועלכע האָט זיך ערשט נישט לאַנג אָנגעהויבן צו בויען. געשטאַנען איז די אַזוי גערופענע גאַס אָפּגעריסן פונעם „אַלטן ישוב" אפשר אויף הונדערט מעטער און די געציילטע פינף פילשטאָקיקע מויערן, וואָס האָבן מיט זיך לעת־עתה פאַרגעשטעלט די גאַנצע נייע גאַס, האָבן אויסגעזען, ווי ברוגזע מחותנים, וואָס האָבן זיך אָפּגעטיילט פונעם חתנ'ס טיש און פראַוען זיך אַ סעודה'לע פאַר זיך. אַז לייבל האָט פאַר דער שיין פונעם טויער־לאַמטערן דערזען אויף דעם מעשענעם טאַבליטשקעלע: ב. שיינערמאַן, האָט ער דער־פילט, אַז ס'איז אים צוגעקומען אַ שטיק געזונט. ענדלעך, הייסט עס, האָט ער זיך פאַרט צוגעשיפּט צו אַ ברעג. און אַז דאָס דאָזיקע הויז איז אַ „ברעג", איז ביי אים קיין ספק נישט געווען! סטייטש, אי אַ חובב־ספר, אי דאָס וואָס ער, לייבל, איז עפּעס אַליין דער מחבר פון די ספרים, וואָס יענער האָט שוין טועם געווען... געווים וועט ער פון זיין כבוד וועגן אָנשטעלן דעם טיש מיט כיבוד, — צי לייבל איז טאַקע אַזוי אויסן יענעמס כיבוד — דאָס איז אַ חוץ אַ מעשה, אָבער אָנגענעם איז דאָס, אַז יענער נעמט דיך אויף בסבר פנים יפות, עס מעג אפילו זיין נאָר אַן אָנשטעל, אַן אחיזת־עינים. ער וועט וועלן — על כל פנים אַזוי וועט ער אים זיכער זאָגן — האָבן דעם גרויסן, איינמאָליקן זכות, אַז אַזאַ אדם־גדול זאָל כאָטש וואָס ס'איז נישט איז טועם זיין פון זיין, בערעלעס, טיש...

— אָך, פאַר וואָס נישט? מיטן גרעסטן פאַרגעניגן —

מן הסתם וועט ער מיט אים פאַרפירן אַ דיסקוסיע, און נאָך אַלע רייסעניש און שפּאַרעניש וועט ער נעמען ביי אים אַלע ביכער — ווי דען אַנדערש? — און אפשר אפילו אים אָפּפירן מיט זיין אויטאָ ביזן האָטעל! איי, וואָלט יענער געהאַט אַ מצוה אין אים... דער זייגער מוז שוין זיין נאָך צען, דער רעגן צעלאָזט זיך ערשט גאָר אויף אַן אַנדער מין

אופן און אין די שיך — אַ קאָלט ביטל! און דער מהלך „אהיים״ איז אַזאַ ווייטער, אַזאַ ווייטער...

לייבל האָט אַ פּרווו געטון דאָס טויער־טירל — פאַרשלאָסן, פאַרהאַקט, ווי יריחו בשעתה. עס ווערט אים עפּעס זויערלעך אויף דער נשמה, אָבער ער זאָגט צו זיך אַליין מיט אַ שמייכל:

— וואָס דען האָסטו דו געמיינט, בטלן דו? אַז די וועלט איז זיך נוהג על פּי פּרקי־אבות: „יהי ביתך פּתוח לרוחה״? מען דאַרף דאָך קיין שוטה נישט זיין!

לייבל האָט מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ אַ דריק געטון דאָס קנעפּל אונטערן נאָמען שיינערמאַן און האָט זיך אָנגעשפּאַרט אין דער מאַסיווער טיר אַ ביסל אָפּכאַפּן דעם אָטעם. ער האָט געוואָרפן אַ בליק אַרום זיך — מען זעט נישט אין ערגעץ קיין משוגענעם הונט. דער רעגן שמייסט אַזוי געדיכט, אַז מען זעט פון דאַנען כמעט נישט אַרוים די גרויסע גאַס. ער האָט דאָס געפיל, לייבל, ווי ער וואָלט שוין יאָרן־לאַנג געבלאָנדזשעט אין אַ מדבר און ענדלעך האָט ער זיך אָנגעשטויסן אויף אַ קרעטשמע, וווהין ער קלאַפּט און קלאַפּט און מען ענטפערט נישט. ער הדושט זיך, וואָס מען עפנט נישט, אָבער ער וואַרט נאָך אונטער אַ ביסל. מען דאַרף נישט קלינגען צו פיל, דערצו נאָך ביי נאַכט. ווען עס גייען אָבער פאַריבער נאָך אַ פּאָר מינוט און קיינער רופט זיך נישט אָן, פאַלט אים איין אַ חשד: אפשר האָט ער אַ טעות געהאַט מיטן קנעפּל? גיט ער נאָך אַ מאָל אַ קוק אויפן מעשענעם טעוועלע — ניין, ער האָט אַ דריק געטון דאָרט וווּ מען דאַרף. וואָס זשע דען קען דאָס זיין, וואָס מען שווייגט? שוין זשע שלאָפט מען שוין? ער ציילט איבער אויפן טעוועלע די שטאָקן, דאַן גייט ער אָפּ אַ ביסל פונעם הויז אויף צוריקוועגס, ווי צו עושה־שלום און ציילט די רייען פענצטער — ניין, מען שלאָפט נאָך נישט, ס׳איז ליכטיק אין אַלע פענצטער. זיי האָבן פּשוט נישט איינגעהערט. מען דאַרף נאָך אַ מאָל אָנקלינגען!

נאָך דעם צווייטן מאָל קלינגען האָט נישט לאַנג גענומען און ס׳האָט זיך ערגעץ אין דער הייך דערהערט אַ בייז קול פון אַ באַיאָרטער פרוי:

— האַללאָ דאָרט, ווער קלינגט עס?

לייבל האָט זיך נישט גלייך געכאַפּט, פון וואַנען דאָס קול גייט. אָבער ווען ער האָט שוין באַמערקט דעם זיך אַרויסבייגנדיקן קאָפּ, איז ער אַרוים אונטערן ליאַפּענדיקן רעגן און האָט — פאַרשטעלנדיק זיך מיט די דלאָניעס די אויגן — אַרויפגעשריגן:

— ס׳איז איך קלינג, עפנט אויף.

די אַלטע כאַליערע האָט זיך שטייענדיק דאָרטן אונטערןברייטן קאַרניז געבייזערט:

— וואָס דען, מער האָב איך נישט וואָס צו טון, נאָר זיך צעלאָזן לויפן עפּענען... ווער זענט איר און וואָס דאַרפט איר?

— איך דאַרף צום הער שיינערמאַן —

— צו וואָס דאַרפט איר אים, דעם הער שיינערמאַן?

— דאָס קען איך זאָגן נאָר אים אַליין —

— איר מעגט זאָגן מיר אויך. ער איז מיין זון —

— ס'איז ביי מיר גאָר אַ קליינע בשורה — טראַכט זיך לייבל — און צו איר שרייט ער אַרויף, אַלץ האַלטנדיק די דלאָניעס ווי לאַדנדלעך צו די אויגן:

— דאַרפן דאַרף איך נאָר אים, ס'איז אַ פּערזענלעכער ענין, אָבער אפילו אייך קען איך אויך נישט אַרויפשרייען אויפן הימל אַרויף... עפנט אויף, האָט נישט קיין מורא, איך בין נישט קיין בער —

דער קאָפּ האָט זיך אויסגעדרייט אין שטוב אַריין, ווי זי וואָלט זיך דאָרט מיט עמעצן מיישב געווען ווי אַזוי מען ווערט פּטור פון אָט דעם אָנשיקעניש, דאַן האָט זי זיך צוריק אויסגעדרייט מיטן פּנים צו לייבלען און האָט אַרויסגעשריגן, כדי ער זאָל דערהערן דורכן רעגן:

— דער הער שיינערמאַן ליגט שוין אין בע—ע—עט —

און זי האָט פאַרהאַקט דאָס פענצטער הינטער זיך.

— שלעכטס! וואָס טוט מען איצט? זאָל ער פּשוט נעמען די פיס אויף די פּלייצעס און שפּאַציען אויף צוריק? און בערעלען בלא כלום אויס־שטרייכן פון דער ליסטע קאַנדידאַטן? ניין! ער איז נישט קיין הונט! צי מען קויפט, צי מען קויפט נישט, אָבער ענטפערן דאַרף מען כאָטש ווי אַ מענטש —

נישט איבערוועגנדיק וואָס ער גייט דאָ טון, האָט ער אַרויפגעלייגט דעם גראָבן פינגער אויף שיינערמאַנס קנעפּל און האָט אים לאַנג־לאַנג נישט צוגענומען פון דאָרטן. דאָס פענצטער אויבן, הערט ער, האָט זיך אויפגעפּראַלט מיט אַ ירגזון און די זעלבע שטימע, נאָר דאָס מאָל שוין היפּשלעך צערייצט, האָט צו אים אַראָפּגעשריגן:

— האַללאָ! וואָס איז שוין ווידער? מען האָט דאָך אייך גוט געזאָגט, אַז דער הער שיינערמאַן ליגט שוין אין בעט אַן אויסגעטונענער —

לייבל איז ווידער אַרוים אונטערן רעגן און צושטעלנדיק ווידער די

דלאַניעס צו די אויגן פֿאַר אַ באַשיצונג קעגן די שטעכיקע טראָפּנס, האָט ער אַרויפֿגעשריגן:

— זאָגט ביטע אייער זון, אַז איך דאַרף אים האָבן דרינגענדיק, על כן —

— מיין זון פֿרעגט: ווי אַזוי איז אייער נאָמען?

— ווידער שלעכט — טראַכט לייבל — טאָמער רופֿט ער דאָ אָן זיין ריכטיקן נאָמען, איז פֿאַרפֿאַלן די קו צוזאַמען מיטן שטריק, וועט ער שוין היינט דעם דאַזיקן אומדערגרייכבאַרן בערעלען אין די אויגן נישט זען —

און ער האָט איר אָנגערופֿן אַ נאָמען פֿון דער תּפֿטורה. ווידער האָט דער „קאָפּ" זיך שואל־עצה געווען ביי עמעצן אין חדר און מיט אַ מאָל האָט זי סתּם אַזוי פֿאַרמאַכט דאָס פֿענצטער זיך נישט אָנרופֿנדיק אפֿילו מיט קיין איין און איינציק וואָרט.

— געשטאָרבן אָן לשון — טראַכט זיך לייבל און די ציין קלאַפּן ביי אים אין מויל פֿון נעץ און פֿון קעלט — וואָס זשע טוט מען ווייטער? דאָס אין גאַנצן נישט ענטפֿערן איז דאָך נאָך ערגער פֿונעם „פּאַשאָל וואָן", וואָס זי האָט אים פֿריער אַ ביסל געזאָגט... הם! און ער איז געגאַנגען אַהער מיט אַזאַ לייכט האַרץ, מיט אַזאַ גרינג געמיט... אַ חובֿבֿ־ספֿר, האָט שוין ערגעץ געבלעטערט זיינע ביכער און צום סוף... גיי רוק זיך! אמרתי לעשות ענבים, ויעש באושים... אָבער וואָס זאָל ער איצט טון? אַוועקגיין? אָט אַזוי אַוועקגיין אָן אַ „זייַ געזונט"? אויך, הייסט עס, „שטאַרבן אָן לשון"? ניין, ער וועט נאָך איין מאָל פּרוּוון זיין מזל — אולי ירחם? ער האָט שוין איצט נישט קיין מורא זיי דאָרט צום איבעריקן צעברוגזן, ס'איז שוין אַלץ איין שוואַרץ יאָר —

ער האָט שוין געהאַלטן דעם פֿינגער אויפֿן קנעפּל אויף אַ דריק צו טון, ווען ער האָט פּלוצלינג דערהערט פֿונעם קאָרידאָר, אַז דער ליפֿט האָט אָנגעהויבן צו זשוזשען און די לאָמפּן וואָס באַלייכטן די טרעפּ האָבן זיך אָנגעצונדן אויף אַלע שטאָקן. משמעות, אַז עמעצער פֿון די איינוווינער האָט אַרויפֿגערופֿן דעם ליפֿט אַרויף, אפֿשר — ער? היד ד' תּקצר? אויב אַזוי דאַרף מען וואַרטן און גלייבן אין אַ ישועה —

און לייבל האָט אַרויפֿגעצויגן אויפֿן בלאַ־געוואָרענעם פּנים אַ לייט־זעליק שמייכעלע פֿון מחילה בחסד, מחילה ברחמים, גלייך ווי אין דרויסן וואָלט נישט געגאָסן קיין מבול און ער וואָלט נישט געשטאַנען מיט די

נאַקעטע פּיס אין אַן אייזקאַלטער קאַליוזשע, — אַלץ מוחל! ווי איינער רעדט:

— אַלץ וואָס צווישן מיר און דיין מוטער איז דאָ ערשט פאַרגעקומען, האָט דער ווינט אַוועקגעטראָגן און מיט דיר, מיט דעם באַוווסטן חובב־ספר, זענען מיר די בעסטע גוטע־ברידער, וואָס עס קען נאָר געמאָלט זיין אין דער וועלט —

און כך הוא —

לייבל האָט זיך דאָס מאָל נישט אָפּגענאַרט. פונעם ליפט איז אַרויס־געגאַנגען אַ הויכער יונגערמאַן מיט אַ שיין איידל פּנים. אָנגעטון איז ער געווען אין אַ פוכעווע סוויטער אויפן הײמישן שטייגער.

— כשמו כן הוא — האָט לייבל אַ טראַכט געטון — טאַקע באמת אַ שיינער מאַן און אין אָט דעם פוכענעם פעלצעלע זעט ער באמת אויס ענלעך אויף אַ בערעלע.

צוגעגאַנגען צו דער טיר, האָט ער פונעם זשיליעט־טאַש אַרויסגענומען אַ שליסעלע און האָט אויפגעשלאָסן די פאַראַדנע־טיר. געעפנט די טיר איז ער שטיין געבליבן אויף דער שוועל קעגן לייבלען אין אַ גראַציעזער פּאָזע:

— וואָס דאַרפט איר מיך, יונגערמאַן?

— זענט איר דאָס, הייסט עס, בערעלע... כ׳מיין ר׳ בער שיינערמאַן?

— בין איך דאָס, הייסט עס. מיט וואָס קען איך אייך דינען?

— זאָל איך אייך דאָס זאָגן, אָט־אָ דאָ, שטייענדיק אונטערן רעגן?

— און אַז דאָ איז וואָס? דאָ הער איך דען נישט? איך הער דאָ אויך —

— זאָלט איר וויסן זיין, אַז איך בין נישט דער, פאַר וועלכן איך האָב זיך אָנגעגעבן אייער מוטער —

— איך האָב דאָס גלייך דערזען... נאָך איידער איר האָט אַרויס־גערעדט אפילו איין וואָרט...

— איך בין —

— איך ווייס שוין, ווער איר זענט. איך האָב אייך דערקענט נאָך דער פאָטאָ, וואָס איר האָט אַריינגעשטעלט אין אייער לעצטן בוך —

לייבל האָט זיך אפילו שטאַרק געחידושט, פאַר וואָס יענער גיט אים נישט אָפּ קיין „שלום עליכם״, פון דעסט וועגן, אָנשטאָט אַרויסצווייזן זיין פאַרדראָס, האָט ער זיך אָנגערופן אַ דערפרייטער:

— איז ווייסט איר שוין, הייסט עס, אַז איך בין לייבל וויינשטאָק פון פּאַריז, דער מחבר —

— כ'וויים, כ'וויים, כ'וויים! אָבער וואָס האָט איר מיר צו זאָגן? ס'איז מיר קאַלט צו שטיין דאָ מיט אייך, איר זעט דאָך, אַז איך האָב מיך אַראָפּגעכאַפּט צו אייך אַזוי ווי איך בין געזעסן ביים קאַמין, טאָ זאָגט שנעלער: וואָס האָט איך געבראַכט צו מיר?

לייבל, מיט אַן אַנטפּאַלן האַרץ:

— איך בין געקומען... מען האָט מיך געעצה'ט... וואָס זאָג איך — געעצה'ט? מען האָט מיך פאַרזיכערט, אַז איר... אַז איר —

— זאָגט גיכער, איך בעט אייך, ווייל די פייכטקייט האָט מיר שוין דורכגענומען אַלע ביינער —

— איך בין געקומען אייך פאָרלייגן, אַז איר זאָלט זיך ביי מיר איינהאַנדלען מיין ווערק —

בערעלע, קאַלט ווי אייז, האָט אָפּגעשניטן ווי מיט אַ מעסער:

— איך האַלט איצט נישט דערביי —

לייבל האָט אַרויסגעצוווּנגען אַ נויט-שמייכל:

— שייך צו זאָגן — איר האַלט נישט דערביי... ווען איך האָב נאָך דער קריג אָנגעהויבן צו שרייבן מיין ווערק, האָב איך אויך נישט געהאַלטן דערביי: נישט ביי ווערן אַ שרייבער, נישט ביי אַרומגיין מיט ביכער איבער די הייזער. נאָר אַז עס קומט פאַרט אויס — טוט מען עס! דעסט גלייכן מיט אייך. זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז פון פּאַריז וואָלט איר מיך נישט אויסגעשריבן, אָבער כיוון דאתינא להכא, אַז איך האָב זיך שוין געשלעפּט צו אייך אין אַזאַ מבול, אין אַזאַ אומקומעניש —

— יונגערמאַן, איר פאַרלירט אומזיסט אייער צייט, ביי מיר וועט איר שוין היינט גאָרנישט אויפטאָן —

לייבל, ציטערנדיק פון דער קעלט און פון אויפרעגונג:

— איז וואָס זשע איז אייער ענטפער?

— איך האָב אייך שוין געזאָגט: איך האַלט איצט נישט דערביי... ביי מיר, אַז מען לייגט מיר פאַר אַ זאַך, וואָס זי איז פאַר מיר, מאַך איך נישט קיין שהיות און זאָג גלייך: „מזל ברכה", אָבער דאָס מין סחורה איז נישט פאַר מיר...

און פּלוצלינג, מיט אַן אויפפלאַמענדיקן כעס:

— איר ווייסט, פריינד וויינשטאָק, יידישע שרייבערס זענען דיר באמת אסור לרחם. אַזוי ווי איך זאָג אייך. אַליין שרייבן זיי אין די

ציימונגען און זענען מרעיש-עולמות: „סטייטש, סטייטש, דער יידישער עולם לייענט נישט קיין ביכער. מען נעמט נישט קיין יידיש בוך אין דער האַנט"... שטייט איצט פאַר אייך אַ יונגערמאַן, וואָס געהערט שוין דווקא נישט צו דעם דאָזיקן צענדליק. אַבי איך האָב נאָר אַ גוט בוך, איז נישטאָ דער אויפדערנאַכט אַז איך זאָל נישט אַוועקלייענען אַ שעה און צוויי און אַ מאָל נאָך מער. — ווען זשע? ווען מען שטערט מיר נאָר נישט. אָט נעמט למשל היינט אויף דער נאַכט. ווי נאָר איך האָב זיך באַפרייט פון די געשעפטן און אָפּגעגעסן וועטשערע, האָב איך גלייך אַראָפּגעוואָרפן די שיך, צוגערוקט די שטול צום קאַמין און האָב מיך אַזוי פאַרטיפט אין לייענען — ממש נישט אָפּצורייסן... איז דאָך גוט, האַ? נו-נו... האָט איר זיך אויסגעריסן אויף מיין קאָפּ מיט אייערע מסחרים —

און מיט אַ שעלמיש שמייכעלע:

— נו, וועל איך גיין... ס'איז קאַלט צו שטיין אויפן רעגן... אַ גוטע נאַכט און מאַכט ביי עמעצן אַנדערש בעסערע געשעפטן. אין איין זאַך קענט איר זיין זיכער: איך ווינטש אייך דערפאָלג פונעם גאַנצן האַרצן —

לייבל האָט זיך אָנגערופן, אָבער קוים וואָס מען האָט געקענט דער־הערן זיין קול:

— הייסט עס, פון קויפן ביי מיר די ביכער... כאָטש איין בוך, איז נישטאָ וואָס צו רעדן, האַ?

— לאָמיר זיך נישט איבערחזרן. איך האָב אייך שוין דערויף גע־ענטפערט.

לייבל, מיט טיף-איינגעוואָרצלטער קנאת-סופרים:

— צי מעג איך כאָטש וויסן, וואָס פאַר אַ בוך אַזוינס לייענט איר דאָרט, וואָס איר האָט זיך דערפון, זאָגט איר, גאָר נישט געקענט אָפּרייסן?

בערעלע האָט זיך הילכיק צעלאַכט:

— איך מוז אייך טאַקע גיין דערציילן פון יעדן פּיצעלע? און אַז איר ווילט גאָר, קען איך אייך יאָ אויסזאָגן — טאַקע אייער, אייער בוך... דעם דריטן באַנד... מתוק מדבש, זאָג איך אייך —

און די פאַראַדנע-טיר האָט זיך פאַרקלאַפּט אונטער לייבלס נאָז און דער ליפּט האָט צוריק אַרויפגעזונגען זיין נודנעם ניגון און דאָס ליכט אויף די קאָרידאָרן האָט זיך אויסגעלאָשן און ס'איז אין גאַנצן חלל-העולם געוואָרן — אויב נישט רעכענען דעם אומאויפהערלעכן גערויש און געפּליעסק פונעם רעגן — שאַ-שטיל, אַ מחיה...

— —

אַ נידערגעשלאָגענער, מיט אַן אומגליקלעכן שמייכל אויף די ליפּן האָט זיך לייבל געשלעפּט אין שטאָט אַריין. די טעקע איז עפּעס מיט אַ מאָל געוואָרן שווער מיט רוחות, די פיס זענען געווען פאַרקילט און פאַרהיל-צערט און ער האָט זיי קוים אונטערגעהויבן. אויף די אונטערשטאָטישע גאַסן האָבן זיך שוין פון לאַנג אויסגעלאָשן די גרויסע ליכטער. אויך אין דער מערהייט הייזער איז שוין געווען פינצטער. לייבל האָט זיך שוין נישט געקלוגט מער אַזוי ווי תחילת-נאַכט, ווען ער איז געגאַנגען אַהינצוועגס, ער איז שוין איצט געגאַנגען גלייך אין די היפּשע טינטערס, וועלכע האָבן געפּלעקט די טראָטואַרן אויף טריט און שריט.

און די „נישט-גוטערס", וואָס האָבן זיך אָנומלטן פאַרקליבן אין זיין טעקע אַריין, האָבן איצט לייבלען אַרויסגעשטעקט אַ לאַנגע צונג און האָבן זיך נאָך גערייצט מיט אים:

— נו, קוני-לעמל, וואָס וועסטו איצטער זאָגן? איז שוין דאָס אַרומגיין מיט יידישע ביכער אין די הייזער יאָ אַ מסחר, צי נישט קיין מסחר? כדאי געווען צו פאַרטאַכלעווען אַ גאַנצע נאַכט אויף אַזאַ „קונד", האַ? און פאַר דעם האָטעל דאַרף מען צאָלן און אין מויל מוז מען אויך עפּעס אַריינלייגן, — מען קען נישט אַרומגיין אויף גאָטס וועלט בלויז מיטן שם-המפורש... וואָס זשע האָסטו עפּעס איינגענומען שטומעניש? מירקע, געב לשון! זאָג עפּעס אַ קלוג וואָרט! מיר זענען פשוט ציקאַווע צו הערן: וואָס וועט אַזאַ משוגע-פאַנאַטישער נפש ווי דו **איצטער** זאָגן?

לייבל האָט נאַריש געשמייכלט:

— נאַ דיר גאָר אַזאַ פראַגע: „וואָס וועל איך איצטער זאָגן?" וואָס האָב איך דאָ צו זאָגן, וואָס? — אַ שטיפזון און שוין! איר האָט קיין מאָל נישט געהערט, וואָס אַ שטיפזון קען און אויף וואָס אַ שטיפזון איז פעאיק?

און נאָך אַ קורצער פּויזע, צו זיך אַליין מיט אַ צידוק-הדין-שטימונג:

— נישט אומזיסט האָבן אונדז די „חסידים הראשונים" פיל מאָל געוואָרנט, אַז מען קען אַ מאָל זיין אַן אמתער עוסק בתורה און בשעת-מעשה חלילה פאַרגעסן אין דעם נותן-התורה —

*

דעם צווייטן אָוונט איז לייבל ווידער געגאַנגען מיט זיינע „הקפות"; ווידער איז די טעקע זיינע געווען פול מיט „באַשעפענישלעך" מפה אל פה, אָבער דאָס וועטער איז איצט געווען אַ פולער קאָנטראַסט קעגן דעם נעכטיקן אָוונט. דער טונקעלער הימל איז געווען ריין פון אַ מינדסט

וואַלקנדל און אָפּגעשאָטן מיט שטערנדלעך, ווי מיט מאָן. שיף איבער די „אויף חוזק אויפגעהאָנגענע" גאַסן-לאָמפּן איז געהאַנגען דער איינציק-גרוי־סער נאַכטולאָמפּ — די פולע לבנה. די שיך ביי לייבלען און די טעקע זענען שוין געווען טרוקן ווי בלעך, — אַ גאַנצן טאָג האָט ער מער גאָרנישט געטון, נאָר זיי געטרוקנט. די מאַרשרוטן, וואָס ער האָט זיך אויסגעשטעלט אויף דעם היינטיקן אָוונט זענען נישט אַזוינע ווייט-פּאַרוואָרפענע, ווי דער נעכטיקער אַדרעס, דערפאַר אָבער איז דער נעכטיקער קאַנדידאַט — בערעלע שיינערמאַן — ביי אים געווען פאַררעכנט פאַר אַ „קאַרפּ", פאַר אַן אָפּגעמער פון אַלע עטלעכע בענדער, וואָס ער האָט אַרויסגעגעבן, דאַקעגן היינטיקע ליסטע באַשטייט פון בלויז „פּלאַטעצעס", פון שראַג־מעראַג. הלואי וואָלט ער אויף יעדן אַדרעס באַזונדער פאַרקויפט כאָטש צו איינציקע ביכלעך —

לייבל האָט פאַרקערעוועט אין אַ קליין געסעלע, וווהין די לבנה האָט נישט אַריינגעשיינט און האָט געשטעלט האַסטיקע שפּאַן, — די זומער־נאַכט איז קורץ און ער האָט אויפן קאָפּ אפשר צען הייזער, וווהין ער וויל היינט אַריינשטעלן אַ פוס. מיט אַ מאָל האָט ער דערהערט, ווי לייכטע טריט יאָגן זיך נאָך אים און דעריאָגן אים שנעל. ער האָט נישט באַוויזן זיך אויסצוקערעווען און זען: ווערט שפּירט עס אים נאָך, ווי עמעצער האָט אים אָנגעכאַפּט ביי דער האַנט:

— אַנטשולדיקט מיר... אויב איך האָב נישט קיין טעות, זענט איר... זענט איר...

לייבל, מיט אַ שמייכל:

— און ווער דאַרפט איר זאָל איך זיין?

— מען האָט מיר געזאָגט... מען האָט מיר אָנגעוויזן אויף אייך, אַז איר זענט עס דער שרייבער לייבל וויינשטאָק —

— און מען האָט אייך נישט אָפּגענאַרט. אַלזאָ, מיט וואָס קען איך אייך דינען?

דער יונגערמאַן האָט אַזש אָנגענומען לייבלס האַנט מיטביידע הענט און האָט זי שטאַרק, שטאַרק צונויפגעדריקט:

— וואָס רעדט איר, חבר וויינשטאָק, איר זאָלט מיר דינען? איך אייך בין גרייט צו דינען מיט לייב און לעבן... מיט דער גאַנצער נשמה...

לייבל, מיט אַ מילד שמייכעלע:

— בכל לבבך ובכל נפשך, הייסט עס? זייער שיין פון אייער זייט! און דאָס אַלץ אַ דאַנק וואָס?

— אַ דאַנק גאַרנישט, אַ דאַנק אייער זעלטן־גוט ווערק, וואָס איר האָט אין פּאַריז אַרויסגעגעבן... איך האָב געהאַט די געלעגנהייט, — דאָס גרויסע גליק, מעג איך זאָגן, — צו לייענען אַלע בענדער פון אייער ווערק און זאָג אייך... און זאָג אייך, אַז איר זענט געניאַל! אַז איר זענט אומפאַרגלייכלעך! אַז... אַז ס׳איז פאַר מיר אַ גרויסער זכות צו דריקן אייער האַנט... אַז איך שטיי פאַר אייך מיט אַ געבויגענעם קאָפּ!

לייבל איז געשטאַנען אַ צעחושטער פון יענעמס שבחים. ער האָט גאָר פאַרגעסן, אַז ער איילט זיך אַזוי שטאַרק און איז אַ פאַרשעמטער געשטאַנען און האָט געשוויגן. און אַזוי ווי ער האָט געשוויגן, האָט זיין אומבאַקאַנטער חסיד אויסגענוצט די געלעגנהייט און האָט דערוויל ווייטער גערעדט:

— אייערע ערשטע פאַר ביכער האָבן על פּי מקרה פאַרבלאָנדזשעט קיין אַנטווערפּן, גאַנץ צופעליק. און זיי זענען לאַנג געלעגן ביי יענעם און יענער האָט גאָר נישט חושד געווען, וואָס פאַר אַן אוצר עס ליגט ביי אים אין שטוב. ביז — ווידער טאַקע גאַנץ אומגערן — איינער אַ ידיד זיינער האָט זיי איבערגעלייענט. ער איז געפאָרן אין אַ וויטן וועג אַריין, האָט ער זיי מיטגענומען. נו־נו... פון דאַמאָלסט אָן זענט איר געוואָרן דער יצר־הרע פון אַנטווערפּענער יידישן עולם, יעדער איינער האָט געהאַט דעם יצר־הרע וואָס פריער צו פאַקן אין די הענט אַריין דעם ווייטערדיקן באַנד פון אייער ווערק. לייענענדיק אייער ווערק — האָט דער יונגערמאַן צוגעגעבן מיט טרערן אין קול — האָב איך זיך משער געווען, אַז אָט דער וויינשטאָק איז עפּעס אַ מין אדם־העליון כביכול, אַז צו אים צוצוקומען איז פונקט אַזוי שווער, ווי צו אַ מלך, צו אַ פּרעזידענט און דערפאַר, ווען מען האָט מיר היינט דערציילט, אַז דער שרייבער וויינשטאָק דרייט זיך דאָ אַרום אין אַנטווערפּן און פאַרקויפט אַליין זיינע ביכער און טראָגט זיי נאָך אַרום אין די הייזער, צו די עם־הארצישע בייטל־האַבערס, צו די אויפגעקומענע גבירים, צו אָט די הויכשטאַפּלערס, — איז מיר דאָס האַרץ פאַרלאָפן מיט בלוט...

לייבל איז געשטאַנען אַ גערירטער און עס האָבן אים געשטיקט טרערן פון רחמנות אויף זיך אַליין. ער אַליין איז שוין אַזוי אַטראָפירט געוואָרן, אַז ער פילט שוין כמעט נישט די דערנידעריקונגען, וואָס ער שטייט אויס צוליב זיינע ביכער. ווען דען דערפילט ער עס ערשט? ווען אַ זייטיקער מענטש מאַכט אים אויפמערקזאַם דערויף. שטייט ער אַזוי לייבל קעגן זיין נייעם פריינד און ווייסט אַליין נישט אויף וואָס נאָך ער וואַרט. ס׳איז אים

טרויעריק אוועקצוגיין פון אַט דעם האַרציקן יונגגמאַנטשיק, שטייט ער אַזוי גולמדיק מיט דער טעקע אין די הענט, כאַטש נעם און מעלק אים אויס. ענדלעך רופט ער זיך פאַרט אָן צו אים:

— ע... ע... איר האָט מיר אפילו נישט אָנגערופן אייער נאָמען, איך זאָל כאָטש וויסן, פון וועמען איך האָב עס געהערט אַזוי פיל אָנגענעמע רייד און וועמען איך בין שולדיק אַ דאַנק —

— איר זענט שולדיק אַ דאַנק? פאַר וואָס? איך האָב פאַר אייך דאָך גאָרנישט נישט געטון. און רופן רופט מען מיך זלמן ווערניק. איך בין דאָ נישט פון די אנשי־השם. איר קענט זיך שוין פאָרשטעלן, אויב איך וועל אייך זאָגן, אַז איך אַרבעט אפילו נישט אין דער דיאַמאַנטן־בראַנזשע, וואָס דאָס הייסט אין אַנטווערפּן כמעט אַזוי גוט, ווי אַ מחלל־שבת׳ניק, אָדער ווי אַ מין מקושש־עצים... איך בין פשוט אַ צושניידער אין אַ קאָנפעקציע־פאַבריק. איך האָב אַ קראַנקע מוטער זאָל געזונט זיין און אַ ווייב מיט דריי קינדערלעך. מיט דער שער איז נישט אַזוי לייכט זיך צו מאַכן אַ לעבן, ווי מיט די ממזרישע שטיינדעלעך. קוים־קוים וואָס איך אַרבעט אויס אויף דער הוצאה און דעריבער שטיי איך אַזוי און טראַכט: מיט וואָס וואָלט איך אייך געקענט אַרויסהעלפן? כאָטש מיט וואָס עס איז —

לייבל האָט אים לייכט אַ גלעט געטון איבערן אַקסל:

— ברעכט זיך נישט שטאַרק דעם מח, פריינד ווערניק. קיין נדבות ברוך־השם נעם איך נאָך נישט און קויפן מיינע ביכער פאַרמאָגט איר דאָך נישט —

זלמן, ווי באַליידיקט:

— אומזיסט האָט איר דאָ דערמאָנט דאָס וואָרט „נדבה״. קיינעם פאַלן נישט איין אַזעלכע שטותים און מיר — אודאי און אודאי נישט! אַליין צו קויפן, זענט איר גערעכט, בין איך נישט ביכולת, וואָס דען יאָ? איך טראַכט פון גאָר־גאָר אַן אַנדער זאַך... איך האָב דאַכט זיך צוגעקלערט, ווער עס וועט ביי אייך נעמען אַ זאַץ ביכער —

— ליבער חבר, ברעכט זיך נישט דעם מח. וואָס, וואָס — נאָר די אַדרעסן האָב איך שוין פון אַלע יידן פון דער שטאָט, וואָס קענען מער אָדער ווייניקער קומען אין באַטראַכט אַלס קאַנדידאַטן. די סעקרעטאַרן פון ביידע אייערע קהילות האָבן מיר איבערגעשריבן פון זייערע ליסטעס קינד און קייט, ממש — אחד מהם לא נותר! אַזוי אַז אייער „צוגעקלערטער״ ליגט שוין זיכער פון לאַנג ביי מיר אין בוזעמטאַש —

ביידע האָבן זיך צעלאַכט פון לייבלס לעצטע ווערטער. גלייך אָבער

איז זלמן, — אַ מיטל וווקסיק, מאָגער יונגערמאַנטשיקל, מיט אַ יינגלש, אָפּנהאַרציק פּנימל — ערנסט געוואָרן און ער האָט זיך אָנגערופן אָן אַ סימן פון אַ שמייכל אויפן פּנים:

— איך פאַרזיכער אייך, חבר וויינשטאָק, אַז דעם סוביעקט, וואָס איך האָב איצט בדעה צו פאַרשלייערן מיט אייערן אַ זאַץ ביכער, האָט אייך קיינער נישט אָנגערופן, ווייל דאָס איז אַזאַ טיפּ... אַזאַ מין דבר־אחר׳סקע טיפּ, ממש — אַ דבר אחר ביד חזקה!

— ווי באַלד, אַז דאָס איז אַזאַ מין... אַזאַ מין... וואָס זשע האָב איך צו גיין צו אים? סתם גיין אויסשפּייען די גאַל?

— זייט רואיק, עס וואָלט אייך קנאַפּ וואָס געהאָלפן דאָס אויסשפּייען די גאַל ביי אים. ער איז נישט פון די מענטשן, וואָס יענעמס גאַל־שפּייעניש קען אים חלילה רירן, — דאָס איז אַ שטיין! אַ צור חלמיש! אָבער גראָד צו מיר האָט ער אַ שוואַכקייט. מיין פאָטער עליו־השלום איז אין דער היים געווען אַ חבר פון זיינעם אַ ברודער. ער אַליין האָט מיך צוריק מיט יאָרן געוואָלט נעמען פאַר אָן איידעם, אונטערגעשיקט מענטשן, מיר געוואָלט אָנשיטן אַ באַרג מיט גאָלד, נאָר איך האָב אפילו הערן נישט געוואָלט... נישט געוואָלט אַריינטרעטן אין אַזאַ בכבודיקן בית־הצניעות... און עס טוט מיר עד היום נישט באַנג. זייער ריח־רע לאָזט זיך הערן למרחקים. אָבער געבליבן זענען מיר ידידים ורעים. אַזוי מיט די אַלטע און אַזוי מיט דעם יונגן פאַרפאַלק. כ׳ווייס? איך גליב, אַז ער וועט נישט וואַגן מיר אָפּצוזאָגן —

— איז דאָך אייך! אָבער מיר וועט ער גליך ווייזן די טיר, ס׳איז גאָר ביי מיר בלתי־ספק —

— אַז איך וועל גיין מיט אייך, וועט ער נישט ווייזן קיין טירן... ווי לאַנג קרענקט ער, דער גראָבער יונג! און איך גיי מיט אייך! קומט שוין. ס׳איז אפילו אַ היפּשער שטיק וועג צו אים, אָבער פאָרן קען מען דאָך נישט —

לייבל האָט אַרויסגענומען פון בוזעמטאַש אַ גראָבן פּאַק מיט ליסטעס און האָט זיך אָנגערופן:

— פון דעסט וועגן לאָמיר בודק זיין לאור הנר: אפשר פאַרט געפינט ער זיך ביי מיר אויף איינער פון די ליסטעס... געשיקט זיך, אַז אַ ייד אַ סוחר און נאָך אין אַנטוערפּן, זאָל זיין אַזאַ בר מזל, אַז קיינער טראָגט אים נישט אויפן קאָפּ?

זלמן האָט אַרויסגענומען דעם היפּשן זשמוט פּאַפּיר פון דעם שרויי־

בערם האַנט און האָט אים — אפילו נישט שענקענדיק די ליסטעם קיין איין בליק — צוריק צונויפגעלייגט אין פירן און אַריינגעשטופּט אין יענעמס בוזעמטאַש:

— ס׳איז אַרויסגעוואָרפן אייער חקירה ודרישה, כ׳בין אייך ערוב — ער איז נישטאָ! ער איז נישטאָ און ער וועט נישט זיין!

— נו, ניין דאַרף מען נישט! ווי איז זיין זיסער נאָמען?

— צאַלעק שלאָסבערג איז זיין נאָמען. נו, געהערט אַ מאָל?

לייבל, קנייטשנדיק דעם שטערן:

— ניין, דעם דאָזיקן נאָמען הער איך איצט צום ערשטן מאָל —

— און איר האָט פון דעם גאַרנישט פאַרלוירן —

און שפּאַנענדיק אַקסל ביי אַקסל איבער די מיט שטילער לבנה-שיין פאַרגאָסענע אַנטווערפּענער געסלעך, האָט זלמן צוגעגעבן:

— דאָס וואָס ער וועט זיך שעמען אַרויסצווייזן זיין חזיר׳שע מאָרדע, ווען איך שטיי ביי דער זייט, דאָס איז אַ שטיקל שאַנס, אָבער טאַקע נישט מער פון אַ שטיקל. דער עיקר איז: אין וואָס פאַר אַ שטימונג מיר וועלן אים טרעפן. וועט ער זיין אויפגעלייגט — זענט איר אַלרייט! און טאָמער נישט... אָבער אַזוי צי אַזוי גלייב איך נישט, אַז אונדזער גאַנג צו אים זאָל זיין אין גאַנצן אַן אומזיסטיקער, סיידן כ׳ווייס? סיידן דער דאָזיקער מענטש האָט שוין בשלמות פאַרלוירן דעם צלם-אלקים... כ׳ווייס? נחיה ונראה! קומט לאָמיר גיין שמיידיקער אַ ביסל —

— לאָמיר אפילו לויפן, פאַר וואָס נישט? וואָס האָב איך אייך געוואָלט פרעגן? הם! אַרויסגעפלויגן פונעם קאָפּ... אַ-האַ, יאָ! איך זאָג: אָבער פאַר־מאָגן אויסצוגעבן אַזאַ סומע, וויפל עס קאָסטן אַלע ביכער צוזאַמען, פאַרמאָגט ער יאָ, אָט דער שלאָסבערג?

— איר פרעגט, צי ער פאַרמאָגט? דער דאָזיקער מענטש ווייסט אַליין נישט וויפל מיליאָנען דאָלאַרן עס זענען פאַרשריבן אויף די צענדליקער קאָנטאָס, וואָס ער האָט כמעט אין אַלע גרויסע אייראָפּעאישע בענק. גלייבט מיר, עס זעט זיך אָן ביי אים צו קויפן אייערע ביכער און אפילו אַלע ביכער, וואָס איר האָט אָפּגעדרוקט, אַזוי ווי ביי מיר... אַזוי ווי ביי מיר... ניין! כ׳קען פשוט נישט צוקלערן קיין פּאַסיקע דוגמא... קומט! וויפל האָר מיר׳ן נישט אויסרייסן פון אָט דעם פעטן חזיר וועט זיין אַ מצוה פאַר גאָט. איר זענט שוין מיד, זע איך, פון דעם שנעל גיין? ס׳איז שוין נישט זייער ווייט. נאָך אַ מינוט צען-פופצן און מיר זענען שוין ביי צאַלעקלען מיט זיין צאַלעקעלעכע —

געעפנט האָט זיי דאָס דינסטמיידל.

צווישן די בעלגישע יידן גייט אַרום אַ מחלה, וואָס זי הייסט „דינסט־מיידלעך”. דער סוחר, וועלכער האָט נישט אין דער היים קיין דינסטמיידל, איז דאָס אַ באַוויז, אַז ער שטייט שוואַך אויפֿן פּלאַץ. מוז שוין דער סוחר און פּונקט אַזוי דער מעקלער האָבן אַ דינסט פּשוט פֿאַר אַ פּאַטענט, משום מראית־עין, אַנדערש קען זיך אַ וואַקל טון זיין קרעדיט און בכלל זיין פֿינאַנסיעלע רעפּוטאַציע, זיין רענאָמע.

די דינסט האָט זיי געזאָגט, אַז דער בעל־הבית איז שטאַרק פֿאַרנומען, אָבער זי קען אים איבערגעבן, ווער עס פֿרעגט זיך צו אים. זלמן האָט אָנגע־רופֿן זיין נאָמען. די דינסט האָט זיך אומגעקערט מיט דער ידיעה, אַז דער בעל־הבית האָט געזאָגט, אַז ער וועט נאָך זיין פֿאַרנומען אַ גוטע האַלבע שעה און אפשר אַ גאַנצע, אָבער ער האָט געזאָגט: אויב דער הער ווערניק איילט זיך נישט שטאַרק, זאָל ער צוואַרטן. ווען ער וועט זיך באַפֿרייען וועט ער אים אויפֿנעמען מיט פֿאַרגעניגן.

זלמן האָט מיט אַ ווינקל אויג אַ ווונק געטון צו לייבלען:

— מיר בלייבן!

און שוין זיצנדיק אין די ווייכע פֿאָטעלן אין גרויסאַרטיקן זאַל, האָט ער צוגעגעבן שטיל:

— ביי אַזאַ נפש, אַז מען גייט אַוועק און מען קומט צוריק, פֿאַרלירט עס דעם טעם. דאָ מוז מען זען, אַז ער זאָל באַקומען די מיתה־משונה אויפֿן אָרט! רויט אָדער טויט! ער זאָל ביי מיר אפילו באַקומען די נכפה, מוז ער נעמען אַ זאַץ ביכער! גזירה היא מלפני! — יהרג ואל יעבור! זייט רואיק — פּטור בלא כלום אי אפשר...

ס'איז שוין געווען שפּעט אין דער נאַכט, זייער שפּעט, ווען דער בעל־הבית צוזאַמען מיט דער בעל־הבית'טע האָבן דורכן זאַל אַרויסבאַגלייט פֿון זייער קאַבינעט צוויי מאָגערע דזשענטלמענער אין האַרטע רונדע קאַפּע־ליושן און האָבן זיך מיט זיי זייער האַרציק געזעגנט. צוגעמאַכט די טיר הינטער זיי, זענען זיי ביידע צוגעגאַנגען צו זלמנ'ען און האָבן זיך מיט אים פֿריינדלעך באַגריסט. זלמן האָט אַ ווונק טוענדיק אויף דער קאָרידאָר־טיר, אַ פֿרעג געטון:

— דאַכט זיך נישט קיין היגע לייט, האַ?

— לאָנדאָנער סוחרים אויף פּאַרטיקער וואַרע. היינט פֿאַר נאַכט זענען זיי געקומען צו פֿליען און מאָרגן אין דער פֿרי פֿליען זיי שוין אויף צוריק... פֿאַר וואָס אַזוי שנעל, פֿרעגסטו? ס'איז נאָר ביי אַ שלעכט געשעפֿט מוטשעט מען זיך נאָך גוט אָן, אָבער אַז דאָס געשעפֿט גייט מיט מזל־ברכה,

דויערט עס גאָר נישט לאַנג... זיי שטייען נעבעך מיט אַ גרויס געשעפט אויף עטן־גאַרדן, הלואי רבונו־של־עולם אויף אונדז ביידע געזאָגט געוואָרן, כאָטש האַלב, כאָטש אַ דריטל...

זלמנס פנים האָט אויסגעדריקט אַ ביטול־געפיל און ער האָט געפרעגט שלא מן הענין:

— נו, ברענגען זיי עפּעס פּרנסה?

— אָ! ווי דען? נישט צו פאַרזינדיקן. זאָג מיר, דער דאָזיקער חבר איז געקומען צוזאַמען מיט דיר?

זלמן האָט אַ שמייכל געטון:

— נישט ער איז געקומען צוזאַמען מיט מיר, נאָר איך בין צופעליק געקומען צוזאַמען מיט אים. כ׳בין געווען אויף אַ פּלאַץ, ווו ער איז אויך געווען, הער איך, אַז ער גייט פון דאָרטן גלייך אַהער, האָב איך געבעטן רשות ביים הער וויינשטאָק, ער זאָל מיר דערלויבן, אַז איך זאָל אים באַגלייטן.

— ווי אַזוי זאָגסטו, הער וויינשטאָק? קיין מאָל נישט געהערט —

און ער האָט אויסגעצויגן צו לייבלען אַ ביינערדיקע האַריקע האַנט. נאָך אים אויך זיין פעסלדיקע פרוי. דאַן האָט ער זיך ווידער געווענדעט צו זלמנ׳ען:

— דער יונגערמאַן איז אַ קונה, צי אַ מוכר?

— אַ מוכר —

— איז גוט! ווייל ווען ער איז אַ קונה האָב איך גאַרנישט צו פאַר־קויפן.

זלמן האָט עטוואָס אויפגעהויבן די שטימע און האָט באַטאָנענדיק יעדעס אות געזאָגט:

— דער הער וויינשטאָק איז אָבער אַ מוכר פון גאָר אַ באַזונדער מין וואַרע... ער האָט גאָר אַ גרויסן טראַנספּאָרט דיאַמאַנטן געדרוקטע אויף פּאַפּיר —

ביים פאַרפאַלק שלאָסבערג האָבן זיך משונה אויסגעצויגן די פּנימער.

...לייבל האָט בשעת־מעשה אַ טראַכט געטון, אַז אַזוי וואָלט זיך געמוזט אויסציען דאָס פּנים ביי איינעם, וואָס ער נעמט דעם מעסער־גאָפּל אויף צו צעשניידן דאָס אָנגעפּילטע קאַטשקעלע, וואָס מען האָט אים אין רעסטאָראַן דערלאַנגט צום טיש און פּלוצלינג דערזעט ער, אַז אין טעלער ליגט גאָר אַ געפּגרטע קאַץ...

וווערניק האָט אָבער פון זייערע זיך־געענדערטע פּנימער נישט פאַר־

לוירן דעם גוטן הומאָר און ער האָט מיט דעם זעלבן פייערלעכן טאָן ממשיך געווען:

— דער הער ווײַנשטאָק, וואָס געפינט זיך איצט ביי אייך אין שטוב, דאָס איז דער וועלט-באַרימטער יידישער ראָמאַניסט, וואָס צענער טויזנטער יידן האָבן שוין געלייענט זיין גרוים ווערק און נאָך הונדערטער טויזנטער יידן וועלן עס נאָך לייענען פון דור צו דור...

די באַלעבאַטים זענען געשטאַנען פאַרלוירענע פון זלמנס געהויבענעם „מי שברך". זלמן האָט זיך באַנוצט מיט דער שטילקייט און האָט ווייטער גערעדט:

— ס'איז אַ זכות פאַר יעדער יידישער שטוב און אויך פאַר אייערע, צו האָבן ביי זיך אַזאַ געהויבענעם גאַסט, ווי דער הער ווײַנשטאָק איז. איך, ליידער, האָב דעם דאָזיקן זכות נישט געקענט האָבן, ווייל דעם הער ווײַנ־שטאָקס ווערק האָט עטלעכע בענדער, קען איך זיך נישט דערלויבן אַזאַ לוקסוס, דאָס ווייסט איר אַליין גאַנץ גוט, אָבער איר, מיינע פריינד —

דאָס געל-האָריקע פּעסעלע מיט די שוואַרצע ציין האָט זיך אָנגערופן מיט אַ קאָקעטישער צעצויגנקייט:

— אָבער זלמנקע, דו ווייסט דאָך גוט, אַז מיר לייענען קיינס נישט... ווען איז דאָ צו לייענען, ווען? אפילו ווען זיך דורכצופאָרן הינטער דער שטאָט איז אויך נישטאָ, אַבי צאַלעק האָט איבערגעביטן דעם פּאַראַיאַריקן לימוזין אויף אַ נייעם שיווראָלעט —

צאַלעק האָט זי נישט געלאָזט אויסרעדן:

— גיי, מיש זיך נישט נישט אין דיינע געשעפטן... גיי, גיי, די וואַרע ליגט דאָרט צעוואָרפן איבערן גאַנצן טיש —

אַז דאָס פּעסל האָט זיך אַ בורטשענדיקס אַרויסגעקוויקלט פונעם זאַל און צאַלעק בכבודו ובעצמו האָט הינטער איר פעסט צוגעמאַכט די טיר, איז ערשט זלמן צוגעטראָטן צו דער רעכטער עבודה מיט דעם גאַנצן ברען פון זיין טעמפּעראַמענט:

— הערט אוים צאַלעק, גאַנץ אָנטווערפן האָט שוין דאָס דאָזיקע גוואַלדאָוונע ווערק, וועט איר דאָך מסתם נישט וועלן זיין קיין אויסנאַם?

— ווער רעדט דערפון? אדרבה! איך בין זייער דאַנקבאַר דיר און דעם הער... דעם הער שטאָקוויין, כ'מיין: ווײַנשטאָק... אַ סוף, אַן עק, גאָט מיין גאָט, גיט מיר שוין די ביכער, חבר שרייבער... וויפל קאָסטן זיי דען, וואָס מען דאַרף אַזוי פיל הקדמות? אַ מיליאָן?

לייבל האָט אָנגערופן דעם פּרייז. אויף צאַלעק'ס פּנים האָט זיך פלינק

דורכגעטראָגן אַ זויערלעכע מינע, אָבער זי איז גלייך פאַרביטן געוואָרן אויף אַ העפלעכער:

— נו, מן הסתם וועט איר דאָך נישט נעמען ביי מיר טייערער, ווי ביי עמעצן אַנדערש, האַ?

— חס ושלום! וואָס פאַלט אייך איין?

— זאָג איך דאָך, דאָס איז דאָך אַ געלעכטער —

און ער האָט זיך גענומען צום טייסטער, אָבער זלמן האָט אים פאַר־האַלטן די האַנט:

— וואַרט, אָט דאָס בין איך געגאַנגען מיט דעם הער וויינשטאָק און אָפּגעזעסן ביי אייך אַ האַלבע נאַכט אין דערוואַרטעניש, אַז איר זאָלט נעמען ביי אים אַ זאַץ ביכער בלויז פאַר זיך? און ווען דער הער וויינשטאָק קומט צו אייך צו גיין אָן מיר, וואָלט איר דען ביי אים נישט גענומען דעם זאַץ ביכער? און ביי אַ ליאַדע שרייבערוקל, ביי אַן אַזוי גערופענעם: „חובר חברים מחוכם", * נישט ביי אַזאַ פּערזענלעכקייט ווי דער שרייבער וויינ־שטאָק איז, וואָלט איר דען נישט גענומען קיין זאַץ ביכער? וואָס איז דאָ דער אויפטו? וועלכער קבצן, וועלכער דלפן נעמט עס נישט קיין זאַץ ביכער?

אין צימער האָט געהערשט אַן אָנגעלאָדענע, דריקנדיקע שטילקייט. צאַלעק האָט געקוקט אויף זלמנ'ען מיט אַן אַרויסרופעריש שמייכעלע:

— מיט וויפל זשע דען, האַלטסטו, דאַרף איך באַלוינען דעם שריי־בער שטאָקווין, כ'מיין וויינשטאָק פאַר דעם כבוד, וואָס ער האָט מיר פאַרשאַפט מיט זיין באַזוך? אפשר וואָלט איך אָפּגעקויפט ביי אים די גאַנצע אויפלאַגע? אָדער נאָך בעסער: אפשר וואָלט איך אים גאָר אָפּגע־געבן די שליסעלעך פון מיינע סייפן: אין דער בערזע, אין קרינק, ** אין דיאַמאַנטן־קלוב און אין וואָל־בילדינג און אַרויס פון אַ חוב! קוויט!

זלמן נעמט אים אָן פאַר אַ האַנט און פרוווט זיך דערקלער'ן צו זיין יושר:

— צאַלעק, וואָס טוט זיך דאָס מיט אייך, וואָס? אָט דאָס זענען מיר געקומען אַהער אויסהערן אייערע וויצן? די גאַנצע אויפלאַגע וויל עמע־צער זאָלט איר ביי אים אָפּקויפן? די שליסלען פון אייערע סייפן דאַרף ער האָבן? און ווען איר שענקט זיי אים אַוועק, דעם הער וויינשטאָק, ווייסט ער דען, וואָס צו טון מיט זיי?

---

* בלשון סגי־נהור געמיינט: אַ שלימזל'דיקער טינטלער. די ריכטיקע טייטש: אַ כשוף־מאַכער, אַ שלאַנגען־באַשווערער. פון תהילים.

** קרינק, דיאַמאַנטן־קלוב און וואָל־בילדינג, — דאָס זענען אַלץ אַזעלכע מינים בערזעס אין אַנטווערפּן. אין אָט די אויסגערעכנטע ערטער געפינט זיך דער הויפּט־האַנדל מיט די איידל־שטיינער.

— וואָס דען ווילסטו פון מיר, זלמנ'קע ליבער? אַז דו רעדסט מיט אַ האַלב מויל, רעדסטו... אסור אויב איך פאַרשטיי וואָס דו ווילסט פון מיר האָבן. רעד קלאָרע דיבורים, רעד!

— חוץ דעם זאַץ ביכער, וואָס איר נעמט ביים הער וויינשטאָק פאַר זיך אַליין, דאַרפט איר נעמען נאָך איינעם פאַר אייער ברודער פון בוענאָס-איירעס, פאַר אייער איציקן —

— טפו, אויף מיינע שונאימס קעפּ! ביסט פונעם זינען אַראָפּ? יענער האָט דאָרט נישט, שרייבט ער, ווען די נאָז זיך אָפּצוווישן, וועט ער זיך זעצן לייענען ביכער?

— זאָל אייך נישט אַרן... די נאָז טאָקע נישט, — וואָס דערלייגט ער, אויב עס רינט פון איר? — אָבער אַ גוט יידיש בוך, זאָג איך אייך, — וועט ער איינשלינגען צוזאַמען מיט די טאָוולען —

שלאָסבערג האָט געלאַכט מיט יאַשטשערקעס:

— רוצח, וואָס האָסטו זיך אויסגעריסן אויף מיין קאָפּ? וואָס בין איך אַ פּאַדריאַדטשיק ביי אַרגענטינע אויף צושטעלן זיי ביכער?

— ביי גאַנץ אַרגענטינע טאָקע נישט, אָבער ביי אַן עלטערן ברודער אפשר יאָ... בוענאָס-איירעס קען זיך נאָר חלומען, אַז דער הער וויינשטאָק זאָל זיך מטריח זיין פאָרן אַהין צו פעדלען מיט זיינע ביכער... און אַז איר האָט שוין דעם זכות און די ערע —

— שוין געהערט, שוין געהערט, שוין געהערט! דעם זכות און די ערע און ווידער אַ מאָל דעם זכות און נאָך אַ מאָל די ערע, — שוין געהערט! מיר גייט שוין נישט אַזוי אין דעם געלט, ווי אין דעם, וואָס... וואָס ס'איז אַן אַבסורד! מען וועט דאָרט לאַכן פון מיר דאָס גרעסטע געלעכטער...

— מען וועט וויינען, זאָג איך אייך, נישט מען וועט לאַכן —

— פאַר וואָס עפּעס — וויינען?

— פון די ביכער וועט מען וויינען. איך האָב געלייענט, ווים איך! מען וועט פון זיי אי וויינען, אי לאַכן...

צאַלעק, מיט אַ מילדן חוזק:

— ווער וויינען? ווער לאַכן? זיי וועלן זיי אפילו נישט צעפּאַקן, זאָג איך דיר, משוגענער דו! אַז יענע האָבן קיין מאָל קיין צייט נישט —

— און איר אַליין האָט יאָ צייט? אויך נישט! און פון דעסט וועגן האָט איר פאַר זיך זייער שיין געקויפט די ביכער... גלייך מיט אַלע יידן... מיט וואָס זשע האָט אייער איציק פאַרזינדיקט, וואָס —

— און ווער וועט זיך פאַרנעמען מיט שיקן זיי? ווער ווייסט, ווי אַזוי זיך אומגיין מיט דער דאָזיקער וואַרע, מיט די ביכער מיין איך...

זלמן האָט אויפגעשיינט:

— איר גאָר וועט זיי דאַרפן שיקן? דער הער וויינשטאָק וועט זיי שיקן פאַר אייך... איר דאַרפט נאָר באַצאָלן און אים געבן אייער איציקס אַדרעס, וועט מען אים שוין אַרויסשיקן די ביכער דירעקט פון פּאַריז —

צאַלעק האָט אונטערגעהויבן זלמנס גאָמבעלע:

— זאָג מיר חברה־מאַן דו, וויפל נעמסטו פּראָוויזיע ביים הער וויינשטאָק? זע נאָר, ער האָט זיך שוין דאַכט זיך באַליידיקט. גיי נאַרעלע, מען טאָר מיט דיר קיין שפּאַס נישט מאַכן? קורץ דערפון — דו האָסט געפּועלט! — וואָס דען? דו וועסט נישט פּועלן? — איציק האָט שוין אַ זאַץ ביכער, זכה לו!

— נעמט זשע טאַקע, זייט מוחל, אַ בלייפעדער און שרייבט —

— וואָס זאָל איך שרייבן? דעם אַדרעס זיינעם דאַרף איך ערשט אַ זוך טון —

— נישט דעם אַדרעס, ווער דאַרף שוין זיין אַדרעס? עס ברענט ערגעץ?

— וואָס דען זאָל איך שרייבן?

— שרייבט, וואָס אַרט אייך? דאָס וועט זיין אַ מין שטיקל ליסטע, עלעהיי אַ שטר־מכירה...

— צו וואָס זשע עפּעס מוז איך גאָר שרייבן? און אויף אויסנווייניק געדענק איך נישט?

— ניין, אויף אויסנווייניק טויג נישט. אַז ס'איז געשריבן שוואַרץ אויף ווייס געדענקט מען בעסער. שרייבט: פאַר זיך אַליין איין זאַץ; אָט אַזוי! פאַר מיין איציקן איין זאַץ, איז צוויי! ווייטער —

— וואָס גייט נאָך ווייטער? איך בין נאָך נישט פאַרטיק?

— שייך צו זאָגן: פאַרטיק? מען קען זיין פאַרטיק אָן איין ביכל אויך, אַז מען וויל שטאַרק... אָבער איר ווילט דאָך דאָס נישט, האָ? פאַרטיק... איך האַלט, אַז ס'איז אַ יושר איר זאָלט נעמען אַ זאַץ ביכער פאַר אייער גיטלען פון בריסל... ווען די דאָזיקע געלעגנהייט טרעפט זיך איר, וואָלט זי זיך אין איר אָנגעכאַפּט מיט ביידע הענט, זייט זיכער!

צאַלעק איז געוואָרן ברוין און בלאָ:

— זי מעג זיך אָנכאַפּן, אָבער נישט איך... איך פאַרמאָג נישט איר מיסט, דער שוועסטערל מיינס —

זלמן, מיטן גראָבן פינגער, ווי ער וואָלט דאָ דורכגענומען זייער אַ האַרבע סוגיא:

— און אַז מען וויל, קען מען לערנען דעם פסוק אויף צוריק! „נאַ, שוועסטערל, זע כאַטש, וואָס אַ ברודער הייסט! איך, וואָס איך פאַרמאָג אפילו נישט דאָס מיסט דיינס, האָב פון דעסט וועגן אויסגענוצט דעם צופאַל, וואָס דער באַרימטער שרייבער איז דאָ געווען ביי מיר אין שטוב און געזעסן אויף מיין פאָטעל און כ'האָב דיר געקויפט אַ מתנה'לע"... און זאָל זי זיך וויסן דאָרט, די דאַזיקע גיטעלע! זאָל זי זיך שעמען אין איר ווייטן האָלדז אַריין —

צאַלעק האָט אַ געשריי געטון נישט מיט זיין קול:

— זלמנ'קע, גוואַלד, פאַר וואָס ביסטו אַריינגעקראָכן ביז איבערן האַלדז אין דיין פינצטערער קאָנפעקציע דאָרטן? דו מיט דיין געשליפן צינגל, וואָלסט דאָך געקענט ראַטעווען מענטשן פונעם טויט! דו וואָלסט דאָך געקענט זיין אַ גלענצנדיקער אַדוואָקאַט אפילו אין ענגלישן קרוין-געריכט, אפילו הינטערן אייזערנעם פאָרהאַנג ביי יענע טויב-שטומע ריכ-טער... גייט אַזוינס און ווערט גאָר אַ „שער און אייזן — עמך"...

זלמן האָט זיך אָבער נישט געלאָזט פאַררעדן די ציין און נישט געלאָזט צאַלעקן זיך אויפהייבן אין די הויכע ספערן. ער האָט אויף אַ באַליידיקנדיק-פּראָזאַאישן אופן אַריינגעשטופּט צאַלעקן אין די הענט אַריין דעם בליי-פעדער:

— די נאַכט שטייט נישט, ידידי ר' בצלאל בן אורי בן חור למטה יהודה, שרייבט צו: אַ זאָץ פאַר גיטלען —

שלאָסבערג האָט זיך אַ נויג-צו געטון צום טיש, כאילו כופאו שד, און באַמיענדיק זיך צו מאַכן אַ פריילעכע מינע, ווי אָט דער גאַנצער ענין וואָלט דורך אים געמאַכט געוואָרן בהסח-הדעת, עפּעס אָט אַזוי אַ, כלאחר-יד, האָט ער אונטער איציקס נאָמען צוגעשריבן אויך גיטלס נאָמען.

זיך אויפשטעלנדיק אַ פאַרשוויצטער פונעם טיש, האָט צאַלעק שפּאַ-טיש אַ פרעג געטון זיין פייניקער:

— נו, זיך אָפּגעפּאַרטיקט? כשר וישר, צי נאָך אַלץ נישט?

זלמן האָט געמאַכט אַ פרומע מינע. דאָס קולכל — שמן זית זך:

— אַלץ הייסט אָפּגעפּאַרטיקט? אַלץ הייסט כשר וישר? — ווי דער שענסטער בעל-הבית פון אַנטווערפּן! און ווער דען זאָל זיך שוין אויס-שטעלן פאַר לייטן, אויב נישט איר? אָבער פון דעסט וועגן... כ'ווייס? ווי איר ווילט זיך!

צאַלעק איז אַזש בלאַס געוואָרן:

— וואָס איז שוין ווידער? ווען נאָך ווילסטו עם מזכיר-נשמות זיין?

— איך גאָר וויל? איר דאַרפט וועלן! איר אַליין! ווען דער הער ווייג־שטאָק זאָל שוין אפילו וועלן אַנטלויפן פון דאַנען —

— וואָס האָט ער עפּעס צו אַנטלויפן? מען האָט אים דען דאָ אַזוי שלעכט אויפגענומען?

— גאָט באַוואָר! אויפן שענסטן און אויפן העפלעכסטן אופן! עס רעדט זיך נאָר אַזוי: ווען ער זאָל אפילו גראָד איצט יאָ וועלן אַנטלויפן, וואָלט איר געדאַרפט פאַרשליסן די טיר און אים נישט אַרויסלאָזן פון דאַנען, ביז איר שטעלט נישט אַריין אייער מחותן פון ישראל אין דער ליסטע פון „זכה לו" —

ביי צאַלעקן אין פּנים האָבן זיך געביטן אַלע קאָלירן, אָבער זלמן האָט מיט אַ מאָל פאַרלוירן די ראיה. ער האָט שיטער געזייעט דורך די ציין מיט אַן אינטימען חשבון־הנפש'דיקן טאָן:

— געוואָלט פאַר אַן אײדעם האָט איר מיך... אַזאַ שלימזל הגדול הגבור והנורא ווי איך... און איר זענט שיער־שיער נישט אַריינגעפאַלן... האָט אייך אָבער די השגחה אָנגעברייט אַזאַ געהויבענעם מחותן מיט אַזאַ זעלטענעם יונגנמאַנטשיק ווי מאַקס איז... דאַרף מען — אַזוי רעכן איך, כ'וויים? — האָבן אין זיך געגוג טאַקט און גוטן־טאָן, אַז ווען עס האָט זיך שוין אַזוי געמאַכט, אַז דער אַזוי באַרימטער שריפטשטעלער... ס'איז מיין זאַך? טוט ווי איר פאַרשטייט! אין ישראל איז גענוג היים און אַז ס'איז היים אַרבעט מען ווייניקער אַ ביסל און אַז מען אַרבעט ווייניקער, האָט מען צייט מערער און אַז מען האָט מער אַ ביסל צייט, לייענט מען אַזאַ מחיה'דיק ווערק דריי מאָל און איך בין אייך ערוב אַז דער מחותן וועט אייך אָנווינטשן פאַר דער מתנה דאָס אייביקע לעבן נאָך גיכער, ווי ער וואָלט עס געטון, ווען איר שענקט אים אַוועק אייער נייעם „שיווּרעליעט"... און טון דערביי דאַרפט איר דאָך אויך גאָרנישט, די חשובע מאַדאַם ווייג־שטאָק אין פּאַריז דאַרטן, פונקט אַזוי גוט, ווי זי קען אָפּשיקן די עטלעכע פעקלעך קיין בוענאָס־איירעס און קיין בריסל, אַזוי קען זי אָפּשיקן אויך קיין ראשון לציון צו אייער מחותן... איר דאַרפט נאָר אים אַרויפשטעלן אויף אייער ליסטע, וואָס איר גרייט צו פאַר דעם ה' ווייגשטאָק און מאָרגן אָדער איבערמאָרגן ברענגען צו זיך אין ביוראָ אַריין די נייטיקע אַדרעסן, מער גאָר—נישט, גאָר—נישט...

פונקט אַזוי ווי אַ חולה־נופל גיט אַ פאַל אַוועק אַזוי ווי ער שטייט און גייט, אַזוי איז דער אויסגעמוטשעטער צאַלעק אַוועקגעפאַלן אויף דער ליסטע און האָט פאַלנדיק מפּיל געוועזן אויפן פּאַפּיר:

...אַ זאַץ פאַרן מחותן...

אָבער זלמן, וועלכער האָט דאָס אַלץ נישט באַמערקט, איז נאָך נישט אַרויסגעקראָכן פון זיין טרויעריקלעכן און באַלערנענדיקן טאָן:

— צי אַ שטייגער... איר האָט טאַקע היינט אויף דער נאַכט אייער זשאַנעטן עקספּעדירט אין טיל אַריין, זאָל זי זיך בעסער געפינען וואָס וויטער פונעם פּראָנט, ווו עס גיסט זיך בלוט... מילא, אין דעם זינען זענט איר נישט קיין אויסנאַם, אַלע מענער טוען אַזוי בשעת-הדחק. אָבער, איר וועט מיר נישט קענען שווערן, אַז זי שטייט נישט ערגעץ הינטער אַ טיר און הערט זיך אונטער דעם גאַנצן שמועס אונדזערן און עס פאַלט פון מיינע שונאים לעבעדיקע שטיקער... עס פאַרשטייט זיך אַריינגיין זאָגן, בעטן שטייט איר נישט אָן, ווייל סוף כל סוף איז זי דאָך אַ באַלעבאָסטע אין הויז פונקט אַזוי גוט, ווי איר זענט אַ בעל-הבית, אָבער אין האַרצן קרענקט זי גוט, וואָס די גאַנצע משפחה אייערע האָט איר באַטיילט מיט אָט דער זעל-טענער מתנה און אפילו דעם מחותן, — אומשטיינס געזאָגט: וואָס געהערט מען זיך אָן מיט אַ מחותן? אַ קנעפּל צו די פלידערן? — איז אפילו דער מחותן פון דעם וויטן ישראל איז נישט פאַרגעסן געוואָרן בשעת דער גרויסער חלוקה און איר ברודער... איר איינציקער ברודער און אייער איינציקער שוואָגער, וואָס וווינט אַזוי נאָענט, ווי אָט דאָס אַמסטערדאַם איז פון אַנטווערפּן, ס'איז דאָך ממש, קען מען זאָגן — אַ שטוב מיט אַן אַלקער! זאָל ער גראָד פאַרטיילט ווערן! וואָס איז? באשר בכן ער איז נעבעך אַ ביטערער אָרעמאַן... באשר בכן ער פאַרמאָגט נעבעך נישט אָפּצושיקן צוריק אַן אַנדער מתנה... איר מיינט, מיין טייערער צאַלעק, אַז אַ מענטש לעבט אייביק? אַז דאָס געלט גייט נאָך דעם מענטשן אַ הין צו? טאָמער מיינט איר אַזוי, זענט איר אין אַ גרויסן, גרויסן טעות! פאַר-קערט, איר דאַרפט זיין צופרידן, וואָס אַ מתנה שיקט איר אים און נישט ער אייך... וואָס דאָס לייטערל פונעם שטיקעלע מזל שטייט נישט איבער-געקערט מיטן קאָפּ אַראָפּ און מיט די פיס אַרויף —

צאַלעק, מיט אַ האָפערדיקייט פון אַ נידון-למיתה, וואָס אים איז שוין אַלץ איינס:

— און פאַר וואָס זאָג מיר זאָל איך קויפן דעם שוואָגער יאָ און דיר אַליין נישט? דו ביסט דאָך ביי מיר אויך נישט קיין אַבי ווער און אַליין צו קויפן פאַרמאָגסטו דאָך אויך נישט... אמת, צי ניין?

זלמן האָט אַ רגע כמימרא נאָכגעטראַכט, נאָכגעקלערט און ווי ער זאָל קוים מיט אַנגסטן האָבן געפּועלט ביי זיך:

— מנע! בלייבט עס אַזוי! סתם אַזוי ווייסט איר דאָך גוט, בין איך נישט קיין מתנות־נעמער. שונא מתנות יחיה! אמת, לײדער האָב איך נישט צו געבן, אָבער קיינער קען מיר נישט זאָגן, אַז איך בין מחויב צו נעמען, אָבער היינטיקער פאַל איז אַן אויסנאַם! כאָטש איך האָב די דאָזיקע אַלע ביכער שוין געלייענט און כ׳געדענק זיי כמעט פון אויסנ־ ווייניק, אָבער דאָך איז אַ יצר־הרע צו פאַרמאָגן אַזאַ תכשיט אין שטוב, אייגנס. און דער עיקר איז, אַז דער ליבער הער וויינשטאָק זאָל טאַקע האָבן פאַר איין וועגס פאַרקויפט נאָך אַ זאַץ ביכער! עפּעס אַזוי לייכט קומט אים אָן צו פאַרקויפן אין אַנטווערפּן אַ זאַץ ביכער? וואָס זאָגט איר, הער וויינשטאָק?

לייבל האָט גאָר נישט געהאַט וואָס צו זאָגן. ער האָט שוין פון לאַנג געהאַט פאַרלוירן דאָס לשון.

זלמן האָט אפילו נישט גערעכנט, אַז דער שרייבער זאָל אים ענט־ פערן און ער האָט זיך תוך כדי דיבור ווידער געווענדעט צו שלאָסבערגן:

— ס׳איז באַשלאָסן, ליבער צאַלעק! איך בין מסכים צו נעמען פון אייך אָט די מתנה —

צאַלעק, מיט אויגן פון אַ לונאַטיקער נאָך זיין לאַנגן נאַכט־מאַרשרוט:

— בין איך זייער צופרידן... זענען מיר, איך מיט מיין זשאַנעטן, דיר זייער דאַנקבאַר... איז... איז וואָס דאַרף איך איצט טון?

זלמן, צענעמענדיק די הענט פון דערשטוינונג:

— איצט — וואָס? איצט גאָרנישט! איצט גייט מען באַלד שלאָפן און מען ווינטשט זיך איינער דעם צווייטן: „אַ גוטע, רואיקע נאַכט". איצט גיט איר אַ צי אונטער די אונטערשטע שורה פון אייער ליסטע. קומט וועלן מיר עס מאַכן ביידע צוזאַמען, וועט זיין הימלעכער. אַלזאָ: פאַר אייך אַליין — איז איין מאָל אַוועק; פאַר אייער איציקן — איז צוויי מאָל אַוועק; פאַר אייער גיטלען — איז דריי מאָל אַוועק; פאַר אייער מחותן — איז פיר מאָל אַוועק; פאַר אייער איינציקן שוואָגער — איז פינף מאָל אַוועק. און פאַר מיר אַליין... אויב איר ווילט אומבאַדינגט —

צאַלעק, וועלכער איז די גאַנצע צייט פונעם אונטערשטרײַכענען געשטאַ־ נען ביי זלמנס זייט ווי אַ געליימטער, האָט זיך פלוצלינג אַ כאַפּ געטון, ווי אַן אָפּגעבריטער:

— אודאי ווילן מיר! וואָס פאַר אַ פראַגע ערשט?

— נו, ווי באַלד אַזוי, ווי באַלד אַז אייערס אַ וואָרט איז קודש־קדשים און איר נעמט עס קיין מאָל נישט אויף צוריק, מאַכט עס אויס צוזאַמען אַזוי גרוים ווי זעקס זאַץ —

— אוי, מאַמע מיינע! דאָס איז דאָך עפּעס אַ היטל מיט געלט — זלמן האָט מיט חוזק זיך אים איבערגעקרומט:

— געלט און ווידער געלט און נאָך אַ מאָל געלט... אַ היטל מיט געלט! גלייבט מיר, איין געקעסטלט אַנגליטשאַנטשיקל, אַז ער וועט פּיפּקען זיין פּיפּקע דאָרטן ביי אייך אין ביוראָ אַ האַלבע שעה, וועט ער צודעקן צען אַזעלכע קניות, הונדערט אַזעלכע קניות... איז אויב איין זאַץ קאָסט כך וכך, משמעות, אַז זעקס זאַץ קאָסטן זעקס מאָל כך וכך —

— זלמן, גאָט איז מיט דיר, ווער האָט ביי זיך אַזוי פיל מזומן געלט? ווען דו זאָלסט מיך אפילו אויסטרעסלען מיט די בעבעכעס —

אָבער זלמן האָט אים נישט געלאָזט זיך ברייט צוצערעדן:

— געלט? מזומן געלט? ווער דאַרף עס איצט האָבן מזומן געלט? איך וואָלט גאָר מורא געהאַט, אַז דער הער וויינשטאָק זאָל מיט זיך נאָך האַלבער נאַכט טראָגן אַזאַ סומע מזומן געלט... איר שרייבט אים איצט אוים אַ טשעק אויף זיין נאָמען און מאָרגן, אַז גאָט וועט שענקען דאָס לעבן, וועט ער זיך מוזן מטריח זיין אין באַנק אַריין און אָפּנעמען דאָס געלט, די כשר-פֿאַרדינטע פּאָר גראָשן זיינע —

— אָבער די ביכער זענען דאָך נאָך נישט אַרויסגעשיקט געוואָרן, היינט וואָס זשע ברענט אַזוי מיטן טשעק? איך בין דען אַן אַנטלאָפענער?

ביי זלמנ׳ען האָט קאָנוולסיוו אָנגעהויבן אונטערצוטאַנצן די לינקע ברעם און עס האָבן ביי אים אַזש אַרויסגעטראָטן שווייס-אַרבעסלעך אויף דעם גאַנצן שטערן און אונטער די אויגן, אַזוי איז ער געוועז אויסער זיך:

— איך פֿאַרשטיי נישט צאַלעק, איר ווילט דען, אַז דער הער וויינ-שטאָק זאָל זיך אָפּקלאַפּן די פּיס גייענדיק צו אייך? איר ווילט דאָך דאָס נישט, היינט וואָס זשע פּאַר אַ קלעצער פֿאַרלייגט איר: „די ביכער זענען נישט אַרויסגעשיקט געוואָרן״? די מניעה איז דען אין אים? אדרבה, גיט אים שוין אַלע אַדרעסן, טעלעגראַפירט ער גלייך אַהיים —

— צו וואָס דאַרף מען אַזש טעלעגראַפירן? ס׳איז דען מיט סכנות-נפשות?

— אודאי איז עס אַן סכנות, נאָר אַז איר מאַכט זיך אַן אויסרעד פון דעם, וואָס ער האָט נאָך נישט געשיקט, דעריבער זאָג איך...

צאַלעק האָט אויפגעשלאָסן אַ קונציק-פֿאַרמאַסקירטע וואַנט-טירעלע און האָט פון דאָרט אַרויסגענומען אַ גרין טשעקן-ביכל. אַ היפּשע ווײַלע איז ער געשטאַנען מיטן ביכעלע אין דער האַנט, ווי איינער האַלט אַ פּיסטאָלעט

אין דער האַנט און ישובֿט זיך: זאָל ער אַ דריק טון די גאַשעטקע, צי עס וועט אים דערנאָך באַנג טון? דאַן האָט ער זיך אויסגעדרייט צו לייבלען:

— ווי אַזוי איז אייער נאָמען בדיוק: וויינשטאָק, צי וויינסטאָק?

זלמן האָט לייבלען נישט געלאָזט אויסרעדן:

— צו וואָס טויגן אייך קונצן? דער גרעסטער בריה קען זיך אַ מאָל טועה זיין מיטן אויסלאָג. אָמער גיט דעם הער שלאָסבערג אייער פּאַספּאָרט, וועט ער נאָכשרייבן אות באות... אָט אַזוי! אותיות מחכימות — דאָס איז די בעסטע זאַך און די סאַמע זיכערסטע —

צאַלעק, אַ בלייכער ווי די וואַנט, האָט געשריבן. זלמנ׳ס פּאַרשפּיצט נעזל איז געהאַנגען איבערן טשעקן-ביכל און האָט אַכטונג געגעבן, צי ער מאַכט נישט קיין טעות מיט קיין אות. לייבל, מיט פּאַרדעכטיקע פּלעקן אויפֿן פּנים, איז געשטאַנען אָפּגעטראָטן פֿון זיי אויף עטלעכע שפּאַן — טאַקע ווי דער מנהג-העולם איז: „אַז ס׳האַלט ביי אַ שידוך, איז די צדדים האַנדלען צווישן זיך מכח נדן און דער חתן זיצט ביי דער זייט און שוויגט" — און האָט זיך נישט געקענט קיין עצה געבן, וואָס צו טון מיט די פּלוצלינג איבעריק-געוואָרענע הענט.

ווען דאָס אויסגעפּילטע און אונטערגעשריבענע גרינע בייגעלע איז פֿונעם בעל-הבית׳ס הענט אַריבערגעגאַנגען אין דעם דאַנקענדיקן שרייבערס הענט, האָט זיך זלמן, אַ האַפּערדיקער, אָנגערופֿן צו צאַלעקן:

— נו און איך מצדי דאַנק אייך אויך זייער: סיי פֿאַר מיין פּערזענלעך-באַקומענער מתנה, סיי בכלל —

— איי, הער שוין אויף, שוטה דו! ווי אַזוי שעמסטו זיך נישט? כדאי צו רעדן דערפֿון —

— און איצט, מיין פֿריינד, וואַרפֿט אַן דעם חשובֿן שרייבער דעם אַדרעס פֿון אייער ביוראָ, ווייל ער וועט דאָך מוזן אַרויפֿקומען צו אייך נאָך די אַדרעסן.

— האַ? בכבוד גדול. שרייבט חבֿר וויינשטאָק און איך וועל אייך דיקטעווען —

לייבל האָט זיך צוגעזעצט אויף דעם זעלבן פּלאַץ, וווּ צאַלעק האָט ערשט געשריבן דעם טשעק און צאַלעק האָט אים געדיקטעוועט, וואָס צו שרייבן און געניי אָפּגעמשלט, ווי אַזוי צו טרעפֿן אַהין אומגעפּרעגטערהייט.

ווען זיי האָבן זיך ביידע אויפֿגעשטעלט, האָבן זיי זיך ביידע געכאַפּט דערויף, אַז זלמן איז ערגעץ נעלם געוואָרן. לייבל האָט אַ פֿאַרוווּנדערטער אַ קוק געטון אויפֿן באַלעבאָס, נאָר יענער האָט אים באַרואיקט:

— מן הסתם זיך אַריינגעכאַפּט אַהין צו, וווּהין דער קיסר גייט צו פוס... זיצט אַ ביסל, לאָמיר זיך אַ ביסל צוזעצן ביז ער וועט דאָרטן פּאַרטיק ווערן מיט זיינע חשבונות. נו, איצט, אַז מיר האָבן שוין אונדזער מסחר גאַט זיי דאַנק פאַרענדיקט, דערציילט זשע עפּעס, ווי אַזוי לעבן דאָס אונדזערע יידלעך אין דעם שיינעם פּאַריז, האַ? מען לייגט דאָרט אָן, זאָגט די וועלט, פּולע טאַשן, האַ?

אַז עס זענען שוין פאַריבער היפּשע עטלעכע מינוט און זלמן האָט זיך נישט אומגעקערט פון זיין „קיסר'יש" ערטעלע, האָט זיך צאַלעק אויפגעהויבן פון זיין פאָטעל:

— איך וועל אומיסטן אַ פרעג טון ביי מיין זשאַנעטן — אויב נאָר זי שלאָפט נאָך נישט — אפשר ווייסט זי, וווּהין זיין געביין איז אַהינגעקומען?

לייבל האָט זיך כלומרשט שטאַרק פאַרטיפט אין דעם גרויסן בילד, וואָס איז געהאַנגען אויף דער וואַנט, אָבער דעם אמת גערעדט האָט ער מיט אַלע חושים זיך איינגעהערט אין דעם שמועס, וואָס ווערט אויף יענער זייט שוואַך-צוגעמאַכטער טיר געפירט צווישן מאַן און ווייב. ער האָט געפרעגט:

— האָסט נישט באַמערקט, וווּהין זלמנ'קע האָט זיך דאָ אַהינגעטון?

פונקט ווי זיין קול איז געווען פריקרע-טרישטשענדיק, ווי עמעצער זאָל מיט אַ שטיק פאַרזשאַווערט בלעך וועלן אָפּזעגן אַ שטיק שטיין, אַזוי איז איר קול געווען שעפּטשענדיק-שיפּענדיק, ווי ביי אַ שלאַנג און באַגלייט מיט אַ משונה-מאָדנעם סווישטש, ווי דאָס פישטשען פון פעלד-שטשורעס:

— פאַר וואָס עפּעס האָב איך אים נישט באַמערקט, אַז ער האָט מיר אפילו געזאָגט „אַ גוטע נאַכט".

— וווּהין זשע איז ער אַוועק?

— וווּהין גייט מען אַזוי שפּעט? אַהיים! צו זיך אַהיים. וואָס האָט ער שוין דאָ צו טון? ער האָט שוין זיינס אָפּגעטון, מעג ער שוין גיין.

— פאַר וואָס זשע איז ער אַוועק אַליין און האָט דאָ איבערגעלאָזט אָט דעם... אָט דעם... באַרימטן?

— מיר האָט ער אַ זאָג געטון, אַז ער וויל נישט גיין אַהיים מיט אים צוזאַמען, כדי יענער זאָל אים נישט דאַנקען —

— אַזוי גאָר? נו, דאָס איז גראָד זייער ענלעך אויף זלמנ'קעס אַ שטיקעלע... וואָס זשע דאַרף מען איצט טון? דאַרף מען איצט, הייסט עס, משלח זיין אָט דעם... אָט דעם...

— דו דאַרפסט אים שוין נישט משלח זיין, ער וועט אַליין אויך אַוועק-

גיין... זיינס האָט ער שוין פון דיר אויסגעמאָלקן? אויף וואָס נאָך דאַרף ער דיך שוין? ביסט געשטאַנען די גאַנצע נאַכט, ווי אַ מעלקנדיקע קו און זלמנ׳קע האָט דיך געטרייבערט און געמאָלקן, געמאָלקן און געטרייבערט, אַז ס׳איז געווען אַ וויסטע קאָמעדיע צו קוקן —

— זשאַנעטינקאַ, רעד נישט אַזוי... מען טאָר אַזוי נישט רעדן, ס׳איז פּשוט נישט מענטשלעך! דו מיינסט, אַז אַ מענטש לעבט אייביק? אַז דאָס געלט גייט נאָך דעם מענטשן אַהין צו, אין גריבל אַריין? טאָמער מיינסטו אַזוי, האָסטו אַ גרויסן, גרויסן טעות —

דאָס פּעסעלע, מיט אַ מעפיסטאָפעלש געלעכטערל:

— אוי, מען דאַרף זיך האַלטן ביי די זייטן פון געלעכטער... ער חזרט מיר איבער זלמנ׳ס ספּיטש וואָרט און וואָרט... מען דאַרף זיך נאָר דאָס לעבן נעמען, אָדער זיך באַגראָבן לעבעדיקערהייט פאַר וויטיק און פאַר בזיון... אויף דער עלטער איז ער ערשט געוואָרן זלמנ׳קעס פּאָפּוגיי... אַז קיין אייגענע געהירן האָט עס נישט, מוז עס אָנקומען צו פרעמדע —

— זשאַנעט, מאַך צו דעם פּיסק, זשאַנעט...

דער שיפּענדיקער סווישטש, מיט אַ סאַדיסטישער הנאה:

— גיי ריכט זיך, אַז אַזאַ דורכגעטריבענער פוקס ווי דו, וועסט זיך לאָזן נעמען אין זאַק אַריין און נאָך אויסציילן אָט די שלעפּערס במזומנים: אחת ואחת...

פון ר׳ בצלאלס האַלדז האָט זיך אַרויסגעריסן אַ ווילדער געשריי, ווי פון אַ פאַרוווּנדעטער חיה:

— זשאַנעט, ווער פאַרשטומט! דו שווייגסט, דו נחש-הקדמוני, וואָרעם אָט נעם איך דעם לאָמפּ און צעשפּאַלט דיר דיין מיאוסן קאָפּ... שאַ, די טיר איז גאָר דאַכט זיך נישט גוט צוגעמאַכט —

כמעט אויף די שפּיץ פינגער האָט זיך צאַלעק אונטערגעגנבעט צום שרייבער, וועלכער איז אַזוי געווען פאַרטיפט אין דעם בילד. ער האָט אים מעשה-גוטער-ברודער אַרויפגעלייגט די האַנט אויפן אַקסל און גוטמוטיק געפרעגט:

— אויף וואָס האָט איר זיך דאָ אַזוי פאַרקוקט, חבר שטאָקוויין, איך מיין ווינשטאָק?

לייבל, מיט באַגייסטערונג:

— איי, וואָס רעדט איר? דאָס איז דאָך אַ זעלטן בילד! דאָס איז אַ מייסטערווערק, וואָס זיין פּלאַץ איז אין לוווּר, נישט אין קיין פּריוואַט-הויז...

— וואָס רעדט איר? דאָס האָט מיר נאָך קיינער נישט געזאָגט —

— זאָג איך אייך! איך קען מיך גוט אוים אויף אָט די זאַכן —

— אָ! כ׳מיין אַזוי —

— איר קענט זיך אויף מיר פאַרלאָזן... דאָס איז אַ שעדעוור! יאָ, און ווו איז דער הער ווערניק?

— ווער ווייסט אים? ער איז אַ מענטש מיט אַ בינעלע. אים האָט געקענט אין מח אַ דריי טון אַ זאַוויערױשקעלע, זאָל ער נעמען די פּיס אויף די פּלייצעס און מאַכן אַ „ויברח”... ווערט איר שוין מוזן אַליין גיין אַ שטיק וועגס... איר שטייט דאָך מסתם ערגעץ ביים האָופּטבאַנהאָף?

— יאָ, ערגעץ אין יענער געגנט —

— אָבער אַ פֿיינער בחור איז ער פֿאָרט אָט דער זלמן. פֿיין ביז גאָר. איר קענט זיך גאָר נישט פֿאָרשטעלן —

— מאָלט אייך, אַז איך קען יאָ —

— ווען נישט ער גייט מיט אייך אַרום, וואָלט איר אויסגעזען שטאַרק שפּלדיק, פּאַני באַרימטער —

— אויך דאָס וויים איך —

דאָס געל-האָריקע פּעסעלע האָט זיך פּלוצלינג באַוויזן אין אַ גרויס-אַרטיקן באַרכאַטענעם פּעניואַר, וועלכער איז אויף איר געלעגן כנזם זהב באף חזיר; דאָס העפּלעכע פּאַרפּאָלק האָט זיך זייער האַרציק געזעגנט מיטן געהויבענעם גאַסט און האָבן אים אפילו אַרויסבאַגלייט ביזן טראָטואַר.

און ווידער איז לייבל געווען איינער אַליין אויף אַ ווייטער אומבאַ-קאַנטער גאַס פון דער כמעט אומבאַקאַנטער שטאָט: אַנטוועררפּן. די טעקע איז אָבער דאָס מאָל געווען לייכט, וואָס לייכט הייסט און אין בוזעמטאַש האָט זיך פאַרטייעט אַ פּאַפּירל מיט אַ מאַגישן כח —

— זעקס זאַץ! גרויסער גאָט! גוטער גאָט! היאומן כי יסופּר?

ער איז געגאַנגען אין דער ריכטונג פֿונעם שטאָט-צענטער און האָט נישט געפילט די ערד אונטער זיך. עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער גייט אויף אַ פּאַפּירענעם בריק, נאָך שענער — ער שוועבט גאָר אין דער לופטן —

— זעקס זאַץ! מאַמע מיינע, איך זאָל כאָטש נישט אַראָפּ פֿונעם זינען פֿאַר פרייד! איך לאָך שוין אַצינד פֿונעם דרוקער מיט זיין קומענדיק וועקסעלע... איך לאַך פון אים דאָס גרעסטע געלעכטער —

עס מוז שוין זיין זייער, זייער שפּעט. מען זעט נישט אין ערגעץ קיין לעבעדיקן נפש, קיין באַלויכטן פענצטער, — גאָר—נישט! אַן אויסגע-שטאָרבענע שטאָט! די לבנה איז ערגעץ פאַרשוווּנדן געוואָרן, אָדער זי

האָט זיך באַהאַלטן הינטער די פילשטאָקיקע קאָמעניצעס, אָבער אפילו ווען זי איז נישטאָ, איז אויך גענוג ליכטיק פון איר ערגעצדיקן זיין. לייבל קוקט זיך אַלע מאָל אום אויף אַלע זייטן. נישט חלילה אוים מורא, ווייל ער טראָגט ביי זיך אַזאַ אוצר ווי דער טשעק איז, — חס וחלילה! קודם איז אַנטווערפּן נישט אָדעס, ווו מען כאַפּט פון די הענט הן ביי טאָג, הן ביי נאַכט; והשנית איז דער טשעק אויסגעשטעלט אויף זיין נאָמען. כדי אָפּצונעמען דאָס געלט, מוז מען ווייזן אַ פּאַספּאָרט און, אַז מען ווייזט אין באַנק אַ פּאַספּאָרט, מוז מען, צוליב היימלעכקייט וועגן, זיין כאָטש וויפל ס'איז ענלעך אויף דעם בילד, וואָס דאָרט איז אַריינגעקלעפּט... ווייס איך, שטותים! ווער האָט דען מורא? דאָס קוקט ער זיך אַלץ אַרום, ווייל ער גלייבט נישט שטאַרק, אַז זלמן, אָט דער איש פלאי ושמו זלמן, איז טאַקע אַוועק זיין וועג און באַגלייט אים נישט פון אַ ווינקל ערגעץ, אַז ער, לייבל, זאָל בשלום אָנקומען אַהיים.

און לייבל, שפּאַנענדיק מיט אַ שמיידיק געגנגעלע און פּאָכענדיק נאָכן טאַקט פון די שפּאַן מיט דער כמעט-ליידיקער טעקע, פרעגט זיך אַליין:

— נו, יונגערמאַן, וואָס וועסטו איצט זאָגן? האָבן מיר אַ גרויסן גאָט, צי ניין?

— אַ שאלה ערשט!

— און וואָס זאָגסטו אַ שטייגער אויף אָט דעם זלמנ'ען, האַ? עפּעס אַ כלי, הם?

— וואָס איז אויף אים דאָ צו זאָגן און וואָס איז אויף אים דאָ צו רעדן? אַזוי ווי עס זענען פאַראַן אויף דער וועלט שטיפזין, אַזוי זענען אויך פאַראַן איבערגעגעבענע זין. זלמן ווערניק איז אַ מוסטער פון אַן איבערגעגעבענעם זון —

א מענטש און א מענטש

...אַנגעגליטער שטיין; שרפענדיקע זאַמד; אַן אָטעם פון פריסעק; ועל כולם: אַ זון פון אַ קאַלכאַויוון —

דאָס איז סטאַלינאַבאַד אין די הויכע זומער-חדשים.

סטאַלינאַבאַד איז די הויפּטשטאָט פון דער סאָוויעטישער רעפּובליק: טאַדזשיקיסטאַן. די דאָזיקע יונגע רעפּובליק איז דער וויטסטער פונקט פון דער סאָוויעטישער טעריטאָריע אין מיטלאַזיע; זי האָט אירע גרענעצן ביי די שוועלן פון אינדיע; זי איז אַרומגעגאַרטלט מיט אַ קייט גראַניט-בערג, וואָס ציען זיך אַזש פון מאַנדזשוריער געגנטן און פון דרום-מזרח איז זי — ווי אַ געפּרוּוירענער מענטש מיט וואַרמפּלעשער און מיט קאָמפּרעסן — געדיכט אַרומגעלייגט מיט די ברענענדיקע אַפגאַנישע זאַמדן.

כאַפּט זיך נאָר אויף דער זומערטאָג, אַזוי ווערט דער דרויסן גלייך פאַרוואַנדלט אין אַ כבשן; אין אַ שמעלץ-גרוב, ווו עס „פּרעגלען" זיך: בעטאָן, אַספאַלט, ביז ווייס אַנגעגליטע זאַמד, גלאָזוואַרג, איבערגעטרוקנט האָלצוואַרג און אויסגעמאַרכעוועטע, קוים זיך באַוועגנדיקע מענטשישע קערפּערס.

קומט די געגאַרטע פאַרנאַכטיקע שעה, ווען אין אונדזערע געגנטן ווערט שוין אָפּגעשוואַכט די היץ און מען קען שוין אַרויסשטעקן דעם קאָפּ פון דעם באַהעלטעניש, ווו מען האָט זיך פאַרשטעקט כחום היום, און אָנפילן די לונגען מיט פרישער לופט, — דאַן ווערט ערשט דאָרט דער רעכטער גיהנום. די גוט „אָנגעהייצטע" שטיינערנע און ליימענע ווענט בריען דאָס לייב פונעם דורכגייער, ווי אַ פייערפאַן, וועלכע מען האָט ערשט אַראָפּגענומען פונעם פלאַם. די שטיינער פונעם ברוק, פון די הויכע פאַרקנס, די בייכיקע קעסלען פאַר די טירן פון די טשאַיכאַנאַס, וואָס זידן אומאויפהערלעך פונעם פרימאָרגן ביז נאָך האַלבער נאַכט, דאָס אַלץ אָטעמט אין גאַס אַריין מיט פייער; מיט גלי; מיט שטיקנדיקער דושנעקייט — מיט חלשות...

— — — — — — — — — — — — — — — — —

אין אַ שפּעטער נאָכמיטאָגדיקער שעה האָב איך זיך אַ פאַרטשאַדעטער אַרומגעשלעפּט איבער די סטאַלינאַבאַדער געדיכט באַפעלקערטע געסלעך און האָב זיך צוגעקוקט און צוגעהערט צום לעבן פון אָט דער אויסגעברענטער שטאָט. דעם אמת געזעגט איז אין יענע שעה'ן דאָרט

נישט געווען: נישט וואָס צו זען, נישט וואָס צו הערן. יעדע לעבעדיקע באַשעפעניש האָט זיך באַהאַלטן וואָס טיפער און וואָס ווייטער פון דער אומ־ברחמנותדיקער עקוואַטאָריאַלער זון. אַלע טויערן, — אייזערנע, ליימענע, אָבער על פי רוב הילצערנע, שוואַרצע, ברוינע, געשניצטע אָדער געפאַרבטע — זענען געווען פאַרריגלט; אַלע פענצטער — פאַרהאַנגען; יעדער איינער האָט זיך געראַטעוועט ווי אַזוי ער האָט נאָר געקענט; יעדער נאָך זיינע מעגלעכקייטן האָט זיך ערגעץ ווו געקילט דאָס צעגליטע לייב; געזוכט אַ דערפרישנדיקן אָטעמצוג, אַ דערקוויקנדיקן זופּ פון וועלכער עס איז קילער פליסיקייט, — כאָטש איין שלוק אויף זיך צו דערכאַפּן די נשמה.

...און מיט אַ מאָל האָב איך אויפן ראָג פון צוויי גאַסן באַמערקט אַ מענטשן אויף דער גאַס. און דער מענטש איז נישט אַנטלאָפן פון דער אומדערטרעגלעכער היץ, ניין. ער איז רואיק געזעסן אויפן טראָטואַר מיט די פּיס אונטער זיך און האָט שטאַר געקוקט פאַר זיך —

דאָס איז געווען אַן אַלטע, בלינדע בעטלערקע. פאַר איר, אין אַן ערדן שיסעלע, צווישן זאַמד, שטיינדעלעך און אָפּגעבראָכענע שטיקלעך פון צוויגן, האָבן זיך געוואַלגערט עטלעכע קליינע מטבעות — מן הסתם נאָך פון נעכטן. דאָס פּנים פון דער אַלטער בעטלערין איז געווען ווי אויסגע־קלעפּט פון וואַקס. עס האָט זיך נישט געגלייבט, אַז אין אָט דער וואַקסענער מומיע געפינט זיך נאָך כאָטש איין טראָפּן רויט בלוט. דער אויסדרוק פון דעם דאָזיקן פּנים איז געווען — אַ מוראַדיקער גלייכגילט צו אַלץ און צו אַלעמען: צו דער טראָפּיקאַלישער היץ; צו דעם פּוסטן אָרום און אפילו — צום שיסעלע, וואָס שטייט פאַר איר.

די אַטמאָספער אין גאַס איז געוואָרן אַלץ פאַרדומפּענער, אַלץ מער צוזאַמענגעפּרעסט און שטיקנדיק. אויף דעם זעלבן ראָג, ווו די בעטלערין איז געזעסן, נאָר אויף דער צווייטער זייט, האָט פון אַ ליימענער פעסטונג אַרויסגעשטאַרטשעט אַ יוצא־דופנדיקע פּריזבע, — עלעהיי אַזאַ מין טרעפּ. אַ מידער, אַ דערשעפּטער האָב איך זיך אויף איר אַראָפּגעלאָזט און האָב אויסגעצויגן די פיס. ס'איז פון זיי געגאַנגען אַ פּאַרע, ממש ווי פון אַ לאָקאָ־מאָטיוו, ווען ער אָטעמט אָפּ נאָך אַ לאַנגן וועג. נישט האָבנדיק עפּעס אַנדערש וואָס צו טון, האָב איך ווידער גענומען קוקן אויף דער לעבעדיקער חורבה, וואָס זיצט אומבאַוועגלעך אויף דעם צווייטן טראָטואַר קעגנאיבער. און מיט אַ מאָל האָט זיך מיר גענומען דאַכטן, אַז פון דעם פאַרמעטענעם פּנים איז פאַרשוואונדן דער ביזאיצטיקער גלייכגילט. איך האָב גענויער זיך אָנגעהויבן צוקוקן צו מיין בלינדער שכנטע און פון דעם פיבערדיקן געלאָף

פון אירע בלינדע ווייסלעכלעך; פון דעם נערוועזישן צוקעניש פון דער מוסקולאַטור אויף איר אַסקעטישן פּנים, האָב איך גלייך אויפגעכאַפּט און דערפילט מיט אַלע מיינע חושים, אַז עפּעס באַאומרואיקט זי שטאַרק; ס׳איז קענטיק, אַז עפּעס האָט זיך געענדערט אין איר מאָנאָטאָנעם סדר־היום און אַט דער „עפּעס" רויבט איצט ביי איר צו איר שטענדיקע פאַרשטיינערטע מנוחה. איך בין געווען זייער נייגעריק צו וויסן די סיבה פון איר פלוצלעכער נערוועזיטעט. איך האָב שוין אפילו געהאַט בדעה זיך אויפהייבן פון מיין „כסא מלוכה", צוגיין צו איר און זי צו פרעגן וועגן דעם, אָבער אַן אינער־לעכער בעל־יועץ האָט מיר איינגערוימט:

— וואָס איז דאָס דיין עסק? גיי נישט און פרעג נישט און וויל נישט וויסן צו פיל. מען וועט דיך נאָך חושד זיין, אַז דו האָסט איר געוואָלט פאַר־רעדן די ציין און דערווייל צולקח׳ענען די פּאָר גראָשן פונעם שיסעלע... דו שפּילסט זיך מיטן חשדנות פון אַט די ווילדע אַזיאַטן? דו זיצסט? זיץ און שטופּ נישט די נאָז אין פרעמדע ענינים.

האָב איך געפאָלגט די עצה טובה פון מיין געטרייען בעל־יועץ און בין געבליבן זיצן אויף מיין אָרט. די בעטלערקע האָט נאָך עטלעכע מינוט געדרייט מיט דער נאָז אויף אַלע זייטן ווי אַן אָווטשאַרקע, ווען זי פּאַרלירט פלוצלינג דעם מזומנעם שפּור, אָדער ווי אַן אַלטע זאָקן־פּאַרריכטערין, וואָס האָט די גאַנצע צייט געהאַלטן דעם „פאָדעם" צווישן די פינגער שטאָל און אייזן און פלוצלינג האָט זיך ביי איר דאָס קנוילעכל אויסגעריסן פון די הענט, דער פאָדעם איז איר ערגעץ אַוועקגעקומען און... און — רעד צום לאָמפּ! דערנאָך האָט זי אָנגעבויגן דעם קאָפּ אויף אַ זייט און האָט זיך איינגע־הערט, דאַן האָט זי, קענטיק אַן אַנטוישטע און אַ נאָך מער אומגליקלעכע אָפּגעווישט די פאַרדאַרטע ליפּן מיט דער דרויסנדיקער זייט פון דער דלאָניע און האָט נאָך נידעריקער געלאָזט זינקען דעם קאָפּ.

עס ווייזט אויס, אַז מחמת דער געפּערלעכער היץ האָב איך אַליין אויך געכאַפּט אַ שטיקל דרימל. מיט אַ מאָל האָבן זיך מיינע אויגן אויפ־געריסן. ערגעץ נישט זייער ווייט פון מיר האָבן זיך דערהערט שטילע אָבער פלינקע טריט. דעם ערשטן בליק האָב איך געוואָרפן אויף מיין „אַלטער באַקאַנטער". די בעטלערין האָט עפּעס אויסגעזען שטאַרק אויפ־גערוימט. זי האָט געשמעקט די לופט אַרום זיך, ווי אַן אויסגעמאַטערט פערד, ווען עס דערשמעקט ערגעץ פון דער ווייטנס אַ טייך, ווו מען וועט זיך קענען אָנטרינקען צו דער זעט און נאָך איינטונקען די מאָרדע אויך אויף עטלעכע מינוט. אַ פאַראינטריגירטער האָב איך זיך אויך אומגעקוקט

אין יענער זייט, וווהין דער בלינדערס נאָז האָט אַזוי אומרואיק און אומ־געדולדיק געפּלאָטערט און „געשמעקט”. פאַר אַ הונדערט שפּאַן פון מיר האָב איך באַמערקט אַ נידעריקן יונגנמאַנטשיק, אין אַן אָפּגעוואָרפענער קעפּי. דער יונגערמאַן האָט אין איין האַנט געהאַלטן אַ פּיטש־נאָס טיכעלע, מיט וועלכן ער האָט אַלע מינוט און אַלע רגע זיך געווישט דעם שוויים צווישן די אויגן און אַרום דעם מויל, אין דער צווייטער האַנט האָט ער געהאַלטן אַן אָפּגעריבן צעראַטן פּאַרטפּעלעכל מיט וועלכן ער האָט אין שמיידיקן געלויף מורא׳דיק געפּאַכעט. גאָר פון דער ווייטנס האָט אָט דאָס פאַרשווינדל אויסגעזען, ווי אַן אומגעלומפּערט־גרויסע פליג, וואָס פאָכעט מיט די פליגעלעך. פון דער נאָענט איז דאָס געווען אַ גאַנץ געוויינלעכער קבצנישער אַנגעשטעלטער, מיט שאַרפשפּיציקע קינבאַקן און מיט הונגער־ריקע אויגן. אָנגעטון איז ער געווען: אַ לאַטע אויף אַ לאַטע, ווי אַלע פון זיין גלייכן. דער דאָזיקער מענטש האָט מיט קיין זאַך נישט געצויגן אויף זיך קיין באַזונדערע אויפמערקזאַמקייט: נישט מיט זיין פּנים, נישט מיט זיין הולך און אפילו נישט מיט זיין שרעקלעך־אָרעמען אויסזען. אַזעלכע זענען געווען אין סטאַלינאַבאַד דער רוב מנין ורוב בנין פון די איינוווינער און ווען נישט דאָס, וואָס מיין שכנטע פון קעגנאיבער „שמעקט” עפּעס פאַרדעכטיק אין זיין זייט אַריין, וואָלט איך אים קיין צווייטן בליק נישט געשענקט. אָבער אויף וויפל ער האָט איצט געשיינט צו זיין די איינציקע סיבה, וואָס האָט אַזוי צעכוואַליעט דאָס פאַרשטיינערטע פּנים פון מיין שכנטע, האָב איך אויף אים שוין געהאַלטן אַן אויג. דעם יונגנמאַנס פיבער־דיק־איילנדיקער געלויף האָט זיך אַלץ פאַרשנעלערט און פאַרשנעלערט ביז ער איז כמעט אַנגעפלויגן אויף דער צערודערטער בעטלערין און איז אַ פאַרסאַפּעטער שטיין געבליבן לעבן איר זיצפּלאַץ.

דער אַלטערס ביינערנע פינגער האָבן מיט אַ ציטער אַרומגעטאַפּט דעם טראָטואַר אַרום זיך ביז זיי האָבן אָנגעטאַפּט דעם יונגנמאַנס פאַרוסי־נענע שיכלעך. אַ צופרידענער שמייכל האָט זיך צעלייגט אויף איר פאַרמע־טענער צורה. אַ פּנים, אַז די דאָזיקע שיכלעך זענען איר געווען גוט באַקאַנט און זי האָט געהאַט אַ וואַגיקן מאָטיוו צו זיין צופרידן מיט זיין אָנקומען.

זי האָט זיך אָנגערופן צו אים:

— פאַר וואָס אַזוי שפּעט?

איר גומען איז געווען איבערגעטרוקנט פון דאָרשט. די ווערטער זענען פון איר מויל אַרויסגעפאַלן אָן קלאַנג, ווי שטיקלעך איבערגעזשאַ־ווערטער בלעך.

— דער הויפּט־בוכהאַלטער האָט מיך פֿאַרהאַלטן... נישט נאָר מיך, אַלע אָנגעשטעלטע פֿון דער קאָנטאָר... אַלע ביז איינעם...

אויך ביי אים, ביים יונגנמאַן, איז פֿון דער אוממענטשלעכער היץ דאָס קול געווען פֿאַרדומפּן און אָן דעם נאַטירלעכן קלאַנג, גלייך ווי דער האַלדז וואָלט ביי אים געווען פֿון האַלץ און די צונג — אַ לעדערנע פּאָדעשווע.

— און איך האָב געמיינט, אַז איר וועט מיך שוין היינט אויסמיידן —

— פֿאַר וואָס האָט איר אַזוי געמיינט?

— ערשטנס, ווייל איר קומט קיין מאָל נישט אַזוי שפּעט —

— האָב איך דאָך אייך געזאָגט —

— און צווייטנס... אין אַזאַ געפֿערלעכער היץ דאַרף מען האָבן אַ כח־המעצר איבערצולאָזן אַ חלק פֿאַר אַן אָרעמער —

— ווייס איך, שטותים... מען דאַרף נישט האָבן אַזאַ גרויסן כח ווי איר מיינט...

און דער יונגערמאַן האָט פֿונעם פּאָרטפֿעל אַרויסגענומען אַ היפּש פּעקל מיט פּאַק־פּאַפּיר און האָט אָנגעהויבן אויסצופּאַקעווען איין פּאַפּיר פֿונעם צווייטן, איינעם פֿונעם צווייטן, ביז ער האָט ענדלעך אַרויסבאַקומען אַ פּייכט שמאַטקעלע און האָט פֿון דעם אויסגעוויקלט אַ היפּשן פֿיר־עק בלוטרויטן קאַווען. אַ רגע כמימרא האָבן זיינע הונגעריקע אויגן זיך געשפּיגלט אין דעם שטיק זאַפֿטיקער פּייכטקייט און פּלוצלינג, ווי ער וואָלט זיך דערשראָקן פֿאַר זיך אַליין, האָט ער צוגעכאַפּט זיינע גיריקע בליקן פֿון דעם יצר־הרע־רייצנדיקן שטיקל קאַווען און האָט עס מיט פֿאַרקוועטשטע אויגן אַריינגעלייגט אין דער בעטלערקעס אויסגעשטרעקטער האַנט. אַ קראַמף איז אַריבער איבער איר מאָגערן קערפּער, ווען זי האָט דערפֿילט אויף די ליפּן די זיסלעכע פּייכטקייט פֿון דעם קילן שטיקל קאַווען. אָפּבייסן דערפֿון אַ ברויזן האָט זי זיך נישט פֿאַרגינען, זי האָט עס צונויפֿגעקלעמט מיט די ליפּן, אַז עס זאָל זיך אַליין צעגייען; אַז דער גרויסער תענוג זאָל זיך ציען וואָס לענגער. דער יונגערמאַן האָט אַן איינגעבויגענער אין דרייען זיך אַרומגעשלייכט איבער דעם אָנגעגליטן טראָטואַר און האָט טיכטיק צונויפֿגעקליבן די צעוואָרפֿענע שטיקלעך פּאַפּיר. — ער קען דאָך נישט איבערלאָזן קיין מושב אַרום איר. נישט קענענדיק זיך גובר זיין האָט ער אַלע מאָל געכאַפּט אַ קוק אויף דער בלינדער, געזען ווי זי קוויקט זיך מיט זיין מתנה, און האָט, באַלעקנדיק מיט דער איבערגעטרוקנטער צונג

די פֿון דער היץ צעטריסקעטע ליפּן, מיט ביטול שטיל איבערגעחזרט פֿאַר זיך די נאַר וואָס געזאָגטע ווערטער:

— ...שטותים! מען דאַרף דערצו נישט האָבן אַזאַ גרויסן כח ווי זי מיינט...

אַ דערשיטערטער בין איך געבליבן זיצן אויף מיין קרום־קיילעכדיקער טרעפּ. עמעצער האָט צו מיר געשריגן פֿון מיינע טיפֿסטע טיפֿענישן:

— של נעליך! דאָ זעסטו די גרעסטע מעשה־הצדקה, וואָס קען ווען עס איז געטון ווערן...

*

און פֿאַר טויזנטער קילאָמעטער ווייטער —

אויך אין אַ רעזידענץ פֿון אַ סאָוועטישער רעפּובליק; אויך אין אַן אומדערטרעגלעך־הייסן טאָג, ווען עס פֿעלט אוים אָטעם אין דער ברוסט און דאָס האַרץ וויל מער נישט אַרבעטן אין אַזאַ ווישטער טרוקעניש. דער גאַנצער גוף שרייט זיין לעצט געשריי:

...יבשו עצמותינו... נפשנו יבשה אין כל...

דאָס איז געווען אין טיפֿלים, די רעזידענץ פֿון דער זאַטער, בליענדיקער גרוזיע. ס׳איז דאַן געווען ענדע חודש אב. קיין אָנגעגליטע זאַמדן האָבן נישט באַלאַגערט די שטאָט, נאָר דערפֿאַר איז זי געליגן אין אַ טיפֿן טאָל, וועלכער איז פֿון אַלע זייטן געווען אַרומגערינגלט מיט הימלקראַצנדיקע פֿעלזן. דער שרעקלעך־אָנגעגליטער, אַזוי גערופֿענער „קאַווקאַזער רוקנביין" וואָס ציט זיך אויף פֿיל צענדליקער קילאָמעטער אין דער לענג און עטלעכע קילאָמעטער אין דער ברייט, האָט ווי אַן עמוד־האש געשרפֿעט אויף ווייטע שטרעקעס אַרום זיך, זיין ברענענדיקער אָטעם האָט אויסגעצאַפּט דאָס לעצטע ביסל חיות פֿון אַלע בעלי־חיים אויף אַ מרחק אפֿילו אַ פֿיל ווייטערן, ווי טיפֿלים.

אַן אַטראַפּירטער פֿון דער משוגענער היץ האָב איך זיך אַרומגעשלײַעט איבער דעם שטאָטישן צענטער, וועלכער האָט איצט אויסגעזען, ווי אַ קליין אוקראַאיניש שטעטל אין אַ שבת נאָכמיטאָג, ווו ס׳איז זעלטן צו טרעפֿן אַ דורכגייער. אַלץ האָט זיך באַהאַלטן פֿונעם גיהנום, וואָס האָט פֿאַר־בלאָנדזשעט אויף דער וועלט. נישט קיין מענטשן, נישט קיין בהמה, נישט קיין עוף — קיינעם זעט מען נישט! יעדער באַהאַלט זיך ווי אַזוי ער קען, ווער בעסער, ווער ערגער — עד יעבור זעם!

דער פּראָספּעקט אויפֿן נאָמען פֿון פּלעכאַנאָוון שמט אויף דער גאַנצער

רעפּובליק מיט זיינע פּרעכטיקע ווילעס און פֿאַנטאַסטיש-באַשאַפֿטענע מאַנסאַרדאַ׳ס און באַלקאָנען. אויפֿן ראָג פֿון דעם דאָזיקן פּראָספּעקט און דעם הויפּט-פּראָספּעקט אויפֿן נאָמען פֿון שאָטאַ רוסטאַוועלי איז געשטאַנען אַ גרויסאַרטיקער פּאַלאַץ. דער דאָזיקער פּאַלאַץ, מיט זיין אַרכיטעקטור און מיט זיינע פֿאָרמען, איז געווען אויפֿגעשטעלט לויט אַלע געזעצן פֿון דער אייראָפּעאישער טעכניק. חוץ דעם איז ער אָבער געווען באַחנט מיט אָריענטאַלישן צויבער. אָנהייבנדיק פֿון די העל-בלויע דעכלעך, וואָס האָבן געשוועבט איבער זיינע אומצאָליקע און פֿאַרשידנפֿאַרביקע באַלקאָנטשיק־לעך ווי פּרימאַרגנדיקע וואָלקנדלעך און ענדיקנדיק מיטן אָפֿענעם לופֿט-גאַניקל, וואָס איז געשטאַנען אויף פֿיר געשניצטע סטויפּטשיקלעך, האָט אָט פֿון דעם גראַנדיעזן בנין געאָטעמט מיט מזרחדיקן רייץ און מיט שלמות-דיקער שלווה.

איבער אָט דעם אונטערשטן לופֿט-גאַניקל, וואָס האָט זיך געפֿונען אין גאַנצן עטלעכע טפֿחים פֿון דער ערד, איז ביז האַלב געווען אָנגעצויגן אַ טערקיש-זיידענער באַלדאַכין מיט שרייענדיקע קוויטן. אין אַ ווינקל ביים סאַמע באַריער איז געזעסן אַ מענטש אין די זעכציקער. דאָס איז געווען אַ פֿעמפּיקעוואַטע אַלטיטשקער מיט שמאַלציקע באַקן, מיט בלוט-רויטע ליפּן און מיט שטאַרע אויגן פֿון אַ באַראַן. ער איז געזעסן אָנגעשפּאַרט מיט ביידע הענט אויפֿן אָפּגעניקעלטן באַריער און האָט גלייכגילטיק באַקוקט די נאָענטע קוואַרטאַלן פֿון די צוויי אויסגעפּוצטע פּראָספּעקטן. ווען זיינע בליקן האָבן שוין מער נישט געפֿונען אויף וואָס זיך אָפּצושטעלן, האָט ער מיט אַ פֿוילער תנועה צוגערוקט צו זיך דאָס לאָזענע טישעלע, אויף וועלכן ס׳איז געשטאַנען אַ קרישטאָלן וואַזעלע און אין דעם זענען געליגן עטלעכע מאַראַנצן. פֿון דער הינטערשטער קעשענע האָט ער אַרויסגענומען אַ קליין ביינערן מעסערל און האָט לאַנגזאַם אָנגעהויבן אָרומצושיילן אַ מאַראַנץ. די שאָלעכץ האָט זיך געשלענגלט צווישן זיינע פֿינגער ווי אַ „שלשלת", זיך נישט שפּאַלטנדיק און נישט איבעררייסנדיק. ווען ער האָט פֿאַרענדיקט דאָס שיילן האָט ער קונציק צוריק צונויפֿגעשטעלט די פּיראַמידע פֿון די שאָלן-רייפֿלעך און קיינעם וואָלט נישט איינגעפֿאַלן אַזאַ חשד, אַז אָט דער מאַראַנץ, וואָס ליגט אויפֿן הוילן טישעלע, פֿון דער זייט וואַזעלע, איז אינעווייניק אויסגעהוילט און מאַכט נאָר דעם אָנשטעל פֿון אַ פֿולער פּרי. ווען אָט די שווערע עבודה מיט דעם שאָלעכץ-בנין איז געווען אָפּגעטון, האָט ער מיט האַלב-פֿאַרמאַכטע אויגן צעריסן דעם אָפּגעשיילטן מאַראַנץ אויף צווייען און האָט אַ העלפֿט פֿון אים מיט איין

קוועטש אַריינגעפּאַקעוועט אין מויל אַריין. איין ווײַלע איז ער מיט דעם פולן מויל געבליבן זיצן אומבאַוועגלעך, ווי אײַנהערנדיק זיך אין דעם ריח-הניחוח פון דער זאַפטיקער פּרי. אַראָפּגעשלונגען די ערשטע העלפט, האָט ער געלאָזן און מיט גרוים ישוב-הדעת אַרויפגעלייגט אויף די שפּי־ציקע ציין אויך די צווייטע העלפט. נאָך דעם ערשטן מאַראַנץ איז בלי הפסק אַרויסגענומען געוואָרן פונעם וואַזעלע אויך דער צווייטער. ער האָט זייער פּאַרזיכטיק, ווי עפּעס אַ מין עבודת-הקודש, „אַרומגענומען" דאָס „העמדל" אויך פון דעם, דאַן האָט ער אים בריה'ש צעפּערטלט, נישט פּאַרגיסנדיק דערבײַ קיין איין טראָפּן „בלוט". ערשט ווען ער האָט אָנגע־הויבן יעדעם פּערטל באַזונדער צו צענעמען אויף „פינגער", האָט מיט אַ מאָל פון דער געשמאַקער, ווייניקער מאָסע ווי פון אַ פאָנטאַן אַ שפּריץ געטון אויף אַלע זײַטן מיט שמעקנדיקן זאַפט. דאָס האַרץ פון דער פּרי איז געווען געל ווי זאַפרען און געדיכט באַשאָטן מיט רויטע שפּרינקעלעך, ווי אַ געלעכל פון אַן איי, וואָס איז געדיכט אָנגעזעצט מיט בלוטס-טראָפּנס.

איין מאַראַנץ נאָכן צווייטן זענען פאַרשוווּנדן געוואָרן צווישן זײַנע האָריקע, פּולבלוטיקע ליפּן. אין דעם פּרעכטיקן קרישטאָלענעם וואַזעלע איז אַלץ מער און מער אַרויסגעקראָכן פאַרן אויג פונעם מענטשן דער שײַנער בוקעט בלומען, וואָס איז געווען אויסגעשליפן אויפן דנאָ, און מחוץ פון דער כלי האָבן זיך אַלץ מער און מער אויסגעשטעלט ווי די סאָלדאַטן די אויסגעהוילטע קליפּות-סקעלעטן פון די מאַראַנצן.

ווען ער איז שוין געגאַנגען מיט דער פינפטער הקפה, האָט ער פּלוצ־לינג דערהערט לעבן זײַנע פיס אַ פאַרדעכטיקן גערויש. מיט אַ פול אָנגעפּאַקעוועט מויל האָט ער זיך אָנגעבויגן און האָט דערזען צווישן די אָפּגעניקעלטע שטאַכעטן פונעם גאַניקל אַ צעפּאַטלטן קאָפּ פון אַ פרוי. אַלע קישקעס אין בויך האָבן זיך אים איבערגעדרייט פאַר אומגעריכטקייט. מיט איין שלינג, און אָן אַ טראָפּן הנאה, האָט ער אַראָפּגעלאָזט אין מאָגן אַריין די זאַפטיקע מאָסע וואָס ער האָט געהאַלטן אין מויל און האָט זיך גענומען באַטראַכטן דעם פרעמדן „קאָפּ".

די פרוי איז געווען אַ משונה-לאַנגע און אַ משונה-מאָגערע, ממש — אַ זעקל ביינער. דאָס פּנים אירס איז געווען פון הויט און ביין, די אויגן — דער הונגער אַליין! באָרוועס, צעכראַסטעט, דאָס לייב — נאָר ערטער־ווײַז אַרומגעוויקלט מיט טראַנטעס. איר קאָפּ האָט קוים דערגרייכט צו זײַנע גראָבע פיס אין די סאַפיאַנאָווע שטוב-שיכלעך; איר אויסגעדבורט פּנים איז געווען אַריינגעקוועטשט צווישן די בריענדיקע שטאַכעטן, ווי אין

אַ טורמע־פענצטערל און פון אירע גרויסע, כמעט אומבאַוועגלעכע אויגן האָט אַרויסגעקוקט אַט דער גרוילנדיקער צער, וואָס וואַרפט אום גיבורים און מאַכט ציטערן און צעגייען די סאַמע פאַרשלאָסנסטע מענטשן־הערצער.

דער פעמפּיק האָט שוין געוואָלט עפענען דאָס מויל און עפּעס זאָגן, נאָר די פרוי האָט זיך געפעדערט און האָט מיט אַ רירנדיקער שטימע פון אַ נוטה־למות אָנגעהויבן צו בעטן און צו קליאַנטשען פאַר אים:

— גוטער מענטש, איידעלער מענטש, גיב מיר אַ ברויזן, לאָמיך זיך דערהאַלטן דאָס חיות... פונעם פרימאָרגן אָן, אַז איך האָב מיינע ליפּן נישט צעעפנט. האָב גאָט אין האַרצן, פּאַטערל מיינס, זונדעלע מיינס, זאָל זיך אין דיר דערוועקן דאָס רחמנות... מלאך שיינער, גיב אַ שטיקל, לאָמיך זיך דערכאַפּן דאָס האַרץ...

ער האָט זיך צעלאַכט מיט אַן איטערדיקן געלעכטער:

— כי־כי־כי... מאַראַנצן וויל זי... אויף אַפּעלסינעם גאָר איז זי דער־צויגן געוואָרן ביי איר טאַטן... מער ווילסטו גאָרנישט?

— געב אַ ברעקל, טאַטעלע מיינס... עס טונקלט מיר פאַר די אויגן... די כוחות לאָזן זיך מיר אויס...

— אַוועק פון דאַנען, שלעפּערקע. לאָז אָפּ די שטאַכעטן, דו זעסט, וואָס איך האַלט אין דער האַנט, צי ניין?

און ער האָט זיך גוטמוטיק אַ שפּיגל געטון אין די פינקלענדיקע קלינגלעך פון זיין ביינערן מעסערל.

— זיי אַ גוטער, פּעטערל... דו ביסט דאָך אַזאַ געראָטענער... האָב זשע רחמנות אויף אַ צאַנקענדיקער פרוי, כ׳בין דאָך אויך גאָטס אַ באַשע־פעניש... אַזוי ווי דו... טו זשע מיט מיר אַ חסד און וואַרף מיר כאָטש אַראָפּ מיט דיין זיסער האַנט אַ שטיקל שאָלעכץ... לאָמיך, דיין גוטסקייט צו פאַרדאַנקען, אויך אויסזויגן אַ קאַפּ קילקייט... איך באַשווער דיך, וואַרף אַראָפּ אַ שטיקל שאָלעכץ, זאָלן מיינע איבערגעטרוקנטע ליפּן אויך אויס־נאָגן אַ טראָפּעלע ווייניקייט פון דיין גאָלדענער, ווייניקער פרי —

דער בייכיקער פעמפּיק אויפן גאַניק האָט זי לייכט אַ שטורך געטון מיטן פוס:

— טשעפּע זיך אָפּ פון מיר, דו! נאַסע שמאַטע! שאָלעכץ זאָל איך איר געבן... זי מיינט, אַז די שאָלעכץ איז שוין ביי מיר הפקר...

און צומאַכנדיק די אויגן פאַר תענוג, רעדט ער מיט אַ טיפן ביי־קול:

— געב איר... זי מיינט, אַז שאָלעכץ איז מיסט... ניין, מיין טייערע,

אַלץ קומט צו נוץ... ביי אַ גוטן בעל־הבית, ביי אַ שפּאָרזאַמען, זיי זיכער גייט גאָרנישט פאַרלוירן —

אויף זיין צונטער־רויטן, פאַרשמאָלצן פּנים צעלייגט זיך אַ צערט־לעכע מינע און ער רעדט טרוימעריש, כמעט מיט אַ פליסטער:

— אַז עס קומט ווינטער... אויף דער גאַס רעגנט און שנייט, אַז עס גייט אַזש דורך אַ ציטער איבערן לייב... און אין זאַל ברענט דער „סאַנדאַל" און אַ חוץ, אין ווינקל, לעבן מיין שטול ברענט די טשוגוגנעגע „רומינקע", נעם איך די אויסגעטרוקנטע מאַראַנצן־שאָלעכץ, טונק זי איין אין געווירצטן עסיק, וואָס איז געמישט מיט שמעקנדיקן בוימל, און קלעפּ אָרום מיט איר די גאַנצע רומינקע. עס דויערט נישט לאַנג און אין זאַל צעטראָגט זיך אַן אַראָמאַט פון בליענדיקע מאַראַנצן... פון צעפּאַרעטע מאַנדלביימער... עס גיט דיר אומגעריכט אַ שלאָג אין דער נאָז דער שאַרפער גערוך פון קיפּאַריסן־ביימער, פון נעגעלעך, פון פרישן, זויער־לעכן אוריוק... אַך! דאָס איז דאָך דאַמאָלסט, אין די אומהיימלעכע קאַלטע און נאַסע טעג, אַזאַ אַנגעלייגטע דערשיינונג, דאָס איז דאָך אַזוי באַטעמט, אַזוי באַטעמט —

ער כאַפּט אַ קוק אַראָפּ, ער וויל זען, צי די פרוי דאָרטן באַגרייפט כאָטש, וואָס עס הייסט אַזוינס אום ווינטער זיך דערפילן אין אַ בליענדיקן גאָרטן פון כל טוב, און ער דערזעט, ווי די פרוי ליגט אין איר גאַנצער לענג אויסגעצויגן אויפן טראַטואַר ביי זיין גאַניקל. עס האָט אים אַנגע־כאַפּט אַ שאַרפער פאַרדראָס אויף דער עזותניצע: באַרעכן נאָר, ער רעדט און רעדט און רעדט, געמיינט האָט ער, אַז זי הערט זיך צו צו יעדן וואָרט און צום סוף גאָר האָט זי זיך צעלייגט, ווי ביים טאַטן אין וויינגאָרטן... צו וועמען זשע האָט ער די גאַנצע צייט גערעדט ווי באַלד אַזוי? אַזאַ אומגעהערטע חוצפּה פון אַ מיאוסער שלעפּערקע! אַ ווײַלע איז ער נאָך געשטאַנען אין דערוואָרטעניש, אַז זי זאָל זיך אויפהייבן און אויפהערן צו פּראַווען אירע קאָמעדיאַנטישע קונצן. זעענדיק אָבער, אַז זי ליגט גאָר אומבאַוועגלעך איז ער ערשט אַריין אין רעכטן גרימצאָרן. אויסער זיך פון כעס האָט ער אויפגעפּראַלט די טיר אין שטוב אַריין און האָט מיט אַ כריפּקענדיק קוויטשיקל אַרויסגעפּאַליעט:

— נו, וואָס זאָגט איר נאָר דערויף? אַזאַ אומדערהערטע חוצפּה! קיין אַנדער אָרט האָט זי זיך שוין נישט געקענט אויסזוכן ווו צו חלשן, נאָר אָט דאָ אַ, פאַר מיין שטוב —

אַ קול פון מיין „מסתרים" האָט מיר אַ הילך געטון אין די אויערן, ווי אַ פּאַך פון אַ בייטש מיט אַ סך, אַ סך לאַנגע רימענדלעך:

— ...סורו נא מעל אהלי האנשים הרשעים האלה! דאָס איז די סאַמע ערגסטע מעשה־נבלה, וואָס קען נאָר ווען עס איז געטון ווערן...

— —

יאָ, דער באַשעפער האָט אין זיין מאַגאַזין מענטשן מכל המינים —

אנשי-מידות

אן איבערקערעניש

יפתח בדורו כשמואל בדורו...

אברהמל איז געווען אַ מושלם בכל המעלות שבעולם, — אַ תכשיט אַ בחור!

זעלבסטפאַרשטענדלעך, ווען עס זענען געווען שנים כתיקונם, ווען בחורים-לומדים האָבן געקענט גאַנצע מסכתות בעל-פה און קיינער האָט זיך דערפון קיין צימעס נישט געמאַכט; ווען חברה, וואָס האָבן שוין אַ שמעק געטון פון די טריפה-פסולען און זענען אַוועק אין די גרויסע שטעט שטודירן און האָבן אַריינגעפּאַקעוועט אין זייערע משונה-ברייטע מוחות תילי-תילים מיט פרעמדן וויסן ולא ידע איש כי באו אל קרבינה — אין יענער גאָלדענער תקופה, קענט איר זיכער זיין, וואָלט אין רוסלאַנד קיינער זיך אפילו נישט אומגעקוקט אויף אַזאַ סאָמע געוויינלעך בחורל, ווי אָט דער אברהמל איז געווען. אָבער כמעט אַ פּאָר צענדליק יאָר נאָך דער רעוואָלוציע, און אין אַזאַ דור יתום, האָט מען אברהמ׳לען אויך געקרוינט פאַר אַ תכשיט אַ בחור.

אברהמל איז געווען אַ טאַטנס אַ קינד. דער פאָטער זיינער, אַ מתנגדישער ייד פון די וויטעבסקער קאַנטן, איז געווען אַ גרויסער בעל-תורה און איז געווען אָפּגעהיט אין אַ קוצו של יוד פון אַן איסור מדרבנן. אָבער אברהמל אַליין האָט זיך שוין געזוכט אַנדערע דרכים, ברייטערע. ער האָט אויבערפלעכלעך געשמעקט, געלעקט פון אַלצדינג צו ביסלעך און איז סוף-כל-סוף געבליבן ביי גאָרנישט. קרח מכאן וקרח מכאן. אין דעם בסוד-סודותדיקן חדר, וווהין זיין פאָטער האָט אים אַריינגעגעבן מיט גרויסע שוועריקייטן, איז ער בפירוש געווען פון די בעסטע תלמידים, אָבער ער האָט זיך דאָרטן לאַנג נישט געהאַלטן. זיין קראַנקע פאַנטאַזיע האָט אים געמאָלט עפּעס פיל שענערס און פיל גרעסערס. ער האָט אויך גוט געקענט די שריפטן פון ביאַליקן און אחד-העמ׳ן, אָבער קיין ציוניסט, אפילו בלויז בלבֿ, איז ער נישט געוואָרן. ער האָט צו ביסלעך געקענט אויך מאַרקסן און לענינען, אָבער ער איז קיין קאָמוניסט אויך נישט געוואָרן. ער האָט נישט געוזען: פאַר וואָס ער מוז דווקא עפּעס ווערן? צי קען מען טאָקע נישט לעבן אַ גוטן טאָג, אויב מען איז נישט „עפּעס וואָס"?

ער האָט קעגן דעם רצון פון די עלטערן פאַרלאָזט דעם איינגעזעסענעם גאָמעל און האָט זיך מיט האַק און פּאַק אַריבערגעפּעקלט קיין מאָסקווע.

דאָרט איז ער געוואָרן אַ געהילפס-בוכהאַלטער אויף עטלעכע שעה אין טאָג, דאַן האָט ער עפּעס אין אַ טעכניקום געהערט לעקציעס עטלעכע שעה אין טאָג, דאַן האָט ער נאָך ערגעץ געפּאַקט עטלעכע גוט-באַצאָלטע שטונדן און המותר האָט ער געלעבט אַ גוטן טאָג און האָט גאָר נישט געוואָלט באַוואָרענען קיין וועלט. אַ שיינער בחור איז ער געווען, זייער, זייער אַ שיינער און אַ גראַציעזער: אַ שלאַנקער, אַ ברונעט מיט קויל-שוואַרצע שרפענדיקע אויגאַנעס. געקליידעט איז ער אויך געווען ווי אַ פּראַנט, אַ קאָמיסאַרטשיק! און זיין צימערל האָט ער אויך אויסגעצירט ווי אַ באַרישניע, אפילו דעם טעלעפאָן, וועלכער האָט זיך צופעליק געפונען אין דעם צימער וועלכן ער האָט געקריגן, האָט ער זיך אויך דערשלאָגן, אַז מען זאָל אים ביי אים נישט אַוועקנעמען, כאָטש, דעם אמת גערעדט, האָט ער אַליין רעכט נישט געוווסט, צו וואָס ער קען אים געברויכן. באַשטעלן בילעטן אויפן צוג? — פאָרט ער נישט אין ערגעץ. ס'איז אים דאָ אויך נישט שלעכט. באַשטעלן בילעטן אין טעאַטער אַריין? דאָס טוט ער אויך קיין מאָל נישט. עס זוכן זיך שוין כסדר אָפּ גוטע נשמות, וועלכע טוען פאַר אים אָט די שוואַרצע אַרבעט. ער גייט כמעט קיין מאָל נישט פאַרברענגען אויף זיין אייגענעם חשבון. נישט אומזיסט שטייט דאָרט אין די קליינע אותיות ערגעץ: זכה — מלאכתו נעשית על ידי אחרים. — כאָטש אין דעם פאַל איז ריכטיקער: אחרות... — צו וואָס זשע פאָרט קען אים נוצן אַ טעלעפאָן אין שטוב? אויף אַרויסצורופן אַן אַקושערקע צו זיין באַשער-טער? אויך אַ ביסל צו פרי. לעת-עתה האָט ער בלויז פריינדינס, נישט קיין באַשערטע. צוליב וואָס דען לייגט ער זיך אַזוי אַוועק, אַז מען זאָל ביי אים דעם טעלעפאָן נישט טשעפּען? — גאָרנישט! סתם אַזוי. דורכ-פירן אַ טעלעפאָן וואָלט ער מן הסתם נישט געגאַנגען, נאָר אַז ס'איז שוין דאָ — זאָל ער זיין! פשוט אַן אַמביציע! האָט ער שוין אין צימער, הייסט עס, אי אַ ברייטע טאַכטאַ,* אי אַ שיינעם קליידערשראַנק, אי אַ וואַנטשפּיגל, אי ראַדיאָ דורכגעפירט, אי טעלעפאָן — וואָס נאָך האָט ער געדאַרפט? דער מטמון, וואָס ער האָט מיט זיך פאַרכאַפּט אַנטלויפנדיק פון דער היים, האָט אים געקלעקט: אי אויף שיינער הלבשה, אי אויף אויסצושטאַטן זיך די וווינונג כיד המלך און ס'איז אים נאָך געבליבן אַ גאַנץ פיינער רעשט. זיינע פאַרדינסטלעך קלעקן אים די והותר. און שיין איז ער ווי די וועלט און וווהין ער קומט נאָר אַריין באַמערקט מען דאָס גלייך און באַזונדערס

---

* אַ ברייטע נידעריקע סאָפע איינגעדעקט מיט אַ טעפּיך.

די פרויען, וועלכע בלייבן שטיין פון איין קוק פון זיינעם ווי אין הינער־פּלעט. אָ! ער ווייסט שוין גוט די קראַפט פון זיינעם אַ קוק און ער זעט, אַז זיינע נצחונות זאָלן נישט גיין לאבוד. די וועלט זאָגט אַ ווערטל: „ביי אַ גוטן יעגער לויפט די חיה אים אַנטקעגן". ער האָט נישט געדאַרפט גיין אויף קיין פאַנג, די יונגע פרויען האָבן אים שוין אַליין אויסגעשפּירט בחורין ובסדקין און ער האָט זיך נאָר געדאַרפט געבן די טרחה און באַשטימען ביי זיך: את מי לקרב ואת מי לרחק —

די גאַנצע ברירה איז שטענדיק געווען ביי אים —

אָבער איין שוואַך ערטל האָט אברהמל פון דעסט וועגן יאָ געהאַט און צו דעם האָט אים שוין קיין שום דאָקטער נישט געקענט העלפן און אפילו קיין טאָטער אויך נישט. דאָס איז געווען — זיין אינערלעכער שופט, זיין מוסר־כליות!

אַזוי לכאורה איז ביי אים קיין שום זאַך נישט געווען הייליק. ער איז נישט געווען משועבד צו קיינעם און צו גאָרנישט. ער איז נישט געווען נישט קיין קאָמוניסט און נישט קיין אַנטי־קאָמוניסט; נישט קיין רעליגיעזער און נישט קיין אַנטי־רעליגיעזער, אָבער אַליין נישט ווייסנדיק פון וואַנען דאָס האָט זיך צו אים גענומען, האָט זיך פון צייט צו צייט, אין די סאַמע קריטישסטע מאָמענטן, אין אים אַנטפּלעקט אַ מעכטיקער כח, וועלכער פלעגט אים ביד חזקה צוריקהאַלטן פון צו דראַסטישע מעשים, פון צו געוואַגטע שריט און אים נישט לאָזן פאַרקריכן צו ווייט, צו טיף אין דער בלאָטע. אברהמל פלעגט זיך ווערן מיט אַלע כוחות קעגן אָט דעם מיסטעריעזן „שומר", וואָס האָט זיך אומגעפּרעגט באַזעצט אין אים, אָבער אַלע מאָל האָט ער זיך פאַר זיך אַליין געמוזט מודה זיין אין זיין אומבאַהאָלפנקייט קעגן אָט דעם „טמיר ונעלם", וואָס קאָמאַנדעוועט מיט אים ווי מיט אַ שיק־יונגל, ווי מיט אַ דינסטמיידל, — ווי מיט אַן עבד־עולם!

ער דערמאָנט זיך אין דעם ערשטן פאַל, ווען אָט דער „נישט גוטער" האָט זיך אין אים באַוויזן און האָט אויסגעפירט איבער אים זיין ערשטן פסק־דין. דאָס איז געווען מיט אַ היפּשע פאָר יאָר צוריק. ער האָט דאַן באַקומען פון זיין בייזן טאַטן די לעצטע וואָרענונגס־בריוו, אַז באם ער, אברהמל, קומט גלייך נישט צו פאָרן אהיים, אַז מען זאָל זיך צוזאַמען דורכשמועסן וועגן זיין תכלית, זאָל ער זיך שוין מער קיין מאָל נישט דערוועגן צו באַווייזן אויף זיין שוועל. ער, דער פאָטער זיינער, איז נישט דער ערשטער ייד, ביי וועמען אַ קינד שלאָגט זיך אָפּ פון די הענט און ער וועט מער זיין טריפה'נעם נאָמען נישט לאָזן דערמאָנען אין שטוב.

אזא אולטימאַטיווער טאָן פון זיין דעספּאָטישן פאָטער האָט אים, אברהמלען, אויפגעבראַכט ביז גאָר. ער איז אַרויס פון כלים און האָט אָפּגעענטפערט אַהיים מיט איבערגעטריבענער רשעות:

...אַז ער איז זייער צופרידן אויפצודעקן די קאָרטן; ער האָט אפילו נישט געקלערט זיך נאָך אַ מאָל אומצוקערן אַהיים און אויסהערן דעם טאַטנס פאַרשימלטע און פאַרפוילטע דרשות. אַז איבער דעם טאַטן מיט זיין גיפטיקן מוסר איז די היים פאַר אים מוקצה מחמת מיאוס...

און נאָך אַזעלכע זיסע רייד —

ווי נאָר ער האָט דאָן באַוויזן אַראָפּצולאָזן אָט דעם גורלדיקן בריוו אין קעסטל ווי יענער פרעמדער, וואָס זיצט אין אים האָט אים גענומען יאָדען: „סטייטש, ווי טוט מען עס אָפּ אַזאַ זאַך קעגן עלטערן?" און ער האָט אים דאָן בפועל ממש אָנגענומען פאַרן קאַרק און האָט אים, אברהמלען, אַוועקגעשלעפּט ערגעץ אין אַ קלייזל און אים דאָרט אָפּגעהאַלטן צווישן חסידים ואנשי־מעשה אַ גאַנצע נאַכט, ממש עד עלות־השחר. און אָט אַזוי יעדעם מאָל ווען ער באַווייזט זיך נאָר, אָט דער „מוכיח ועד", אַזוי דרייט ער אים איבער מן הקצה אל הקצה און אברהמל גלאָצט מיט די אויגן אויף זיך אַליין און פרעגט זיך בתמיה גדולה: — מי הוא זה ואי זה הוא? פון וואַנען האָט זיך צו אים גענומען אַזאַ „בריאה פנימית", וואָס זאָל אויף אים האָבן אַזאַ אומגעהייערע מאַכט?

אָבער אַזוי ווי דאָס דאָזיקע „אָנשיקעניש" באַווייזט זיך צום גליק זייער זעלטן, פאַרגעסט ער אים פון איין מאָל ביזן צווייטן מאָל און לעבט אַ גוטן טאָג און לאַכט פון דער וועלט —

*

אַ שפּעטער נאָכמיטאָג. אברהמל איז אַרויסגעגאַנגען פון אַ טעלעפאָן־בודקע אַ שטראַלנדיקער: עס גייט אים היינט מיט דער האַנט ווי נאָך קיין מאָל נישט ביז אַהער, וווהין ער קלינגט נאָר אָן טרעפט ער און וואָס ער באַט נאָר אָן פועלט ער. עפּעס אַ גליקלעכער טאָג היינט ביי אים! זעלטן, אַז עס טרעפט אַזאַ קיילעכדיקע הצלחה וווהין מען קערט זיך און מען ווענדט זיך. איצט האָט ער אויף היינט אַליין גאַנצע פיר באַגעגענישן. זייגער זעקס טרעפט ער זיך מיט סאַראַ לייבאָווּנאַ, די נייע סטודענטקע אין זיין טעכניקום. אמת, זיי טרעפן זיך נישט אויף לאַנג, אָבער פאַר אַן אָנהייב איז דאָס גאַנץ געצוג. דאַן מוז ער זייגער זיבן אָפּוואַרטן פרייליין דבורהלע, אָדער וויעראַ שמוליעווּנאַ, ווי אַלע אין אינסטיטוט און אין

ביבליאָטעק רופֿן זי. דאָס איז מחויב צו זיין אַ זייער אינטערעסאַנטע באַגעגעניש! אָ! נישט לייכט איז אים אָנגעקומען זי אַרויפֿצופֿירן אויף אַ באַגעגעניש אונטער פֿיר אויגן. ער האָט געגנוג געשוויצט ביז ער האָט עס ביי איר אויסגעפּירט. זי איז נישט פֿון דעם סאָרט מיידלעך, צו וועלכע מען כאַפּט זיך אַריין אגב אורחא, בשעה שלא יום ולא לילה, און „מען פֿראַוועט זיך אויף יחידות"... דאָס איז אַ קרקע־בתולה, אַ גן־נעול אויף זיבן און זיבע־ציק שווערע שלעסער... דאַן מוז ער נאָך אַרום ניין אַ זייגער זיך טרעפֿן מיט דעם מאַדאַמעלע בערטאַ ליניעצקאַיאַ און דערנאָך איז ער שוין די איבעריקע שעה'ן מיט זיין ליבלינג, מיט זיין שאַץ, וועלכע איז אייגנטלעך מסתם נישט נאָר זיין ליבלינג און נישט נאָר זיין שאַץ —

אַריינגעקומען אין זיין פּרעכטיקן צימער גייט ער דאָס ערשטע צו צום שפּיגל — ס'איז גוט! ער איז מענעריש־שיין און באַצויבערנדיק און קען געפֿעלן ווערן אפֿילו דער לעגענדאַרער קעניגין טאַמאַרא.

מיט אַ מאָל דערפֿילט ער, ווי עמעצנס שווערע האַנט לאָזט זיך אַראָפּ אויף זיין נאַקן. שאַרפֿע נעגל שטעקן זיך אַריין אין זיין געצערטלטער הויט און ער ווערט געפֿירט צו דער טיר:

— פֿאַרשלים!

ער פֿאָלגט.

— קיינעם נישט אויפֿמאַכן ביז איך וועל דערלויבן!

אברהמל שאָקלט הכנעהדיק מיטן קאָפּ.

זיין פֿייניקער פֿירט אים צו צום טיש און זעצט אים בעל כּרחו אַוועק אויף אַ בענקל:

— האָסטו שוין אויף היינט, הייסט עס, פֿיר פֿייגעלעך אין בוזעם, האַ? נו און ווייטער וואָס?

און מיט אַ דראָענדיקער שטימע פֿון וועלכער עס גייט דורך אַ גרויל איבערן לייב:

— זאָלסטו וויסן זיין, מיין טייערער שפּילפֿויגל, פֿאַרקאַרב זיך דאָס אויפֿן שטערן מיט פֿייער און מיט בלוט, — אַז ווייטער וועט עס אַזוי נישט גיין! איך, פּונקט ווי דער נביא עמוס בשעתו זאָג דיר —

...על שלשה פשעי ישראל, ועל ארבעה לא אשיבנו...

ערשט דאָ האָט זיך אברהמל געכאַפּט, אַז דאָ איז אייגנטלעך קיינער נישט געווען. דאָס הייסן אים פֿאַרשליסן די טיר און זי קיינעם נישט עפֿענען; דאָס אַוועקזעצן אים פּראַווצעס, דאָס אָנשרייען אויף אים, ווי אויף אַ שקלאַף, ווי אויף אַן עבד־כנעני, דאָס אַלץ איז בלויז אַ פּאַרטל פֿון

זיין משוגענעם כח־הדמיון. דאָס האָט אים זיין אייגענער „שבט מוסר״ גענומען אין די לאַפּעס אַריין. הייסט עס — והאורב יושב לו בחדר...

אָבער פון אָט דער אַנטדעקונג ווערט אים קיין קאָפּעטשקעלע נישט לייכטער. ער קען שוין צו גוט זיין „חלק אלה ממעל״ און ווייסט, אַז פון אים איז גאָר נישט אַזוי לייכט זיך אַרויסצודרייען. און יענער שטייט נאָך אַלץ קעגן אים, ווי דער מלאך מיט דער שווערד קעגן בלעמ׳ס אתון און ער פרעגט גאַרנישט, ער האַלט נאָר אין איין איבערחזרן:

— נו, תכשיט מיינער, האָסטו זיך שוין אויף היינט באַזאָרגט מיט פיר הסבה־בעטן, נו און ווייטער וואָס?

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

אברהמל, אַנטלויפנדיק פון זיך אַליין, איז אַוועקגעפאָרן אין דער וויי־טער פאַרשטאָט: „טשערקיזאָווא״, צו זיין פאַטערס אַ ידיד.

— ר׳ גדליה, ראַטעוועט מיך, איך טאָר היינטיקע נאַכט נישט בלייבן אַליין מיט זיך... איך מוז היינטיקע נאַכט האָבן אַ שומר, אָבער אַ שומר־ישראל, אַ שומר גוי קדוש... האַלט מיך היינט לעבן זיך, לאָזט מיך היינט נישט אָפּ פון זיך אויף קיין שריט, כי בנפשי הוא —

יענער האָט געוואָרפן אויפן בעטנדיקן יונגנמאַן אַ פינצטערן בליק:

— איך קען זיך היינט מיט דיר נישט אָפּגעבן. איך האָב איצט עפּעס בילעכערס אויפן קאָפּ, ווי צו ווערן דיין סטאָראָזש...

און אין אַ ווײַלע אַרום:

— אָבער איך בין דיך נישט דוחה בשתי ידים. דאָרט אַהין וווהין איך גיי איצט קענסטו אויך מיטגיין. עס וועט דאָרט זיך געפינען פּלאַץ פאַר אונדז ביידע...

— גוט... פון מיינעט וועגן קענען מיר גיין אַהין אָדער ערגעץ אַנדערש, מיר איז לחלוטין אַלץ איינס וווהין צו גיין, אַבי נישט בלייבן אַליין —

דער אַלטער האָט אויף אים געוואָרפן אַ שאַרפן בליק:

— איך זע, יונגערמאַנטשיקל, אַז דו ווערסט צעפּרעסן און צעפּוילט פון גראָבע תאוות און מחשבות־רעות, נישט מער אין דיר טליעט נאָך אַ קוילעכל... די נשמה אַליין איז שוין אפשר פאַרלאָשן, אָבער אַ קוילעכל צאַנקט נאָך דאָרטן און אָט דאָס דאָזיקע קוילעכל האָט דיך היינט אַרויס־געשלעפּט פאַר די אויערן און געבראַכט צו מיר, נישט אמת?

אברהמל איז געשטאַנען מיט אַ נידעריק־אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ און האָט שווער און פינצטער געשוויגן. דער אַלטער האָט פאַרשטאַנען, אַז שתיקה כהודאה דמיא און זיינע האַלב־פאַרזשמורעטע אויגן האָבן אויפגעפלאַמט:

— ...איז אויב ס'איז טאַקע יאָ אַזוי די מעשה, וועל איך דיך טאַקע נישט אַפּלאַזן! דאָס ערטעלע וווהין מיר גייען איצט וועט דיך, האָף איך, אַ ביסל אויסניכטערן —

דער הדרת־פּנים'דיקער גרייז שאָקלט מיטן קאָפּ האַלב־באַדויערנדיק, האַלב־טרייסטנדיק:

— איך זע אברהמ'עלע... איך פיל, אַז דו ביסט רעכט אין דער אַר־בעט... רחמנא ליצלן, מ"ט שערי־טומאה... און עס גייט דיר מסתם מיט דער האַנט, — פאַר וואָס נישט? אַ טשאָלנטברעטל האָסטו אַ שיינס, און וואָס זשע איז די מניעה? די תרי סרסורי־עבירה זענען נישט קיין שלעפּע־ריקע פאַרשווינדלער: עין רואה והלב חומד... הפנקס פתוח והיד כותבת... אָבער דו ביסט נאָך נישט קיין פאַרפאַלענער מענטש! איין תרופה איז נאָך דאָ פאַר דיר, — לערנען תורה... המאור שבה מחזירו למוטב... אפשר געדענקסטו נאָך די משנה אין מסכת „מקוואות": „הטביל בו את **המטה**, אף על פי שרגליה שוקעות בטיט העבה טהורה, מפני שהמים מקדמין"...* ואין מים אלא תורה, ההא דכתיב: הוי כל צמא לכו למים —

אויפן וועג פרעגט אברהמל:

— ר' גדליה, אפשר מעג איך פאַרט וויסן, וווהין איר פירט מיך?

— אָך, פאַר וואָס נישט? אודאי מעגסטו וויסן. ביי מיינעם אַן אַלטן גוטן־ברודער איז דאָ אַ בחורל... איז געווען, מיין איך... איצט איז ער שוין מער נישטאָ... האָט ער זיך אַריינגענומען אין קאָפּ אַריין: ער וויל פאָרן קיין ארץ־ישראל. וויפל די עלטערן און מיר אַלע, בני־בית ביי זיי אין שטוב, און סתם אַלטע גוטע ברידער, האָבן מיט אים נישט איינגעטענה'ט:

— וואָס פאַר אַ לא־דבר האָסטו זיך אַריינגענומען אין קאָפּ אַריין? דו זעסט דאָך גוט, אַז מען לאָזט נישט פאָרן אפילו קיין זקנים צו זייערע קינדער, וועט מען דיך לאָזן? אַ יונגן מענטשן? — ער איז געווען אין דיינע יאָרן, איז ער געווען, אפשר עלטער מיט אַ יאָר, אָבער זיכער נישט מער... בקיצור, עס האָט נישט געהאָלפן אונדזער טענה'ן, ער האָט זיך דערשלאָגן צו אַ פאַדערונג און האָט, גלייך מיט אַלע „שומרים לבוקר", געטאָגט און גענעכטיקט אויפן גאַניק פון קאַלינינס ביוראָ — אולי ירחם?

---

* אויב ער האָט טובל געווען אין מקוה דאָס בעט זיינס, כאָטש די פיס פונעם בעט זינקען אין דער טיפער בלאָטע, דאָך העלפט די טבילה, ווייל די מקוה־וואַסער, די מים־זוחלין, רעכענען זיך פאַר מחובר לקרקע און ווי באַלד אַזוי, איז אפילו ווען די בעט־פיסלעך שטעקן אין דער בלאָטע, זענען זיי אָבער גלייכצייטיק אויך באַהעפט מיט דער וואַסער פון דער מקוה. (אַ ריין טעכנישע הלכה מיט א טיפן־טיפן מוסר־השכל).

— איך פֿאַרשטיי נישט, צו וואָס זשע האָט ער געמוזט דאָרטן טאָגן און נעכטיקן? ער האָט דאָך געקענט וואַרטן ביז מען וועט אים אַרויס־רופֿן —

דער זקן האָט אים אָפּגעמאָסטן מיט אַ קאַלטן בליק און האָט כמעט מיט אָפֿענער שנאה אַרויסגעזייעט צווישן די ציין:

— אַזאַ גוואַלדאָוונע חכם ביסטו? הם! גיי זיי אַ נביא... וואָס זשע, דו ווייסט גאָר נישט ווי אַזוי מען רופֿט אַרויס צוליב אַזעלכע זאַכן?

אברהמל, זיך רויטלענדיק פֿאַר בושה, וואָס אַזאַ גרייז ווייסט מער פֿון אים; וואָס ער איז אַזוי אָפּגעשטאַנען פֿונעם דרויסנדיקן לעבן:

— דעם אמת גערעדט... איך ווייס טאַקע נישט. איך קען מיך נישט אויס אין די זאַכן...

— וואָס הייסט עפּעס, דו קענסט זיך נישט אויס? דו ווייסט גאָר נישט, וואָס אויף דער וועלט טוט זיך? דו ביסט נישט קיין יידיש קינד, ביסטו נישט?

— איך ווייס, וואָס איך בין? איך ווייס אויך נישט, וואָס איך בין —

— אָבער דו ווייסט דאָך מסתם די פֿאַראָנדקעס זייערע ביים אַרויס־לאָזן קיין זאַגראַניצע, האָ?

— איר מעגט זיך אויף מיר בייזערן וויפֿל איר ווילט אַליין, נאָר איך ווייס גאָרנישט, גאָרנישט! און וואָלט באמת זייער אַ בעלן געווען צו הערן פֿון אייך —

— אַן אַנדער ברירה האָב איך מיט דיר? ושאינו יודע לשאול — את פתח לו... איז גייט עס, הייסט עס, אַזוי צו ביי זיי, ביי דער ביוראָ פֿאַר אויסלענדישע ענינים.

ר׳ גדליה האָט נישט געאײַלט זיך צו רעכט געמאַכט די נאָז און האָט מתוך כובד־ראש, וועלכער איז אָבער געווען דורכגענומען מיט ביטערן, וויטיקלעכן סאַרקאַזם, אָנגעהויבן צו דערציילן:

— אַז אַ ייד וויל זייערם פּטור ווערן און מער נישט זען פֿאַר די אויגן זייערע רוצחישע פּנימער... וואָס זאָגסטו נאָר דערויף, וואָס איך זאָג: „אַז אַ ייד וויל". וועלכער ייד וויל דאָס נישט אויסגעלייזט ווערן פֿון אָט דעם רויטן גיהנום? איך מיין צו זאָגן: אַז אַ ייד האָט דעם מוט און די געוואַגט־קייט, וואָס זענען נייטיק צו דעם דאָזיקן שריט און האָט נישט קיין מורא צו ריזיקירן מיט זיין לעבן און מיטן לעבן פֿון זיינע בני־בית — מוז ער נאָך חוץ דעם אַלעמען זיין דער גרויסער בעל־יכולת אײַנצובייסן אַזאַ נסיעה׳לע. דאָס איז, דאַרפֿסטו וויסן, זייער, זייער אַ טייערער ביסן ביי אונדזער מלוכה, זאָל לאַנג ליגן מיטן קאָפּ אין דער ערד, רבונו־של־עולם...

— איך זע, ר׳ גדליה, אַז איר זענט זיי נישט קיין איבעריקער גוטער־פריינד...

ביים אַלטן הייבט אַזש אָן צו ציטערן די אונטערשטע ליפּ, ווי ביי אַ קליין מיידעלע:

— פאַר וואָס, זאָג מיר, בין איך זיי יאָ מחויב צו זיין אַ גוטער פריינד? פאַר דעם גוטן לעבן, וואָס זיי געבן אונדז דאָ? פאַר זייער גרויסער אהבת־ישראל, אפשר? קיצור־הדבר, כדי צו קענען פוילן אויף דער גאַס אונטערן רעגן גלייך מיט די אַלע, וואָס האָבן סערטיפיקאַטן און קוקן אַרויס, אַז מען זאָל זיי געבן די דערלויבעניש אַרויסצופאָרן, אַז די אויגן קריכן זיי אַזש אַרויס — איז גאָרנישט אַזוי לייכט. וזה מעשה המנורה — און אָט אַזוי ווערט דאָס געמאַכט! קודם מוזסטו דאָרט אָפּזוכן אַ קרוב, וואָס נעמט דיך אַרויס אויף אַלעם גרייטן. דערנאָך מוזסטו צוקלערן עפּעס אַ קלוגן תירוץ: פאַר וואָס דו ווילסט משנה־מקום זיין. אָדער דו דערווייזסט, אַז דו האָסט רחמנא־ליצלן עפּעס אַזאַ מחלה, וואָס מען קען זי אויסהיילן נאָר דאָרטן; אָדער אַז דו ביסט דאָ אין גאַנצן אַן עלנטער, אָדער עפּעס אַן אַנדער בוידעם, אַ לאָקש, אַ ציבעלע. אַז דו האָסט שוין במזומן אָט די אַלע שעלעמויזן, דאַן מוז דיין בעל־טובה אַריינטראָגן פאַר דיר אין סאָוויעטישן קאָנסולאַט פינף הונדערט דאָלאַר שחיטה־געלט, אַנדערש רעדט מען מיט דיר אפילו נישט. דו זאָלסט נאָר נישט מיינען, אַז ווען איך זאָג פינף הונדערט, קען אַ מאָל זיין כשר אויך דריי הונדערט, אָדער פיר הונדערט. ניין, ברודערקע — טאַקע פינף הונדערט, אל תפל דבר! אַנדערש ביסטו נישט ראוי לאכילת כלב! אַזוי זאָגט דאָס געזעץ. ואחרי ככלות הכל, אַז דו האָסט שוין דעם סערטיפיקאַט און די ממזריש־כיטרע תירוצימלעך, פאַר וואָס דו ווילסט נעבעך אַרויספאָרן פון אונדזער גאָל־דענעם לאַנד און צו דעם אַלעמען האָסטו אַזאַ גרין פּאַפּירעלע פון דער „גאָסבאַנק”, אַז מען האָט אויף דיין נאָמען אַריבערגעוויזן פינף הונדערט דאָלאַר — אך בזאת יבא אהרון אל הקודש! דאַן קענסטו ערשט אָנגעבן אין אויספיר־קאָמיטעט, אין דער אָפּטיילונג פאַר אויסלענדישע ענינים. דאָרט, כנהוג, זאָגט מען דיר אָפּ. ביסטו נישט פויל אויף דער פּען און גיבסט אָן אין זעקס חדשים אַרום נאָך אַ מאָל, זאָגט מען דיר ווידער אָפּ, — דאָס איז שוין זיכער, ווי אַז צוויי מאָל צוויי איז פיר! דאַן דערלאַנגסטו שוין צום דריטן מאָל און ערשט נאָכן דריטן אָפּזאָג באַקומסטו אַזאַ קורץ אשר־יצר׳ל, אַז מען האָט דיר דריי מאָל אָפּגעזאָגט. ערשט דאַמאָלסט קענסטו זיך שוין ווענדן צום קייסערל פונעם לאַנד, צו ר׳ קאַלינינען בכבודו ובעצמו. און מורה מורינו ר׳ מיכאאיל איוואַנאָוויטש אויב ער וועט דאַן האַלטן נאָך אַ

גוטן מיטאָג און דאָס מעגעלע וועט ביי אים זיין אין אָרדענונג, וועט ער דיר זאָגן: צאתך לשלום און האָב אַ גוטן שליטוועגס! און טאָמער חלילה וחס וועט אים האָבן פאַרשאַט דער אָנבייסן און קען וועלן ביי אים וואָרטשען אין בויך, דאַן זאָגט ער דיר אַזאַ „פּאַשאָל וואָן", אַז דו קענסט קוים טרעפן צו דער טיר. וואָס קוקסטו אויף מיר ווי אַ נעכטיקער? און פריער האָסטו גאָר קיין מאָל נישט געהערט וועגן זייער באַחנ'טער פּראָצעדור? וואַרט, וואָלט דאָך אַלץ גוט געווען, ווען נישט דאָס וואָס ר' קאַלינין האָט נישט קיין אָפּגעשטעלטע שעה'ן, ווען ער באַזוכט זיין ביוראָ. נישטאָ קיין שום לוח דערויף! נישט די אָנגעשטעלטע דאָרטן ווייסן דאָס און אפילו נישט — זאָגן זיי — דער בעל-דבר אַליין כביכול, — קיינער ווייסט דאָס נישט. אַז עס קומט די גוטע שעה, קומט טיטוס'עס בין און גיט אים אַ ביס אין פּופּיק. דאַן קומט ער צו פאָרן און נעמט אויף אַלע די, וואָס געפינען זיך דאָרט באותה-שעה, עס מעג אפילו דויערן כ'ווייס ווי לאַנג, ממש ביז חצות, כאָטש ער איז שוין אַן עלטערער מענטש, און דערנאָך גייט ווידער אוועק אַ זמן, וואָס מען הערט אים נישט און מען זעט אים נישט. און אַ זמן הייסט: אַ מאָל חודש, אַ מאָל זעקס חדשים און אַ מאָל מער פון זעכצן... אָט אַזאַ סדר איז ביי זיי און דו גיי זיי אַ סתם מקשן! און וואָס מיינסטו טוען אחינו בני-ישראל, וואָס ווילן פאָרט בחייהם קומען קיין ארץ-ישראל? מען וואַלגערט זיך אויפן גאַניק פון זיין ביוראָ ימים ושנים. פון קאַיאָר ביז נאָך חצות... אַזוי זומער און אַזוי ווינטער און אַזוי אפילו שבתים וימים-טובים, וואָרעם ווער קען ווייסן, ווען אים קען איינפאַלן צו קומען? דו געדענקסט דאָך נאָך מן הסתם, ווי שלמה המלך רעכנט אויס די זאַכן, צו וועלכע מען קען זיך נישט דערגרונטעווען: דרך אניה בלב ים, דרך נשר בשמים... דו געדענקסט נאָך אַ יידיש וואָרט, צי אונדזערע פאַרשיוועצעס האָבן דיר שוין אַלץ אַרויסגעשלאָגן פונעם זכרון, האַ?

די האָרבסטיקע מאָסקווע האָט ביינאַכטיק-שווער געדריקט אויפן געמיט. ר' גדליה האָט איבערגעלייענט אויפן בחורלס פּנים אַ מידקייט און אַן אויסגעשעפּטקייט און ער האָט זיך אָנגערופן מיט אַ ווייכערער שטימע:

— אוודאי האָבן מיר געקענט פאָרן מיט דער מעטראָ אַזאַ מהלך-רב, אָבער אויף אַזאַ התונה ווי מיר גייען איצט — פאָרט מען נישט, מען דאַרף אַהין קריכן אויף אַלע פיר, דאַרף מען... מען דאַרף אויסטון די שיך, דאַרף מען, און גיין אַהין בראש-כפוף ובלב נשבר ונדכה, דאַרף מען... דו ערדסט? באימה ובפחד, ברתת ובזיע ובברכים כושלות ורועדות ודא לדא נקשן, אָט ווי אנשי שלומינו, יראים וחרדים, גייען על קברי-הצדיקים...

— איר האָט מיר נאָך אַלץ נישט מגלה געווען: וווהין מיר גייען און צוליב וואָס מיר גייען —

דער אַלטער האָט אַ פֿאַרווונדערטער אויף אים אַ קוק געטון:

— וואָס רעדסטו? טאַקע באמת — נאָך נישט געזאָגט? דו שפּאַסט נישט, אַז איך האָב דיר נאָך נישט געזאָגט? וואָס זשע שווייגסטו?

— זאָג איך דאָך, נישט איך שוויַיג —

— אודאי, ווי דען? אַז דו גייסט שוין, מעגסטו דאָך כאָטש וויסן וווהין דו גייסט און צו וועמען —

און אָננעמענדיק לופֿט אין די לונגען האָט ער מיט אַן אָנגעווייטיקטער שטימע שטיל ממשיך געווען:

— ...איז ער געזעסן צווישן אַלע זיצערס דאָרטן, אָט דער פּנחסל לוריע, — פּנחס האָט מען אים גערופֿן, אַ הייליקע נשמה געווען — געזעסן טעג, געזעסן נעכט, געזעסן וואָכן, געזעסן חדשים און יאָרן, אָט אַזוי ווי איך דערצייל דיר, און האָט אַלץ אַרויסגעקוקט אויפֿן אדון בפקדך, אַז ער זאָל קומען און אויסשרייבן דאָס גוטע קוויטל... מיט דריי טעג צוריק, הושענא־רבה, הייסט עס — נו, יאָ, אַזוי קומט דאָך אויס דער חשבון, ווי באַלד, אַז היינט איז אסרו־חג, איז דאַן געווען הושענא־רבה — איז ער ווי געוויינלעך געקומען צו דער דיזשורסטווע כעלות, וואָרעם — מי יודע מה ילד יום? — און איז זיך געשטאַנען אין געהאַקטע ווונדן. ווי אַזוי שטייט דאָרטן, נאָך „קרבנות״? וישראל במעמדם? איז ער געשטאַנען! זייגער צען איז אים איינגעפֿאַלן: אַזוי ווי מאַראָסייקער שול איז נישט זייער ווייט און הושענא־רבה איז דאָך נאָר איין מאָל אין יאָר, וואָלט ער געקענט געבן אַ פֿאַר־צו אין שול אַריין און פֿאַר איין האַלבער שעה אָפּזאָגן הלל און הושענות און גלייך אויף צוריק. אומר, ועושה! ער האָט געבעטן ביי זיינע שכנים אויפֿן גאַניק, אַז זיי זאָלן געדענקען זיין ריי און איז אַראָפּ אין מעטראָ. אין אַ קאַרגער שעה אַרום, ווען ער איז צוריקגעקומען פֿון דער שול, האָט ער דאָרט נישט געטראָפֿן קיין איין לעבעדיקן נפש. קאַלינין איז דאָ אַריינגעפֿאָרן מיט זיין מרכבה־עליונה און האָט כמעט אַלעמען באַפֿרידיקט, נאָר געציילטע מענטשן האָט ער אָפּגעזאָגט. אַז מען שמועסט אַ מלך של חסד, איז דאָך נישט שייך. פּנחסל, דערהערט פֿון דער אָנגעשטעלטער, אַז נאָך אַנדערטהאַלבן יאָר וואַרטעניש, אין די היצן און אין די קעלטן, האָט ער איבער אַ האַלבער שעה אָנגעווירן די אויפֿנאַמע, האָט זיך ביי אים פֿאַר ווייטיק אָפּגעריסן דאָס האַרץ און ער איז אויפֿן אָרט אַוועקגעפֿאַלן אַ טויטער. ביז מען האָט אַ ידיעה געגעבן די

עלטערן פון זייער גדולה, האָט מען אים דערווייל אויסגעכאַפּט אין שפּיטאָל אַריין, אין זייער יאַטקע דאָרטן. עס האָבן נישט געהאָלפן קיין שום עצות ותחבולות, מען האָט אים דאָרט אָפּגעהאַלטן דריי מעת־לעת, צעשניטן אים און צעקאַרדאַשעט אויף פּיצפּיצלעך — שומו שמים! אַזאַ הייליקן גוף צעבראָקן אויף לאָקשן — און היינט האָבן זיי אים קוים מיט צרות אַרויסגעגעבן און מאָרגן אין דער פרי וועט פאַרקומען די קבורה... די עלטערן — זיי דערהרגענען זיך ממש. ער איז ביי זיי געווען איין און איינ־ציקער. ס'הייסט געהאַט האָבן זיי פיל קינדער, פיר אָדער פינף, אי זין, אי טעכטער, אָבער — נישט פאַר קיין שום יידן געדאַכט — זיי האָבן זיך ביי זיי נישט געהאַלטן. דער פון אַ קרענק, יענער פון אַן אַנדער אומ־גליק, איינציקוויז האָבן זיי זיך מיט פאַרשידענע אויסרעדן אַרויסגעדרייט פון אונדזער נמאס ומאוס'דיק וועלטל און איבערגעלאָזט די עלטערן בלויז ביי אָט דעם שטיקל אַנהאַלט, ביי אָט דעם פנחס'לען... ער האָט שוין גאָר אפילו אַ כלה געהאַט, אָט דער פנחס בן אלעזר בן אהרון הכהן... קיין תנאים האָט מען נאָך נישט געהאַט געשריבן, אָבער בינם לבין עצמם איז שוין ביי זיי געווען כמעט ווי אָפּגערעדט... נאָר דאָס זענען שטותים, דאָס מיידל וועט זיך אָפּזוכן אַן אַנדער חתן, נאָר די עלטערן זיינע וועלן זיך שוין קיין אַנדער זון נישט אָפּזוכן... ביי זיי איז טאַקע יאָ: בלע המות לנצח... און ווי אויף צו להכעיס איז ער געווען אַזאַ מושלם בכל המעלות, איך קען דיר דאָס גאָר נישט אָפּמשלען... יאָ, זייער אַ געראָטענער בחור געווען, געראָטן מיט אַלעמען און דאָ — אַזאַ אומגליק, אַזאַ בראָך... נו, קען מען זיי לאָזן אַליין מיטן בר־מינן? גיי איך דאָרטן אַהין איבערזיצן די נאַכט... לעבן אַזאַ הייליקן נפטר מעג מען זיצן און טאַקע אַליין אויך ביי זיך מאַכן אַ שטיקל חשבון־הנפש...

אברהמל איז נאָכגעגאַנגען אַ דערשיטערטער. זיין אינערלעכער אורב האָט נאָר געשעפּטשעט:

— דו הערסט כאַטש, דו אויסגעלאַסענע בריאה וואָס דו ביסט? דו האָסט כאַטש צוגעלייגט קאָפּ צו הערן, ווי אַזוי און צוליב וואָס אַנדערע יונגעלייט לעבן אָפּ זייערע יאָרן־טעג און גייען אַוועק פון דעם עולם?

חושכדיק און אבלדיק איז געווען אין דער שטוב, ווו ס'האָבן געוווינט די עלטערן פון דעם יונג־פאַרשניטענעם בוים — פנחסל. שנייוווייסע, ציטעריקע מלאכים־מקוננים מיט אויסגעוויינטע אויגן — מלאכי־שלום מר יבכיון — האָבן מיט זייער שטומען יגון ואנחה אָנגעפילט די שטוב מן הקצה אל הקצה —

„...ותגע כנף האחד בקיר וכנף הכרוב השני נוגעת בקיר השני וכנפיהם אל תוך הבית נוגעות כנף אל כנף..."

דער מלאך־המות האָט אַרונטערגענומען אונטער זיינע ברייטע שוואַרצע פליגלען די גאַנצע שטוב מיט אַלע מענטשן, וואָס האָבן זיך דאָרטן געפונען, און די לעבעדיקע וועלט מיט אַלע אירע ברענענדיקע אינטערעסן און קאַפּריזן האָט זיך אַ פאַרשעמטע אָפּגערוקט וויט־ווייט פונעם מענטשנס געדאַנקען־שטח.

ס'איז געווען די דריטע אשמורה.

אַלע וויינענדיקע און קרעכצנדיקע זענען אַנטפאַלן געוואָרן ווי די העלצער. דער שלאָף איז געווען שטאַרקער אפילו פונעם טויט. נאָר איין און איינציקער מענטש האָט מיט גאַנץ־וואַכנדיקע אויגן געהיט דעם מת. און אָט דער מענטש איז געווען אברהמל. אַלע פאַרזאַמלטע האָבן געוויינט, געקלאָגט, קיינער פון די פאַרזאַמלטע האָט נישט געפּרוווט צו ברענגען פאַרן מויל קיין איין נחמה־וואָרט, — אין מנחמין את האבל בשעה שמתו מוטל לפניו. און אפילו דערנאָך, וואָס איז אין דעם פאַל דאָ צו זאָגן און צו טרייסטן? איוב'ן האָט מען אויך אפילו נישט געפּרוווט צו טרייסטן... ווי אַזוי שטייט דאָרטן?

„...וישבו אתו לארץ שבעת ימים ושבעת לילות ואין דובר אליו דבר, כי ראו כי גדול הכאב מאוד..."

אַז מען איז מיד געוואָרן פון וויינען און פון קרעכצן האָט מען אָנגעהויבן מתפלל צו זיין לזכר נשמת המת. ווער עס האָט געלערנט משניות, ווער עס האָט געזאָגט תהילים און ווער עס האָט אַריינגעקוקט אין מעבר־יבוק.

אברהמל האָט די גאַנצע נאַכט נישט אויפגעעפנט דאָס מויל. דער לאַנגער קערפּער אונטער דער שוואַרצער קאָלדרע האָט אים געוואָרגן און געשטיקט נאָך ערגער פון זיין אייגענעם „שבט מוסר", וועלכער האָט אים קיין מאָל נישט אָפּגעלאָזט פונעם אויג. די ברענענדיקע ליכט צוקאָפּנס פונעם יונגן בר־מינן, האָבן מיט זייערע געל־רויטע פלעמעלעך אויסגעברענט טיפע לעכער אין אברהמלס האַרצן. ער איז די גאַנצע צייט געשטאַנען אין אַ ווינקל אַ פאַרשטאַרטער. אויפן פּאָן פון אָט דעם שוידערלעכן בילד: דער לאַנגער אומבאַוועגלעכער קערפּער אונטערן בית־הקברות־צודעק און די זיך דערהרגענענדיקע עלטערן, איז פאַר זיינע אויגן דורכגעשוווּמען זיין גאַנצער נישט־ערנסטער לעבנסוועג און ער האָט באמת נישט געוווּסט פון וואָס ער דאַרף אַצינד אָנהייבן. ער האָט זיך געפילט שטאַרק

דערשלאָגן און פאַרלוירן, ווי איינער וואָס כאַפּט זיך אויף פון אַ חלום, ווו ער איז געווען אַ מלך בכיפה און דאָ דערזעט ער, אַז ער ליגט גאָר אין אַ בלאָטע און זשאַבעס קריכן אַרום אויף אים...

צו פאַרטאָג צו האָט דער שלאָף אַלעמען פאַרקלעפּט די אויגן און די שטילקייט, אַן אָנגעוויקטע מיט טרערן און מיט קרעכצן, איז מער פון קיינעם נישט געשטערט געוואָרן. דאַן האָט אברהמל, אַ שטאַרק-אויס-געבליכטער פאַר דער נאַכט, זיך אַרויסגעקליבן פון זיין וויטן ווינקל, און האָט זיך מיט קעצישע טריט דערנענטערט צום נפטר׳ס לעצטן געלעגער. ער האָט געפילט, אַז ער איז איצט פאַרלוירן אין דעם שטרויכ-לונג-פולן ים-החיים און, אַז קיינער וועט אים דעם ריכטיקן וועג נישט אָנווייזן אַזוי גוט, ווי אָט דער האַרציקער בחור, פנחסל, וועלכער האָט אַ שפּיי געטון דעם לעבן אין פּנים אַריין און האָט אָפּגעקערעוועט אויף אַ זייט. נאָר אָט דער, וואָס אונטער דער קאָלדרע קען אים אָנווייזן, וואָס ער, אברהמל, האָט צו טון מהיום והלאה. אָבער דאָס קען מען נישט פרעגן פאַר לייטן, דאָס איז אַ סוד, וועלכן עס טאָר קיינער נישט אונטער-הערן. האָט ער אין זיין ווינקל סבלנות׳דיק געוואַרט אַ גאַנצע נאַכט אויף אַ שעת-הכושר און איצט איז די איינמאָליקע גינסטיקע מינוט פאַר אַזאַ געהיימער שאלה ותשובה.

אברהמל, איבערצייגנדיק זיך נאָך אַ מאָל, אַז אַלע קלאָגערס און קלאָגערינס זענען אַריינגעפאַלן אין אַ שווערער פאַרגעסעניש און רירן נישט מיט קיין אבר, האָט ער זיך פאַרזיכטיק אַרויסגעקליבן פון זיין ווינקל און מיט טויטשרעק אין די אויגן, מאַנעווריערנדיק צווישן אויסגעצויגענע פיס און איינגעהויקערטע רוקנס, האָט ער זיך דערקליבן צום „סאַמע אויבנאָן” און האָט מיט אַ פלאַטערנדיק האַרץ אָפּגעדעקט דאָס פּנים פונעם נפטר. דעם טויטנס פּנים איז געווען געל און רואיק, ווי אַ מענטש וואָס ליידט פון געלזוכט-קראַנקהייט וואָלט געשלאָפן אויפן רוקן און מער גאָרנישט. די אויגן זענען געווען האַלב צו, ווי ער וואָלט זיך געזשמורעט, גלייך ווי דער מת וואָלט נישט געקענט פאַרליידן די צו נאָענטע שיין פון די ליכט. אברהמלען האָט זיך געדאַכט, אַז ער קען פון ערגעץ אָט דעם בחור. יאָ, ער מעג דאַכט זיך שווערן, אַז ער האָט אים שוין ערגעץ ווו באַגעגנט. איז ער, דער אומבאַקאַנטער באַקאַנטער, איז שוין פאַרטיק מיט זיין קרעמל יאָרן און פאַרט שוין פונעם יאריד, און ער, אברהמל, וואָס ער איז כמעט אין די זעלבע יאָרן וואָס ער, ווייסט נאָך אפילו נישט ווי אַזוי צו צעלייגן זיין קרעמל... ער פאַרשווענדעט זיינע כוחות און

מוחות אויף לייכטע נצחונות און האָט נאָך אפילו אויף קיין איין רגע נישט קיין טראַכט געטון, אַז ס׳איז דאָ אַ ציון אויף דער וועלט, פאַר וועלכער מען קען נישט נאָר לעבן, נאָר אויך שטאַרבן...

די אבלים און זייערע פריינד זענען נאָך אַלץ געווען פאַרזונקען אין דער בלייענער פאַרגעסעניש. אברהמל איז נאָך אַלץ געבליבן איינער אַליין, אויג אויף אויג מיטן בר־מינן. ער האָט מיט ציטערנדיקע פינגער אָוועקגערוקט די לייכטער צו דער וואַנט, אַרויף־צו, אַז דער מת זאָל זיך נישט מוזן אַזוי זשמורען און ווירקלעך — דער מת האָט איצט גענומען קוקן גלייך אויף זיין בן־גיל, אויף אברהמ׳לען. לאַנג און אַן לשון האָט אים אברהמל געפרעגט, וואָס ער אים דאַרטן געהאַט צו פרעגן און דעסט גלייכן לאַנג און אַן לשון האָט אים דער געשטאָרבענער געענטפערט, וואָס ער האָט אים דאַרטן געהאַט צו ענטפערן...

ווען די מוטער האָט זיך מיט אַן אוממענטשלעכן קוויטש אויפגעכאַפּט פון איר שווערער פאַרגעסעניש, איז שוין איר זון צוריק געווען צוגעדעקט, די לייכטער זענען געשטאַנען אויף זייער פריערדיק אָרט און דער אומ־באַמערקטער אברהמל האָט זיך שוין צוריק געפונען אין זיין ווינקל.

נישט קוקנדיק אויף די האַרץ־צעברעכנדיקע יללות בשעת דער קבורה, פון דער מוטער און פון אַלע מלוים; נישט קוקנדיק דערויף וואָס ער איז כמעט געווען איינער פון די מתעסקים: געהאָלפן טראָגן די „מטה״, איינער פון די ערשטע אַריינגעוואָרפן דריי לאָפּאַטעס ערד אין קבר אַריין; נישט קוקנדיק אויף דעם אַלעמען האָט זיך אברהמל אומגעקערט פונעם בית־עולם נישט אָן פרייד. ער האָט פון דאָרטן מיט זיך מיטגעבראַכט אַ סוד, וואָס וועט אים באַשיצן און באַשירעמען פון אַל דאָס בייז און אויס־געלאַסנס און וועט אים צוריק אַרויפפירן אויפן דרך־הישר, אָבער — האָט ער צו זיך געזאָגט — מען דאַרף האָבן נאָך אַ טראָפּעלע מוט און אַליין, — מיט די אייגענע הענט איבערשניידן די אַלע פעדעם, וואָס פאַרבינדן אים נאָך מיט דער אַלטער וועלט, נישט „שטאַרבן אָן לשון״, ווי עפּעס אַ פחדן, וועלכער האָט מורא זיך צו ווייזן פאַר די אויגן, טאָמער וועט ער נאָך איבערקלערן.

דריי טעג נאָך אַנאַנד און דריי נעכט האָט אברהמל זיך אַרומגע־שליאָנעט אין שטאָט, ווי אַ „בראָדיאַגע״, ווי אַ היימלאָזער הונט. ער קען דאַכט זיך שווערן, אַז ערגעץ האָט ער געגעסן און ערגעץ איז ער געשלאָפן. אָבער די קופּע שטיינער און די פאַרפוילטע באַנק אויף וועלכע ער האָט עפּעס אָפּגעגעסן; דעם פאַרוואָרלאָזטן ווינקל אין הינטערשטאַטישן וואַק־

זאלכל, ווו ער האָט אָנגעשפּאַרט זיין מידן קאָפּ, — וואָלט ער איצט בשום אופן נישט געקענט אויפזוכן. ער האָט נישט געוואָלט ברענגען צו זיך אין שטוב אַריין די יוירנדיקע ספקות און חששות און דעם אומגלויבן אין זיך אַליין. ער האָט געוואָלט, אַז זיין תסיסה-פּנימית * זאָל זיך פאַרענדיקן אָט דאָ, אין „קיינעמס לאַנד", אויף די קופּעס שטיינער, אויף די פאַר-פוילטע בענק און עלנטע ווינקעלעך פון זיינע וואָגל-פלעצער און אַהיים זאָל ער קומען בלב אחד ובדעה אחת, — אַן אדם השלם, אָן „יש אומרים'ס" און אָן „איפכא מסתברא'ס".

ווען ער האָט זיך אויפן פערטן טאָג ענדלעך אומגעקערט צו זיך אַהיים און האָט פון דער שוועל אויף זיך אַ בליק געטון אין שפּיגל איז ער אויף אַ היפּשער ווײַלע נבהל ונשתומם געוואָרן: הזאת נעמי? ווי אַ מענטש קען עס פאַרענדערט ווערן פאַר געציילטע עטלעכע טעג, — ממש אומ-גלויבלעך! און כאָטש ער איז געווען טויט-הונגעריק און טויט-מיד און איינ-געטונקען אין דעם שטענדיקן גאַסן-שמוץ, דאָך האָט ער זיך נישט גענומען אַרומוואַשן און נישט עסן און האָט זיך נישט צוגעלייגט אויסגלייכן די צעבראָכענע ביינער, נאָר ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויפן ערשטן בענקל, וואָס איז אים געשטאַנען „צו דער האַנט" און האָט אַן אַנטשלאָסענער אויפגעהויבן דאָס טרייבל און אַרויסגערופן סאַראַ לייבאָוונאַ, די נייע סטו-דענטקע אין זיין טעכניקום, יענע האָט נאָר באַוויזן אַרויסצוברענגען:

— „האַ, ס'איז איר? הענגט אויף דאָס טרייבל, באַלד וועל איך אַליין אייך אָנקלינגען".

אברהמל האָט זייער גוט געוווּסט דעם טעם פון דעם: „כ'וועל אַליין אָנקלינגען". די נייע סטודענטקע האָט אים געגעבן דעם טעלעפאָן פון איר אַרבעט, פאַסט איר נישט פון דאָרט מיט אים צו רעדן. אַ מידער האָט ער אָנגעשפּאַרט דעם הייסן שטערן אויף דער האַנט און האָט געדולדיק געוואַרט אויף איר קלונג. אין מה האָט זיך געוויקלט בלויז איין און איינ-ציקער געדאַנק און איין און איינציקער פאַרלאַנג פון זיך אַליין: נאָר נישט אָפּשטעלן זיך אין מיטן וועג! נאָר נישט דרייען מיט דער צונג! אַ באַשלוס דאַרף בלייבן אַ באַשלוס, אלא נישט איז ער דאָך אַ שמאַטע, מעג מען דאָך מיט אים וואַשן דעם פּאָל.

עס האָט אָנגעקלונגען דער טעלעפאָן. יאָ, סאַראַ. אַ שאַרפן פאַרוואָרף און טענות אויפן פּוד: סטייטש, זי האָט זיך אַרומגעדרייט איינע אַליין ווי

---

* אינערלעכער געראַנגל.

אַ „כ'וויים וואָס" און געוואָרט אויף אים אפשר אַ שעה צייט... זי וועט דאָס אים קיין מאָל נישט מוחל זיין...

ער האָט איר איבערגעריסן דעם שטראָם מיט טענות. איר פּרעטענזיע־טאָן האָט אים צערייצט און גערופן צו זיין מיט איר גראָב און ברוטאַל, כאָטש דאָס איז געווען קעגן זיין געוווינהייט:

— הערט אוים, סאַראַ לייבאָוונאַ, איר האָט דאָך מיך אפילו נישט געפרעגט אויף דער סיבה פון מיין נישט קומען צו דער באַשטימטער צייט, נאָר גלייך צוגעטראָטן מיט טענות, הלמאי איר האָט אָפּגעוואַרט אַ גאַנצע שעה. וועל איך אייך אומקערן אייער שאָדן כפל כפלים. וויפל באַקומט איר דאָרט פאַר אַ שעה?

— איר זענט אַ פאָדליעץ, אַן אויסוואָרף!

— איז אייער גליק, וואָס איר האָט דאָס אַנטדעקט ביי צייטנס — און ער האָט מיט אַ לייכטער האַרץ אויפגעהאַנגען דאָס טרייבל.

— ברוך־השם, איין קלימעק פטור געוואָרן!

ער האָט געלאָסן אָפּגעווישט דעם שוויים, וועלכער האָט אים באַשלאָגן, כאָטש אין צימער איז געווען גאַנץ קיל. ער האָט ווידער באַטראַכט אין שפּיגל זיין בלייך, צעקנייטשט פּנים פון די שלאָפלאָזע נעכט און האָט מיט אַ קרענקלעכער עקשנות פון דאָס ניי אויפגעהויבן דאָס טרייבל. דאָס מאָל האָט ער געהאַט פאַר זיך די פאַרמאַצעווטין בערטאַ, די נארישסטע פון זיינע באַגעגענישן. ער האָט ביי זיך פון דאָס ניי און נאָך מיט מער עקשנות באַשלאָסן צו זיין גראָב אין זיינע „אָפּזאָגן", און איין מאָל איבער אַלע מאָל — נישט דערלאָזן צו קיין סצענעס. אָבער בערטאַ, די גוטע בערטאַ, האָט אים דאָס מאָל איינגעשפּאָרט אַ טרחה. דערקענענדיק זיין קול האָט זי אים אַן אַ „שלום־עליכם" גלייך געמאָלדן:

— אָן אַ גענוג־וואָגיקער סיבה פון אייער נישט קומען צו דער אָפּגעשמועסטער צייט, ליבער אַבראַמטשיק, זאָלט איר זיך אפילו אויף מיינע אויגן נישט ווייזן. איר הערט?

אברהמל, מיט אַ נישט־מאַסקירטער פרייד:

— האַלט איך אייך אין וואָרט, ליבע בערטאַ און זייט מיר געזונט און הוסט נישט!

נישט פיל קאָמפּליצירטער איז אויך צוגעגאַנגען מיט „זיין ליבלינג און זיין שאַץ", וועלכע איז אייגנטלעך נישט געווען: נישט זיין ליבלינג און נישט זיין שאַץ, נאָר אַ נארישע, קיקיון דיונה'דיקע פאַרטשעפעניש, וואָס בן לילה היה ובין לילה אבד. ווי נאָר ער האָט איר אויסגערעדט, אַז

ער איז נעכטן אין אָוונט דערפאַר נישט געקומען, ווייל ס'איז אַ סברא, אַז עמעצער האָט ערגעץ געהערט זאָגן, אַז עמעצער האָט זיי ערגעץ געזען צוזאַמען, אַזוי האָט ער דערהערט דורכן טעלעפאָן־טרייבל, ווי עס האָט איר אָנגעהויבן צו קלאַפּן אַ צאָן אין אַ צאָן. זי האָט אים זייער געדאַנקט פאַר זיין פאַרזיכטיקייט און האָט אים געבעטן רחמים, ווי מען בעט זיך ביי אַ גזלן, אַז ער זאָל זיך מער נישט דערוועגן צו פאַרפירן מיט איר אַ שמועס ערגעץ־ווו; אַז ער זאָל שוינען זי און איר רעפּוטאַציע; אַז ער זאָל האָבן מיטלייד מיט איר און מיט איר פאַמיליע...

דער וועג צו זיין ווילד־נאַרישן און ברודנעם נעכטן איז שוין געווען פאַרפאַנצערט. די רייען שטעכלדראָט אויפגעשטעלט. ער האָט דעם צוזאָג, וואָס ער האָט געגעבן דעם בר־מינן, זיך אַליין, געהאַלטן לכל פרטיו ודקדוקיו. איצט שטייט נאָך פאַר אים איין נסיון — וויערא...

אברהמל לאָזט טרויעריק אַראָפּ דעם קאָפּ. מיט וויעראַן איז אים שווער זיך צו שיידן. וויערא געהערט נישט צו די טוך־מיידלעך, וואָס היינט קען ער זיי און מאָרגן באַמערקט ער זיי אפילו נישט. וויעראַן האָט ער שטאַרק ליב און זי אים האָט אויך ליב און דערפאַר האָט ער נאָך קיין מאָל זיך צו איר גראָב נישט צוגערירט און איצט...

זיין האַנט האָט מעכאַניש אויפגעהויבן דאָס טרייבל און ער האָט אָנגענומען דעם נייטיקן נומער. אַ פאַרגליווערטער מיט אַן אומרואיק־קלאַפּנדיק האַרץ האָט ער זיך איינגעהערט אין די אויטאָמאַטישע איבער־חזרונגען פונעם טעלעפאָן־רוף — קיינער האָט דאָס טרייבל נישט אַראָפּ־גענומען. אַ גרויל איז אים דורכגעגאַנגען איבערן גאַנצן קערפּער:

— וואָס האָט געטראָפן מיט וויעראַן? פאַר וואָס איז זי נישטאָ אויף איר פּלאַץ?

מיט ציטערנדיקע פינגער האָט ער פון דאָס ניי אָנגענומען דעם גוט־באַקאַנטן נומער און האָט מיט אַן אַלץ־וואַקסנדיקער אומרואיקייט זיך איינגעהערט אין דעם פאַריתומטן גרילץ פון דעם וויטן טעלעפאָן־גלע־קעלע. אַ פאַרצווייפלטער האָט ער זיך אויפגעהויבן פונעם בענקל און דאָ איז זיין בליק צופעליק געפאַלן אויף זיין האַנטזייגערל און ער האָט אָפּגע־אָטעמט מיט דער פולער ברוסט: דער זייגער איז געווען האַלב פיר און זי עפנט ערשט די ביבליאָטעק פיר אַ זייגער —

טיילווייז אַ באַרואיקטער האָט ער געשפּאַנט איבערן צימער אַהין און צוריק און זיינע אויגן האָבן נישט אויפגעהערט צו זען פאַר זיך זיין שיין, טייער דבורה'לע אָדער וויערא שמוליעווונא, ווי אַלע פרעמדע מענטשן רופן זי.

דבורה פינינבערג איז — פונקט אַזוי גוט ווי ער אַליין, אבֿרהמל, — נישט געווען קיין גרויסשטאָטישע און האָט געהאַט אַ ווידערגעפֿיל צו די גרויסשטאָטישע איינוווינער, — אפֿילו צו די בעסערע פֿון זיי, — צו זייער איינגעבוירענער קאַלטבלוטיקייט און בכלל צו דעם גרויסשטאָטישן צווייפּנים׳דיקייט. זי איז געווען אַ גוטע נשמה, אַן ערלעכע און אַן אָפֿנ־האַרציקע און ווער עס האָט איר נישט געצאָלט מיט דער זעלבער מטבע, דעם האָט זי זיך באמת מער נישט צו באַגעגענען. דבורה׳ס פֿאָטער איז אַ מאָל געווען אַ שוחט אין שפּאָלע, — אַ שטעטל אויף דער אוקראַינע — היינט איז ער דאָרט אין סאָווכאָז מיט ווייב און קינדער און לייגט אַריין אַלע כּוחות אין דער ערד אַריין צוליב דעם ווייסטן שטיקל לחם־הקלוקל. דבורה׳ן, — אַזוי ווי זי איז שוין לאַנג פּאָליעריק, העכער ניינצן יאָר — האָט זיך איר קוים מיט צרות איינגעגעבן זיך אַרויסצורייסן פֿון די שטייפֿע אָרעמס פֿון דער סאָווכאָזנע ערד און זי איז מיט כּל מיני פּראָטעקציעס שבעולם אָנגעקומען לערנען אין מעדיצינישן אינסטיטוט. כּדי האָבן פֿון וואָס צו עקזיסטירן האָט זי זיך גענומען אַהיים האַנט־אַרבעט: וויקלען פֿאָדעם, פֿון פֿאַסמעס אויף גרויסע הילצערנע שפּולן. פֿון פֿיר אַ זייגער ביז זיבן האָט זי אַ פּאָסטן אין אַ ביבליאָטעק, וווּ זי איז איין און איינציקער מענטש. אַליין איז זי די אויפֿרוימערין, אַליין די שליסל־האַלטערין, אַליין די קאַרטאָטעטשיצע און אַליין די ביבליאָטעקאַרשע — אַלץ אַליין! און פֿון אָט די ביידע פֿאָסטנס ציט זי קוים־קוים אויף דער חיונה און לייגט אַריין די גאַנצע נשמה אירע אין די העפֿטן און אין די ביכער.

אבֿרהמל האָט זיך מיט איר צופֿעליק באַגעגנט ביי אַ באַקאַנטן און איז פֿונעם ערשטן בליק ממש צוגעזאָגטן געוואָרן צו איר. זי איז געווען אייגנאַרטיק שיין און חנעוודיק און איידל און דאָס גוטסקייט איז איר ממש געלעגן אויפֿן פּנים. ער איר איז אויך געפֿעלן געוואָרן און זיי האָבן זיך אָנגעהויבן צו באַגעגענען, טאָקע ביי איר אין ביבליאָטעק. ווייטער פֿון דער ביבליאָטעק — כּמעט אבֿרהמל האָט זיך געלייגט אין דער לענג און אין דער ברייט — האָט זי נישט געוואָלט מאַכן מיט אים קיין איין שריט. גוטע ברידער, וואָס על פּי רוב האָבן זיי נישט פֿיינט קיין רכילות׳ל און קיין לשון־הרע׳לע, האָבן איר שוין צוגעטראָגן בסוד סודות, וואָס פֿאַר אַן „אשה צנועה״ איר קאַוואַליער איז, האָט זי אים ווי ווייט מעגלעך געהאַלטן פֿון דער ווייטן. אים אין גאַנצן אָפּשטויסן האָט זי אויך נישט געוואָלט: ראשית איז ער איר געווען שטאַרק געפֿעלן, — און ווי אַזוי

קען אַזאַ בילד-שיינער בחור, ווי אברהמל איז געווען, נישט געפעלן ווערן? און דען נאָר מיטן אויסזען האָט ער געקענט געפעלן ווערן? און זיין יידישער חן? און זיין לעבעדיקייט, — שטענדיק „אָן אויפגעשטאַנענער אויף דער רעכטער זייט”, — איז דאָס איין מאָל אַוועק! והשנית האָט זי נישט אין גאַנצן געגלייבט אין די אַלע מינים באַרעדערייען פון די בייזע צונגען; מאַלע וואָס מענטשן האַלטן עמעצן אין מויל! והשלישית, — און דאָס איז געווען די הויפּט-סיבה פאַר וואָס זי האָט אים דערלויבט זי אַזוי אָפט צו באַגעגענען — וואָס זי האָט געגלייבט, אַז ער, מיט זיין גאַנצער געראָטנקייט, איז נאָך נישט קיין געשטעלטער מענטש און, אַז מען וועט אים נעמען אין די הענט אריין ווי עס דאַרף צו זיין, וועט ער ערשט ווערן גאָר, גאָר עפּעס אַנדערש...

איז דאָס אַזוי געגאַנגען:ביידע האָבן זיי זיך ליב געהאַט דאָס לעבן און ביידע האָבן זיך געהיט איינס פאַרן אַנדערן, ווי פאַר פייער. ער — אַז זי זאָל נישט געוואויר ווערן צו פיל וועגן זיינע חטאות-נעורים און זי — אַז זי זאָל זיך נישט פאַרגעסן, ווו זי האַלט מיט אים אין דער וועלט.

אברהמל איז אַרומגעגאַנגען איבערן צימער אויף און אַפּ, אויף און אַפּ און בלויז איין בייסיקע פראַגע האָט אים געפּיקט אין מוח:

— גוואַלד געשריגן, זייענדיק באַקאַנט מיט אַזאַ אוצר, ווי אָט דאָס שפּאָלער דבורהלע איז, ווי אַזוי האָט ער נאָך געקענט פאַרקערן מיט אַנדערע פרויען? ווי אַזוי האָט ער אפילו געקענט קוקן אויף עמעצן אַנדערש?

צוריק גערעדט, האַלט ער, פאַר נישט אויפן פלאַץ דאָס וואָרט „פאַר-קערן”. וואָס האָט ער מיט זיי אַזוי פאַרקערט? אַלע זיינע אינטריגעס צוזאַמענגענומען האָבן מער נישט די ווערט, ווי אַ שמעק-טאַבאַק; אַלץ לייכטער פלירט, קונדעסערייען. נישקשה — ער קען קוקן זיין דבורהן גלייך אין די אויגן. אָבער נישט איצט, נישט איצט, נישט איצט — איצט קען ער קיינעם נישט צולאָזן צו זיך און אפילו קיינעם נישט זען!

ער האָט פון דאָס ניי אָנגענומען דעם אַזוי באַליבטן טעלעפאָן-נומער און גלייך האָט ער דערהערט דבורהלעס אָנגענעם קול:

— די ביבליאָטעק אויפן נאָמען פון אָרדזשעניקידזע. ווער רעדט?

— ס׳איז איך, וויערא —

— האַ, איר? ברוך-הבא! איך האָב געמיינט, אַז איר האָט שוין פאַרלאָזט מאָסקווע —

— אַזוי לאַנג ווי דו ווינטסט דאָ, זיי זיכער, וועל איך אין ערגעץ נישט אַוועקקומען. דו ביסט אויף מיר שטאַרק בייז, וויעראַטשקאַ?

— עס הייבט זיך גאָר נישט אָן —

— און דערפאַר, וואָס איך האָב דיך געלאָזט וואַרטן און בין נישט געקומען?

— פכע! מאַלע וואָס ביי אַ מענטשן טרעפט זיך אַ מאָל, אַז ער קען נישט האַלטן זיין וואָרט. דאַרף מען דערפאַר זיין בייז אויף אים?

צו אברהמלס האַרצן האָט צוגעשלאָגן אַ הייסע כוואַליע. ער האָט ליידנשאַפטלעך אַריינגעשעפטשעט אין טרייבל אַריין:

— ביסט אַ גוטע נשמה, וויעריוק... איך האָב דיך נישט די ווערט...

— איז טאַקע נישט אַמבעסטן, ווי באַלד אַזוי... איר דאַרפט זיך באַמיען יאָ די ווערט צו זיין —

אברהמל האָט זיך פּלוצלינג דערמאָנט וועגן דער געהיימער מיסיע, וואָס ער האָט אויף זיך אַליין גענומען און ער האָט, זיך פאַרהיקענדיק, אַריינגעכאָרכלט אין פייכטן טרייבל אַריין:

— דבורהלע, דו ווייסט צוליב וואָס איך האָב דיר איצט אָנגעקלונגען?

— איך רעכן, אַז ס'איז נישט זייער שווער זיך פאַרצושטעלן —

— האָסטו גראָד אַ גרויסן טעות. דו ווייסט, זאָג איך דיר, בשום אופן ואופן נישט טרעפן —

— אויב אַזוי וועל איך אפילו נישט אָנהייבן. אָבער איר אַליין וועט דאָך מן הסתם זאָגן, צי איר ווילט מיר מאַכן אַ סיורפּריז?

אברהמל, מיט אַ פאַרדומפּן קול, ווי פון אַ קעלער אַרויס:

— ניין, איך וועל זאָגן. איך קען זיך איצט נישט דערלויבן צו מאַכן סיורפריזן. הער אויס, טייערע, מיר וועלן זיך מוזן היפּשע עטלעכע חדשים נישט זען פאַר די אויגן און אפילו נישט אָנהאַלטן קיין שום קאָנטאַקט איינער מיטן צווייטן, אָבער דערפאַר נאָך דעם —

דעם מיידלס שטימע האָט שטאַרק געציטערט. זי האָט געמוזט בלאָם ווערן דאָרטן ערגעץ אויף יענער זייט, וווהין דער קאַבעל האָט דערגרייכט.

זי האָט מיט אַ פאַרדעכטיק קול ווי ווייט מעגלעך רואיקער געפרעגט:

— אַזוי טיף זענט איר ערגעץ פאַרקראָכן?

אברהמל האָט מיט דער גאַנצער נשמה זיינער אַריינגעשריגן:

— ניין, ניין, דבורהלע! דיינע געדאַנקען גייען אויף אַ פאַלשן דרך. איך בין אין ערגעץ נישט פאַרקראָכן און וועל שוין מיט גאָטס הילף קיין מאָל נישט פאַרקריכן —

— נאָר וואָס דען?

— נאָר וואָס דען, דאָס קען איך דיר איצט נישט מסביר זיין. ווען מיר וועלן זיך ווידער זען —

— ווען?

— דאָס ווייס איך איצט נישט.

— איר פאָרט ערגעץ אַוועק פון מאָסקווע אויף די אָנגעזאָגטע עטלעכע חדשים?

— איך פאָר נישט אין ערגעץ —

און צוגעבנדיק מיט אַ טיפן זיפץ:

— ווען איך זאָל אפילו וועלן, האָב איך נישט וווהין צו פאָרן —

— איז אפשר קען מען אייך פאָרט זען פאַר אָט דעם גרויסן אורלויב?

— ניין טייערע. גלייב מיר, איך וויל דאָס פיל שטאַרקער פון דיר, אָבער איך טאָר זיך דאָס איצט נישט פאַרגינען —

וויערא, מיט אַ געמאַכט געלעכטערל:

— הייסט עס, איר זענט אַצינד „טאַבו"?

— מיר דאַכט, וויעראָטשקאַ, אַז דו האָסט עס אָנגערופן מיטן ריכטיקן נאָמען... איך בין איצט ווירקלעך „טאַבו" און נישט נאָר פאַר דיר, — אויך פאַר זיך אַליין! אָבער ווען דו וועסט מיך דערזען נאָך אָט דעם „טאַבו", וועסטו מיך נישט דערקענען... איך וועל דאַן זיין אין גאַנצן אַן אַנדערער, אין גאַנצן אַן אַנדערער...

— מאַמע מיינע, ווי אַזוי זשע וועל איך אייך דאַן דערקענען?

און מיט אַ געצוווּנגען שמייכעלע:

— אין אַזאַ פאַל מוזט איר מיר געבן אַ פּאַראָל —

— זיי זיכער, דבורה'קעלע מיינס, מיר'ן זיך שוין ווי ס'איז דער־קענען אָן אַ פּאַראָל... אין דעם זינען קענסטו זיך פולקאָם פאַרלאָזן אויף מיר... און דיך וויל איך בעטן איין זאַך: וואַרט אויף מיר... ווער נישט מיד וואַרטנדיק, האַ?

— איר קענט מיך דען פאַר אַזאַ שפּרינגערקע?

— טאַקע נישט! און טאַקע דערפאַר האָב איך דיך אַזוי ליב! נו, זיי געזונט —

— זייט אויך געזונט —

— און פאַרגעס מיך נישט, כ'בעט דיך —

— אַן אַנדער ברירה האָב איך?

אַן אויסגעשעפּטער און אַ דערשלאָגענער האָט אברהמל אויפגעהאַנגען דאָס טרייבל און האָט אַריינגעוואָרפן זיין שיינעם קאָפּ אין די דלאָניעס...

לאַנג איז ער אַזוי געזעסן אַ פאַרשטיינערטער און ער וואָלט אפשר נאָך לענגער געווען פאַרבליבן אין אַט דעם פאַרגליווערטן מצב, ווען נישט דאָס, וואָס ער האָט מיט אַ מאָל דערפילט, אַז ער איז נישט אַליין אין שטוב, אַז עמעצער אַ חוץ אים איז דאָ אין צימער. ער האָט לאַנגזאַם צעעפנט די מידע, נישט־געשלאָפענע אויגן און האָט דאָס מאָל אָן שרעק דערזען זיצן פונקט אַקעגן אים דעם „שבט מוסר" זיינעם. נישט מער, דאָס מאָל האָט דער „דעמאָן" זיינער אויף אים נישט געקוקט „ווי אַ וואָלף", נאָר פאַרקערט, מיט אַנטייל און מיט מיטגעפיל.

ווי נאָר יענער האָט באַמערקט, אַז ער האָט שוין געעפנט די אויגן, האָט ער זיך צו אים געווענדעט:

— נו, אברהמ'עלע, האָסטו שוין, הייסט עס, צעלאָזט דיינע פיר גענדזלעך אויף אַלע פיר זייטן — אַ גרויסן יישר־כח! נו, און איצטער וואָס?

אברהמל האָט מיט אַ מאָל דערפילט, ווי זיין גאַנצע מידקייט האָט זיך פון אים אָפּגעטון און ער איז פון דאָס ניי מונטער און פריש און שטאַרק אין זיין ניי־געבוירענעם ווילן. ער האָט זיך אָנגערופן מיט אַנט־שלאָסנקייט:

— און איצט וועל איך זיך באַמיען צו זיין אַזאַ ווי פנחסל עליו־השלום איז געווען... און פאַרנעמען זיין פּלאַץ ביי קאַלינינס שוועל —

דער „אייביקער בעל־יועץ" האָט אַרויפגעלייגט זיינע הענט אויף דעם בחורלס אַקסלען:

— דו מיש נאָר נישט אוים עיקר מיט טפל. צו זיין אַזאַ ווי פנחסל עליו־השלום איז געווען — דאָס איז אודאי גוט, אָבער צו פאַרברענגען די יאָרן און טעג אויף קאַלינינס שוועל — דאָס איז לאו דווקא! דו קוק נישט אַרוים אויף זייערע טובות און פאַרלאָז זיך וואָס ווייניקער אויף זייערע חסדים...

דער „רואה ואינו נראה" טוט אַ טיפן קרעכץ:

— ניין־ניין, זיי וועלן נישט טון קיין חסד מיט קיינעם, זיי זענען נישט פון אַזאַ טייג געקנעטן... מענטשנפרעסערס קענען נישט ווערן קיין גומלי־חסדים טובים... מי יתן יקר מזולל... וחסד לאומים חטאת... און זיי וועלן נישט טון אויך, — משוגע זענען זיי געוואָרן? היהפוך כושי עורו? און גלייב מיר, מן הסתם וועט דער אייבערשטער סוף־כל־סוף ווייזן אַ דרך אויך אָן זייערע טובות —

און דער אומגעבעטענער גאַסט איז ביי די דאָזיקע ווערטער נעלם געוואָרן פונעם חדר.

אברהמל האָט שטאַרק פאַרקוועטשט די אויגן, האָסטיק אַ רייב געטון זיין הויכן שטערן אַהין און צוריק, אַהין און צוריק, דאַן האָט ער מיט רויט-געוואָרענע אויגן זיך אומגעקוקט אויף אַלע זייטן און זיך געווענדעט מיט אַ שטומער פראַגע צו זיך אַליין:

— נו, וואָס הייבט מען איצט אָן צו טון?

און פלוצלינג האָט אים ערגעץ פון זיינע מסתרים אַ זעץ געטון אין מח:

— די עלטערן, די היים!

ער האָט פונעם שופלאָד אַרויסגעצויגן אַ בויגן פאַפיר, מיט ציטערנ־דיקע פינגער האָט ער איינגעטונקען די פעדער אין טינטער און מיט אַ מעכטיקער האַרצקלאַפעניש אָנגעהויבן צו שרייבן:

„טייערער פאָטער, האַרציקע עלטערן!

איך פאַל צו אייערע פיס און בעט אייך מחילה פאַר דעם גרויסן צער, וואָס איך האָב אייך פאַרשאַפט —

אַ שווערע פאַר טרערן האָבן אַראָפּגעריזלט איבער זיינע שיינע באַקן און האָבן זיך פאַרהאַלטן אין די געטאָקטע מוילווינקלען —

— —

...די ערשטע טרערן נאָך פיל יאָרן „לעבן אַ גוטן טאָג און לאַכן פון דער וועלט“...

לחם-משנה

אַ ייד פון אַ גאַנץ יאָר ווייסט גאָר מסתם נישט, וואָס אַזוינס מען מיינט דאָ מיט דעם אויסדרוק: „לחם־משנה". אין חומש, לחם־משנה, מיינט: אַ פאַרדאָפּלטע פּאָרציע „מן מן השמים", ווען די יידן האָבן אַרומגעוואַנדערט אין דער מדבר, אָבער דאָ ביי אונדז, אין טאָג־טעגלעכן לעבן, וואָס מיינט עס צו זאָגן?

ווייניק, זייער ווייניק יידן איז באַקענט אַט דער ספּעציפישער שולחן־ערוך אויסדרוק.

לחם הקלוקל, — וואָס דאָס הייסט אַזוינס, — ווייסט מען נעבעך זייער גוט. יעדער איינער אויף זיין אופן גיט אָפּ פּאַר אַט דעם פאַרשאָלטענעם לחם הקלוקל דאָס לעבן מיטן געזונט מיטן חיות מיט דער נשמה, און דעריבער איז דער דאָזיקער נאָמען ביי יעדן איינעם אויסגעקריצט אויפן האַרצן מיט בלוט —

און דעסט גלייכן פאַרשטייט מען זייער גוט דעם פירוש פון דעם פסוק: בזיעת אפיך תאכל לחם —

אויך די דאָזיקע באַגריפן זענען דעם היימישן עולם נישט פרעמד: לחם־צר, לחם־עוני, לחם־לחץ, לחם־בזיון —

לחם־שקר, לחם־כזבים, — פאַרשטייט גאַנץ קלאָר דער פשוטער ייד — הייסט אַזאַ שטיקל ברויט, וואָס מען האָט עס דעראָבערט דורך פאַלשקייטן, דורך אָפּנאַרן יענעם, דורך חניפה אָדער אָנרעדן אויף יענעם —

לחם־שמים — פאַרשטייט דער ייד, — אַז חוץ דעם חומש־טייטש קען דאָס אויך מיינען: לופט־פרנסות, זיך מאַכן אַ פרנסה פון גאָרנישט טון, פון קוקן „ווי פייגעלעך פליען" —

לחם־אנשים — אַ מענטשלעך שטיקל ברויט —

לחם־הפנים — חוץ די בית־המקדש־ברייטלעך — מיינט: אַ שטיקל ברויט, וואָס דער אופן ווי אַזוי מען פאַרדינט עס האָט אַ פנים און האָט אַ חן. לחם־הפנים — וואָס מען קען דערנאָך יענעם קוקן גלייך אין פנים אַריין, — ישר יחזו פנימו! — וואָס מען דאַרף דערנאָך נישט אַראָפּלאָזן די אויגן פאַר לייטן אוים בושה וכלימה —

לחם־התמיד — חוץ דעם חומש־באַגריף, מיינט ביי יידן אויך: אַ סטאַבילע פרנסה, אַ שטענדיקער און רואיקער און סאָלידער אופן פון פאַרדינען דאָס שטיקל ברויט —

אַט די אַלע שמות-התואר קען מען נאָך ווי ס'איז צעקייען און פּאַרדייען, אָבער — לחם-משנה מאי קא משמע לן? וואָס מיינט דאָ דער פּסוק?

און אַז דער לייענער וועט נאָך געוויר ווערן, אַז לחם-משנה איז אַ שבת-יומטובדיקער הידור, דאָס מיינט, אַז אין די דאָזיקע נשמה-יתרהדיקע טעג זאָל מען מאַכן די „המוציא" דווקא אויף צוויי שלמות, נישט אויף איינער און אַז ס'האָט זיך אַ מאָל געמאַכט, אַז אָט דער אומשולדיקער הידור האָט געבראַכט צו אַ סך הייסע, שרפנדיקע קינדער-טרערן, וועט שוין דער לייענער זיכער טראַכטן ביי זיך: ווייס איך וואָס, אַ פּזמון, אַ באָבע-מעשה —

אָבער אַז דאָ וועט ביי צייטנס צוגעגעבן ווערן, אַז דאָס איז פּאַר-געקומען אין סאָוויעט-רוסלאַנד, אין מיטל-אַזיע, אין דער שטאָט סאַמאַר-קאַנד, אין אָנהייב 1943, ווען דער דייטשער אָקופּאַנט האָט אַרומגעכאַפּט די מערב-געביטן פונעם ראַטנפאַרבאַנד, ווי מיט אייזערנע צוואַנגען, אָבער גלייכצייטיק האָט ער שוין אָנגעהויבן צו כאַפּן די ערשטע קלעפּ: הינטער סטאַלינגראַד, הינטער וואָראָניעזש, די מפּלה אויפן מאָסקווער פראָנט און אין אַנדערע שטעט, דאַן וועט דעם לייענער ווערן ווייניקער קשה די דאָזיקע מעשה און ער וועט שוין זאָגן אַ ביסל געלאַסענער:

— ניין-ניין, מען דאַרף נישט זיין קיין נכנס לתוך דברי חברו און אודאי און אודאי דאַרף מען אין דעם פאַל נישט מקדים זיין נעשה לנשמע, — מאַלע וואָס דאָרטן האָט זיך געקענט טרעפן! פריער דאַרף מען אויסהערן פונעם אָנהייב ביזן סוף און ערשט דערנאָך אַרויסטראָגן אַ פּסק: אַ באָבע-מעשה, צי נישט קיין באָבע-מעשה —

— —

שמואל טייטלבוים איז אַ פּוילישער ייד אין די שפּעטע דרייסיקער. געבוירן איז ער פון לאַנצוט. ביז זעכצן-זיבעצן יאָר האָט ער געלערנט אין די ישיבות: אין וואַרשע, אין קראָקע. געפאָרן מיטן פאָטער צו „אים", זאָל לעבן, קיין אַלעקסאַנדער. דערנאָך האָט אים דער פאָטער צוגענומען אין געשעפט אַריין. דער פאָטער האָט געהאַט אַ גרויסע פאַרבעריי, ער פלעגט באַקומען באַשטעלונגען פון דער גאַנצער סביבה, פון פּשעמישל און אפילו פון לעמבערג, האָט אים דער בחור צוגעהאָלפן פירן די חשבונות, אַ מאָל האָט ער דעם פאָטער איינגעשפּאַרט אַ נסיעה ערגעץ...

... אַלץ מלאכות נקיות וקלות, כהלכות גוברין יהודאין —

שפּעטער מיט אַ יאָר פינף האָט ער חתונה געהאַט קיין לאָדזש און

איז גליך אַריינגעטראָטן פאַר אַ שותף צום שווער אין געשעפט אַריין. דער שווער האָט געהאַט אַ פאַבריקל פון דאַמען־שיך, איז שמואליק גלייך פון אונטער דער חופה געוואָרן אַ פאַבריקאַנט. אמת, קיין נגיד, קיין עושר איז ער קיין מאָל נישט געוואָרן, — שוין נישט די צייטן געווען, אָבער אַ פעסטער פאַרפונדעוועטער בעל־הבית איז ער יאָ געווען. זיין בתיה־רחל, אַ בריה אַ ווייבל נאָך פון דער מאַמעס שטוב אַרויס, האָט זייער שיין געפירט דאָס באַלעבאַטישקייט. טאָמער איז געקומען צו אַ נדבה, האָט מען זיך אויסגעפיינט אויפן שענסטן שטייגער, ווי זיי וואָלטן געווען פון די אָנגעזעענסטע גבירים אין שטאָט; טאָמער האָט דער שמש אַ זאָג געטון, אַז ס'איז דאָ אַ פאָר אורחים, האָט שמואליק גענומען אַן אורח און בתיה־רחל האָט אים כסדר דערלאַנגט פונעם שענסטן און פונעם בעסטן, ווי אויף אַ חתונה; אַז די יינגלעך זייערע זענען אונטערגעוואַקסן און מען האָט זיי געדאַרפט אָפּגעבן אין חדר אַריין, האָט מען זיך נישט געקאַרגט אויף שכר־לימוד און אַריינגעגעבן די קינדער צו די בעסטע און שענסטע מלמדים. אין דער הוצאה ביי זיך אין שטוב איז בתיה־רחל, נישט געווען חלילה קיין פאַטשעריין, זי איז געווען אַן אשת־חיל מיטן פולן מויל און האָט גאַנץ גוט געוווּסט דעם פרייז פון אַ זלאָטע און ווי נישט גוט ס'איז, ווען עס קומט אונטער — אל תפתח פה לשטן — אַ שוואַרצער טאָג און זי איז נישטאָ במזומן און מען דאַרף זיך בייגן אין דרייען פאַר פרעמדע מענטשן, אַז זיי זאָלן אויסלייען עד שירחיב, אָבער צוריקגעשמועסט איז געווען איר כלל אין לעבן, אַז קמצנות איז חוץ אכזריות צו זיך אַליין, אויך דער גרעסטער שטות, וואָס אַ מענטש קען באַגיין, ווייל אַ מענטש לעבט אויף דער וועלט נאָר איין מאָל; ווייל אַלץ קען מען מיט גאָטס הילף צוריק דעראָבערן חוץ — דעם נעכטיקן טאָג! מה שעבר — אין. קוים האָסטו אָפּגעלעבט ווי אַ הונט, ווי אַ בעטלער — איז דאָס אַ פאַרפאַלענע זאַך! איז דאָס אַ מעוות לא יוכל לתקון און דעריבער דאַרף מען האַלטן קאָפּ און וויסן ווו מען איז אין דער וועלט —

שיין, זייער שיין און בכבודיק האָבן זיך געלעבט די יונגע און שיינע און פיינע טויטלבוימס, סיי כלפי פנים, סיי כלפי חוץ. עלטערן, אויס־געבנדיק זייערע קינדער, האָבן באַגלייטנדיק זיי אין זייער נייער היים, זיי נאָכגעווונטשן: ישימכם אלקים כשמואל וכבתיה־רחל —

אַז היטלער האָט אַריינגערוקט זיין רוצחישן שטיוול קיין פוילן, איז שמואליק — דער מאַנצביל אין שטוב, וואָס די גרעסטע סכנה איז בלויז פאַר אים — אַנטלאָפן אין די סאָוויעטישע געגנטן און זיין פרוי

מיט די פּאָר קינדער האָט זיך נאָך „אויף אַ שטיקל צייט״ פאַרהאַלטן מיט אירע עלטערן.

מער האָבן זיי זיך שוין נישט געזען קיין מאָל —

בתיה־רחל מיט אירע קינדער און מיט אירע עלטערן זענען אַריין אין געטאָ, פון דאָרט זענען זיי אַוועקגעשיקט געוואָרן קיין אוישוויץ און פון דאָרט... נו, פון דאָרט, ווי באַוווּסט, האָט שוין געפירט נאָר איין מאַרשרוט — גלייך מיט אַלע יידן —

שמואל, — גלייך ווי ער האָט געפאָלגט בתיה־רחל׳ס באַפעל: כלי־גולה עשה לך! — האָט אַ שטיק צייט זיך געוואַלגערט אין לוצק, דערנאָך אין טאַרנאָפּאָל, ער איז אַלץ געווען אַ פּוסח על שתי הסעיפים: פאָרן צוריק צו זיינע ווייב און קינדער, אָדער זיך פאַרפעסטיקן אין דער „זאַפּאַדנע אוקראַינע״ און אַרויסנעמען די פאַמיליע צו זיך.

...און צום סוף איז ער צוזאַמען מיט אַלע פון זיין גלייכן מיט גרויס פאַראַד פאַרשיקט געוואָרן אויף סיביר, אין יאַקוטסקי אַ.ס.ס.ר.

נאָך דעם אָפּמאַך מיט שיקאָרסקין און דער אַלגעמיינער אַמנעסטיע האָט ער, אַן עלנטער און אָרעם ווי דער טויט, זיך מיטגעכאַפּט מיט אַן עשאַלאָן, וואָס איז געגאַנגען קיין אוזבעקיסטאַן. ווער ס׳איז אַראָפּגעגאַנגען אין טאַשקענט, ווער אין בוכאַרא, ווער אין פערגאַנאַ, — זיינע שכנים אין וואַגאָן זענען אויסגעשטיגן אין סאַמאַרקאַנד. און אַזוי ווי אים איז געווען לחלוטין אַלץ איינס וווּ אויסצושטייגן, איז ער אויך אַראָפּגעגאַנגען פונעם צוג אין דער געוועזענער רעזידענץ פון אוזבעקיסטאַן — סאַמאַרקאַנד.

ס׳איז געשטאַנען דאָס שרעקלעכע און גרוילנדיקע יאָר — 1943, אָנהייב יאָר —

דאָס אומגעהייער־גרויסע לאַנד — רוסלאַנד איז אַ צעטראָטנס אָפּ־געגאַנגען מיט בלוט. די ריזיקע דייטשע מיליטערישע חיה האָט „אויס־געמאָטעט״ די לעצטע כוחות פון דער באַפאַלענער מדינה. אין גאַס האָט מען כמעט נישט געזען קיין מאַנצביל אונטער די פופציק — אַלץ איז געווען אויף די פראָנטן. סיי די צוגן, סיי די וואָקזאַלן, סיי די פאַרשידענע אַמטן — אַלץ אָדער כמעט אַלץ — איז אָנפאַרטרויט געוואָרן דער פרוי! די פרוי איז געווען די סאָלדאַטקע אין טיל. דער הונגער איז געהאַנגען אונטער די מיטל־אַזיע־הימלען ווי דער חרב־המתהפכת. מענטשן זענען געפאַלן ווי שטרוי, ווי די בלעטער אין טיפן האַרבסט. און געפאַלן איז מען איבער פאַרשידענע סיבות: פון מאַליאַריע, פון טיפוס, פון דעזענטעריע,

פון אַן אוזבעקיש מעסער, פון שטעקנס איבערן קאָפּ, פון אַנגערייצטע הינט דורך די „ברייטהאַרציקע" בעלי־בתים, אָבער דער עיקר פּאַלעניש איז געווען פון הונגער, איבער אַ סוכערל, איבער אַ ברוקווע, איבער אַ שאָלעכץ פון אַ קאַרטאָפל —

די טויזנטער יידיש־פּוילישע אונטערטאַנען, וואָס האָבן זיך אַ שאָט געטון פון די קאַלטע מקומות אין די וואַרעמע, בליענדיקע געגנטן האָבן די נישט־מונדירירטע זעלנערקעס מקבל־פּנים געווען מיט בלוטיקער שנאה און מיט נישט צווייטייטיקע דראָונגען:

— זשידאָווסקע פּאַניטשעס, פּאַרט ווייטער, קיין אָדעס, קיין בער־דיטשעוו, צו היטלערן אין פּיסק אַריין, דאָרטן קוקט מען אַרויס אויף אייך, נישט דאָ. מיר אַליין האָבן נישט וואָס צו עסן, זענט איר נאָך אויך געקומען אויף אונדזער קאָפּ? סאַראַנטשאַ, נמאס'ע קעסטקינדער, בלוט־זויגערס! אַלץ איינס וועלן מיר אייך דאָ אויסקוילן ווי די באַראַנעס און אייער אומריין פליישׁ וואַרפן פאַר די הינט —

און ביי אָט די רעשטלעך פון די באַנדיטישע ווייסגוואַרדייער און גיפטיקע, בלוטדאַרשטיקע אַזיאַטן איז געווען אומר ועושה —

די סאָוויעטן־מאַכט, וועלכע וואָלט זיך אפשר געווען איינגעשטעלט פאַר אירע פּוילישע „געסט", איז דאַמאָלסט כמעט קיין שום מאַכט נישט געווען — בימים ההם אין מלך בישראל, איש הישר בעיניו יעשה — דאָס לאַנד איז געווען אַרומגעכאַפּט מיט פלאַמען מן הקצה אל הקצה: מאָסקווע איז געווען איינגעקלאַמערט אין דעם שונא'ס צוואַנג־העמדל ביזן האַלדז; לענינגראַד האָט געברענט; דער אייזערבידזשאַנער נאַפט, — דער דופק פון דעם גאַנצן מיליטערישן אָרגאַניזם — איז געהאַנגען אויף משקולת; די ווייטע גרוזיע איז געוואָרן דער פּאַרפּאַסטן פון דעם לעת־עתה נאָך סאָוויעטישן טייל לאַנד; אוקראַינע, ווייסרוסלאַנד, קרים, די באַלטישע לענדער, — אַלץ האָט געטראָגן פרוכטן דעם אָקופּאַנט; דער לעגענדאַרער „צווייטער פראָנט" איז געווען אַ ליידיק וואָרט...

שמואליק טייטלבוים איז אַרויס אויף סאַמאַרקאַנדער וואָקזאַל־פּלאַץ און איז שטיין געבליבן כאניה בלב ים — וווהין טוט מען זיך אַהין? ער האָט זיך אַליין אָנגעקוקט אין שפּיגל פון די טויזנטער און טויזנטער „בעזשענצעס", וועלכע האָבן, ווי אַן ערב־פּסחדיק געווימער פאַרפּלייצט די שטאָט און האָט זיך ווידער געפרעגט: אנה אני בא? כאָטש ער איז געווען אַרומגערינגלט מיט מאַסן מענטשן און בפירוש יידן און דווקא פּוילישע יידן, פון דעסט וועגן האָט ער זיך געפילט אַזוי ווי נח, ווען ער

איז נאָכן מבול אַרויס אויף דער יבשה — צו וואָס זאָל ער זיך נעמען און פון וואָס זאָל ער אָנהייבן צו בויען די נייע וועלט?

אָבער אין האַרצן האָט ער זיך געטראַכט:

— וואָס פאַר אַ דמיון איז צווישן מיר און צווישן נח'ן? נח האָט געהאַט אונטער זיין ממשלה די גאַנצע וועלט און איך האָב אפילו נישט, ווו דעם קאָפּ אָנצושפּאַרן; נח האָט געהאַט מיט זיך זיין ווייב און קינדער און איך האָב מיין ווייב און קינדער ביי היטלערן אין די לאַפּעס און ווער ווייסט עס, צי איך האָב זיי נאָך? מיט נח'ן האָט גערעדט גאָט און פון מיר און פון מיין פאָלק האָט גאָט אָפּגעווענדעט זיין פנים און וויל זיך אויף אונדז אפילו נישט אומקוקן...

...הסתרה בתוך הסתרה...

נאָך דריי טעג אַרומשליאָיען זיך איבער דער שרפענדיקער שטאָט, זיך דערנערן מיט דיניע־שאָלעכץ און אַרבוז־שאָלעכץ, וואָס ער האָט מיט גרויס הכנעה און מיט פיל תחנונים פאַר די אדוני־הארץ צונויפגעקליבן אונטער די „הארבאס" און סטאָיקעס, און פאַרטרינקען מיט ווערעמדיקער וואַסער פונעם „אַריק", ווו־הין די אוזבעקן האָבן געשפּיגן און געכראַקעט, האָט אים אַ כאַפּ געטאָן די מאַליאַריע און די מיליץ האָט אים אַ חלשנדיקן אויפגעהויבן אין מיטן גאַס צוזאַמען מיט נאָך הונדערטער אַזעלכע, ווי ער.

אין שפּיטאָל האָט מען נאָך דריי וואָכן צייט אויסגעפונען, אַז דער פוילישער בירגער טייטלבוים קען שוין שטיין אויף די פיס און ווי באַלד אַזוי פאַלט ער שוין מער נישט אַרונטער אונטער דער אַפּוטרופּסות פון דעם מעדיצינישן אַמט —

און ווידער האָט זיך שמואליק אַרומגעוואַלגערט אויף דער גאַס, הפקר ווי אַ הונט —

אַ שיירא פוילישע מענער און פרויען האָבן זיך געלאָזט רעגיסטרירן אין אַ וויטן כלאָפּקאָווע קאָלכאָז, אַזש ערגעץ הינטער קאַטאַ־קורגאַן, האָט ער זיך אויך פאַררעגיסטרירט און איז אויך מיט זיי געפאָרן. אין צען טעג אַרום, אַז דער גאַנצער עולם האָט איינגעזען, אַז דאָס איז קיצור־ימים, נישט קיין קאָלכאָז; אַרבעטן הייסט מען זעכצן שעה אין מעת־לעת און עסן גיט מען קדחת און אויב עס וועט אַזוי גיין, וועט מען איינס און צוויי אויסציען די פיס און דעריבער מוז מען ביי צייטנס מאַכן די פליטה פון דאָרטן — איז ער גלייך מיט אַלע געקומען צו לויפן צוריק קיין סאַמאַרקאַנד.

וואָס טוט מען ווייטער? האָט ער זיך אַ לאָז געטון איבער די מערק

פון דער אַלטער שטאָט, ער האָט געהערט זאָגן, אַז מענטשן דערהאַלטן זיך ווי ס'איז די נשמה פון די „פאַרזוכעכטסן", וועט ער אויך פּרובירן —

לכתחילה פאַרזוכן דעם מאכל וועלכן מען גייט קויפן — און עס פאַרשטייט זיך, אַז אומזיסט — דאָס איז אפילו איינגעפירט אויף דער אייראָפּעאישער אוקראַינע. אין די אָפּגעשטאַנענע לענדער פון מיטל־אַזיע איז דאָס שיער נישט אַ טראַדיציע. קויפט מען „קאַטעק", — אַזאַ ביליקער סאָרט קעז, — וועט די אוזבעטשקע אייך אומבאַדינגט אויסשטרעקן אַ „פינגער" מיט קאַטעק; קויפט מען „קישמיש" — אַ בעסערער סאָרט ראָזשינקעס — וועט זי אייך אומבאַדינגט דערלאַנגען אַ זשמענקעלע קישמיש. און אַזוי כמעט פון יעדן פּראָדוקט, וועלכן מען קען פאַרזוכן כמו שהוא און פילן אין אים אַ טעם.

האָבן די געיאָגטע און געפּלאָגטע פּוילישע פּליטים זיך מיישב געווען: מען גיט פאַרזוכן און דערנאָך ערשט האָט מען אַ ברירה נישט צו קויפן? גם זו לטובה! און מען איז אַוועק איבער אַלע מערק און מערקלעך זיך מאַכן אַ חיונה פון אַט די ברייטהאַרציקע פאַרזוכעכטסן. די דורכגעטריבענע אוזבעקן און אוזבעטשקעס איז אָבער שווער געווען „צו נעמען אין זאַק אַריין". זיי האָבן געהאַט דעם חוש־הריח פון די שאַקאַלן און דעם חוש־הראיה פון די סאָוועס. זיי האָבן כהרף־עין תופס געווען דעם קונץ פון די „פאַניטשעס" און האָבן זיך באַוואָפנט מיט גראָבע שטעקנס. טאָמער האָט זיך צו דער שטעל דערנענטערט אַזאַ איינער, וואָס ס'איז אויף אים געפאַלן אַ חשד, אַז ער מיינט בלויז „פאַרזוכן", איז ווי דורך אַ אָן־דראָטיקן טעלעפאָן איבערגעגעבן געוואָרן לענגאויס די שטעלן: די סאַראַנטשאַ איז שוין דאָ! און אויף דעם אומגליקלעכן „פאַרזוכער" האָט אַ האָגל געטון מיט שטעקנס און מיט שטיינער, אַז ער האָט שוין קוים באַוויזן זיך אָפּצוטראָגן אַ לעבעדיקער.

קיין מוראה של מלכות איז כלל נישט געווען — איש כל הישר בעיניו יעשה —

גאַנצע צוויי טעג האָט שמואליק אָפּגעלעבט פון אַט די לייכטע: „דאַי פּאָקושאַט", — געב צו פאַרזוכן. אמת, פון דער דאָזיקער פייגל־חיונה — דאָ אַ לעק, דאָרט אַ שמעק — האָט מען קיין בעל־בשר נישט געקענט ווערן און האָבן די זיכערקייט, אַז „ביי נאַכט וועלן זיך נישט חלומען קיין ציגיינער" אויך נישט. אָבער מען האָט זיך ווי ס'איז געקענט האַלטן אויף די פיס.

ויהי ביום השלישי, ווי נאָר שמואליק האָט פאַרזוכט דאָס, וואָס מען

האָט אים דאָרט געגעבן צו פאַרזוכן און ער האָט געמאַכט אַ קרומע מינע, אַזוי ווי עס האָט געטויגט צום „מסחר" און האָט זיך כלומרשט אַ נאָכ־דענקענדיקער — יאָ קויפן, צי נישט קויפן? — געלאָזט אַוועקגיין פון דער שטעל, אַזוי האָט אים גלייך אַרומגערינגלט אַ באַנדע אוזבעקישע רוצחים מיט גראָבקעפּלדיקע שטעקנס:

— העי, זשידעק, פאַר וואָס האָסטו נישט געקויפט דעם אינזשיר, — נישט־געטרוקנטע פייגן — וואָס דו האָסט ערשט פאַרזוכט?

שמואליק, אַ טויט־געוואָרענער:

— ווייל ער איז מיר נישט געפעלן —

— מיט וואָס איז ער דיר נישט געפעלן געוואָרן?

— ער איז אַ ביסל זויערלעך —

— אָבער ווען ער איז גענוג זיס וואָלסטו, הייסט עס, יאָ געוווען געקויפט?

שמואליק האָט קוים כח געהאַט אַרויסצושעפּטשען:

— ס'פאַרשטייט זיך —

— ווייז אונדז דאָס געלט מיט וועלכן דו וואָלסט געווען געקויפט —

— וואָס זענט איר מיליציאָנערן, וואָס איך מוז אייך ווייזן מיין געלט?

— טאָמער ווייזסטו שוין נישט דיין געלט, פּוילישער הונט דו, טאָ געזעגן זיך שוין מיטן לעבן!

שמואליק האָט נישט געזען פאַר זיך קיין איין יידיש פּנים, נאָר אינסטינקטיוו האָט ער אַ געשריי געטון מיט אַלע זיינע כוחות:

— יידן, ראַטעוועט!

און גלייך איז געקומען דער ערשטער טשמעל אין דער באַק און גלייכצייטיק אַ טראַך אין נאַקן מיט עפּעס אַ שווערן חפץ און דאַן —

און מער האָט שוין שמואליק נישט געפילט —

געקומען צו זיך איז ער ערשט אויף צו מאָרגנס און דערזען האָט ער, אַז ער ליגט אויף אַ וואַטענער פּופּאַיקע און איז איינגעדעקט אויך מיט אַזאַ פּופּאַיקע און לעבן אים אויפן ערדענעם פאַל שטייט אַ שיסעלע מיט וואַסער און עס ליגט אַ שטיקל צוגעטרוקנטע דיניע. דער צימער איז געווען אַ שמאָלער און זייער אַ לאַנגער, כמו ווי עפּעס אַ מין ברייטער קאָרידאָר. לענגאויס דעם דאָזיקן קאָרידאָר־צימער זענען געווען צעשפּרייט אַוועלכע צען אַזעלכע געלעגערס, ווי זיינער. קיין לעבעדיקן נפש איז אין ערגעץ נישט געווען צו זען. לויט דער זון, וואָס האָט אַריינגעשיינט

דורך דעם לאָך וואָס אין דער וואַנט, האָט ער זיך משער געווען, אַז עס מוז זיין נאָך האַלבן טאָג. האָט ער נישט געוווּסט, צי איז נאָך איצט דער זעלבער טאָג פונעם אָנפאַל, צי ניין. אַלע אברים האָבן אומברחמנותדיק געשמערצט. ער האָט זיך נישט געקענט פאָרשטעלן, ווער עס האָט אים געבראַכט אַהער און וואָס פאַר אַ לאַזאַרעט איז עס דאָ. ער האָט אויסגענאָגט דאָס שטיקל צוגעלעגערטע דיניע, פאַרטרונקען מיט דער נישקשה־דיק־אָנגעוואַרעמטער וואַסער און איז פון דאָס ניי אַריינגעפאַלן אין אַ קרענקלעכער פאַרגעסעניש.

אויף צו מאָרגנס האָט ער שוין געוווּסט פון אַלע ניסים ונפלאות —

...די צערייצטע אוזבעקן וואָלטן אים געווען געשלאָגן ביז צו טויט, נאָר זיין האַרצרייסנדיקן געשריי האָט צופעליק דערהערט אַ רוסישער ייִד, אַן אינוואַליד מיט אַ מיליצע. ער איז אָנגעלאָפן אין דער ריכטיקער מינוט און האָט מיט זיין מיליצע פשוט אָנגעהויבן שפּאַלטן קעפּ. בלוט האָט זיך געגאָסן. די באַנדע איז זיך צעלאָפן. דעם אינוואַליד האָט מען אָפּגעפירט אויף דער מיליץ, אָבער אין עטלעכע שעה אַרום האָט מען אים ווידער געזען אין גאַס — אַ רוסישער ייִד איז דיר נישט קיין פּויליש לעמעלע! און אים, טייטלבוימען האָבן זיי, — פּוילישע „נשרפים", פּונקט אַזעלכע בר מזל׳ס ווי ער אַליין — געבראַכט צו זיך. „צו זיך" הייסט אַהער אין צימער, וועלכן זיי האָבן געדונגען בחברותא און אויב ער האָט חשק, טייטלבוים, קען ער אין אָט דעם פּלאַץ אויך ווערן אַ שטאָט־בעל־הבית. זיי זענען דאָ עלף „נאָטשליעזשניקעס" — וועט זיין צוועלף! פּונקט אַזוי פיל וויפל שבטים, איש אחד לשבט!

איז שמואליק געוואָרן אַ שלאָפער אין דעם אַזוי גערופענעם אינטערנאַט פון די צוועלף נשרפים.

די דאָזיקע צוועלף ייִדן, „איש אחד לשבט", עלטערע פון שמואליקן און ייִנגערע פון אים, זענען נישט געווען: נישט קיין חברותא, נישט קיין שותפים, נישט צומאָל קיין גרויסע חברים, דאָס איז נישט געווען קיין קאָמונע, נאָר אַ בשותפות׳דיקע אכסניא, וווּ יעדער איינער האָט אָפּגעצאָלט זיין חלק דירה־געלט און איז פאַר זיינע עטלעכע רובל אָפּגעשלאָפן די עטלעכע שעה און חוץ דעם זענען דאָס געווען פאַרשידנאַרטיקע מענטשן מיט פאַרשידנאַרטיקע אופנים פון זוכן זיך חיונה.

ווידער איז שמואליק געשטאַנען פנים אל פנים מיט דעם שרעקלעכן „בעל־תכלית":

— וואָס טוט מען? וואָס הייבט מען דאָ אָן צו טאָן?

פון גיין זוכן „מן” אויף די מערק האָט ער שוין נישט געקלערט, ער האָט אַזוי אויך געהאַט צו פאַרדאַנקען זיין לעבן אַ ריינעם צופאַל. ווען נישט דער אינוואַליד, אָדער ווען דער אינוואַליד איז חלילה אַ „טרוס”, וואָלט ער שוין לאַנג געלעגן מיטן בייליק אַרויף. אָבער עפּעס טאָן מוז מען דאָך פאָרט! ווו זשע גראָבט מען אוים אַט דעם „עפּעס”?

עמעצער האָט אים אונטערגעזאָגט אַ געדאַנק, ער זאָל זיך פּרווון צוטוליען צו די רוסישע יידן, וואָרעם דער רוסישער ייד — צי ער איז רייכער, צי אָרעמער — בתוך עמו הוא יושב! ער איז פאָרט ביי זיך אין דער היים! מיט זיין שפּראַך, מיט זיין קענען דאָס לעבן און וויסן אַלע המצאות און הינטער-וועגעלעך, ווי אַזוי פאַרשטעלן דער מלוכה די אויגן און הינטער אירע פּלייצעס מאַכן פּרנסה. טייטלבוים האָט זיך געוואָרפן פון איין סאָוויעטישן יידן צום צווייטן, אָבער ער איז גיך געוווּר געוואָרן, אַז די גאַנצע מסכת „סאָוויעטישע יידן” האָט די ווערט אַ זייפנבלאָז. ער קען דורך זיי קיין שום אָנשפּאַר נישט געפינען, ווייל זיי זענען אַליין געוווען אויף צרות. אמת, עס זענען געווען איינציקע, וואָס מען האָט אויף זיי געזאָגט, אַז זיי האָבן נאָך באַוויזן צו קומען אַהער מיט זייער גאַנצן האָב און גוטס און מען וואָלט זיך לעבן זיי געקענט „אָנוואָרעמען די הענט”, אָבער די דאָזיקע יחידים האָבן גאַנץ גוט געוווּסט, אַז זיי שטעלן מיט זיך פאַר אַאַזיסן אין אַט דעם ים פון לייד און פּיין און זיי האָבן זיך אַזוי קונציק פאַרבאַריקאַדירט, אַז ס'איז געווען אוממעגלעך צו זיי צוצוקומען. די איבעריקע ווידער זענען געווען איינגעטיילט לשתי מחנות: איז ער פאַר דער קריג געווען אַן אַרבעטער, האָט ער אפילו אין די גוטע יאָרן אויך געהונגערט, נישט נאָר איצט, אין אַזאַ שעת חירום; אלא וואָס דען, ער איז פאַר דער קריג יאָ געווען אַ שטיקל בעל-נכסים, אַ ייד מיט אַ קניפּל, איז אָדער די פאָר גראָשן זענען ביי אים געלעגן אין וועלכער ס'איז קראָם, וואָס אַנטלויפנדיק צו פוס פון זייערע היימען האָבן זיי דאָס איבער-געלאָזט ירושה דעם אוקראַינער גזלן, אָדער מען האָט געהאַלטן דאָס שטיקל פאַרמעגן אין אָבליגאַציעס, וועלכע מען האָט אין דער שעה, וואָס די קריג האָט אויסגעבראָכן, געמעגט אַרויסוואַרפן אויפן מיסט און זייערע באַלעבאַטים האָבן נישט געהאַט אפילו אויף קיין בילעט אין טראַמוויי. מיט איין וואָרט, שמואליק האָט זיך זייער גיך איבערצייגט, אַז ס'איז נישטאָ זיך וואָס צו פאַרלאָזן אויף חסדים און ער האָט זיך אַוועקגעלאָזט איבער דער שטאָט צו זוכן מער רעאַלע אופנים פון אונטערהאַלטן דאָס לעבן אין אַט דעם צעבושעוועטן ים פון עניות פון איין זייט און אכזריות פון דער צווייטער זייט —

אין „זאגאט-זיערנא" האט מען זיך געקענט אריינקוועטשן פאר אן אנלאדער. מען האט טאג-טעגלעך אנגעלאדן הונדערטער וואגאנען מיט פארשידענע תבואות און אנדערע פראדוקטן: פארן פראנט, פאר די בלאקירטע געביטן — האבן אויסגעפעלט ארבעטס-הענט. האט זיך שמואליק אריינגעדרייט. לכתחילה איז אים אפילו געווען א חידוש, וואס ביי אזא געפערלעכער ארבעטסלאזיקייט האבן אחינו בני־ישראל אין דער דאזיקער בראנזשע כמעט נישט אריינגעשטעקט קיין פוס. ווי ער האט זיך אבער א ביסל נעענטער באקענט מיט דער דאזיקער עבודה, זענען ביי אים גלייך אפגעפאלן אלע קושיות ואבעיות. ס'איז אים אין געציילטע עטלעכע טעג פארענטפערט געווארן פאר וואס „אנלאדענען" איז נישט קיין יידישע עבודה. אויסגעטרוקנטע פון די פארשידענערליי מאליאריעס, וועלכע האבן נישט דורכגעלאזט קיינעם, — גישטא קיין מיוחסים! — דארע און קווארע פון די שיינע פאטראוועס, וואס די יידישע נשרפים האבן אין זייערע היימען געהאט צו עסן, פלעגן זיי פאלן אונטער די זיבן־אכט פודיקע זעק ווי די פליגן אין הארבסט, ווי די אפגעטרוקנטע שישקעס פון די סאסנע-ביימער.

נאך פיר טעג „אנלאדענען" האט שמואליק — אונטער גיפטיקע שפאט-געלעכטערלעך פון די איבערגעפרעסענע אוזבעקן מיט די בראנענע אויגן און קעמלשע לעפצן — זיך צערעכנט מיט די נייע באלעבאטים און ווידער איז ער געווען פריי ווי א פייגעלע, כאטש צי זיך אוים אין מיטן גאס און שטארב —

יידן בני־רחמנים האבן אים אריינגעדרייט אין א וועבער-פאבריקל פאר א וויקלער. ער וועט דארפן איבערוויקלען פאדעם פון פאסמעס אויף שפולן און פון די שפולן אויף קליינע ציוקעלעך און דערצו וועט ער קענען א פאר שעה אין טאג זיך צולערנען די מלאכה אויף א וועבער-סטאנאק און מיט דער צייט ווערן א פאכמאן.

וועבעריי, איבערוויקלען פאסמעס — א מלאכה נקיה וקלה...

שמואליק האט געמוזט מודה זיין פאר זיך אליין, אז ער טויג שוין א פנים צו גארנישט. קינדער, ממש קינדער טויגן זיך אוים אי צום וויקלען פאדעם, אי צום „ווארפן מיטן טשעלנאק", און ער טויג נישט צו דער מלאכה. און וואס פאדערט זיך דען צו דער דאזיקער מלאכה? — גארנישט! כמעט גארנישט! א ביסל געדולד אויף אפצוזוכן דעם פארפאלן-געווארענעם עק, אויף „אריינצונעמען" די אפגעהאקטע פאדעם און א ביסל צו בייגן דעם רוקן, א שעה'ן אכט אדער צען אין טאג. מיט איין ווארט — שטותים

שבשטותים! און ער האָט אָט די שטותים נישט געקענט באַווייזן. איז ביי אים פאַרלוירן געגאַנגען אַן עק, האָט מען נאָך אָט דער פּאַסמע געמעגט אָפּזאָגן אַ רבנן־קדיש, ער האָט פון איר געמאַכט אַ „וויניקן עפּל" און האָט דעם עק טאַקע נישט אָפּגעזוכט. זיצנדיק אויפן „סטאַנאָק", טאָמער האָט זיך ביי אים איבערגעהאַקט אַ פאָדעם פון דער קאָנווע, איז איידער ער האָט צוגעקניפּט דעם איבערגעריסענעם פאָדעם, האָט ער איבער־געריסן אַנדערע צען, — בעריִשע הענט! פון פאַרדראָס אויף זיך אַליין פלעגט ער וויינען מיט טרערן, אָבער וואָס העלפן טרערן? נישט ער האָט שוין געהאַט געדולד צו אָט דער פּאָדעמדיקער אַרבעט, נישט ער האָט שוין געהאַט אַזעלכע פּלייצעס אויף צו זיצן אָנגעבויגן איבער דער וויקל־מאַשין טעג און נעכט — מען האָט אים אַרויסגעשטעלט פונעם צעך איבער זיין אומפּראָדוקטיוויקייט...

ער איז אַרוים אויף דער „טאָלקוטשקע". כאָטש ער האָט בטבע נישט געקענט פאַרטראָגן דעם הו־האַ, דעם משוגענעם געפּילדער, דעם ריח פון גניבה וגזילה פון אָט דעם אַזיאַטישן יאַריד, אָבער ביי לית ברירה... וואָס טוט נישט אַ מענטש ווען ער איז הונגעריק?

ביי אָט דעם שטיקל ברויט האָט ער זיך שוין געהאַלטן ביז דער „אויס־לייזונג". ער פלעגט אַרומגיין איבער די הייזער פון די יידישע פּליטים און ביי זיי אָפּקויפן אַלטע מלבושים, אַלט שוכוואַרג און אויך אַנדערע חפצים, אָבער דער עיקר האָט ער זיך ספּעציאַליזירט אויף מלבושים. די מלבושים פלעגט ער רעסטאַווירן: אויסוואַשן, איבערניצעווען און אָפט מאָל מאַכן פון איין מלבוש צוויי: דאָס אייבערשט באַזונדער אַ מלבוש און דער אונטערשלאַק אַ חוץ אַ מלבוש. ער האָט שוין געוווסט ווו עס ווינען נישט קיין טייערע וועשערינס און טאַנדייטניקעס, וועלכע מאַכן פונעם אַלטן מלבוש אַ לייט און דערנאָך פלעגט ער עס אַרומטראָגן אַריבערגעוואָרפן אויף אַ האַנט, דערציילן די קונים, אַז דאָס מלבוש איז כמעט ניי, בסך־הכל איין מאָל אָנגעטאָן געוואָרן —

חדשים זענען געלאָפן —

אין „לאַזאַרעט" זענען פון די צוועלף „נשרפים" געבליבן פיר... דער עולם האָט מער נישט געקענט פאַרטראָגן דאָס הינטישע לעבן פון ליגן אויף אַ צינאָווקע און זיך צודעקן מיט אַ פופאַיקע, דאָס עסן אַ זיסן בורעק ערב ובוקר וצהרים און מען איז זיך צעקראָכן ווער וווהין עס האָט געקענט. פיל פון זיי האָבן חתונה געהאַט. צוויי איז נישט איינער! אמת, מען האָט נאָך טיף אין האַרצן נישט געגלייבט, אַז „דאָרטן" איז שוין קיינער נישט

פאַרבליבן; אדרבה, יעדער איינער האָט געוואָרעמט אַ האָפענונג, אַז ווער — ווער, אָבער זיינע קרובים האָבן זיך געווים אויסבאַהאַלטן און ער וועט זיך נאָך מיט זיי באַגעגענען, אָבער נישט יעדער האָט געהאַט סבלנות זיך צו מאַטערן על חשבון העתיד. מענטשן האָבן ביז עפּעס וואָס חתונה געהאַט און געזוכט אַ שטיקל טרייסט אין שוים פונעם פאַמיליע־לעבן. אַ וועלט איז אונטערגעגאַנגען, — האָבן זיי זיך פאַרענטפערט פאַר זייערע פריינד — דאַרף מען אויפשטעלן אַן אַנדער וועלט! און חוץ דעם: וויפל קען מען זיך מאַטערן? איינער איז נישט קיינער. די דאָזיקע „מלחמה־פאַרפאַלקן" האָבן אין זייערע הייזלעך אויפגעשטעלט וויקלערייען; בריה'ס פּרויען זענען נישט אויף קיין קאַטאַוועס געוואָרן בעקערינס; אַנדערע האָבן זיך אויסגעלערנט צו מאַכן קאָנפעקטן, מאָנפּאַסיע; נאָך אַנדערע האָבן בגניבה געמאַכט זייף — יעדער איינער האָט זיך געראַטעוועט ווי אַזוי ער האָט געקענט.

נאָך אַנדערע, די וואָס זענען פון דער היים געווען בעלי־מלאכות, פאַכלייט, ווי למשל: בלעכערס, שוסטערס, פעלצנניירערס וכדומה, די זענען אַוועקגעגאַנגען צו די אוזבעקן — בעלי־מלאכות און האָבן זיך פאַר אַ נזיד־עדשים פאַרדונגען פאַר צוהעלפערס. נאָך אַנדערע, די וואָס האָבן זיך געהאַלטן באַזונדערס באַרופן צו דעם, די האָבן זיך מיט אַלע זייערע רמ"ח אברים אַריינגעוואָרפן אין די מערק, האַנדלען וואַנדלען —

שמואליק טייטלבוים — כאָטש ער האָט זיך שוין געהאַלטן ביי זיין מסחר מיט אַלטע בגדים און האָט שוין אפילו נישט געשמעקט צו עפּעס אַנדערש — אָבער קיין פיל נחת פון זיין משא ומתן האָט ער נישט געהאַט. אַזעלכע פאַרקויפערס פון „כמעט נייע בגדים" ווי ער און נאָך פיל גרעסערע בריות האָבן זיך געיאָוועט ווי מיסט. דער קונה, דער אוזבעק, איז געוואָרן פיל איינגעהאַלטענער. ער איז ביסלעכווייז געוויר געוואָרן פונעם סוד, אַז אָט די אויף די הענט אַרומגעטראָגענע מלבושים זענען נישט כמעט נייע, נאָר שטאַרק־אַלטע, וואָס מען האָט אויף זיי „אַרויפגעשלעפּט" אַ גלאַנץ, ווי דער שטיוול־פּוצער „רופט אַרויס" אַ גלאַנץ אויף אַן אָפּגעטראָגענער פּאָר כאַליוועס. דאָס דירה־געלט האָט שמואליקן איצט געקאָסט דריי מאָל אַזוי פיל, ווי פון אָנהייב, וואָס קלענער די חברה, אַלץ גרעסער דער חלק. דאָס לעבן איז געוואָרן מיט גאָלד גלייך. אַ בינטעלע האָלץ — כאָטש אויף ביי נאַכט זיך אַ ביסל אָנוואַרעמען די איבערגעפרוירענע ביינער — 70 רובל! אַ קילאָ זיסע בורעקלעך — 18 רובל! אַ קילאָ רעטעך — 25 רובל! אַ שיסעלע קאַטעק — 8 רובל. און ווו נעמט מען זיי אָט די פאַרכישופטע

רובלס, וואָס אָנקומען קומען זיי אָן מיט גרינע ווערעם און מיט לונג־פּוילעניש און מיט האַרצקלעמעניש און, אַז מען גייט מיט זיי אַרויס צו קויפן עפּעס אין מויל אַריין צעגייען זיי זיך, ווי זאַלץ אין וואַסער, ווי שניי קעגן דער ערב־פּסחדיקער זון...

פון קויפן זיך אַ שטיקל ברויט איז דאָך שוין אָפּגערעדט. אַ ברייטל פון אַ קילאָ קאָסט די גרוילנדיקע סומע פון 160 רובל, וואָס אין אַמעריקע וואָלט דאָס געהייסן: העכער דרייסיק דאָלאַר —

דאָס קניילעכל קלעפּיק ברויט, וואָס שמואליק — נאָכן אָפּשטייען געשוואָלענע שעהן און באַקומען אָפּגעשלאָגענע זייטן — פלעגט באַקומען אין מאַגאַזין אַלע אינדערפרי, פלעגט ער גלייך אויפעסן און דערנאָך דעם גאַנצן טאָג זיך דערקוויקן די נשמה מיט אַ ביסל קאַטעק, אַ ברויזן רעטעך, אָדער אַ שטיקל זיסן בורעק...

און אַזוי פון זונטיק ביז פרייטיק און אַזוי אויך שבת... אויף קיין בעסערע מאכלים האָט ער נישט פאַרמאָגט. אפילו אָט די בהמה'שע שפּייז איז אים שטענדיק אָנגעקומען מיט בלוט און מיט אייטער —

ווען שמואליק האָט צום ערשטן מאָל נותן לב געווען, אַז פרייטיק צו נאַכטס און שבת נאָכן דאַווענען זענען זיינע צימער־שכנים נישטאָ „אין דער היים", האָט זיך אין אים קיין מינדסטער חשד נישט דערוועקט — מאַלע, וואָס ביי מענטשן קען זיך טרעפן!

ווען ער האָט אָבער אָנגעהויבן צו באַמערקן, אַז דאָס נישט זיין שבת אין שטוב איז ביי זיי געוואָרן כמעט ווי אַ קביעות, האָט ער זיי געפרעגט. האָבן זיי זיך דווקא נישט געשעמט און האָבן אים „ווערואַזשנע" געזאָגט ווי די זאַך איז: זיי גייען אַוועק אין די מקומות־קדושים זיך צו עמעצן איינ־בעטן אויף אַ סעודה.

ווען עמעצער וואָלט עס אים דערציילט אויף זיינע חברים, וואָלט ער יענעם מן הסתם אָפּגעזידלט און „געמאַכט מיט דער בלאָטע גלייך", — אַזאַ שם־רע אַרויסלאָזן אויף יידן? אָבער: הודאת בעל־דין כמאה עדים דמי, — זיי זאָגן דאָך אַליין! האָט אים דורכגענומען אַ שוידער: אַזעלכע פיינע יונגעלייט, טאַטנס קינדער, געווען פאַרמעגלעכע בעלי־בתים, גוואַלד געשריגן, ס'איז דאָך אַ חרפה פאַר זיך אַליין!

שפּעטער מיט אַ וואָך, ווען שמואליק איז איינער אַליין געקומען פון קבלת־שבת און האָט זיך אַליין געזאָגט „אַ גוט שבת" און קידוש געמאַכט, ווי שטענדיק, אויפן נמאַסן ביסל זויערן קאַטעק און צוגעביסן אַ שטיקל געקאַכטן בורעק, האָט ער זיך אָנגערופן צו זיך אַליין:

— און דו אַליין, מיינסטו, וואָלסט נישט געדאַרפט טון אַזוי ווי דיינע חברים טוען? אויב נישט צוליב דער אייגענער קישקע, איז צוליב דיין בתיה־רחלען, צוליב די קינדערלעך... אַ מענטש קען דען לעבן בלויז פון קאַטעק מיט בורעקעס? כאָטש איין מאָל אין וואָך וואָלט געווען אַ יושר צו פאַרזוכן אַ וואַרעמען לעפל זופּ... מעג דער זופּ זיין פון די זעלבע בורעקעס, אָבער דאָך, ווי באַלד אַ געקעכטס איז דאָס דאָך מלא־טעם, ממש טעם גן־עדן! וואָס? דו איינער וועסט אַ וועלט איבערקליגן? און ווען מאַכסטו עס אַזוי גוט, אויב דו קומסט אַריין פרייטיק צו נאַכטס אין דער פינצטער און לייגסט זיך שלאָפן האַבנדיק אָפּגעפּטערט די סעודת־שבת מיט אַ בורעק? די וועלט איז אַ סולם, אַ לייטער, און „ממון" באַטרעפט „סולם". דאָס געלט האַלט אין איין שפּרינגען אויף די טרעפּלעך פון דער לייטער אַרויף און אַראָפּ, טאַ צו דעם, טאַ צו יענעם. אַז דו ביסט אַ מאָל געווען דער בעל־יכולת — פלעגסטו נעמען אַן אורח, און היינט, אַז יענער האָט די ממתקים — פאַר וואָס זאָל ער דיך נישט נעמען? וואָס דען הייסט: גלגל החוזר הוא בעולם?

שמואליק ווערט זיך קעגן דעם יצר־הרע, וואָס פאַרשטעלט זיך גאָר פאַר אַ מוסר־זאָגער:

— און יענער וואָס נעמט שוין דווקא דעם אורח ביסטו עפּעס זיכער, אַז ער האָט אַ סעודה המספקת לבעליה? ווער עסט דען היינט צו דער זעט?

— שוטה דו! וואָס גייט עס דיך אָן? שלמה המלך לערנט אונדז: אל תבקש חשבונות הרבה, ווילסטו זיין קלוגער פון אים, האַ? יענער נעמט? זאָג אים אַ דאַנק און לאָז זיך נעמען! און פרעג נישט קיין קשיות! און רוק אין פּיסק אַריין וויפל עס לאָזט זיך, סיידן יענער וועט דיך אָנכאַפּן ביי דער האַנט און מער נישט לאָזן —

שמואליק איז נישט מסכים געווען מיט אָט דער באַנדיטסקע טעאָריע פון חטוף ואכול, נאָר פון דעסט וועגן, — חלילה אָן אַ מחשבה תחילה — איז ער דעם צווייטן פרייטיק פאַרנאַכט נישט געגאַנגען דאַווענען אין פּוילישן מנין אויף קיטאַפּסקע־גאַס, ווו ער דאַוונט שבת פון זינט ער איז געקומען קיין סאַמאַרקאַנד, ווייל די פּוילישע מתפללים האָבן אַלע הונגע־ריקע אויגן און שטאַרבן אַליין פאַר אַ ברויזן בורעק, ער איז דאָס מאָל אַוועק דאַווענען אויף דער מאַכאַלאַ — אַזוי האָט דאָרט געהייסן אַ קליין געדיכט־באַקרעמלט מערקל, אויף וועלכן עס האָבן געהאַנדלט בלויז בוכאַ־רישע יידן, — צו ר' פּנחס דעם וואָראָניעזשער רב, דאָרט דאַווענען כמעט בלויז רוסישע יידן און דאָרט וועט מען שוין זען, מה שיעלה המזלג —

עס האָט געהייסן, אַז ער האָט שוין ביי זיך געפּועלט, אַז אויב עמעצער וועט אים שטאַרק, שטאַרק בעטן, — נישט חלילה ווי זיינע שכנים, וואָס שלאָגן זיך אַליין אָן צו יענעם: „נעם מיך"... — וועט ער צוליב טון און וועט זיך „לאָזן נעמען" —

עטלעכע שבתים האָט אים קיינער נישט באַמערקט און אפילו קיין „שלום" נישט געגעבן. דאָס מקום-קדוש איז געווען פול מיט פרעמדע יידן פון כמעט אַלע לענדער אויף דער וועלט און ער האָט מיט זיך נישט פאַרגעשטעלט קיין שום אויסנאַם. מילא — ניין, איז ניין! ער האָט שטיל אָפּגעדאַוונט אין זיין ווייטן ווינקל און איז זיך נאָך שטילער אַוועקגעגאַנגען אין זיין טונקעלן צימער צו דעם זיך צוגעגעסענעם שטיקל בורעק.

פון דעסט וועגן — כאָטש מלבא לפומא לא גליא — איז ער אַוועק פונעם שולעכל מיט אַ שטיקל פאַראיבל אין האַרצן אויף די בעלי-בתים:

— נישט איינלאַדן און נישט פרעגן און אפילו נישט באַמערקן! נאָך אַ מענטש זיך באַווייזן? עלעהיי נאָך אַ הינטל אויף דער גאַס —

עטלעכע שבתים נאָך אַנאַנד איז ער „סתם אַזוי" געקומען דאַווענען צום וואָראָניעזשער און... און פונקט ווי דעם ערשטן שבת האָט קיינער אפילו נישט קיין פינטל געטון מיטן אויג.

— נאָך אַ ייד? מהיכי-תיתי, כן ירבו! אָבער וועמען גייט עס אָן?

איין מאָל שבת אין דער פרי נאָכן דאַווענען גייט צו אים צו דייקא און דווקא אַ פּוילישער ייד, נישט קיין רוסישער:

— האָט נישט קיין פאַראיבל, יונגערמאַן, איר וועט אפשר מיטגיין מיט מיר אויף אַ סעודה?

שמואליק איז רויט געוואָרן פאַר בושה און האָט גאַרנישט געענטפערט. האָט יענער אים אָנגענומען פאַר אַ האַנט און זיך אָנגערופן:

— אַ ייד, זאָגט די וועלט, שטאַרבט קיין מאָל נישט פון קיין הונגער, נאָר פון גאוות... קומט!

איז ער נאָכגעגאַנגען. דאָס ערשטע מאָל אין זיין לעבן, אָבער... את הכל יתן האדם בעד נפשו, ער קען שוין מער נישט אויסהאַלטן פון דעם ביטערלעכן קאַטעק און פריקרע-זיסן בורעק... ער איז געגאַנגען.

מען האָט ערשט אָנגעהויבן צו זאָגן „אתקינו", ווי שמואליק האָט בסקירה אחת אויפגעכאַפּט דאָס שרעקלעכע עניות, וואָס קוקט אַרויס אין אַט דעם יידנס שטוב פון אַלע ווינקעלעך. ער האָט דערזען די געדעמפּטע „קוילן" פון שוואַרץ-געוואָרענע בורעקעס, וואָס די באַלע-

באַסטע האָט אין קויטיק־בלעכענע שיסעלעך אָנגעהויבן צו צעשטעלן אויפן טיש; ער האָט דערזען די דאַרע שטיקלעך „ליעפּיאָשקע”, וואָס ליגן אָפּגעציטערטע אין אַ טעלער און וואַרטן אויף דער שבתדיקער „המוציא”; ער האָט דערזען די הונגעריקע אויגן ביי דער זקנה אויפן בעטל און די זיך וואַרפנדיקע פינגער, צווישן וועלכע עס שטעקט אַן אַרומגעגריזשעט שטיקל רעטעך —

ס׳האָט אים אַ שלאָג געטון אונטערן האַרצן אַן איבלדיק געפיל צו זיך אַליין, ער איז אויפגעשפרונגען פונעם צעפּאָרענעם קעסטל אויף וועלכן מען האָט אים באַזעצט, ער איז צוגעלאָפן צו דער טיר און האָט זי אַן אַ „זיי געזונט” פאַרקלאַפּט הינטער זיך.

אָבער אַריינקומענדיק צו זיך אין צימער האָט ער זיך פון דעסט וועגן פאַרגעוואָרפן:

— ביסט אַ שנעק שמואליק, אַ קונדעס! וואָס האָסטו געכאַפּט די פיס אויף די פּלייצעס און ביסט אַנטלאָפן, דל גאה דו? וואָס האָסטו דאָרטן אַזוינס דערזען? וואָס דען, וואָלסט דו געוואָלט זאָל מען דיר אונטערטראָגן? געבראָטענע טייבעלעך? צי אפשר בולקעלעך פון זעמלמעל? עס עסט היינט יאָ ערגעץ עמעצער טייבעלעך און זעמעלעך, האָ?

אויף איבעראַכטאָג שבת איז ער ווידער געשטאַנען אויף זיין אָרט ביים וואָראָניעזשער, ער האָט בפירוש געוואָרפן מיט אויגן אויף אַלע זייטן, כמעט זיך באַמיט צו ציען אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט פון די מתפללים, ער האָט אָבער נישט געהאַט קיין מזל — קיינער האָט אים נישט פאַרטשעפּעט אפילו מיט קיין איין און איינציק וואָרט, אפילו נישט מיט קיין רמז דרמיזא.

גייענדיק אַליין פונעם דאַווענען אין זיין פינצטער קברל אַריין, איז ער געווען צו זיך אַליין מלא־טענה:

— בטלן דו, וואָס ביסטו עפּעס פאַרפלויגן געוואָרן אַזש ביז די מיטל־סדיקע בענק? אַ ייד, וואָס קוקט אַרויס, אַז מען זאָל אים „נעמען”, מעג אַרויפקריכן צו די „המוני־מעלה”? ביז דו באַווייזסט נאָכן דאַווענען זיך דורכצושטופּן צו דער טיר, זענען שוין די „נעמערס” לאַנג אַוועקגעגאַנגען און דו קענסט נאָר לעקן דעם שוויים. אַ קלוג יינגעלע דאַרף שטיין ביי דער טיר! וואָס נעענטער צו דער טיר, אַז עס זאָל ביי אים זיין אַזוי ווי ביי דער יפת־תאר פון „כי תצא”: „נכנס ונתקל בה, יוצא ונתקל בה”, דאַן קענסטו כאָטש לכל הפחות האָבן אַ האָפענונג —

שמואליק האָט נישט געקענט מאַכן קיין שפּרונג פון זיין שטענדיק

אָרט אין וואָראָניעזשערם שולעכל גלייך צו דער טיר — מאיגרא רמא לבירא עמיקתא? וואָס דען, קימעא־קימעא. משבת לשבת האָט ער זיך אָראָפּ־געררוקט אויף עטלעכע בענק און — איין מאָל ניין! אין דורש ואין מבקש... ער איז שוין בפירוש געשטאַנען הארט ביי דער טיר, ממש ער האָט זיך אָנגעהאַלטן ביי דער קליאַמקע און אַזוי ווי פונעם שטיין — קיינער פאַרבעט אים נישט. אַ פּנים, אַז די גאַנצע וועלט איז היינט הונגעריק אויף אַ ביסן און ווען ס'איז אפילו נישט אַזוי, וואָס קען ער העלפן? ער וועט דאָך נישט שלעפּן יענעם ביי די פּאָלעס: האָב רחמנות, נעם מיך אויף אַ סעודה! וואָס איז ער חלילה: אָן הענט? אָן פיס? יענער וועט אים נאָך אָפּזידלען אויך, אָט דאָס וועט זיין דער סוף פון דעם נאַכאַלנע אָנוואַרפן זיך... וואָס דען? יידן זענען דאָך עפּעס יידן, רחמנים, גומלי־חסדים, דאַרפן זיי אים פאַרלייגן, אים בעטן, און אויב זיי צעלויפן זיך ווי די פאַרסמטע מייז נאָך פאַר „עלינו" און ווילן בשום אופן נישט באַמערקן, ווי מען פאַרקוקט זיי אין די אויגן — איז פאַרפאַלן! וועט ער אין דער פינצטער אָפּ'מעלה־גרה'ן זיין שטיקל בורעק, זיך קאַליע מאַכן דאָס מויל מיט דעם פאַסקודנעם קאַטעק און זיך לייגן אין „בעט אריין". ער וועט דאָך נישט גיין זיך נעמען אַ צווייטע בתיה־רחל צוליב אַ לעפל געקעכטס... ער האָט שוין געליטן אַזוי לאַנג, וועט ער ליידן אויך ווייטער, אפשר וועט דער אייבערשטער זיך פאַרט מרחם זיין און די מלחמה וועט זיך אַ מאָל ענדיקן —

*

עזריאל ווינאַראָוו איז אַ געבוירענער פון קאַניעוו. אָט דאָרטן, אין קליינעם אוקראַינישן שטעטל, וואָס ליגט „אָראָפּ וואַסער" ביי די פּלאַכע און זאַמדיקע ברעגן פונעם דניעפּר זענען איבערגעלאָפן זיינע קורצע און קאַלירלאָזע קינדער־יאָרן. ווי נאָר עס האָט אים אָנגעקלאַפּט דאָס צוועלפטע יאָר, האָט אים דער פאָטער זיינער „אָנגענומען ביי די אויערן", אַוועק־געפירט קיין קרימענטשוק אין דער ליובאַוויטשער ישיבה און אים אַהין „אריינגעוואָרפן". דאָס לשון „אריינוואַרפן" האָט געהייסן כמו ווי אַזוי געזאָגט:

— וואָס איר ווילט טוט מיט אים, נאָר אַבי נעמט אים צו פון מיר און אַ ייד זאָל ער בלייבן!

דער פאָטער עזריאלס, מנשה־שמואל ווינאַראָוו איז קיין מאָל נישט געווען קיין ליובאַוויטשער חסיד. ער איז כל ימיו געפאָרן קיין שטיפּע־

נעשט — אַ ריזשינער איניקל. אָבער אַזוי ווי קיין שטיפּענעשטער ישיבה איז אויף דער אוקראַינע נישט געווען און אַ ליובאַוויטשער יאָ, נו, במקום שאין איש... האָט ער אַריינגעשטעקט דעם בכור זיינעם קיין קרימענטשוק. אין תוך גענומען: וואָס איז דאָ דער אונטערשייד אַזוי גרוים צווישן שטיפּע־נעשט און ליובאַוויטש? אלו ואלו דברי אלקים חיים —

איז שוין עזריאל הייסט עס געווען אַ בעל דו־פּרצופין אָדער אַ זוכה לשתי שולחנות, עפּעס אַ מין תערובות כביכול פון ריזשינער „מלכות" און ליובאַוויטשער חב"ד.

כמעט פינף יאָר האָט עזריאל אָפּגעלערנט אין קרימענטשוק און וואָלט דאָרט אפשר געווען געלערנט נאָך אַ מאָל אַזוי פיל, ווען נישט דער אומ־גליק, וואָס האָט געטראָפן ביי אים אין דער היים: זיינע עלטערן זענען אָפּגעברענט געוואָרן מכף רגל ועד ראש און זענען אַרוים פון דער שרפה נאַקעט, „ווי די מאַמע האָט זיי געבוירן". די עלטערן האָבן פאַר גרויס האַרצווייטיק נישט געקענט מער בלייבן ווינען אין קאַניעוו און זענען אַריבערגעפאָרן קיין כאַרקאָוו. עזריאל איז אויך מיטגעפאָרן מיט די עלטערן.

ער איז שוין דאַן געווען אַ בחור צו לייטן — אַ בן שמונה־עשרה.

אין כאַרקאָוו האָבן די עלטערע ווינאַראָווס זיך נישט געקענט צופּאַסן צום נייעם לעבן, דערצו האָט זיי דער ווייטיק פונעם פאַרלוירענעם פאַרמעגן געפרעסן לעבעדיקערהייט. פּונקט צום יאָר נאָכן אַריבערפאָרן אין דער גרויסער שטאָט איז די מוטער געשטאָרבן און ווייניקער ווי מיט זעקס חדשים שפּעטער איז דער פאָטער, ר' מנשה־שמואל נאָכגעגאַנגען דער פרוי זיינער אַהין, פון וואַנען ס'איז נאָך קיינער נישט געקומען אויף צוריק. דער חתן־בחור, עזריאל, איז געבליבן מיט צוויי קליינע קינדער אויף די הענט: אהרון — אַ יינגל פון פערצן יאָר און שיינדעלע — אַ מיידעלע פון ניין יאָר. איז ער בן־לילה געוואָרן אי אַ טאַטע, אי אַ מאַמע. און יאָרן זענען דאַמאָלסט געווען שווערע, מפרנס זיין דריי נפשות, און דערצו נישט אַרבעטנדיק אום שבת, איז געווען אַ שווערע הלכה. מען האָט עזריאלן גערעדט די שענסטע שידוכים. ער איז געווען קיין עין־הרע אַ גבר, אַ שטאָלטנע יונגערמאַן — זיך נאָר צו פאַרקוקן, און שיין ווי די גאַנצע וועלט און ערלעך און פיין און גוט — אַ מענטש אָן אַ גאַל און אַ חסידישער בחור, מיט אַ פּייער און מיט אַ ברען און מיט זעלטענע כשרונות. איז גאַנץ פאַרשטענדלעך פאַר וואָס טאַטעס פון בתולות שהגיעו לפרקן האָבן זיך אויף אים געשאַרפט די ציין און האָבן וועגן דעם אפילו

געשריבן צום רבי׳ן זאָל לעבן, אָבער אַלץ איז געווען אומזיסט. עזריאל האָט זיך אַליין געגעבן דאָס וואָרט, אַז ביז ער וועט נישט ברענגען דאָס ברודערל מיטן שוועסטערל צו קיין תכלית, זאָל ער פון זיך קיין טראַכט נישט טון און עזריאלקעס אַ וואָרט איז געווען אַ וואָרט —

ווען אהר׳לע האָט געענדיקט אויף בארג־אינזשיניער און האָט למזל חתונה געהאַט און שיינדעלע אויף קינדער־דאָקטער און האָט אויך חתונה געהאַט, איז שוין עזריאל ווינאַראָוו פּאַוואָלינקע געווען אַ יונגערמאַן אין די דרייסיקער. דאַן האָט ער זיך באַקענט מיט זייער אַ פיין קינד פון קורסק און האָט חתונה געהאַט. און אַז ער האָט חתונה געהאַט האָט אים קיין זאַך נישט געפעלט, אָבער אין איין זאַך איז אים נישט געגאַנגען, — מכה אויפשטעלן אַ דור איז געווען שטיל.

ווי אויף צו להכעיס, ווייל ער האָט שוין אַזוי אויך פאַרשפּעטיקט —

גאַנצע פינף יאָר האָט געדויערט ביז גאָט האָט אים געשענקט אַ נחת׳ל. און דערפאַר האָט דער אַריבער פערציק יעריקער עזריאל, ווען די קריג איז אויסגעבראָכן, פאַרמאָגט בסך־הכל צוויי יינגעלעך: בנימינדל — זעקס יאָר אַלט און הערשעלע — פיר יאָר אַלט.

אַז די אינפאָרמביוראָ האָט אין דער ראַדיאָ אָנגעהויבן איבערצוחזרן די נעמען פון אַזעלכע שטעט, ווי זשיטאָמיר, דניעפּראָפּעטראָווסק, קאַניעוו — זיין קאַניעוו! — האָט עזריאל, דער אב ואם פון זייער קליינער פאַמיליע, געזאָגט צו זיין ברודער און שוועסטער מיט זייערע פאַמיליעס:

— קינדערלעך מיינע, גיט אַ קוק אויפן הימל. די שרפה פאַרנעמט זיך גאַרנישט אויף קאַטאָוועס. פּאַקט אייך צונויף און לאָמיר ביי צייטנס זיך פאַרנעמען פון דאַנען.

האָבן ברודער און שוועסטער אפילו הערן נישט געוואָלט. פאַרקערט די מעשה, זיי האָבן זיך נאָך גוט אָנגעבייזערט אויף אים:

— וואָס? אוועקפאָרן? אַנטלויפן? ווייל אַזוי האָט מסתם באַשלאָסן דער „הינטערן אויוון” פון אייער בית־המדרש? מיר פאָרן נישט און מיר לויפן נישט! נאַ־דיר גאָר אַזאַ איינפאַל! כאַפּן די פיס אויף די פּלייצעס און לויפן! פון וועמען לויפן? צו וועמען לויפן? סתם זיך אַליין אָנמאַכן אַ פּאַגראָם... כאַרקאָוו וועט מען אים אָפּגעבן? און קיעוו וועט מען אים יאָ אָפּגעבן? איז דען קיעוו און כאַרקאָוו פונעם סטראַטעגישן שטאַנדפּונקט נישט אַזוי וויכטיק פאַרן ראַטנפאַרבאַנד, ווי מאָסקווע און לענינגראַד?

בקיצור, עזריאל האָט דערזען, אַז זיינע רייד קלעפּן אַזוי צו זיין ברודער און שוועסטער, פּונקט ווי אַן אַרבעס צו דער וואַנט, האָט ער אָפּגעווישט די ליפּן:

— שאַ, אפשר זענט איר גערעכט —

עס זענען פאַריבער נאָך צוויי וואָכן און עפּעס האָט מען נישט אַרויס־געזען, אַז אהר׳ל מיט שיינדלען זאָלן זיין גערעכט. פון טאָג צו טאָג איז די לאַגע אַרום דער שטאָט געוואָרן ערגער און די באָמבאַרדירונגען אַלץ אָפטער און אַלץ עקשנותדיקער. קיעוו האָט געברענט ווי אַ הבדלה; בריאַנסק איז אויף קיין איין שעה נישט אַרויסגעקראָכן פון די פלאַמען, איינציקע מאָל האָט מען שוין באָמבאַרדירט ראָסטאָוו און — שומו שמים! — אפילו טיכאָריעצקאַיאַ, וואָס שמעקט שוין גאָר דאַכט זיך מיט קאַווקאַז...

איז ער ווידער אַוועק צו די „קינדער" מיט אַ צעיושעטן קאָפּ:

— גזלנים, וואָס זיצט איר דאָ? אַ האַלבע שטאָט איז זיך שוין צעלאָפן און די צווייטע האַלבע האַלט שוין דעם רוקזאַק אויפן אַקסל. וויפל נאָך איז דער שיעור זיך צו קווינקלען? טאָקע ביז היטלער וועט פאַרוואַרפן דעם שלייף אַרום האַלדז? איר זעט דאָך גוט, אַז ס׳איז אַ גזר מן השמים, אַזאַ אייזערנער ראָטנפאַרבאַנד און צעפּאַלט זיך ווי אַ קאַרטאָנען הייזל —

זיין חנה האָט אויך געזאָגט:

— קיין ברירה איז נישטאָ, בית־יעקב לכו ונלכה —

האָבן זיי געענטפערט זייער אַלטן תירוץ:

— אין ערגעץ וועלן זיי נישט לויפן און כאַרקאָוו וועלן זיי נישט פאַרלאָזן. כאַרקאָוו איז די אַלטע רעזידענץ און ווען אויף זייער דלאָניע וועלן וואַקסן האָר, דאַמאָלסט וועט מען היטלערן צולאָזן צו דער ערשטער אוקראַינישער רעזידענץ. איי, דאָס וואָס אין שטאָט הערשט אַ פּאַניק? איז דאָס נישט קיין גרויסער חידוש. דערויף זענען שוין דאָ געדונגענע שונאים, וואָס באַקומען גוט באַצאָלט פאַר זייען פּאַניק און גרויל —

האָט זיך עזריאל אויפגעכאַפּט פון זיין בענקל אַ צעקאָכטער:

— משוגעים, בלינדע קאָמוניסטלעך, איר ווילט בלייבן דאָ? אויף היטלערס חסד? היטן כאַרקאָווער עצים ואבנים? — בלייבט אייך דאָ געזונטערהייט! און מיר פאָרן! און הלואי איך זאָל בעסער בלייבן דער נאַר! אָבער אייערע קינדערלעך גיט מיר מיט! מילא איר זענט משוגעים, פאַנאַטיקער, אָבער — אלה הצאן מה חטאו? וואָס האָט איר צו אָט די יונגע נשמה׳לעך? אָט די קעצלעך האָבן דאָך מיט גאָרנישט נישט געזינדיקט... אַז עס וועט איבערגיין די כמאַרע, וועל איך זיי אייך אָפּברענ־גען פריש און געזונט און מונטער...

די איינגעשפּאַרטע פאַרפאַלקן האָבן זיך דאָס מאָל ערנסט איבער־געקוקט. עזריאל האָט דערוויל אויסגענוצט זייער ישוב־הדעת און האָט ווייטער געוואָרפן אין זיי זיינע שאַרף־צוגעפּיילטע אבני־בליסטראות:

— מען האָט מיר היינטיקן שבת געלייענט: שלח תשלח את האם ואת הבנים תקח לך! און אַט דאָס גיי איך טאַקע טון. מיט אייך אַליין האָב איך שוין קיין כח נישט צו רעדן, אָבער דאָס קליינוואַרג אייערס גיט מיר מיט. איר קענט זיין זיכער, עס וועט זיי קיין זאַך נישט פעלן, פּונקט ווי מיינע אייגענע בחורים.

האָבן זיך די פאַרפאַלקן מיישב געווען:

— אַז ער בעט אַזוי... זאָל ער זיי נעמען מיט זיך. אמת, זיי וועלן שטאַרק בענקען, אָבער מלחמה־צייט איז אַן קינדער רואיקער אויף דער נשמה. און בכלל — אויף וויפל נעמט ער זיי? נאָך אַ טאָג, נאָך אַ טאָג, מען וועט היטלערן דערלאַנגען מיטן סטאַלינסקע האַמער איבערן קאָפּ, דאַן וועלן זיך אַלע אַנטלאָפענע אומקערן אויף צוריק מיט פאַרשעמטע פּנימער און עזריאל אויך בתוכם. און זיי וועלן אים דאַן אַרויסשטעקן אַ צונג פון אַ מעטער די לענג, אַט דעם שוויצער זייערן, אָבער דערווייל — זאָל ער זיך פאַרן געזונטערהייט! וועט טאַקע ווערן אַ ביסל רואיקער אויף דער נשמה. אַזוי פּיקט ער אין מח און גרילצט אין די אויערן און לאָזט זיי נישט לעבן אויף דער וועלט —

האָט עזריאל טאַקע באותו מעמד גענומען פאַר די הענטלעך אהרל'ס קינדערלעך: מעכעלע און חנהלע; חנה האָט גענומען פאַר די הענטלעך שיינדעלעס קינדערלעך: מתיתל און אסתרל און זיי זענען אַוועק צו זיך —

און גלייך אויף צו מאָרגנס, נאָך דעם ווי העכער אַ האַלבע מאה „בעינקלס" און „מעסערשמידטס" האָבן שעהן לאַנג געדונערט און געבליצט איבער דער שטאָט און געזייט טויט און פאַרניכטונג אויף טריט און שריט, האָבן די ווינאַראָווס פאַרלאָזט כאַרקאָוו און זיך געלאָזט וואַנדערן אַזוי ווי אַ מאָל זייער זיידע אברהם — אל הארץ אשר אראך...

קיין סאַמאַרקאַנד איז עזריאל אָנגעקומען ווי אַ גרויסער נאַר. ער האָט געפירט מיט זיך אַ היפּשן באַגאַזש, אָבער בלויז: שמאַטעס, פּוסטע מעשות, קיין איין חפץ נישט, וואָס קען באמת אָנגערופן ווערן אַ שווה־כסף. ער האָט געפירט מיט זיך כמעט אַלץ, וואָס ער האָט פאַרמאָגט, אָבער וואָס האָט ער פאַרמאָגט? — קעבעבע מיט לאַקריץ מיש כשר'ע פאָדעם. אפילו בעת אהרל און שיינדעלע האָבן געבראַכט פאַר די קינדערלעך זייערע זאַכן, האָט ער און חנה נאָר אין זינען געהאַט זיך נאָכצופרעגן, אפשר האָבן זיי נישט מיטגענומען אַלע קליידעלעך מיט אַלע שיכעלעך. און אויף אַ פרעג צו טון, צי זיי האָבן נישט צופעליק אַ ביסל מזומנע גרייצערס —

דערויף האָט ביי זיי נישט געקלעקט קיין שכל, אָדער קיין מוט. צי אפשר האָט יעדער איינער פון זיי דאָס יאָ געהאַט בדעה צו טון, נאָר אין דער לעצטער מינוט האָט ער מורא באַקומען, אַז די קינדער זאָלן לעבן וועלן דאָס ביי זיך אין הארצן שלעכט אויסטייטשן... שגיאות מי יבין? דער פועל־יוצא פון אַזאַ געניטקייט אין הלכות „וועג" איז געווען, וואָס עזריאל׳ס מזומנים האָבן קוים געקלעקט איבער דעם לאַנגן וועג און אויף צו פּאַראַ־דערויפן אַ „קיביטקע" און — עד כאן אומרים בשבת הגדול, מער נישט אַ גראָשן!

דאָס פּאַרפאַלק האָט אויף שנעל אָפּגעקליבן עטלעכע בעסערע מלבו־שים און זענען מיט זיי אַרויסגעגאַנגען אין מאַרק אַריין און צום סוף — ווער? וואָס? ווען? זיי האָבן שוין איצט איינגעזען, אַז ווען זיי פאַרקויפן אפילו אַלץ, וואָס זיי האָבן מיט זיך מיטגענומען אין מאַרק אַריין, וועט זיי אויך נישט קלעקן אפילו אויף צוויי טעג איבערצולעבן און דאָ וואַרטן אויף זיי אין דער היים קיין עין־הרע זעקס פּיקערלעך מיט געזונטע ציינדעלעך און זיי אַליין קענען דאָך אויך נישט פּראַווען קיין תעניתים און דאָ גייט צו ווינטער און פאַר דער דירה איז נאָך אויך נישט באַצאָלט און אַ בינטל האָלץ קאָסט אַ פאַרמעגן —

און דאָ האָבן זיך אָנגעהויבן אָנזעצן פאַר די ווינטער־טעג און נעכט פון פיין און ליידן. זייער גאַנץ פאַרמעגן האָט די ווערט געהאַט, ווי מען זאָגט: „אַ הארטן זעץ אין דער ערד". קיין אופן פון פּרנסה האָט מען נישט געזען, דער יקרות איז געווען חוץ מדרך הטבע. אין שטוב האָט מען פונעם ערשטן טאָג אָן איינגעפירט דעם באַוווּסטן „מעניו": זיסן בורעק, זויערן קאַטעק, אַ קליין שטיקעלע רעטעך, — ווייל רעטעך איז אַ דעליקאַטער מאכל, ער קאָסט צו טייער — און אויך אַ קליין ביסעלע טוטאָווניק, — אַזאַ וואַסערדיקע פּרי, וואָס האָט נישט קיין טעם און נישט קיין ריח — פאַר קנוח־סעודה.

עזריאל מיט חנהן האָבן אָבער זייער גיך איינגעזען, אַז אָט דער מאכלים־רעפּערטואַר קען אפשר, אפשר אָנגיין פאַר זיי, פאַר די דערוואַק־סענע, אי דאָס אויך נישט אויף ימים ושנים, אָבער פאַר די קינדערלעך — אויף קיין וואָך אויך נישט. פון נישט געוווינטקייט קענען אָט די קעצלעך פשוט אויסציען די פיסלעך און צומאַכן די אייגעלעך און — אַראָפּ פונעם מאַרק! און געדערכט זענען זיי! עס שטייט בפירוש אין פּסוק: **לחם לפי הטף!** און לחם הייסט: ברויט, און נישט קיין קאַטעק און נישט קיין ווערעמ־דיקער טוטאָווניק —

און כאָטש חנה פלעגט קויפן די ערגסטע מעל, וואָס איז נאָר געווען בנמצא, דערנאָך פלעגט זי נאָך די מעל זיפּן, פון דער אויסגעזיפּטער טייל פלעגט זי מאַכן האַלעשקעס אין זופּ אַרײַן און אין די גראָבע קלייען פלעגט זי ערשט אַרײַנמישן טוכלע הירזש, — כדי צו מאַכן זיי ווייניקער געשמאַק — און באַקן פון דעם „ליעפּיאָשקעס”. אין דער היים וואָלטן די קינדערלעך אַזעלכע פּיפּאַלקעס נישט געלאָזט געבן דעם הונט און דאָ האָבן זיי גאָר געלעקט די פינגערלעך פון זיי און האָבן געפּאַטשט אין די דלאָניעס, אַז זיי זענען מלא־טעם און אַז זיי ווילן, אַז די מאַמע און די מומע זאָל זיי געבן נאָך און נאָך און אָן אַ שיעור נאָך —

דאָס פּאַרפּאַלק איז געווען אויסער זיך פון אַט דעם וועלפישן אַפּעטיט, וואָס אַט די הירזשענע „שטיינדלעך” האָבן אויפגעוועקט ביי די קינדערלעך. אין אַ הונגער — זאָגט די וועלט — עסט מען מיט די אויגן. אַזוי איז דאָס טאַקע געווען. וויפל מען האָט נישט אָוועקגעלייגט אויפן טיש איז דאָס בהרף־עין פאַרברענט געוואָרן, ווי אַן עולה כליל אויפן מזבח...

און עזריאל דערמאָנט זיך אין אַ ווערטל, וואָס ער האָט געהערט נאָך אין דער ישיבה —

דער נגיד פרעגט זיין קרוב דעם אָרעמאַן:

— האָסטו כאָטש עפּעס פיינע קינדערלעך?

ענטפערט אים דער אָרעמאַן:

— וואָס פרעגסטו? כלם אהובים, כלם ברורים, כלם גבורים, כלם קדושים, — אָבער וואָס קומט אַרויס, ווי באַלד: וכלם פותחים את פיהם?

און די קינדערלעך זענען געווען גוטע און ווילע קינדערלעך. זיי האָבן זיך נישט געריסן איבער קיין שטיקל פּלעצל, אדרבה, זיי האָבן נאָך באהבה־רבה אונטערגערוקט איינער דעם צווייטן נאָך אַ שטיקל און נאָך אַ שטיקל:

— נאַ, נעם, איך האָב גענוג. דאָ האָסטו אַ צוגעברוינט שטיקל און אָט דאָס אַ שטיקעלע איז סתם אַזוי גוט אויסגעבאַקן, ממש טעם גן־עדן —

און דערצו האָבן די קליינע וועוריקעס נאָך גוט געדענקט די תורה פון דער היים, אַז ווער עס עסט אויף פריער זיין פּאַרציע, דער איז קיסר. איז ביים טיש שטענדיק אָנגעגאַנגען אַ געוועט: ווער פון זיי וועט זיין קיסר? און אַזוי ווי אַלע האָבן זיי ברוך־השם געהאַט אַפּעטיט און די שאַרפע צייג־דעלעך האָבן געריבן און געמאַלן ווי נייע וואַלצן, האָבן אַלע זעקס טייערע און ווילע קינדערלעך געענדיקט דאָס קיִיעניש כמעט גלייכצייטיק און אַלע זענען צוגעלאָפן צו דער פאַרצווייפלטער באַלעבאָסטע מיט אַ גדולה און מיט אַ נצחון און מיט אַ רעש און מיט אַ טריאומף־געפילדער:

— מאמע, איך בין קיסר!
— מומע, איך בין קיסר!
— ניין, דווקא איך!
— טאַ לאָמיר פרעגן ביים טאַטן —
— לאָמיר פרעגן ביי דער מומע —

און די אויף טויט־דערשראָקענע טאַטע־מאַמע האָבן מיט אַ ווייסטן שמייכל זיך צוגעקוקט צו דעם התפּעלות פון אַט דער פריילעכער קאַפּעלע, פון אַט די טייערע קינדערלעך און זיי האָבן נישט געהאַט דאָס האַרץ זיי צו זאָגן, אַז ס'איז כלל נישט אַזאַ מוז, אַז אַלע זאָלן זיי ווערן קיסר... אַז איין קיסר איז היינט אויך איבעריק —

און דאָ האָט זיך אָנגעוואָלגערט דער אַזיאַטישער האַרבסט מיט זיינע גאַס־רעגנס, און דאָ פאַרגלוסט זיך דעם שטרויענעם דאַך איינצופאַלן אין מיטן דער נאַכט, און דאָ ווערט דאָס קינד קראַנק און דאָ יאָגן קינד און קיין מעדיקאַמענט אין אַפּטייק איז נישטאָ „אפילו אויף קיין רפואה" און גייט מען די זעלבע רפואות באַשטעלן אויף שוואַרץ, שינדט מען די הויט לעבעדיקערהייט נאָך ערגער פון די אוזבעקן און דירה־געלט קאָסט און שכר־לימוד מוז מען צאָלן און הייצונג איז אויף דער וואָג פון גאָלד און עפּעס אַ קליניקייט אויסצורעדן — אַכט נפשות מיט אַכט מיילער —

און עזריאל האָט זיך אַ וואָרף געטון עפּעס פאַרדינען. אין שטאָט גופא איז נישט מעגלעך געווען אַ האָרנאָדל אַריינצושטופּן, אַזוי געדיכט באַפּעל־קערט און באַלאַגערט מיט חיונה־זוכערס איז זי געווען. האָט ער זיך אַ וואָרף געטון אויף דער פּעריפעריע. אודאי איז נישט גוט ביי אַט די גלות־באַדינגונגען און ביי אַט די וואַזשנע עסעכטסן נאָך צו זיין נע ונד, אָבער וואָס זאָל מען טון? ס'איז דען דאָ אַ ברירה?

איז ער אַרומגעפאָרן אויף דער פּעריפעריע מיט פאַרשידענע סחורות. מיט כל מה שהעלה המזלג —

לויטן אַלטן רעצעפּט: שור או כשב או עז — אבי — כי יולד!

אמת, דאָס קריגן אַ קאָמאַנדיראָווקע און דערצו נאָך אויף אַ גאַנצן ראַיאָן, — ווי ער פלעגט שטענדיק נעמען — האָט אָפּגעקאָסט אַן עשרות; און דאָס פירן מיט זיך אַ גאַנצן „אוניווערמאַג" איז געווען זייער ריזיקאַליש און ער האָט ריזיקירט און האָט בפירוש גאַנץ נישקשהדיק פאַרדינט און דאָך פלעגט מען אין שטוב עסן דעם זיבורית דזיבורית, דאָס פסולת פונעם פסולת און זיך בפירוש ציילן דעם ביסן אין מויל אַריין, ווייל די הוצאָת איז געווען אומגעהייער גרויס. זי האָט פאַרשלונגען אַלע זיינע רווחים און

נאָך אַריינגעשלעפּט פּרעמדס אויך. די קינדערלעך אין די חדרים האָט מען שוין פון לאַנג מיטגעגעבן אַ בורעקל אָדער אַ שטיקל רעטעך, אָדער אַ ביסל פאַרהאַרטעוועטן קאַטעק אין אַ פּאַפּירל, אָבער אַז זיי פלעגן נאָך אַ טאָג לערנען קומען אויסגעמאַטערטע אויף דער נאַכט אַהיים, האָט מען זיי שוין געמוזט אויסטיילן צו שטיקעלעך ברויט, — ולחם לבב אנוש יסעד, שטייט געשריבן! — און ברויט... אוי, אָט דאָס ברויט —

דאָס איז געווען אין דער וואָך פון חמשה־עשר בשבט.

שבת־קודש, אַז מען וועט לעבן און געזונט זיין, וועט זיין חמשה־עשר, ראש־השנה לאילנות —

די גאַנצע וואָך איז עזריאל געווען אין וועג. באַלד נאָך הבדלה איז ער מיט זיין קרעמל אַוועק צום צוג און אַזוי שוין טאָג נאָך טאָג: ויסעו ויחנו, ויסעו ויחנו...

...ויסע מסאַמאַרקאַנד ויחן באורסאַטיעווסק, ויסע מאורסאַטיעווסק ויחן בדזשאַלאַלאַבאַד, ויסע מדזשאַלאַלאַבאַד ויחן בקאָקאַנד, ויסע מקאָקאַנד ויחן בפערגאַנאַ, ויסע מפערגאַנאַ ויחן באַנדיזשאַן, ויסע מאַנדיזשאַן ויחן באורסאַטיעווסק, ויסע מאורסאַטיעווסק — און אַהיים מיטן בייטשל...

ער איז אויסגעפאָרן אַזאַ גרויסע וועלט, אומעטום ממש געקראָכן פון דער הויט עפּעס צו פאַרדינען, כאָטש וויפל ס׳איז, אַז ער זאָל נישט קומען אַהיים בבושת־פנים און — איין מאָל ניין, כאָטש צעריים זיך! אפילו די אומגעהייער־גרויסע הוצאות נישט אויסגעשלאָגן...

— וואָס קען מען העלפן? זיך נעמען דאָס לעבן? אַז גאָט הייסט אַזוי, מן הסתם דאַרף דאָך זיין אַזוי!

עזריאל איז געפאָרן אַהיים אָן אַ קאָפּיקע רווח אָבער מיט זיין שטענדיקער אויפגעלייגטקייט, מיט זיין כסדרדיקן „גם זו לטובה". מיט וואָס די וואָך זאָל זיך נישט האָבן פאַרענדיקט, איז פאָרט שבת חמשה־עשר־בשבט! איינער פון די ראש־השנה׳ס... כי האדם עץ השדה... און ווער ווייסט? ווער ווייסט? מי בא בסוד אלוה? אפשר וועט גראָד הייַנטיקן שבת אָנגעצייכנט ווערן, ווען ער זאָל זיך צוריק צונויפקומען מיט זיין שיינדעלען און מיט זיין אהרונען?

... און נאָך עפּעס —

און גראָד אָט דער „נאָך עפּעס" זינגט דאָך ביי אים אין דער נשמה פון גאַנץ פרי אָן, פון דער מינוט, וואָס ער איז אין אורסאַטיעווסק מיטן בילעט אין די הענט אַרויסגעגאַנגען אויפן פּעראָן, ווו אַ היפּשער עולם האָט שוין

געוואָרט אויפֿן צוג. וואַרטנדיק אויפֿן צוג האָט מען בדרך אגב הערווייל געהערט די ראַדיאָ. די „סאָוואינפאָרמביוראָ" האָט כּנהוג איבערגעגעבן די „סוואָדקע" פֿון די שלאַכטפֿעלדער און בינו לבינה האָט דער ספֿיקה מפּיל געווען אַ וואָרט: „אין כאַרקאָווער ריכטונג האָבן אונדזערע חיילות" —

און דאָ איז אָנגעלאָפֿן דער צוג און ס'האָט זיך אָנגעהויבן דער קאַמף פֿאַר אַריינבאַקומען זיך אין אים און נישט איבערבלייבן אויף דער זייט, ווי אַן אידיאָט. און איצט שטייט עזריאל אין קאָרידאָר ביים אָפֿענעם פֿענצטער, דער צוג לויפֿט, דער פֿרילינגדיקער פּרימאָרגן צעבליט זיך מיט אַלע זיבן חנ'ען און עזריאל טראַכט מיט אַ פֿאַרשטאַרבן האַרץ און מיט אַ פֿאַרכאַפּטן אָטעם:

— טאַטע זיסער! עפּעס האָט ער דאָך אַ זאָג־געטון: „כאַרקאָווער ריכטונג"... כאַרקאָוו! ס'איז שוין זייער לאַנג, אַז כאַרקאָוו איז אין דער ראַדיאָ נישט דערמאָנט געוואָרן... און דער נאָמען ראָסטאָוו איז שוין כּמעט פֿאַרגעסן געוואָרן... און דער נאָמען בריאַנסק... און אפֿילו דער נאָמען וואָראָניעזש איז שוין לאַנג פֿאַרשוווּנדן געוואָרן און דאָ פּלוצלינג — „כאַרקאָווער ריכטונג"... און כאַרקאָוו איז דען נישט דאָס זעלבע וואָס קיעוו? און וויפֿל איז דען פֿון קיעוו קיין לוואָוו און פֿון לוואָוו ביז וואַרשע? און אַז די רויטע אַרמיי וועט שוין שטיין אין וואַרשע, וועט שוין דען היטלער קיניגן אין בערלין? אַך, פֿאָטער אין הימל! אַלץ איז דאָך געווענדט נאָר אין דיר... דו דאַרפֿסט נאָר וועלן, קענען קענסטו דאָך —

איבער עזריאלס פֿאַרשוואַרצטן פּנים צעשטראָמען זיך ריטשקעלעך אין אַלע קנייטשן און קנייטשעלעך. ער גיט אַ קוק אין פֿענצטער און טראַכט ווייטער:

— אַך, גאָטעניו, און דאָ איז דאָך טאַקע חמשה־עשר־בשבט אויף דער וועלט! דבר בעתו מה טוב... און דער דרויסן — ממש ל"ג בעומר! כאַטש גיי נעם דעם פֿייל־און־בויגן און גיי אַרויס אין וואַלד אַריין שיסן אויף ווילדע קאַטשקעס...

דער צוג האָט מיט אַ מאָל פֿאַרלוירן פֿון זיין טעמפּאָ און האָט אָנגעהויבן צו גיין „טריטוואַסער". אין אַלע פֿענצטער פֿון ביידע זייטן פֿון דער אומענדלעך־לאַנגער שערענגע וואַגאָנען האָבן זיך באַוויזן קעפּ: מענער־קעפּ, פֿרויען קעפּ, פֿון ווינט צעשויבערטע טשאַפּרינעס, קובליקעס און מיט שרייענדיקע בלומען אויסגענייטע אוזבעקישע טיביטייקעלעך מיט אַ דלאָניע אויפֿן דעכל, — אַז דער ווינט זאָל עס פֿאַר איין וועגס נישט מיטנעמען מיט זיך אין וועג אַריין. און אַלע ברענענדיק־נייגעריקע בליקן

זענען געווען געווענדעט פאָרויס, צום לאָקאָמאָטיוו צו. אַלע האָבן זיי געוואָלט געוויר ווערן: וואָס האָט געטראָפן? עזריאל האָט דער ערשטער באַמערקט, אַז ס'האָט גאָרנישט געטראָפן. פשוט מען דערנענטערט זיך צו אַ סטאַנציע און דער סעמאַפאָר איז צוגעמאַכט. דאָס רויטע לעמפּעלע וואָס ווינקט פון זעלבן סלופּ, ווו עס געפינט זיך די „זרוע הנטויה" פונעם סעמאַפאָר, איז שווער צו באַמערקן אין דעם ים פון ליכטיקייט וואָס די זון האָט היינט אויסגעגאָסן אויף דער תבל ויושבי בה, אָבער די „זרוע הנטויה" אַליין זעט מען דייטלעך און קלאָר. דער צוג האָט זיך נישט אָפּגעשטעלט לחלוטין, אַראָפּגיין אויף דער „יבשה" און נאָך אַזוי פיל שעהן זיך קויקלען כאָטש אויף וויפל ס'איז דערפילן דעם האַרטן באָדן אונטער זיך קען מען נישט, דער צוג באַוועגט זיך ווי אַ טשערעפּאַכע, — ס'איז נישט געפאָרן און נישט געשטאַנען, לא הא ולא הא. ביי ליח־ברירה שטייט מען אַרויסגעבויגן פון די פענצטער און מען קוקט. עזריאל קוקט און טראַכט: די אוזבעקישע זון קען טאַקע ווייזן וווּנדער. ערשט צוריק מיט עטלעכע טעג, ווען ער איז געפאָרן אַהינצווועגס, איז דאָ געווען פאַלנע ווינטער, כפור כאפר יפזר, משליך קרחו כפיתים, לפני קרתו מי יעמוד, און איצט — בסך הכל פיר, פינף טעג! — פאַלנע ווּעסנע! די הייזלעך אין דעם דערפל, וואָס רוקט זיך לאַנגזאַם פאַר זיין פענצטער — אַן שניי אויף די דעכער, אַן אַ זכר פון שניי אויף די טוטאַוועניק־ביימער, וואָס וואַקסן דאָ לרוב. קומט אויס טאַקע ווי אין חומש שטייט — וחם השמש ונמס...

ביי דער זייט פונעם וועג, וואָס פירט אין דערפל אַריין, שטייט אַ אָנגעלאָדן אייזל און פאַכעט מיט די צעבלאָזענע נאָזלעכער אין פייכטן שניי אַריין פילנדיק דערביי אַ ווייטן ריח פון דער באַהאַלטענער ערד מיט אירע צוקערזיסע גרעזעלעך. לעבן דעם אייזל, אויף אַן איבערגעקערטן געדיכט־געפלאָכטענעם קויש, זיצט אַ יונגער אוזבעק און טוט אַן ערנסטע אַרבעט — ער לויזט זיך! ווינטער אין דער קעלט ליגן זיי צונויפגעקאָר־טשעט אין די פאַלדן און אין די נאָטן, אָט די פאַרשאָלטענע פּאַראַזיטן, און פוילן זיך אַרויסצושטעקן די נעזלעך. איצט אָבער האָט די פריע זון זיי אויפגעוועקט פון זייער ווינטערדיקן שלאָף און זיי אַרבעטן מעשים, זיי ווילן אָפּזויגן זייער פאַרציע בלוט פאַרן גאַנצן ווינטער מיט איין מאָל. האָט דער יונגער אוזבעק רעוואָלטירט קעגן זיי. ער האָט אָפּגעשטעלט זיין געטרייען רייטוואָגן, אָפּגעבונדן איינעם פון די ליידיקע קוישן, כדי ער זאָל האָבן אויף וואָס צו זיצן, — אַן אוזבעק האָט בטבע פיינט צו שטיין,

— דאָן האָט ער פון זיך אַראָפּגעצויגן די וואַטענע פופאַיקע מיט דער בלוזע מיטן אונטערשטן העמד און מאַכט דאָרט אָן „אַבלאַוועו" מיט דער זעלבער ערנסטער מינע, וואָס אַ סנייפּער נעמט דעם פיינטלעכן אָביעקט „אויף דער מושקע"...

איבער עזריאלס לייב גייט דורך אַ שוידער פון איבל און זיינע ליפּן שעפּטשען שטיל:

— רבונו־של־עולם, אפשר וואָלט שוין צייט געווען צו בייטן די דעקאָראַציע? וויפל איז דער שיעור צו קוקן אויף אַזאַ נמאסער פאַרשטעלונג? אַ שמיטה? אַ יובל? יעדער טאָג האָט דאָך דאָ די לענג פון אַ יובל... מען זאָל נישט זינדיקן מיט די רייד, קצתי בחיי מפני יושב־הארץ —

דער קריכנדיקער צוג האָט שוין אויסגעמיטן דעם פאַרלייזיקטן אוזבעק און ער שלעפּט זיך שוין לענגוים די אונטערשטאָטישע סאַלאַרן. דאָ גלייבט מען שוין אין דער שבת׳דיקער זון און מען שטעלט זיך שוין בויען הייזער. מען קען נישט וואַרטן — מענטשן וואַלגערן זיך אויף דער גאַס. עזריאל באַטראַכט אויפמערקזאַם די ליים־גרעבערס. אייניקע פון זיי שטעלן אַוועק די לאָפּאַטע אַזוי פאַכמעניש, אַז ממש: „זי גראָבט אַליין", און אַנדערע, איז קענטיק, ברענגען זיך אַרוים פון די כוחות און דאָך גייט ביי זיי די עבודה עפּעס קרום־קיילעכדיק. ס'איז ביי עזריאלן קיין ספק נישט, אַז דאָ האָט ער פאַר זיך פוילישע יידן, וואָס זוכן נעבעך זייער שטיקל ברויט אויף אַזאַ אופן. דאָס הארץ פאַרלויפט אים מיט בלוט צוקוקנדיק, ווי די צוויי־פיסיקע אייזלען מאַכן חוזק פון די „פּאַניטשעס", וואָס קענען אפילו רעכט קיין „טשיקמען" אין דער האַנט נישט האַלטן. עזריאל קען קיין אויג נישט אַראָפּנעמען פון די משונה־איינגעבויגענע רוקנס און לא־יצלחדיקע הענט. אָט איז איינער פון זיי אומגעפאַלן און אַלע גרעבערס האָבן זיך אַ וואָרף געטון אים אויפשטעלן אויף די פיס. עזריאל קען מער נישט צוקוקן. די נשמה וויינט אין אים אויף אַ קול:

— עד מתי, פאָטער זיסער, עד מתי? למה פרצת גדריה וארוה כל עוברי־דרך?

אין וואַגאָן האָט זיך נאָך נישט איינגעשטאַנען דער טומל מיט די פריש־זיך־אַריינגעקוועטשטע פּאַסאַזשירן אויף דער גרויסער סטאַנציע און זייער אומגעלומפּערטער געפּעק אויף אַלע דורכגענג און אין אַלע ווינקעלעך איז נאָך געהאַנגען ביי די זיך שוין איינגעטרעסלטע פּאַסאַזשירן ווי אַ בולמע אויפן אויג, ווי אַ בלינדער טשירעק אויפן שפּיץ צונג און דער צוג בלייבט שוין נאָך אַ מאָל אויף אַ ווײַלע שטיין אויף אַן עלנטן „פּאָלו־

סטאַנאָק". נאָך איידער דער צוג רירט ווידער, שטראָמען שוין עזריאלס רעיונות גאָר אין אַן אַנדער ריכטונג. ער קלערט: וואָס אַ שטייגער טראַכט מען צו אויף צו הייבן אַ ביסל די שטימונג ביי זיך אין שטוב? דערציילן חנהן גליקן פון „נישט געשטויגן, נישט געפלויגן" — פּע, דאָס טוט ער קיין מאָל נישט! די וואָס הייבן אָן צו ליגנערן דאָס ווייב מיט אַן אומשולדיק שקר'ל, ענדיקן דאָס רוב מאָל מיט... קיצור הדבר — ער וועט זי נישט האָדעווען מיט קיין ליגנס! וואָס זשע דען טוט מען? ער קען דאָך גוט זיין חנה'לע. אַזוי, אַז עס גייט אַלץ כשורה, איז זי גוט און שיין און פיין און מלא-בטחון און טאָרקעט אים נאָך אונטער: „העכער דעם קאָפּ, עזריאל! האָב אַ ביסל מער קוראַזש, ביסט דאָך עפּעס אַ טאַטע פון קינדער!" אָבער טאָמער חלילה עפּעס נישט אַזוי ווי מען האָט זיך גערעכט, אַזוי פאַרלירט זי גלייך דעם מוט און לאָזט אַראָפּ דאָס קאַרפּאַטע נעזעלע...

ער האָט געקלערט און געקלערט און ערשט אַריינפאָרנדיק קיין סאַמאַרקאַנד, ערב שבת פאַר חצות, איז ער געפאַלן אויף אַ המצאה —

גלייך פונעם צוג איז ער דורכגעגאַנגען פאַרביי ריווע דער בעקערין, וואָס איר וווּנדערבאַר געבעקס איז געווען פון אַזאַ לוקסוס, אַז נאָר גאָר געהויבענע „שישקעס" אָדער פאַרפונדעוועטע „בורזשויעס" האָבן אַריינ־געשמעקט אין איר „אַפּטייקל", און האָט זיך געהייסן איינוויקלען צוויי געפלאָכטענע חלות באַשאָטענע מיט מאָן און מיט קימל און באַשטעקטע מיט צוגעברענטע ראָזשינקעלעך, וואָס יעדע פון זיי וועגט אַ גאַנצע קילאָ —

אַריינגעקומען אין שטוב אַריין מיטן רענצעלע אין איין האַנט און מיט די לחם-משנה אין דער צווייטער, האָט ער דעם ווייב און קינדער קוים געענטפערט אויף זייערע „שלום עליכם'ס" און האָט מיט ציטערנדיקע פינגער פאַר אויפרעגונג אויפגעבונדן דאָס נאָך וואַרעמע פּעקל...

ביי יעדן באַזונדער פון די אַכט נפשות האָט פון איבערראַשונג אָפּגע־נומען דאָס לשון. אַלעמענס אויגן האָבן זיך איינגעפרעסן אין די צוויי יצר־הרע'דיקע קוילעטשן; אַלעמענס צונגען האָבן זיך געוויקעט אין דער פלוצלינג-אָנגעלאָפענער סלינע; אַלעמענס פינגער האָבן זיך קאָנוווּלסיוו צונויפגעדריקט און זיך געצויגן צום טיש, צו יענע לייכטנדיקע טורעמס מיט די פינקלענדיקע פענצטערלעך, וואָס רופן דיך און רייצן דיך און מאַכן דיך פאַר „אוים מענטש". שאַ-שטיל און אויף די שפּיץ פינגער, ווי ער וואָלט געווען אַ לונאַטיקער און וואָלט דאָס געטון פונעם שלאָף, איז מעכעלע — דער עלטסטער פון די פּלימעניקעס — אַרויסגעלאָפן אין פאָר־

הייזל און האָט האַסטיק פאַרוואָרפן דאָס קיטל אויף דער טיר. און כאָטש קיינער האָט זיך דאָס מאָל אויף אהר׳לם חכם אפילו נישט אומגעקוקט, האָבן דאָך אַלע אינסטינקטיוו דערפילט דעם ריח פון אַ מיסטעריע און אַלע האָבן גלייך תופס געווען די באַהאַלטענע כוונה פון דעם קליינעמס עובדה. דער פירוש, כאָטש אויף שטום-לשון, איז געווען, גאַנץ קלאָר:

— מיט אַזאַ מין קאָנטראַבאַנדע מוז מען זיך היינט באַהאַלטן בחדרי חדרים —

די ערשטע איז געקומען צו זיך און האָט געבראָכן די שטילקייט חנה. זי האָט אַ דערשיטערטע זיך אָנגערופן צום מאַן:

— וואָס באַטייט דאָס, עזריאל? דאָס קאָסט דאָך היינט אַ זאַק מיט געלט! צי דו האָסט אפשר געפונען אַן אוצר, זאָג דעם אמת —

עזריאל, אַ שיינענדיקער פון דעם גוואַלדיקן רושם וואָס זיין געראָטענע מתנה האָט געמאַכט אויף דער גאַנצער „שטוב”:

— און וואָס מיינסטו דו? אַז השם-יתברך וועט נאָר הייסן, קען איך געפינען אַן אוצר אויך! מיינסט, אַז ניין?

חנה האָט זיך גאָר נישט אויפגעהערט צו שפיגלען אין די חלות. אַ שעמעוודיקע, ווי אַ יונג מיידעלע האָט זי זיך געחנדלט צום מאַן:

— און אין די גוטע יאָרן, אין כאַרקאָוו, האָט מען דען יאָ געזען אַזאַ שיין געבעקס?

— בפירוש נישט!

— איך בין זיכער, אַז אפילו אויף פורים, אַז גאָט וועט שענקען דאָס לעבן מיטן געזונט, וועלן מיר קיין שענערע קוילעטשן נישט האָבן —

— זיכער נישט! עס קענען דען נאָך זיין שענערע, לעבן מיינס?

— אָבער דאָך וויל איך טאַקע וויסן: וואָס האָט אַזוינס פּאַסירט? וואָס האָט דיך באַוועגט... וואָס האָט דיך געבראַכט צו אַזאַ דרייסטן שריט?

עזריאל, אַ גליקלעכער פון זיין געלונגענעם איינפאַל, האָט זיך שפּאַטיש נאָכגעקרומט זיין צערודערטער פלונית׳טע:

— גאָרנישט! גאָרנישט!! גאָרנישט!!! קיין זאַך האָט נישט פּאַסירט, קיין זאַך האָט מיך נישט באַוועגט, קיין באַזונדערס האָט מיך נישט געבראַכט דערצו, — גאָר—נישט! פשוט ס׳איז דאָך עפּעס שבת אויף דער וועלט און דערצו נאָך שבת — חמשה-עשר-בשבט און לחם-משנה דאַרף מען דאָך במילא האָבן אויף „המוציא”, האָב איך געקויפט אָט די חלות. בלויז איין מאָל לעבט מען דאָך אויף דער וועלט, צי עטלעכע מאָל?

און אין אַ רגע אַרום:

— דאָך איז טאַקע יאָ געווען אַ סיבה דערצו, מיין טייערע... האָסט מיך נישט אין גאַנצן אומזיסט חושד געווען. היינט אין דער פרי, וואַרטנדיק אין אורסאַטיעוועסק אויפן צוג, האָב איך געהערט די סוואַדקע. אין איר האָט זיך שוין ברוך־השם גערעדט וועגן „כּאַרקאָווער ריכטונג" און ווי באַלד „כּאַרקאָווער ריכטונג" ווייסט איר וואָס דאָס הייסט, האָ?

עזריאל, אַ צעפּלאַמטער פון זיינע אייגענע רייד, איז אין עקסטאַז צוגעפאַלן צו זיינע פּלימעניקלעך און פּלימעניטשקעס און האָט זיי אָנגע־הויבן צו קושן:

— איר ווייסט ליליפּוטלעך, וואָס עס באַטייט אַזוינס „כּאַרקאָווער ריכטונג"? דאָס באַדייט, אַז מיר וועלן זיך גאָר אין גיכן אם־ירצה־השם ווידער צונויפקומען מיט אייערע טאַטע־מאַמעס, מיט אהר'עלען און מיט שיינדעלען —

פון עזריאלס לעצטע ווערטער איז אין שטוב געוואָרן אַזאַ גדולה מיט אַזאַ פרייד, אַז דאָס פיזיש און גייסטיק אויסגעשעפּטע פּאָרפאָלק האָט גאָר אָנגעקוואָלן. די באָסע־קאָמאַנדע, אָדער די „ליליפּוטלעך" — ווי עזריאל פלעגט זיי רופן אין אַ שעת־רצון — האָבן זיך אַלע אָנגענומען פאַר די הענטלעך און האָבן צוגעטופּעט מיט די פיסעלעך טאַנצנדיק אין אַ קאַראַהאָד:

טראַ־לאַ־לאַ — כּאַרקאָווער ריכטונג —
בים־בים־באָם — כּאַרקאָווער ריכטונג...

עזריאל האָט גענומען אונטערן אָרעם דאָס פּעקעלע וועש, וואָס חנה האָט אים דערלאַנגט און איז אַ מונטערער און אַן אויפגערוימטער אַוועק אין מרחץ אַריין. די קינדער אין שטוב האָבן נישט אויפגעהערט צו ליאַרעמען און צו פּילדערן:

האָפּ, האָפּ, כּאַרקאָווער ריכטונג —
טרו, טרו, כּאַרקאָווער ריכטונג...

הערשעלע דער מומע חנה'ס, דער יונגסטער פונעם האַלבן טוץ קינדערלעך, האָט זיך אומבאַמערקט אַרויסגעגנבעט פון דער ראָד און האָט זיך חניפהדיק צוגעטוליעט צו דער מוטער:

— מאַמאָטשקאַ, גיב מיר אַ שטיקעלע חלה —

אין שטוב איז מאָמענטאַל געוואָרן שטיל, ווי עמעצער וואָלט מיט אַ שאַרפער האַק אָפּגעהאַקט אַלע ביז אַהער קלינגענדיקע קולעכלעך. חנה,

וואָס האָט דאַן געהאַלטן אין צעמישן ליים אין אַן עמער, אויף אָפּצושמירן דעם ערדענעם פּאָל, האָט צערטלעך אַ גלעט געטון דאָס קליינע זונדעלע אין אָפּגעמאָגערטן בעקעלע:

— וועסט מוזן אויסוואַרטן ביז אויפדערנאַכט, חיותל מיינס. מען טאָר נישט אָפּשניידן, דאָס איז דאָך לחם־משנה —

דער קליינער, מיט אויסזיכטלאָזער עקשנות:

— און אַז לחם־משנה איז וואָס? גיב אַ קליין פּיצעניונקעלע שטיקעלע —

חנה, שוין בייזלעך אויף איר קדישל:

— אַז מען זאָגט דיר, אַז מען טאָר נישט, דאַרפסטו מער נישט בעטן. לחם־משנה, טאָמער איז שוין אָפּגעשניטן אַ שטיקעלע, איז דאָס שוין נישט קיין לחם־משנה —

— נו, טאָ געב כאָטש אַ ברעקעלע מאַנדעלע —

די אויסגעמוטשעטע מוטער וואָלט שוין אפשר געווען נאָכגעגעבן, נאָר דאָ האָבן זיך שוין אויף הערשעלען אַרויפגעכאַפּט אַלע קינדער מיט אַ מאָל:

— גוי גמור דו! זולל וסובא דו! פרעסער, קיין מאַנדעלע טאָר מען אויך נישט. דו ווילסט קאַליע מאַכן די לחם־משנה, ווילסטו?

און מעכעלע, אהר'לם בחורל, דער עלטסטער אין דער קאָמפּאַניע, שוין אַן אמתער ישיבה־בחור, האָט דעם קליינעם קהל מסביר געווען מיט אַ סודותדיקער מינע:

— לחם־משנה דאָס איז אַזאַ סאָרט מצווה, וואָס אויב מען רירט אָן פון די חלות אפילו איין און איינציק מאַנדעלע, איז דאָס פּונקט ווי אַ „ישראל" וואָלט אָנגעביסן פון די שתי לחם־הפנים, אָדער ווי מען וואָלט אָפּגעבראָכן ביי אַן אתרוג דעם פּטום... איר שטעלט זיך יאָ פאָר, וואָס דאָס הייסט — אַן אתרוג אָן אַ פּטום, האָ?

די דערשראָקענע קינדערלעך האָבן פרום געשאָקלט מיט די קעפּעלעך:

— רעד גאָר נישט... זאָל גאָט שומר ומציל זיין! אונדזער הערשעלע וועט אַזאַ זאַך נישט טאָן... אמת, אַז ניין, הערשעלע?

און אַז דאָס קליינע הערשעלע האָט מיט היפּשע טרערעלעך אין די אייגעלעך געשאָקלט מיטן קעפּל אין דער ברייט: ניין־ניין, ער וועט אַזאַ זאַך נישט טאָן, איז די גאַנצע קאַפּעלע מיט פרישן התלהבות אוועק אין אַ ריקוד:

האָפּ־פּאַ כּאַרקאָווער ריכטונג —
אוי, אוי, כּאַרקאָווער ריכטונג...

און אַז חנה האָט משלח געווען די קינדער אין דרויסן אַרויס און אַליין האָט זי זיך במחילה צעלייגט איבער דער ערד זי אָפּצושמירן לכבוד שבת און לכבוד חמשה־עשר־בשבט און טאָקע לכבוד די שיינע חלות, וואָס מאַכן ליכטיק אין אַלע ווינקעלעך בעסער ווי די גרעסטע פּראָזשעקטאָרן, האָבן די קינדער אויפן הויף פאַנטאַזירט וועגן די אומגעווײנלעכע קוילעטשן, וואָס ליגן דאָרטן אויפן טיש און געפירט צווישן זיך אַ הייסן וויכוח:

— ווי אַזוי, קונדייסים וואָס איר זענט, שטעלט איר זיך פאָר, וועט עס אויסזען, אַז דער פעטער עזריאל וועט קומען פון דער שול און אָנהייבן איין קוילעטש פון די לחם־משנה און נעמען טיילן „מוציא'ס” פאַר אונדז אַלע, וואָס וועט דאַמאָלסט זיין?

— וואָס וועט דאַמאָלסט זיין, שטרויענער מח! דאַמאָלסט וועט זיין גוט!

— און אַז ער וועט אין דער פרי נאָכן דאַווענען אָנהייבן טיילן פון דעם צווייטן קוילעטש?

— דאַמאָלסט וועט זיין נאָך בעסער!

— און ווי אַזוי מיינסטו וועט ער שניידן די קוילעטשן: אין דער לענג, צי אין דער ברייט?

— איוואַן גוי! אין דער לענג שניידט מען דאָך נאָר פּורים!

— און חמשה־עשר איז דען קלענער פון פּורים?

— איך ווייס נישט: קלענער, צי גרעסער — אָבער נישט פּורים! און אין דער לענג שניידט מען נאָר דעם פּורים־קוילעטש —

— ווי באַלד אַזוי וועלן דאָך זיין קורצערע מוציא'ס?

— אָבער דערפאַר וועלן זיי דאָך זיין אָן אַ שיעור מערער, דו! חכם פון דער מה־נשתנה —

און ווידער איז די כאַפּטע הונגעריקע קינדערלעך אַוועק מיט אַ טענצל: כּאַרקאָווער ריכטונג, כּאַרקאָווער ריכטונג, כּאַרקאָווער ריכטונג...

אַז עזריאל איז אַ צעפּאַרעטער און אַ פאַרשוויצטער אַריינגעקומען פונעם מרחץ אַהיים, האָט שוין גאָר חנה געהאַט אָפּגעבענטשט ליכט. פאַר גרויס דבקות האָט זי זיך היינט געפעדערט מיט אַ גאַנצער האַלבער שעה. זי האָט גאָר געמיינט, זאָגט זי, אַז ער וועט גלייך פון דער באָד שוין גיין

אין שול אַריין. מילא נו, קיין גרעסערער אומגליק זאָל נישט טרעפן. איידער צו פאַרשפּעטיקן חלילה אפילו איין מינוט, איז שוין גלייכער, וואָס פריער אַ ביסל. עזריאל האָט ממש די שטוב נישט דערקענט. אויף דער פריש אויסגעטינקעוועטער און אָפּגעשמירטער ערד זענען אין דער לענג און אין דער ברייט פונעם צימער געווען אויסגעשפּרייט שטעגלעך פון אַלטע האַנ־טעכער און פון זעק, וואָס זענען פאַר דער גאַנצער צייט אויסגעליידיקט געוואָרן פונעם געפּעק. אויף די שעמערירנדיק־ווייסע ווענט זענען געווען צעהאַנגען פאַרשידענע פאַרהענגלעך און לייוונטענע אויסגענייטע טעפּיכלעך וואָס קיין שום משוגענער אוזבעק האָט זיי נישט געוואָלט נעמען אין די הענט אַריין אפילו ווען מען גיט זיי אים אַוועק אומזיסט. די שויבן זענען געווען ציכטיק אויסגעווישט, אַזוי אַז די גאַנצע פאַר־דער־שקיעה־זון איז געווען אין צימער און האָט געבענטשט און געהייליקט די שבת־מלכתא, וואָס רוט שוין דאָ אין יעדן ווינקעלע. אויף די פענצטער זענען געווען צעהאַנגען קונציק־פאַרצירעוועטע און טיכטיק־צוגעשטאָפּטע טיוליענע פאָרהאַנגען. די כוונה איז געווען: נישט אַזוי פיל צוליב שיינקייט, ווי צוליב פאַרזיכטיקייט: חלות אויפן טיש, ווייַן פון ראָזשינקעס, אַ ביסל צוגעפּוצט דאָס צימער, כ׳ווייס? למה תתראו? דער טיש איז געווען יומטובדיק געגרייט: דער שענסטער טישטעך, דאָס שענסטע געשיר, וואָס זיי האָבן פאַרמאָגט — כאָטש זעץ זיך שוין צום „סדר״ און זאָג „כהא לחמא״. די אַליין געמאַכטע חלבנע ליכט האָבן גאָר דאָס מאָל נישט געשפּריצט און נישט געשאָסן „ווי פון האַרמאַטן״, נאָר שלווהדיק און בנעימותדיק געלויכטן, אַז ס׳איז ממש געווען אַ מחיה צו קוקן —

— זיי האָבן אַ פּנים דרך־ארץ פאַר די קוילעטשן! — גיט עזריאל אַ טראַכט און דערמאָנט זיך, אַז אין דער היים, אין קאַניעוו, ווען אַ שבת־ליכט האָט זיך אָנגעהויבן צו שמעלצן, פלעגט מען אָקעגן דעם אַוועקלייגן אַ חלה. דאָס איז געווען אַזאַ סאָרט בייטש: זע, אַז ס׳איז היינט שבת און האָב דרך־ארץ!

און ס׳האָט שטענדיק געהאָלפן!

עזריאל קוקט זיך אום אויף זיין פּלאַץ: אין סאַמע צענטער פונעם טיש, סאַמע אויבנאָן: דער טשוואָק פון דער גאַנצער גדולה, דער „חמשה־עשר״ וואָס ער האָט געבראַכט פאַר די קינדערלעך, — די צוויי שיינע, הויכע, שמעקנדיקע, קעניגלעכע חלות —

אין שטוב האָבן אַרומגעשוועבט מלאכים. זיי האָבן נישט געוואָלט וואַרטן ביז עזריאל וועט זיי אַ מאָל ברענגען צו פירן פון דער שול, זיי

האָבן אַליין געטראָפן דעם וועג אַהערצו, די מלאכי־השלום, מלאכי־השרת, מלאכי־עליון...

עזריאל האָט זיך אַזש נישט געקענט איינהאַלטן, ער איז צוגעלאָפן צו חנה׳ן, האָט זי איינגעשלאָסן אין זיינע אָרעמס און זי אַ קלינגענדיקן קוש געטון, די מלכה זיינע:

— חנה׳לע, איצט, אַז דער אייבערשטער האָט שוין איינגעפעדעמט די גאולה מיט דער „כאַרקאָווער ריכטונג", וועט ער שוין אפשר שיקן די גאולה־שלמה, האַ? דו מיינסט, אַז ער קען נישט, צי אָט דער קונץ איז פאַר אים צו אַ גרויסע טרחה? וואָס זאָגסטו דו? עפּעס שטייט דאָך פאַרט אין זוהר: כדבעי רחמנא לסעיא, בכולא בעי לסיעא —

ווי דאָס קליינוואַרג האָט דערזען, אַז דער פעטער קושט די מומע, איז אויף זיי אויך אָנגעפאַלן אַ קושעניש און אַ האַלדזעניש. מען האָט נישט געטאַנצט, מען זאָל נישט צעגראָבן די נאַסע ליים, אָבער מען האָט געזונגען און געפּליעסקעט:

מזל־טוב, מזל־טוב, כאַרקאָווער ריכטונג!
מזל־טוב, מזל־טוב, כאַרקאָווער ריכטונג —

עזריאל פון איין זייט און זיין פרוי פון דער צווייטער זייט זענען זיי געשטאַנען זה בזווית זו וזו בזווית זו און האָבן גאָר אָנגעקוואָלן צוקוקנדיק: שהשמחה במעונם —

מיט אַ מאָל האָט זיך עזריאל דערמאָנט, אַז עס ווערט שפּעט צום דאַווענען און ער האָט אַ געשריי געטון מיט אַ צוקער־זיסער רוגזה:

— נאַקעטע פּופּקעס, איר וועט מיך נאָך לאַנג האַלטן? די קעפּלעך אַהערצו, נאָר שנעל —

אין איין אויגנבליק זענען געשטאַנען פאַר אים די זעקס קינדערלעך מיט אָנגעבויגענע קעפּעלעך און האָבן מיט אַ הייליקן ציטער באַקומען די ערב־שבתדיקע ברכה פון די עלטערן, פון פעטער און מומע.

חנה האָט נאָך עפּעס געשעפּטשעט, ווען עזריאל איז אין מיטן „ישימך אלקים" צוגעלאָפן צו דער טיר און איז פאַרשווונדן אָן אַ „זייט געזונט". ער האָט זיך געשעמט צו וויינען פאַר דעם קליינוואַרג און איינ־האַלטן די טרערן האָט ער אויך נישט געקענט. ער האָט אַליין נישט געוווּסט, וואָס מיט אים טוט זיך היינט. פון אינדערפרי אָן, אַז די טרערן שטייען אים אין האַלדז און שטיקן און רייסן זיך אַרויף, ווי דאָס וואַסער פון אונטער די ערב־פּסח׳דיקע קריעס. און וואָס ווילן זיי, די

דאָזיקע ערב־חמשה־עשר׳דיקע טרערן? ווען מען דאַרף ער עס חלילה באַוויינען? איפכא מסתברא — טאַנצן דאַרף ער דאָך! טאַנצן אין די גאַסן עד דלא ידע: פאַר דער אתחלתא דגאולה, פאַר זיין זעלטענעם שלום־בית, פאַר דעם פריילעכן חמשה־עשר־בשבט, — פאַר אַלץ, פאַר אַלץ, פאַר אַלץ...

און אין שטוב ביי אים האָט דאָס יונגוואַרג ווידער געקערט וועלטן און געליאַרעמט אויף קולי־קולות:

הורא, הורא, כאַרקאָווער ריכטונג,
הורא, הורא, כאַרקאָווער ריכטונג —

...זעקס יידישע קינדערלעך מיט זעקס פאָר ברענענדיקע אייגעלעך האָבן געזונגען און געפּליעסקעט „כאַרקאָווער ריכטונג" און בגנבה האָט מען די גאַנצע צייט געקוקט און פון דער לופט אויפגעכאַפּט דעם קיצלדיקן ריח־הניחוח פון דעם פאַרכישופטן לחם־משנה...

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

עזריאל איז דאָס מאָל געגאַנגען דאַווענען צום וואָראָניעזשער רב. ס'איז שוין נישט איבעריקס פרי און דאָרט, ווייסט ער, דאַוונט מען שפּעטער ווי אומעטום. יאָ, ס'איז שוין נישט פרי. ער האָט זיך צו פיל פאַרשמועסט מיט זיין יידענע... כל המרבה שיחה עם האשה... ווייס איך, ס'איז נישט קיין גוואַלד. ס'איז דאָך זיין אייגענע אשה, נישט חלילה קיין פרעמדע און עפּעס אין אַזאַ טאָג, ווען זייער כאַרקאָוו איז שוין כמעט אויפגעשטאַנען תחיית־המתים... נישקשה, דער יודע־לבבות וועט מוחל זיין —

ער קוקט זיך אַרום אויף אַלע זייטן: דאַכט זיך אַ בלינדער קען אויך דערקענען, אַז ס'איז איצט ערב־שבת פאַר נאַכט. קיין בוכאַרישע יידן זעט מען אין גאַנצן נישט. אַלע זענען זיי מסתם אין די בתי־תפילה, אין זייערע. נאָר ווער רעדט עפּעס פון זיי? אפילו די אַלטע און יונגע אוזבעקן, וואָס ליגן ווי שטענדיק צעלייגט אויף אַ טעפּיך לעבן דער גרויסער טשאַיכאַנאַ, אפילו זיי זעען איצט אויך אויס סטאַטעטשנער, סאָלידער און נישט אַזוי מלא־גזלן ווי אַלע מאָל, — פאָרט שבת אויף דער וועלט! אבן מקיר תזעק — שבת היום!

דער מערב רויטלט זיך נאָך פון דער שקיעה. אין דרויסן איז אַזוי וואַרעם — כאָטש וואַרף פון זיך אַראָפּ דאָס פידזשאַקל און בלייב אין איין העמד! זינט ער לעבט האָט ער נאָך נישט געזען, אַז אין מיטן שבת זאָל זיין אַזאַ חמימה... יאָ, ס'איז שפּעט. מען קען שוין ביים וואָראָניעזשער אויך דאַווענען. ער גייט שוין נישט, נאָר ער לויפט. פון אים אויף דער

מאַכאַלאַ איז טאַקע אַ מהלך־רב. כמעט אַ תחום־שבת. אין האַרצן צעוויקלט זיך ביי אים אַ קנויל פון אומבאַגרענעצטער ליבע צום באַשעפער, ליבע אָן אַ חשבון! אָן אַ פאַרוואָס און אָן אַ פאַרוועז און אָן קיין שום פאַרלאַנג פון אים... כאָטש ניין! ער האָט יאָ אַ פאַרלאַנג. איין און איינציקן פאַרלאַנג —

— טאַטע זיסער, חדש ימנו כקדם... אם לא עכשיו — אימתי?

אין שולעכל אויף דער „מאַכאַלאַ" האָט מען שוין טאַקע געדאַוונט. דער חזן האָט שוין געזאָגט די הויכע שמונה־עשרה. עזריאל האַלט אין איין איבערחזרן: „האָט נישט קיין פאַראיבל", „האָט נישט קיין פאַראיבל" און שטופּט זיך אַרויף וואָס העכער פון דער טיר, וואָס ווייטער פונעם רעדנדיקן עולם. ער קען נישט ליידן, אַז די פּוילישע יידן מאַכן רעדלעך אין שול און מען רעדט און מען רעדט און מען רעדט און מען האַלט אין איין רעדן, אַז מען קען אַזש נישט הערן, ווו דער חזן האַלט. פון מיטהאַלטן מיט אים איז שוין אָפּגערעדט! — אָדער ווי זיי אַליין רופן אָן אַט די רעדערס בלשון סגי־נהור: מקהיל קהילות ודורש ברבים... — ער, עזריאל, האַלט, אַז זמן תפילה לחוד און זמן פּוסטע דיבורים לחוד, נאָר אַזוי ווי זיי אויסבעסערן פּילט ער זיך נישט אין כח, על־כל־פּנים רוקט ער זיך אָפּ פון זיי: וואָס ווייטער, וואָס ווייטער. דורכגייענדיק פאַרביי דער טיר האָט ער באַמערקט עטלעכע יידן, וואָס זעען אויס, ווי אורחים, ווי אָרעמעלייט, הייסט עס. עס גיט אים אַזש אַ קלעם ביים האַרצן. אין דער היים, אין כאַרקאָוו, איז ביי אים געווען ממש אַ חוק ולא יעבור: אָן אורח אויף שבת! סיידן ס'איז נישט געווען בנמצא. אין יענע מקומות איז דער דאָזיקער מין „אורח" אָפּט מאָל נישט געווען בנמצא. פון זינט זיי וווינען דאָ, אין סאַמאַרקאַנד, האָט ער נאָך קיין איין מאָל קיין אורח צום טיש נישט גענומען, ער האָט שוין דווקא עטלעכע מאָל וועגן דעם איבערגעשמועסט מיט זיין חלק־שני, אָבער זי האָט אים שטענדיק און אייביק געענטפערט איינס און דאָס זעלבע:

— דו דאַרפסט ערשט ברענגען פרעמדע אורחים צום טיש? דו האָסט דאַכט זיך קיין עין־הרע דיין פאַרציע אורחים ביים טיש פון אינ־דערפרי ביז אויפדערנאַכט, צי ניין אפשר?

און גערעכט, ווייסט ער, איז זי. זי איז גערעכט, זיין חנה, ווי שטענדיק און אַלע מאָל. דאַכט זיך קודשא־בריך־הוא אַליין, ווען ער קען ביי אים פרעגן, וואָלט ער אים אויך אין דעם פאַל געזאָגט און באַפוילן:

— כל אשר תאמר אליך חנה, שמע בקולה!

ער האָט זיך ענדלעך טאַקע דערשלאָגן ביזן אייבערשטן ווינקל און האָט זיך געשטעלט דאַווענען. ער האָט דאָס מאָל מקבל־שבת געווען מיט אַ באַזונדער דבקות און מיט אַ באַזונדער התרוממות־הנפש. ביי: „להגיד בבוקר חסדך ואמונתך בלילות" און דערנאָך ביי: „גולל אור מפני חושך וחושך מפני אור" האָט ער זיך אַפילו שטאַרק צעוויינט און האָט אַזוי אָוועקגעוויינט בדמעות־שליש אַ שפּאַר ביסל צייט, כאָטש שבת איז גאָר מסתם נישט רעכט צו וויינען, — שבת הוא מלזעוק —

די גאַנצע צייט פונעם דאַווענען, — חוץ צו „בואי בשלום" — האָט ער זיך אַפילו קיין איין מאָל נישט אומגעדרייט פון דער וואַנט. ער האָט פשוט נישט געוואָלט, אַז עמעצער פון זיינע באַקאַנטע זאָלן באַמערקן זיינע פאַרוויינטע אויגן... ערשט ווען ער האָט דערפילט אין דער שטילקייט, אַז דער עולם איז זיך שוין כמעט צעגאַנגען, האָט ער זיך געלאָזן אומ־געדרייט מיטן פנים צו די מתפללים, געזאָגט „גוט שבת" די איינציקע יידן, וואָס האָבן זיך אויך אַ ביסל פאַרשפּעטיקט אַזוי ווי ער, און האָט זיך בפסיעה־קטנה, ווי שבת פאַסט, געלאָזט גיין צום אַרויסגאַנג.

כמעט סאַמע ביי דער שוועל האָט ער דערזען שטיין אַ יונגנמאַן. דער יונגערמאַן נעבעך איז געשטאַנען אומבאַוועגלעך, פונקט ווי אויף „סמאָטר". פאַרשטייט ער דאָך שוין, וואָס אַזאַ סאָרט שטיין אין געהאַקטע ווונדן באַטייט, גיט עס אים אַ שטאָך ביז אין דער זיבעטער ריפּ: אַן אורח! אָבער ער געדענקט גוט חנה'ס ענטפער און די חכמים'ס רייד: עניי עירך קודמין... מבשרך אל תתעלם... און ער גייט פאַרביי זיך נישט אומקוקנדיק... יעדער שפּאַן בריט אים אין די פּיאַטעס, ווי ער וואָלט אַ באַרוועסער געטראָטן אויף ברענענדיקן פריסעק, אָבער — יד לפה! וואָס קען ער העלפן? הכל בידי שמים! מסתם איז דאָך דער רצון הבורא אַזוי... אין עצה ואין גבורה נגד ד'... גייט ער... און ער גייט אַרויס פון דער טיר —

און פּלוצלינג גיט אים אַ זעץ אין קאָפּ אַ רעיון:

— אַט דער ייד, נישט געגנוג וואָס ער האָט זיכער געהונגערט אַ גאַנצע וואָך, האָט ער איצט מסתם נישט קיין כוס וויין אויף קידוש צו מאַכן! און ווייז האָב איך דאָך געגנוג! אַ בעכערל ראַזשינקעס־יויך איז שוין אויך אַ גאַנצע מעצאָצע?

ער קערט זיך האַסטיק אום אויף צוריק און שטרעקט אויס דעם פרעמדן יונגנמאַן די האַנט:

— שלום־עליכם אַ ייד. שעמט זיך נישט, זאָגט מיר דעם אמת: ביי זיך אין דער היים, ווו איר ווינט ערגעץ, האָט איר אויף וואָס צו מאַכן קידוש?

שמואליק טייטלבוים שאָקלט מיטן קאָפּ אין דער ברייט:

— ניין, ער האָט נישט.

עזריאל גייט אַריין אין קוראַזש:

— וואָס רעדט איר? איר האָט נישט אויף וואָס קידוש צו מאַכן? קידוש-היום איז דאָך מדאוריתא! אויב אַזוי טאָ קומט זשע מיט מיר! גיט אַ קוש די מזוזה און קומט, מילא קיין סעודה פאַרמאָג איך נישט אייך צו געבן, איך האָב פרעמדע קינדערלעך ביים טיש, אָבער אַ כוס וויין אויף קידוש — מיט אַלע כבוד'ן!

עזריאל האָט כלל פאַרגעסן אינעם „פוסעים בו פסיעה קטנה" און ער האָט געמאַכט אַזעלכע ריזיקע שפּאַן, אַז דער אורח האָט קוים נאָכ־געהאַלטן נאָך אים. עזריאל איז געווען נתפעל פון זיין אייגענעם איינפאַל:

— קידוש! עפּעס אַ שפּילעכל: זען, אַז נאָך אַ ייד זאָל מאַכן קידוש... קידוש-היום מדאוריתא — עפּעס אַ קלייניקייט?

ס'איז שוין געווען אַ שטיק אין דער נאַכט. דער וועג פון מאַכאַלאַ איז געווען זייער אַ ווייטער. די גאַסן זענען געווען פּוסט, ווי אום האַלבער נאַכט. אויף דעם טונקעלן טיפן הימל האָט די פולע לבנה מיט איר שבתדיק־צעשטראַלטן פּנים זיך געהאַלטן אין איין שפּיגלען אין אירע מילי־מיליאָסן שבת-ליכטלעך. זי שפּיגלט זיך אין אירע נרות של שבת, אָבער פון דעסט וועגן פאַרגעסט זי נישט צוצווינקען עזריאלן:

— איר גייט? גייט, גייט און האָט אַ גוטן שבת, אַ פריילעכן —

און עזריאל האָט במילא אַ גוטן שבת. ער גייט און איז אגב אורחא אין געדאַנק מצרף איין ישועה צו דער צווייטער:

— ...דאָרט כאַרקאָוו און דאָ חמשה-עשר בשבט און דאָ נאָך געגעבן אַ יידן אַ כוס וויין אויף קידוש... רבונא דעלמא כולא, מיט וואָס האָב איך זוכה געווען צו אַזוי פיל חסדים מיט איין מאָל?

ער גייט און דאָס ליכטיקע אויג פון דער האַלב-חודש'דיקער נאַכט שפּרייט פאַר זיינע פיס פאַנטאַסטישע געמעלן, — אַזיאַטישער לבנה־מיראַזש, — איינגעטונקענע אין גאָלדענעם זילבער אָדער אין זילבערנעם גאָלד.

— באַרעכן נאָר — טראַכט עזריאל — די זון האָט בלויז אויף עטלעכע טעג געעפנט איר גרויס אויג און שוין איז אין דרויסן געוואָרן אַזאַ חמימה, ממש דושנע, שווער צו טראָגן דעם מאַנטל, פונקט ווי איצט וואָלט געווען חמשה-עשר-באב, נישט חמשה-עשר-בשבט... רבונו-של-עולם, ווען וועסט דו אַליין, כביכול, שוין עפענען דיין גרויס אויג, האָ? וויפל איז דער

שיעור זיך צו שפּילן מיט אונדז אין זשמורקעס און אין באַהעלטערלעך? וויפל פאַרט? מיר זענען שוין מיד צו טאַפּן אין דער פינצטער און דיך אַרומ־זוכן מיט פאַרבונדענע אויגן —

אין שטוב אַריין איז ער אַריינגעגאַנגען מיט אַ יומטובדיק גענגעלע און האָט האַפערדיק אַ געשריי געטון פון דער שוועל:

— גוט שבת! גוט שבת קינדערלעך, גוט שבת!

און אויסדרייענדיק זיך „בואי בשלום" צום אורח:

— קומט אַריין יונגערמאַן, קומט אַריין נעענטער —

חנה האָט שטיל און אויסגעלאַשן געענטפערט: „גוט שבת, גוט יאָר!" און האָט מיט אַ לייכטן פאַראיבל אַ טראַכט געטון:

— איך אויף עזריאלס אָרט וואָלט היינט קיין אורח נישט געבראַכט מיט זיך... און נאָך גראָד היינט — אודאי און אודאי נישט...

עזריאל האָט דערשפּירט אירע געדאַנקען און דווקא ווייל ער האָט געפילט, אַז געדעכט איז זי, האָט דאָס אים ווי געטון. נישט אויפהייבנדיק די אויגן אויף קיינעם, ווי אַ פאַרזינדיקטער, האָט ער זיך אָנגערופן צו קיינעם נישט:

— נו, וועלן מיר, הייסט עס, געבן דעם יידן אַ כוס ווין אויף קידוש... אין דער היים ביי זיך האָט ער נעבעך נישט אויף וואָס קידוש צו מאַכן און קידוש־היום איז דאָך מדאוריתא —

שמואליקס עלנטער בליק האָט מיט באַהאַלטענער קנאה אַ בלאָנדזשע געטון איבער די פּנימער פון די בני־בית, איבערן צימער. ער האָט גוט באַמערקט דאָס באַלעבאַטישע צוגערוימטקייט און צוגעפּוצטקייט, דעם שיין געגרייטן טיש און זיינע אויגן זענען געבליבן שטעקן אויפן צו־געברווינטן דעכל פון דעם נישט אין גאַנצן צוגעדעקטן קוילעטש.

— אַזוי איז דאָס — האָט ער געטראַכט מיט ווייטיק — עס זענען נאָך דאָ יידן אויף דער וועלט, וואָס וווינען ווי מענטשן און לעבן ווי מענטשן און עסן ווי מענטשן... אפילו ווייסע קוילעטשן אויך...

עזריאל, וואָס האָט שוין געהאַלטן דאָס פלעשל ווין ביים גאַרגל אויף אָנצוגיסן פאַר דעם אורח אַ כוס, אַז ער זאָל אָפּמאַכן קידוש און זאָגן „אַ גוטן שבת", — מסתם האָט ער דאָך ערגעץ וווהין צו גיין, ווי דען אַנדערש? — האָט פּלוצלינג איבערגעכאַפּט דעם יונגנמאַנס גיריקן בליק, וועלכער איז געווען צוגעשמידט צו דעם אַנטבלויזטן שטיקל חלה, און ס'האָט זיך ביי אים אַרויסגעכאַפּט, אַליין נישט באַגרייפנדיק וואָס ער האָט דאָ ערשט געזאָגט:

— אפשר ווילט איר בעסער מאַכן קידוש אויף חלה, קענט איר מאַכן, פאַר וואָס נישט? צי עס וועט אונדז בלייבן אַ „מוציא" מער, צי אַ „מוציא" ווייניקער, — ס'איז נישט געפערלעך, מען קען בלייבן לעבן —

שמואליק האָט נאָר געענטפערט מיט אַ שאָקל מיטן קאָפּ. עזריאל האָט גוט באַמערקט, ווי בלאַס חנה איז געוואָרן און ער האָט איר אין האַרצן אפילו אַרויסגעגעבן דעם גערעכט אויך, אָבער געזאָגט איז פאַר־פאַלן. צוריק כאַפּט מען נישט. אַזוי ווי נישט חנה, נישט קיינער פון די קינדער האָבן זיך די גאַנצע צייט נישט אָנגערופן מיט קיין וואָרט און בכלל נישט אַרויסגעוויזן קיין סימנים פון לעבן, ווי זיי וואָלטן געווען פון גיפּס, אָדער פון בראָנזע, האָט עזריאל אַליין אָנגעוויזן שמואליקן דעם עמער וווּהין מען וואַשט זיך, אים דערלאַנגט אַ האַנטעך און אוועקגע־לייגט פאַר אים אַ חלה —

ביי אַ טויטער שטילקייט האָט שמואליק מאָדנע־שטאַמלענדיק קידוש געמאַכט, נאָך „מקדש השבת" האָט ער זיך צוגעזעצט אויף אַ שפּיץ בענקל, צעשניטן דעם קוילעטש מחצה על מחצה, דאַן האָט ער זיך אָפּגעשניטן אַ קיילעכדיק ריפטל און האָט אָנגעהויבן צו בייסן פון דעם.

דערזעענדיק דעם ווייסטן חורבן, וואָס דער פרעמדער ייד מאַכט אָן אין די הייליקע לחם־משנה און פילנדיק מיט דעם געזונטן קינדערשן חוש, ווי אומבאַהאָלפן דער פעטער עזריאל איז קעגן אָט דעם שרעקלעכן אורח, האָבן זיך די קינדער צו צוויי, צו דריי פאַרשלאָגן אין די ווינקעלעך — ווי די אָרעמע שעפּעלעך, ווען אַ וואָלף הייבט זיך אָן דערנענטערן צו דער סטאַדע — און האָבן פון דאָרט אַרויסגעקוקט מיט פינקלענדיקע און דערשראָקענע אויגן:

— וואָס וועט דאָ זיין? וואָס וועט דאָ זיין?

עזריאל איז אין געהאַקטע ווונדן געשטאַנען לעבן זיין אורח, אויף זיינע ליפּן האָט געשוועבט אַ לייטזעליק שמייכעלע, און ער איז יעדע רגע גרייט געווען אַרויסצובאַגלייטן אים פונעם הויף און פאַרשליסן די טיר הינטער אים, אָבער דער אורח, אַ פּנים, האָט אפילו נישט געקלערט אַזוי גיך זיך אויפצוהייבן. שמואליק האָט מיט ציטערנדיקע פינגער אָפּגעשניטן איין ריפטל נאָכן צווייטן, צו היפּשע שטיקלעך געלייגט אין מויל אַריין און מיט הילכיקן ציינער־געקלאַפּ געקייעט אויף ביידע באַקן. דאָס פּנים, פּילט ער, איז אים צעשטאָכן ווי מיט אָנגעגליטע נאָדלען. דאָס איז פון די פיינטלעכע בליקן וואָס שטעכן אים פון אַלע זייטן. כדי ער זאָל נישט מוזן זיך אומקוקן אין אַ זייט אַריין, קוקט ער מיט אַ שטאַרן בליק גלייך

אויף די פלעמעלעך פון די שבת־ליכט און די ציין דערוויל טוען זייער לאנג־דערוואַרטע אַרבעט באמונה — זיי קייען און קייען און הערן גאָר־נישט אויף צו קייען...

דאָס פּנים שמואליקס איז פאַרגליווערט, אָבער זיין מח אַרבעט האַסטיק. ער פילט מיט אַלע חושים, אַז ער באַגייט דאָ אַ שטילע רציחה. דער בעל־הבית, זעט ער מן הצד, נישט צונעמענדיק חלילה די אויגן פון די געל־רויטע פלעמעלעך, שטייט נאָך אַלץ לעבן אים און שמייכלט, פּונקט ווי פריער. ער שטייט, ווי אַ פאַראַליזירטער. אין שמואליקן צערייסט זיך דאָס האַרץ:

— וואָס האָט ער צו אָט דעם יידן? אויב יענער איז אַ לייטישער מענטש און לאָזט זיך, דאַרף מען אים קוילען? ווו איז יושר? ווו איז מענטשלעכקייט?

אָט הערט ער, ווי איין קינד זאָגט עפּעס דעם צווייטן קינד, מיט אַ קוים־איינגעהאַלטענעם געוויין שעפּטשעט ער אים אויפן אויער:

— זע נאַר, ער עסט דאָך טאַקע אויף אַן אמת —

דאָס צווייטע קינד ענטפערט אים, אויך דורך טרערן, אויך שעפּ־טשענדיק:

— ער ווייסט מסתמא נישט, דער אורח, אַז דאָס איז אונדזער אַלע־מענס לחם־משנה —

שמואליק פילט, אַז די פינגער ברענען ביי אים ווי אָנגעגליטע שפּיזלעך; דאָס בענקל אונטער אים איז אַ ברענענדיקע פּייערפאַן; יעדער ביסן, וואָס ער לייגט אַריין אין מויל אַריין איז אַ שטיק סם, סם־המות; ער הרגעט, פּשוט ער הרגעט מענטשן. ער פּרוווט צונעמען די הענט פון די שיריים פונעם קוילעטש און וויל זיך בגוואַלד אויפהייבן פונעם בענקל — עס גייט נישט! נישטאָ גאָר דער כח אין דער וועלט, וואָס זאָל אים איצט קענען צווינגען איבערצולאָזן אויפן טיש פון זיין חלה אפילו איין קליין ברעקעלע. די חלה איז אַזוי זיס און אַזוי געשמאַק און אַזוי פאַר־שיכורנדיק און דאָס ערגסטע איז, וואָס זי איז געקנעטן געוואָרן אויף מאַגניט, מיט קיין אייזערנע צוואַנגען וואָלט מען אים איצט נישט געקענט אָפּרייסן פון איר, סיידן... סיידן, ווען מען נעמט אים אָן ביים גאָרגל און מען צערייסט אים דעם בית־הבליעה אויף צווייען, אָבער דער בעל־הבית, איז קענטיק, קלערט אפילו נישט אים אָנצונעמען ביים גאָרגל, ער שטייט אויף דעם זעלבן פלאַץ וואָס פריער מיט אַ פאַרגליווערט שמייכעלע אויף די ליפּן...

פון אַ ווינקל האָט זיך דייטלעך דערטראָגן אַ געוויין פון אַ קינד, אָבער ער קייעט ווייטער. ס'איז נאָך דאָ אפשר אַ פערטל חלה און ער וועט בשום אופן נישט מוותר זיין אפילו אויף קיין איין כזית. אָ! עמעצער האָט אַ זעץ געטון מיט דער טיר. דאָס איז די באַלעבאָסטע אַרויסגעלאָפן פון דער שטוב, אײדער דאָס האַרץ זאָל אין איר פּלאַצן צוקוקנדיק. זי האָט שוין נישט געקענט מער פאַרטראָגן אָט די קאַלטע רציחה. געדעכט ווי משיח! אָבער פאַר וואָס האָט זי אים בעסער נישט צעשפּאַלטן דעם קאָפּ מיט יענער האַק, וואָס שטייט דאָרט אין ווינקל, אײדער אים, אָט דעם גזלן, אָפּטרייבן איר שטוב? ווידער וויינט אַ קינד, אָ, עס וועט שוין לאַנג נישט דויערן ביי אים. נאָך אַ ריפּטל, נאָך עטלעכע ריפּטלעך, דאַן די גאָלדענע ברעקעלעך און ער איז שוין פאַרטיק! וויפל איז שוין דאָ זינט ער האָט זיך אַריינגעריסן אהער אין צימער אַריין מיט זיין יאָרנלאַנגער אויסגעהונגערטקייט? אַ יאָר? צען יאָר? ווידער דערטראָגט זיך צו זיינע אויערן אַ שלוכצן פון אַ קינד. ער וואָלט שוין אפשר געדאַרפט אויפהערן צו מעלה-גרה'ן. ער וואָלט זיך געדאַרפט אַ הייב טון, אַרויס פון דער טיר, איבערשפּרונגען דעם ליימענעם פּלויט און אַנטלויפן, אַנטלויפן וווהין די אויגן וועלן אים טראָגן, אָבער ער קען זיך שוין נישט רירן פונעם אָרט. ער איז צוגעשמידט צום בענקל מיט שטאָלענע רייפן. ער מוז שוין ענדיקן. איצט איז שוין אַלץ איינס. ער וועט שוין מיט זיין אַנטלויפן די עוולה נישט פאַרריכטן —

שמואליק טייטלבוים, אַ גרין-בלויער פון דעם שטילן קאָנצערט, וואָס האָט זיך דאָ אין שטוב אָפּגעשפּילט לכבוד אים, האָט אָנגעקלעפּט אויפן גראָבן פינגער די לעצטע פּאָר ברעקלעך, וואָס האָבן זיך נאָך געוואַלגערט אויפן טיש און האָט זיי אַראָפּגעטרעסלט אויף דער אַרויסגעשיקטער צונג. דאַן האָט ער נאָך אַ רייב געטון די שפּיץ פינגער אין די פּיסלעך פונעם טיש און האָט בנשימה-אחת אָפּגעמרוקעט דאָס בענטשן. און ערשט דאַן האָט ער, — צום ערשטן מאָל פון זינט ער האָט ביי אים פון דער האַנט געגומען דאָס מעסער אויף צו מאַכן די ברכת-המוציא — זיך אומגעקוקט אויפן בעל-הבית. ער האָט אים הכנעה'דיק געזאָגט „אַ גוטן שבת" און „אַ יישר כח" און האָט זיך אַרויסגעשלייכט אין הויף אַריין. דער באַלעבאָס האָט אים באַגלייט ביז צום טויער, ער האָט געוווּנטשן דעם אורח אַ גוטן שבת, אים אויסגעמאָלט ווי אַזוי זיך אַרויסצוקלייבן פון דעם לאַבירינט ליימענע פּלויטן און האָט פאַרלייגט אויפן טויערל די מעשענע קליאַמקע מיט די שאַרפע שפּיצן.

עזריאל האָט זיך שוין איצט נישט געאײַלט זיך אומצוקערן צוריק אין שטוב אַרײַן. דאָרט איז שוין איצט געווען אַלץ וואָכעדיק, אַלץ גשמיות׳דיק, — אוים מלאכי־השלום, מלאכי־השרת, מלאכי־עליון — דורכגעטריבן! מיאוס פאַרטריבן! פון דער ווײַטער טשאַיכאַנאַ, וואָס בײַם אַריק, האָט זיך דערטראָגן אַ צעצויגענע מעלאָדיע, וואָס ווערט געשפּילט פון עטלעכע פײַפאַלן מיט אַ מאָל. די מעלאָדיע רופט אַרויס טרערן, זי דערמאָנט אינעם טרויעריקן „הלל״־ניגון פון די סדרים־נעכט. פּונקט איבערן הייפל איז געהאַנגען אַ פולע לבנה מיט אַ זעלטענעם סבר פנים יפות, — אַ סדר־נאַכט, נישט חמשה־עשר בשבט!

עזריאל ווינאַראָוו שטייט בײַם פאַרשלאָסענעם טירל אַ פאַרלוירענער. פון זײַנע אויגן רינען טרערן פון פאַרדראָס אויף זיך אַליין:

— גוואַלד געשריגן, פאַר וואָס האָבן מיר געגעבן דעם יידן דאָס שטיקל ברויט אַזוי בעין־רעה? שוין זשע זענען מיר שוין אַזוי נידעריק געפאַלן? זיך אַזוי נידעריק אַראָפּגעקויקלט פון אַלע מדרגות?

ער האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ אויף דער האַנט, ווי מען פאַלט תחנון און האָט זיך ביטער צעוויינט —

שמואליק טײַטלבוים, אַזוי ווי דער מכנים־אורח זײַנער האָט פאַר־וואָרפן דאָס קייטל הינטער אים, איז ער שטיין געבליבן לעבן דער טויבער שוועל, ווי אַן איינגעגראָבענער. צווישן די ליימענע ווענט איז געווען טויט־שטיל, ווי אויף אַ בית־עולם און די פרעמדע לבנה האָט עפּעס אויך געשיינט בית־עולמדיק און אויפן הארצן איז אים אויך געווען פריילעך, ווי אויף אַ בית־עולם. ערשט איצט, אַז דער פאַרהאַנג פון זײַן היינטיקער פאַרשטעלונג האָט זיך שוין אַראָפּגעלאָזט, פילט ער מיט אַלע חושים, אַז ער האָט היינט, דווקא אום שבת, באַרויבט און באַגזלט און פאַרשטערט דעם שבת און נישט אויף קיין קאַטאָוועס צעשטערט דעם שלום־בית בײַ אַן אומשולדיקער יידישער פאַמיליע, — פאַר וואָס? פאַר ווען? פאַר וועלכע חטאים? אויב יענער האָט יושר און רופט אים מאַכן קידוש אויף אַ כוס, דאַרף מען דערפאַר בײַ זײַנע פּיצלעך קינדער און בײַ פרעמדע קינדערלעך אויסרײַסן דעם ביסן פונעם מויל?

עס גייט אים איבער אַ גרויל איבערן לײַב, ווען ער דערמאָנט זיך אין די שטעכיקע בליקן פון די הונגעריקע קינדערלעך מיט די איבער־געשראָקענע אייגעלעך, וואָס זיי האָבן פון זייערע ווינקלען געשאָסן אין אים, אין דעם רוצח, אין דעם גזלן, אין דעם קינדערמערדער...

ער הייבט אויף די אויגן צו דעם ווייטן הימל און צו דער קאַלט־בלוטיקער לבנה און שעפּטשעט:

— רבונו של עולם, ווער בין איך און וואָס בין איך און וואָס טו איך דאָ? און ווו זענען מיינע אַלע טייערע? דער טאַטע, די מאַמע, בתיה־רחל, די קינדערלעך... מיינע טייערע קינדערלעך...

אַלץ אין אים גיט זיך אַ דריי איבער און, אָט אַזוי שטייענדיק בין החומות, צעוויינט ער זיך ווי אַ קליין קינד...

עזריאל איז אַזש דערציטערט געוואָרן — עמעצער וויינט דאָרט... כהרף עין האָט ער צוריק צעעפנט דעם טויער און די צוויי פּאָר פאַרוויינטע אויגן האָבן זיך באַגעגנט. די לבנה האָט נישט געמאַכט קיין לאַנגע שהיות און האָט איבער די צוויי פאַרוואָגלטע יידן צעצויגן אַ בלוי־ווייסע חופה. עזריאל האָט אינסטינקטיוו דערפילט די סיבה פון דעם אורח'ס געוויין, שמואליק האָט אינסטינקטיוו דערפילט די סיבה פונעם בעל־הבית'ס געוויין, דער האָט געמאַכט אַ שריט צו דעם און דער האָט געמאַכט אַ שריט צו דעם און מיט אַ מאָל זענען זיי זיך געפאַלן אויפן האַלדז און פון זייערע אויגן האָבן פון דאָס ניי אַ פלייץ געטון זודיקע, בלוטיקע טרערן...

... און די פאַרשעמטע נשמה־יתירה האָט פאַר ווייטיק און פאַר בזיון נישט געוווסט וווהין זיך אַהינצוטון —

נאָר די לבנה האָט מלכותדיק געשמייכלט:

... כבר היה לעולמים... אין כל חדש תחת השמש...

אַ סנאָפּ פונקען

די סימפאניע פון חבֿוּון

פרייטיק נאָך האַלבן טאָג, — עס האָט געמעגט, ווי זאָגט מען עס: „דונערן און בליצן”, — פלעגט שלמה פּיאַטיגאָרסקי ערגעץ וווהין פאַר־שווונדן ווערן און אַריינפאַלן אין שטוב אַריין אַ מידער, אַ מאַטער ערשט נאָך ליכטצינדן. דער היימישער און אויך דער פרעמדער עולם האָט נישט אויפגעהערט, יעדעס מאָל פון דאָס ניי, צו פרעגן קשיות:

— גוואַלד געשריגן, וווהין ווערט ער עס פאַרפאַלן?

— און פאַר וואָס עפּעס אַלע מאָל גראָד אין אַזאַ „עידנא דריתחא”, ווי פרייטיק נאָך חצות, ווען אויף דער גאַנצער וועלט ברענט די הויט און אַ פיש אין וואַסער ציטערט: „מען זאָל נאָר חלילה נישט קומען צו קיין חילול־שבת”... ס׳איז דאָך טאַקע עפּעס אַ לא־דבר!

אָבער אַלע קשיות ואבעיות בנוגע דעם דאָזיקן „נעלם ווערן” זענען כסדר פאַרבליבן נישט פאַרענטפערט. שלמה האָט זיך אפילו די מי נישט געגעבן אָט דעם אומאויפהערלעכן „העולם מקשין” דוחה צו זיין בקש. ווייס איך וואָס, — ער האָט דערויף פשוט נישט געענטפערט און פטור אַן עסק!

די ערשטע צייט, איידער מען האָט זיך צוגעוווינט צו אָט דעם געהיים־ניספולן אַנטרונען ווערן פון דער שטוב אויף אַ האַלבן טאָג צייט, פלעגט יוכבד — זעלבסטפאַרשטענדלעך, ווען קיינער פון די קינדער איז נישט געווען אין שטוב, — צושטיין צו שלמהן, איין מאָל פאַר אַלע מאָל:

— וווהין איז דאָס איילעניש? וווהין גייט עס אַ ייד אַוועק פון דער שטוב פרייטיק ביי טאָג, ווען אויף דער בעל־הבית׳טע פאַלט די וועלט? ווען אין שטוב איז דאָ צען טויזנט מינים אַרבעט? אין דער צייט, ווען די גאַנצע וועלט יאָגט זיך אַהיים, וואָס גיכער קומען אין שטוב אַריין, אויף וויפל ס׳איז נאָר מעגלעך צוהעלפן דעם ווייב אַריינפירן דעם שבת, איז אין אַזאַ מאָמענט קלעקט ביי דיר יושר זיך אויפצוהייבן און גיין אָפּשטאַטן וויזיטן כ׳ווייס נישט וווהין, כ׳ווייס נישט וועמען... אדרבה, זאָג אַליין, ווו איז דאָס געהערט געוואָרן, האַ?

שלמה פלעגט אויפמערקזאַם אויסהערן יוכבדס דברי־מוסר און אפילו נישט געבנדיק קיין פינטל מיטן אויג איר גוטמוטיק ענטפערן:

— הער אויס, מיין ווייב, כ׳האָב דיר שוין וויפל מאָל געזאָגט, אַז מכח מיין פרייטיקדיקן שפּאַציר זאָלסטו זיך בעסער נישט נאָכפרעגן, ווייל

ס׳איז במילא אַרויסגעוואָרפן די רייד! זעקס און אַ האַלבן טאָג אין דער וואָך געהער איך בשלמות צו דיר און צו די קינדער, אָבער דעם פּערצנטן האַלבן טאָג בין איך נישט קיין היגער... דער דאָזיקער האַלבער טאָג געהערט ביז דער לעצטער רגע צו מיין געליבטער, אָדער ווי ביי די פראַנ־צויזן הייסט עס: צו מיין מעטרעסע —

— שוין געהערט, שוין געהערט! שוין געהערט די חכמה! איבערגע־קייעטס איז נישט געשמאַק —

— איז נישט געשמאַק — עס נישט! וואָס קען איך העלפן?

— און וואָס איז עפּעס דער גורל געפאַלן נאָר אויף פרייטיק?

— ווייל נאָר דאַמאָלסט קומט זי אין שטאָט אַריין, פרייטיק איז איר „עונה" —

און עס האָט נישט געהאָלפן קיין נאָכקוקן און קיין נאָכשפּירן, שלמה האָט אַזוי קונציק געקענט בייטן די אויטאָבוסן, אָדער זיך מיטכאַפּן מיט אַן ערב־שבת׳דיקן פול־געפּאַקטן טאַקסי פון „שרות", אַז קיין שום בריה אין דער וועלט וואָלט נישט געקענט זיין אַזוי רירעוודיק ווי ער און סוף כל סוף פאַלן אויף זיינע שפּורן.

און אַזוי איז שוין געוועזן גלוי וידוע לכל באי ביתו, אַז אַ גאַנצע וואָך, אויב מען טרעפט אפילו נישט שלמהן אין דער היים, קען מען על כל פנים ביי עמעצן געוווירן ווערן: ווו מען דאַרף אים איצט זוכן, אָבער פרייטיק נאָך מיטאָג איז — והילד איננו! נישטאָ קיין שלמה אין ערגעץ! נישט דאָס ווייב, נישט די קינדער, קיינער—קיינער קען דאַמאָלסט נישט זאָגן, ווו שלמה געפינט זיך איצט —

— און שלמה כשהוא לעצמו, ווו פלעגט ער זיך געפינען בשעת־מעשה? וווהין פלעגט ער עס טאַקע נעלם ווערן אויף אַזוי פיל שעה׳ן?

שלמה האָט ווירקלעך געהאַט אַ געליבטע צו וועלכער ער האָט געהערט דעם פרייטיקדיקן צווייטן האַלבן טאָג מיט לייב און לעבן, מיט אַלע זיינע שאַרפע און טיפע חושים, — מיט זיין גאַנצן מהות! דער נאָמען פון דער דאָזיקער געליבטער זיינער איז געוועזן — די שטאָט תל־אביב, ווי זי קאָר־טשעט זיך, שוויצט און שרייט מיט קולי־קולות אין אירע ערב־שבתדיקע לעצטע ווייען...

— די שיינע און פּרעכטיקע און אייביק־פּאַרפּוצטע שטאָט תל־אביב — זה שמה וזה זכרה!

ער האָט זיך געמאַכט אַ מנהג, שלמה, יעדן פרייטיק נאָך חצות צו פאַרבלאָנדזשען אין אַן אַנדער קוואַרטאַל פון דער שטאָט, אַן אַ וווהין און

אַן אַ צו ווערען אַרומבלאָנקען אין די געדיכט-באַוווינטע „ירושלים-געס-לעך" און זיך צוקוקן צו די פיבערדיקע הכנות, וואָס יידן און יידענעס מאַכן לכבוד דעם הייליקן שבת.

שלא במתכוון האָט זיך עפּעס אַזוי באַקומען, אַז ער פּירט אויס די צוואה פונעם נעים-זמירות-ישראל:

...סובו ציון והקיפוה, ספרו מגדליה, שיתו לבכם לחילה, פסגו ארמונותיה...

און צוקוקנדיק מיט וואָס פאַר אַ מסירת-נפש און מיט וויפל שפיכת-דמים אָט די הכנות גייען צו, האָט ער כמו ווי געזאָגט צו דער שטאָט:

...ואעבור עליך ואראך מסבוססת בדמיך ואומר לך — בדמיך חיי!

אַרומשפּאַנענדיק אַ פרעמדער צווישן פרעמדע אין אַ פאַרוואָרפענעם שטאָטווינקל, האָט זיך שלמה געפילט, ווי ער וואָלט געווען אין גאַנצן אויס-געטון פון זיין חומר, — גברא ערטילאי! * ער האָט בשעת-מעשה כלל נישט געדענקט, אַז ערגעץ האָט ער אַ פרוי און קינדער; אַז ערגעץ-ווו קען מען אים; אַז ערגעץ ווייסן מענטשן ווער ער איז, — ניין! אָט דאָ, „בערי יהודה ובחוצות ירושלים" האָט ער נישט געהערט צו קיינעם, נאָר צו דעם הייליקן כלל ישראל באותו מעמד, ווי ער „נעמט אַריין דעם שבת-קודש אין שטוב אַריין". ער פלעגט אַרומגיין אַן אַנטציקטער, אַן עקזאַל-טירטער און ווי אַ טויט-דאָרשטיקער איינזאַפּן אין זיך די קדושה-עילאה, וואָס ברויזט אין אָט די יידישע גאַסן און געסלעך פון זייער בהלה'דיק גרייטן זיך צו דער אויפנאַמע פון דער שבת-המלכה. און וואָס מער ער איז אַרומגעגאַנגען, אַלץ שטאַרקער איז געוואָרן זיין התלהבות און וואָס מער ער האָט געקוקט, אַלץ גרעסער איז געוואָרן זיין התפעלות.

און קדושה פון דער בחינה-העליונה האָט ער געזען באַשיינפּערלעך אין יעדן ווינקעלע, ממש — על כל סביבותיו! אָט למשל זעט ער, ווי אַ פאַרפאַלק אין די מיטעלע יאָרן טראָגן אויף אַ שטאַנג, — ככתוב בתורת-משה, ווי אין פסוק שטייט: „וישאוהו במוט בשנים" — צוויי פול-אָנגע-פאַקעוועטע קוישן. און אַ חוץ טראָגט ער אין דער פרייער האַנט אַ צוויי-ליטערדיקן בוטעל מיט עפּעס אַ פליסיקייט — אפשר ווייַן אויף קידוש והבדלה? — און זי טראָגט אין דער פרייער האַנט אַ גלעזערנעם סלאָי מיט אַ ביסל האָניק אָדער בוימל, אָדער גאָר איינגעמאַכטס פון דיניע, מן הסתם אויף צו „פאַרדרייען אַ שטיקל קוגל", אָדער עפּעס אַ מין שטיקל מאַהינע

* אַ מענטש, וואָס פאַרמאָגט נישט גאָרנישט און געהער נישט צו קיינעם.

צי שטרודל, וואָס „מען זאָל עס מעגן עסן אומגעוואַשן". דאָס פאַרפאַלק שפּאַנט זיך בהרחבה'דיק אין דער ברייט פון דער גאַס און מאַכט זיך גאָר אַ קליינעם צימעס דערפון, וואָס דער אויטאָ וואָס פאָרט הינטער זיי מיט לײַדיקע קאַסטנס פון קרויט און פון פּאָמידאָרן „רייסט זיך ממש אונטער", אַזוי הודעט ער און פייפט נעבעך און בעט זיך ביי זיי רחמים:

— גזלנים, לאָזט מיך אַדורך! וואָס האָט איר זיך צעשפּרייט איבער דער גאַנצער ברייט פון דער גאַס, ווי ביים אייגענעם טאַטן אין ווײַנגאָרטן? ס'איז ביי מיר אויך ערב-שבת. עס ברענט אויף מיר ממש די הויט. איך דאַרף זיך נאָך היינט אומקערן דריי מאָל אַהין און צוריק פון דער באַזע אין מאַרק אַריין און פונעם מאַרק אויף דער באַזע! האָט גאָט אין האַרצן, טרעט אָפּ פונעם שליאַך אויף אַ מינוטקעלע...

אָבער דאָס עלטערע פאָרפאַלק גייט אַזוי אויך אָפּ מיט שוויים און קען איצט נישט האָבן קיין גאָט אין האַרצן... אַז עס זענען נאָך בסך-הכל געבליבן געציילטע שעה'ן ביז ליכטבענטשן, וויל ער גאָר, אַז זיי זאָלן אים האָבן גאָט אין האַרצן... אויב ער האָט טאַקע אַזוי שטאַרק קיין צייט נישט, דער „בעל-תוקע" דאָרטן, זאָל ער זיך ערגעץ אַ נעם טון אויף רעכטס אָדער אויף לינקס און אויפהערן צו פאַרלייגן די אויערן מיט זיין גראַגער... נו-נו, אַזאַ אָנשיקעניש! גלייך ווי נאָר אָט די גאַס איז אַ גאַס און גלייך אויף יענער זייט ליגט שוין דער תהום. ווי אַזוי האָט אברהם געזאָגט צו לוט'ן: הלא כל הארץ לפניך — הפרד נא מעלי!

דער סוף איז, אַז דער שאָפער זידלט זיך גוט אויס און מוז טאַקע אָפּקערעווען פון הינטער די פאַרעקשנטע זקנים און זיך פאַרנעמען מיט זיין „אָנגעפּאַקעווען בוידעם" אין שכנישן געסל אַריין...

שלמה איז ביי זיך זיכער, אַז אין אַ וואָכעדיקן טאָג טראָגט מען נישט קיין צוויי פולע קאָשיקעס פונעם מאַרק, — אַ האַלבער קאָשיק איז אויך גענוג; און אויך דער שאָפער וואָלט אין אַ וואָכעדיקן טאָג אַזוי נישט געזידלט קיין עלטערע מענטשן; אלא וואָס דען, אין דעם אַלעמען איז שול-דיק דער קורצער אָטעם פון ערב-שבת —

איז דאָך דאָס קדושה!

און אָט זעט ער לעבן אַן אָפענער טיר ווי אַ יונגע, שוואַרצהנעוודיקע פרוי מיט ווייסע אוירינגלעך און געל-ברוינע קרעלן — מן הסתם אַן איראַ-קער יידענע, אָדער אַן עגיפּטישע — צוואָגט פיר קינדערלעך מיט אַ מאָל. די קינדערלעך קוויטשען מיט סכנות-נפשות, — אפשר איז זיי די זייף פאַרגאַנגען אין די אויגן, אָדער דאָס וואַסער איז אַזוי קאָכיק, — קיין

פינגער נישט אַריינצושטעקן, אָן קיין סיבה-נכונה רייסן זיך קינדער נישט אַזוי דעם האַלדז! — אָבער די מוטער האָט איצט נישט קיין צייט זיך צוצוהערן צו זייערע גוואַלדן, זי האַלט זיי פּעסט אַלע צוזאַמען ביי די שוואַרצע העלדזעלעך, פונקט ווי זי וואָלט עס געהאַלטן די ווייסע האָנעכ-לעך נאָך כפּרות-שלאָגן, — אָדער ווי אַ פרומער ייד האַלט די „ארבעה מינים" שטאַרק צוגעקוועטשט איינס צום אַנדערן, כּדי די ברכה זאָל גיין אויף זיי אַלע, עס זאָל חלילה נישט זיין קיין הפרד בין הדבקים, — און רייבט און רייבט...

שלמה פילט זיך אויפן זיבעטן הימל פון איר אכזריות... מן הסתם — אַזוי גלייבט ער באמונה שלמה — איז זי נאָר ערב-שבת פאַר נאַכט אַזאַ אכזרטע, ווייל פריטיק פאַר נאַכט איז נישטאָ ווען צו זיין קיין בעל-רחמנות, — אין רחמים בדין!

אויפן ראָג צווישן צוויי בליענדיקע גערטנער, שניידט זיך אַריין מיט אַ געברום און מיט אַן אימפּעט אַ האַלב-ליידיקער אויטאָבוס. עס שפּרינגען פון אים אַרויס פאַרשווינען מיט פּעקלעך און פאַרשווינען אָן פּעקלעך. איי-ניקע טראָגן ביכער: נייע, נישט קיין אויפגעשניטענע — מזון רוחני! אַנדערע טראָגן פאַרזיכטיק בוקעטן בלומען און נאָך אַנדערע — שפּיל-צייג פאַר קינדער. אין המצוה נקראת אלא על שם גומרה — נאָך דער שווער-געהאָרעוועטער וואָך וויל דער עולם מסיים זיין בכי-טוב ובכי נעים: מיט אַ גוטן בוך, מיט בלומען און מיט שפּילעכלעך פאַר דעם קליינוואַרג. מען וויל אויף דעם קומענדיקן מעת-לעת אַרויסשטויסן די וואָכעדיקייט בשתי ידים, אַרויסשטויסן זי פון אַלע גרענעצן און פון אַלע פּאָזיציעס און דער עיקר — וואָס שנעלער! וואָס שנעלער איז אַלץ בעסער! אין אַלעמענס אויגן גליט: אומגעדולד, אימפּעט, פרייד, — אומפאַרגלייכלעכע פרייד מיט דעם אָנגעלייגטן גאַסט, מיט דעם שבת.

דער שאָפער געזעגנט זיך פאַר דער האַנט מיט אַן עלטערן מענטשן אין אַ בערעט און מיט אַ יונג, שיין, פאַרברוינט מיידל, — אַ פּנים זיינע אַ טאָכטער. דעם מיידלם האַנט פאַרהאַלט דער שאָפער אין זיינער לענגער אַ ביסל. דער אַלטער זאָגט אים מיט אַ פאָטערלעכן שמייכל:

— קום צו גיין מאָרגן אלישע, מיר האָבן צוגעגרייט אַ גוטן קוגל און אויך משקה לרוב... קומסטו צו גיין?

דער שאָפער, מיט אַ חנעוודיקער שעמעוודיקייט און קוקנדיק בשעת-מעשה אויף דער טאָכטער:

— אָבער ערשט נאָך הבדלה... מיטן מאַטאַציקל... ס׳איז דאָך שבת און איר ווינטש אַזוי ווייט פון אונדז —

— גוט, זאָל זיין נאָך הבדלה. געדענק זשע, אַז מיר וואַרטן אויף דיר! געב איבער אַ גרוס דעם טאַטן —

פון אַלע ווינקלען פון אויטאָבוס דערטראָגן זיך געשרייען פון די פּאַסאַזשירן:

— וואָס איז דאָס פאַר אַ הפקרות? ערב-שבת פאַר נאַכט שטעלט מען זיך אַוועק שמועסן אויף דריי זייגער שעה? און מאָרגן איז אייך דער טאָג צו קליין? אָנו געפאָרן זאָל ווערן, אָדער גיי דיר אַראָפּ צו זיי און מיר׳ן שוין אַליין צושטעלן דעם אויטאָבוס וווהין מען דאַרף —

דער שאָפער גיט נאָך אַ מאָל אַ טרעסל דעם מיידלס האַנט און שרייט אַרויס דורך זיין פענצטערל:

— איז אָפּגערעדט! מאָרגן תחילת-נאַכט! שבת-שלום, שבת-שלום! זיי זענען געוועכט... איצט איז נישט קיין צייט אויף לאַנגע שמועסן —

דער אויטאָבוס גיט זיך האַסטיק אַ ריס פונעם אָרט און לאָזט איבער נאָך זיך אַ ווייס-בלויען קאַנאַט פון געפלאָכטענע רויך-רינגעלעך. דאָס מיידל קוקט נאָך דעם אויטאָבוס ביז ער פאַרשווינדט, דאַן נעמט זי צו ביים פאָטער דעם שווערן קויש און זיי לאָזן זיך שמיידיק גיין אין אַ זייטיקער אַלייע.

שלמה הייבט אויף די אויגן צום הימל:

— רבונו-של-עולם, דו ביסט גאָר קיין מענטש נישט, אויב דאָס האַרץ ווערט אין דיר נישט צעגאַנגען פאַר ליבשאַפט צו דיין פאָלק ישראל —

ווייטער מיט עטלעכע גאַסן טרעפט שלמה אָן אויף אַ פייערלעכער פּראָצעסיע: דאָס גייען צענדליקער תימנער יידן פון זייער בית-הכנסת — שוין אָפּגעדאַוונט! די זון שטייט נאָך אין מיטן הימל, לויטן לוח איז נאָך דאָ גוטע דריי שעה צו ליכטבענטשן, אָבער דאָס איז נאָר אַ חשבון פאַר די אָפּגעקילטע אייראָפּעאישע יידן, זיי זענען מאַטעמאַטיקער, זיי מעסטן עס און וועגן עס דעם שבת-קודש אויפן זייגער, פונקט ווי דער קרעמער אין קלייטל מעסט און וועגט זיין קראָם דאָרטן, אַז עס זאָל „כאַפּן אויף אַ האָרעלע", צום סאַנטימעטער און צום גראַם. זיי אָבער, די מזרח-יידן, טאַקע די עכטע שבעכטע אייניקלעך פון די אור-אַלטע בני-ישראל, זיי פאַרשטייען נישט און קענען זיך עס גאָר נישט פאָרשטעלן, ווי אַזוי מען גייט טון אַ מצוה אָן דעם „ממהרים לבא"... למשל: מען האָט זיי געוויזן אַ פתח כהודו של מחט אויף אומצוקערן זיך קיין ארץ-ישראל, זענען

זיי גלייך געוואָרן ממהרים לבאָ; צי נעמט למשל: מען האָט זיי געגעבן אַ מצוה פון געבן און נעמען חופה וקדושין — זענען זיי פון די ממהרים לבאָ; און דעםסט גלייכן אויך אין דעם פאַל: מען האָט זיי אָנגעזאָגט, אַז צום זיבעטן טאָג שיקט זיי צו דער באַשעפער אַ גאַסט פון זיינע גנזי־נסתרות, — אַ נשמה־יתירה, — קענען זיי נישט גלייכגילטיק זיצן און וואַרטן ביז נאָך דער שקיעה, ביז דער פּאַפּירענער מעכאַניזם — דער לוח, — וועט זיי אָנזאָגן די בשורה־טובה, אַז דער גאַסט גייט שוין, אַז מען מעג שוין גיין אים מקבל־פנים זיין, ניין! זיי קענען זיך נישט דערוואַרטן אויף דער לעצטער מינוט, זיי גייען אַרויס דער מלכה אַקעגן — כמו שכתוב: לכה דודי לקראת כלה — גוטע עטלעכע שעה פאַר איר אָנקומען!

די זון, אויף איר משופעדיקן שפיגל, איז איצט אין פולן ברען. זי קילט אירע אָנגעגליטע שטראַלן אויף זייערע ווייסע לייוונטענע כאַלאַטן אָדער קאַפּאָטעס צי קיטלען אַזעלכע, וואָס בלאַנקען און שעמערירן מיט זייער שבתדיקער ציכטיקייט; די ברייטע געשטריקטע גאַרטלען דערמאָנען שטאַרק אין די כהונה־גדולה מלבושים; זייערע לענגלעכע פאַרבראַונטע פּנימער דערמאָנען צייטנווייז אין דעם פאַרוואָגלטן דור־המדבר, צייטנווייז אין די פון ווייט־געקומענע עולי־רגל און צייטנווייז אין די קלאָגנדיקע „על נהרות בבל” יידן...

שלמה איז, אַליין דאָס נישט באַמערקנדיק, מגולגל געוואָרן אין אַ גאַס, ווו כמעט יעדעס הייזל האָט אין אונטערשטן שטאָק אַ שפּייז־געוועלבל. די זון האָט שוין געמאַכט איר מהלך באַרג־אַראָפּ. זעלטן ווו מען האָט נאָך געקענט זען אַן אָפן קלייטל. דאָס רוב פון זיי זענען שוין געשטאַנען פאַר־האַקטע, פאַרריגלטע, פונקט ווי מען זאָל שוין צו זיי נישט דאַרפן צוקומען עד ביאת־המשיח...

ביי איין קלייטל האָט זיך אַן עלטערער ייד נאָך געפּאַרעט ביים געקאָ־ווען לאָדן. דער לאָדן האָט ווי אויף צו להכעיס בשום אופן נישט געוואָלט אַריינגיין אין דער ראָם אַריין. וויפל דער ייד האָט אים נישט געקלאַפּט מיטן האַמער, געמייסטרעוועט און געפּרווט אי מיט גוטן, אי מיט בייזן אים אַריינפּאַסן אין זיין שטענדיקן אָרט, — איין מאָל ניין! דער ייד נעבעך האָט זיך און דעם געוועלבל פאַרשאָלטן דאָס געביין, ער האָט אַזש געקריצט מיט די ציין, פון אומבאַהאָלפנקייט האָט ער שיער נישט געוויינט:

— דער פרייטיק־פאַרנאַכטיקער שטן, זעט אויס, האָט זיך דאָ מיט זיין טייוואָלאָנישן שפּיל אין „לאָדנס” און אין „ראָמען” פאַרלייגט, אַז ער זאָל הײנט חלילה מחלל־שבת זיין... און וואָס זאָל ער דאָ טון? יאָ, וואָס

זאָל ער דאָ איצט אָנהייבן צו טון? עס בלייבט אים נישט קיין אַנדער אויסוועג, ווי נאָר איבערצולאָזן דאָס געוועלבל אָפן — כל דכפין, הייסט עס, ייתי וייכול! — און אַנטלויפן אַהיים... וואָס דען, ער וועט דאָ שבת-האַלטן? די אויטאָבוסן פאָרפאָרן שוין באַלד אין זייערע גאַראַזשן און ער דאַרף נאָך האָבן קיין גבעת-רמב"ם...

צוקוקנדיק דעם צער, וואָס איז געווען אויסגעגאָסן אויף אָט דעם יידנס פּנים, האָט מען געקענט מיינען, אַז יענער געפינט זיך דאָ אויף אַן אונטערגייענדיקער שיף, אַלע פּאַסאַזשירן האָבן זיך געראַטעוועט און נאָר אים איינעם האַלט עפּעס אַ נישט-גוטער צו פאַר די הענט און פאַר די פיס.

שלמה איז געשטאַנען פון דער ווייטנס און האָט זיך געשפּיגלט אין אָט דעם יידנס צער, — הייליקער צער! ער איז אים באמת מקנא, דעם יידן, אויף אָט דעם צער, אויף אָט דעם ערב-שבת'דיקן עגמת-נפש.

— פּאָטער אין הימל — שעפּטשעט עמעצער אין אים — הלואי וואָלטן יידן כאָטש אַ צענט חלק ערלעך-געהאַלטן דעם שבת אַליין, ווי מען איז נזהר פּוגם צו זיין אין דער קדושה פון דעם ערב-שבת... אַז עס זאָל ביי אונדז נישט זיין: נכבדה שפחה מגבירתה —

ווי ער שטייט אַזוי און טראַכט, — ער האָט שוין גאָר געהאַט בדעה צוגיין צום „אומגליקלעכן" יידן און אים פּרווון העלפן מיט עפּעס, — דערזעט ער, אַז צו דעם צערייצטן יידן דערנעענטערט זיך נישט דרייסט אַ פרוי אין די מיטעלע יאָרן. די פרוי איז אַ ווײַלע געשטאַנען אומבאַשלאָסן, זי האָט צוגעקוקט, ווי דער ייד מאַטערט זיך נעבעך אויף אַריינצושטעלן דעם לאָדן און דער לאָדן פאַלט אים כסדר צוריק אויפן קאָפּ. אַ היפּשע ווײַלע האָט זי עפּעס נישט געוואַגט זיך צו דערנעענטערן למקום-המעשה, ווען ביי יענעם „גייט ממש דאָס בלוט פונעם האַלדז", אָבער ענדלעך האָט זי זיך אָנגענומען מיט מוט, זי איז מיט קעצישע טריט אונטערגעקומען דעם קרעמער הינטער די פּלייצעס און האָט מיט געבעט שטיל אַרויסגעבראַכט:

— פּעטער, שטעלט אַראָפּ אויף אַ ווײַלע דעם לאָדן און וועגט מיר נאָך אָפּ: אַ קילאָ צוקער, אַ קילאָ ציבעלעס און אַ האַלבע קילאָ פּוטער... אַנטשולדיקט מיר, וואָס איך האָב זיך היינט אויסגעקליבן אַזוי שפּעט...

דער ייד מיטן משוגע-געוואָרענעם לאָדן אין די הענט האָט טיגריש אַ קוק געטון אויף דעם נייעם שטן, וואָס האָט זיך פון ערגעץ אויסגעריסן

אויף זיין קאָפּ און זיך אים געשטעלט אין וועג און האָט מיט אַ פּאָר־דעכטיקער רואיקייט דורכגעזייעט דורך די ציין:

— פּאָלגט מיך, גייט אַוועק פון דאַנען מיט גוטן, וועט איר בעסער מאַכן... ווילט איר נישט אַוועקגיין, האַ? איר ווילט דווקא, אַז איך זאָל אייך אָפּגעבן אַ פּאַרציע ווי מיר איז איצט אויפן האַרצן...

— פּעטער... אדון... דאָס קינד האָט ערשט געבראַכט דאָס געלט אין שטוב אַריין... איר ווילט מיר פאַרשטערן דעם שבת? באַדענקט זיך, ס'איז נאָך דאָ אודאי דריטהאַלבן שעה ביז ליכטבענטשן... איך בין דאָך אויך אַ יידיש־קינד... חוץ דעם בין איך דאָך אייערער אַ שטענדיקער קונה... כ'האָב דען נישט געקענט קומען פריער מיט עטלעכע שעה, נאָר איך האָב נישט געוואָלט גיין אָננעמען ביי אייך אָן קיין געלט —

— האָט איר יאָ געזאָלט ווען, האָט איר נישט געזאָלט ווען, — איך פייף אויף אייער געלט! איך בין אויך אַ ייד, נישט קיין שבת־גוי...

— אַלע רומענישע גרוביאַנעס האָבן דיר איינעם און דעם זעלבן מאַניער פון רעדן, — באַלד עפּעס פייפן זיי...

— וועט איר אַ ברירה האָבן זיך מיט זיי נישט משדך צו זיין, מיט די רומענישע גרוביאַנעס, נאָר מיט די פּוילישע דריפּקעס —

— וואָס דען, איר זענט דאָך נאָך גערעכט... באַלד עפּעס פייפט איר... וואָס גייט אייך אַ שטייגער אָן, וואָס אָן אָרעמע יידישע טאָכטער וועט מאָרגן אין דער פרי נישט האָבן וואָס צו געבן די קינדער אויף איבערבייסן?

און זעענדיק, אַז דער קרעמער בריה'ט זיך נאָך אַלץ מיטן לאָדן און נעמט זיך ווייניק וואָס צום האַרצן פון אירע רייד, האָט זי געמאַכט נאָך אַ שריט נעענטער:

— נו איך בעט אייך... דערבאַרעמט זיך... איך בין דאָך נישט געקומען צו אייך נאָך קיין נדבה —

— טשעפּעט זיך אָפּ פון מיין לעבן מיט אייערע טובות... איך בין איר שולדיק אַ דאַנק דערפאַר, וואָס זי איז נישט געקומען בעטן קיין נדבה —

די יידענע האָט מיט אַ מאָל אין גאַנצן געביטן איר טאַקטיק:

— גיט מיר דעם לאָדן, אָט וועט איר אומיסטן זען, ווי ביי מיר וועט ער אַריינגיין „ביעז ווסיאַקיד”! אין „פּאַסיאַלאַק”, אין קאַמי אַ.ם.ס.ר., האָב איך געאַרבעט אין אַ שלאָסעריי, זענען דאָרטן געווען אפשר צען

אזעלכע לאדנס, בין איך שוין געווינט צו זייערע קאפריזן. אן עק, ווייזט אים שוין אהער!

דער רומענישער ייד האט זיך מיטן לאדן אין די הענט אויסגעדרייט צו דער פרוי. די פרוי איז הערפון שוין א ביסל דרייסטער געווארן:

— זייט זשע שוין אויף אזוי פיל גוט און ווענגט מיר אפ די פאר זאכן, וואס איך בעט אייך. דא האט איר דאס געלט. פונקט וויפל עס קומט אייך. איר פארשפארט אפילו איבערצוציילן, איך וועל אייך נישט אפנארן... איר ווענגט דערוויייל און איך וועל אייך ארײנשטעלן דעם לאדן. הא! עס וועט אייך דארט זיין טונקל? נו, וועל איך שוין דערנאך... ס'איז נאך דא גענוג צייט...

ארויסגעגאנגען פונעם קלייטל א שטראלנדיקע מיט די פאקעטלעך אין די הענט, האט די פרוי זיי אוועקגעלייגט אויף אן איבערגעקערט פעסל און האט זיך גענומען אויפהייבן דעם שווערן, געקאוועטן לאדן. איין אויגנבליק איז דער ייד — עפעס א פארשעמטער, ווי ער זאל דא נעמען שוחד — געשטאנען און האט צוגעקוקט, ווי די פרוי שטרענגט אן אלע אירע שוואכע כוחות אויף אויפצוהייבן דעם לאדן, דאן איז ער צוגעלאפן צו איר און נישט קוקנדיק איר גלייך אין די אויגן האט ער א בורטשע געטון:

— מען דארף נישט... גיט אהער...

דאס מאל האט דער ייד נאר צוגעטראגן דעם לאדן צום פענצטער, ווי ער איז גלייך ארײן אין זיין רו ארײן. די פרוי מיט די פאקעטלעך, וועלכע האט א צופרידענע שוין געשפאנט אהיים, האט צו אים אריבער־געשריגן פונעם צווייטן טראטואר:

— זעט איר, הא? דאס האט אייך גאט באלוינט דערפאר, וואס איר האט זיך געלאזט איבעררעדן —

דער ייד, נאך אלץ עפעס א פארשעמטער, האט פאר זיך עפעס געברומט, נישט אויפהייבנדיק די אויגן פון דער ערד.

שלמה, פון זיין „רואה ואינו נראה'דיקער" פאזיציע, האט אלץ געזען און האט אלץ געהערט און האט זיך אזש געריבן די הענט פאר הנאה. פון אלץ, וואס ער האט היינט געזען במשך פון זיין „שוט בארץ והתהלך בה" האט ער געשעפט פולע עמער מיט נחת. פון אלצדינג האט אויף אים געוויעט מיט הייליקן סוד... ער זעט באשיינפערלעך, ווי אזוי: „וכולהון מתעטרין בנשמתין חדתין"; ווי אזוי: „ואנפאה נהירין בנהירו עילאה"... יא, גערעכט דער „זוהר": רזא דשבת — איהי שבת!

ער הייבט אויף די אויגן צום הימל — אוי־וואַ! עס פאַלט צו די נאַכט, מען מוז אָנהייבן אויסדרייען די האַלאַבליעס אויף צוריק. אָבער ביז ער וועט נאָך פּאַקן איין אויטאָבוס און דעם צווייטן אויטאָבוס און ביז ער וועט זיך נאָך דערקלייבן אַהיים, ווו וועט ער שוין ערגעץ טרעפן אַן אָפענע באָד? ווו וועט ער שוין גיין טבילה לכבוד שבת? ניין, ער מוז זיך ערגעץ אַרומוואַשן איידער ער גייט אַהיים, ווען ער זאָל אפילו ווייסן, אַז עס וועט אים דערנאָך אויסקומען דורכמאַכן צו פוס אַט דעם היפּשן מהלך!

און שלמה באַשליסט ביי זיך אויפצוזוכן אַ באָד —

אָבער פּרייטיק פאַר נאַכט דאַרף מען אין תל־אביב קיין באָד לאַנג נישט זוכן. פון אַלע זייטן לויפן פאַרסאָפּעטע יידן מיט פאַרשוויצטע פּנימער און מיט נאַסע באָרד און פּיאות. ער שטעלט זיך אָפּ אין אַ קרן־זווית און באַטראַכט די בהלה מיטן געלויף, וואָס קומען פאַר אַרום דער באָד: פּאַטערס שלעפּן פאַר די הענטלעך איינגעשפּאַרטע פּעמפּיקעס; ווייסע־חברה׳ניקעס שמייסן זיך אַרום מיט אָפּגעשאָסענע שוויץ־בעזעמלעך; מיט אַ זייט, ווי זיי וואָלטן דאָ עמעצן באַגנבעט, שלייכן זיך דורך ווייבער מיט געדיכט־פאַר־שלייערטע קובליקעס און מיט פאַרפּלאָמטע באַקן, — די הייליקע יידישע מאַמעס, די אמהות! זיי שעמען זיך פאַר לייטן אַרויסצוגיין פון דער באָד: צעפאַרעטע, צעפּלאַמטע. קיינער קוקט אָבער איצט נישט אין זייער זייט אַריין. וועמען ליגן איצט אין קאָפּ אַט די „קאקי חיורי" * —

און שלמה טראַכט מיט אומבאַגרענעצטער ליבשאַפט צו אַט די ווייך נענדיקע קינדער און צעבאַלעוועטע „כלאַפּצעס" און צניעותדיק־שעמעוודיקע ווייבער:

— ניין, ניין, אַן ערב־שבת׳דיק מרחץ איז כלל נישט דאָס זעלבע וואָס אַ וואָכעדיקע באָד, און „זיך גיין אויסבאָדן" איז כלל נישט איינס און דאָס זעלבע, וואָס „זיך לויפן אַרומוואַשן לכבוד שבת"... אוי, איז ער געווען גערעכט, אונדזער ר׳ עקיבא —

...אשריכם ישראל, לפני מי אתם מיטהרין ומי מטהר אתכם, — אביכם שבשמים!

אַלע פאַר מינוט ווערט אויפגעפּראַלט די סקריפּענדיקע טיר פון דער באָד. די אַריין, די אַרוים. אין באָד אַריין לויפט דער עולם איינציקווייז, „פון אַלע עקן וועלט", און פון דאָרטן קומען זיי אַרוים שיירות, שיירות. אַ

---

* ווייסע גענדזלעך, אַן אויסדרוק פון אַ תנא וועגן די ווייבער, בשעת זיי גייען פון טבילה.

פנים, אַז בשעת דעם אָנטון זיך גרופירן זיי זיך און צעשיידן זיך שוין נישט ביז זיי קומען אויף יענער זייט טיר. גיט זיך אַ שפּאַר אַרויס די טיר פון אינעווייניק, פליט אַרויס אַ כאַפּטע יידעלעך, ווי אַ סנאָפּ פונקען. יעדער ייד איז אַ פונק, וואָס ברענט אַליין און צינדט אָן אויך יענעם. יעדער ייד איז אַ ניצוץ פון אַ גרויסער, פלאַמענדיקער, כללית'דיקער נשמה, וואָס האָט זיך ערשט טובל געווען, כדי מקבל-שבת צו זיין בקדושה ובטהרה.

שלמה באַצאַלט עטלעכע פּיאַסטער און ווערט דורכגעלאָזט אין אַ הויכער פירעקיקער שטיינערנער געביידע, וואָס שטייט נישט ווייט פונעם הילצערנעם פלויט און קוקט אַרויס אין גאַס אַריין מיט שמאָלע כינעזישע אייגעלעך סאַמע הינטערן שטערן. אַריבערגעטראָטן די שוועל פון דעם גרויסן וואַשצימער, דאַכט זיך שלמהן, אַז דאָס האָט אים אַ „נישט גוטער" אַריינגעוואָרפן אין כף-הקלע. די קולות, וואָס טראָגן זיך דאָ פון אַלע ווינקלען, פאַרטויבן אַזוי דעם ערשט-אַריינגעקומענעם, אַז ער לאָזט אָפּ הענט און פיס און בלייבט שטיין ווי געפּלעפט.

דער צימער איז זייער אַ גרויסער און איז באַלויכטן פון צוויי צינורות-האור: פון דער זונשיין, וואָס שפּאַרט זיך דורך אַ וועג דורך די קאַזעמאַט-פענצטערלעך פון אונטער דער סטעליע און פון די אָפטע לאָמפּן אויף די ווענט. אויף טריט און שריט טרעפסטו אָן אויף אַ טיר און דאַרפסט זיך היטן מיט סכנות-נפשות, אַז עפּענענדיק זי, זאָל דיר עמעצער בשעת-חדוה, אָט אַזוי אַ, צווישן יאָ און ניין, נישט צעשפּאַלטן דעם קאָפּ. און די טירן פירן אין פאַרשידענע יידישע „גן-עדנס": אַ שוויץ אויף דעם גאַר-גאַר אַלטמאָדישן שטייגער: מיט אָנגעגליטע שטיינער, וועלכע מען איז כמעט נאָך אָנאַנד מכבד מיט שעפּעלעך זודיק וואַסער, מיט אייבערשטע בענק, מיט ברייטע, פיל-בלעטערדיקע בעזעמלעך צום שמייסן זיך אין דעם וואַלקן פון בריענדיקער פּאַרע און בכלל מיט אַלע פישטשעווקעס פונקט אַזוי ווי אין די אַלטע ניקאָלאַיעווסקע צייטן; און אַ שוויץ אַ מאָדערנע: מיט אַן עלעקטרישן רעגוליאַטאָר לעבן וועלכן עס טאָפּטשען זיך צענדליקער פּאָר צעפּאַרעטע פיס און עס פּאָרען זיך צענדליקער פּאָר מאָזאָליעדיקע הענט: דער וויל מאַכן אַ ביסעלע קילער, מחמת „מען קען אין אָט דעם קאַלכאַויוון, שונאי-ציון, פאַרשרפעט און פאַרקוילט ווערן", און דער וויל מאַכן אַ ביסעלע וואַרעמער, מחמת „מען קען אין אָט דעם קעלער זיך פאַר-קילן, שונאי-ציון, אויף טויט"... ווייטער גייען טירן אין די וואַנעס, „ווו עס פּליוסקען זיך די נגידים און די שיינע יידן שוין דריי זייגער שעה, כאָטש נעם, — אַזוי זאָגט דער צעחושטער בעדער צו יעדן איינעם, — כאָטש נעם אַ קאָטשערע און שלעפּ זיי פון דאָרטן אַרויס פאַר די אויערן"...

ווייטער גייט איין מקוה-חדרל ווו ס׳איז לייטיש און קיל אַ מחיה און די וואַסער איז אויך „מענטשלעך״ און גלייך דערנעבן אַ צווייט מקוה-חדרל, ווו די מקוה איז קאָכיק און „די יידן מיט די קאַלטע נשמות״ ווערן דאָרט אָפּגעקאָכט און אָפּגעזאָטן און רויט-פּאַרברענט, ווי „אַ חסידישער טשאָלנט״. ווייטער גייען דוש-צימערן און ווייטער גייען עטלעכע מרה-שחורה׳דיקע וואַש-צימערלעך, אָבער די הויפּט-שמחה איז דייקא און דווקא נאָר אין דעם גרויסן וואַשצימער. דאָ אייקען און אויקען אָן אַ שיעור מענטשישע גופים: ווייסע און שוואַרצע און ברוינע און נאָר אַ ביסל צוגע-ברוינטע און שטאַרק-האָריקע און גלאַט-לייביקע, — ווי אַ ליסענע אָדער ווי אַ טעלער, גרויסע און קליינע, יונגע און אַלטע און אַט דער משונה-דיקער ערב-רב האַלט אין איין שרייען און אין איין פּילדערן און כאַטש דער דאָזיקער געפּילדער איז עפּעס אַ מין קאָנגלאָמעראַט, אַ מין תערובות פון צענדליקער שפּראַכן, דאָך איז דער תוכן פון אַט די קולי-קולות תמיד און שטענדיק איינער און דער זעלבער:

— גוואַלד יידן, ס׳איז שפּעט!

שלמה שטייט ביי דער טיר כמעט אַ טרוקענער, קיין פרייע שיסל איז במילא נישט צו קריגן, שטייט ער און קוקט אָן אַט דעם „דור הפלגה״, וואָס רעדט אויף צענדליקער שפּראַכן און אַרבעט אויף הונדערטערליי מינים אַרבעט און וואָס ווערט איצט געיאָגט אין האַלדז און נאַקן פון איין און איינ-ציקן פחדימדיקן אויסגעשריי: „גוואַלד, ס׳איז שבת!״ און שלמה איז כמעט זיכער, אַז ווען מען זאָגט זיי איצט אָן די בשורה-טובה, אַז ערגעץ גאָר נישט ווייט פון דאַנען האָט אַ ווולקאַן אָנגעהויבן צו שפּייען מיט פייער, אָדער אַז ערגעץ גאָר נאָענט האָט אויפגעריסן אַן אַטאָם-באָמבע, וואָלט עס זיי אַלעמען דורך איין אויער אַריין און דורכן צווייטן אויער אַרויס, ווייל —

— יידן, וויפל איז נאָך געבליבן ביז ליכטצינדן?

שלמה זעט, אַז פון אַרומוואַשן זיך כדבעי למהוי קען שוין קיין רייד נישט זיין, — ווי אַזוי? אַז ער האָט נישט קיין שיסל, ער האָט נישט קיין האַנטעך, ער האָט אפילו נישט קיין שפּיץ באַנק, ווו מען קען זיך צוטוליען! וואָס דען טוט מען? באַשליסט ער גיין גלייך אין מקוה אַריין, זיך טובל זיין און... און אַ סוף, אַן עק! וואָס קען ער העלפן? פון זיך מאַכן?

אָבער עס רעדט זיך נאָר אַזוי: „גלייך אין מקוה אַריין״, — אפילו נישט גלייך האָט מען אויך אַהין נישט געקענט צוקומען. די לייטישע קילע מקוה, די „מענטשלעכע״, איז געווען אָקופּירט פון יינגעלעך, וועלכע האָבן

זי באַלייגט ווי די ווערעם און דורך די האַרצרייסנדיקע גוואַלדן האָט מען קוים געקענט אַרויסזען: הענטלעך, פיסלעך, אָפּגעברענטע שטיקלעך פלייצע און... און טאַקע מער גאָרנישט! קיין לעק וואַסער אויף קיין רפואה האָט מען דאָרט נישט אַרויסגעזען.

ביי דער קאַכיקער מקוה איז שוין געווען שטילער אַ ביסל. דאָ איז שוין דער עולם צוגעגאַנגען מיט מער דרך־ארץ: קודם אַריינגעשטעקט אַ שפּיץ פוס: האַ! — זיך דערקוויקט, הייסט עס... דערנאָך שיקט מען שוין דעם פוס ביזן קנעכל און מען כאַפּט אים שנעל אַרויס: האַ, האַ! — צוויי מאָל, הייסט עס, זיך דערקוויקט... אין מקוה, ביזן האַלדז, שטייען עטלעכע יונגעלייט מיט סמאָלע־פּלעקן אויף די הענט און אויף די פּנימער, — אַ פּנים מאַשיניסטן ערגעץ, אָדער טראַקטאָריסטן, — צי אפשר גאָר סאַמע אָריגינעלע נאַפט־בויערער... ווער ווייסט זיי און ווער קען זיי? — און אויך עטלעכע עלטערע יידן. די דאָזיקע יידן זענען אָדער: אַזעלכע פאַרברענטע חסידים, וואָס האָבן שוין אפילו פאַרן גיהנום אויך קיין מורא נישט; וואָס ביי זיי צו זיין אַ „נידון ברותחין״ שפּילט אַזאַ ראָל, פּונקט ווי צעקוועטשן אַ פלוי הינטערן קאָלנער, אָדער אַזעלכע זקנים, וואָס די טיפע עלטער האָט שוין ביי זיי אַזוי פאַרקילט די בלוטן, אַז ממש זיי פילן שוין גאָרנישט, געב זיי זודיקס, געב זיי קאָכיקס, געב זיי אפילו ברענענדיקן ספּירט צו טרינקען, — זיי איז שוין אַלץ איינס! דער אַלטגעבאַקענער גוף זייערער רעאַגירט שוין אויף גאָרנישט... די יונגעלייט רייבן האַסטיק אָפּ די פעטע פלעקן, וואָס די זייף האָט זיי נישט געקענט אָפּמעקן; די אַלטע צעלאָזן און צע־קעמען מיט די פינגער די „מעטערדיקע״ פיאות. אַלע טוקן זיך דאָ אונטער כדת משה וישראל: אי די יונגע, אי די אַלטע. אָבער אָט שפּרינגען אַרויס פון דער וואַסער צוויי „קעפּ״ און ביידע זענען זיי פול מיט תרעומות: דעם אַלטנס אַ פיאה האָט זיך בשעת דער טבילה איינגעפלאָכטן אין דעם יונגנס טשאָפּרינע און אַזוי ווי די האָר זענען ביי זיי ביידע נאַס, האָבן זיי זיך טאַקע גאַנץ באַלעבאַטיש אַריינגעדרייט און מען קען זיך נישט אָפּטשעפּען איינער פונעם צווייטן, כאַטש נעם און צערייס די האָר מיט כח...

הינטער דער טיר, זעט שלמה, איז ממש „הריגות״. אַ פאָטער, אַן אָריענטאַלישער ייד, שלעפּט זיינע צוויי יינגעלעך אין דער שוויצבאָד און זיי רייסן זיך פון זיינע הענט מיט סכנות־נפשות: זיי קלאַמערן זיך אין דער נאַסער פאַדלאָגע, ווי די בלינדע קעצלעך אין דעם אָנגעוואַרעמטן שעניק. זיי בייסן מיט די ציין, זיי דראַפּען מיט די נעגל, זיי דריגען מיט די פיס — עס העלפט זיי אָבער גאָרנישט. דער פאָטער האָט זיי אַרויפ־

געטאַסקעט אויף דער אייבערשטער באַנק, ווי ער וואָלט דאָ געטראָגן אַ פּאָרל עופות צום שוחט, ער כאַפּט אַרויס פון אונטערן אָרעם דאָס אַרומ־געפליקטע בעזעמל און שמייסט און שמייסט, אַז עס גייט אַזש אַ רויך...

אין אַ צווייטן ווינקל, זעט שלמה, שטייט אַ טיפער זקן. אודאי קיין עין־הרע אַ ניינציקער, — שאַצט ער אים אָפּ אין געדאַנק. ער האַלט אין זיינע ציטערנדיקע פינגער אַ שיסל וואַסער און זוכט עמעצן מיט די אויגן. עס דויערט נישט לאַנג און ער שטעלט אָפּ זיין בליק אויף אַ יונגן, שטאַלט־נעם בחור — זיכער אַ זעלנער, איז זיך שלמה משער, אָדער אַ געוועזענער — און גייט צו צו אים:

— זונדעלע, שענק מיר אַ מינוט און זייף מיר אָפּ די פּלייצעס... ווען איך בין געווען יונג, פלעג איך אַליין אָנבאָטן יעדן איינעם —

— זיידעשי־לעבן, צו וואָס דאַרפט איר אַזוי לאַנג טענה'ן מיט מיר? איך וועל אייך זשאַלעווען מיין טרחה? זייט זיכער, הכל יהיה בסדר גמור. ווייזט אַהער צו אייער האַנטעכל מיט דער זייף!

דער יונגער און זייער סימפּאַטישער בחור האָט קוים באַוויזן אַ פּאָר צו טון איבער דעם אַלטנס רוקן מיטן אָנגעזייפטן האַנטעכל אַרויף און אַראָפּ, ווי דער אַלטער האָט ביי אים אויסגעריסן דאָס האַנטעכל פון די הענט:

— גיי דיר צו אַל די גוטע יאָר! פאַר אַזעלכע ידים קיין עין־הרע האָב איך נישט קיין פּלייצעס... ער מיינט, אַז ער אַקערט אַ פעלד, מיינט ער, אָדער ער פּרעסט איין דעם אַספאַלט אויפן שאָסיי... נו־נו אַ פּאָר איי־זערנע קליעשטשעס קיין עין־הרע, באַהיט און באַשירעמט זאָל מען ווערן! איך קען זיך אַזש נישט אויסגלייכן, ווי ער וואָלט מיך צעשרויפט אויף אברים...

דער אַלטער איז מיט זיין שיסל צוגעגאַנגען צו אַן עלטערן יידן מיט אַן אויסגעוווייקט פּנים, וואָס איז געשטאַנען מיט איין אַקסל אָנגעשפּאַרט אין דער שוויציקער וואַנט און האָט מיט אַ שפּענדל, וואָס ער האָט ערגעץ־ווו אָפּגעבראָכן, מיט אַ שטאַרק־באַישוב'טער מינע גערייניקט דעם שמוץ פון אונטער די נעגל. דער ייד האָט געלאָזן גערייניקט די נעגל און אויף זיינע דינע בלאָע ליפּן האָט אומאויפהערלעך אַרומגעפּלאָטערט אַ שמיי־כעלע, וואָס איז בקול רם מכריז ומודיע דעם גאַנצן עולם: „ווער—ווער, אָבער איך הער שוין די וועלט פאַר אַ פּיאַטאַק"... מן הסתם אַ „יושב" ערגעץ, — האָט זיך שלמה משער געווען — אָדער אַ סטאַבילער „משניות־

לערנער". און דער שטאָק-אַלטער מאַן האָט זיך צו אים געווענדעט מיט דער זעלבער בקשה:

— אפשר איז אייך נישט שווער מיר אַ וויש טון די פּלייצע... איך האָב דאָ געבעטן איינעם אַ יונגנמאַן, האָט ער פון מיר שיער די הויט נישט אַראָפּגעשונדן, ממש ריסוק-אברים האָט ער מיר געמאַכט, איך בין קוים מיט ניסים אַרויס אַ גאַנצער פון זיינע הענט... הם! אַזאַ מעשה... ביי אַ יידן זאָלן גאָר זיין עשיו'ס אַ פּאָר ידים! איז וואָס בלייבט? טוט איר מיר די טובה?

דער ייד, אַוועקוואַרפנדיק אין אַ ווינקל דאָס אָפּגענוצטע שפּענדל, האָט אַן עניוותדיקן שמייכל געטון:

— ווייזט אַהער, ווייזט אַהער, איר מעגט זיין בטוח, אַז איך וועל פון אייך די הויט נישט שינדן, איך בין נישט קיין גוי —

און דער „יושב" האָט ווירקלעך גלייך דערוויזן, אַז ער איז חלילה נישט קיין גוי. ער האָט אַזוי לייכט און מילד און צערטלעך און דורכגעוויקט מיט עניוות געפירט מיטן האַנטעכל איבער דעם אַלטנס פּלייצע, אַז דער אַלטער האָט תיכף ומיד בכבודיק אַרויסגענומען ביי אים דאָס האַנטעכל פון די הענט:

— האָט נישט קיין פאַראיבל אויף מיר, נאָר איך פיל, אַז איר האָט היינט געפּראַוועט אַ תענית, כאָטש ס'איז היינט נישט „שובבים" און דאַכט זיך, אַז נעכטן אויך, כאָטש ס'איז איצט נישט „בה"ב"...

זעענדיק, אַז דער אַלטער נעבעך נישטערט שוין ווידער צווישן דעם עולם און זוכט אַרום מיט די אויגן אַ נייעם פּלייצע-זייפער, איז שלמה צו אים צוגעגאַנגען:

— אויב איר ווילט זיידעשי, ווייזט אַהער אייערע כלי-זין וועל איך אַ פּרווו טון, אפשר וועט גראָד ביי מיר דאָס רייבעניש עולה-יפה זיין —

— אַ שאלה ערשט, צי איך וויל? אודאי און אודאי וויל איך! איך האָב זיך שוין די אויגן אויסגעקוקט, פרעגט ער ערשט...

אַז שלמה האָט אים שוין אָפּגעשווענקט די זייף-בלאָזן פון דער איינגעשרומפּענער פּלייצע מיט לעבלעכער וואַסער און האָט אים אומגעקערט די מכשירים זיינע, איז דער ישיש געוווען צופרידן מיט זיין עבודה ביז גאָר:

— מיין מאַמע, עליה השלום, האָט מיך דאַכט זיך קליינערהייט אויך אַזוי באַלעבאַטיש נישט אַרומגעוואַשן. מיט איין וואָרט: אַ גרויסן יישר-כח! זאָל אייך דער אייביקער העלפן, אַז איר זאָלט דערלעבן מיינע יאָרן און מען זאָל אייך אויך נאָך „געבן אַ פּלייצע". יאָ, זאָגט מיר יונגערמאַן, און

ווו זענען אייערע תכסיסי-מלחמה? עפּעס זע איך נישט ביי אייך: נישט קיין האַנטעכל, נישט קיין שטיקל שיסל, נישט קיין סימן פון קיין זייף —

— איר זעט דאָס אַלץ נישט איבער גאָר אַ פּראָסטער סיבה, ווייל איך האָב טאַקע נישט... איך האָב זיך אַהער אַריינגעכאַפּט פאַרביי־גייענדיק...

— הערסט, שווייגט ער! וואָס זשע שטייט איר און שווייגט? נעמט זשע מיינס! אַלץ נעמט! ביז איך וועל זיך נאָך אַריינקוועטשן אין מקוה אַריין, וועט איר נאָך באַוויזן זיך זיבעצן מאָל אָרומוואַשן, צי איר גייט אויך אין מקוה אַריין?

— ניין, איך בין שוין געווען. איר גייט אין דער קאַכיקער, צי —

דער אַלטער איז אַזש אַריין אין דער קפידה:

— וואָס בין איך פון שטאָל צי פון אייזן, אַז איך זאָל גיין אין דער קאַכיקער? איך גיי שטענדיק אַהין, וווּהין לייטישע מענטשן גייען, אין דער קילער, אָבער זאָגט עפּעס אַנדערש: מען קען דען צוטרעטן אַהין? דאָס קליינוואַרג האָט זי באַלאַגערט ווי די שאָף, איך ווייס באמת נישט. ווי אַזוי מען שניידט זיך דורך אַ וועג...

פלוצלינג האָט זיך אין גרויסן וואַשצימער אַריין ווי אַ שטורעמווינט אַריינגעריסן דער בעדער און בפירוש אין אַנטון און האָט גלייך פון דער שוועל אַראָפּ אָנגעהויבן צו ליאַרעמען און צו שרייען אויף קולי-קולות:

— גזלנים, רוצחים! וואָס האָט איר צו מיר? ביז ווען זיצט מען דאָ, פרעג איך אייך? איך בין אויך אַ ייד, צי ניין? קריכט שוין אַ מאָל אַרויס פון דאַנען! לאָמיך שוין האָבן דעם זכות אייך צו זען זיך אָנטון! איר האָט גאָר נישט קיין גאָט אין האַרצן, ווי איך בין אַ ייד!

און ראַש זיך אויסדרייענדיק צו דעם קינדער-קנויל, וואָס הויערט אויף דער קילער מקוה:

— אַרויסט ממזרים פון דאַנען, וואָרעם אָט גיס איך אייך אָפּ מיט זודיק וואַסער!

ווען שלמה שעמט זיך נאָר נישט פאַר לייטן, וואָלט ער אַזוי ווי ער שטייט און גייט אַרומגעכאַפּט קושן אָט דעם שיינעם יידן מיט דער קויל-שוואַרצער באָרד פאַר זיין מלא-טעם׳דיקן: „גזלנים, רוצחים", וואָס ער האָט אַרויסגעבראַכט בנשימה-אחת, נאָר וואָס פאַר אַ פּנים האָט עס אין מיטן דרינען אַרומכאַפּן קושן אַ פרעמדן יידן? ס׳האָט אַ פּנים פון חוזק און מען וועט אים אַרומשטעקן מיט פעדערן... „וואָס איז די גדולה מיט

אים? — וועט מען פרעגן איינער ביים צווייטן — וואָס האָט געטראָפן?
דער טאַטע האָט די מאַמע גענומען״?

ווען שלמה איז ענדלעך אַרויס אויף דער גאַס, האָט ער גלייך תופס געווען, אַז איצט צו זוכן אַוועלכן ס׳איז קאָמוניקאַציע-מיטל אויף זיך צו דערקלייבן אַהיים, איז אַ ברכה לבטלה! אין האַלב תל-אביב איז שוין פּאַלנע שבת און ס׳איז שוין באמת באַלד, באַלד צייט צו צינדן ליכט. עס בלייבט אים נישט קיין אַנדער ברירה, ווי נעמען די פּיס אויף די פּלייצעס און עולה-רגל זיין אַהיים „פּיעשאַטשקאָם״... *

מיטן וועג אַהיים, דורכגייענדיק צענדליקער גאַסן און געסלעך, האָט ער שוין געזען די מנוחה פונעם שבת רוען אויף אַלץ און אויף אַלעמען. כמעט, אַז מען האָט קיין מענטשן נישט געזען אין גאַס: די מענער זענען זיך צעגאַנגען איבער די הונדערטער בתי-תפילה און די פרויען האָבן אַ ביסל געכאַפּט דעם אָטעם נאָך אָט דעם שווערן, טרחה׳דיקן טאָג, וועלכער הייסט מיט דעם זיסן-זיסן נאָמען „ערב-שבת״. שלמה איז שוין נישט געגאַנגען, נאָר געלאָפן — צו אים אַהיים איז געווען אַ גאַנץ פיינער מהלך און אין שטאָט איז שוין שבת מיטן פולן מויל, כאָטש אויף די וויינשל-ליפּן פונעם ים שמייכלט נאָך די זון. זי שמייכלט און זי זאָגט דעם גאַנצן לאַנד און דער גאַנצער וועלט:

— אַ גוטן שבת, אַ גוטן שבת... איר זאָלט דאָ לעבן איינער מיטן צווייטן באהבה ואחוה ושלום וריעות, ווייל — שבת היא מלזעוק...

פון יעדן פענצטער האָבן הייליק אַרויסגעפינקלט שבת-ליכט. אין דעם רוב הייזער — לעבן די לייכטער — אַ שיינער בוקעט בלומען. פון אַלע שולן און „מנינים״, פאַרביי וועלכע שלמהן איז אויסגעקומען דורכצולויפן, האָבן זיך געטראָגן אין ראַזע-בלאַלעכן חלל-העולם פוילישע לעבעדיקע ניגונים׳לעך, רוישיקע לכה-דודי-מאַרשן און דבקות׳דיקע אויסגעשרייען פון „מזמור שיר ליום השבת״. די שטאָט האָט ממש געביטן איר אויסזען. מען האָט מיט פאַרמאַכטע אויגן געקענט זען, ווי אָט דער גרויסער כרך: תל-אביב איז פושט צורה ולובש צורה. אַ שטיקל בעל-נפש האָט גלייך געקענט דערשפּירן, ווי די אַזוי געגאַרטע און אַזוי לאַנג דערוואַרטע נשמה-יתירה איז ממלא מיט איר נישט-היגן זיו וזוהר אַלע ווינקעלעך פון דער ריזיקער שטאָט און די וואָכעדיקע נשמה, די פאַר׳עסק׳טע און פאַרהאַוועטע, באַהאַלט זיך בחורין ובסדקין ביז יידן וועלן אויסלעשן דאָס הבדלה-ליכט

* צו פוס.

אין די־שיריים פונעם כוס און אָפּזינגען אַלע זמירות למוצאי־שבת מיט אַלע „אליהוס״ מיט אַלע „אל תירא׳ס״ און אפילו אָפּזאָגן די פרשה פון „וישלח יעקב מלאכים״... די שטאָט איז מיט איר גאַנצן אינוועגטאַר, מיטן באַוועג־לעכן און אומבאַוועגלעכן, אַריבערגעגאַנגען אין אַנדערע הענט, אין די ליבע, צאַרטע, הייליקע הענט פון דעם לײדנשאַפטלעך־געליבטן שבת־קודש!

דער מערב־האָריזאָנט האָט נאָך געפלאַמט מיט אַ מאַטן, זיך מיט אַש באַדעקנדיקן פלאַם, אָבער איבערן קאָפּ איז שוין ווי אַ זעלטענע חופּת־כבוד געהאַנגען אַ טיף בלויער הימל, מוכן ומזומן זיך אָנצוהענגען די מיליאָנען בריליאַנטענע אויערינגלעך, וואָס אַ גרויסער עמעצער וועט אים דאָ באַלד אויפהענגען פון ברעג צו ברעג...

ווען שלמה האָט זיך אַ פּאַרסאַפּעטער באַוויזן אויף דער שוועל פון זיין שטוב, האָבן שוין אויפן טיש פון לאַנג פייערלעך געברענט די שבת־ליכט. אין שטוב איז קיינער נישט געווען חוץ יוכבדן, וועלכע האָט זיך ביי זיין אַריינקומען אויפגעהויבן פונעם בענקל אויף וועלכן זי איז געזעסן און האָט געקוקט דורכן פענצטער. זי איז געשטאַנען אויף איר אָרט און האָט שווייגנדיק באַטראַכט איר באַשערטן. שלמה האָט זיך עפּעס געפילט נישט מיט אַלעמען אונטער איר שווייגנדיקן שטיל־פאַראיבלדיקן בליק, אָבער כדי זי זאָל דאָס חלילה נישט באַמערקן, האָט ער זיך אַליין צוגעגעבן קוראַזש:

— אַ גוט שבת! אַ גוט שבת! און ווו זענען ערגעץ די קינדער? די בנים?

יוכבד, מיט אַ ליבלעכן סאַרקאַזם:

— און ווו וואָלסטו דו געוואָלט זאָלן זיי איצטער זיין? אויך דאָרט ווו דער פאָטער זייערער? זיי האָבן אַלץ געוואַרט אויף דיר און געוואַרט און צום סוף, אַז זיי האָבן געזען, אַז דו ביסט אַ פּנים ערגעץ אונטערוועגנס פאַרבליבן אויף שבת, זענען זיי אַליין אַוועק אין שול אַריין... מען קער דאָרטן שוין איצט זיכער האַלטן נאָך „ברכו״...

— אויך אַ געשעפּט! וועלן מיר דאָס מאָל גיין ערגעץ אַנדערש —

— און וואָס מיינסטו איז ערגעץ אַנדערש? האָט מען געוואַרט אויף דיר? מען האָט שוין זיכער אין אַלע מקומות־קדושים אָפּגעדאַוונט.

— קיין גרעסערע דאגה זאָלסטו נישט האָבן! וועלן מיר צוגיין צו די בעלזער. דאָרט בין איך זיכער, קלערט מען נאָך אפילו נישט פון צו דאַווענען מנחה —

— אויף מיינע שונאים׳ס קעפּ! פּאַלג מיך אַ גאַנג אַזש צו די בעלזער... ס׳איז דאָך אודאי די צווייטע שטוב... און דאָ וועלן די ליכט דערווייל אויסגיין, וועט מען שוין עסן אין דער פינצטער —

שלמה האָט אַריינגעכאַפּט זיין ברוגז ווייבל אין זיינע שטאַרקע אָרעמס און האָט זי באַרואיקט:

— נישט געזאָרגט, יוכבדל מיינס! עס וועט זיין ליכטיק! עס וועט אם ירצה השם ביי אונדז און ביי אַלע יידן זיין ליכטיק אין אַלע ווינקעלעך... וואָס שטייסטו און קוקסט מיך אָן ווי אַ בייזווונדער? געב מיר שנעל וועש און דעם שבתדיקן אַנצוג מיטן באַשטערנטן שניפּס, נאָר לעבעדיקער! רירעווודיקער!

— וואָס? איצטער וועסטו זיך נאָך אָנהייבן אָנטון? איך בין דיר מבטיח, אַז ווהין דו זאָלסט שוין נישט גיין דאַווענען, וועסטו שוין אָנקומען צו „עלינו״... אָט וועסטו אומיסטן זען —

— נאַרעלע, וואָס זשע איז דאָ דער אומגליק אַזוי גרויס? ס׳איז בעסער — זאָגט די וועלט — אָנקומען צו „עלינו״, איידער חלילה צו אַ מענטשן... צו אַ מענטשן אָנקומען איז ביטער, אָבער צו „עלינו״ — „פּאַטשעמו ניעט?״ * ווייז אַהער, ווייז אַהער לעבן מיינס, דער שבת איז געוווג גרויס. עס וועט אם ירצה השם קלעקן צייט אויף אַלץ, אויף אַלץ, אויף אַלץ...

יוכבד, שוין ווייכער אַ ביסל:

— אָבער וואָס פאַר אַ טעם האָט זיך איבערטון, נישט האָבנדיק זיך פריער אָרומגעוואַשן?

— שוין געוואַשן, שוין געוואַשן, דערלאַנג שוין גיכער, שטיי נישט! שוין געוואַשן. איך בין געווען אין באָד —

יוכבד בלייבט שטיין אין מיטן צימער מיט זיין גאַרדעראָב אין די הענט:

— ביסט געווען אין באָד? אָן אַ האַנטעך? אָן זייף?

— ס׳איז געווען, ס׳איז געווען — אַלץ איז געווען בסדר גמור און פרעג נישט צו פיל קיין קשיות, ווייל סתם מקשה —

יוכבד, צוקוקנדיק ווי ער טוט זיך אָן שטייענדיק אויף איין פוס און טרעפט נישט מיטן פוס אין דעם הויז-אַרבל, פרעגט אים מיט אַ לייכטער איראָניע:

— דו דערציילסט אפילו נישט, וואָס עס מאַכט דיין געליבטע?

---

* פאַר וואָס נישט?

— ווען האָב איך שוין געהאַט צו דערציילן, אַז איך קום ערשט אַריין?

— איר צוג האָט נישט פאַרשפעטיקט? האָסט כאָטש נישט געדאַרפט לאַנג וואַרטן אויף איר?

— חס וחלילה! איר צוג פאַרשפעטיקט קיין מאָל נישט. זי און איר עקיפּאַזש זענען אַלע מאָל פּינקטלעך ווי אַ זייגער —

— הייסט עס, אַז ס'איז ביי איר הכל בסדר?

— בסדר גמור, טייבעלע מיינס! אויף דיר געזאָגט געוואָרן! שאַ, ווייסטו וואָס? אויף אונדז ביידע געזאָגט געוואָרן אַזאַ סדר און אַזאַ פּראַכט, ווי ביי איר איז —

(אַ „קוצו של יוד" פון אַ פילבענדיקן ראָמאַן, וועלכן דער מחבר פאַרטיקט אַרויס צום דרוק.)

„דער רבי האט געהייסן פריילעך זיין"

עס איז אין גאַנצן געבליבן אַ פּאָר טעג צו די אָקטאָבער-יומטובים. נישט קוקנדיק אויף די טאָג-טעגלעכע שלעכטע וועטערס האָט קיעוו געקאָכט מיט די הכנות צום זעכצנטן יובילי פון דער אָקטאָבער-רעוואָלוציע. דער געשפּענסט פונעם פּאַראַאָריקן הונגער, איז שוין לאַנג פּאַרשוווּנדן. אייניקע פּלעגן שוין אפילו ברוגז ווערן ווען עמעצער פּלעגט זיי דערמאָנען, ווי אַזוי „בימים ההם" פּלעגן זיי זיך טרעסלען איבער אַ פּאַרדאַרט סוכערל, פּונקט ווי אַ געזונט-געוואָרענער טשאַכאָטניק, איז אַ שונא יענעם וואָס דערמאָנט אים, ווי אַזוי ער האָט אַ מאָל, נישט היינט געדאַכט, געשפּיגן מיט בלוט... דאָס גאַנצע לאַנד איז געווען געגליכן צו אַ חולה, וועלכן מען האָט נאָר וואָס אַרויסגעלאָזט פונעם שפּיטאָל... ער לויפט, ער שפּרינגט, ער וואַרפט זיך אויף אַלע זייטן, ער וויל על רגל אחת אויסמאָנען ביי דער וועלט אַלע פּאַרגעניגנס, וועלכע ער האָט אָנגעווירן, זייענדיק צוגעבונדן צום בעט. די שטאָט האָט שעמערירט מיט אירע יום-טובדיקע תכשיטים, מיט איר אָקטאָבער-צירונג. ס'איז נישט געווען דער גאַניק, אויף וועלכן עס זאָלן נישט האָבן געהאַנגען קיין רויטע פּענער, לאָזונגען און בילדער פון מלוכה-מיטגלידער. אַלע הייזער האָבן געמוזט זיין צוגעפּוצט. אַלע ביימער, אַלע פּלויטן, אַלץ האָט געאָטעמט מיט באַנייאונג, מיט פרישקייט. נאָר דער רעכטער האַרמידער איז געווען אויף קרעשטשאַטיק. אויף יעדן הויז איז געווען אויסגעטיילט אַ באַזונדער קאָמיסיע, וועלכע האָט געהאַט צו זיך אַלס „פּראָפעסאָר", ביי וועמען מען זאָל קענען זיך שואל-עצה זיין, אַ ספּעציאַליסט, אַ דעקאָראַטאָר. ריזיקע בילדער, די שענסטע פון די בילדער-גאַלערייעס און פון די מוזייען, האָבן באַצירט די גאַסן. די מיטגלידער פון דער פּאָליט-ביוראָ, געמאָלט אין זייער נאַטירלעכער גרייס, האָבן אייפערדיק אַראָפּגעקוקט פון די פּאָרטרעטן, אַכטונג געגעבן, אַז עס זאָל אַלץ זיין ווי עס דאַרף צו זיין. הונדערטער לאָסטמאַשינעס האָבן אין אַלע עקן שטאָט צעפירט בלומען אויף יום-טוב און באַזונדערס: אין די מאַגאַזינען, אין די אינסטיטוטן און אויף די צענטראַלע גאַסן, אויף צו באַצירן אַלע גאַנקעס. אין די מלבושים און אין די שיךמאַגאַזינען איז געווען אַזאַ געדראַנג, אַז מען איז שיער נישט דערשטיקט געוואָרן. אין די שפּייז-מאַגאַזינען האָבן מענטשן איינגעקויפט פולע זעק מיט אַלערליי פּראָדוקטן. די פּאָליצעס האָבן זיך ממש געבראָכן אונטער

דער לאַסט פון די פאַרשידנסטע שפייזן און נאַשערייען. אַלץ איז געווען בשפע. עס האָט זיך שוין גאַרנישט געגלוסט צו עסן, דאָס אויג איז געווען זאַט בלויז פון זען. די שטימונג אין גאַס איז געווען זייער אַ געהויבענע. די שטאָט האָט זיך געקליבן צו יומטובן דריי טעג נאָך אַנאַנד: דעם זעקסטן, דעם זיבעטן און דעם אַכטן, און אַ טייל מענטשן האָבן זיך נאָך אָפּגעזאָגט פון דעם קומענדיקן אָפּרו־טאָג, אַבי צו האָבן דעם ניינטן אויך אַ פרייען, אסרו־חג דאסרו־חג... אַלע פנימער האָבן געלויכטן מיט פרייד און מיט גליק: די רעוואָלוציע פּראַוועט די זעכצנטע אימענינעס; פיר טעג וועט מען נישט דאַרפן אָנקוקן, נישט דעם סטאַנאָק, נישט די קאָנטאָר; עסן האָט מען אויך איינגעקויפט; אָנגעטון איז מען אויך מער־ווייניקער צו דער־ליידן; און אין טאַש איז נאָך אויך געבליבן אַ צוואַנציק רובל־שטיק אויף נאַשערייען — נו, קען מען דאָך שוין טאַקע לכל הדעות גיין אַ טאַנץ...

קומט דער אַכטער נאָוועמבער אויף דער נאַכט, פּראַוועט טאַקע קיעוו אַ קאַרנאַוואַל אויף דער צענטראַלער מאַגיסטראַל פון שטאָט. אין דער עלעקטראָ־סטאַנציע איז דער סעקטאָר „קרעשטשאַטיק״ אויסגעשלאָסן. געוויינלעכע באַלויכטונג איז אין אַזאַ אויסערגעוויינלעכן אָוונט, טריף ווי חזיר. די פינצטערניש — כאַטש שנייד זי מיט אַ מעסער, געדיכט און קלעפּיק. צענדליקער פּראָזשעקטאָרס וואַרפן סנאָפּעס ליכט אין שוואַרצן חלל אַריין. עס זאַמלען זיך צונויף הונדערטער־טויזנטער מענטשן. צענדלי־קער אָרקעסטערס שפּילן פון די גאַנקעס אַראָפּ, און דער עולם טאַנצט...

עס טאַנצן אויך די וואָס זענען איינגעשטעלט מיטן קאָפּ, וואָס זייער לעבן הענגט אויף אַ חוט־השערה, און מען קען אַ ליאַדע מינוט קומען נאָך זיי, איינזעצן אויף שיינע עטלעכע חדשים, און דערנאָך זיי פאַרשיקן אויף היפּשע עטלעכע יאָר. עס טאַנצן אפילו אַזוינע, וואָס שמאַכטן אַלע זייערע יאָרן פון הונגער, לעבן נאָר פון די געציילטע עטלעכע רובל, וואָס מען גיט זיי געהאַלט. נאָר אַזוינע זענען אָבער דאָ זייער ווייניק, טאַקע ממש יחידים. דאָס רוב מענטשן ווילן נישט שמאַכטן און ווילן נישט הונ־גערן און מען גנבעט. דער דאָזיקער מין גניבה איז אָבער נישט פון דעם סאָרט גנבות, אויף וועלכע מען האָט אָנגעזאָגט אין דער תורה: „לא תגנוב״, אָדער פאַר וועלכע מען לינטשט אין אַנדערע לענדער. ניין! דאָס איז אַ מין זעלבסטפאַרשטענדלעכע, זייטיקע הכנסה, וועגן וועלכער עס וויסן די באַלע־באַטים, וועגן וועלכער עס וויסט די גרויסע נאַטשאַלסטווע, וועגן וועלכער עס וויסן די „פאָטערס פונעם פאָלק״, נישט מער, ס׳איז אַ מין הסכמיות דערבייַ: שמור לי ואשמור לך. והעיקר: דער ענין איז אַזוי זעלבסטפאַר־

שטענדלעך און נאַטירלעך, אַז מען רעדט אפילו נישט דערפון! קומט אָן אַ מענטש, וואָס האָט נאָך אַ פאַמיליע, אויף אַ פּאָסטן פון 150 רובל געהאַלט, פאַרשטייען אַלע, פון גרויס ביז קליין, אַז ער מיינט נישט די אָפיציעלע 150 רובל, נאָר די אומאָפיציעלע טויזנט פינף הונדערט רובל. אַלע ווייסן דאָס, אַלע פאַרשטייען, אַז אַנדערש קען דאָס נישט זיין, אַז גאָט אַליין האָט אַזוי געהייסן, אָבער — מען מאַכט מיט אַ שווייג, ש—שאַ! כאַטאַ פּאָקרישקאַ! „הכל יודעים, למה כלה נכנסת לחופה אלא כל המנבל פיו"... און אַז עס קומט צו דער „אויסצאָלונג", מאַכט יעדער אַן אָנשטעל, אַז דאָס נעמט ער אָפּ די איינציקע גראָשנס פון וועלכע ער עקזיסטירט. יעדער ביי זיך רעדט זיך איין, אַז ער האָט אָפּגענאַרט דעם צווייטן און מען גנבעט ווייטער צו ביסלעך. עס פאַרשטייט זיך, אַז מען קען אַריינפאַלן, אָבער דערפון טאָר מען נישט קלערן, דיה לצרה בשעתה. אויב מען זאָל וועלן נעמען אויפן קאָפּ, וואָס עס קען געשען, אויב מען וועט זיך פּאַקן, דאַן איז — שבקת חיי לכל בריה! דאַרף מען נישט חתונה האָבן; טאָר מען נישט ברענגען קיין קינדער אויף דער וועלט; דאַרף מען זיך דאָס לעבן נעמען און אַן עק! אלא וואָס דען? מען טאָר נישט טראַכטן, — לעב, אַזוי לאַנג ווי עס לעבט זיך, און אַז דו וועסט זיך פּאַקן, וועט אַ צווייטער קומען אויף דיין אָרט און דו וועסט גיין שלאָפן. זיי זיכער, דער דאָזיקער כף־הקלע־דיקער מאַכאָוויק וועט זיך איבער קיין איין שרייפעלע חלילה נישט אָפּ־שטעלן! דער דאָזיקער מענטשן־קאָנווייער, אָט דער אימה'דיקער גלגל־החוזר פון לעבעדיקע נפשות וועט מאריך־ימים זיין פּונקט אַזוי פיל, ווי די ראַטנמאַכט אַליין, ווייל ס'איז הא בהא תליא וחוזר חלילה... היינט טאַנצסט דו אויפן קבר פון דיין פאַרגענגער, אין אַ שטיקל צייט אַרום, אַז דו וועסט אַריינפאַלן, — זאָג נישט „חלילה", שוטה דו, דו מוזסט אַריינפאַלן! ווען דו זאָלסט אפילו זיין מיט הונדערט קעפּ און מיט אַ מיליאָן פּאָר אויגן, וועסטו זיך נישט אַרויסדרייען פונעם חלף וואָס הענגט איבער דיר און איבער אַלע פון דיין גלייכן! — וועט עמעצער אַנדערש טאַנצן אויף דיין קבר... ביידע זאַכן זענען נצחיים: לעבעדיקע קברים וועלן אייביק זיין און אָט דער טייוולאָנישער טאַנץ וועט אייביק אָנגיין —

פון די שטאָטגערטנער שפּריצן אין הימל אַריין גאַנצע פאָנטאַנען מיט קאָלירטע שטערן. די בענגאַלישע פייערן שאַפן עטוואָס ענלעכס אויף אַ לעגענדאַרן פּאַראַשוט, הייבן אָן צו פאַלן, לעשן זיך אויס, און דער עולם אויף קרעשטשאַטיק לאַכט מיט פאַרגעניגן, לאָזט זיך וויל־גיין און טאַנצט...

עס טאַנצט דער פאַרקויפער פון געוועלב, וועלכער האָט ערשט היינט

נישט געגעבן דעם קונה די ריכטיקע וואָג און האָט רײזיקירט צו באַקומען פינף יאָר טורמע. אָבער ער האָט איבערגעפּאָקט? מען האָט אים לעת־עתה נאָך נישט אײנגעזעצט אין קאַטשומענט? איצט הערט ער זײ כיום אתמול כי יעבור,* איצט איז שבת וינפש, איצט טאַנצט ער...

עס טאַנצט די פּאַרקויפערין, וואָס האָט ערשט הײנט באַרעכנט דעם קונה, וואָס ער האָט זיך נאָר געלאָזט, מיט 50 קאָפּיקעס מער ווי עס קומט, און דערפאַר טאַקע האָט זי איצט עטלעכע רובל אין טאַש. אַ דאַנק אָט די „שנײדערשע חשבונות", — צוואַנציק און צוואַנציק איז אַ רובל מיט צוואַנציק, — וועט זי זיך קענען פאַרגינען אָפּהוליען דעם יומטוב מיט לײטן צוגלײך. נעכטן האָט זי געגאָסן וואַסער אין טאָמאַט אַרײַן. אײער־נעכטן האָט זי געגאָסן וואַסער אין דער פּאָווידלע און אינעם עסיק. פאַר אײערנעכטן האָט זי געמישט די סאָרטן עפּל פון וועלוועלער אויף טײערער און אונטערגעמישט זאַלץ אין זאַמד־צוקער אַרײַן. ווען נישט אָט דאָס „גיסעניש" מיט אָט דעם „מישעניש", וואָלט זי געדאַרפט אויסגײן פון הונגער מיט אירע עלטערן און מיט אירע קינדער צוזאַמען. און אויב עס איז איר יאָ געלונגען און זי איז נישט אַרײַנגעפאַלן, פאַר וואָס זשע זאָל זי נישט טאַנצן? זי וועט דאָך מאָרגן אויך דאָס זעלבע טון, און אין אַ יאָר אַרום אויך דאָס זעלבע, טאָמער כאַפּט מען זי דאַמאָלסט, וויל זי כאָטש הײנט אָפּטאַנצן איר חלק טאַנצעניש... וואָס איז? איר נשמה איז דען פון קלאָטשעו?

דער שלאָסער, דער טאָקער, דער פרעזעראָווששיק, דער שטאָלגיסער, דער שמעלצער, אָט די גאַנצע מחנה מעטאַלורגן פעלן אויך נישט אוים אויף דעם טאַנצפלאַץ, יעדער אײנער פון זײ האָט ערשט הײנטיקן פאַר יומטוב אַרויסגעטראָגן אַ שטיק מעש, צינק, אָדער בלײ פונעם צעך. וואָס—וואָס, קײן קלאָפּאָטן האָבן גאָט זײ דאַנק נישט אויסגעפעלט, והמלאכה היתה דים... ס'איז גאָר נישט קײן קלײניקײט דאָס קלײבן אַ גראָשן צו אַ גראָשן מיום ליום ומחודש לחודש אחד־עשר, הוא חודש נאָוועמבער — אַלץ לכבוד יום־טוב! ותכבד העבודה על האנשים... דערפאַר אָבער, אַז עס קומט דער געבענטשטער זיבעטער נאָוועמבער ענדיקט זיך אָט דאָס משוגע־מאַכנדיקע קלײבעניש, — וישבתו העם ביום השביעי! עס איז אַדורך בשלום? קײן עין־הרע האָט חלילה נישט שולט געווען? טאַנצט מען...

דער נאַטשאַלניק פון דער באַן־קאָנטאָר האָט הײנטיקן ערב יומטוב

* ווי דעם נעכטיקן טאָג.

אַריינגעלייגט אין טאַש אַריין 1000 רובל פאַר געבן אַן אָרגאַניזאַציע דריי לײדיקע וואַגאָנען אויף אָפּצושיקן זייער פּראָדוקציע, כאָטש אין פּלאַן זענען זיי אויף היינטיקן קוואַרטאַל נישט אַריינגעטראָגן געוואָרן. איצט טאַנצט ער. ער איז אויפגעלייגט. די וואַגאָנען זענען אַוועק בשלום? קיין קאָנטראָל איז פונקט נישט אָנגעקומען? איצט הערט ער זיי ווי המן דעם גראַגער, איצט איז שבת שבתון, איצט מעג ער טאַנצן...

אין שכנות מיט אים טאַנצט אַן אַרבעטער פון לעדער-זאַוואָד. גראָד ער, האָט היינט בפירוש אַ געמיינעם יום-טוב. דעם שטיק בלאַנק, * וואָס ער האָט אייערנעכטן אָנגעגרייט אין קלאָזעט הינטער דער טיר, האָט זיך אים נישט איינגעגעבן מיטצונעמען. מען האָט זיך אַלץ געדרייט אַהין און אַהער און ער האָט בשום אופן נישט געקענט געפינען קיין שעת-הכושר. ער האָט נאָר צוגעשלעפּט אַ פּאָר קעפּלעך ** צו שטיוול און איין פּאָר גומענע זוילן. נאָר גוט איז דאָס, אַן דעם איז דאָך נאָך ערגער. און ער טאַנצט...

דער בעדער האָט היינטיקן ערב יום-טוב קוים מיט צרות אָפּגעשלעפּט דריי קילאָ זייף מיט צוויי ליילעכער. דווקא נישט גאָר קיין גוטע, בפירוש שטאַרק, שטאַרק גענוצטע, נאָר וואָס קען מען העלפן, אַז עפּעס בעסערס איז פאַרט נישט געווען צו דער האַנט. עפּעס נעמט מען „נאַ וויבאַר"? און ווי־דער, וואָס איז ביי אים פּלוצלינג געוואָרן פאַר אַ יחוס: ערב יום-טוב, צי מוצאי יום-טוב. זיינע גראָשנדיקע „אָפּשלעפּענישן" וועט ביי אים קיינער קיין מאָל נישט קענען צונעמען. ווי זאָגט דאָס אוקראַיִנישע פאָלקסווערטל: „דו וועסט מיך פון „איוואַנען" נישט אַראָפּוואַרפן!", אַזוי טראַכט ער זיך. און אַזוי ווי היינט איז דאָך עפּעס פאָרט דער זעכצנטער „אָקטאָבער" איז

— זאָל לעבן סטאַלין! זאָלן לעבן די פּראָלעטאַרישע דיקטאַטור! און ער טאַנצט אויף וואָס די וועלט שטייט...

דער דירעקטאָר פון דעם געהילץ-זאַוואָד האָט אָנומלט אויף זיין אייגענער אחריות אויסגעשריבן פיר קוביק-מעטער ווערשקאָווע ברעטער פאַר דער בעטן-פאַבריק, ווייל מיט איין האַלבער שעה פאַר דעם אָנקומען פון יענעם אַגענט האָט אים זיין ליובאַ אָנגעקלונגען:

— גרישינקאַ, איך האָב פאַר דיר אַזאַ סיורפּריז, אַזאַ סיורפּריז!... שטעל דיר פאָר: פריער אַ ביסל עפנט זיך די טיר, עס קומט אַריין עפּעס

---

* אַזאַ סאָרט פּאָדעשווע-לעדער.

** די פּעדערשטע טייל פון די שטיוול.

אַ יונגערמאַן מיט אַ פּאָרטפעל, גריסט זיך זייער עלעגאַנט און בשעת־מעשה ווינקט ער צו עמעצן, וואָס שטייט אַ פּנים אונטן, אויף די טרעפּ, אַז מען קען אַרויפטראָגן. עס קומען אַריין צוויי טרעגערס און טראָגן אַריין אַ ניקעלן בעט. אָבער וואָס זאָל איך דיר זאָגן, גרישאַ? האָסט נאָך אַזוינס נישט געזען! דער ניקעל — זילבער! דער מאַטראַץ — אַ פּערענע! אַ לוקסוס, זאָג איך דיר! אַ גרוימער, אַ ברייטער, פּאַר אונדז אין צווייען. די טרעגערס צעפּאַקן עס, שטעלן עס צונויף, איך וויז זיי אָן דאָס אָרט וווּהין עס אַוועקצושטעלן, די איבערגעזשאַווערטע „כאַלאַבודע" אונדזערע, ווערט אַרויסגעוואָרפן אין דער האָלצקאַמער „אויף דריי שפּענדלעך" און פּאַרטיק! כאַטש לייג זיך שוין שלאָפן. איך פרעג ביי דעם מיטן פּאָרטפעל: — „דאָס האָט מיין מאַן געקויפט?" — ענטפערט ער: — „אַזאַ אָנגעזעענע פּערזאָן ווי אייער מאַן האָט נישט נייטיק דווקא צו קויפן"... — „פאַרוואָס זשע דען גיט איר אונדז אָט דעם טייערן געשאַנק?" — „פּאַר גאָרנישט... פּאַר אייערע שיינע אויגן... — דאָס זענען בוכשטעבלעך זיינע ווערטער: „פּאַר אייערע שיינע אויגן"... וואָס דען, מיינסטו, אַזוי ווי דו? — און ער גיט צו מיט אַ באַטעמטן שמייכעלע: „דאָס איז פּאַר אייך אַ מתנה פון אונדזער אינסטיטוציע בלויז אויס אָנערקענונג און רעספּעקט, נאָר ווען איר זאָלט נאָך וועלן דערפון אַ ידיעה געבן אייער מאַן דורכן טעלעפאָן, וואָלט איך אייך געוועזן זייער דאַנקבאַר"... —

און ער זאָגט אַ „גוטן טאָג" און ער נעמט און גייט אַוועק. גרישאַ, זאָלסט זען אַ בעט!... כאַטש לייג זיך אין דער ברייט... פּרוזשינעס — קוועקזילבער! דער טיק — ווונדערבאַר! טאַמער קומט צו דיר אָט יענער יונגערמאַן, זיי צו אים גוט. ער איז אַזאַ ווילער, אַזאַ סימפּאַטישער, אַז איך האָב זיך אין אים שיער נישט פאַרליבט —

און גרישאַ איז אויך אַ ווילער, אויך אַ סימפּאַטישער, און דער עיקר: ער פאָלגט דאָס וויב, און האָט טאַקע אויסגעטיילט פיר קוביק־מעטער פון די טייערסטע ברעטער. דאָס בעט האָט ער פאַרנוצט געזונטערהייט, עס איז באמת זייער אַ באַקוועמס, זייער אַ שיינס און אַ ברייטס, אַקוראַט ווי ער דאַרף. און איצט איז: וישבות ביום השביעי, איצט טאַנצט ער...

דער דירעקטאָר פון דער בעטן־פאַבריק האָט פון אָט דער כשר'ער מציאה געלאָזט מאַכן עטלעכע מאות ערשטקלאַסיקע הילצערנע בעטן און האָט זיי אין ערב יומטוב'דיקן חודש ממש „פאַרצוקערט" * דורך אַ „לינקן" מאַגאַזין. מיט איין וואָרט: ער האָט אָפּגעלעקט גאָר־גאָר אַ פעט ביינדל.

* געמיינט: אויספאַרקויפט.

דער פאַרוואַלטער פון דעם בעטן־מאַגאַזין האָט אויך עפּעס טועם געווען מסעודתו של לויתן. אמת, נישט אַזוי גראָב ווי זיין דירעקטאָר — יענער האָט אַ הערצל, מעג זיך עס אָפּשטעלן לעולם ועד, — נאָר גוט איז פון אַ חזיר אַ האָר. איצט טאַנצן זיי אַלע מיט זייערע ווייבער ביים ליכט פון די פּראָזשעקטאָרן און דער מח דרייט זיך שוין פון נייע קאָמבינאַציעס.

דער יונגער דאָקטער מיט זיין פרוי טאַנצן לאַנגזאַם, באַישובט און גאָר נישט אַזוי אויפגערוימט. ער איז נאָך קיין גאַנצע דרייסיק יאָר נישט אַלט, טראָגט פּענסנע, פאַרמאָגט נאָך אַלע אייגענע ציין, אַ געדיכט היטל קאָנאָפּליע־האָר און דער עיקר: געזונטע פאַרב אין די באַקן. זיין באַשערטע דאָקעגן, האָט שוין נישט קיין איינע פון די אויסגערעכנטע מעלות. זי זעט אויס היפּשלעך צוגעוועלקט און קען פריי אָנגיין פאַר זיינער אַ מוטער. גענומען האָט ער זי, ווייל פון אירע בידנע גראָשנס האָט זי געשפּאָרט און אים געהאָלפן ענדיקן דעם אינסטיטוט. ווען ער האָלט איצט פאַר דעם לערנען, וואָלט ער איר מוחל געווען די טובה, האָלט ער שוין אָבער נאָך דעם לערנען און ס'איז פאַר—פאַלן, צוריק קריכט נאָר אַ ראָק. ער אַרבעט אַלס דאָקטער אין אַ שפּיטאָל, זי — אין דעם זעלבן שפּיטאָל אַלס פעלד־שער־געהילף. דער עיקר פּרנסה באַשטייט אין דעם, וואָס מען „מאַכט", און מאַכן מאַכט זיך איצט זייער שוואַך. פאַר אַרויסגעבן אַ ביולעטין אַ כלומרשטן חולה פלעגט מען פריער נעמען דרייסיק רובל, אָבער היינט, אַז עס זענען דאָ דאָקטוירים מער פון חולאים, ווהין מען גיט אַ וואָרף מיט אַ שטעקן, טרעפט מען אויף אַ דאָקטער, נעמט מען שוין נאָר צען רובל. ס'איז שוין אַוועק אַ גאַנג: אַ טשערוואָניעץ אַ „בלעטל", אַזוי ווי אַמאָליקע יאָרן: ח"י גראָשן אַ לוח. דער פּרוים „מאַכעניש" באַשטייט אין אַרויסטראָגן בגנבה אַ בינט, אַ ביסעלע ספּירט, וואָס מען גיסט אָפּ אומבאַ־מערקט; אַ מאָל אַ שערעלע, וואָס מען נוצט דאָס זעלטן וכדומה; אָבער דער עיקר איז טאַקע בינטן. פאַר אַ ברייטן בינט קערט אום דער אַפּטייקער גאַנצע צוויי רובל. איז אָבער לעצטנס אָנגעקומען אַ פאַראָרדענונג, אַז יעדער חולה מוז מיט זיך ברענגען זיין אייגענעם בינט. פון דאַמאָלסט אָן איז טאַקע ביטער, קלעקט נישט אויף דעם, קלעקט נישט אויף יענעם, אָבער איינס האָט נישט צום צוויטן, יום־טוב איז יום־טוב! אפשר וועט דאָס קומענדיקע יאָר זיין אַ בעסערס, אפשר וועלן זיין מער בעלנים אויף צו מאַכן „געזעצלעכע" פּראָגולן; אפשר וועט מען דריי פערטל פון קיעווער דאָקטוירים ערגעץ פאַרשיקן צו אַל די רוחות; אפשר וועט מען ווידער אָנהייבן אַרויסגעבן בינטן פאַר די פּאַציענטן. בקיצור: דערווייל טאַנצט מען אויף קרעדיט, אָבער מען טאַנצט...

דער הויפּט-אינזשיניער פונעם צוקער-זאַוואָד אויפן נאָמען פון פּאָס־טישעוו פירט זייער מילד זיין יונג ווייבעלע. ווען עמעצער זאָל אים וואָגן זאָגן, אַז ער איז אַ זינדיקער קעגן דער מלוכה, אַ פאַרברעכער, וואָלט ער יענעם זיכער אויסגעלאַכט. ער — אַ זינדיקער? וואָס מיינט איר דערמיט צו זאָגן? אַך, איר האָט בדעה די טויזנט רובל, וואָס מען האָט אים אַריינגע־רוקט אין טאַש אריין פאַרן אויספירן די באַשטעלונג 39/52 אין דער ערשטער ריי? אָט דאָס איז אין גאַנצן? דערפאַר הייסט ער שוין ביי אייך אַ זינדיקער? נו, נו, נאַ־דיר גאָר אַזאַ איינפאַל! ערשטנס, האָט ער דאָך נישט געבעטן מען זאָל אים געבן. מען האָט אַליין אים אַריינגעלייגט אין טאַש. זאָל ער וואָס טון מיט זיי? זיי אַרויסוואַרפן אויף דער גאַס? און צווייטנס, איז דאָך דער באַשטעלער: קיעווטאָרג. אויך אַ סאָוויעטישע אָרגאַניזאַציע, צי ניין? דריטנס, ווו וואָלט ער גענומען אויף לאַקירקעס פאַר זיין פוסין? הלמאי ווען ער כאַפּט נישט פריער מיט עטלעכע חדשים ביי דער באַשטעלונג נומער 81/13 קיין 2500 רובל, וואָלט ער טאַקע נישט געהאַט, נישט קיין גאָלדענעם „דאָקס”,* נישט קיין קאַראַקולענעם קאָל־נער. בקיצור, זייט נישט קיין שוטה, דאָס הייסט נישט געזינדיקט. אָן דעם איז בכלל אוממעגלעך...

— צי למשל, איר וועט שוין באַלד זאָגן, אַז דער דירעקטאָר פון דעם צענטראַלן שפּיטאָל, נעמענדיק אַ טויזנטער פאַר געבן דעם בעסטן כירורג אויף אַ געפערלעכער אָפּעראַציע, האָט אויך געטון אַן עוולה?

— נו, פאַרקערט, איר וועט שוין באַלד זאָגן, אַז דער פאָרזיצער פון דער פאַרוואַלטונג אין הייזער־קאָמיטעט, נעמענדיק פינף טויזנט רובל פאַר אויסטוישן אַ נאַסע, אַ פינצטערע וווינונג אויף אַ ליכטיקער, אַ שיינער, אַ גרוימער, אַ טרוקענער, איז אויך באַגאַנגען אַ זינד? האַ?

— צי איר וועט אפשר זאָגן, אַז דאָס, וואָס דער ציין־מעכאַניק קויפט אָפּ ביי די אָנגעשטעלטע פון דער מלוכה־באַנק גניבה'שע „ניקאָלאַיעווסקע” גאָלדענע „צענערלעך”, גיסט זיי איבער אויף ציין און נעמט פאַר זיי אַ משוגענעם פרייז, איז אויך נישט על־פּי דין, צי על־פּי יושר, האַ?

— וועט איר שוין אודאי זאָגן, אַז דאָס וואָס די קאַסירערין פונעם טעאַטער גיט אָפּ נאָך ביי זיך אין דער היים, אין דער צווייטער האַנט אַריין העכער האַלב בילעטן פון די בעסטע ערטער, וועלכע קאָסטן נאָך

* אַ באַרימטע שווייצאַרישע פירמע פון זייגערס.

דעם דריי, פיר מאָל מערער פון דעם נאָרמאַלן פּרייז, איז אויך נישט לייטיש פון איר זייט?

— צי אַ שטייגער דאָס, וואָס דער קאָרעספּאָנדענט פון „פּראָלעטאַרסקאַיאַ פּראַוודאַ" האָט באַקומען אַ „פּוטיאָווקע" קיין סאָטשי נישט פון דער רעדאַקציע נאָר פון דער דירעקציע פון דער טריקאָטאַזש־פאַבריק, דערפאַר וואָס ער האָט אָנגעשריבן וועגן זייער אַרבעט מיט גרויס פּאָמפּע. וועט איר אפשר זאָגן, אַז דאָס איז אויך נישט כשר, האַ?

— צי אַ שטייגער דאָס, וואָס די מוטער פון אָט יענער מאָגערער סטודענטקע מיט די חלבנע אויגן האָט שכל געהאַט פאַר די עקזאַמענס זיך אויסטרעטן אַ וועג צום דעקאַן אין שטוב אַריין און בגוואַלד אַריינרוקן אין שופלאָד פון דער דעקאַנשעס קאָמאָד אַ קופּאָן אויף אַ באַלקאָסטיום, איינרוימענדיק איר בשעת־מעשה, אַז איר בעסטער ווונטש אין לעבן איז, אַז איר סאָפּאָטשקאַ זאָל אין דיפּלאָם קיין איין „דריי" חלילה נישט האָבן, דאַקעגן „פּינפּס" — וואָס מער... פון „פּינפּס" האַלט זי אַ וועלט... איז וואָס? ווען טוט עס ווי דער קאָפּ, אויב איר טעכטערל האָט טאַקע „געענדיקט" אויף בלויז פינפן? ווער עס פאַרגינט איר נישט, איז — זאַלץ אים אין די אויגן און שטיינער אין האַרצן... זאָל יענער נישט זיין קיין יאָלד... אַ שוטה, זאָגט די וועלט, איז פיל ערגער פון אַ משומד... היינטיקע יאָרן דאַרף מען געדענקען, אַז אומזיסט האָט מען נאָר אַ פייג... ווילסטו פאָרן, מוזסטו פריער גוט באַשמירן די רעדער... און בכלל, וואָס איז דער רעש? וואָס איז זי דען אויסן מיט דעם „געשמירטן" דיפּלאָם? אַריינרוקן איר טאָכטער אויף אַ פּאָסטן, וואָס זי קען אים נישט פאַרטרעטן? גאָט באַהיט! איר מיידעלע וועט מיט גאָטס הילף נישט אַרבעטן. טראַקטאָרס זאָלן אַרבעטן, טראַקטאָרס און קאָלכאָזניקעס. אַרבעטן איז נישט פאַר סאָפּאָטשקעס כוחות. זי האָט ביים לערנען אויך געשאַנעוועט די כוחות. נישט מער, אַזוי ווי זי שטייט אין שידוכים און די היינטיקע קאַוואַליערן האָבן ליב, כלומרשט אומגערן, כאַפּן אַ קוק אין דיפּלאָם אַריין, איז מהאי טעמא... ווען ברענגט עס דען שאָדן? גלאַט אַבי יענעם קאַליע מאַכן דעם יום־טוב? דעם גרויסן, דעם באַליבטן אָקטאָבער־יומטוב?...

— צי אַ שטייגער, איר ווילט מסתמא זאָגן, אַז דאָס, וואָס די הויפּטאָנפירונג פון די אַפּטייקן האַלט, אַז שאַרף־דעפיציטנע מעדיקאַמענטן, איז זיכערער צו האַלטן אין פּריוואַטע הענט, נישט אין יעדן פאַרשיידענע אַפּטייקל, איז אויך אַ פאַרברעכן?

— צי אַ שטייגער אַזאַ פֿאַל: אַז דער זאַוומאַג * אויף דומסקי־פּלאַץ האָט דערזען די ערב־יומטוב׳דיקע בהלה, וואָס טוט זיך אין דער שיך־אָפּטיילונג, האָט ער אַ ווונק געטון צו די משרתים, מען האָט אויף גיך צעפּאַקט עטלעכע קאַסטנס שיך דריטער סאָרט, אַרויפגעוואָרפן די קראָם אויפן טיש און „בשעת־הדוה" האָט מען זי זייער שיין „אַראָפּגעשוועקט" פֿאַר ערשטן סאָרט. נישקשה, מענטשן זענען נישט קיין חזירים — מען עסט אויף! דאַרף אָבער דער רוח אָנטראָגן דעם אינספּעקטאָר פֿונעם מלוכה־קאָנטראָל, ער נעמט איבער ביי דער טיר עטלעכע קונים, קאָנטראָלירט דעם סאָרטאַזש מיט דעם פּרייז און... און ס׳האָט געזאָלט זיך צעפּלאַקערן גאָר אַ גרויס פֿייער, איין גליק איז געווען, וואָס דער אינספּעקטאָר איז געווען אַ געריבענער בחור, נאָך מער מזיק פֿונעם פֿאַרוואַלטער. מען האָט זיך צוועקגעזעצט אין עקסטן צימערל, די פֿאַרקויפֿערס האָט מען געהייסן אַלע אַכט קאַסטנס דריטער סאָרט שיך, „דורכלאָזן" אַלס ערשטער סאָרט און אַליין האָט מען צונויפגעשטעלט אַן אַקט, אַז דער טראַנספּאָרט שיך דריטער סאָרט, האָט זיך אַרויסגעוויזן נישט קיין דריטער סאָרט, נאָר הונדערט־פּראָצענטיקער בראַק און אויף דעם אַנטשפּרעכנדיקן פּרייז האָט מען די שיך פֿאַרקויפֿט... פֿון דעם שטילינקן געשעפֿטעלע האָבן אַלע דריי: דער מאַגאַזין־פֿאַרוואַלטער, דער אינספּעקטאָר און דער בוכהאַלטער, געהאַט אויף יומטוב־הוצאות די והותר און איצט שרייען זיי „הוראַ" אויף יעדן פּאַטריאָטישן אויסרוף, אַז מען קען טויב ווערן. וועט איר אפֿשר אויך זאָגן, אַז זיי זענען נישט אין אָרדענונג? אַז זייערע מטבעות זענען מיט סירכות? אויב איר זאָגט אַזוי, זענט איר אַליין מחילה דער רעכטער שונא פֿונעם פֿאָלק! איר קענט נישט ליידן, הלמאי מענטשן קענען באַוווסטזיניק, מיט אַלע חושים זיך איבערגעבן דער פֿרייד פֿונעם אומפֿאַרגלייכלעכן אָקטאָבער־יומטוב!...

— צי אַ שטייגער, אויב דער פֿאַרוואַלטער פֿון דער באַזע פֿאַרקוקט זיך בשעת מען וואַרפֿט „בטעות" אַרויף אויפֿן אויטאָ, אַן איבעריק פֿעסל הערינג מיט אַן איבעריקן קאַסטן פּאַפּיראָסן, וועט איר דאָס אויך פֿאַר־רעכענען פֿאַר אַן עוולה?

— צי אַז דער מיליציאָנער פֿונעם פּאָסטן באַקומט גראָד שלשול אום האַלבער נאַכט, כדי עס זאָלן קענען דורכפֿאָרן עטלעכע פֿורלעך מיט לינקער קראָם, וועט איר אפֿשר אויך זאָגן, אַז ס׳איז אַ ביסל נישט גלייך פֿון זיין זייט, האַ? זייט זשע נישט קיין בטלן, ווייל מען וועט לאַכן פֿון

* מאַגאַזין־פֿאַרוואַלטער.

אייך. קיינער איז דאָ נישט קיין קאָנטער-רעוואָלוציאָנער, אַלע אויסגע־רעכנטע זענען פאַרברענטע באָלשעוויקעס, נישט מער, אַ דאַנק אָט די קליינינקע שטיפעריען מוז מען זיך נישט ציילן דעם ביסן אין מויל אַריין און די קינדערלעך האָבן גאַנצע שיך אויף די פיסלעך. איז וואָס זשע וואָלט איר געוואָלט? אַז סאָוויעטישע בירגער זאָלן נישט אָפּעסן צו דער זעט און, אַז סאָוויעטישע קינדערלעך זאָלן גיין מיט אָפענע שיכעלעך? און זיך צוקילן די לונגעלעך? און אָנהייבן הוסטן מיט... מיט נישט פאַר קיין שום מענטשן געדאַכט? אויב אַזוי, זענט איר טאַקע דער אמת׳ער אויס־באַהאַלטענער וויים-גוואַרדייער, דער פאַרמאַסקירטער אַגענט פונעם אַל־וועלטלעכן אימפּעריאַליזם און קאַפּיטאַליזם! ס׳איז קיין ספק נישט, אַז איר זענט דאָס, ווען נישט, וואָלט איר אַזוי נישט גערעדט...

— און דאָס וואָס ביי דער מיליץ אַרבעט די הינטערטיר ברייטער פון דער פעדערשטער איז אויך אַ חסרון?

— און דאָס וואָס אַזאַ אַדוואָקאַט, וואָס איז נישט צונויפגעלייגט מיטן ריכטער, וויל קיינער נישט נעמען, געפעלט אייך אויך נישט?

— און דאָס וואָס ביים טאָרגסין איז אַ גאַנצע בירזשע פון גאָלד מיט דאָלאַרן, כאָטש מאַך אַ בריק פון קיעוו ביז וואַשינגטאָן, געפעלט אייך אויך נישט? און דאָס וואָס ס׳איז דאָרט אַ גערעטעניש אויף מעל און אויף שניטקראָס, אויף לעדערוואַרג און אויף פוטערוואַרג, איז אויך, האַלט איר, אַן עבירה?

— גייט שוין, גייט, פּעטאַך איינער, האַקט נישט קיין טשייניק!... איר ווילט פשוט צונייען דער ראַטנמאַכט אַ „דיעלע" מיט שם״ה לאווין? אָט דאָס אַלץ ווערט ערשט דאַמאָלסט אַן עבירה, ווען מען פאַלט שוין אַריין. אָבער איידער מען פאַלט אַריין? טוען דאָס אַלע! אָט די קליינע עבירה׳לעך שטעלן מיט זיך פאָר דעם גרונטשטיין פון דעם עקאָנאָמישן לעבן פון דעם סאָוויעטישן בירגער פון אַלע שיכטן. זייט זשע מוחל, ר׳ פחדן פחדנאָוויטש, און שרעקט אונדז נישט מיט אייער אַכצנטער קאַמער, צי מיט דעם פערצנטן קאָרידאָר, אָדער גאָר מיט דעם געזעץ פונעם זיבעטן אויגוסט. רעדט נישט קיין שטותים, עס פּאַסט גאָרנישט פאַר אייך. גלייבט מיר, דער הימל איז נאָך נישט ביי דער ערד. שלעכט איז נאָר דעם, וואָס מען כאַפּט אים, אָבער אַזוי? לעבט מען און מען זינגט, און מען טאַנצט...

— הוליע, קבצן! לעב אַזוי לאַנג, ווי עס לאָזט זיך! באַוואָרן נישט קיין וועלט! שוטה דו, היום כאן ומחר בקבר, וואָס האָסטו שוין אָנצוווערן אויף אָט דעם דאָזיקן עולם-התוהו? ווי זאָגט די וועלט אַ ווערטל: „טרינק יאָ וועסטו שטאַרבן, טרינק נישט, וועסטו שטאַרבן, איז טאַקע גלייכער

יאַ טרינקען״... האָב שכל, פרעג נישט קיין קשיות, מאַך צו די אויגן און הייב די פיס גלייך מיט אַלע. מאָרגן קענסטו געשוואָלן ווערן פון הונגער, ווי אַ באַרג; מאָרגן קען מען דיך נאָך נעמען אין „חדר״ אַריין אויף „חיים ארוכים״, אויב נישט: עד שיבוא אליהו; אָבער וואָס מיר מאָרגן, ווער מיר מאָרגן? דערווייל ביסטו נישט הונגעריק? דערווייל גייסטו נאָך אַרום אָן אַ שומר? טאָ זיי זשע נישט קיין כפוי-טובה און טאַנץ, אַז די פּאָרע זאָל פון דיר אַרויס! היינטיקן אָוונט טאָר מען נישט זיין מקטני-אמנה, היינט דאַרפסטו שרייען אויף קולי-קולות: זכרנו את הדגה, כאָטש מאָרגן קען דיר אויסקומען צו שרייען: זכרנו את הדאגה... דו האָסט אין שטוב מזון סעודה אחת? איז גוט! האָסטו מזון שתי סעודות? איז אודאי גוט! שוטה, וואָס דו ביסט! אל תדאג דאגת-מחר, ווייל... ווייל דו ביסט נאָך מיט היינט אויך נישט פאַרטיק... און אפשר וואַרט שוין גאָר אויף דיר אין דער היים די „חברא-קדישא״ מיט די רויט-בלאָע נושאי-המטה? ביי גאָט און ביי דער ראַטנמאַכט איז דאָך אַלץ מעגלעך... טאָ חקרן זיך ווייניקער און באַוואָרן ווייניקער און וויל נישט זיין קלוגער פון דער גאַנצער וועלט! די וועלט טאַנצט? אמת, עס שניידט טאַקע אינעווייניק, אָבער מען הייבט פיס? מען העפּעט? טו אויך אַזוי! אל תפרוש מן הצבור, אלא נישט קענסטו זיך נאָך אָנפרעגן אַ מפטיר... ווער ווייסט, ווער עס שטייט הינטער דיר, און ווער פאַר דיר, און ווער פון די זייטן, און וועמען וואָס עס קען איינ-פאַלן וועגן דיר צו טראַכטן? ווער ווייסט? ווער ווייסט? טאָ פּראָווע זשע נישט קיין פוילע שטיק, ביסט נישט ביי זיך אין דער היים, וואָס די ברירה איז ביי דיר. טאַנץ, אַ רוח אין דיין אימפּעריאַליסטיש-קאַפּיטאַליסטיש-טראָצקיסטישן טאַטנס טאַטן אַריין, דו פאַרביסענער קאָנטער-רעוואָלוציאָ-נער, טאַנץ! טאַנץ!! טאַנץ!!!

די פּראָזשעקטאָרן רעגולירן דאָס ליכט און די טאַנצנדיקע פּאָרלעך זשמורען מיט די אויגן. די אָרקעסטערס גיסן פון די העכערע שטאָקן בשפע רב קוואַלן מיט זיסער מוזיק; עס וויברירן אין דער לופט צוויבערנדיקע אַקאָרדן און ראָמאַנטישע וואַלסן...

הימל און ערד שרייען בפה אחד:

— לכבוד יום-טוב היתה אורה ושמחה וששון ויקר...

— לכבוד יום-טוב היתה גילה רינה, דיצה וחדוה, אהבה ואחוה, ושלום וריעות...

(אַ „קוצו של יוד״ פון דעם באַנד נומער זיבן פון דעם מחבר׳ס גרויסן ראָמאַן: „אַ זעקסטער וועלט-טייל״.)

אשא עיני אל ההרים

...וועלן מיר, הייסט עס, מאַכן אַן אויספלוג — אַהין און צוריק — פון דער אוקראַינע אויף צפון-קאַווקאַז, צו די וועלט-באַרימטע שנייבערג און די געגנטן אַרום זיי, צום קאַספּישן ים און צו דער סאַהאַראַ אין מיטל-אַזיע...

*

עס האָט זיך אָוועקגעצויגן אַן אומענדלעכע קייט פון לאַנג-דויערנ-דיקע מסעות. צוג — איין, צוג — אויס. פון דער לכתחילה אַן האָט שלמה באַשלאָסן ביי זיך נישט צו פאָרן ווייטער פון באַקו. באַקו, האָט ער געוווּסט, איז אַ היימישע זאַך, קיעוו און באַקו — עלעהיי אַ שטוב מיט אַן אַלקער. קיין באַקו, האָט ער געוווּסט, קומט אַן אַלע טאָג אַ צוג פון קיעוו און עס גייט אָפּ אַ צוג אויף צוריק. נאָך מער, ער האָט שוין אפילו געהאַט זיין באַליבטן פּלאַץ אינעם צוג, וואָס האָט קורסירט אויף דער ליניע שעפּע-טאָווקע — באַקו: דער ניינטער וואַגאָן. דאָס איז געווען אַ ווייכער שלאָף-וואַגאָן, באַשלאָגן מיט ברוינעם, געשווירענעם פּליוש אויף די דיוואַנעס און אויף די ווענט, און אויפן פּאָל אויסגעשפּרייט גראָבע טעפּיכער פון קעמלשער וואָל. אין וואַגאָן זענען מער נישט געווען ווי אַכט קופּעען, אין יעדער קופּע — נאָר פיר דיוואַנעס פאַר פיר פּאַסאַזשירן. צוויי דיוואַנעס אונטערשטע, איין שריט פון דער טיר, און די אַנדערע צוויי — הענגענ-דיקע איבער די אונטערשטע. צווישן די דיוואַנעס, האַרט ביים פענצטער, איז געשטאַנען אַ טישעלע מיט אַ שרויף. דאָס דאָזיקע טישעלע איז געווען אַ מין בית ועליה. נישט מער וואָס די „עליה", — ביז עס האָט זיך אָנגע-רופן דער „רצון העליון", — איז זיך רואיק געלעגן צווישן די דפנות פון דעם „בית", ווי ביי דער מאַמען אין בויך. ווען דער „אייבערשטער" פּאַסאַזשיר האָט געוואָלט, האָט זיך צו אים אַרויפגעשרויפט פּונקט אַזאַ פּירקאַנטיק טישעלע ווי אונטן איז געשטאַנען. חוץ דעם גרויסן לאָמפּ, וואָס איז אַראָפּגעהאַנגען פון דער סטעליע, און האָט באַלויכטן די קופּע דורך אַ שיינעם, מילכיקן אַבאַזשור אין דער פאָרם פון אַ בוקעט בלומען, איז נאָך פאַר יעדע צוויי סאָפעס באַזונדער, געשטאַנען אַ שיינער טיש-לאָמפּ מיט אַ גרינעם אַבאַזשור. פאָרן פאַרטער אַ חוץ, און אויפן צווייטן שטאָק פונעם טישעלע פאַר די פּאַסאַזשירן פון בעל-עטאַזש אַ חוץ. שלמה פלעגט ליבערשט פאַרנעמען אַן אָרט אינעם בעל-עטאַזש: אַ הענגענדיקע

סאָפע מיט הויכע „שטומע״ פּרוזשינעס; אַ העלפט פון דער וואַנט, וואָס גייט אַרויס אין דרויסן פאַרנעמט דאָס פענצטער, אַז ער איז אַן „אייבער־שטער״ פאַרשוין, איז דאָס גאַנצע פענצטער אין זיין רשות.

עס קומט אָן דער שיינער דרומדיקער בין־השמשות, אַלע שכנים פון דער קופּע זענען מערסטן טייל אויפן גרוימען קאָרידאָר, ווו עס געפינט זיך, אַזוי צו זאָגן דער באַן־בולוואַר. דאָרטן שליסן זיך קענטשאַפטן; דאָרטן כאַפּט מען בחברותא אַ קערטל; דאָרטן פליען רירעוודיקע פינגער אויף די באַיאַן־קנעפּלעך, און אַ גאַנץ אומבאַקאַנט פּאָרל, אַן „ער״ און אַ „זי״ טאָפּטשען אויס אויפן טעפּיך אַ הפקרדיקן קאָזאַטשאָק אָדער אַ פאַרשייטע ליזגינקע. עס געפינען זיך שטענדיק צווישן די רייזנדיקע אויך אמת׳ע ליזגינער אָדער אָסיעטינער; אינגושן אָדער גרוזינער; טיורקן אָדער אַרמענער; אַדזשאַרן אָדער אַבכאַזן. עס ווערן האַסטיק אַראָפּגעוואָרפן פון די אַקסלען די נאַציאָנאַלע פּרענטשן, די טשערקעסקעס מיט די פּאַסמעס שווערע, זילבערנע פּאַטראָנטאַשן.* די געדיכטע טשאָפּרינעס ווערן נאָך שוואַרצער; די גרויסע, ברענענדיקע אויגן — נאָך ליידנשאַפטלעכער. אַ נישט געניט אויג באַוויזט קיין מאָל נישט אויפצוכאַפּן, ווען פון ערגעץ ווו ווערט אַרויפגעוואָרפן אויף די אַקסלען פון דער „זי״ אַ ווייסע, שעמע־רירנדיקע זיידענע שאַל מיט לאַנגע, לופטיקע „טראָלדן״,** ביי „אים״ אין די הענט גיט אַ בליץ אַ קינזשאַל, אַ קורצער, אַ בליאַסקענדיקער. „ער״ באַטראַכט זיין טונקעלע קראַסאַוויצע, „זי״ וואַרפט אַ בליק אויף איר דזשיגיט.*** און אירע גנבהשע אייגעלעך טוען אומשולדיק אַ צאַפּל — דאָס איז דער סיגנאַל...

די בלוטיקע שקיעה שמעלצט אַלץ איבער אויף גאָלד, זהב צרוף, מזוקק שבעתים. דער שנעלצוג לויפט, שלינגענדיק די געזילבערטע רעלסן, אָפּוואַרפנדיק הינטער זיך דערפלעך און טייכלעך, וואָקזאַלעכלעך און ליי־מענע קיביטקעס.**** פון צייט צו צייט גיט דער לאָקאָמאָטיוו אַ קורצן, נאָר אַ יאָמערלעכן רעווע און ווידער הערט מען נאָר דעם סטאַטעטשנעם טשיק־טשאַק פון די וואַגאָנען, דעם לוסטיקן געפּליעסק פון די בופערן און דעם אַזאַרטנעם „אַס—סאַ״, „אַס—סאַ״ פון די אַקאָמפּאַנירנדיקע. פון דער קראַסאַוויצעס אויגן זעט מען, אַז זי איז שוין מיד און מאַט, פון איר קאַוואַ־

---

* ספּעציעלע טאַשן אויף צו האַלטן ביקסן־קוילן.

** לאַנגע, זיידענע שנירלעך מיט קנופּקעלעך ביי די עקן.

*** קאַוואַליער, וויל־יונגערישער בחור.

**** אויף די מזרחדיקע לשונות, אַן אָרעם הייזל.

ליערם פנים רינען שוין אויך ריטשקעלעך שוויים אין צעכראַסטעטן קאַל־נער אַריין, אָבער די צושויער לאָזן זיי בשום אופן נישט זיך אָפּשטעלן:

— אַס—סאַ! אַס—סאַ!

די טאַראַכקענדיקע רעדער אונטער דעם וואַגאָן כאַפּן אויגנבליקלעך איבער דאָס טעמפּעראַמענטפולע לידעלע און קלאַפּן עס אויס מיט אַן אימפּעט אויף די אומענדלעכע שינעס:

— אַס—סאַ! אַס—סאַ!

די אַקעגנלויפנדיקע צוגן האָבן שוין אויך אויפגעכאַפּט דאָס צוויי־קלאַנגענדיקע ניגונ'דל, און אין די גענציילטע רגעים, וואָס די פענצטער זאָגן זיך איינע די אַנדערע: שלום־עליכם — עליכם שלום, קלאַפּן אָפּ די טאַצן אויף די טאַמבורס אויף זייער מעשענעם לשון:

— אַס—סאַ! אַס—סאַ!

די טאַמבורס, די גאַניקלעך זענען כמעט שטענדיק פאַרנומען מיטן יונגוואַרג; דורך די אַראָפּגעלאָזטע פענצטער קוקן אַרויס פאַרליבטע פּאָר־לעך און האָניק־חודש פאַרפעלקער; פריש באַקאַנט געוואָרענע און סתם שכנים פון דער קופּע, וואָס פאַרהאַלטן זיך גוט, וואָס האָבן זיך פאַר אַזאַ לאַנגן וועג צוגעבונדן איינער צום צווייטן, הערן נישט אויף זיך צו אַנט־פּלעקן די אינטימסטע סודות און מאַכן נישט קיין שפּאַן איינער אָן דעם אַנדערן; ברוינ'פנים'דיקע טוריסטן און גלאַט סטודענטן, וואָס פאָרן אַרום איבערן לאַנד אין די קאַניקולן. די סאַמע דרייסטע פון זיי זיצן וווילויונגעריש אויף די טרעפּלעך מיט די פיס אַראָפּ און שרעקן זיך כלל נישט, אַז דער קאָפּ קען זיך זיי נאָך פאַרדרייען פון שנעלקייט. זיי גייט גאָרנישט אָן, וואָס דער צוג „שעפּעטאָווקע־באַקו" מאַכט פינף און זיבעציק קילאָמעטער אין אַ שעה, פאַרקערט, זיי מאַכן נאָך דאָרטן פאַרשידענע גימנאַסטישע איבונ־גען: שטעלן זיך מיטן קאָפּ אַראָפּ; הענגען זיך אַריבער פונעם צוג אויף צוויי פינגער; שפּאַנען אַריבער פון די טרעפּלעך פון איין וואַגאָן אויף די טרעפּלעך פונעם צווייטן וואַגאָן קעגן דעם געלויף פונעם צוג; און נאָך צענדליקער פאַרשידענע קונצן, וואָס ביי אַ יונגן חברה־מאַן מיט צעהיצטע בלוטן, און דערצו נאָך ווען זיין מיידל שטייט הינטער די פּלייצעס און קוקט צו, — האָבן זיי קיין שום ממש נישט. די מיידלעך קוויטשען פאַר שרעק און דאָס גיסט נאָך צו בוימל אויפן פייער...

דער צוג שניידט פלינק די פאַרנאַכטיקע מעלאַנכאָליש־שווייגנדיקע סטעפּעס, און דער עולם איז זיך משמח. שלמהן אָבער ציט נישט צו אָט

די אָרגיעס. ער האָט אַ גאַנץ באַזונדערן אופן, ווי אַזוי צו פאַרברענגען אַ זומער־פאַרנאַכט אין די דאָנער סטעפּעס. ער דרייט אַראָפּ דעם שרויף, דער אייבערשטער גאָרן פונעם טישל זעצט זיך צו אויפן אַבאַזשור פונעם אונטערשטן לאָמפּ. אַ לייכטן צי דעם רימען, און דאָס פענצטער פאַר־שווינדט אין דער אונטערשטער טייל פונעם וואַגאָן. די פאַרהאַנגען צערוקן זיך מיט אַ פליושענער היימישקייט און די גאַנצע געגנט פון דעם אַזוי באַזונגענעם „שטילן דאָן" צעוויקלט זיך פאַרן פענצטער, ווי אַן אוראַלטע גבורהדיקע מגילה, מגילת־דאָן. די זון, אַ בלוטיקע, אַ קאָכיקע, קוקט זיך אוים אַ נאַכטלעגער. אַלע בערגלעך, אַלע גערטנער שטרעקן אוים צו איר זייערע שפּיציקע פינגער: קום אַהער, קום אַהער, ביי מיר איז באַקוועם... די תבואות, איבערגעטרוקנטע, און פון די אַזאָווער ווינטן טיילווייז אוים־געדראָשענע, האָבן זיך מידע אָנגעלעענט אין דער צעפּאַרעטער ערד. די איינציקע ביימער, וואָס זענען זעיר־שם, זעיר־שם צעוואָרפן איבער די פעלדער, כערבה במדבר, זענען פליכעוואַטע ארומגעשיילט און אָפּגעבליאַ־קעוועט און הענגען זיך נאָך דעם פעלד, ווי אַן אבר־המדולדל...

שילהי דקיטא... *

דער צוג פאַרשלינגט די וועלט. פונקט ווי אַן אויסגעדינטער ניקאָ־לאַיעווסקע סאָלדאַט, אַזוי איז אויך דער צוג טויב און שטום צו דער אַרומיקער געגנט. ער האָט נישט צו איר קיין פיצל יצר־הרע. ער האָט זי שוין געזען אַ בליענדיקע, אַ רייצנדיקע אין איר מאַי־תקופה; געזען אַ פאַר־שמאַכטע, אַן אַרומגעסמאַליעטע אין די ברענענדיקע זומער־חדשים; געזען זי אַ פאַרוויסטע, אַ פאַראַבלטע אין די טריבע אָסיען־טעג, ווען אירע אַראָפּ־געשינדענע מלבושים ליגן שוין צונויפגעלייגט אין די סטויגן, אין די אַמבאַרן און טריקענען זיך אויף די ביידעמער; און האָט זי שוין אויך געזען, ווען זי מעסט אָן אויף זיך די תכריכים און פאַלט בשעת־מעשה אַריין אין אַזאַ טיפער מרה־שחורה, אַז לאַנגע חדשים פאַרגעסט זי זיי אויסצוטון... ניין, ניין, פאַר אים, פאַרן צוג, איז שוין אין די דאָזיקע מקומות קיין נייעס נישטאָ. זאָלן זיי, די לײדיקגייערס אין די פענצטער דאָרטן קוקן, שמעקן און זיך קוויקן, ער האָט שוין אָט דאָס אַלץ איבערגעלעבט, ער טוט זיך זיינס — ער טראָגט זיך און טראָגט יענעם...

דאָס בילד פון דער שקיעה ווערט אַלץ גרויער און גרויער, גאַנץ אום־

---

* ענדע זומער.

באַמערקט רוקט זיך אַריין דער תחילת-אָוונט. די גרויסע זילבערנע לבנה באַקוקט איר מלוכהלע, צו דעם אַ ווונק, דעם אַ גלעט, און דעם אַ גאַנצן שמייכל. דער נעפּל וואַקסט אויס פון אונטער דער ערד, ער פּאַלט אַראָפּ פון אונטער די הימלען, און איידער מען באַוויזט זיך אומצוקוקן שפּרייט ער זיך פון אַנדער לארבע רוחות-העולם. ערגעץ ווייט אין אַ טאָל זעט מען אַ גרויסן פלאַקער. שלמה ווייסט שוין, צוליב וואָס עס ווערט צעפירט אַזאַ שייטערהויפן: דאָס צינדן אים פאַסטעכער ספּעציעל אָן פון איבער-געטרוקנטע סטעפּ-דערנער, כדי צו פאַרטרייבן די מאָסקיטן, וועלכע באַ-אומרואיקן די שאָף און רינדער. די לופט, וואָס איז אפילו נאָך שקיעת-החמה אויך געגוג אָנגעגליט, טשמעליעט דאָס פייער און לאָזט עס נישט זיך אויפהייבן זייער הויך. אונטער דער אומזיכערער לבנה-שיין שווימען דורך קאַזאַצקע ישובים און וואָקזאַלנע, קעראָסינענע לאַמטערנס. דער שנעלצוג שטעלט זיך אָפּ נאָר אויף די גרויסע קנופּ-סטאַנציעס. די וויניקער באַ-ווסטע שענקט ער נאָר אַ תקיעה-גדולה און טראָגט זיך פאַרביי ווי אַ שטורעמווינט.

שלמה ליגט איבערגעקערט אויפן בויך און האַלט דעם קאָפּ אַרויס-געשטעקט דורכן פענצטער. אין קופּע איז שטאָק-פינצטער, אין קופּע איז דער ביינאַכטיקער סטעפּ, די ליריק פון די אומפאַרגלייכלעכע זומערנעכט אין די אַזאָוו-שוואַרצימישע קאַנטן. קוים ווערט אָבער עמעצער פון די קופּע-שכנים מיד, אָדער עס ווערן אים פשוט צוגעגעסן די טענץ, קומט ער אַריין „אַהיים" און מאַכט אויף דאָס ליכט. ווי דורך אַ כשוף פאַרשווינדט דער סטעפּ, עס ווערט נישט די לבנה, עס לעשן זיך אויס די שייטערהויפנס. די נאַכט ווערט אַרויסגעשטויסן פון יענער זייט פענצטער און פאַריאָגט ווייט פון צוג. דאַן דאַוונט שלמה אָפּ מעריב און דרייט אַרויף דעם שרויף. דאָס טישל וואַקסט ווידער אויס ביי זיין צוקאָפּנס און אונטער דעם גרינעם אַבאַזשור צינדט זיך אָן אַ געגוג-ליכטיק לעמפּעלע. שלמה נעמט פון דער פּאָליצע זיין בוך און פאַרגעסט ווו די נאַכט האַלט...

אָפט מאָל רייסט ער איבער דאָס לייענען, ווייל ער פילט, אַז עמעצער שטייט הינטער זיינע פּלייצעס און גיט אויף אים אַכטונג. ער גיט זיך האַסטיק אַ זעץ-אויף און קוקט זיך פאַרוואונדערט אַרום — ס'איז שוין גרויסער טאָג! אַלע בעלי-חיים זענען שוין אויף די פּאַשע-פעלדער, אַלע בעלי-כנף האָבן שוין אָפּגעדאַוונט „פון פאַרנט", מיט איין וואָרט: הכל מוכן לסעודה, נאָר די זון שפּעטיקט זיך איבעריקס. זי ווייסט, די יחסנטע, אַז נישקשה, עס מאַכט נישט אויס, מען וועט אויף איר וואַרטן...

די גאַנצע בריאה האָט פאַרכאַפּט דעם אָטעם, אַלץ איז שוין צוגע־גרייט פאַר דער מלכּה פונעם טאָג, און זי זאַמט זיך נאָך אַלץ. ביי זיך אין בודואַר דאָרטן, מאַכט זי איצט זיכער די לעצטע הכנות פאַר איר פייערלעכן אַרויסטריט. און מיט אַ מאָל האָט זי זיך באַוויזן אויף דער שוועל! אָבער ווי אַזוי האָט זי זיך באַוויזן? — לאַט, לאַט כּמי השלוח האָט זי זיך אָנגעהויבן אַרויפקלייבן אויף דער העל־בלויער קרקפתא, אָבער מיט אַזאַ גאוות אין בליק, מיט אַזאַ אני־ואפסידיקער געלאַסנקייט, ווי זי וואָלט געווען, לכל הפּחות — דעם באַשעפער׳ס „של־ראש״.

שלמה בייגט זיך אַריבער פונעם פענצטער ביז האַלב און פאַרגעסט ווו דער טאָג האַלט...

— —

שלמה האָט זיך פאַרזאַמט אין טיפליס דריי טעג און איז אַרויסגעפאָרן צוריק אין אַן אָפענעם אויטאָ מיט דעם גרוזיניש־מיליטערישן וועג. זיין איבערראַשונג און אַנטציקונג פון אָט דעם באַרימטן וועג איז געווען אויף אַזוי פיל גרויס, אַז דערנאָך, זעצנדיק זיך אין אָרדזשיניקידזע אויפן צוג, האָט ער נאָך אַלץ געהאַלטן אין איין זען פאַר זיך יענעם וווּנדערשיינעם וועג. וואָס ווייטער ער איז אָפּגעפאָרן פון דאָרטן, האָט אים אַלץ שטאַרקער געצויגן צוריק קיין קאַווקאַז, צו די בערג, צום אימהדיקן קאַזבעק, צום שיינעם, שכּורן טיפליס.

אין אַ וואָך אַרום איז שלמה ווידער אַ מאָל געפאָרן אויף דעם זעלבן וועג: מיטן שנעלצוג ביז בעסלאַן, פון בעסלאַן מיט אַ קוקושקע* ביז וולאַדי־קאַווקאַז אָדער, ווי די שטאָט האָט שוין איצט געהייסן: אָרדזשיני־קידזע, און פון דאָרט איז שוין געגאַנגען אַן אויטאָ דירעקט קיין טיפליס. אין דער פרי איז געגאַנגען דער ערשטער אויטאָ, ביי טאָג דער צווייטער, און פאַר נאַכט דער דריטער. צוויי דריטל פון די פּאַסאַזשירן זענען דאָ געווען טוריסטן פון אַלע עקן לאַנד, אויסלענדער מיט איבערזעצערס, רוסישע געלערנטע און גאַנצע מחנות נאַטור־וויסנשאַפטלער. דער דאָזיקער וועג איז געווען באַוווסט אַלס דאָס שענסטע ערטל אין ראַטנפאַרבאַנד. און דעם אמת מוז מען זאָגן, אַז עס איז דאָרט ווירקלעך געווען וואָס צו באַ־טראַכטן און וואָס צו באַוווּנדערן.

דער זיסער טשאַד אין קאָפּ פון אָט דער פאַנטאַסטישער נסיעה, הייבט

---

* אַזוי רופט מען אין רוסלאַנד די קליינע צוגן, וואָס האָבן קורצע מאַרשרוטן. מערסטן טייל — דאַטשנע צוגן.

זיך אָן גלייך ביים אָנקומען קיין וולאַדי־קאַווקאַז. דאָס איז אַ שטאָט, ווו עס איז אויסגעמישט, אַזוי צו זאָגן: „קאַשע מיט באָרשטש". איין האַלבע שטאָט איז אַזוי שיין ווי אומאַן אָדער ווי זשיטאָמיר און די אַנדערע האַלב, אַזוי ווילד ווי אַ קישלאַק; * פון איין זייט — אַ ריזיקער עלעקטראָ־כימישער קאָמבינאַט, וואָס ציט זיך דריי קילאָמעטער אין דער לענג און אַ קילאָמעטער אין דער טיף, און אַקעגנאיבער — אַ האַלב חרובע „טשאַי־כאַנאַ", ** ביי וועלכער עס זיצן גאַנץ באַישובֿט אַלטע „דעכקאַנעס" *** מיט אַן אויסזען פון עכטע פּראָים, קייען טאַבאַק, רויכערן ליולקעס פון אַ מעטער די לענג און טרינקען גרינע טיי אָן צוקער. ביי דער זייט פון דער „טשאַיכאַנאַ" ריזלט שלעפעריק אַ שמאָל, ברודיק אַרעקל. **** דער טשאַיכאַנשטשיק, ***** אַ הויכער, שטאָק־אַלטער גרוזין, מיט אַ פּנים, גע־לעכערט פון פּאָקן ווי אַ רעשעטע, בייגט זיך אַלע מאָל אָן, גיט אַ טובל אָפּ די אומגעקערטע פּיאַלע ****** אין דעם שמוציקן ריטשקעלע און גיסט אין איר אָן טיי פאַר אַ צווייטן דעכקאַן. עס טרעפט, אַז אַ בייזער לאָקאָ־מאָטיוו, אַרויספאָרנדיק פון דעם קאָמבינאַט, פאַרהוסט זיך פּונקט מיט אַ יאַדישלעווע הוסט און פאַרשיט די פּיאַלעס מיט קוילנשטויב. דאַן גיבן זיך די דעכקאַנעס שטיל אַ זידל:

— יאַמאָן פּאַראָוואָז, שאַיטאַן!... *******

די פּיאַלעס מיט דער שוואַרץ־גרינער זשיזשע ******** ווערן אויסגע־גאָסן אין אַרעק, דאָרטן טאַקע ווערן זיי גלייכצייטיק אויך אויסגעשווענקט, און ווידער זיצט דער עולם מיט די פיס אונטער זיך און שמועסט שעהן לאַנג וועגן אַלטע באַראַנעס, וועגן יונגע באַראַשקעס, וועגן זעלטענע קאַראַ־קול־פעלעכלעך, וועגן קישמיש, וועגן אַטשערעט, ********* וועגן קוקורוזע און וועגן אָט דעם פאַרשאָלטענעם גיגאַנט, וואָס האָט זיך צעלייגט אין דער

---

* אַ מין כוטאָר אין די מזרח־לענדער.

** אַ מזרחדיקע „קאַפע", ווו מען קריגט נישט צו קויפן קיין שום זאַך אַ חוץ גרינער טיי.

*** אויף יענע לשונות — אָרעמע מענטשן.

**** אַ ריטשקע וואַסער, וואָס שלענגלט זיך דורך די גאַסן, פון וועלכער מען באַגיסט די ערד אַרום איר, אַז דער שטויב זאָל נישט אַזוי שטיקן אין האַלדז.

***** אַזוי רופט מען דעם באַדינער פון דער טשאַיכאַנאַ.

****** אַ מין פאָרצעלייען שיסעלע, וואָס דינט ספּעציעל אויף צו טרינקען טיי.

******* אַ שלעכטער לאָקאָמאָטיוו, אַ שד!

******** אַזאַ עקלדיקע פליסיקייט.

********* אַזעלכע הויכע, דינע שטעקעלעך, וואָס וואַקסן נאָר ביים וואַסער. די „בייכער" פון די דאָזיקע שטעקעלעך זענען אָנגעפּילט מיט „וואַטע", דעריבער איז זיי לייכט אויסצוהוילן און מאַכן פון זיי פייפעלעך. באַזונדערס באַנוצט מען זיך מיט זיי אויף ווענטקעס פאַר פישפאַנג, דעסט גלייכן פלעכט מען פון זיי אויס וועגט צו בעסעדקעס, יידן נוצן אים אויף סכך.

לענג און אין דער ברייט מיט אַזאַ חוצפּה און האָט פאַרנומען אַזאַ גוואַל־דיקן שטח פון דער הייליקער אַסיעטיע.*

ווייטער אַ ביסל גייען „טראַמווייען". די זעלבע עלעקטרישע בויגנס, וואָס אין די צענטראַל־רוסישע שטעט, די זעלבע עלעקטרישע גלעקלעך, די זעלבע קאָנדוקטאָרסקע בייטלען, נאָר די וואַגאָנען אַליין — עפּעס חוזק־דיקע, ווי די גאַנצע שפּיל אין טראַמוויי וואָלט געווען נאָר אַ קאַטאָוועס... קיין פענצטער — נישט! די שטיקלעך ווענט — שטעקלדיקע און באַמאָלט מיט שרייענדיקע פאַרבן. דאָרט ווו עס דאַרף זיין אַ דאַך, איז אָנגעצויגן אַ בלוט־רויטער ליילעך, נאָר אין דערמיט פון וואַגאָן, אויף אַ געוויסער הויך פונעם ליילעך, איז איבערגעלייגט אַ שמאָל בריקל אין דער ברייט, צו וועלכן עס איז צוגעשרויפט דער עלעקטרישער בויגן. די פאַרשוינען, וואָס האָבן דאָס זעלטענע גליק זיך אַריינצוקוועטשן אין אָט דעם לופטיקן וואַגאָנ־טשיקל, זעען אַלע אויס פון דער „רויטער חופּה" ווי מיט בלוט באַגאָסן... אַרום און אַרום, אויף די טרעפּלעך, אויף די ווענט און אפילו אויף דעם בריקל פון דעם עלעקטרישן בויגן, הענגען קינדער, מיט הייזעלעך און אָן הייזעלעך, מיט לאַנגע הערעלעך און מיט גלאַט־אָפּגעגאָלטע קעפּעלעך. ווי די הייִשעריקן באַקלעפּן זיי דעם וואַגאָן און שרייען אויף קולי־קולות, אַז מען קען טויב ווערן:

— וואַגאָן־פירער, ריר זיך אַ ביסעלע לעבעדיקער!... גיכער! גיכער!... ווי געפּעלט אייך עפּעס, ווי ער קריכט ווי אַ טשערעפּאַכע...

אַלע פינף טראַמוויי־ליניעס קומען זיך צונויף אויפן מאַרקפּלאַץ. דער דאָזיקער פּלאַץ — דאָס איז דאָס האַרץ פון דער שטאָט. גרויס איז ער — מיטן אויג נישט צו כאַפּן. ערשט דאָ געפינען זיך די עכט־נאַציאָנאַלע טשאַי־כאַנעס, באַהאַנגענע מיט טעפּיכער און יעדע באַזונדער באַוואָפנט מיט אַן אייגענעם „אָרקעסטער". דער אָרקעסטער באַשטייט פון דריי יונגע טשעטשעניצעס, מיט פייפלען פון געלבלעכן אָמשערעט, ווי ביי די פּאַס־טעכער; אַן אַלטער פליכוואַטער קאַזאַך מיט אַ צימבאַל און צוויי מיטל־יעריקע טיורקן מיט קורצע, בייכיקע מאַנדאַלינעס. פאַרן אָרקעסטער, וואָס „האָרעוועט" נעבעך, שטייט שטענדיק דער זעלבער כיבוד: פּיאַלקעס טיי;

---

* אין דער קאַווקאַזער פעדעראַציע, וועלכע צייכנט זיך אויס מיט אירע פאַרשידענע נאַציאָנאַליטעטן, גייען אויך אַריין אַזעלכע געביטן ווי: אָסיעטיע, אינגושעטיע, אַבכאַזיע, אַדזשאַריע, פאַראַן אויך באַזונדערע שבטים ווי: ליזגינער, טשעטשענצעס, טשערקעסן און נאָך אייניקע קרובה'שע רעשטלעך פון אַמאָליקע שבטים, וועלכע האָבן נישט קיין אייגענע אויטאָנאָמישע געגנטן. די רעזידענץ פון צפון־קאַווקאַזער געגנט — אָרדזשיניקידזע, געפינט זיך אויף דער טעריטאָריע פון דעם — אַ מאָל שטרענג אָרטאָדאָקסישן שבט — אָסיעטינער.

אויף אַ טעצל פון אָפּגעזילבערטן בלעך — אַנגעריסענע שטיקלעך פּיפּאַ־לעק און עטלעכע צעפּיצלטע אוריוקן.* דער ניגון זייערער איז אויך שטענדיק דער זעלבער. פון אין דער פרי ביז נאַכט. פון אָנהייב חודש ביז סוף חודש. עס זענען דאָרטן אויך דאָ אייראָפּעאישע קאַפע־הייזער מיט בענקלעך און מיט געווײנלעכער שפּייז. די ברירה איז ביים באַזוכער. אויף דעם דאָזיקן אומענדלעכן מאַרקפּלאַץ האָבן זייערע געבעט־הייזער פיל נאַציאָנאַליטעטן און פיל גלויבנס. אַזוי למשל זעט מען אַרויס פון דעם מאַרק־פּלאַץ אַן אַסיעטינישן מעטשעט; אין צווייטן ווינקל — אַן אַלטמאָדיש קלויסטערל; און אין דריטן ווינקל, להבדיל, אַ בית־הכנסת פון די אָרטיקע בערג־יידן. דאָס רוב מלוכה־אַנשטאַלטן געפינען זיך אויך אויפן מאַרק־פּלאַץ. און אויך די באָד, און אויך די אַפּטייק, און אויך די מיליץ. אין די מאַרק־טעג: זונטיק, מיטוואָך און פרייטיק, קען מען אויף דעם דאָזיקן מאַרק־פּלאַץ קריגן, וואָס דאָס מויל קען נאָר אויסרעדן: בויוואָלן** און טייבעלעך; קעמלען און עופות; אייזלען, פערד, וועלאָסיפּעדן; גאַנצע וועגענער מיט פרוכטן; קאַווענעס די גרייס ווי די פעסלעך; וויינטרויבן — ווי גרויסע אונגאַרישע פלומען; און דער עיקר — מילכיקס! בלויז פון דעם מילכיקס, וואָס ווערט פאַר אַ חודש צייט אויסגעאַרבעט אין צפון־קאַווקאַז, וואָלט מען געקענט אויפשטעלן נאָך אַ קאַזבעק, אַ קאַזבעק פון קעז און פּוטער.

עס זענען אויך פאַראַן פיל אייראָפּעאישע גאַסן אין אָרדזשיניקידזע, מיט שיינע דריי, פיר־שטאָקיקע מויערלעך; אויך שיינע סקווערן און בלי־ענדיקע פּאַרקן. אויף דער צענטראַלער גאַס, „פּראָלעטאַרסקי פּראָספּעקט", געפינט זיך: די „מלוכה־באַנק", דער שטאָט־אויספירקאָם, די אָפּטיילונג פון דער נ. ק. וו. ד. און אין עק פון דער גאַס — וווהין עס קוקן שוין אַריין די גרויסאַרטיקע, חנעוודיק־באַגרינטע בערג — געפינט זיך אויך די אווי־טאָבוס־סטאַנציע. די דאָזיקע סטאַנציע באַשטייט פון אַן איין־שטאָקיק מויערל, די ווענט — פאַרוואַקסן מיט ווילדע וויינטרויבן. אויפן דאַך — אַן אָראַנזשערייע פון רויטע און בלויע בלומען. הינטער דער שטוב ציט זיך אַ וועק, אויף אַ הונדערט מעטער אין דער לענג און אַזוי פיל אין דער ברייט, אַ פּראַכטפולער פרוכטן־גאָרטן מיט שמאָלע שטעגעלעך, מיט שאָטנ־דיקע בעסעדקעלעך און מיט באַקוועמע, נידעריקע בענק. אָט דאָס דאָזיקע פּרעכטיקע הייזל איז דער אָנהייב פון יענעם גן־עדן התחתון, וואָס רופט

* מזרחדיקע פּערעשקעס.

** בופלאָקסן אָדער ווילדע אָקסן.

זיך אָן מיט אַזאַ פּראָזאַאישן נאָמען ווי: „מיליטעריש־גרוזינישער וועג”. דאָס הייזעלע איז אַ מין וואָקזאַלכל. אין די צימערן געפינט זיך אַ שיינער בופעט, וואָס איז זאַט אין אַלעם גוטן; שיינע, באַקוועמע שלאָפצימערן פאַר די דורכפאָרנדיקע, און לופטיקע וואַרטצימערן. אומעטום אין דעם הייזל — רויט, מאַסיוו מעבל; געבעטע סאָפעס מיט שרייענדיק־קאָלירטע טשעכאָלן. ביי די טישן — בענקלעך, טיי אין גלעזער. די דינערשאַפט — בלויז רוסישע מיידלעך. אייראָפּע! קיין סימן נישט פון אָסיעטיע. דאָס איז פּאָליטיק, אַזוי דאַרף מען: דאָ איז אַ פענצטערל קיין אויסלאַנד. אַהער לויפן זיך צונויף אַלע טוריסטן און אַלע באַרימטע אויסלענדישע געסט.

דער צוג, מיט וועלכן שלמה פלעגט אַלע מאָל אָנקומען קיין אָרדזשע־ניקידזע, פלעגט אים אַהין ברענגען דריי ביי נאַכט. דאַן פלעגט ער גלייך פאַרפאָרן אויף דער אויטאָבוסן־סטאַנציע, באַשטעלן אַ בילעט מיט דעם ערשטן אויטאָ, נעמען אַ וואַנע נאָכן וועג און זיך צוליגן שלאָפן אויף עטלעכע שעה. ווען דער גאַנצער עולם פלעגט איבערבייסן, פאַרקלייבט זיך שלמה אין גאָרטן אין אַ זייטיקער בעסעדקע און דאַוונט דאָרט אָפּ. בכלל איז אין דער פרי אין גאָרטן קיינער נישטאָ. אונטערוועגנס איז דאָ אַפּעטיט, דער עולם קייעט. אין סטאָלאָווע פאַרשמעקט די שוואַרצע קאַווע דעם גאַנצן צימער. די זעמל טרישטשען נאָך אונטער די ציין פאַר פרישקייט. די פּוטער איז ערשט אַרויסגענומען פון דער מאַסלינקע און שוויצט נאָך מיט אַ מילכיקן שווייס. שוואַרצע ווייַנטרויבן מיט פרישן פּיפּאַלעק אויפן ניכטערן האַרצן און דערנאָך פאַרזופן מיט זודיקער טיי, דאָס איז דער באַליבטסטער פרישטיק ביי די אָרטיקע איינוווינער. זיי זיצן ביי באַזונ־דערע טישלעך און טשאַמקען שטיל דעם וואַרעמען פּיפּאַלעק. אָן קיין בילעט אויף דעם אויטאָ, לאָזט מען נישט אַריין אין דעם עסצימער. ביז עס פאָרט נישט אָפּ דער ערשטער אויטאָ, פאַרקויפט מען נישט קיין בילעטן אויף דעם צווייטן. דערפאַר טאַקע איז אין סטאָלאָווע נישט קיין געדראַנג. שאַ־שטיל, רואיק און בכבודיק. דער אויטאָ נעמט אין גאַנצן אַריין זעקס און צוואַנציק פּאַסאַזשירן. און מער פון זעקס און צוואַנציק מענטשן פריש־טיקן נישט אין דער ערשטער ריי. פאַרטיק געוואָרן מיטן דאַוונען, פאַר־נעמט שלמה זיין אָרט ביי אַ טישל. עס ווערן דערלאַנגט עטלעכע פריש־פאַרקאָכטע אייער, אַ געראויכערטע הערינגל, פּוטער, קאַווע און פּיפּאַלקעס. ווען דער פרישטיק איז געענדיקט, איז פּונקט דריי פערטל אויף אַכט. עס שאַרט זיך צו צו דער פאַראַדנע טיר אַ באַקוועמער, אויסגעפּוצטער טראַנס־אויטאָמאָביל. דער ברעזענטענער שירם ווערט אָפּגעוואָרפן אויף

הינטן, ווי אַ „קאַפּטער" פון אַ „בורקע", די זיצפּלעצער — אויסגעבעט מיט קישעלעך פון קעמלשער וואָל. אונטער די קישעלעך — שטייפע פּרו־זשינעס. ערטער פאַרנעמט מען לויט די נומערן פון די בילעטן. ווער עס וויל, קויפט זיך אין וועג אַריין: ניס, פיסטאַשקעס, ווײַנטרויבן. שלמה האָט נישט ליב מיטצונעמען קיין צדה לדרך, צו קויפן אין מיטן וועג איז עפּעס געשמאַקער. ווען די קאַלאַנטשאַ * אויף דער פּאַזשאַרנע ** שלאָגט אַכט, רירט די מאַשין.

די האַלב־פאַרשלאָפענע שטאָט שאָקלט נאָך מיט די באַנעסטלטע שפּיץ ביימער קעפּ:

— פאָרט געזונט... פאָרט געזונט... דערמאָנט נישט צום בייזן...

פון אַ זייטיק געסל אַנטפּלעקט זיך אַ פּוסטער דרייעק פון דעם מאַרק־פּלאַץ. אַ קעמל שטייט דאָרטן און מעלה־גרהט תמעוואַטע. דערזען דעם אָנגעפּאַקטן אויטאָ מיט פּאַסאַזשירן לאָזט ער אַרויס עטלעכע שנירלעך סלינע מיט אַ מאָל און נויגט זיך אויף רעכטס און אויף לינקס:

— פאָרט געזונט... פאָרט געזונט און זאָלן אונדזערע מקומות ביי אייך נושא־חן זיין... האָט נישט קיין פאַראיבל, אפשר האָבן מיר מיט עפּעס נישט יוצא געווען פאַר אייך, וועלן מיר אַ צווייט מאָל פאַרבעסערן...

די גאַסן פאַרשווינדן גיך. דער אויטאָ לויפט שוין איבער דעם זאַמדיקן שאָסיי לענג־אויס פּלאַטשיקע, ליימענע קיביטקעס און רויטע ליימגראָבנס. עס טראָגט זיך דורך דער אומענדלעכער אַעראָדראָם. דריי אַעראָפּלאַנען שטייען גרייט צום אָפּפליען און די קאָמאַנדע מאַכט די לעצטע הכנות. איבער די וויטלעכע דעכער גיט אַ בליץ קעגן דער זון דער צלם פון מאַרקפּלאַץ־קלויסטער. קוים־קוים וואָס מען קען נאָך באַמערקן די שפּיץ נעז פון די קראַנען אין עלעקטראָ־כעמישן גיגאַנט. אין עטלעכע מינוט אַרום איז פון גאַנץ וולאַדי־קאַווקאַז נאָר צו באַמערקן די אַנטענע פון דער צענטראַלער ראַדיאָ־סטאַנציע. נאָר אָט פאַרנעמט זיך דער וועג אויף רעכטס, באַרג־אַראָפּ און די אַנטענע צערינט אויך אין דער בלענדנ־דיקער זונען־שיין פון דעם פּרעכטיקן דרום־מזרחדיקן פרימאָרגן. דער אוי־טאָבוס טראָגט זיך דורך פאַרביי שוער־באַלאַסטיקטע ווײַנגערטנער, פרוכטן־גערטנער און ווילד־צעצווייגטע באַשטאַנעס. די זון הייבט אָן צו סמאַליען, נאָר דער צוגווינט פון דעם קאַפּשווינדלערישן מאַשין־געלויף

---

* שטאָטזייגער.

** פייערלעשער־טורעם.

*** אין די יאָרן 1938—1933, אין ראַטנפאַרבאַנד, — אַ פּאָפּולערע מאַרקע פון אַן אַעראָפּלאַן.

פאַכעט אַפּ די היץ ווי אַ גוטער פעכער און מאַכט די שטימונג יום־טובדיק, „וגילו ברעדה׳דיק”, ווי ביי איינעם, וואָס שווימט צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן אויף אַ ווייטער שטרעקע. פון ביידע זייטן וועג דערנענטערן זיך צוויי אימהדיקע באַריערן פון אייביקע פעלזן: מרה־שחורהדיקע ברואים, מיט אויסגעגליטע ליסענעס און אַרומגעגריזשעטע פּלייצעס. ווער עס האָט זיי אַרומגעצופּט פאַרשפּאָרט מען צו פרעגן, זיי זענען שטענדיק באַלעגערט מיט שאָף און באַראַנעס. די דאָזיקע פעלזן — דאָס זענען ערשט נאָר די אונטערפירערס פון די קאַווקאַזער גראַניטענע „רוקנביינער”, די בכבודיקע „שושבינים”. אומבאַמערקט רוקן זיי זיך צונויף אַלץ ענגער און ענגער. זיי גייען שוין נאָך דעם אויטאָ פון ביידע זייטן ווי אַן אַלייע, וואַרפן זייער אומעטיקן שאָטן אויף די מענטשן און פאַרשטעלן מיט זיך די לאַנדשאַפט —

אין געדאַנק מישט זיך אויף אַ פסוק פון „ברכי נפשי”:

...הרים הגבוהים ליעלים, סלעים מחסה לשפנים...

פאַר אַ קאַרגער שעה רייזע פון וולאַדי־קאַווקאַז איז מען שוין ביים טיעריעק.

דער טיעריעק, דאָס איז אַ טייכל פון אַוועלכע הונדערט און פופציק — צוויי הונדערט מעטער די ברייט. דאָס טייכל נעמט זיין אָנהייב ערגעץ אין די אָפּגרונטן פון די קאַווקאַזער רוקנבערג, און שניידט דורך די דרום־דיקע און מזרח־צפונדיקע געגנט פון יענעם שטיין־קעניגרייך. פון די צענד־ליקער טייכלעך, וואָס צפון־קאַווקאַז און גרויסע פאַרמאָגן; פון אַלע אונ־טערערדישע קוואַלן און מוראדיק־שוימיקע וואַסערפאַלן פון די שנייבערג, איז דער טיעריעק — דער סאַמע אומרואיקסטער. נאָר האַרט ביים ברעג קען מען נאָך זען זיינע וואַסערן אין זייער נאַטירלעכן אויסזען, קוים גייט מען אָבער אַפּ אויף עטלעכע שריט ווייטער פון דעם ברעג, זעט מען שוין נאָר, ווי עס זידט דאָרט ווי אין אַ קעסל. די כוואַליעס דרייען זיך ווי אין אַ קאַראַהאָד, באַדעקן זיך מיט ווייס־גרין־בלוי־גאָלדענעם שוים, שטעקן חוצפּהדיק אַרויס דעם הימל לאַנגע צונגען און טראָגן זיך פאַרביי, טאַנצנ־דיק אין זייער ברויזנדיקן געוווירבל. דאָס שמאָלסטע אָרט אין טיעריעק האָט נישט ווייניקער פון זיבעציק מעטער די ברייט. דאָס סאַמע ברייטסטע — צוויי הונדערט און פופציק מעטער. דאָרט ווו ער איז פאַרשמאָלט, פאַרקוועטשט צווישן די שכנהנישע פעלזן, קנוילט ער זיך נאָך שטאַרקער, רייטן די כוואַליעס איינע אויף דער אַנדערער ווי די אייזבערג אין ים־הקרח, דאָרט זעט ער אויס ווי אַ באַלייבטע דאַמע, וואָס די נייטאָרין

האָט איר די טאַליע שטייף פאַרצויגן אין אַן ענגן קאָרסעט, כדי דאָס נייע מלבוש זאָל זי בעסער קליידן. אָבער נישט פיל וויניקער צעיאַכמערט איז ער אויך דאָרט, ווו ער צעגיסט זיך אין דער גאַנצער ברייט. סיי דאָ, סיי דאָרט — איז ער ווייס פון שוים, שפריצט און סאַפּעט און וואַרפט שטיינער אין הימל אַריין. די אָרטיקע פאַנאַטיקער — הן פון יידישן אָפּשטאַם, הן פון נישט יידישן — פאַרזיכערן די פרעמדע אורחים, אַז דער טיעריעק — דאָס איז דער לעגענדאַרער טייך סמבטיון. איי, דאָס וואָס ער ווייסט נישט פון קיין מנוחה? — פון זינט די וועלט איז געוואָרן זינדיק, האָט ער אויך אויפגעהערט צו רוען אום שבת. מדה כנגד מדה. אַנדערע ווידער געבן איבער אַן אַנדער מסורה: דער ים כנרת גייט דורך פאַרביי דעם גן־עדן, דערפאַר איז ער אַזאַ סטאַטעטשנער און אַזאַ אָנגענעמער; דער טיעריעק אָבער, גייט דורך פאַרביי דעם גיהנום, דעריבער טראָגט ער אין זיך דעם גאַנצן שמוץ, דעם האַרצרייסנדיקן שווידער פון דעם דאָרטיקן גרויליקן לעבן, דעריבער שטורעמט ער אַזוי, דעריבער שליידערט ער אַזוי עזותדיק זיינע אָפּגרונט־שטיינער כלפּי־שמיא, דעריבער שפּריצט ער זיינע פונקען אין הימל אַריין מיט אַזאַ פאַרשייטער חוצפה.

די פאַרשווינען שטעלן זיך אַלע אויף. יעדער איינער וויל וואָס ווייטער זען און וואָס גרינטלעכער צו דערלערנען אָט דאָס מלא־חמה'דיקע טייכל. נאָר דער שאָפער איז ביז גאָר אַ פראַזאַישער מענטש. ער גיט אַ צי דורך איבערן בריקל און דאָס טייכל פאַרשווינדט. דער טומל מיטן געפּליעסק יאָגן נאָך דעם אויטאָ און פאַרלירן זיך ערגעץ הינטן, אין דער נידער...

*

מען פאָרט באַרג־אַרויף. „מיט דער האַנט צו דערלאַנגען" שמעקט דער רייזיקער „קאַזבעק", וואָס געפינט זיך אַן ערך פון פינף טויזנט מעטער העכער פון דעם ים־פלאַך. דער אויטאָ גייט שמיידיק מיט הקפות אַרויף־צו ווי אויף שווינדל־טרעפּ. דער שאָפער גיט דעם מאַקסימאַלן גאַז און מען טראָגט זיך פלינק אויף דער דאַזיקער געדרייטער לייטער. דער קאַזבעק זינקט אַלץ נידעריקער און נידעריקער. די פּאַסאַזשירן הייבן זיך אויף אַלץ העכער און העכער.

...די דריטע הקפה, די פערטע הקפה...

דער אויטאָ פאָרט שוין אין די וואָלקנס. די ערד האָט זיך מצמצם געווען, מצמצם געווען און איז ערגעץ אין גאַנצן פאַרשוונדן. פון ביידע זייטן וועג ליגט אַ געדיכטער שניי. פאַר די אויגן — אַן עולם הפוך: אין

הימל שמייכלט אַ תמוזדיקע זון און אויף דער ערד איז טבת. עס קלאַפּט אַ צאָן אין אַ צאָן. די פינגער ווערן פּאַרקליאַקנעט * פון קעלט. די קערפּערס כאַפּן אַ געשמאַקן ציטער און טוליען זיך איינער צום צווייטן. מען קוויקט זיך מיט דער אייגענער וואַרעמקייט, מען ווערט דערפרוירן, מען לאַכט און מען איז גליקלעך. אין יענעם מאָמענט געדענקט גאָר קיינער נישט אין זיין היים, אין די נאָענטע וואָס ער האָט ערגעץ אויף דער גרויסער ערד. איצט איז מען אין די וואָלקנס, מען שוועבט ווי מלאכים אין דער אומענד־לעכקייט. דער קאַזבעק איז נעבעך אַ ביטערער „יורד", ער זעט שוין אויס ווי אַ געוויינלעך היטל צוקער. ממש מען גלייכט זיך אויס מיט אים, כי עין בעין יראו, פה אל פה אדבר בו, ומראה ולא בחידות...

...די פינפטע הקפה, די זעקסטע הקפה...

— אַלמעכטיקער גאָט! שוין זשע איז דאָס אמת, אַז ערגעץ איז דאָ אַ טיעריעק וואָס קאָכט? וויינגערטנער וואָס בליען? אַ זון וואָס וואַרעמט?

דער אויטאָ מאַכט מיט די לעצטע כוחות דאָס זיבעטע מאָל אַ ראָד אַרום דעם גאַרטל פונעם שרעקלעכן קאַווקאַזער רוקנביין און „אונטער דער סאַמע נאָז" קריכט אַרויס פון אונטערן שניי אַ לאַנגע ווייסע געביידע, וואָס דינט ווי אַ מין וואָקזאַלכל אויף דער סטאַנציע „קאַזבעק".

די זון הענגט איבערן קאָפּ, אָבער דער באַראָמעטער ווייזט 16 גראַד נידעריקער פון נול. דער באַרג קאַזבעק איז דאָ אין גאַנצן נידעריק, ממש ער וואַלגערט זיך אונטער די פיס. די אַזוי־גערופענע סטאַנציע, אָדער דערפל קאַזבעק, באַשטייט אומגעפער פון אַ פערציק הייזלעך, און גאַנץ באַזונדער, אין אַ זייט, שטייען עטלעכע לאַנגע, הילצערנע געביידעס פאַר טוריסטן און לעזשניקעס.** יענע חברה־לייט, אַז זיי קומען אַהער אויף קאַניקולן, אָדער אויף „פּוטיאָווקעס" אַלס פּרעמיע, קומען זיי נאָר גרופּנ־ווייז, זיי וווינען דאָ אַפּ חדשים־לאַנג, שלאָפן אין זייערע אינדיווידועלע שלאָפזעק, עסן זויער־מילך און פּאָמידאָרן, דראַפּען זיך אויפן קאַזבעק, קלעטערן אויף „משקולת" און אויב עס געלונגט זיי, צו דערגרייכן דעם פּיק, *** דאַן שטעקן זיי דאָרט אַריין אַ דרענגל מיט סטאַלינס פּאָרטרעט, אָרדענען איין אַ ראַדיאָ־סטאַנציע און שיקן אַריבער דעם חבר סטאַלין אַ הייסע באַגריסונג.

צען מינוט זאַמט זיך דאָ דער אויטאָ און דער עולם פאַרלירט נישט

---

* אומבויגעוודיק.

** לעזשעס — סקי, שניישיך, לאַנגע הילצערנע גליטשערס.

*** סאַמע העכסטער שפּיץ.

די צייט אומזיסט. מען לויפט זיך דורך, מען גליטשט זיך, מען וואַרפט זיך מיט „סניעזשקעס"...* אום תמוז זיך וואַרפן מיט סניעזשקעס איז דאָך עפּעס אַ זעלטנהייט!... אַנו, זאָל זיך נאָך אַ לאַנד באַרימען מיט אַזאַ מופת! אַנדערע נעמען מיט זיך מיט אַ שטיק אייז פון דער רינווע אַלס אַ זכר. ווער ס'איז אַ נייגעריקער, דער לויפט צו כאַפּן אַ קוק אין די „טוריסטישע באַראַקן", ווי ס'זעט דאָרט אויס. נאָר אַט שניידט דורך די פּראַסטיקע לופט אַ שאַלנדיקע תרועה-גדולה פון דער סירענע. די פאַרשווינען טרייסלען זיך אַף פונעם שניי, מען פאַרנעמט די פריערדיקע ערטער און די סטאַנציע קאַזבעק ווערט אָפּגעוואָרפן...

ווידער ווערט דער עולם געפרוירן. אַרומיאַגנדיק זיך אַרום וואָקזאַלכל האָט מען אַזוי נישט געפילט די קעלט, אָבער זיצנדיק אויף איין אָרט דערפילט מען טאַקע באַלד, אַז 16 גראַד קעלט איז גאָרנישט אַזוי ווייניק... נאָר אָט הייבן זיך אָן די זעלבע „הקפות" — אָדער ווי מען רופט זיי דאָרט: פּערעוואַלן — דרייען אויף צוריקוועגס. דער שאָפער טאָרמאָזירט, וויפל עס איז נאָר מעגלעך, נאָר פון אַזאַ משוגענער הייך העלפט דאָס האַמעווען זייער ווייניק, מען טראָגט זיך געגנוג פלינק אַראָפּ, צוריק צו דער גרויסער ערד. אונטער די פיס שפּרייטן זיך נאָך וואָלקנס. קיין ערד זעט מען נאָך נישט, נאָר עס איז שוין פיל וואַרעמער... עס דערמאָנט זיך נח'ס טויב: קיין יבשה זעט מען נאָך נישט, אָבער דאָס וואַסער איז קענטיק געפאַלן. מען האָט אַ געפיל, ווי מען וואָלט דאָס נאַקעטע, צעפּאַרעטע לייב אַרומגענומען מיט אַ קאַלטן, נאַסן ליילעך און זיך צוריק אַריינגעזעצט אין אַ וואַרעם ביטל. דער אויסגעפּאָרענער שליאַך אַנטלויפט פון אונטער די רעדער.

...די דריטע הקפה... די פערטע הקפה...

עס אַנטפּלעקט זיך שוין אין טאָל אַ שמאָל פּאַסיקל ערד. דער שניי אַרום דעם אויטאָ ווערט קויטיק, פליכעוואַטע און כאַפּט דעם אָנבליק פון רינדערנער געפּרעגלטער שמאַלץ.

...נאָך אַ „פּערעוואַל"...

דעם שניי כאַפּט עמעצער אויס פון אונטער די הענט. אַנשטאָט אים באַווייזט זיך גראָז. גאַנץ געווייינלעך גרין, שמעקנדיק גראָז. עס ווערט מיט אַ מאָל אומדערטרעגלעך הייס. זיך אַראָפּגעדרייט נאָך דעם לעצטן „פּערעוואַל", פאָרט מען שוין אויף דעם גלייכן וועג. דער זייגער איז שוין עלף.

---

* שנייבאַלן.

די טעמפּעראַטור — אודאי נישט ווייניקער פון 40 גראַד. מיט לעכצנדיקע הערצער דערמאָנט מען זיך אין יענער שנייאיקער וועלט, אין וועלכער מען איז אַ מאָל געוועזן... — וואָס הייסט אַ מאָל? מיט איין האַלבער שעה פריער!... עס קען נישט זיין!... דער מענטש פאַרלירט דעם גלויבן אין דעם, וואָס ער האָט ערשט נאָר-וואָס געזען מיט זיינע אייגענע אויגן. ניין, ניין, ער האָט ערגעץ געמוזט לייענען וועגן אָט דעם וואונדערבאַרן קאַזבעק, נישט אַנדערש... נאָר אָט שניידט זיך דער אויטאָ מיט אַ מאָל אַריין סאַמע אין די גערערים פון דער מאַוימדיקער „דאַריאַלסקע אושטשעליע”.

דאָס דאָזיקע ערטעלע איז דער סאַמע פאַרכאַפּנדיקער און סאַמע שרעקלעכער עפּיזאָד אין דער גאַנצער עפּאָפּייע פון דעם וועלט-באַרימטן מיליטעריש-גרוזינישן וועג. פון ביידע זייטן וועג שפּאַרן אונטער די וואָלקנס צווי קויל-שוואַרצע גראַניטענע בערג מיט שרעקלעכע קאַרניזן ווי היטלען אויף פאַרמבולדיקע ריזנקעפּ אַראָפּגערוקט איבער די אויגן. די בערג זענען גלייכע ווי ווענט, די ווענט זענען אַזוי ענלעך איינע אויף דער אַנדערער, שטייען אַזוי נאָענט איינע לעבן דער אַנדערער, אַז עס דאַכט זיך, אַז דאָס איז ערשט געוועזן איין באַרג, איין גראַניט-מאַסיוו נישט אויף דורכצוגיין, און פון אַן ערדציטערניש האָט ער זיך ערשט צעשפּאַלטן אויף דער העלפט, מחצה על מחצה. פון אַ צווייטער ערדציטערניש קענען זיך אָט די שרעקלעכע גיגאַנטן צוריק באַהעפטן, און אגב אורחא צעמאָלן אויף שטויב אַלץ, וואָס וועט זיך באותה-שעה געפינען אין זייער תחום. און אין דמיון זעט דער רייזנדיקער ווי זיי רוקן זיך שוין. די שעה האָט געשלאָגן און אים איז באַשערט צו זיין אין קאָן... ס'איז אים אַ פּנים אָנגעצייכנט געוואָרן נאָך פאַר זיין געבוירן ווערן צו פליען אין אָפּגרונט בריסוק-אברים, ווי דער „שעיר המשתלח לעזאזל”... פון דעם רעכטן באַריער סטאַרטשען אַרויס טרעפּ. ווי גראָבע, אָפּשטייענדיקע ליפּן אויף אַ העסלעך פּנים, אַזוי אומגעלומפּערט שטעקן אַרויס אָט די גראַניטענע קאַרניזן פון דעם דאָזיקן ריזיקן, נישט-געשליפענעם שפּיגל. אויף איינעם פון אָט די קאַרניזן איז אויסגעפּלאַסטערט דער מיליטעריש-גרוזינישער וועג. די מאַשין פאָרט פאַרזיכטיק, האַרט ביי דער וואַנט. עטוואָס לינקס איז אַן אָפּגרונט פון עטלעכע קילאָמעטער די טיף. דאָרט אין עמק זידלט זיך יומם ולילה דער טערעק, אָבער פון דאַנען זעט ער אויס, ווי אַ לענגלעך וויים ווערעמל. טאָמער הייבט מען אויף די אויגן צו די קעפּ פון די סקאַלעס, גיט זיך אַ דריי דער גאַנצער אָרום און מען דאַרף זיך אומבאַדינגט ביי עפּעס צוהאַלטן, כדי מען זאָל זיך נישט אַראָפּקייקלען אין דעם אָפּגרונט. דער

אויטאָ גייט פּוסטריט און דער שאָפער נעמט נישט צו די האַנט פון דער סירענע. דאָ צו באַגעגענען זיך מיט אַ צווייטן אויטאָ אומגעריכט, שמעקט מיט ריסוק-אברים, נאָר אויף דעם דאַזיקן וועג דערלויבט מען אָבער צו פאָרן נאָר ערשטקלאַסיקע און דערפאַרענע שאָפערס. פון דעסט וועגן טרעפט, אַז מען באַגעגנט דאָרטן אויך קאָלכאָזנע האַרבעס,* רייטערס, מאָטאָציקליסטן און פוסגייער. דאָס דורכפאָרן אונטער די שרעקלעכע דאַשעקעס דויערט נישט מער פון פופצן, צוואַנציק מינוט, אָבער האַבנדיק אויסגעמיטן אָט דעם שווידערלעכן קאָרידאָר, רייסט זיך נישט ווילנדיק אַרויס ביי יעדן איינעם אַ טיפער קרעכץ. עס ווערט עפּעס לייכטער אויף דער נשמה, ווי אויפוואַכנדיק נאָך אַ שרעקלעכן קאָשמאַר. פון דאַנען גייט שוין דער וועג פריילעכער. אויף די בערג וואַקסט פיל גראָז און טויזנט-קעפּיקע טשערעדעס שאָף און באַראַנעס באַלעגערן זיי ביי טאָג און ביי נאַכט. דאָ האָט שלמה צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן געזען באַראַנעס מיט אַזעלכע שווערע קורדיוקן,** אַז מען האָט אונטער זיי געמוזט אונטער-פּראָווען רעדלעך, כדי דער באַראַן זאָל זיך נישט אונטעררייסן שלעפּנדיק אים איבער דער ערד. טיילווייז זענען די בערג געווען פאַרזייט מיט ווייץ, און שלמה האָט נישט געקענט פאַרשטיין: ווי אַזוי אַקערט מען דאָרט? ווי אַזוי שניידט מען דאָרט? עס האָבן זיך געטראָפן אויפן וועג אויך היפּשע וואַלד-מאַסיוון, אָבער וועלדער גאַנץ אַנדערע פון די וואָס אויף דער אוק-ראַינע: נישט הויך געוואַקסן;ביימער, נישט קיין דיקע; די בלעטער, פון אַלע קאָלירן, ווי אין רעגנבויגן: רויטע, געלע, גרינע, בלויע, גרויע, ברוינע, מאַלינאָווע און בעז-קאָליר. אַ שלל פון פאַרבן. און אַלע פאַרבן ווערן מטושטש לגבי דער פייער-פאַרב, די זון ברענט כיקוד אש, — קיין סימן נישט פון קיין פיצל שאָטן. יעדער בוים באַזונדער איז ווי אַרומגענומען פון אַ פלאַם — סנה בוער באש! דער גאַנצער המון מיט ביימער זעען אויס ווי פלאַקערנדיקע פאַקעלן, די בערג — ככבשן האש, אַ ביז ווייס אָנגעגליטער קאָלכאָויזן! אויף די ליפּן פאַרבלאָנדזעט אַ פסוק פון תהילים:

...כאש תבער יער, וכלהבה תלהט הרים...

נאָכן וואַלד טרעפן זיי אָן אויף אַ טאַבון אייזלען. אויף די בערג — וויינטרויבן און שאָף. און פלוצלינג שניידט זיך אַריין אַ שטיק וועג פון נאַקעטן שטיין. עס פאַלט מיט אַ רעש אין דער נידער אַ קוואַל פון מינע-

---

* אַזיאַטישע וואָגנס.

** קאָדע, דער היפּשער שטיק שמאַלץ, וואָס הענגט זיך נאָך ביים באַראַן פון הינטן.

ראַל-וואַסער: זודיקע, לויטערע און מיט אַ שוועבל-געדוך. די גראַניטענע „קאַרעטע” איבער וועלכער עס שמייסט אָט דער נאַטירלעכער „ספּירט”, איז רויט, פאַרברענט פון די הויכע גראַדן, וואָס די מינעראַלן פאַרמאָגן אין זיך און זעט אויס ווי אַ שרייענדיק-געקווייטלטער טערקישער שאַל. און ווידער וואַלד, ווידער פאַסטעכער, און ווידער העגנענדיקע תבואה-פעלדער —

שלמה טראַכט מיט האַרצוויטיק:

— יאַ-אַ-אַ... דער סטעפּ שלאָפט נישט, יעדער מינדסטער שטח, יעדער מילימעטער ערד איז אויפן אויג, גאָרנישט איז נישט הפקר.

און אין דער טיפעניש פון דער נשמה וואַרעמט ער אַ האָפענונג:

— אַז גאָט וועט העלפן דעם יידישן פאָלק און ער וועט צוריק דעראָבערן זיין פאָטערלאַנד, וועלן מיר שוין אויך וויסן ווי צו אָפּהיטן יעדעם ברעקעלע ערד, יעדעם זאַמדעלע. מירן זיך שוין נוהג זיין על-פּי נוסח הסאָוויעטן. ווי אַזוי זאָגן זיי, די סאָוויעטן?

...קיין פרעמדע ערד ווילן מיר נישט, נאָר פון אונדזער אייגענער ערד — קיין איין ווערשאָק פון אונדזער ערד וועלן מיר נישט אָפּגעבן קיינעם!

*

אַרום האַלב איינס נאָך מיטאָג קומט מען אָן קיין פּאַסאַנאַאורי. דאָ שטייט מען אַ גאַנצע שעה. פון אָרדזשעניקידזע ביז טיפלים איז דאָ צוויי הונדערט צען קילאָמעטער, און אויף דער סטאַנציע איז פונקט האַלב וועג. אמת, די צווייטע העלפט וועג איז שוין אַ גלייכע און דויערט נישט מער ווי צוויי שעה, אָבער דאָ רוט מען זיך אַ ביסל אויס פון דער נסיעה און מען כאַפּט איבער דעם הונגער. דער אויטאָ פאַרפאָרט אין אַ טונקעלער אַלייע פון אָט דער גרוזינישער דאַטשע, אַלע קריכן אַרויס פון זייערע ערטער, גלייכן זיך אויס די ביינער און קוקן זיך אַרום. איידער זיי באַוויזן נאָך צו מאַכן אַ שפּאַן פונעם אויטאָ-טרעפּל, איז שוין אַרום זיי אַ יאַריד פון יינגעלעך און מיידעלעך. אַן עמער מיט דופּטיקע פּערסיקעס, פול ווי אַן אויג, קאָסט אין גאַנצן איין רובל. מילך — האַלב אומזיסט. און אַזוי האָניק, פייגן, נים און ווייַנטרויבן. באַזונדערס וויינטרויבן. דער דאָזיקער מין סחורה וואַלגערט זיך דאָ ממש אויף דער גאַס. ער איז דאָ מער נישט, ווי טייערער אַ ביסל פון וואַסער. יעדער פּאַסאַזשיר קויפט זיך איין, וואָס זיין האַרץ גלוסט, מען פאַרקלייבט זיך איינציקווייז אָדער גרופּנווייז אין

טיפן גראָז און מען רוט זיך אוים: פון דער היץ, פון דער קעלט און פון דער שרעקלעכער „דאַריאַלסקע אושטשעליע".

שלמה זיצט אָפּגעזונדערט פון אַלעמען אין אַ פאַרשטעלטן ווינקל. ער עסט אָפּ, פאַרטרינקט עפּעס, דאַן ציט ער זיך אוים אין זיין גאַנצער לענג אויפן רוקן. רעיוניה על משכביה סליקו * און די איינדרוקן פון דעם טאָג קערן זיך איינציקווייז אום צו אים. מאָמענטאַל דערמאָנט זיך אים יעדע קלייניקייט: אָרדזשעניקידזע; די קאָמפּאַרטנע אויטאָבוס-סטאַנציע; דער באַקוועמער אויטאָ; דער טיעריעק; דער קאַזבעק; די כמורע אושטשעליע: די קאַלירטע וועלדער; די „רעדלדיקע" באַראַנעס; די הענגענדיקע ברויט-פעלדער; די עמערלעך שמעקנדיקע פערסיקעס — אַ רובל אַן עמער; די שטילע דאַטשע פּאַסאַנאַאורי, — און עס פאַרקלעמט אים ביים האַרצן, פאַר וואָס אויך יוכבד מיט נחום'קען זענען דאָ נישטאָ מיט אים; פאַר וואָס מנשה, פרידמאַן, טאַני און גאָרדאָן, וועלן אפשר קיין מאָל אפילו נישט זען אָט דעם גן-עדן התחתון... און ווידער צוריק טראַכט ער: ווי גוט עס איז פון דעסט וועגן, וואָס ער ווינט נישט שטענדיק אין די דאָזיקע מקומות. דאָ קען מען לחלוטין פאַרגעסן אין ציון, אין ארץ-ישראל, אין זיין אייביקער האָפענונג. ניין, ניין, מען דאַרף וואָס גיכער אָפּפאָרן אָט די עטלעכע מאָל ביז יוכבדס אומקערן זיך און פאַרגעסן אויף אייביק אָט די פרעמדע שיינ-הייטן, פּונקט אַזוי ווי אַ סאָלידער מענטש וואַרפט אַרויס פונעם קאָפּ דאָס בילד פון דער שיינער סאָליסטקע, ווען ער גייט אַרויס פון דער אָפּערע. אמת, דאָס היימלעכע אָרדזשעניקידזע, דאָס גרויסאַרטיקע טיפלים און דער וואונדערבאַרער וועג צווישן זיי, אַלץ איז זייער פּראַכטפול, אַלץ איז ממש פאַנגענדיק, אָבער ווען מען זאָל אָט די גאַנצע געגנט אים אפילו שוין וועלן אַוועקשענקען, בלויז דערפאַר, אַז ער זאָל זיך אָפּזאָגן פון זיין האָפענונג צו קומען קיין ארץ-ישראל, וואָלט ער זיך דאָך אויסגעלאַכט יענעם אין פנים אַריין... זיין אַנטציקונג פון אָט די אַלע נאַטורבילדער זענען ענלעך צו דער אַנטציקונג, וואָס ער האָט געפילט זייענדיק אין מאָסקווע, אין דער טרעטיאַקאָווער בילדער-גאַלעריע. אָבער ציון — דאָס איז דאָך זיין אייגן בלוט! זיין נשמה! זיין גייסט! זיין עולם-הבא!

אַ צופרידענער וואָס ער פאַרלאָזט אָט די וויטיקלעך-זיסע ערטער, שפרינגט שלמה אויף פון זיין גרינער איבערבעט ווען די סירענע הייבט

---

* די געדאַנקען וואָס אַ מענטש האָט אין משך פונעם טאָג, קומען צו אים אויך אויפן געלעגער.

אָן צונויפּרופן די פּאַסאַזשירן. אין עטלעכע מינוט אַרום טראָגן זיי זיך שוין ווידער אונטער דער סמאַליענדיקער זון. עס מוז איצט זיין איבער פופציק גראַד די היץ. דער אַספאַלט אונטער די רעדער קנייטשט זיך נאָכגיביק, לאָזט אין זיך אָפּדרוקן די טיפע קאַרבן פון די גומענע שינעס. די שטימונג אין אויטאָ איז שוין נישט אַזאַ געהויבענע ווי פריער. די היץ איז יעדן דערעסן געוואָרן. ווער עס כראָפּעט, ווער עס דרימלט נאָר, און ווער עס זיצט אַזוי מיט אַ פאַרטשמעליעטער צורה און רירט נישט מיט קיין אבר. קיינעם ווילט זיך איצט נישט רעדן. יעדן ווילט זיך שוין וואָס גיכער זיך געפינען אונטער אַ דאַך. מען פאָרט דורך אַ ישוב מיטן נאָמען: דושעט. מען דערציילט, אַז פאַרצייטנס איז דאָ געווען די רעזידענץ פון גרוזיע. היינט איז דאָס אַ חרוב דערפל, אָן אַ מינדסטן שפּור פון אַמאָליקן גלאַנץ. ניין, ירושלים האָט זיכער קיין מאָל אַזוי שפּלדיק נישט אויסגעזען... אַ מיליאָנערשע, אפילו ווען זי ווערט אַ יורדת, באַהאַלטן זיך נאָך אַלץ אין אירע תנועות, אין די קנייטשן פון איר פּנים, אין איר אופן פון רעדן צו אַ מענטשן סימנים פון איר אַמאָליקן זיו, פון איר אַמאָליקן הוד... אַזאַ געוועזענע גבירנטע דאַרף נאָר איין טאָג אַ גוטן, איז זי — ווידער זי, און אַזוי, מיט גאָטס הילף, וועט זיין מיט ירושלים אויך... מען דאַרף נאָר זוכה זיין ביי גאָט, אַז ער זאָל שוין איין מאָל פאַר אַלע מאָל אויפמישן דעם פּסוק: זכרתי לך חסד נעוריך...

אומבאַמערקט און מיט אַ מאָל, איז פון הינטער אַ בערגל אַרויסגעשפּרונגען דאָס שטעטל: „„מצכעט". דאָס דאָזיקע שטעטל שמעקט שוין מיט טיפלים. עס טרעפן זיך שוין צוויי־שטאָקיקע מויערלעך, עס וואַרפן זיך שוין אין די אויגן שטאָטישע איינוווינער אָנגעטון ווי עכטע אינטעליגענטן. און באַלד טאַקע איז אַרויסגעשוווּמען דער „זאַגעס" * דאָס איז די עלעקטראָ־סטאַנציע, וואָס גיט ענערגיע פאַר גאַנץ גרוזיע. די דאָזיקע הידראָ־עלעקטראָ־סטאַנציע שפּייזט זיך פון צוויי טייכן: פון „קוראַ" און „אוראַגוואַ". אין פראָנט פאַר דער סטאַנציע, שטייט אַ ריזיקע סטאַטוע פון לענינען. דער מאַסשטאַב פון דער פיגור איז בערך דריי מאָל אַזוי די גרייס, ווי ער אַליין איז געווען אין לעבן און זי מאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק. און באַלד טאַקע נאָך „מצכעט" און „זאַגעס", האָקט מען איבער די באַנליניע און עס הייבן זיך אָן די פאַרשטעט פון טיפלים. די היץ איז דאָ אויך געווען גרויס, אָבער פיל קלענער ווי צווישן די בערג. פון ביידע זייטן פליען

* ראשי־תיבות פון: אַלקאַווקאַזער מלוכהשע עלעקטראָ־סטאַנציע.

פאַרביי זאַוואָדן און פאַבריקן. די פּאַסאַזשירן ווייסן נישט וווהין פריער צו קוקן, די אויגן צעלויפן זיך ביי זיי. ענדלעך שניידט זיך די מאַשין אַריין אין סאַמע צענטער פון שטאָט, אויף פּראָספּעקט שאָטאַ רוסטאַוועלי און שטעלט זיך אָפּ ביי דעם אָפּערע-טעאַטער, אַקוראַט קעגן דעם שטאָט-פּאַרק. דער זייגער אויף דער הויפּט-פּאָסט איז נאָך פאַר פיר —

עס זענען נאָך אפילו נישטאָ קיין אַכט שעה, זינט זיי האָבן פאַרלאָזט אָרדזשעניקידזע, אָבער וויפל איז דורכגעלעבט געוואָרן פאַר דער צייט?

*

פאַר צוויי טעג צייט ווערט שלמה פּאַרטיק מיט זיינע אויפגאַבן און דאָס חיות גייט אים שוין אויס, זיך ווידער צו זען מיט דעם שווערן, נאָר צוציענדיקן מיליטעריש-גרוזינישן וועג. אויף צוריק וועגס קומט אים אויס צו זיצן לעבן שאָפער. אין אַ גינסטיקער מינוט פרעגט שלמה ביי אים:

— וואָס פליט איר אַזוי? מען קען דאָך גאָרנישט באַמערקן... מענטשן ווילן זיך צו אַלץ צוקוקן און איר פליט... אָך, ווי איך וואָלט אַ בעלן געווען —

דער שאָפער ווייזט אים שטרענג אָן אויפן זייגער:

— נישט איך לויף! דער זייגער לויפט און איך לויף אים נאָר נאָך...

אָן אומצופרידענער האָט שלמה אַ בורטשע געטון אונטער דער נאָז, און איז אַנטשוויגן געוואָרן.

— —

פונעם ים האָט זיך אויפגעהויבן אַ פינצטערע נאַכט. איינציקווייז האָט זי איינגעשלונגען דעם האָריזאָנט, די כוואַליעס, דעם הימל. אַלץ האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ שוואַרצער מאַסע, אָן אַ פאָרם, אָן אַ גרענעץ. נאָר שטערן, גרויסע, אומרואיקע ווי קוועקזילבער, האָבן חוזק געמאַכט פון די הונדערטער לעמפּעלעך, וואָס האָבן באַלויכטן די שיף, זיי האָבן זיך געהיימ-ניספול דורכגעווונקען צווישן זיך אויף דער קינדערשער קאַרעטע, וואָס פלאָנטערט זיך צווישן די כוואַליעס. און די קינדערשע קאַרעטע האָט דווקא קיין מינדסטן אַכט נישט געלייגט אויף אָט די שטיפערישע אייגעלעך ערגעץ פון אויבן. דאָ איז דאָס ביינאַכטיקע שיף-לעבן געפלאָסן גאַנץ נאָרמאַל און רואיק, כאָטש עס איז געווען גאַנץ קילבלעך. די פייכטקייט פון דעם נאָענטן וואַסער, פון דער געדיכטער נאַכט, דאָס געפינען זיך צווישן הימל און ים, אָן ווענט, פריי פאַר יעדן מינדסטן, שטיפערישן ווינ-

טעלע, האָט פון דעסט וועגן נישט פאַרטריבן די רייזנדיקע אין די קאַיוטעס, קיינעם האָט זיך נישט געוואָלט פאַרשלאָפן די נאַכט אויפן ים.

די שיף־דעק איז געווען שוואַרץ פון מענטשן. אויף אַלע טרעפּ, אויף אַלע גאַניקלעך זענען געשטאַנען פאַרליבטע פּאָרלעך, גאַנצע משפחות מיט פּיצלעך קינדער. אַ גרוזינישע דעלעגאַציע האָט זיך פון ערגעץ אומגע־קערט אַהיים, און אירע מיטגלידער האָבן געטאַנצט מיט אַזאַ רעש־גדול, אַז מען האָט זיי געהערט פון איין עק שיף ביזן צווייטן. אַ גרופּע קאַזאַכן פון פּרויען מיט מענער האָבן מיט התפעלות צוגעקוקט, ווי אַ יונגער גרוזין מיט אַ גרוזינקע טאַנצן אַ ווילדע ליזגינקע.* ער יאָגט זיך נאָך איר מיט אַ בלאַנקן קינזשאַל, די אויגן — ווי ביי אַ רוצח, די פּיס — מיטן אויג נישט צו כאַפּן, די האַנט — אָנגעצילט ווי אַ פייל, אָט־אָט לעכערט דער קינזשאַל דעם מיידל די יונגע ברוסט, דאָס הייסע בלוט וועט מעכטיק אַ שטראָם טון אויף דעם שיף־דעק, פאַרשפּריצן אַלעמען, רויט מאַכן דעם ים און דאָס מיידל וועט ליגן אַ בלאַסע, אַ קאַלטע, מיט אויסגעגלאָצטע אויגן אין שטומען הימל אַריין. אָבער דאָס מיידל קלערט אפילו נישט קיין איין טראָפּן בלוט שענקן דעם שיף־דעק. זי טראָגט זיך לאַכנדיק איבערן קרייז, ווי אַ רוח גליטשט זי זיך אַרויס פון אונטער דעם אויפגעהויבענעם קאַלטן מלאך־המות. זי אַנטלויפט און רייצט זיך נאָך מיט איר נאָכפאָלגער פאַר זיין נישט רירעוודיקייט. יענער, אַ צערייצטער, גיט אַ בליץ מיטן קינזשאַל אין דער לופט און כאַפּט שוין אָן זיין קרבן ביים אַקסל, נאָר דאָס מיידל כאַפּט אָן מיט דער צווייטער האַנט דעם קינזשאַל און פירט אים אָפּ אין אַ זייט.

די פאַרשלאָפענע קאַזאַכן הערן נישט אויף צו באַוווּנדערן די געשיקט־קייט פון דעם טאַנצנדיקן פּאָרל. ביי זיי אין די ווילדע מדבריות, אין די פלאַכע זאַמדן אייַלט מען זיך נישט אַזוי; עס איז דאָ צייט, דער הימל איז נאָך הויך, דער טאָג איז נאָך גרויס, און טאָמער איז דער היינטיקער צו קורץ, איז מאָרגן אויך אַ טאָג און איבער מאָרגן אויך... וואָס איז דאָס איילעניש? דער טייך ברענט? אַז מען שטייט אויף, שטייט מען אויף פּאַוואָלינקע, טריט ביי טריט, מען באַטראַכט זיך, מען באַטאַפּט זיך, מען וויקלט זיך גוט אַרום, מען קוקט זיך גוט־גוט אַרום, די אויגן זענען שמאָלינקע, דווערט אַ ביסל מער — נו, איז וואָס? וווהין איז דאָס איילעניש? די זאַמדן זענען אייביקע. זייערע עלטער־עלטער־זיידעס האָבן געזען די זעלבע זאַמדן און

* אַ גרוזינישער נאַציאָנאַלער טאַנץ.

זייערע אור-אור-אייניקלעך וועלן זיי אויך טרעפן אויפן אָרט. נישטאָ זיך וווהין צו איילן. און אַז מען שטייט שוין אויף, עסט מען פּאַוואָלינקע, צו קליינינקע שטיקעלעך, ווי אַ הענדעלע: מען גיט אַ פּיק — און מען פּאַר־קלערט זיך, אַ זופּ — און מען פאַרטראַכט זיך. נאָך דעם, אַז עס איז שוין נישטאָ וועגן וואָס צו טראַכטן, קוקט מען אַ ביסל גלאַט אַזוי אין דער וועלט אַריין, ווי אַזוי דען? פון קיין איילעניש קומט קיין גוטס נישט אַרויס. אַזוי האָבן געטון אַלע זייערע קאַזאַכישע זיידעס און אַזוי דאַרפן זיי אויך טון. און טאַנצן טאַנצט מען דען נישט? וואָס הייסט עפּעס ניין? נאָר נישט אַזוי ווי די שאַיטאַנעס...* נישט מיט קיין געווער... מען קען דאָך שטאַרבן פאַר שרעק! ביי זיי נעמט מען זיך אָן פאַר די הענט, די וואַטענע כאַלאַטן פאַרשטעקט מען אין די רויטע גאַרטלען, די שטריימלען לייגט מען אַוועק אין דער מיט פון ראָד און מען דרייט זיך. מען דרייט זיך, מען דרייט זיך, פּאַוואָלינקע, טריט ביי טריט, אָן אַ שמייכל, מיט די שמאָלע, בין־השמשות־דיקע אויגן... ווערט עמעצער מיד, זעצט ער זיך צו איין שפּאַן ווייטער פון די טאַנצנדיקע. אויף זיין ווונק ווערט אים צוגעטראָגן אַ פּיאַלע גרינע טיי. ער זופּט די קאָכיקע טיי מיט דריבנע זופּעלעך און קוקט שלעפעריק צו ווי מען דרייט זיך. ווען די טיי איז אויסגעטרונקען און אין מויל ווערט אַריינגעוואָרפן אַ שפּאַר זשמענקעלע קיי־טאַבאַק, הייבט ער זיך בנימוסדיק אויף, לייגט אַריין זיינע שווייסיקע הענט אין נאָך אַזעלכע שווייסיקע הענט, און דרייט זיך ווייטער. פינגער ווי זאַפרען־שטעקעלעך פלעכטן זיך; אויגן ווי דיניע־שפּעלטעלעך דרימלען לייכט; טיפּזיניקע, קאַזאַכישע פיס מאַכן באַישובטע טריטעלעך און מען דרייט זיך און מען דרייט זיך, לייטיש, סאָליד, ווי מען פלעגט טון פון קדמונים אָן... און זינגען זינגט מען דען נישט? און שפּילן שפּילט מען דען נישט? נאָר נישט מיט אַזאַ געפּילדער, נישט מיט אַזאַ האַרמידער, אַז מען קען אפילו נישט איינדרימלען, ווער שמועסט, זיך גוט אויסשלאָפן דרייענדיק זיך אין ראָד. וואָס דען, אַזוי ווי זיי? מען קען דאָך משוגע ווערן פון אַזאַ טאַנצן.

און די קאַזאַכן זענען בפירוש דאָס מאָל געווען נישט אין גאַנצן אומ־גערעכט. דאָס ראָד האָט זיך צעברייטערט אויף דריי מאָל גרעסער, געטאַנצט האָבן שוין דווקא גאַנצע דריי פּאָרלעך, נישט איינס; און אַקאָמפּאַנירט האָט מען שוין דווקא מיט צימבלען און מיט פויקן, און מיט פאַרשידענע לאַנג־גאָרגלדיקע כלי־זמרים, און אַלע צוקוקער האָבן געפּאַטשט אין די

* טייוולאָנים, שדים.

דלאָניעס און געשריגן: אַס-סאַ! די קינזשאַלן האָבן געשאָסן מיט פונקען, די מיידלעך האָבן זיך געהאַלטן פאַר זייערע גראָבע שוואַרצע צעפּ, אַז נישט, האָבן זיי די צעפּ צענומען ווי פליגלען, געשטשירעט די ציין, געמאַכט אייגעלעך, זיך אונטערגעשפּאַרט די טאַליע מיט די געטאָקטע, פאַרברוינטע הענט און געשוועבט איבער דער פּאַלובע ווי די טשייקעס. וואָס אַמבאַ־לאַנגט די קאַוואַליערן זייערע, אין די שטיוועלעך מיט די אייזערנע פּאָד־קאָווע, ווילן זיי נאָר מאַכן אַ לאָך אין פּאָל. עס שיטן זיך קלעפּ אויף דער פּאַלובע, ממש ווי אַ פּולעמיאָט וואָלט געשאָסן... און דער עולם האַלט אין איין וואַקסן און אַלע פּליעסקען זיי און אַלע שרייען זיי נאָר איין וואָרט, נישט מער ווי איין און איינציק וואָרט:

— אַס-סאַ! אַס-סאַ!

מען שרייט נישט זייער שטיל, נישט זייער הויך, נאָר פּונקט אויף אַזוי פיל, אַז אַ קאַזאַך זאָל באַשלאָגן מיט אַ קאַלטן שוויים און ער זאָל דערפילן, אַז ער מוז זיך צוזעצן, ער מוז זיך באַטראַכטן:

— וואָס טוט זיך דאָ? וואָס פאַר אַ גיהנום איז דאָ?

— —

„...גפרית ומלח, שרפה כל ארצה. לא תזרע ולא תצמיח ולא יעלה בה כל עשב"... *

די הימלען — צעשמאָלצענער בליי. זיי זענען נישט סובל אונטער זיך קיין שום לעבעדיק באַשעפעניש, זיי יאָגן פון זיך די מחנות וואַנדערנדיקע פייגל מיט פייערדיקע ריטער.

די ערד — ביז ווייס אָנגעגליטע זאַמד, געפּאַלדעוועטע פון די שטורעמווינטן אין מיילן־לאַנגע ברייטע און שמאָלע כוואַליעס, כמים לים מכסים, אויסגעפורעמטע פון די „סאַמומס" ** אין פאַנטאַסטישע בערג און טאָלן.

טעג — ברענענדיקע ווי פּריסעק, נעכט — קאַלטע ווי שטאָל, שוועבן איבער דער וויסטעניש זאַלבענאַנד, געוועלטיקן ביד־רמה איבער אַלץ און איבער אַלעמען.

די נעכט זענען טינט־שוואַרצע, סודותדיקע, און וואַרפן אָן אַן אימה אויף די דורכרייזנדיקע. ווי נאָר די פינצטערניש פאַלט צו, אַז דער האָרי־זאָנט ווערט ביסלעכווייז פאַרשלייערט און פאַרשווינדט אין אָפּגרונט פון

---

* שוועבל און זאַלץ, אויסגעברענט דאָס גאַנצע לאַנד. עס ווערט נישט געזייט, עס מאַכט נישט וואַקסן, און עס גייט דאָרט נישט אויף קיין שום גרעזעלע. פון חומש.

** אַזאַ שרעקלעכער שטורעמווינט אין דער מדבר.

דעם זאַמדיקן קעניגרייך, אַזוי הייבט זיך אָן דערנעענטערן אַ שווידער־לעכער געוויין פון שאַקאַלן, אַ קלאָג־רוף פון היענעס און אַ שיפּען מיט אַ פייפן פון שלענג און עקדישן. אָפט מאָל רייסט זיך אַריין אין אָט דעם אומהיימלעכן קאָנצערט אַן אויפטרייסלענדיקער רעווע פון אַ הונגעריקן לייב. „אריה שאג, מי לא יירא”?...* אָפט מאָל לויפט דורך מיט אַ געפילדער אַ גאַנצע שאַיקע חיות־רעות. דער גאַנצער חלל אַרום ווערט פול מיט זייער געברום. אין איין אויגנבליק פאַרשווונדן זיי ווי אַ דמיון, נאָר דער עכאָ צעטראָגט זייערע שרעקלעכע קולות אין די מרחקים. עס טרעפט, אַז דער עובר־אורח באַמערקט אין דער פינצטער צוויי באַוועגלעכע, גרינ־בלעכע פייערלעך. עס גיט אויף אים אַ ווייע מיט היימלעכקייט, ער דער־פרייט זיך: נאַכט־פלעמעלעך! משמעות, אַז נישט ווייט פון דאַנען געפינט זיך אַ זומפּ... ער לויפט מיט פרייד אַקעגן דער געגאַרטער פליסיקייט. אָבער פּלוצלינג גייט אים דורך אַ גרויל איבערן לייב. ער כאַפּט זיך דערויף, אַז די נאַכט־פלעמעלעך זענען גאָר: אויגן פון אַ גיפטיקער שלאַנג... אין טויט־שרעק אַנטלויפט ער אין דער נאַכט אַריין פון דעם זיכערן טויט. אָבער אויך דאָרט לויערט דער טויט אויף דעם אומגליקלעכן וואַנדערנדיקן. די נאַכט אין דער וויסטע ווימלט מיט געפאַרן.

אויף אומגעהייער גרויסע שטחים ליגט אַ גראָבער שיכט שניי־ווייסע זאַלץ, אַ זכר פון אויסגעטרוקנטע ימים. קומט אויף די זון, ווערט פון דער זאַלץ — אַ שפיגל, בליצן אויף אין דעם ריזיקן שפיגל מיליאָנען זונען, און אַלע בלענדן דאָס אויג און אַלע בראָטן דאָס לייב, ציען די קליי פון די עצמות און מאַכן דעם מענטשן טעמפּ און גלייכגילטיק צו אַלץ, וואָס טוט זיך אויף דער וועלט. הויבט זיך אויף די זון נאָך העכער, ווערט דער גאַנצער מרחב פול מיט גליענדיקע זונען שטראַלן, — ווי אַ וואַלד מיט פינקלענדיקע שפּיזן פון אַ גרוים חייל — פון דער אייבערשטער זון צו די אונטערשטע און פון די אונטערשטע צו דער אייבערשטער. די זאַלץ ווערט פול מיט זון, די זון שפּאַרט זיך אָן אויף די זאַלץ־שטראַלן און נידערט אַראָפּ צו דער ערד, אַלץ נידעריקער און נידעריקער.

דער סטעפּ ברענט ווי אַ קאַלכאויוון פון ברעג צו ברעג. פון באַגינען ביז שפּעט אין דער נאַכט.

„...ארץ ציה ועיף, בלי מים”... **

---

* ווען אַ לייב שרייט, ווער האָט נישט קיין מורא? פון נביאים.

** אַ לאַנד אַ וויסט׳ס, אַ מיד׳ס, און אָן וואַסער. פון חומש.

אין איין האַלבער שעה איז די „רעטונגס־אַקציע" געווען געענדיקט. דער ברעג איז פּוסט געוואָרן. צוועלף פּאַרשוין מיט גרינגע פּעקעלעך האָבן מונטער געשפּאַנט צום קאַזבעק צו, און די רעשט פּאַרשוינען מיט אַלע אויטאָס, האָבן זיך אומגעקערט קיין װלאַדי־קאַווקאַז. װען די נאַכט איז צוגעפאַלן האָבן די „פּוסגייער" נאָך געהאַט פאַר זיך היפשע עטלעכע פּערעוואַלן, ביזן דערגרייכן דאָס דערפל „קאַזבעק". אונטער זייערע פיס האָבן זיך געשפּרייט געדיכטע, צונויפגעקנוידערטע, מילכיקע וואָלקנס. אָפּגעריסענע שטיקלעך פון זיי, ווי צעפליקטע העמדער, ווי שטיקלעך צע־בלאָזענע וואַטע, האָבן געקלעפּט צו וואָס עס האָט זיך זיי נאָר געטראָפן אין וועג: צי די מאַנטלען, צו די וואַליזעס, צו די שיך. דער שניי אויפן וועג איז געווען איינגעפּרעסט און האָט אָפּגעגלאַנצט מיט בלויען קרישטאָל. ביי די זייטן פונעם וועג איז דער שניי געווען גרייפּלדיק, גאַנץ טרוקן און געפרוירן, ווי עס וואָלט דאָ אַ האָגל אויסגעפאַלן. איבער זיי, אויף אַן אומ־ענדלעך בלויען און זויבערן הימלדעק, איז געהאַנגען אַ גרויסע, שיינע לבנה. די בלייכע לבנה־שיין האָט זיך מאַט אָפּגעשלאָגן אויף די פּאַרשידנ־פּאַרביקע וואָלקן־מאַסיוון, און דער עולם „פוסגייער" האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָרט אונטן, ביי די „קליינע מענטשעלעך", זעט מען איצט די לבנה אין גאַנצן נישט אַרויס.

איינער זאָגט דאָרטן צום אַנדערן:

— און אויב ס'איז היינט פאָרט נישט קיין לבנה־נאַכט, וואָס קען מען העלפן?

אומגליקלעכע נעבעך! ליגן דאָרט אין דער פינצטער ווי די קראָטן, קענען נישט אַרויפגיין אַהער, וווּ עס איז ליכטיק־ליכטיק, ממש ווי ביי טאָג. ס'איז ליכטיק פון דער פולער לבנה; ס'איז ליכטיק פון דעם שניי; ס'איז ליכטיק פון די פּאָספאָר־קאָלירטע וואָלקנס; און חוץ אַלעמען פון דעם זילבערנעם מאַיאַק, וואָס גייט זיי נאָך אין דער רעכטער האַנט פוסטריט, און מענטשן רופן אים געוויינלעך אָן „באַרג־קאַזבעק"... עס איז געווען קאַלט, אויף דער נשמה — פריידיק און עפּעס אומגעוויינלעך הייליק... שלמה האָט געהאַט אַ געפיל, ווי ער וואָלט זיך דורך אַ פענצטער אַריינגע־גנבעט צום עתיק־יומין אין די פּריוואַט־חדרים, ווי ער וואָלט אַריבערגע־שפּרייזט דעם „אחורי־הפּרגוד" און איצט טראָגט עס אים שוין נישט ווילנדיק אין וועלטן, וואָס בלענדן די אויגן כעין החשמל, אין וועלטן וואָס מאַכן געפרוירן די בלוטן כעין הקרח... אין זכרון האָט זיך אים אַן אויפ־הער געבאָמבלט אַ פאַרבלאָנדזשעטער פּסוק פון „זכריה": „אור יקרות

וקפאון"...* דאָס דאָזיקע געפיל פון דערהויבנקייט און יראת־הרוממות האָט יעדער איינער פון דער חבריא געפילט אויף זיין שטייגער און לויט זיין גערדאַנקענגאַנג. מערסטן טייל האָט מען געשוויגן, פאַרשטייענדיק זיך אויפן ווונק. עס האָט זיך עפּעס גענומען דאַכטן, גלייך ווי מען וואָלט זיך שוין אויף אייביק אַרויסגעריסן פון דער ערדישער געפאַנגענשאַפט, פונעם מגושמ'דיקן קערפּער, און דאָ שוועבן שוין אַרום נאָר נשמות, רוחניים אָן קיינע אַנדערע פאַרלאַנגען, נאָר בלויז: קוקן! וואָס מער און וואָס גרינטלעכער אַריינצודרינגען אין סוד־הבריאה פון גאָטס וועלטל. אָט האָט זיך אַ שטערן אָפּגעריסן פון זיין ווונדערשיינעם טעפּיך און איז אַראָפּגעפאַלן אויפן קאַזבעק. יעדן ווילט זיך וויסן: וואָס איז פון אים דאָרט געוואָרן?... אָט האָט זיך ערגעץ פון אונטערן הימל אַ ווייז געטון אַ רויט פלעמעלע. שוין זשע זאָל דאָס שוין זיין דאָס אין די שנייען פאַרלוירענע דערפל, אָדער ווי אונטן ביי די קאַרליקעס רופט מען עס: „די סטאַנציע קאַזבעק"? איז דאָס דאָזיקע דערפל, הייסט עס, נישט צערונען געוואָרן אין די כמאַרעס, ווי עס האָט זיך געקענט דאַכטן?

אין דערפל איז אַלץ געווען ווי אויסגעשטאָרבן, נאָר די אייז־קאַלטע לבנה האָט שטרענג געהאַלטן די וואַך און די איין און איינציקע עלעקטרישע לאָמפּ האָט זיך געוויגט איבערן וואָקזאַלכל. די שטילקייט איז געווען אַזאַ הייליקע, אַזאַ ששת ימי־בראשית'דיקע, ווי עפּעס אין אַ היכל־הדומיה. דער אומענדלעכער שנייאיקער מרחב האָט אינעם לבנה־מיראַזש אויסגעזען גלאַט ווי אַ סטאַדיאָן. דער קאַזבעק איז ערגעץ געלעגן אין אַ ווינקל און האָט אויסגעזען ווי אַ דיקע, חלבנע, קאָנדוקטאָרסקע ליכט** מיט אַן אויסגעלאָשן קנייטל. מען האָט אויפגעוועקט דעם דיזשורנע, ער האָט לאַנג געוואָרטשעט אויף די געסט, געגעבן זיי צו פאַרשטיין, אַז זיין אַרבעט איז נאָר אַ בייטאָגיקע — אַזוי האָט מען אים בפירוש צוגעזאָגט אין אָרדזשעניקידזע, ווען ער האָט מסכים געווען אָנצונעמען אָט דעם פּאָסטן אין שכנות מיט די „ווייסע בערן" — לכן וואָלט געווען אַ יושר, הייסט עס, אַז זיי זאָלן זיך ערגעץ אַהינטון, ביז ער וועט אויף אַן אמת אויפשטיין... אין מיטן דעם געבן די עצות־טובות האָט ער זיך אָבער אָנגעטראָפן אויף דעם קאַפּיטאַנס אַ „ליבלעכן" שמייכל און האָט גלייך פאַר־

* זעלטענע שיין, די שיין פון אַזאַ שטאַרקן פראָסט, פון וועלכן עס ווערן גלייך פאַרפרוירן אַלע מינים פליסיקייטן.

** אין רוסלאַנד, פאַר דער רעוואָלוציע, פלעגן די וואַגאָנען באַלויכטן ווערן מיט אַזעלכע ספּעציעלע גראָבע ליכט. מען האָט זיי גערופן „אייזנבאַנישע", אָדער „קאָנדוקטאָרסקע".

לוירן דאָס לשון. ער האָט געפירט זיינע געסט פון צימער צו צימער און באַוויזן, אַז אומעטום איז פול, דער משוגענער טיעריעק האָט אָנגעאַרבעט אַ שיינע חתונה... סיידן אין וואָקזאַל אַליין, אָבער דאָרטן איז קאַלט — „כאָטש הינט פאַרטרייבן"... ס'איז אָבער קיין ברירה נישט געווען, איידער אין דרויסן אויפן שניי איז גלייכער ווו עס איז. די פרויען האָט מען ווי עס איז איינגעאָרדנט אין וואָקזאַל אויף אַ ביידעמל און די ניין מענער האָבן פאַרנומען איינעם פון די טוריסטישע באַראַקן. קיינער איז נישט געשלאָפן. אויף דער „גאַס" האָט זיך אויפגעהויבן אַ מעכטיקער שטורעמווינט, וועלכער האָט נאָר געוואָלט אַראָפּטראָגן דעם גאַנצן באַראַק מיט די געסט צוזאַמען. היפּשע פלעצלעך פון שניי האָבן זיך געשמיסן און געפּליעסקעט אין די ווענט, ווי דאָס וואָלט אַזוי געבאַראַבאַניעט אַ מחנה שדים מיט פלאַטשיקע פינגער. עס האָט דווקא נישט אַריינגעבלאָזן, נאָר עס איז אַזוי אויך געווען גאַנץ נישקשה'דיק קאַלט.

*

שלמה איז געלעגן אַ צונויפגעקנוידערטער אויף אַן אויסגעדראָשענעם טופּיאַק,* ביי וועלכן עס האָט פון אַלע נאָטן אַרויסגעשטאַרטשעט שטעכיק גראָז, און האָט געציטערט מיט אַלע אברים פון דער דרויסנדיקער קעלט. ער איז געווען מיד און מאַט פון די איבערלעבענישן פונעם פאַרגאַנגענעם טאָג. פון אַנטשלאָפן ווערן אונטער אַזאַ שטורמישער מוזיק האָט אפילו קיין רייד נישט געקענט זיין, ער האָט כאָטש געוואָלט אַ טראָפּן מנוחה פאַר זיינע אויסגעמוטשעטע אברים, אָבער אויך דאָס איז געווען אַ תפילת־שוא ביי אַזאַ משונה'דיקן וועלפישן געברום, ביי אַזאַ אומקומעניש...

פלוצלינג האָט אים אַ פאַרבאַרגענע האַנט אַ טראָג־אויף געטון פון דער נישט אַרומגעהוביליעוועטער נאַרע. עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער הערט אַ מורא'דיק קול און, — כאָטש דאָס זענען אפילו באַקאַנטע, אָבער דאָך — מורא'דיקע ווערטער:

— ...ויאמר: צא ועמדת בהר לפני ד' והנה ד' עובר ורוח גדולה וחזק מפרק הרים ומשבר סלעים לפני ד'...

אַ שווידערנדיקער פון קעלט, נישט טרעפנדיק מיט אַ צאָן אויף אַ צאָן, האָט ער זיך אַרויסגעשלייכט פון דעם באַראַק, ער איז צוגעלאָפן צו אַ דערביישטייענדיקן סוקעוואַטע סטויפּ, וואָס איז געווען באַקלאַפּט מיט

---

* מאַטראַץ.

מאַסיווע אייזערנע רינגען, — צו וועלכן די יעניקע, וואָס מאַכן דורך די דאָזיקע נסיעה רייטנדיק, בינדן צו זייערע פערד, — ער האָט זיך אָנגע־כאַפּט מיט ביידע הענט פאַר אַ פּאָר רינגען, אַז דערווינט זאָל נישט באַקו־מען קיין חשק אים מיטנעמען מיט זיך, און — „איבערהיפּערנדיק" די עוקר מן השורש'דיקע מאַסע, וואָס מענטשן האָבן איר אַזאַ קורצן נאָמען געגעבן: ווינט, — האָט ער זיך ברתת ובזיע איינגעקוקט אין דעם אַזוי נאָענטן הימל. זיינע ליפּן האָבן פון זיך אַליין געשעפּטשעט:

— רזי לי, רזי לי, ווו געפין איך זיך איצט? ווו טרעטן איצט מיינע פיס?

און אַ קול ממעמקי־הלב שרייט צו אים בכל מאמצי כוחו:

— ...מה נורא המקום הזה... אין זה כי אם בית אלהים וזה שער השמים...

ער פאַרקוועטשט שטאַרק די אויגן, הייבט אויף ביידע הענט צום הימל און אַלע זיינע אברים זאָגן בדחילו ורחימו:

— ...ואני קרבת אלהים לי טוב... עמך לא חפצתי בארץ...

*

נאָך פאַרן דערשיינען פון דעם מאָרגנשטערן, ווען די גאַנצע געגנט איז נאָך געווען איינגעהילט אין איר העל־פיאָלעטן שלאָפראָק, האָט די גרופּע פאַרלאָזט די סטאַנציע „קאַזבעק". עס האָט זיך שטאַרק געבענקט נאָך אַ פונק וואַרעמקייט, נאָך אַ מילדן שטראַל פון דער זון.

נאָך די פערעוואַלן און פאַר דער „אושטשעליע", ווייטלעך אַ ביסל פונעם וועג אויף לינקס ליגט אַ קישלאַק. דער קאַפּיטאַן מיט נאָך צוויי מענער לאָזן זיך אַוועק אַהין צו אַ שמעק טון מכח טראַנספּאָרט. עס גייט אַוועק כמעט אַ גאַנצע שעה, ביז פון אַ הייפל באַווייזט זיך אַ קליינע „האַרבאַ" * אויף הויכע צוויי רעדער, אין וועלכער ס'איז איינגעשפּאַנט אַ פגירה'דיק אייזל, וואָס פּלאָנטערט קוים מיט די פיס, ווי אַ שכור. מען זעט, אַז קוים וואָס אָט די אַלטע נבלה רירט די לײדיקע האַרבאַ פונעם אָרט. אַלע קוקן אָן פאַרוווּנדערט דעם דאָזיקן עקספּרעס. דער קאַפּיטאַן צוקומענדיק צו דער „עקספּעדיציע" פאַרענטפערט זיך מיט אַ שמייכעלע:

— דו פאַרשטייסט, העלענאָטשקאַ, דאָ ווינען דאָך בלויז אַזעלכע

---

* אין אַלע מזרח־געגנטן פון ראַטנפאַרבאַנד איז זייער פּאָפּולער אַ קליין וועגעלע אויף צוויי הויכע רעדער, און אָט די דאָזיקע „מרכבה" רופט מען דאָרט: „האַרבאַ".

קבצנים, זאָל גאָט אָפּהיטן! אַז קיין שום זאַך איז ביי זיי נישטאָ. אפילו נישט קיין „זים", * אפילו נישט קיין אַעראָפּלאַן, האָב איך כאָטש געדונגען אָט דעם לאַנג־אויערדיקן אַעראָפּלאַן. דער באַלעבאָס האָט אונדז געשוווירן ביי זיין הייליקן האָן, אַז ביז ווינטער וועט ער אָן שום ספק אַנציען קיין טיפּלים. און איך גלייב אים בפירוש, נישט אַזוי מחמת דער שבועה, ווי דערפאַר ווייל דער אַנטרייבער האָט צו אים אויסגעקליבן אַ גוטן שטעקן. ניין, ניין, געלעכטער אויף אַ זייט, מיר וועלן אַלע אַוועקלייגן אונדזער באַגאַזש אויף דער האַרבאַ, וועט אונדז זיין גרינגער צו גיין, און איינע פון די פרויען וועט אַלע מאָל קענען זיצן, וועט איר זיך שוין ווי עס איז ביימן: אַ ביסל ליגן צעלייגט אין לאַזשע און כאַפּן אַ דרימל, און אַ ביסל זיך דורכשפּאַצירעווען מיט די פּיסעלעך פּיעשאָטשקאָס... **

דריי מעת־לעת האָט זיך דער „קאַראַוואַן" געשלעפּט ביז טיפּלים. זיי האָבן דווקא אויפן וועג באַגעגנט אָן אַ שיעור: אויטאָס, פּאַעטאָנען, אָבער ווי צונויפגערעדט זיך, זענען זיי אַלע געפאָרן אין דער פאַרקערטער ריכטונג, פון טיפּלים צום טיעריעק. נישט געאיילט און שטאַרק באַישובט האָט דער בנימום'דיקער אישאַק *** געשטעלט דריבנע טריטעלעך, און דער עולם, מיט אַן אויסזען פון אָפּגעצוואָגענע הינער, האָט אים מיד נאָכגעשפּאַנט. פון דעסט וועגן, ווי דערשעפּט מען איז נישט געווען, אָבער אַז עס האָט זיך שוין אַזוי געמאַכט, איז יעדער איינער געווען נייגעריק גרינטלעך, מיט אַלע פּישטשעווקעס, צו דערלערנען דעם באַרימטן וועג, ווייל סוף־כל־סוף אַזאַ שפּאַציר מאַכט מען נישט אַלע טאָג. צוויי שעה האָבן זיי זיך פאַרהאַלטן אין דער פאַרמרה־שחורה'טער „דאַריאַלסקע אושטשעליע", זיי האָבן בפירוש געפּרוווט קוקן אי אַרויף אי אַראָפּ, און זענען גראַד נישט אַראָפּגעפאַלן. זיי האָבן באַזוכט דעם לעגענדאַרן „זונען־טאַל", ווו — לויט דער מסורה פון די דאָרטיקע שבטים — עס פאַרגייט קיין מאָל נישט די זון. זיי האָבן באַזוכט דעם סודות־פולן פּאַלאַץ פון דער פאַרצייטישער קעניגין טאַמאַראַ, וועלכע איז אַזוי ראָמאַנטיש באַזונגען געוואָרן פון לערמאָנטאָוון. אויפן גאַנצן וועג, האָבן זיי נישט דורכגעלאָזט קיין איין ישוב וועלכן זיי זאָלן נישט האָבן באַזוכט; קיין איין מינעראַלן קוואַל, פון וועלכן זיי זאָלן נישט האָבן פאַרזוכט; איין נאַכט האָבן זיי אפילו גענעכטיקט אין די בערג, איבערגעזעסן מיט די פּאַסטעכער אין זייער לעכער־

---

* דער שענסטער פּערזאָנען־אויטאָ אין רוסלאַנד צו יענער צייט.
** צו פוס.
*** אייזל.

דיקן, לייוונטענעם געצעלט, און ווען זיי האָבן אָנגעהויבן צו ציטערן פון קעלט, מקרה בלילה — האָבן זיי זיך פאַרשטעקט אין אַ סקאַלע־שפּאַלט. צוזאַמען מיט די פאַסטעכער האָבן זיי דאַמאָלסט געטרונקען טיי פון אַ שיסעלע פון קאַוון־שאָלעכץ; צוזאַמען געטאַנצט קעגן שייטער, געזונגען און געשפּילט; און אפילו נישט געקלערט יענע נאַכט פון שלאָפן. ווען זיי זענען דורכגעפאָרן פאַסאַנאַאורי, האָט זיך זיי דווקא געטראָפן אַן אויטאָ, וואָס האָט געקענט אויפנעמען פינף פאַרשוין קיין טיפליס. קיינער פון דער „עקספּעדיציע" האָט זיך אָבער נישט געוואָלט צעשיידן מיט דער קאָמפּאַניע, און אָט די מאָדנע שיירא איז געבליבן גאַנץ, ביז זיי זענען ענדלעך אַרויפגעפאָרן אויפן טיפליסער פּראָספּעקט, וואָס טראָגט דעם נאָמען פונעם באַרימטן פּאָעט שאָטאַ־רוסטאַוועלי. מען האָט זיך וואַרעם געזעגנט, שטאַרק געדאַנקט שלמה'ן פאַר זיין איינפאַל און מען איז זיך צעגאַנגען יעדער אין זיין וועג.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

גאַנצע פינף טעג האָט שלמה פאַרבראַכט אין דער רעזידענץ פונעם סאָוויעטישן נאַפט, — באַקו. ער האָט באַקוקט דעם פּאָרט מיט אַלע פרטים, זיך געבאָדן אין אַ ים־וואַנע. ער איז אָפּגעפאָרן מיט אַ געדונגענעם קאַטער אַ צען, פופצן קילאָמעטער אין ים, כדי צו באַקוקן די שטאָט פון אַלע זייטן, באַזוכט טעאַטער, קינאָ, מוזייען, ביבליאָטעקן. לאַנג האָט ער באַקוקט די שוואַרצע האַלבע שטאָט — די לאַבאָראַטאָריע פון דעם שוואַרצן גאָלד, ער איז אַליין געשטאַנען ביי אַ ווישקע * בשעת דעם בויערן דעם נאַפט, ער איז צוגעפאָרן מיט אַ שיפל אויף „איליטשעם בוכטע", וואָס קען אַליין באַשטאַטן מיט נאַפט גאַנץ אוקראַינע, צו לעצט האָט ער באַקוקט דעם אַלטן בית־עלמין פון די בערג־יידן.

אויפן זעקסטן טאָג פון זיין אָנקומען, צען אַ זייגער ביי נאַכט, האָט ער פאַרלאָזט באַקו. מען איז דורכגעפאָרן גראָזנע, די צווייטע שטאָט אין רוסלאַנד לויט איר נאַפט־עקספּלאָאַטאַציע. עס זענען אָנגעלאָפן דערבענט, מאַכאַטש־קאַלאַ. דאָ האָט אים ווידער אָנגעיאָגט דער קאַספּישער ים. ס'איז דורכגעשווומען די חנ'עוודיקע סטאַנציע בעסלאַן. פון דאַנען גייט דאָך דער וועג דורך וולאַדי־קאַווקאַז גלייך קיין טיפליס, דורכן רוקנביין פון די קאַווקאַזער בערג, דורך דעם באַרימטן, אין האַרצן־איינגעבאַקענעם מיליטעריש־גרוזינישן וועג. אַ גרוס פון זייער עולה־רגל זיין. מען האָט דורכ־

* אַ הילצערנע הויכע געביידע, ווו מען באַקומט אַרויס דעם נאַפט.

געלאָזט פראָכלאַדנאַיאַ. די נאַכט האָט זיך בחפזונ'דיק געפּאַקט אין וועג אַריין. אין איין ווינקל פונעם הימל האָט אָנגעהויבן שאַריען אויף טאָג. אַלע פּאַסאַזשירן ביז איינעם האָבן איבערגעלאָזט דעם סוף-נאַכטיקן דרימל אויף די איינגעפּרעסטע געלעגערס און האָבן באַלעגערט די פענצטער און די גאַניקלעך. מען האָט זיך מיט אַ קאַפּ-שווינדלערישער שנעלקייט דער-נעענטערט צו דער סאַמע רווישיקסטער סטאַנציע אין דרום-מזרחדיקן קוואַרטאַל פון רוסלאַנד — מינוואָדע.

אויף יענער זייט ווינאַגראַדנאַיאַ, האָט דער ערשט-געבוירענער פּרי-מאָרגן זאָרגעוודיק צוגערוימט די שיריים פון דער נאַכט, זיי צונויפגעקערט פון אַלע ווינקעלעך און ווי אַ ציכטיקע באַלעבאָסטע, זיי איינגעדעקט פון פּרעמדע אויגן מיט אַ מילכווייסן, זיך רויכערנדיקן נעפּל. די פון גאָט געבענטשטע שלוה, האָט אומבאַגרענעצט געוועלטיקט אויף די אומענד-לעכע רחבותן. דער צוג איז דאָ געגאַנגען „אין די זאָקן", זיך באַמיט נישט אויפצוועקן די נאָך-דרימלענדיקע בריאה מיט זיין שטאָלענעם גערויש, מיט דעם מעשענעם געפּליעסק פון זיינע טאַצן. די אַנטבלויזטע פעלדער זענען געלעגן ביי די זייטן אויסגעבעטע מיט דורכזיכטיקער וואַטע און האָבן אָנגעוואָרפן אַ קלעפּיקן דרימל אויף אַלץ אַרום זיך. עס האָט זיך געדאַכט: אָט-אָט וועט אויך דער צוג זיך פאַרפּלאָנטערן אין דעם דאָזיקן נעפּל-געוועב, זיך אויסציען אויף אָט דער פּוכיקער איבערבעט און איינ-דרימלען מיט אַן אייביקן דרימל.

די פּאַרטאַגיקע אידיליע האָט אָבער לאַנג נישט אָנגעהאַלטן. דער טאָג האָט אָנגעגריפן פון אַלע זייטן. פון דער ערד האָט זיך געדראַפּעט צום הימל אַ שנייווייסער וואָלקן, — ואד יעלה מן הארץ... דער „יוצר המאורות" האָט צעשנורעוועט דאָס שיידל און האָט אַרויסגעלאָזט דעם „מאור הגדול" אויף צו געוועלטיקן איבער דער וועלט אין משך פונעם טאָג. די זון איז שטיין געבליבן אַן איבערראַשטע, זיך אַליין געחידושט פון דעם אויסער-געוויינלעכן פּראַכט, מיט וועלכן די ערד האָט אין דעם פרימאָרגן געבלענ-דעט דאָס אויג. מיט אַ מאָל איז טונקלער געוואָרן. פוןביידע זייטן צוג האָט זיך געיאָגט אויף צוריק אַ יונגער, שטאָלטנער סאָסנע-וואַלד, געשווינד פּאַכענדיק מיט אויסגעצויגענע, בלאַנקענדיקע שווערדן. דאָס האָט די העל-שיינענדיקע, פרימאָרגנדיק-אויפגעלייגטע זון דורכגעשפּאַרט איר ליכטיקן שמייכל דורך די שמאָלע אַלייען-פּאַלדן... משגיח מן החלונות, מציץ מן החרכים... שלמה האָט נישט באַוויזן אָנצוזעטיקן דאָס אויג מיט אָט דעם צויבערנדיקן שטראַלן-געפּעכט, ווי דער וואַלד איז אַוועקגעשאַרט

געוואָרן — עלעהיי אַ קינדער-שטיבעלע און די זון, אַ צעפלאַמטע פון דעם רייצן זיך, האָט זיך אַ לאָז געטון צום צוג מיט איר גאַנצן חן.

מען האָט זיך אַלץ מער דערנעענטערט צו דער אַזוי-באַרימטער קנופּ-סטאַנציע. פון צווישן די הויכע, געדיכטע קוסטעס, זענען אַלע ווײַלע אַרויס-געשפּרונגען נײַע, מיט קוילן-שטויב באַזאַלצענע און באַפּעפּערטע ליניעס, זיי האָבן צוגעוואָרפן דעם עולם אין די פענצטער זייער שטומען „גוט-מאָרגן" און זענען שמײַדיק מיטגעלאָפן ביי די זײַטן. די צאָל באַגלייטנ-דיקע שינעס איז אַלץ געוואַקסן אָן אַן אויפהער. דער צוג איז געפלויגן זיך אונטערהעצקענדיק איבער אַריינגעשטעלטע „אַרבל" און צוגעשטעלטע „קניען", וועלכע זענען זיך ווי אין אַ ווילדן טאַנץ צונויפגעלאָפן, צוריק צעלאָפן און זיך ווידער צונויפגעפלאָנטערט. צענדליקער סעמאַפאָרן, אויס-געפּוצטע ווי די כלות צום באַדעקנס, האָבן פון דער ווייטנס צוגעווינקען מיט זייערע רויטע און גרינע אייגעלעך: — „קום, קום צו מיר, גלייב מיר, וועסט קיין חרטה נישט האָבן"... די פריע זון-שטראַלן אין די פינקלענ-דיקע שויבן פון די יומטובדיק-אויסגעפּאַרבטע דיספּעטשערסקעס, האָבן פריילעך צוגעשטימט: — „יאָ, יאָ, קענסט רואיק פאָרן. מיר זענען דיר ערוב פאַר אַ שיינעם קבלת-פנים". לינקס פונעם צוג, ממש „מיט דער האַנט צו דערלאַנגען", האָט זיך געוויכערט דער שטאָק-אַלטער באַרג-ריז בעשטאַאו. צו פוסנס פונעם באַרג, אין די קרומע פאַלדן פון זיין גראַניטענעם מאַנטל, האָט געווימלט מיט אור-אַלטע קאַזאַקישע סטאַניצעס, טיורקישע סאַלאַרן, אָסיעטינישע דערפלעך און קאַבאַרדינישע קישלאַקן אָדער כוטאָרעס. דער צעווילדעוועטער צוג האָט זיך געטראָגן פאַרביי אָט די פאַרגעסענע ישובים'לעך מיט אַ ברומען און מיט אַ וואָיען פון אַ סטאַדע וועלף, ביז ער איז מיט זיין גאַנצן האַסט אָנגעפלויגן אויף מינוואָדע און איז ווי אַ דערשאָסענער אַדלער צוגעשמידט געוואָרן צום אָרט. דער פּאַרסאַפּע-טער לאָקאָמאָטיוו האָט געשפּריצט מיט שוים און מיט גרימצאָרן פון אַלע נאָזלעכער.

קיין איין וואָקזאַל אין מאָסקווע לאָזט נישט דורך פאַר אַ טאָג אַזוי פיל פּאַסאַזשירן ווי מינוואָדע — טאָג-איין, טאָג-אויס — אין די זומער-דיקע חדשים. דאָ איז דער פרשת-הדרכים פון די גרעסטע רוסישע קור-ערטער: בעשטאַאו, זשעליעזנאָוואָדסק, קיסלאָוואָדסק, פּיאַטיגאָרסק און עסענטוקי. נישט ווייט פון דאָרט איז נאַלטשיק, נישט זייער ווייט איז סאָטשי-מאַצעסטאַ. דאָס איז די געבענטשטע סטאַנציע, וועגן וועלכער עס טראַכט דער קאַלכאַזניק זיצנדיק אויפן טראַקטאָר, די מעלקערין, גייענדיק

מיטן שעפּל אין דער האַנט, דער שלאָסער ביים סטאַנאָק, דער שטאָל־קאָכער ביי דעם דאָמענע־אויוון, דער שוסטער ביים ווערקשטאַט און די פּאַרקויפערין פון יענער זייט טיש. יעדער מענטש, וואָס האָט אַ נשמה און אַ ביסל פאַרשטאַנד, ווינטשט זיך אָנקומען כאָטש אויף איין חודש אין דעם דאָזיקן גן־עדן־התחתון מיט דעם לאַנגן נאָמען: „מינעראַלנעיע וואָדע".

דאָ איז מען אָפּגעשטאַנען אַ האַלבע שעה און ווידער האָט זיך אָנגע־הויבן דערנענטערן צענטראַל־רוסלאַנד: קאַווקאַזסקאַיאַ, טיכאָריעצקאַיאַ, באַטאַיסק און צום לעצט דער שליסל פון קאַווקאַז און אוקראַינע, פון דרום, צפון און מערב־רוסלאַנד — די שיינע שטאָט ראָסטאָוו. דער צוג איז דאָ געשטאַנען אַ שעה מיט צוואַנציק מינוט. שלמה האָט באַוויזן צו באַטראַכטן דעם שטאָטגאָרטן מיטן נייעם, גרויסן טעאַטער, וועלכער האָט פּרעטענ־דירט אויפן ערשטן אָרט אין רוסלאַנד. דער צוג האָט זיך געאיילט קיין טאַגאַנראָג. אין די מקומות, — אויב מען זאָל גלייבן די אָרטיקע איינוווי־נער — טריקנט קיין מאָל נישט אויס די ערד. די רעגנס זענען דאָ אַזעלכע אָפטע געסט, אַז מען קריכט גאָר קיין מאָל נישט אַרויס פון די גומענע שטיוול. די כמאַרעס האָבן דאָ בשפע פון וואַנען אָנצופילן זייערע „כלים ריקים": פונעם כמורן אַזאָווער ים און וויטלעכן, קערטשער אָנגוס, פונעם דאָן און פונעם דאָניעץ, פונעם קובאַן און פון די „שכנישע" ימען, פון שוואַרצן און קאַספּישן. און טאַקע מחמת דעם, איז אינעם גאַנצן לאַנד זעלטן צו געפינען נאָך אַזאַ פעטן „טשאָרנאָזיאָם", נאָך אַזאַ פרוכטבאַרן, ווי אין דעם געגנט: קראַסנאָדאַר־טאַגאַנראָג. עס איז געווען מיטאָג צייט, אָבער דער צוג איז געפאָרן אַ באַלויכטענער, ווייל מען האָט נישט געזען די וועלט. אַלץ האָט אָנגעזאָגט אויף אַ געוויטער. די ביימער ביי די זייטן פונעם וועג האָבן גאָטספאָרכטיק מתפלל געווען. אין דער לופט זענען אַרומ־געפלויגן פראָקלאַמאַציעס וועגן דעם אָנקומענדיקן שטורעם. דער האָרי־זאָנט איז ערגעץ איינגעזונקען געוואָרן. דער אַרומיקער שטח איז קענטיק איינגעשרומפּן געוואָרן, אַ פאַרבאָרגענע, מעכטיקע האַנט האָט נעענטער צונויפגערוקט זיינע ווענטלעך, ווי אַ געטרייער מאַן רוקט צונויף די פאָר־האַנגען אַרום אַ יולדת, כדי אַ פרעמד אויג זאָל נישט כאַפּן קיין קוק, ווו מען דאַרף נישט. איבערן קאָפּ, ווו נאָר מען האָט אַ וואָרף געטון מיט אַן אויג, איז די הימל־יאַרמלקע געווען באַקלעפּט מיט טונקל־ליימיקע כמאַ־רעס. די שווערע כמאַרעס זענען געהאַנגען איבער דער ערד אומבאַוועגלעך, ווי אַן אכזריותדיקער גזר־דין, וועלכן קיין שום כח אין דער וועלט קען שוין נישט ענדערן. נאָר פון צייט צו צייט פלעגט אָט די פינצטערע חיה,

— וואָס לויערט אויף דער וועלט און וויל זי איינשלינגען — עפּענען אַ ריזיק מויל און אַרויסשטעקן דער וועלט אַ פייערדיקן צונג. גלייך נאָך אַזאַ שטיפעריש „שטיקעלע", פּלעגן זיך די עלטערע כמאַרעס נעמען בייזערן אויף קולי־קולות: — „ווער פּראָוועט עס אַזעלכע קונדייסישע אילומי־נאַציעס? וואָס פאַר אַ רייצן זיך מיט דער אָרעמער וועלט? מילא, וואָס ס'איז באַשערט, איז באַשערט, אָבער צו וואָס נאָך דאָס רייצן זיך?" און די „אָרעמע וועלט" איז ווירקלעך געלעגן אונטער די פייערדיקע חלפים ווי אַ געבונדענער שעפּס, נישט צו אַנטלויפן, נישט צו פאַרטיידיקן זיך. די ערד איז נאָך געווען טרוקן. דאָס דונערן מיטן בליצן האָבן אויסגעזען ווי פּוילע ווייען פון אַ געווינערין. די „ווייסע־חברהניקעס" דאָרטן פון אויבן, איז דער מוסר פון די עלטערע ווייניק וואָס געקראָכן אין קאָפּ אַריין. ווידער ווערט אויפגעשפּאַלטן דער הימל, דאָס בילד מאַכט אַן איינדרוק ווי אַ פאַרקויפער שפּאַלט אויף אַ כערסאָנער קאַווען און ווייזט דעם קונה: — „נאַ, זעסט? רויט ווי פייער! רייף, וואָס רייף הייסט"... איין אויגנבליק — און ווידער זינקט דער גאַנצער חלל אין שטומער גרויקייט און אין אומ־קלאָרער שרעק. מיט אַ מאָל האָט זיך ביי איין גרויזאַמער כמאַרע אומפאַר־זיכטיק פאַרקאַטשעט אַ פאַלע. דער אונטערשלאַק וואָס מען האָט אַרויס־געזען, איז געווען העל בלוי און האָט געקוויקט דאָס אויג. דער צוג האָט זיך געטראָגן מיט אַ קאַפּשווינדלערישער שנעלקייט. נאָך אַ ווײַלע און ער איז אַרויסגעשפּרונגען פון דער באַדראָטער זאָנע. די אָנגעהאַנגענע שרעק איז ערגעץ פאַרבליבן הינטן, העט־העט ווייט איבערן קאַלאַמוטנעם אַזאָווער ים. דער צוג האָט זיך מאָמענטאַל אָפּגעטרייסלט פון דער פינצטערער מרה־שחורה, וואָס האָט אים „דאָרט" אַרומגענומען און אַ צופרידענער דער־מיט, וואָס ער האָט אויסגעמיטן די סכנה, איז ער פריילעכער געלאָפן ווייטער. אין פיל שעהן אַרום איז אַרויסגעקראָכן פון די דערפער מיט די וועלדער — לאָזאָוואַיאַ.

בראָך־טאָג איז דער צוג שוין געשטאַנען אין כאַרקאָוו...

א בליק אין אין-סוף

הספנים רובם חסידים... *

אַט די אין פלוג גוזמאדיקע סברא האָט איצט שלמה נישט נאָר פאַר־שטאַנען מיטן שכל, נאָר געפילט מיט אַלע חושים; זינט ער איז געוואָרן אַן „עובר ארחות ימים" האָט ער מודה געווען דעם בעל־המאמר בכל רמ"ח אבריו ושס"ה גידיו.

— יאָ, ס'איז בלתי ספק, אַז דער מרחב פון וואַסער ברענגט דעם מענטשן צו דכדוך־הנפש, צו געטלעכער דערהויבנקייט.

יעדע כוואַליע דינט ווי אַ מין טרעפּל; יעדער שרונט פון ברויזנדיקן שוים — אַ מין לאַסטל; טרעפּל צו לאַסטל, לאַסטל צו טרעפּל, און דער חלק אלוה ממעל — וועלכער זיצט אַ געפאַנגענער אין אָט דעם זעקל פלייש מיט ביינער וואָס מיינט, אַז ער קען אַ וועלט איבערקערן — שטעלט שוין צונויף פון אָט דעם שלל מיט ברעטעלעך און לאַסטעלעך אַ גאַנצע לייטער און דראַפּעט זיך אַרויס פונעם אומווירדיקן חומר אויף דער פריי.

ווען די נשמה קריכט אַרויס פון איר עמק־עכור און קוקט זיך אַרום על ימין ועל שמאל, ערשט דאַמאָלסט כאַפּט זי אָן אַ מוראדיק קנאה־געוויין: גוואַלד געשריגן! למה ירדה שכינה מאגרא רמה לבירא עמיקתא? ** למה ירדה? למה ירדה? ווהין זי גיט זיך נאָר אַ קער — מרחב—יה; יעדער איינער פון די נבראים דינט דעם בורא מיט שלהבת—יה; נאָר זי איינע איז איינגעשפּאַרט בבור צלמות —

...יושבי חושך וצלמות... אסירי עני וברזל...

אַ פּאַרצווייפלטע גיט די נשמה אַ טיפן קרעכץ:

— אוי, ווען איך זאָל זיך קענען פאַרענטפערן פאַר דעם „בורא כל הנשמות", אַז איך בין פון די „אסירי עני וברזל", וואָלט איך כאָטש געהאַט אַ חצי־נחמה, אנוסה כשרה לבעלה... ס'איז דאָך אָבער ווייט נישט אַזוי... דער אמת איז דאָך, אַז ס'איז געווען „תחילתה באונס וסופה ברצון"... „תחילתה באונס וסופה בפשיעה"... און געפינענדיק זיך אין אַן ענלעכער

* דער רוב פון די רייזנדיקע אויפן ים, זענען חסידים. די כוונה: ווייל זיי זענען שטענדיק אין אַ סכנה, ווענדן זיי זיך אָפטער צו גאָט פון די, וואָס לעבן אויף דער יבשה.

** צו וואָס האָט אַראָפּגענידערט די שכינה פון אַ הויכן באַרג אין אַ טיפן גרוב.

לאַגע האָט אסתר-המלכה אויף זיך געזאָגט: „כאשר אבדתי אבדתי"... און ערנסט גערעדט: צי קען איך דען, כאָטש לפנים, זיין אַ תולה קללתו באחרים? וויפל מאָל טרעפט, אַז מיין בעל-דבר זינדיקט און איך בין נאָר יוצא מיט אַ בורטשע-טון כלאחר-יד? אויף וויפל ביטערע עוולות פון מיין נמאסן שותף קוק איך נאָר צווישן די פינגער און וויפל אומווירדיקע פּאָרטלען פאַרשווייג איך שוין גאָר אין גאַנצן? צו וויפל מיאוסע תנועות, דעם חומרס, צו וויפל נבזה'דיקע פּאַסטעמקעלעך האָב איך זיך שוין אַזוי צוגעוווינט, אַז עס אַרט מיך שוין גאָרנישט כל עיקר? פון וויפל נידעריקע עובדה'לעך, האָב איך שוין גאָר, מחמת רגילות, צו ביסלעך הנאה אויך?

די אומגליקלעכע בעל-תשובהניצע שלאָגט זיך אין האַרצן „על חטא", און דער ים דערמאָנט איר די ביטערע נבואה:

...אפשיטנה ערומה והצגתיה כיום הולדה, ושמתיה כמדבר ושתיה כארץ ציה והמתיה בצמא... *

— —

עס גיט אַ בלאָז אויפן ים אַ סודות-פול ווינטעלע. די בריאה הערט זיך איין, רב קשב. די שווימיקע גבנונימלעך ** קוקן זיך דערשראָקן איבער:

— געהערט? דער טאָג גייט זיך שטעלן פאַר דעם בית-דין של מעלה...

און עס גייט דורך אַ שוידער אויף דעם אומענדלעכן, גלאַנצנדיקן רוקן פונעם ים. זיין בויגעוודיקער חוט-השדרה גיט זיך הכנעהדיק אַ נויג פאַר דעם כסא-הכבוד:

— איך בין למפרע אויף זיך מצדיק את הדין...

און בלייבט ליגן אין אַן אפיסת-הכוחות. די כוואַליעס, צעבראָכענע מאימת-הדין, לעקן אונטערטעניק אַרום די שטאָלענע פּאָלעס פון דער גייענדיקער שיף און קוקן בשעת-מעשה אַרויף באימה וביראה:

— וואָס וועט מען מיר אָנצייכענען? ווהין וועל איך מאָרגן מגולגל ווערן?

דער פחד און די שרעק געבן זיך איבער צו אַלע וואַסערן באשר הם שם. אוי ווי, גוואַלד געשריגן, גולל אור מפני חושך... מעביר יום ומביא לילה... אַלע טייכן און טייכלעך צעשרייען זיך אויף קולי-קולות —

---

* איך וועל פון איר אַראָפּציען די מלבושים און זי וועט בלייבן שטיין אַ נאַקעטע ווי אין טאָג פון איר געבוירן. איך וועל זי איבערלאָזן עלנט ווי אַ מדבר, איך וועל זי פאַרוויסטן ווי אַ וויסט לאַנד, און איך וועל זי טויטן דורך דאָרשט. פון נביא הושע.

** געמיינט: האָרביקע, געבערגלטע כוואַליעכלעך.

...נשאו נהרות קולם, ישאו נהרות דכים...

קומט אַ שטורעמווינט און פאַרטויבט זייער געשריי —

...רוח סערה עושה דברו...

די זון נייגט זיך צו מערב, כי פנה יום. דער גאַנצער חלל־העולם איז בהצנע־לכת פושט צורה ולובש צורה. דער יקום הילט זיך אָפּ און הילט זיך איין, ההא דכתיב: ופשט את בגדיו ולבש בגדים אחרים... דערזעענדיק ווי דער הימל לעשט זיך, ווערט אַן אתערותא דלעילא; דערזעענדיק ווי דער ים לעשט זיך, ווערט אַן אתערותא דלתתא... אין די עולמות־העליונים טראָגט זיך דורך אַ כרוז:

— ורוח מלפני יעטוף, רוח של חסד...

דער עולם שבאתגליא ווערט באַשיינט פון ניצוצי־נוגה שאין עין אדם סובלתן, פון אור הגנוז לעתיד־לבא; דער עולם שבאתכסיא, עולם שכולו סוד, טמיר ונעלם, ווערט פאַרפלייצט על כל גדותיו פונעם אור של שבעת ימי בראשית... ויראו אפיקי מים, ויגלו מוסדות תבל... אויף אַ משהו פון אַ רגע הייבט זיך אַ ביסל אונטער דער פרגוד * שלפני כסא־הכבוד, רואים את הנשמע, שומעים את הנראה, אַלע היכלות ווערן אויף איין הרף־עין געעפנט, אַלע רזין דרזין ווערן אויף איין אויגנבליק נתגלה, אַלע מסתורין ווערן אויף איין אויגנבליק אַנטפּלעקט — דער כביכול, ברוך הוא וברוך שמו, איז מגלה אַ טפח פונעם סוד היחוד, סוד יחודו של עולם... עס פאַלט אַן אַ פחד אויף אַלע יצורים, אַ פחד געמישט מיט אַ כלות־הנפש, בחינת: וגילו ברעדה. תבל ויושבי בה לעכצן נאָך תקון עולם במלכות־שדי, נאָך דעם אחרית־הימים. מכל פנה ועבר טראָגן פאַרשידענע נבראים זייערע הערצער אַקעגן דעם באַשעפער:

— אליך ד׳ נפשי אשא...

און די צדיקים נסתרים שעליהם העולם עומד:

— הדור, נאה, זיו העולם — נפשי חולת אהבתך...

אויפן ים, פונקט ווי אויף דער יבשה, זענען דאָ נעלבים און עולבים. אַ גאַנצן טאָג הערשט דאָרט קנאה און שנאה. עס זענען דאָ גרויסע כוואַ־

* אַ מין באַגריף פון אַ פאַרהאַנג, אַ שירמע, אָדער אַזאַ פלויט.

ליעס, וואָס זעען אויס ווי פלאַכע בערגלעך כעצם השמים לטוהר, אָדער ווי ריזיקע שלענג מיט ווייסע וואָנסן, און זיי האַלטן נאָך אין איין שטייגן מדרגין אל דרגין; עס זענען פאַראַן ווידער כוואַליעכלעך משפל המדרגה, וואָס האַלטן אין איין אַראָפּנידערן מטה מטה. די דאָזיקע וואַשן די שוועלן ביי זייערע בייכיקע ברידער און זענען פול מיט תרעומות אויף דער השגחה־פּרטית פאַר זייער פינצטער מזל און פול מיט שנאה צו אַט די אומברחמנות־דיקע פּרעסערס, וואָס מיט איין פאַר שלינגען זיי איין טויזנטער אַזעלכע אומגליקלעכע באַשעפענישלעך ווי זיי. דערהערן זיי אָבער, אַז די זון גייט זיך בוקן לפני מי שאמר והיה העולם, ווו מען וועט ביי איר אָפּנעמען אַ גביית־עדות וועגן אַלץ, וואָס זי האָט דאָ געזען, לויפט דורך אַ גרויל איבער זייערע לייבער. די גרויסע כוואַליעס זענען זיך משתטח פאַר דעם, וואָס מען דאַרף זיך משתטח זיין און זאָגן אין דער שטיל:

— מה פשעי ומה חטאתי? ברוך... שעשני כרצונו!

אויך די דערנידעריקטע עבדים׳לעך כאַפּט אָן אַ הרהור־תשובה און זיי זענען אויף זיך מצדיק את הדין:

— אלהים שופט... זה ישפיל וזה ירים...

— —

די חייבי־כריתות, די „פאַרגעסענע" עולם־התוהו׳ניקעס, די וואָס האָבן זיך ביים לעבן באַזונדערס פאַרזינדיקט און זענען דערפאַר אָפּגעשטויסן געוואָרן פון זייער מקור און זענען צוריק אַרויסגעוואָרפן געוואָרן „מעבר למחיצה", געפינען נישט קיין מנוחה, נישט אויף דער יבשה, נישט אויפן ים. זיי וואַלגערן זיך אַרום „באשפתות" העולם ווי אָפּגעקרישלטע ברעקלעך ליים פון אַ טייערער כלי, און וואַרטן אויף אַ געשענקטן תיקון... אויף נהמא דכסופא... אַזוי ווי אָבער די יבשה דערמאָנט זיי אין טרויעריקן עבר און דאָס וועקט ביי זיי אויף אומנוצלעכע ווייטיקן, שוועבן זיי אַממיינסטן אַרום איבער די ימים...

דערהערט, אַז די זון גייט זיך שטעלן פאַר דעם בית־דין של מעלה, כאַפּט זיי אונטער דער שוין פון לאַנג אָפּגעטויטער כח־הדמיון, זיי געבן אַזש אַ ציטער אויף: זי גייט אַהין, וווהין מען לאָזט זיי נישט צו; ווו מען וויל זיי אפילו נישט אויסהערן. זיי דערמאָנען זיך ווי לאַנג זיי בלאָנקען שוין אַרום אויף דעם עולם־התוהו, און עס כאַפּט זיי אָן אַ גרויס געוויין. מיט קולי־קולות שרייען זיי נאָך דער טאָג־קעניגין זי זאָל דאָרט איבערגעבן לאתר דמתבעי זייערע האָפּענונגסלאָזע טענות ומענות. די געשרייען זענען פאַרשידענע, קולות מקולות שונים. זיי גייען מכל קצוי תבל, ממזרח וממערב, מצפון ומים —

קולות ממזרח:

— ...ועל ידי עבדיך הנביאים כתוב לאמר: כי לא לעולם אריב ולא לנצח אקצוף...

און נאָך אַ קול:

— ...ועוד כה אמר ד׳: ונשמות אני עשיתי...

און אַ נאָכיאָגנדיק קול:

— ...נזכה למקום שהרוחות והנשמות נחצבות משם...

און ווידער אַ קול:

— ...שגיאות מי יבין? מי בא בסוד אלוה?

און אַן אַנדער קול:

— ...השיבנו ד׳ אליך ונשובה...

קולות ממערב:

— ...האָסט דאָך אַליין געזאָגט: לפתח חטאת רובץ!

און אַ נאָכיאָגנדיקער כרוז:

— ...האָסט דאָך אַליין געזאָגט: כי יצר לב האדם רע מנעוריו!

און ווידער אַ כרוז:

— ...אתה הבדלת אנוש מראש — דו אַליין, מיט דיינע פאַרשידענע משלחת׳ן, נעמסט ביים מענטשן אַראָפּ דעם קאָפּ — ותכירהו לעמוד לפניך? — און ווילסט דווקא, אַז ער זאָל געדענקען ווו ער איז אין דער וועלט?

און גאָר אַ מאָדנער כרוז:

— ...אתה נותן יד לפושעים, — דו מיט דיין „שאור שבעיסה", וואָס דו האָסט מיטגעגעבן דעם מענטשן מיום הולדו, ביסט שולדיק אין דעם וואָס ער ווערט אַ מאָל פאַרפירט פון זיינע תרי סרסורי דעבירה...

און נאָך אַ כרוז:

— ...הן בעוון חוללתי — מי יתן טהור מטמא?

און אַן אַנדער כרוז:

— ...הן בחטא יחתמני אמי — ס׳איז עפּעס לייכט להוציא יקר מזולל?

קולות מצפון:

— ...מה אנוש כי תזכרנו?

און אַ נאָכיאָגנדיק קול:

— ...אם עוונות תשמור... ד׳ מי יעמוד?

און נאָך אַ קול:

— ...מה יצדק אנוש עם אל?

און ווידער אַ קול:

— ...מה יזכה ילוד אשה?

און אַן אַנדער קול:

— ...צרפה כליותי ולבי ובלבד שתעלני מבור שאון...

און אַ חרטה־פול קול, דורכגעוויקט מיט טיפער הכנעה:

— ...אל תשליכני מלפניך... הסתר פניך מחטאי וכל עונותי מחה...

און אַ קול, פול מיט אויסזיכטלאָזער תרעומות:

— ...כ'בין נישט געווען קיין גנב, כ'בין נישט געווען קיין גזלן... קיין „גזילת העני" איז צו מיר אין שטוב קיין מאָל נישט אַריינגעקומען... אדרבה, טאָמער איז אויף מיר אַ מאָל געפאַלן אַ חשד, איז — אשר לא גזלתי, אז אשיב...

קולות מים:

— ...כפר נא לחטאים, לעוונות ולפשעים...

און אַ נאָכיאָגנדיקער כרוז:

— ...לא תקום ולא תטור...

און נאָך אַ כרוז:

— ...זכור כי עפר אנחנו... למה נגרע?

און אַן אַנדער כרוז:

— ...זכור אני מה חלד... עפר אני בחיי, קל וחומר במיתתי...

און פלוצלינג גאָר אַ מאָדנער, אָבער אַ שאַרפער בא בטענה:

— ...הרע בעיניך עשיתי — למען תזכה בשפטך...

און ווידער אַ קול פול מיט מרירות:

— ...אש תמיד תוקד על המזבח? לא תכבה?

און פון אַלע זייטן בקול אחד, וואָס איז פיל שטאַרקער מקולות מים רבים:

— ...וזרוק עלינו מים טהורים וטהרנו...

— —

ביי יעדער איינציקער תחינה ובקשה, וואָס די עלנטע און פאַרוואָגלטע נשמות שיקן אַריבער „אַהין", לאָזט דער ים אַרויס פון זיינע מעמקים אַן אנחה המשברת את כל גופו. דערהערט, אַז דער ים זיפצט אַזוי און קרעכצט, פאַלן די גרויסע כוואַליעס זיבן מאָל כורעים, און אַזוי הערן זיי שוין נישט אויף צו מאַכן קידות והשתחויות, ביז זיי ווערן צעשיט אויף פלאַכע, עניוות'דיקע כוואַליעכלעך. די דאָזיקע כוואַליעכלעך צוקן מיט די שטערנד־

לעך, רונצלען זיך, ווערן איינגעשרומפּן, ביז זיי צעשיטן זיך אויף שברי־שברים, אויף נעבעכדיקע שנירלעך טרערן... די אימה און די הכנעה, וואָס טראָגט פון די יללות און די יבבות פון אָט די פאַרזינדיקטע און פאַר־שטויסענע, איז זייער גרויס. די גאַנצע בריאה קלאַפּט זיך אין דער שטיל „על חטא״, דער גאַנצער יקום דערפילט זיך מיטשולדיק —

...ותהי חתת אלהים על כל אשר סביבותיהם ועל פני כל הארץ...

ממזרח שמש עד מבואו יאָגן זיך איינס איבערן אַנדערן בחפזונ׳דיקע ווינטעלעך. דער איינציקער ווונטש זייערער איז איצט: מען זאָל נאָר חלילה וחס נישט פאַרשפּעטיקן צו שקיעת־החמה... צו דער גרויסער הסתלקות... למען־השם זיך געפינען אין „אוהל״, בשעת דער הימל און דער ים זענען זיך בכבודם ובעצמם, אַליין מתעסק ביי דער טהרה פון דעם מאור־הגדול. אַנדערע „שטאַפעטן״ שלינגען גאַנצע מרחבים פליענדיק. די לעצטע שטראַלן פון דער פאַרגייענדיקער זון, וועלכע האָבן אַ גוטע טביעות־העין, דערקענען שוין אָט די שליחים־מיוחדים פון דער ווייטנס און יאָגן זיי אונטער: עורי צפון ובואי תימן... די דאָזיקע ווינטן קומען אָן מארבע פנות העולם. על כנפי בגדיהם טראָגן זיי צונויף די האַלב־פאַרשטיקטע גניחות ואנחות פון די, וואָס בחייהם חשובים כמתים; וואָס עולמם חשך בעדם; פון די וואָס ליידן חבוט־הקבר אויף דעם עולם; פון די וואָס זייער גאַנץ לעבן איז אַן אומזיניקער עולם־התוהו; איין לאַנגע „בלינדע נאַכט״... פאַר די דאָזיקע ווינטן איז ווייניק צו זיין ביי יציאת־נשמה פון דער זון, זיי מוזן זי נאָך טרעפן ביי אַלע חושים. דאָס איז שוין היינט די לעצטע „פּאָסט״, מיט וועלכער מען קען נאָך עפּעס אַריבערשיקן גלייך צום „עתיק־יומין״ אין די „הענט״ אַריין. טראָגן זיי טאָקע בזהירות גדולה אונטער זייערע פליגלען: קוים־טליענדיקע ניצוצות פון תפילות; יבבות פון צעבראָ־כענע הערצער; שפּליטערן פון תחינות ובקשות, וואָס איבער אַ פּגם אין דער כוונה, לא סלקי לעיל.*

די „שטאַפעטן״ שפּאַלטן פייל אויסן בויגן דעם אומענדלעכן חלל־העולם און זייערע ליפּן פליסטערן און חזרן איבער אין דער שטיל כדי נישט צו פאַרגעסן:

— „ישוב אפך ותנחמנו״...

— „והוא רחום יכפר עוון ולא ישחית״...

* זענען זיי נישט אַרויפגעגאַנגען אַרויף, צום כסא־הכבוד.

— „נשמה שנתת בי טהורה היא, כל זמן שהנשמה בקרבי מודה אני לפניך"...

— „אהללה ד׳ בחיי, אזמרה לאלהי בעודי"...

— „יגולו רחמיך על מדותיך"...

— „לברית הבט ואל תפן ליצר"...

— „נפלה נא ביד ד׳ כי רבים רחמיו, וביד אדם אל אפולה"...

די מלאכי־רחמים, די יידישע פרקליטים של מטה, וואָס האָבן זיך איצט מתלבש געווען אין געוויינלעכע ווינטן, פליען שוין מיטן לעצטן אָטעם... זיי טאָרן נישט פאַרשפעטיקן... פקוח נפש... כל המקיים נפש אחת מישראל... חסדי ד׳ כי לא תמו, אולי ירחם... אויף דער יבשה, צווישן די בערג און וועלדער, קען מען צו דער אָפּגייענדיקער זון מיט אַזוינע בקשה־לעך נישט צוטרעטן. דאָרט איז זי בשעת דער פטירה שטאַרק אין דער קפידה. די בערג מיט זייערע האַרטע האַלדז און נאַקנס הייבן זי אָן צו שטורכען, די ביימער מיט זייערע מגושמדיקע פינגער הייבן זי אָן אַרומ־צוטאַפּן, דער פחיתות־הכבוד איז פאַר איר זייער גרויס, די גסיסה איז פאַר איר זייער אַ פּיינלעכע, און דעריבער איז גלייכער באותו מקום ובאותו זמן זיך האַלטן פון איר פון דער ווייטנס. מה־דאָך, אַז: אין אדם נתפס על צערו, על אחת כמה וכמה: די מלכת־היום! דערפאַר אָבער אויפן ים, בין המים והשמים, דאָ גייט די זון אַוועק מעלמא הדין מיט אַ מיתת־נשיקה. דאָ איז דאָס איינציקע אָרט, ווו זי נעמט אָן אַזעלכע מינים שליחותן צום אדון־עולם, ברוך שם כבוד מלכותו —

— —

ווען אַלע שפורן פונעם טאָג פאַרשווינדן און די טינט־שוואַרצע דרום־נאַכט צעוויקלט אירע שטאָק־אַלטע יריעות על פני תבל ויושבי בה, גיט זיך די לבנה אַ נייג לצד ימין און שעפּטשעט:

...מסדר את הכוכבים במשמרותיהם, ברקיע, כרצונו...

דאַן גיט זי זיך אַ נייג לצד שמאל און פליסטערט:

...מונה מספר לכוכבים, לכולם שמות יקרא...

די שטערנדלעך פאַרגלאַנצן מיט די אייגעלעך און זענען מתפלל פרום און פאַרכטיק:

...ויהי אור הלבנה כאור החמה... כמו שהיתה קודם מיעוטה...

געענדיקט זייערע תפילות זה בעד זה, זינגען זיי צוזאַמען דעם שיר־היחוד השייך לאותו יום, און זענען מצמצם די כוונות בלויז אויף יחוד קודשא בריך־הוא ושכינתיה... לחבר אשת־נעורים עם דודה... שתתעורר חבצלת השרון לשיר בקול נעים, גילת ורנן...

אחרי ככלות הכל, זאָגט די לבנה אַ תפילה בלחש:

— יהי רצון מלפניך... שתצעידני לשלום, ותתנני לחן ולחסד בעיניך ובעיני כל רואי, ותגיעני למחוז חפצי בשלום, ותשכיבני בשלום, ותהי מטתי שלמה לפניך...

— —

די גלות־פּראַוועדיקע „בת־השמים״ פון דעם עובר ארחות־ימים, וואָס איז כל ימיו שטוף בהבלי עולם־הזה, דערזעענדיק אין די שקיעה־פייערן די ליכטיקע ברעגן פון דעם בורא־עולם׳ס איצטלא, צעוויינט זי זיך ערשט יאָמערלעך. אַזוי ווי אַ קליין קינד, וואָס כאַפּט זיך אויף פון שלאָף; איבער דעם וויגעלע, זעט עס, זענען אַריבערגעבויגן פרעמדע, אָפּשרעקנדיקע פּנימער; און פּלוצלינג באַמערקט עס הינטער די פּלייצעס פון די פיינט־לעכע געזיכטער — דער מוטערס פּנים... אַזוי ווי אַ תינוק שנשבה לבין הגוים, וועלכן מען שלאָגט מכות־רצח פאַר יעדער „עשה״ און „לא תעשה״, וואָס דערזעט פּלוצלינג צווישן דער מענגע פייניקערס — זיין פאָטערס פּנים... אַזוי וויינט די נשמה פון איר בירא־עמיקתא, פאַר דעם אומדער־גרייכבאַרן איגרא רמה. זי שטרעקט אויס צום אין־סוף אירע אומגעזעענע הענט און מיט אַ שוידערלעך קול, אַ קול קורע לבבות ההולך מסוף העולם ועד סופו, שרייט זי:

— טאַטע, האָב רחמנות, נעם מיך צו זיך... נעם מיך צו פון דאַנען, איך האָב שוין גענוג די „פרעמד״... כשל כח הסבל, איך קען שוין מער נישט...

און דער גרויסער טאַטע גלעט דאָס פאַרוואָגלטע קינד איבערן קע־פּעלע ברחמים רבים:

— סבלנות, מיין קינד... האָב געדולד... ס׳איז נאָך נישט געקומען די רעכטע צייט. גלייב מיר, ווען עס וועט קומען דיין יום־הכניסה, וועל איך דיך נישט לאָזן וואַרטן אפילו שעה אחת...

דער אדון כל־הנשמות ווערט, כביכול, נעלם און דער פאַריתומטער „ניצוץ״ ווערט נאָך פינצטערער, ווי ער איז געווען ביז אַהער... ער וויינט און עס וויינען מיט אים מיט דרי־מעלה ודרי־מטה... אַלע נבראים, וואָס לעכצן נאָך אַ תיקון... אַלע נשמות דאזלין ערטילאין...

די נשמה — די הצובה מתחת כסא־הכבוד — וויינט אַזוי יאָמער־לעך, אַזוי רירנדיק, אַז דער שטענדיק פאַרבלענדעטער און פאַרפּאַנצערטער בשר ודם, פאַרשעמט זיך דאָס מאָל פאַר זיין איידעלער בת־זוג, די בת־מלכה. ער דערפילט מיט אַ מאָל, אַז אַלע זיינע ערב־ובוקר׳דיקע חפציות

זענען מגושם, גראָב; אַז זיין כסדרדיקע התנהגות קעגן גאָט און לייט איז אי אכזריותדיק, אי אָן אַ טראָפּן שכל... און עס טרעפט אפילו, אַז דער הרהור־תשובה ביי דעם „יוצא למדינת־הים" איז צומאָל אַזאַ שטאַרקער, אַזאַ אויפטרייסלענדיקער, אַז אַראָפּגייענדיק פון דער שיף איז דער מענטש לחלוטין אַן איבערגעביטענער. זיין נשמה איז אָפט מאָל אַזוי אויסגעליי־טערט געוואָרן אין אָט דעם כור־המים, אַז ער איז פריש, ניי, ציכטיק און ליכטיק כתינוק בן יומו.

— יאָ, דאָס בילד ווי וואַסער שווענקט אָפּ דעם האַריזאָנט, האָט אין זיך אַזאַ זעלטענע קראַפט, אַז עס קען מהפך זיין אַ מענטשן מן ההיפך אל ההיפך. עס שמעקט מיט: „וזרקתי עליכם מים טהורים וטהרתם"; מיט „תכבסני ומשלג אלבין"; מיט „ותשליך במצולות ים כל חטאותם"; עס ברענגט צו התעוררות, צו התרוממות־הנפש...

אַ שטייגער, מי לנו גדול פון יחזקאל הנביא? און דאָך —

...ואני בתוך הגולה, על נהר כבר. נפתחו השמים ואראה מראות אלהים...

— על נהר כבר!...

און אין אַן אַנדער פאַל:

...ראתה שפחה על הים, מה שלא ראה יחזקאל בן בוזי בנבואה...

— על הים!...

און ביי דניאלן:

...ואני הייתי על יד הנהר הגדול... ואראה את המראה הגדולה הזאת...

— על יד הנהר!...

און אפילו ביים „נעים זמירות־ישראל":

...קול ד' על המים... ד' על מים רבים...

— אַלץ — על מים!

און וויטער אַ ביסל, ביי די „ארבעה שצריכים להודות":

...עושי מלאכה במים רבים — המה ראו מעשי ד'...

— איין קול — במים רבים!

און כאָטש שלמה איז שוין מיט פיר יאָר צוריק געפאָרן אויף אַ ים, אויפן קאַספּישן, דאָך האָט אַזאַ דביקות מתוך התפעלות אים פאַרפלייצט צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן, ווייל דער קאַספּישער... נו, סוף־כל־סוף: „שרגא בטיהרא מאי אהני"? * וואָס פאַר אַ ממשות האָט דער קאַספּישער

---

* וואָס זעט זיך אָן די ליכטשיין קעגן דער זונשיין.

ים קענן שוואַרצן? ווי אַ קאַליוזשע! ווי אַ טינטערל! דער שוואַרצער ים וואַשט דאָך עפּעס אָפּ די ברעגן שיר נישט פון אַ האַלבן טוץ מלוכות, ער גייט דאָך אַרויס צום ים־התיכון, צום „גאַרטל פון דער וועלט״... און שלמה איז געוואָרן אַ געפּערלעכער קמצן: ער האָט זיך געקאַרגט אַן איבעריקע האַלבע שעה צו זיצן ביים עסן, ער האָט זיך נישט פאַרגינען מער מיט אַ שעה צו שלאָפן; ער איז כסדר געשטאַנען ווי צוגעשמידט צום אויף וויים־געפּאַרבטן, אייזערנעם פאַרקנדל אויף דער פּאַלובע, אויסגע־צויגן ווי פאַר אַ בית־דין קשה; די אויגן באַהיטלט פון הלך־נפש, האָבן געקוקט שטאַר פאַר זיך און זיינע געדאַנקען האָבן געשוועבט אין זיין פיל־פאַרביקן עבר...

לאַנגזאַם האָט כמעלניק אויסגעלייגט פאַר אים אירע „שקים בלים ומבוקעים ומצוררים״,* אַלץ אָפּגענוצטע חפצים, עלימו אבד כלח...** דאָן האָט זיך צוגעשאַרט במקלה ותרמילה*** זוועניגאָראָדקע, דערנאָך שוין: פּיאַטער, אַנאַניעוו, פּאַלטאַווע, מאַרי, סלאַוווטע, אַלשאַנע... יעדעס שטעטל האָט ביי אים אין האַרצן געהאַט זיין קבר־מיוחד, זיין באַזונדער אַרונדל מיט עצמות־יבשות, מיט אפר מקלה...****

כבקרת רועה עדרו, אַזוי האָט שלמה געהאַלטן אין איין איבערטאַפּן און איבערטרייסלען זיינע אַלטע טאָרבעס, נמושי בתר נמושי, בדיקה אחר בדיקה. בעיני רוחו האָט ער באַקוקט מכל עבריהם זיין פערטל מאה יאָרן, וואָס ער האָט אָפּגעלעבט, אַזוינע שווערע, ביטערע און פאַראומערטע יאָרן, און האָט זיך אַליין אַלץ געהאַלטן אין איין פרעגן:

— וואָס טו איך דאָ אויף דעם עולם?

— מרור זה שאנו אוכלים, על שום מה?

דער ים האָט געלאַכט דאָס גרעסטע געלעכטער פון דעם סתם־מקשה און פון זיינע קלאָץ־קשיות, אָבער שלמה האָט זיך דאָס מאָל אויף אים נישט אומגעקוקט און האָט זיך אַלץ דערגרונטעוועט:

— אדון כל הנשמות, גל עיני ואביטה: על מה שוא בראת כל בני־אדם? על מה? על מה ולמה?...

(אַ „קוצו של יוד״ פון דעם באַנד נומער אַכט פון דעם מחבר׳ס גרויסן ווערק.)

---

* פאַרפוילטע זעק, צעריסענע, צעשפּאַלטענע. פון יהושע.

** געמיינט: שטאַרק פאַרעלטערטע, פון איוב.

*** מיטן שטעקל און מיטן פּעקל.

**** דער דינער שיכט אַש, כמו סאַזשע.

טיף איז די נשמה פון א יידיש קינד

לעמבערג!

די אַלטע יידישע שטאָט — לעמבערג!

לעמבערג — די שטאָט פונעם „טורי־זהב"!

די שטאָט פונעם „ישועות־יעקב"!

די שטאָט פונעם „שואל ומשיב" — ר' יוסף שאול נאַטאַנזאָן!

לעמבערג — די ערשטע „זאַגראַניטשנע"* שטאָט נאָך רוסלאַנד, אַראָפּ צו, אויף מערב.

דער נאָמען לעמבערג האָט אָנגעווייעט אויף שלמהן סטייעס און סטייעס מיט יוגנט־זכרונות. אַלץ פון אַמאָל־אַמאָל, פון צוריק מיט פיל, פיל יאָרן — כד הוי טליא... בר בי רב...**

דער דאָזיקער ברייטביינערדיקער, הדרת־פּנימדיקער, מיוחסדיקער נאָמען — לעמבערג — רופט אַרויס ביי שלמהן די, שוין לאַנג מיט אַש פון צענדליקער יאָרן פאַרשאָטענע, געפילן פון די חדר־יאָרן — לעמבערגער ש"ס!

— —

נעמט אַ יינגל אַ ווילנער ש"ס־גמרא אין דער האַנט, כאַפּט אים אָן אַן אימה ופחד, ווי מען וואָלט אים אַריינגעפירט אין פּאַלאַץ צו אַ גרויסן מלך און מען וואָלט אים איבערגעלאָזט איינעם אַליין אין אַ זאַל, וואָס איז באַהאַנגען און באַקלאַנגען מיט גאָלד און מיט זילבער און מיט בריליאַנטן פון די געוויסע מינים: אודם פּטדה וברקת און שהם און ישפה און כל המינים אבנים טובות ומרגליות. אַרום אים ליגן אויסגעלייגט אַלע אוצרות פון דער מלכּת־שבא און פון אַלעקסאַנדער מוקדון און פון אַלע איבעריקע בעלי־אוצרות שבעולם — מטמונים מיט מטמונים, וואָס עין לא ראתה! די מאַסיווע, לעדערנע, גאָלדענע טאָוולען מיט די פייער־רויטע שער־בלעטער, וואָס זענען אויסגעפּוצט מיט פאַרשידענע מינים חיות ועופות; כפתורים ופרחים, פּעמונים ורמונים וגביעים משוקדים — אַ שרעק! די קנאַקנדיקע בלעטער און די צענדליקער געדיכטע מפרשימלעך, וואָס האָבן זיך אויסגעזעצט אַרום און אַרום ביים רבינס טיש, ווי די

* אויסלענדישע.

** ווען ער איז נאָך געווען אַ בחורל... אַ חדר־יינגל...

גאַר-גאַר נאָענטע מקורבים פון „אים" זאָל לעבן און געזונט זיין, מיט די לעילא ולעילא'דיקע דרייצן-שפּיציקע שטריימלען, מיט די אויגן-בלענדנ-דיקע, שוואַרץ-בליאַסקענדיקע, ברייט-פּאָלעדיקע זשיפּעצעס און שימערירנ-דיק-ווייסע זאָקן היושבים ראשונה במלכות — די מחנה-כהונה! און דאַן, — אויף אַ באַנק הינטער זיי, — די גרויסע חסידים מיט די זיידענע גאַרטלען, מיט די סאַמעטענע היטעלעך און אַטלאַסענע קאַפּאָטעס — די מחנה-לויה! און דאַן, — אויף אַ באַנק הינטער זיי, — די שרפים וחיות ואופני-הקודש, די חסידישע קאָזאַקלעך, — דעם רבינס לייב-גוואַרדיע מיט די היפּשלעך-אויפגעטורעמטע גלאַנציקע קאַשקעטן, מיט די ליוסטרינענע און אַלפּאַגענע סורדוטן און ווייט-סקריפּענדיקע שטיווליעטלעך — די מחנה-ישראל!

אָט דאָס אַלץ, אָט די געהויבענע מסיבה, מאַכט דאָס יינגעלע ציטערן און פלאַטערן, אַז ער ווייסט נישט אַ וואָרט פון דעם, וואָס ער לערנט. הלל ושמאי הערן אויף צו זיין צוויי שול-יידן, וואָס האַלטן זיך איינער דעם צווייטן ביי די לאַצן און יעדער פון זיי טענהט אַריין אין זיין בר-פלוגתא זיינע סברות ונימוקים — זיי ווערן מיט אַ מאָל שרים ורוזנים! ס'איז צו זיי נישט צוצוטרעטן, ווי צום קיסר! רב אמי ורב אסי — מיניסטאָרן! יושבים ראשונה במלכות! רבה ורב יוסף — גרויסע גענערעלער, פעלד-מאַרשאַלן! אויף זייערן אַ ווונק „גיסט זיך בלוט אין די גאַסן"; דאָס גאַנצע חייל שטייט פאַר זיי כעבדא קמא מרא! רב נחמן ורב ששת — פון די ערשטע יועצים! די „רעכטע האַנט" ביי „אים" אַליין, כביכול...

...זיצנדיק פאַר אָט דער פריצישער גמרא, וועלכע איז אויסגעפּוצט „אין עסיק און אין האָניק" ווי אַ כלה צום באַדעקנס, האָט זיך דעם חדר-יינגל געבענקט נאָך דעם צעקנייטשטן חומש מיט די פאַרשמאַלצעוועטע און פאַרטאַבעקטע ברעגן, פונקט ווי יום-כפור — אין גרויסן טאַראַראַם פון די כפול-שמונהדיקע, הימל-שרייענדיקע, האַרצרייסנדיקע, „על-חטא'דיקע" און „שמע-קולנו'דיקע" שמונה-עשרהס — פאַרבענקט זיך שטאַרק דעם פּשוטן יידן נאָך דער שטיל-שוויגנדיקער, ליבהאַרציקער, וואָכעדיקער שמונה-עשרה... אין יענע „עטלעכע בלעטלעך" איז ער עפּעס ווי ביי זיך אין דער היים; דאָרטן ווייסט ער שוין, ווו וואָס עס ליגט און ווו וואָס מען דאַרף זוכן... ביי „רפאנו", ווייסט ער, בעט ער אַ רפואה פאַר זיין קראַנקער יידענע; ביי „ברך עלינו" בעט ער אויף פרנסה, אַז די חיונה זאָל אָנקומען אַ ביסל גרינגער און אַ ביסעלע בכבודיקער, עס זאָל נישט זיין קיין מחיה-בזויה, ווי ביז אַהער... ביי „תקע בשופר" בעט ער, אַז משיח זאָל שוין קומען, מען זאָל שוין אויפהערן אַזוי פאַרשוואַרצט ווערן... ביי „ולמלשינים"

בעט ער בדמעות־שליש, אַז דער פּריסטאַוו און דער איספּראַווניק, די המנס, די צוררי־היהודים זאָלן אַנלייגן מיט די קעפּ... און דערנאָך גייט „ולירושלים" און דערנאָך „אב הרחמן" און „שים שלום" איז אויך אַ נייטיקע בקשה, אָבער אַלץ: אין דריי ווערטער און אויף אַ היימישן לשון און שאַ־שטיל, אָן רעש, אָן געפּילדער, נישט מיט אַזאַ האַרמידער, און נישט מיט אַזאַ „הימל עפן זיך"... דאָ ווייסט ער נישט פון זיין חיות, וואָס מען וויל פון אים און וואָס ער דאַרף וועלן... ס'איז צו אַ גרויסער יאַריד פאַר אים, ער פילט זיך דאָ ווי אויף אַ פרעמדער פור... אַ פנים, אַז אַזוי איז דאָס טאַקע — לא ברעש ד'! ולא ברוח!! ולא באש!!! כי אם בקול דממה דקה —

ניין, ניין! דאָס חדר־יינגל האָט נישט געקענט היימיש ווערן מיט דער ווילנער גמרא, ער האָט נישט געקענט ווערן מיט איר „נפש אחת", פון אירע בלאַנקנדיק־ווייסע, „פאַרמעטענע" בלעטער, האָט אויף אים געטראָגן מיט אַ קעלט, מיט — דע לפני מי אתה עומד!

— —

נעמט אַ יינגל אין דער האַנט אַריין אַ זשיטאָמירער ש"ס־גמרא, פילט ער זיך נאָך אויך נישט איבעריק היימיש, אויך פרעמדלעך, אָבער פון דעסט וועגן — שוין פיל דרייסטער ווי מיט אַ ווילנער גמרא. זשיטאָמירער ש"ס איז שוין נישט בחינת מלך און אפילו נישט בחינת שני למלך! זשיטאָמירער ש"ס איז ביים יינגעלע אין די אויגן בבחינת דוכס ונסיך.* אויך: אזור עור אזור במתניו; אויך אַנגעטון אין לעדער פונעם קאָפּ ביז די פיס — אָבער שוין נישט אַזאַ עכטער! אויף די שער־בלעטער — אויך גרויסע, שיינע אותיות מיט פאַרשידענע „דריידלעך", אָבער שוין נישט מיט קיין גאָלד! שוין נישט מיט אַזוי פיל: שרפים וחיות ואופני־הקודש... פּאַפּיר — אויך „קנאַקנדיקס", אָבער שוין נישט מיט אַזאַ קנאַק! די מסיבה „אַרום טיש" — אויך אַנגעפּיקעוועט מיט מפרשים און מיט הגהות; אויך באַלעגערט מיט „מראה מקום'ס" און מיט „עיין שם'ס", ווי עס איז באַלעגערט מיט פּושטי־ייד דער צוטריט צו דער „שיסל" אין שול, ערב יום־כפור פאַר־נאַכט; אָבער ס'איז שוין פאַרט נישט אַזאַ גרויס גיים, ווי אין די „הענט־אַפּרייסנדיקע" ווילנער גמרות —

זיצנדיק אַנגעשפּאַרט אויף די עלנבויגנס ביי דער אָפענער מסכת פון זשיטאָמירער ש"ס, האָט דאָס יינגעלע דעם געפיל, ווי מען וואָלט אים מזמין געווען אויף אַ סעודה צו די ראָטשילדס אָדער צו די בראָצקים. דער

* אַ פּרינץ, אַ הערצאָג, אַ פירשט.

בעל-הבית איז טאַקע אַ פיינער ייד און ער וויל בפירוש מיטן גאַנצן האַרצן, אַז די אורחים, וואָס זענען פאַרבעטן צום טיש, זאָלן ביי אים עסן און טרינקען און זיך לאָזן ווילגיין, און אויפן טיש איז אָנגעגרייט פון כל טוב — כיד המלך! נאָר וואָס דען? — עס גייט עפּעס נישט! דער ביסן קריכט עפּעס נישט אין האַלדז אַריין! די זילבערנע לעפל-גאָפּל; די אַכצנעריליי טעצעלעך און שעלעכלעך; די רייכע קרעדענצן; די סערוויזן פון כינעזישן פאַרפאָר; דער טעסטנייער פינקלענדיקער טישטעך מיט די שעמערירנ-דיקע סאַלפעטקעלעך — ניין, ס'איז נישט צוגעפּאַסט פאַר קיין חדר-יינגל! ס'איז לא ימלט, אַז ער זאָל עפּעס נישט פאַרפלעקן, עפּעס צעקנייטשן, עפּעס וואָס עס איז טון נישט כדבעי למהוי... אָט די פּריצישע מאַניערן בשעת דעם עסן, דאָס שטומע איבערוויגקען זיך, דער שטרענגער „אין מסיחין בסעודה" * — ניין! עס עסט זיך נישט! דער גאַנצער סדר און דער גאַנצער געשטעל איז עפּעס צו יום-טוב'דיק!

— —

נעמט אַ יינגל אַ סלאַוועטער גמרא אין די הענט, ווערט אים עפּעס אומהיימלעך אויף דער נשמה, אַזוי ווי בשעת מען גייט אַרויף צו אַ גרויסן צדיק אויפן „ציון". ** פון די דאָזיקע פאַרעלטערטע גמרות ווייעט אויף דעם בחורל מיט דער בעלשמסקע קדושה פון ר' פנחס קאָריצער ז"ל, דער זיידע פון די „בעלי דפוס סלאַוועטע"; פון די געשמיסענע שאַפּיראָס; פון די זעלבע, וואָס מיט פיל יאָרן שפּעטער האָבן זיי אַליין טאַקע מיסד געווען די הייליקע סלאַוועטער דרוק. די פאַרגעלטע און פאַרגרינטע בלעטער דערציילן, אַז די פאַרצייטישע דרוקערס, חסידים ואנשי-מעשה, זענען געגאַנגען טבילה פאַר יעדן בלאַט באַזונדער. דאָס איבערגעטרוקנטע, ערטערווייז צעשפּאַלטענע פּעלעכל, דערמאָנט עפּעס זייער שטאַרק אין מעשה-הקרבנות:

...ועורם מעליהם הפשיטו... *** ...עורות אילים מאדמים... ****

דעם חדר-יינגל איז עפּעס געווען פריקרע פון אָט די גמרות צו לער-נען אַזעלכע טאָג-טעגלעכע ענינים ווי: שור שנגח את הפרה... במה מדליקין

* מען טאָר נישט רעדן בשעת דעם עסן, אַנדערש פאַרדייעט נישט גוט דער מאָגן די שפּייז. פון דער גמרא.

** קבר, אוהל.

*** ...און מען האָט פון זיי אַראָפּגעשונדן די הויט... פון נביאים.

**** דאָ געמיינט: די הויט פון די גרויסע מענטשן, וואָס איז געווען איינגעטונקען אין רויטן (בלוט). פון חומש.

ובמה אין מדליקין... שנים אוחזין בטלית... פון די דאָזיקע הונדערט־יעריקע גמרות האָט געוויינט מיט דער קדושה פון דער מערה פון ר׳ שמעון בן יוחאי; פון דער מערה, ווו אליהו־הנביא איז נתגלה געוואָרן צום בעל־שם־טוב; מיט דעם חדרל, ווו דער מהר״ל הקדוש האָט אריינגעבלאָזן לעבן אין דעם גולם... ניין! פאַר דעם קינדס פילנדיק הערצעלע איז שווער געווען צו פאַרוואָכעדיקן אָט די מיט קדושים־בלוט דורכגעווייקטע גמרות מיט אַזעלכע „חמור—אייזל״ שמועסן ווי: האשה ניקנית בשלשה דרכים... נערה שנתפתתה... בתולה שבגרה... בת־כהן שזינתה...

— —

גיט אַ חדר־יינגל אַ מיש די פאַרחושכטע בלעטער פון אַן אַמסטער־דאַמער ש״ס־גמרא, שטייען אויף פאַר זיינע אויגן אַלע גרווילנדיקע מעשה׳ס, וואָס ער האָט זיך אָנגעהערט אין די טונקעלע בין־השמשות־שעה׳ן פון די עלטערע יינגלעך, וואָס לייענען שוין אין די מעשה־ביכלעך עד קריאת־הגבר. פון די ספורים נוראים, וואָס עס געבן איבער די בחורימלעך פון דער עלטערער כתה, ווייסט דער גאַנצער חדר אַלע מעשים אשר לא יעשו פון דער שפּאַנישער אינקוויזיציע. אויך ווייסן זיי, אַז דער „גירוש״ האָט אַזוי לאַנג געוואַנדערט און געוואָגלט איבער די מדינות־הים, ביז כמעט אַלע גולי־ספרד זענען מגולגל געוואָרן אַזש אין דער מלכות־החסד פון האָלאַנד, ירום הודה, און האָבן זיך באַזעצט בקביעות אין אַמסטערדאַם.

מישנדיק די כמורע בלעטער פון דער אַמסטערדאַמער גמרא, דאַכט זיך דעם גמרא־יינגל, אַז ער רירט אָן מיט די הענט די פייכטע ווענט פון די טיפע קעלערס, ווו די מאַראַנען פלעגן פּראַווען זייערע סדרים, אָדער ער רירט אָן די פאַרבלוטיקטע ווענט פון די אינקוויזיציע־מערות, ווו מען האָט מיט אָנגעגליטע „קליעשטשעס״ געריסן אברים פון די מאַראַנען. צווישן די שורות פלאָנטערן זיך אים שווידערלעכע צורות פון: געשחטענע, צערי־סענע, פאַרשרפעטע — אָן אַ שיעור פנימער! בחורים וגם בתולות, זקנים עם נערים, קינדערלעך, ערשט אויסגעפּיקטע עופעלעך — אַ המון רב! דאָס קינד כאַפּט צו די פינגערלעך פון דער גמרא מיט אַן אימה ופחד... ער האָט נישט די העזה צו זינגען זיין געוויינלעך גמרא־ניגונדל בשכנות מיט אָט די על קידוש־השם „געברענטע״ און „געבראָטענע״ יידן —

— מעשי־ידי טובעים בים — ואתם אומרים שירה?

ווי אַזוי ער זאָל נישט נוהג־כבוד זיין מיט דער דאָזיקער גמרא: נישט קנייטשן די ברעגן פון די בלעטער; נישט באַהאַלטן צווישן די בלעטער

פאַר אַן „עין-הרע" קיין שום טריף-פסול; נישט איבערלאָזן די גמרא קיין אָפענע אָן אַ טיכעלע פון אויבן, ווען ער גייט אַרויס אויף אַ באַדערפעניש — דאַך דאַכט זיך אים אומאויפהערלעך, אַז ער פאַרשוועכט מיט עפּעס די הייליקייט פון יענע טויזנטער צדיקים, שמסרו נפשם על קדושת-השם...

נעמט דאָס גמרא-ייִנגל אין די הענט אַריין אַ פּיעטרקאָווער גמרא, אפילו אַ יוזעפאָווער, צי אַ לובלינער, ווער שמועסט — אַ וואַרשעווער, טאַקע באַזונדערס: אַ וואַרשעווער, דאַכט זיך אים אויס, אַז פאַרקערט: אַז די דברים העומדים ברומו של עולם פון דער הייליקער גמרא זענען דאָ עפּעס ווי אַריינגענומען געוואָרן אין שותפות פון די וואַרשעווער גרויסע סוחרים. די גמרא כשהיא לעצמה איז אויפן אויסזען: אַ דיקלעכע, אַ קור-צינקע, ווי אַ נישט דערוואַקסענער גרויסער בחור, אָדער ווי אַ צו הויך געוואַקסן קליין ייִנגל; די טאָוולען — באַצויגן מיט שוואַרצער, שטייפער לייוונט — אי עס זאָל זיין שטאַרק, אי עס זאָל זיך אַזוי גיך נישט פּאַטשקען — תכליתדיק פאַרזאָרגט, מעשה בעל-הבית; די שער-בלעטער — אַן איין צאַצקע! מעשה-נערות? — פע! די אותיות — גרויסע, שוואַרצע, פּירעקיקע, ווי די ציפערן אויף דער בערזע! אַ רענדל אַרויף, אַ רענדל אַראָפּ — אַבי דאָס מסחר איז געמאַכט... דאָס פּאַפּיר — ווייסלעך, נישט צו גראָב, אָבער נישט סתם דינינקס, נאָר טאַקע אַזוי דורכזיכטיק, אַז מען קען כמעט לייענען אויף דער זייט, וואָס ס'איז אָנגעדרוקט אויף דער צווייטער זייט... דער גאַנצער געשטעל: פונעם פאָרמאַט מיטן אויסזען ביזן פּאַפּיר מיט די אותיות, איז געמאַכט געוואָרן אָן אַ ברעקעלע פאַנטאַזיע, אָן אַ שמץ פון הלך-נפש, פון יופי והוד, אויף אָפּצורוען דערויף דאָס אויג... על מי-מנוחות ינהלני... מנע! אַזוי האָט אַ פּנים דעם „מוציא לאור" בעסער געלוינט דער עסק... דער עיקר איז פּענוסע —

דאָס ייִנגעלע האַלט די גמרא אין די הענט און... און איז עפּעס נישט „ביי זיך אין דער היים". זיין קינדערשע שפּירעוודיקייט זאָגט אים אונטער, אַז דאָ איז עפּעס פאַרשוועכט געוואָרן אַ דבר שבקדושה. דער מדפּיס פון די דאָזיקע גמרות — פּילט דאָס צאַרטע הערצעלע — האָט מתחלה ועד סוף אין זינען געהאַט בלויז זיינע אייגענע אינטערעסן און האָט אפילו אויף קיין איין רגע נישט קיין טראַכט געטון וועגן אים, דעם בחורל, וועלכער דאַרף אָפּזיצן איבער אָט דעם ספר הונדערטער און טויזנטער שעה'ן; וועלכער דאַרף זיך אָפּשפּאַרן פון דעם גאַנצן עולם-החיצון און

בלייבן אויף יחידות מיט אַט דער גמרא פנים אל פנים אויף טעג און נעכט, אויף ימים ושנים... אויף די בעסטע יאָרן פון זיין אומעטיק לעבן...

דאָס יינגעלע האַלט די קורצע און בייכיקע גמרא מיט ביידע הענט און הייבט אָן „אַריינקריכן" אין דער סוגיא פון „חזקת-הבתים" —

„אי זו היא חלון המצרית, כל שאין ראשו של אדם יכול ליכנס לתוכה" — *

אביי ורבא ווערן מיט אַ מאָל פרעמדע יידן, שוין נישט אָט די גוט-ברודערישע יונגעלייטלעך, וואָס אין די ווינטערנעכט פירן זיי אָפּ דאָס יינגעלע פונעם חדר אַהיים; רב ושמואל האָבן דאָ אַ פנים ווי צוויי מעקלערס, ביידע ביטערע אביונים, אָדער שדכנים-דלפנים, וואָס פאַר אַ פחות משוה-פרוטה וועט איינער דעם צווייטן יורד זיין עד לחייו; ר' יוחנן וריש לקיש זעען דאָ אויס ווי בייזע קרעמערס, וואָס קריגן זיך און קריכן איינער דעם צווייטן אין די גרגרת אַריין פאַר אַ דבר-שיבוש; דאָס זענען אַזעלכע בעלי-מחלוקת, וואָס זענען קאַפּאַבל אַריינצופאָרן איינער דעם צווייטן אין דער באָרד אַריין, אָדער וואַרפן איינער דעם צווייטן אַ געוויכטל אין קאָפּ אַריין...

ניין, ניין, דאָס חדר-יינגל איז נישט צונויפגעוואַקסן געוואָרן מיט די גמרות פון די גאַליעווקעס...

— —

ווער שמועסט, טאָמער האָט זיך נאָך גראָד געפּאַקט צו דער האַנט אַ גמרא, וואָס איז געדרוקט געוואָרן אין איינער פון די דריי „אינם": שטעטין, ווין, אָדער בערלין — דאַן איז שוין דאָס בחורל לחלוטין געווען ווי „אויף אַ פרעמדער פור". דעם אמת גערעדט, האָט מען דווקא די אָרוים-געבערם פון די דאָזיקע שס'ן קיין שום באַזונדערע חסרונות נישט געקענט פאָרוואַרפן: אי די פאָרמאַטן זענען געווען „מיט אַ גאַנג"; אי די לעדערנע „מאַנטלען" זענען געווען „ראוי לאותו דבר"; אי דאָס פּאַפּיר, אי די דרוק, מיט איין וואָרט — הכל מוכן לסעודה. אָבער די „סעודה" אַליין איז געווען דעם אוקראַינישן יינגעלע נישט באַטעמט. עפּעס האָבן די דאָזיקע גמרות געשמעקט מיט דייטש, מיט נוסח אשכנז — עפּעס האָבן זיי אויסגעזען, ווי אַ גוטער-ייד אין אַ קאַזאַצקע פּאַפּאַכע! ** די צורה פון די אותיות איז געווען אַ פרעמדע; דאָס מסדר זיין פון די מפרשים — אַ נישט געוווינטע;

* „וועלכעס ווערט אָנגערופן: „אַן עגיפּטיש פענצטער"? — אַ פענצטער, וואָס ס'איז אַזוי שמאָל, אַז דער מענטש קען נישט אַרויסשטעקן דעם קאָפּ דורך דעם".

** אַ שמויסן היטל.

די ציורים אויף די שער־בלעטער — נישט קיין היימישע , עפּעס כמו ווי קאַטעדראַלע... פון אַט די אַלע אין פלוג גענומען: „שטותים", האָט געווייעט אויף דעם פרומען חדר־יינגל מיט טעמפּל; מיט גאַטעסדינסט; מיט קאַנטאָר; מיט אָרגל; און — מיטן „ביאור"...*

— —

— —

— —

אַן אמתן עונג־רוחני, אַן אמתן הרחבת־הדעת האָט דאָס חדר־יינגל געהאַט, ווען דער פאָטער האָט ערגעץ געפּאַקט פאַר זיינעט ווען אַ לעמבערגער ש"ס־גמרא. יעדעס מאָל, ווען דאָס יינגעלע פלעגט זי אויפעפענען, האָט זיך אים געדאַכט: ער איז געקומען צו דער מאַמען אין שטוב אַריין! די גמרא האָט געהאַט די געהעריקע לענג און די געהעריקע ברייט — „פונקט אויף צו נעמען אונטערן אָרעם". ווייטער איז זי געווען אַ לייכטע! זי האָט געהאַט אין זיך בלויז אַט די: זעקס־זיבן־אַכט מפרשים, וואָס מען האָט געלערנט אין חדר, און טאַקע נישט מער! די אותיות האָבן זיך עפּעס ווי געלאַשטשעט צו דער נשמה, געגלעט די אויגן ווי דאָס פליושענע קעפּעלע פון אַ טייבעלע. זיי זענען עפּעס געווען אַזעלכע נאָענטע, אַזעלכע היימישע, כמעט ווי אין דער מאַמעס „קרבן מנחה". די „מענטשעלעך" און די „קווייטעלעך" אויף די שער־בלעטער — כמעט ווי אויפן „מזרח", וואָס הענגט אין שטוב אויף דער וואַנט. דאָס פּאַפּיר — נישט אַזוי שניידנדיק־ווייס, ווי אין די ווילנער גמרות; נישט אַזוי ליאַרעמענדיק, ווי אין די זשיטאָמירער; נישט אַזאַ פאַרעלטערטס און פאַרגעלטס, ווי אין די סלאַווועטער; נישט אַזאַ פאַרחושכטס און פאַר׳יגוּנ׳דיקטס ווי אין די אַמסטערדאַמער; עס שרייט נישט אַראָפּ פון דעם דער „אדמת־נכר", ווי פון די דייטשע ש"ס׳ן; עס איז אויך נישט אַזוי דין און דורכזיכטיק, ווי ביי די „אויסגעדרויכערטע ליולקעס" פון וואַרשע; נאָר ס׳איז מחיה־נפשות עס אָנצונעמען אין דער האַנט; מחיה צו לערנען פון דעם; מחיה אַ בלעטער צו טון: גלאַט ווי פּליוש; דער קאָליר — געלבלעך, אתרוגדיק, ממש עס דערקוויקט דאָס אויג! און צו אַט די אַלע מעלות — עפּעס כמו ווי פאַר אַ „קנוח־סעודה", אָדער אַזאַ מין „פרפראות לחכמה" — נאָך אַ שיידל אויף אַריינצולייגן די גמרא, עלעהיי — „בתים" אויף די תפילין.

* אַ פירוש אויף חמשה חומשי תורה פון משה מענדעלסאָן. פרומע יידן לאָזן אַזאַ חומש נישט אַריינטראָגן אין שטוב אַריין, מאַטיווירנדיק דאָס מיט: ספר־תורה שכתבה מין — תשרף.

דעם דאַזיקן בחורל, וואָס ס'האָט אָפּגעגליקט צו קריגן אַ לעמבערגער ש"ס-גמרא, דער איז געווען דער גליקלעכסטער אין חדר! שיר נישט בלויז אַ דאַנק דער גמרא, האָט דאָס דאָזיקע יינגל געקענט בעסער פון אַלע זיינע חברים...

— —

— —

— —

— לעמבערג, לעמבערג! וויפל טויזנטער און צענער טויזנטער: משה-לעך און שלמהלעך, אברהמעלעך און יאַנקעלעך האָבן זיך בימים ההם געקוויקט מיט דיינע פּרעכטיקע גמרות... וויפל נעכט, „בלילי טבת הארוכים", אין די פאַרוואָרפנסטע ווינקעלעך פון דער רוסישער אימפּעריע, זענען יידישע קינדערלעך מיט שוואַרצע אייגעלעך, מיט הויכע שטערנדלעך און מיט געקרייזלטע קעפּעלעך איבערגעזעסן איבער דיינע שיינע גמרות, זיך געשאָקלט, זיך שיין צוגעזונגען און געשעפּט חכמה-אלהית פונעם ערשטן מקור...

— עיר ואם בישראל — לעמבערג! צי איז נאָך אין דיר כאָטש פאַר-בליבן אַ זכר פון דעם אַלעמען?

— כאָטש ד' אמות?

— כאָטש אַ טפח על טפח?

— כאָטש אַ זכר לחורבן?

— צי האָט זיך אין דיר נאָך פאַרוואַלגערט, ערגעץ אונטער אַ סטריכע, אין אַ קעלער-ווינקל, בחורין ובסדקין — כאָטש אַ רמז דרמיזא אויף דיין אַמאָליקער קדושה???

(אַ „קוצו של יוד" פון דעם באַנד נומער צען פון דעם אויבן-דערמאָנטן ווערק.)